STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00215

YITSHAK LEYBUSH PERETS UN ZAYN DOR SHRAYBER

Nachman Mayzel

Permanent preservation of this book was made possible by
Joel Lebowitz
in memory of
Freidi Lebowitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

יצחק לייבוש פרץ
און זיין דור שרייבער

ווערק פון נחמן מייזיל

ד. בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" (קיעוו, 1913), 48 ז"ז.

חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1921), 64 ז"ז.

נאָענטע און ווייטע ב׳ 1 (וואַרשע, 1924), 240 ז"ז.

נאָענטע און ווייטע, ב׳ 2 (וואַרשע, 1926), 260 ז"ז.

שלום אַש, זיין לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1929), 64 ז"ז.

פּרצעס בריוו און רעדעס (וואַרשע, 1929), 302 ז"ז.

י. ל. פּרץ, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1931), 240 ז"ז.

אהרן ליבערמאַן (וואַרשע, 1934), 64 ז"ז.

חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1934), 64 ז"ז.

אויף אונדזער קולטור־פראָנט (וואַרשע, 1936), 336 ז"ז.

יוסף אָפּאַטאָשו, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1937), 192 ז"ז.

טעג און נעכט אין עמק (וואַרשע, 1938), 128 ז"ז.

דער כוח פון יידיש (ניו־יאָרק, 1939), 32 ז"ז.

אברהם גאָלדפאַדען (ניו־יאָרק, 1939), 44 ז"ז.

שלום־עליכם (ניו־יאָרק, 1940) 32 ז"ז.

דוד בערגעלסאָן (ניו־יאָרק, 1940), 48 ז"ז.

אוריאל אַקאָסטאַ (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז"ז.

פּרץ מאַרקיש (טאָראָנטאָ, 1942), 24 ז"ז.

דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור (ניו־יאָרק, 1942), 96 ז"ז.

אייזיק מאיר דיק (ניו־יאָרק, 1943), 32 ז"ז.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי (ניו־יאָרק, 1943), 32 ז"ז.

בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ (ניו־יאָרק 1944), 416 ז"ז.

י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפן (ניו־יאָרק, 1945), 368 ז"ז.

צווישן חורבן און אויפבוי (ניו־יאָרק, 1947), 382 ז"ז.

הירש גליק און זיין ליד „זאָג נישט קיינמאָל" (ניו־יאָרק, 1949), 64 ז"ז.

געווען אַמאָל אַ לעבן (בוענאָס־איירעס, 1951), 392 ז"ז.

נחמן מייזיל

יצחק לייבוש פּרץ און זיין דור שרייבער

איקוף פארלאג
ניו־יאָרק

NACHMAN MEISEL

YTZCHOK LEIBUSH PERETZ
UN ZEIN DOR SHREIBER

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND
189 Second Avenue
New York, N. Y., 1951

Copyright 1951
By N. MEISEL
New York

Printed by
GRENICH PRINTING CORPORATION
151 West 25th Street
New York, N. Y.
166

אינהאַלט:

זייט

צום לייענער 7

י. ל. פרץ און זיין דור שרייבער

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון י. ל. פרץ 11
די שייכותן צווישן מענדעלע־שלום־עליכם און י. ל. פרץ 17
די פאַרשיידנסטע איינפלוסן אויף פרצן 63
פרצעס השפעה אויף די עלטערע און ייִנגערע שרייבער 89
פאַרוואורפן און טענות צו י. ל. פרץ 123
י. ל. פרץ — דער לערער און וועגווייזער 158
י. ל. פרץ אין דער דיכטערישער אויפפאַסונג 184

די קאָנגעניאַליטעט באַציאונגען פון פרצן מיט אַנדערע שרייבער

י. ל. פרץ און נחום סאָקאָלאָוו 215
י. ל. פרץ און מענדעלע מוכר ספרים 229
י. ל. פרץ און מאָריס ווינטשעווסקי 238
י. ל. פרץ און יעקב דינעזאָן 254
י. ל. פרץ און שלום־עליכם 271
י. ל. פרץ און דוד פרישמאַן 289
י. ל. פרץ און אחד־העם 322
י. ל. פרץ און מ. י. בערדיטשעווסקי 338
י. ל. פרץ און חיים נחמן ביאַליק 348
י. ל. פרץ און יהואש 368

צו דער פרץ־פאָרשונג

די פרץ־ביבליאָגראַפיע 383
פרצעס בריוו 393
ווען פאַלט אויס פרצעס 100־סטער געבוירנטאָג 396
זוכצעטל 399

דאָס בוך „י. ל. פּרץ און זיין דור שרייבער"

איז דערשינען מיט דער הילף פון

פּאַסעיקער איקוף,
מאַניאַ קליינבערג, ניו־ראָשעל,
יוסף מאָרגענשטערן, קליוולאַנד,
ד"ר מאַקס סילווער, ניו־יאָרק,
מלכה קאַפּלאַן אין אָנדענק פון איר מאַן הערשל קאַפּלאַן,
ווינדזאָר, קאַנאַדע,
יעקב בעקער, מאָנטרעאָל,
אברהם שענאַק, ניו־יאָרק,
ה. ראבינס, ניו־יאָרק.
דזשוליוס מאַרקוס, מאָנראָ, ניו־יאָרק,
שמואל דעמבוס, ניו־יאָרק,
י. קושניר, אין אָנדענק פון זיין פרוי חנה, לאָנג איילענד.
דוד קיש, ניו־יאָרק.

צום לייענער

דאָס אָפּגעפּלאָסענע דריי־פערטל יאָרהונדערט, זינט 1875, ווען י. ל. פרץ האָט געמאַכט די ערשטע ליטעראַרישע שריט מיט זיינע העברייאישע לידער און פּאָבעלן, ביז איצט, 1951, דאָס יאָר פון פרצעס הונדערטסטן געבוירנטאָג, — איז רייך געווען מיט די אויסטערלישסטע און מערקוויר־דיקסטע פּאַסירונגען און געשעענישן אין דער וועלט. אין די 75 יאָר איז אויסגעפורעמט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער כאַראַקטער און מהות פון אונדזער יידישער וועלט און גלייכצייטיק איז אויך אויסגעשטאַל־טיקט געוואָרן דער פּרצוף און וועזן פון אונדזער יידיש־וועלטלעכע קול־טור און שאַפן. יצחק לייבוש פרץ איז לכל הדעות געווען איינער פון די באַטייטפולסטע אויספורעמער פון דעם פּראָגרעסיוון יידישן געדאַנק.

דורך י. ל. פרץ אין דער צייט פון זיין שאַפן און ווירקן, ווי אויך אין די אַלע שפּעטערדיקע יאָרן, זינט זיין אָוועק פון אונדז אין 1915 ביז אויף היינט צו טאָג, האָבן זיך געקרייצט און עס קרייצן זיך עד היום די שטעגן־וועגן פון דער שאַפערישער וועלט. פרצעס השפעה אויף דער יידישער ליטעראַ־טור, זיין איינפלוס, וואָס איז געווען גרויס אין זיין צייט, האָט נישט נאָר נישט אויפגעהערט, נאָר איז געוואַקסן אַלץ מער אין די אַלע יאָרן.

קיין איין באַדייטנדיקער יידישער שרייבער, פון די עלטערע און יינגערע, סיי פון פרצעס מיטצייטלער און אויך פון די שפּעטערדיקע נאָך פרץ דורות, איז נישט געווען אויסער און מחוץ פרצעס רייצונג, ווירקונג און איינפלוס. פרצעס „וסמך ידיו״ — זיין סמיכה געבן — האָט נישט אויסגעמיטן קיין איין יידישן קינסטלער, — צי די סמיכה איז געווען אַ דירעקטע אָדער אַן אומדירעקטע. נישט נאָר ביי זיין לעבן, נאָר אויך אין די אַלע יאָרצענדלי־קער נאָך זיין פיזישן אָפּלעבן, האָט פרץ גערעגט און באַווירקט דעם שאַפע־רישן יידישן מענטש. דאָס איבעררופן זיך מיט פרצן, דאָס אָרויסרופן פרצן אין יעדן פאַלקס־אומגליק, הערט נישט אויף. און צו וואָס פאַרבאַהאַלטן? אויסער דער טיפער פאַרגאַפונג און באַגייסטערונג, מיט וועלכער עס איז געווען אַדורכגענומען דאָס רוב יידישע שרייבער, זיינען אויך געווען לייקע־

נער פון פרצעס גרויסקייט און פאַרלייקענער פון זיין געבענטשטן איינפלוס אויף דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס ווערט איצט צוגעטראָגן דעם פליסיקן יידישן פרץ־לייענער און פרץ־פאַרערער, האָט דעם צוועק אַרויסצוברענגען וואָס־ברייטער און וואָס־פולער די ראָלע, וואָס פרץ האָט געשפּילט אין זיין לעבן און אין די אַלע שפּעטערדיקן יאָרן און באַוויזן, וואָס ער איז געווען פאַר זיין דור שרייבער און פאַר די דורות שרייבער נאָך אים.

פרץ, ווי באַוואוסט, איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון אַלגעמיינע און פון יידישע שרייבער. אַרויסצואַנטפּלעקן אָט־די פאַרשיידענע השפּעות, אונטער וועלכע פרץ האָט זיך געפונען, ביודעים און בלא יודעים, איז פון גרויס באַטייט, ווייל זיי האָבן געהאָלפן אויסצופורעמען פרצעס פילזייטיק געשטאַלט. עס איז אויך נויטיק אויפצוקלערן די קעגנזייטיקע השפּעות פון פרצן און די וויכטיקסטע שרייבער־דענקער, שרייבער־קעמפער. דורך אָט־די קעגנזייטיקע באַציאונגען און באַווירקונגען קומען שאַרפער צום אויסדרוק די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער, זייערע מעלות און חסרונות, זייערע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, און זיי באַלויכטן און קלערן־אויף דעם גאַנג און געראַנגל פון דעם יידישן קינסטלערישן געדאַנק אין די לעצטע רייכע תקופות אינעם יידישן לעבן.

פרץ איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין צייט און סביבה און איז אַריינגעוואַקסן געוואָרן אין די ווייטערדיקע תקופות פון דעם יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן. ער איז געווען דער טרייער זון פון זיין דור, פון זיין צייט, אַ שטיק וועג איז ער געגאַנגען מיט זיינע מיטצייטלער־מיטשאַפער, אָבער שנעל האָט ער זיך גענומען אַרויסטיילן פון זיין סביבה און געקלעטערט אויף ניט־באַטראָטענע וועגן־שטעגן. אויפן סמך פון פאַרגלייכן, אַנאַלאָגיעס מיט אַנדערע שרייבער, און בעיקר מיט די צוויי קלאַסיקער מענדעלע און שלום־עליכם, איז לייכטער אַרויסצוברענגען דאָס אַנדערשדיקע און אייגנאַרטיקע, וואָס פרץ האָט צוגעטראָגן צו דער יידישער ליטעראַטור. די שייכותן פון פרצן מיט מענדעלע און שלום־עליכם ווידמענען מיר אַ ספּעציעלע גרויסע אָפּהאַנדלונג אינעם בוך. מיר לאָזן דערביי רעדן די פאַרשיידענע יידישע שרייבער. דורך די פרץ־אָפּשאַצונגען פון די פאַרשיידענע שרייבער, געשריבן אין פאַרשידענע צייטן און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, קומט אַרויס בולטער און פולער נישט נאָר פרץ גופא, זיין וואונדערלעכע געשטאַלט, נאָר עס באַווייזן זיך אויך קלערער אַרויס די געשטאַלטן פון די אַלע פאַרשיידענע שרייבער. פון די אַלע איינצלנע, אָפּגעריסענע, דאַכט זיך, שטריכן און כאַראַקטעריסטיקעס, וואַקסט אַרויס אין איר פולער גרייס און פאַרנעם די פרץ־געשטאַלט אין אירע אַלע קאָלירן.

אין צווייטן טייל פון בוך גיבן מיר באַזונדערע אַרטיקלען וועגן די קאָ־גנזייטיקע באַציאונגען און שטרייטן פון פּרצן מיט צען אַנגעזעענע יידישע שרייבער. צוליב מאַנגל אין אָרט זיינען אויסן געלאָזט די אַרטיקלען וועגן די קעגנזייטיקן באַציאונגען פון פּרצן מיט ש. דובנאָוו, מ. ספּעקטאָר, ש. אַנ־סקי, דוד פּינסקי, ב. גאָרין, יעקב גאָרדין, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, י. ח. ברענער, הלל צייטלין, א. ווייטער, פּרץ הירשביין, דוד בער־געלסאָן, אַלטער קאַציזנע, מנחם באָריישאָ און אַנדערע. דאָס בוך האָט זיך אַזוי אויך שטאַרק צעוואַקסן. וועלן מיר אָט־דעם מאַטעריאַל, ווי אויך אַנ־דערע פּרץ־אָפּהאַנדלונגען, איבערלאָזן פאַר אַ צווייטן בוך, וואָס מיר וועלן אַרויסגעבן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

צוליב דער פולקייט און גאַנצקייט פון די איינצלנע באַזונדערע קאַפּיט־לען, האָבן מיר דאָ און דאָרטן געמוזט איבערחזרן אַ וואָרט, אַן אויסצוג פון אַ בריוו אָדער אַרטיקל, וואָס מיר ברענגען אין אַנדער אָרט. דער לייענער, וואָס וועט לייענען דאָס גאַנצע בוך מיט איין מאָל, וועט אונדז מוזן מוחל זיין פאַר אָט־די אייניקע איבערחזרונגען.

די אַרטיקלען פּרץ און דינעזאָן, פּרץ און מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם, פּרץ און פרישמאַן, זיינען געדרוקט געווען אין אונדזער בוך „פּרץ" (ניו־יאָרק, 1945), זיי קומען אָבער איצט פאַרגרעסערט מיט נייע מאַטעריי־אַלן. אויך אייניקע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער „יידישער קולטור", קומען איצט אינעם בוך שטאַרק פאַרברייטערט מיט נייע צוגאָבן.

לסוף לאָמיר צוגעבן, אַז זיכער זיינען פאַראַן אין די באַזונדערע אַרטיק־לען בלויזן. אוודאי וואָלט מען געקאָנט ברענגען נאָך און נאָך מאַטעריאַלן אין יעדער אָפּהאַנדלונג. איך גיי אָבער מיטן גאַנג, אַז „לא עליך המלאכה לגמור", — עס איז אין ערגעץ נישט אָנגעשריבן, אַז דו דאַרפסט פאַרענ־דיקן די גאַנצע אַרבעט. אדרבא, זאָלן קומען אַנדערע און דערגאַנצן. און צו־געבן צו דער פּרץ־פאָרשונג קאָן מען נאָך גענוג, איבערגענוג.

נאָוועמבער 1951 — נ. מ.

נחמן מייזיל

„י. ל. פּרץ"

(זיין לעבן און שאַפן)

אינהאַלט

אַריינפיר. — זאַמאָשטש. — ערשטע לידער אין יידיש. — פּוילישע לידער.— העברייאישע לידער און פּאָעמעס.—אין דער צווישן צייט.—ערב „מאָניש".— וואַריאַנטן פון „מאָניש". — פּרצעס ערשטע קריטיקער. — ערשטע יאָרן אין וואַרשע. — אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע. — אין דער וואַרשע־ווער גמינע. — „די יידישע ביבליאָטעק". — מידקייט און פאַראיינזאַמקייט.— מיט אַ נייעם ברען. — די „יום־טוב־בלעטלעך". — ביי די קוואַלן פונעם פאָלקס־שאַפן. — פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער. — אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. — די באַגעגעניש מיט פּרצן אין קיעוו. — פּרץ און יעקב דינעזאָן. — פּרץ און מענדעלע מוכר ספרים. — פּרץ און שלום־עליכם. — פּרץ און דוד פרישמאַן. — פּרץ און די יידישע אַמעריקע. — קאָמף קעגן פּאָליאַקן־רעאַקציאָנערן און מה־יפית־יידן. — דער פּאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור. — טויט און לוויה. — פּרץ־ביבליאָגראַפיע. — הויפּט דאַטעס פון פּרצעס לעבן און שאַפן. — אינדעקס.

368 זייטן

דערשינען אין יאַר 1945 אינעם „איקוף"־פאַרלאַג

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון י. ל. פרץ

מיר זיינען געוואוינט געווען ביז אַהער צו פייערן פרצעס יאָרצייטן: דעם 10טן, 25סטן, דעם 35סטן יאָרצייט פון פרצעס אַוועקגיין פון אונדז. איצט פייערן מיר פרצעס געבוירן ווערן. עס איז 100 יאָר, ווי י. ל. פרץ איז געבוירן געוואָרן, — געבוירן געוואָרן צו פאַרבלייבן אומשטערבלעך אין דער יידישער וועלט, צו פאַרבלייבן אַן אייביקער אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דעם יידישן שאַפן. געבוירן ווערן פאַסט זיך צו פיל־מער פאַר פרצן, פאַר זיין כאַראַקטער און מהות, ווי טויט, ווי יאָרצייטן.

עס איז גוט באַוואוסט, אַז פאַר די 36 יאָר, וואָס פרץ איז אַוועק פון אונדז — זינט 1915 ביז איצט — האָט פרץ מער אויפגעלעבט, און געווירקט און באַווירקט דאָס יידישע לעבן, דעם יידישן געדאַנק, די יידישע וויזיע פיל מער ווי אין די יאָרן, וואָס ער האָט געשריבן און געפערלט זיינע פרעכטיקע בליץ־אַרטיקע מעשיות, געשיכטן און לידער.

עס איז באַקאַנט דאָס וואָרט: „לא איכשרא דרא", — דער דור איז נאָך נישט רייף געווען, נישט צייטיק פאַר גרויסע אַנטפּלעקונגען. פרצעס דור, פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואַקסן און וועמען ער האָט געהאָלפן וואַקסן, האָט פרצן נישט גענוג פאַרשטאַנען, נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. און זייער ריכטיק האָט אַמאָל געשריבן דער גייסטרייכער יידישער דיכטער יהואָש: „פרץ איז געקומען צו־פרי!"

געדענקט איר די מעשה אין חומש, ווי עס האָט צוגעאיילט און עס איז געבוירן געוואָרן אַ קינד ביי יהודה, יעקבס זון? האָט די מוטער תמר גע־זאָגט צו אים: „מה פרצת עליך, פרץ?" — וואָס האָסטו זיך געריסן מיט אַזאַ רייסעניש — און „ויקרא שמו פרץ" — און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן פרץ . . .

פרץ איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור צו־פרי, כדי צו פאַר־בלייבן לעבן לענגער און אייביקער אין דער יידישער ליטעראַטור און אינעם לעבן פון יעדן איינעם פון אונדז. און דאָס זיינען נישט קיין מליצה־ווערטער, וואָס ווערן געזאָגט ביי אַ יום־טוב, ביי אַ פייערונג. פרץ איז איינגעבאַקן אין האַרצן פון יעדן איינעם פון אונדז, ווי ער לעבט פעסט אין אונדזער געדאַנק שוין צענדליקער יאָרן.

דער פּרץ־שטאַם שטייט פעסט אין אונדזער יידישן ליטעראַריש־שאַפערישן גאָרטן. מיט יעדן פרילינג וואַקסט זיך דער פּרץ־בוים ווידער פּאַנאַנדער, צעבליט זיך און ברענגט גוטע, פרישע, שמעקנדיקע פּרוכט.

אין לויף פון די אַלע לעצטע יאָרן האָבן מיר זיך דערקליבן צו די אַלע זייטן־וועגן און ווינקעלעך פון פּרצעס שאַפן, און פון די פאַרשיידנסטע טיילן, שטיקלעך־ברעקלעך, פון די פאַרשיידענע איינצעלנע ווערק און זוכע־נישן און בלאָנדזשענישן האָבן מיר באַוויזן אויפצושטעלן אַ גאַנצע, פילגע־שטאַלטיקע פּרץ־פיגור, פּרץ־פּערזענלעכקייט.

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל געזאָגט: „יעדער גייסטיק־געזונטער מענטש איז ווי אַ שטייף־צונויפגעוויקלטע מגילה, וואָס אין איר זיינען פאַרצייכנט די איינדרוקן פון די געשיכטלעכע פּאַסירונגען און געשעענישן פון זיינע פריערדיקע דורות, פון זיין פאָלק. אין גאָר־גליקלעכע פאַלן וויקלט זיך די מגילה פאַנאַנדער און זי באַרייכערט אונדז מיט אַזעלכע איבעררעשנדיק־פריידיקע אַנטפּלעקונגען ווי שעווטשענקאָ (ביי די אוקראַאינער), פּושקין (ביי די רוסן), מיצקעוויטש (ביי די פּאָליאַקן). דאָס זיינען פּערזענלעכקייטן, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך גאָר דעם גייסט פונעם פאָלק מיט זיין גאַנצער שיינקייט, קראַפט און פולקומענקייט.״

וועמען פון די יידישע קינסטלער קאָן מען אַריינשטעלן אין דער שורה פון אָט די דערמאָנטע גרויסע שרייבער פון זייערע פעלקער? — אָן קיין ספק — י. ל. פּרץ. האָט ער דאָך אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק דאָס סאַמע דערהויבנסטע, שענסטע און וועזנטלעכע, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן.

קורץ אין יאָרן איז געווען די צייט פון פּרצעס אַקטיוו יידיש שאַפן, — אינגאַנצן 27 יאָר, — פון 1888, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשט יידיש ווערק „מאָניש״, ביז 1915, ווען די פעדער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, בעת ער האָט גענומען שרייבן אַ קינדער־ליד „שטילער, שטילער״. יאָ, קורץ איז געווען די שאַפונגס־צייט, אָבער מערקווירדיק, ווי פאַר די קנאַפּע דריי צענדליק יאָר האָט פּרץ אַדורכגעמאַכט אַזעלכע ווייטע עקס־פּעדיציעס אין דער יידישער קעגנוואַרט און אין דער רייכער יידישער פאַר־גאַנגענהייט; מערקווירדיק, וויפל ליטעראַרישע פאָרמען ער האָט באַנוצט כדי צו ברענגען צום פולן אויסדרוק אַלץ וואָס עס האָט גערעגט, געווירט און געלעבט אין זיין האַרץ און נשמה, אין זיין געדאַנק און פאַנטאַזיע.

פּרץ איז דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור. פּרץ איז דער לערער און וועגווייזער. ער איז עס ניט נאָר פאַר די שרייבער פון זיין דור און פאַר די דורות שרייבער נאָך אים, ער איז אויך לערער־וועגווייזער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, פון די מענער און פרויען, וואָס פון זייערע יונגע יאָרן האָבן

זיי געלערנט פון פרצן, געלערנט ביי אים צו פאַרשטיין די וועלט, דעם מענטש, דעם ייד, און בעיקר — האָבן מיר אַלע געלערנט ביי פרצן צו באַגרייפן די שיינקייט, די טיפקייט פון דער מענטשלעך־יידישער נשמה, די העלקייט פון דער אַמאָליקער פאַרמרה־שחורהטער יידישער וועלט, און גלייכצייטיק שאַרפער דערפילט דעם סאָציאַלן אומרעכט, וואָס מיר האָבן געטראָפן אויף שריט און טריט, אפילו צווישן צוויי ברידער...

ביי זיין לעבן, ווען פרץ האָט געשאַפן זיינע וואונדערלעכע מעשיות, האָט מען געהאַלטן אין איין טענהן, אַז זיינע רייד זיינען סתרי־תורה, אַז ער געברויכט פינטעלעך צו שרעקן און דערשרעקן דעם עולם. ראובן ברייני̇ן האָט אין 1903 געטאַדלט פרצן, געהאַט צו אים טענות, אַז מען פאַרשטייט נישט וואָס ער שרייבט, און אים געוואָרנט. אמת, מיט 15 יאָר שפּעטער האָט בריינין אַליין צוגעגעבן, אַז זיינע טענות צו פרצן זיינען געווען נישט קיין גערעכטע, צו־שאַרפע. אַ העברייאישע צייטונג האָט אין איר פורים־נומער, ביים שיקן שלח־מנות צו פאַרשיידענע שרייבער, געשיקט שלח־מנות פרצן אַ וואָגאָן פינטעלעך און פאַסיקלעך צו פאַרברויכן זיי אין זיינע ווערק. איצט איז שוין פרץ אונדז אַלעמען גוט פאַרשטענדלעך, מיר טרינקען פון זיין לויטערן קוואַל און ווערן כסדר אָפּגעפרישט. עס האָבן באַדאַרפט אַוועקגיין יאָרצענדליקער ביז דער שפּעטערדיקער דור, די ווייטערדיקע דורות זאָלן פאַרשטיין, גוט און טיף פאַרשטיין פרצן. מיר האָבן אים פונדאָסניי אויפגעלעבט און אָפּגעפרישט . . . זיינען מיר דעריבער מיט־שותפים צו פרצן, צו זיין שאַפן. ער איז פאַריונגט געוואָרן דורך אונדז, דורך דעם גאַנג פון אונדזער לעבן. אונדזערע זוכעגישן און איבערלעבענישן האָבן דערנעענטערט פרצן צו אונדז, ווי אויך אונדז צו אים.

מיט יאָרן צוריק האָט פרץ געזאָגט: „אין ערגעץ נישט פאַרשטיינערט ווערן, אין ערגעץ נישט פאַרגליווערט ווערן, אין ערגעץ נישט בלייבן שטיין! . . .״ אונדזער דור, צוליב די כסדרדיקע פאַסירונגען און געשעענישן, וואָס גייען און קומען מיט אַזאַ האַסטיקייט, — אונדזער דור האָט אויפגענומען און איינגעאייגנט זיך פרצן דעם אומרו, פרצן דעם דינאַמישן דיכטער, דעם אַנרעגער, וואָס האָט נישט געלאָזט בלייבן שטיין, נישט געלאָזט פאַרגליווערט ווערן.

יוחנן דער מלמד, וואָס איז געווען ביי פרצן אָפּט, וואָס מענדעלע איז געווען פאַר שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָט געזאָגט: „איך זאַפּ איין די ניצוצות, איך זאַפּ איין די ליכטיקע פונקען פון צווישן די שורות, פון צווישן די ווערטער, פון צווישן די אותיות; די נשמה זאַפּט זיי דאָך איין ווי אַ שוואָם!״

פרץ האָט אַלע זיינע יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך די ליכטיקע פונקען פון

דער רייכער יידישער פאַרגאַנגענהייט, פון די רייכע יידישע פאָלקס־אוצרות און זיי אַריינגעגעבן אין זיינע ווערק, צווישן די שורות, צווישן די ווערטער, צווישן די אותיות . . .

היט זיך פאַר פרצעס פינטעלעך, פאַר פרצעס פּאַסיקלעך. אין זיי זיינען פאַרבאָרגן טיף־מענטשלעכע סודות, געדאַנקען, כוונות און אָנזאָגן!

פרץ האָט זיך געגראָבן אין דער טיף פון חסידות, ער האָט זיך אַוועק־געלאָזט אין די פּאַרצייטיקע וועלטן פון פאָלקס־מעשיות, ער האָט אַנטפּלעקט די ווידערשפּרוכן פונעם סאָציאַלן לעבן, ער האָט באַזונגען די שיינקייטן פון דער יידיש־מענטשלעכער נשמה, וואָס רייסט זיך צו העכערע און רעכט־פערטיקערע וועלטן. ער האָט געשטראָפט און געטרייסט, געמאָנט און גע־וואָרנט. ער האָט געזוכט דאָס אַלץ־העכערע, און מערקווירדיק: ער האָט עס געפונען אין דעם ערדישן, אין דעם פּראָסט־פּשוטן. און דער עיקר — פרץ האָט יעדעס מאָל אָנגעהויבן פון אָנהויב, פון בראשית, פונעם קאַיאָר. ער איז גלייכצייטיק געווען פּיאָנער און קלאַסיקער, אָנהויבער און אָפּשליסער, פאַרמעסטער און דערגרייכער.

פרץ איז געווען דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אַריינגעבראַכט תמצית, עסענץ, צמצום. פרץ האָט באַזיגט די פּיל־באַרעדעווי־דיקייט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אַריינגעבראַכט תוך, קאָנ־צענטרירטקייט. ווי שטייט דאָרט געשריבן: „ר׳ מאיר האָט געפונען אַ מילגרוים, האָט ער די שאָלעכץ אַוועקגעוואָרפן און דעם קערן געגעסן.” פרץ האָט אַרויסגעשיילט דעם קערן און אים אונדז דערלאַנגט. אַנשטאָט ניין מאָס רייד — האָט ער פאַרלאַנגט פון זיך, פון אַנדערע — געדאַנקען, אידייע, נשמהדיקן תוך, עטיק, גערעכטיקייט. און צוליב דעם האָט ער געשאַפן זיינע מייסטערווערק. און מיט דער אַפּריערדיקער כוונה. ער האָט אונדז אַרויס־געשלעפּט פון הינטערן בית־המדרש איוון און אַריינגעפירט אין דער ברייטער וועלט אַריין. ער האָט דעם דערשלאָגענעם און פאַראומערטן יידן דערהויבן צו דער מדרגה מענטש. ער האָט געהאָלפן פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן. ער האָט פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס, דעם גאַנג פון טיפן מיטלאַלטער אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַריין. דערביי האָט ער אויף קיין האָר ניט מוותר געווען, ניט אָפּגעזאָגט זיך פון די שיינע ווערטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט נישט געחוזקט פונעם אַמאָל, ער האָט אַרויסאַנטפּלעקט פון אים די וואונדערלעכע אוצרות און דערלאַנגט זיי אונדז אין אַ נייער מייסטערישער פאָרם.

און דאָס פאַרשטייען איצט נישט נאָר די פרץ־פאָרשער, נישט נאָר די פרץ־לערנער, נאָר אויך די פרץ־לייענער.

גלייך נאָך פּרצעס טויט האָט דער גרויסער העברייאיש־יידישער דיכטער ח. נ. ביאַליק אין אַ יידיש בריוו צו יעקב דינעזאָן געשריבן: „פּרצעס טויט האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ מין ,עלה בסערה׳, — אַז ער איז אַרויף מיט אַ שטורעם, ווי אַמאָל אליהו הנביא; פּרצעס שאַפן איז דאָך אויך געווען אַזוי: ,ברכב וסוסי אש׳, — מיט רייטוואָגן און פייערדיקע פערד, — שטורמיש איז ער דורכגעפלויגן אין זיין פייערדיקן רייט־וואָגן, און בליצן זיינען אים געלאָפן פאַראויס און נאָך אים.״ און ביאַליק, דער פּרץ־פאַרערער, גיט צו: „מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך ניט איין מאָל באַווייזן . . . ער איז דאָך ווי יענער קנאי בן קנאי, אליהו הנביא, נישט געשטאָרבן . . .״

אין די אַלע יאָרן זינט דעם ערשטן וועלט־קריג, אין די אַלע גרויזאַמע און העראָאישע צייטן איז ווידער געקומען צו אונדז י. ל. פּרץ, געבראַכט אונדז גלויבן, מוט, האָפענונג און פּאַטאָס פאַר אַ ווייטערדיקן יושרדיקן און שיינעם יידיש־שאַפערישן לעבן.

מיט 36 יאָר צוריק, צו די שלושים פון פּרצעס אַוועקגיין פון דער וועלט, האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי אין אַ פייערלעכער רעדע געזאָגט: „ערשט איצט וועלן מיר אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און מיטן גאַנג פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, זיך נעמען ערנסטער צוקוקן צו דעם, וואָס פּרץ האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה . . .״ פּרצעס ירושה איז נישט קיין פאַרפרוירענע, קיין פאַר־גליווערטע, קיין שטיינערנע. זי האַלט אין איין וואַקסן, אין באַרייכערן זיך, ווייל מיר אַלע זיינען די אַלע יאָרן געוואַקסן, זיך אַנטוויקלט און גלייכ־צייטיק מיט דעם זיינען געוואַקסן און באַרייכערט געוואָרן די פּרץ־אוצרות. מיר קאָנען מיט טיפער זיכערקייט זאָגן צו אונדזערע פאָרגייער, צו דעם פּרץ־דור: נישט נאָר האָבן מיר אויפגעהיט די פּרץ־ירושה, נאָר מיר האָבן זי פאַרמערט, שטאַרק פאַרמערט. און מיר קאָנען און מיר דאַרפן דערמיט שטאָלצירן.

דאָס באַרימטע וואָרט „דור דור וסופריו״ — יעדער דור האָט זיך זיינע שרייבער, זיינע דיכטער, זיינע דענקער, — באַדאַרפן מיר פאַרשטיין ברייטער און טיפער. נישט נאָר רוקט אַרויס יעדער דור זיינע אייגענע שרייבער, וואָס ברענגען צום אויסדרוק אַלץ וואָס דער דור, די סביבה מאַכט אַדורך און שאַפט, נאָר יעדער דור שאַצט־איבער, שאַפט־איבער פונדאַסניי די פריערדיקע גרויסע שרייבער, די גרויסע דענקער און פורעמט זיי אויס, פורעמט זיי איבער לויט זיין פאָרם און געשטאַלט, בצלמו ובדמותו . . .

דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אַמאָל געשריבן, אַז פּרץ איז דער רש״י פון דער יידישער פאָלקס־מעשה. אַן אַנדער שרייבער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז

פּרץ איז דער רמב״ם פון אונדזער צייט. און מיר זאָגן: פּרץ איז . . . פּרץ, דער פּרץ, וואָס מיר אַלע האָבן געשאַפן.

פּרץ האָט אויף זיינע פייערדיקע לוחות־ווערק אויסגעקריצט נייע געבאָטן. ער האָט אונדז, ווי אַמאָל דער רמב״ם, איבערגעגעבן זיין „אני מאַמין.״ אָט האָט איר אייניקע פון די פּרץ־געבאָטן:

— „געמשפּט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט! פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע מוז באַפרייט ווערן די וועלט!״

— „מיין אידעאַל איז — קאַמף און זיג!״

— „דאָס גלות פאַרלייקן איך נישט. דאָס איז דאָס שלאַכט־פעלד, וואו מיר מוזן זיגן!״

— „יידיש איז אונדזער איין־איינציקער וועג צום מענטש!״

אין זיין פּרעכטיקער אַרבעט „וועגן וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט״ האָט פּרץ געוואָרנט: „די וועלט איז נישט פריי פון קאַמף און קריג, פון צוואַנגס־אַרבעט, פון רויב און פיין און אונטערדריקונג.״ און ער האָט געמאָנט קעגנשטעלן זיך קעגן רויב און קעגן קריג און קעגן אונטערדריקונג אין אַלע אירע פאָרמען.

פּרץ איז פאַר אונדז, — פאַר אונדזער איצטיקער צייט, דער פייער־זייל, דער עמוד־האש, וואָס פירט אונדז, וואָס קאָן אונדז אַרויספירן פון דעם מדבר. פּרץ איז דער קוואַל, פון וואַנעט מיר קאָנען שעפּן פאַטאָס און באַגייסטערונג, אויסדויער, מוט און דראַנג צו קעמפן פאַר אַ שענערער און יושרדיקער וועלט.

געמשפּט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט פון אַלע שדים און מחבלים, וואָס ווילן שלעפּן די וועלט אויף צוריק, צוריק צום מיטלאַלטער, צוריק צו דער פינצטערניש.

פּרץ האָט אין די שווערסטע, פינצטערסטע צייטן געזונגען:

„האָף און גלויב! גלויב, די נאַכט וועט וועט זיין פאַרשווינדן, און די וואָלקן אויך צערינען, בלאָ וועט ווייטער זיין דער הימל — נייע שטערן, נייע זונען.״

מאַי 1951

די שייכותן צווישן מענדעלע-שלום-עליכם און י. ל. פרץ

1

עס איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, וואָס יעדער איינער, וועלכער האָט געשריבן וועגן פרצן און זיך באַמיט אַרויסצוברענגען זיין אָרט און ראָלע אין דער יידישער ליטעראַטור, ער זאָל גלייך מצרף זיין צו אים, צו פרצן, די איבעריקע צוויי גרויסע שרייבער פון זיין צייט, די אבות פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם, — און דערביי נעמען אַרויסשיילן און אַרויסטיילן פון די אַלע דריי — י. ל. פרצן. די על־טערע יידישע ליטעראַטור, זינט די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער פונעם 19טן יאָרהונדערט, ביז דעם ערשטן וועלט־קריג, איז ענג און טיף פאַרבונדן מיט אָט־די דריי גרויס־מייסטער, און עס איז דעריבער ניט מעגלעך געווען צו רעדן וועגן יענער ליטעראַטור, ניט האַבנדיק אין אויג אירע אַלע דריי גרונטלייגער. אָבער גלייך מיט דעם האָט מען, ביים אַנאַליזירן פרצן, זיין מהות און כאַראַקטער, און ביים פּרוּוון אַרויסברענגען דאָס באַזונדערע און אַנדערשדיקע, וואָס פרץ האָט פאַרמאָגט, כסדר געמוזט באַטאָנען דאָס אייגנאַרטיקע, וואָס עס טיילט אים אויס פון צווישן מענדעלע און שלום עליכם.

דער „חוט המשולש" (דער דריי פעדעמדיקער שנור) איז ווייט ניט פון איין שטאָף געשאַפן. דאָס האָט זיך געוואויזן אַרויסווייזן אַלץ־קלאָרער, וואָס מער מען האָט צעגלידערט די ווערק, די וועלטן, דעם אינהאַלט און פאָרם פון אָט־די דריי שרייבער. עס זיינען דאָ גאַנץ־וועזנטלעכע אונ־טערשיידן צווישן מענדעלען און שלום עליכמען. אָבער נאָך מער און נאָך שאַרפער זיינען די ווידעראַנאַנדן צווישן זייביידן און פרצן. און אין אָט־די אַנדערשקייטן און אין די באַזונדערקייטן טרעטן אַרויס קלאָרער און שאַרפער יעדער איינער פון אָט די דריי גרויסע שרייבער מיט זייערע אי־נעווייניקסטע וועלטן.

לויט די יאָרן איז י. ל. פרץ דער מיטלסטער. מענדעלע איז געבוירן אין 1836, פרץ — אין 1851 און שלום עליכם —אין 1859. אָבער לויט

דער צײַט פֿון זײַער אַרײַנטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור (אין דער יידישער שפּראַך) איז פּרץ דער ייִנגסטער: מענדעלע איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1864, שלום עליכם — אין 1883 און פּרץ — ערשט אין 1888. עס איז זיכער פֿאַראַן פֿיל אַלגעמײַנס בײַ די אַלע דרײַ שרײַבער: אין לויף פֿון עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר — זינט 1888 ביז אָנהויב דעם ערשטן וועלט־קריג אין 1914 — זײַנען זיי געוואָרן די הויפּט־זײַלן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אַזוי ראַשיק צעוואַקסן אין דער קורצער צײַט, און זײַנען אָנערקענט געוואָרן, כמעט אַן אויסנאַם, פֿון דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק אין גאָר דער וועלט. אָט־די דרײַ גרויסע שרײַבער האָבן עס, יעדער איינער פֿאַר זיך, — און נישט־אָפּגערעדטערהייט — אַלע דרײַ אינאיינעם, — אויפֿגעבויט דעם פּרעכטיקן בנין, וואָס הייסט — יידישע ליטעראַטור. אוודאי איז פֿון אָנהויב אָן גאָר פֿאַרשיידן געווען דער צו־גאַנג, דער וועג און די אויפֿפֿאַסונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור בײַ מענדעלען, בײַ שלום עליכמען און בײַ פּרצן, — אָבער אַלע צוזאַמען זײַנען ווי געווען פֿאַראייניקט בײַם אַוועקלייגן דעם פֿונדאַמענט און בײַם אויפֿ־שטעלן די ווייטערדיקע שטאָקן פֿון דעם פּרעכטיקן ליטעראַטור־בנין. די אַלע דרײַ שרײַבער, וואָס זײַנען אַזוי פֿאַרשיידן איינער פֿונעם אַנדערן, האָבן מיט זייערע ווערק געשטעלט אין שאָטן אַלע, אַלע שרײַבער פֿון זייער צײַט, וואָס זײַנען לסוף באַהאָפֿטן געוואָרן צו דער גרויסער יידישער ליטעראַ־טור, צו די אבות, צו די זײַלן, גרויס־מײַסטער, — די נעמען, מיט וועלכע מיר באַטיטלען און באַצירן די מעכטיקע דרײַ, די גרויסע דרײַ...

ווען מיר דרינגען אָבער אַרײַן טיפֿער אין דעם לעבנס־גאַנג פֿון יעדן איינעם פֿון די דרײַ גרויס־מײַסטער, ווען מיר נעמען־אויף גרינטלעכער דאָס שאַפֿן פֿון יעדן איינעם פֿון זיי, און נעמען־אויף זײַן אָרט אין דער יידישער שאַפֿונגס־וועלט און ווען מיר באַטראַכטן ווי יעדער איינער פֿון זיי איז באַ־ווירקט געוואָרן פֿון די יידישע און אלגעמיינע געשעענישן, פֿון שרײַבער און ווערק, און נאָך מער — ווי ווײַט עס זײַנען געווען און געגאַנגען זייערע ווירקונגען און איינפֿלוסן אויף די ייִנגערע שרײַבער פֿון זייער צײַט און אויך יאָרן שפּעטער, — ווען מיר נעמען דאָס אַלץ אין באַטראַכט, דאַן וואַקסן אויס די דרײַ יידישע קלאַסיקער אין דרײַ גאַנץ־ באַזונדערע וועלטן, וואָס זײַנען אין תוך שטאַרק פֿאַרשיידן און אַנדערשדיק. און בעיקר און נאָך מער טיילט זיך שטאַרק און באַזונדערס אויס מיט זײַן אַנדערשדיקייט — יצחק לייבוש פּרץ.*

* וועגן די קאָנגזשיטיקע פֿערזענלעכע באַציאונגען צווישן אָט־די דרײַ שרײַ־בער זע ווײַטער אין בוך אין די באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען.

עס איז גוט באַקאַנט דער לעבנס־גאַנג פון מענדעלע מוכר ספרים, זיין וואוקס און אנטוויקלונג, ווי ער איז זיך געגאַנגען בהדרגה אין משך פון צענדליקער יאָרן פון ווערק צו ווערק, ביז ער איז אויסגעוואַקסן אין דער צענטראַלער געשטאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור. ווען שלום עליכם האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש, איז שוין מענדעלע פון לאַנג געווען אַ תושב אין דער יידישער ליטעראַטור. מען האָט שוין דאַן געהאַט געפייערט מענ־דעלעס 25 יאָר שאַפן. די ערשטע ווענדונג פונעם יונגן שלום־עליכם צו מענדעלען איז טאַקע געווען אַ שריפטלעכע באַגריסונג (אין דער רוסישער שפּראַך) צום פאַרדינסטפולן יובילאַר. אין דעם בריוו ווענדט זיך שלום עליכם צו מענדעלען ווי „אַ יונגער, גאָר פייערדיקער פאַרערער פון זיין, מענדעלעס, טאַלענט״. ער, שלום־עליכם, האַלט נאָך גאָר פון פאַרנט: „איך האָב, — שרייבט ער — מיט מיינע אומבאַדייטנדיקע ארבעטן נאָך גאָר־נישט געגעבן, — דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט עס שטייט פאַר פאַר מיר, ווי פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד פאַר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט צו ווידמענען זיין צייט דער עבודה אויפן מזבח פון אונדזער פאָלקס־מוזע״. דאָס איז געווען, לאָמיר געדענקען, סוף 1884.

און ווען שלום עליכם פאַרנעמט זיך גאָר אויף אַן אמת צו שרייבן און גלייכצייטיק אויפצוריכטן די יידישע ליטעראַטור, רופט ער אָן, אין 1888, מענדעלען — „זיידע״. מענדעלע נעמט עס אָן ווי אַ פאַרדינטע און ריכטיקע באַצייכענונג און ענטפערט שלום עליכמען מיטן רוף „אייניקל״, „מיין ליבהאַרציק אייניקל״. זיי ווערן טאַקע איינער מיטן אַנדערן האַרצעדיק און משפּחהדיק פאַרבונדן, נישט נאָר פּערזענלעך, נאָר אויך מיט זייער שאַפן, מיט זייער טעמאַטיק, מיט די מאָטיוון און פּראָבלעמאַטיק, וואָס יעדער פון זיי נעמט אויף און לייזט אויף זיין אופן, אָבער אין תוך — זייער נאָענט, היימיש און אייגן.

גאָנץ אַנדערש איז מיט פּרצן. ער איז אַריינגעטראָטן אין דער יידי־שער ליטעראַטור ווי פון אַן אַנדערער וועלט, און דערצו — אַ צייטיקער, רייפער, אַ פול־אַנגעלאָדענער מיט אידייען און מיט פּאַרלאַנגען. ער האָט זיך גאָנץ־ווייניק אָנגעקערט מיט מענדעלען און מיט זיין סביבה, מיט זיין וועלט און מיט זיין וועלט־באַנעם. שלום עליכם, ווי מיר ווייסן, ווערט וואָס־וויייטער אַלץ מער צוגעבונדן צו מענדעלען, ער ווערט וואָס־ווייטער אַלץ מער באַווירקט פון אים און ער קלאַמערט זיך אַלץ־מער צום „זיידן״. פּרץ איז כמעט נישט באַקאַנט מיט מענדעלעס שאַפן, ער פאַרבייט גאָר לכתחילה אפילו אַבראַמאָוויטשן (מענדעלען) אויף ראַבינאָוויטשן (שלום עליכמען) און פאַררופט זיך אויף שלום־עליכמס ווערק, וואָס געהערן גאָר צו מענדע־לען, און וועלכע ער האָט גאָר געלייענט אין פּויליש, אין דער פּוילישער

איבערזעצונג. דאָס דערציילט ער אַליין אין זיינע בריוו צו שלום עליכמען אין 1888, ווען ער, פּרץ, איז שוין אַלט געווען 37 יאָר, און שוין געווען אַ גאַנצער און פאַרגאַנצטער מענטש מיט קלאָרע באַגריפן און פאָדערונגען צו דער ליטעראַטור בכלל און צו דער יידישער ליטעראַטור בפרט („בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ", ז"ז 141, 149,148).

עס איז אויך געווען אַ טיפער אונטערשייד פון אָנהויב אָן צווישן פּרצן און שלום עליכמען. פּרץ גיט אַליין אָן גענוי אָט־דעם אונטערשייד. אין זיינע בריוו צו שלום עליכמען אין 1888 באַטאָנט פּרץ זייער קלאָר און גענוי, וואָס עס טיילט אים אָפּ פון שלום עליכמען (און ממילא אויך פון מענדעלען). „איך ווייס אייער ארבעט: אייער ווילן און שטרעבן (אויף וויפל כ'האָב געקאָנט פאַרשטיין) איז צו שרייבן צוליבן עולם, וואָס רעדט זשאַרגאָן פון זשאַרגאָנען־לאַנד, און איך שרייב צוליב זיך, צוליב מיין הנאה וועגן. אויב איך דערמאָן מיך אַמאָל אָן דעם לעזער, איז ער פון אַ העכערער מדרגה פון דער געזעלשאַפט. ער איז א מענטש, וואָס האָט גע־לייענט און געלערנט אַ לעבעדיקע שפּראַך". אין א צווייטן בריוו פון יענער צייט שטעלט פּרץ אַרויס פאַר שלום עליכמען אַזעלכע פאָדערונגען דער יידישער ליטעראַטור: „אז מיר ווילן אַריינברענגען נייע געדאַנקען, מוזן מיר אויך געבן נייע פאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פּאַסט זיך נישט צו צום נייעם. די אויסדרוקן זעען אויס לכתחילה פרעמד, אָבער סוף כל סוף וועלן זיי אַריינדרינגען צום לעזער און וועלן באַרייכערן זיין פאַרשטאַנד. דעריבער האָב איך זיך נישט באַמיט צו באַשרענקען מיינע געדאַנקען און באַגרענעצן זיי מיט די אויסדרוקן פונעם המון. איך האָב זיך געוועגדט נישט צו זיין שפּראַך, נאָר צו דער שפּראַך, וואָס דריקט אַמשטאַרקסטן אויס דאָס פילבאַרע, און דער לעזער, וואָס איז ניט געבילדעט, זאָל זיך אויסבילדן" (דאָרט, ז' 153).

אַז פּרץ איז געווען טריי אין זיין שרייבן צו דעם גאַנג, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט פאַר זיך, ווייסן מיר גוט שוין פון זיין ערשטער באַלאַדע „מאָניש", וואָס איז געווען לחלוטין ניי לויט דער פאָרם און אינהאַלט, און אינגאַנצן אַנדערשדיק פון די אַלע שאַפונגען, וואָס זיינען אין יענער צייט געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור, און ווי אַן אויסטערלישע זאַך האָט מען זי דאַך אויפגענומען אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

די פראַגע פּרץ אַרום מענדעלע־שלום עליכם איז אַן עיקרדיקע, גרינט־לעכע, און וואָס־ברייטער מיר וועלן זי פאַנאַנדערוויקלען און וואָס־טיפער מיר וועלן זי באַהאַנדלען, אַלץ־קלאָרער וועלן מיר זיך דערגרונטעווען צו די יסודות פון דעם יידישן שאַפן און אַלץ־שאַרפער וועלן מיר באַגרייפן און אויפנעמען פּרצעס מהות און זיין גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור

און אין דעם יידישן געדאַנק, וואָס איז פאַרבונדן מיט פרצעס זוכענישן און דערגרייכונגען, און אויך מיט זיינע בלאָנדזשענישן און שטרויכלונגען.

עס איז גאָרנישט שווער אויפצושטעלן פון די פאַרשיידענע אַרויסזאָגונגען, באַצייכענונגען, פאַרגלייכענישן און באַהויפּטונגען פון די פאַרשיידענע שרייבער, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן וועגן מענדעלע־שלום עליכם און פּרץ, אַ גאַנץ בוך. אַט־דער מאַטעריאַל איז זייער גרויס און אומגעהויער רייך. עס איז פון גרויס אינטערעס צו זען, ווי יעדער איינער פן די שרייבער און קריטיקער, האָט אויפגעפאַסט די דריי שרייבער און ווי ער ברענגט אַרויס זייערע שאַרפע חילוקי־דעות. אַט־די פאַרשיידענע אַרויסזאָגונגען ווערן אָן אויפהער פאַרגעזעצט אין משך פון איבער 60 יאָר. עס איז דעריבער וויכטיק נאָכצופאָלגן, ווי עס האָט זיך געענדערט די אויפפאַסונג און אָפּשאַצונג פון די דריי קלאַסיקער ביי די שרייבער, וואָס פאַרטרעטן פאַרשיידענע ריכטונגען און וועלט־אַנשויאונגען אינעם יידישן לעבן אין לויף פון דורות און תקופות און אַזוי ביז דער לעצטער צייט.

אין די פרץ־אָפּשאַצונגען און פרץ־כאַראַקטעריסטיקעס פון די פאַרשיידענע קריטיקער, קינסטלער, דענקער, עסייאיסטן האָבן מיר אייגנטלעך פּרואוון און פאַרמעסטן צו כאַראַקטעריזירן און צו פאָרמולירן דעם געדאַנקען־גאַנג, דעם נייעם וועג פון דעם מאָדערנעם ייד־מענטש, וואָס באַמיט זיך ארויסצובאַקומען דעם סינטעז צווישן די קעגנזעצלעכע כוחות און עלעמענטן אינעם אלגעמיינעם און יידישן לעבן, ווי אויך צו ברענגען צו האַרמאָניע די כלערליי נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, יידישע און אוניווערסאַלע באַשטרעבונגען און אידעאַלן. און דערביי ווייזן זיך אויך אַרויס די פאַרשיידענע פאַרשונגס־ און קריטיק־מעטאָדן, וואָס ווערן באַנוצט ביים כאַראַקטעריזירן און אָפּשאַצן פּרצן און די איבעריקע צוויי גרויסע שרייבער.

און ווי עס זאָלן נישט, אין פלוג, זיין ווידערשפּרעכנדיק און סתירותדיק די פאַרשיידענע כאַראַקטעריסטיקעס און באַצייכענונגען פון פּרצעס אַנדערשקייט, פירן זיי און צילן זיי אָבער כמעט אַלע צו איין פונקט: אַרויסצוברענגען דאָס נייע, אָפּטמאָל דאָס אויסטערליש־נייע, וואָס איז דאָ אין פּרצן, און דערביי באַמיט זיך יעדער איינער אָנצוקניפּן און צו פאַרבינדן די אייגענע זוכענישן און פאַרמעסטן מיט פּרצן און מיט זיין זוכנדיקן גייסט. און עס איז מערקווירדיק דערביי, ווי ביי די פאַרשיידענע פאַרטייטשער און אויסטייטשער פון פּרצן, האָבן מיר די אַלטע באַקאַנטע יידישע טראַדיציאָנעלע פּאַרש ־ מעטאָדן און אויסטייטש ־ פאָרמען פון „פרדס״ (פשט, רמז, דרוש, סוד), מיט וועלכע מען באַנוצט זיך אויף אַ גאַנץ יידישלעכן שטייגער און אופן.

מיר ווילן נאָר צוגעבן, אַז מיר פּרעטענדירן נישט אויסצושעפּן דעם

גאָרן רייכן מאַטעריאַל, וואָס איז דאָ און איז פאַנאַנדערגעשפּרייט אין אַזאַ שפע אין דער רייכער פּרץ־ליטעראַטור, — אין די ווערק, צייטשריפטן און בעיקר — אין די צייטונגען פון גאָר דער וועלט.

2

מיר הויבן אָן די אַרויסזאָגונגען וועגן מענדעלע־שלום עליכם און פּרץ מיט אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס איז געשריבן געוואָרן העט־העט ווייט, מיט 57 יאָר צוריק, אין יאָר 1894, אינגאַנצן עטלעכע יאָר נאָך דעם, ווי פּרץ האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין „מאָניש" — עס איז אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס איז געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַמעריקע.

אין אַן אַרטיקל „די נייע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד" („צוקונפט", דעצעמבער 1894) שטעלט זיך אָפּ דער באַוואוסטער שרייבער און דראַמאַטורג ב. גאָרין (1868־1925) אויף דעם צושטאַנד פון דער יידי־שער ליטעראַטור אין יענער צייט. ער רעדט וועגן די דעמאָלטיקע טעטיקע שרייבער, שטעלט זיך אָפּ אויף שמ"רן און גייט דערנאָך אַריבער צו מרדכי ספּעקטאָר און שלום עליכם. ב. גאָרין באַהאַנדלט די זאַמלביכער „הויז־פריינד" פון מ. ספּעקטאָר און די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" פון שלום עליכם, וואָס זיינען דערשינען סוף 80ער יאָרן. גאָרין ווייזט אָן אויף זייערע מעלות און נאָך מער — אויף די חסרונות פון אָט־די אויסגאַבעס. ער רעדט דערנאָך וועגן דעם, וואָס זיי האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען, און ער זאָגט: „דאָס פאָלק איז געבליבן אָן אַ בלאַט, אָן זשורנאַלן... אַלע מחבלים זיינען אַרויסגעקראָכן צוריק פון די לעכער און גענומען (באַ)שמוצן די ליטעראַטור אויפן אַלטן אופן". ב. גאָרין דערציילט: „צוויי יאָר האָט געדויערט די שטילקייט אין דער ניי־זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, צוויי יאָר האָט קיין גוטער שרייבער (נישט) גענומען אַ פען אין האַנט. ענדלעך איז אַרויסגעטראָטן פּרץ מיט זיין ,יידישער ביבליאָטעק'..."

ב. גאָרין ברענגט אויסצוגן פון פּרצעס לייט־אַרטיקל „בילדונג" און ער גיט צו: „נאָך די פינצטערע אַכציקער יאָרן, נאָך דער שווערער רע־אַקציע הערן מיר אַ ניי קול, אַז מיר מוזן זיך בילדן. ברוך שהחיינו! קוים דערלעבט צו הערן אַ גוט וואָרט!.... די ,ביבליאָטעק' איז דווקא ריין פון שאָוויניזם", „איבער דער גאַנצער ביבליאָטעק שוועבט אַ דוך [אַ גייסט] פון בילדונג".

„פּרץ, — זאָגט ווייטער ב. גאָרין, — „איז שוין נישט קיין סוחר, נישט קיין אַרויסגעבער; ער וועט נישט אַריינלאָזן אין (דער) ,ביבליאָטעק'

אַ זייפּערטן*, זאַטולאָווסקי*, דימאַרעצקי א. אַז. וו., ווי ספּעקטאַר האָט געטאָן צוליב סחורות [מסחר]; אויך איז ער נישט קיין אַרויסגעבער, וואָס קויפט ביי אַ שרייבער אַ ווערק און דרוקט איר (עס) ווי זי (עס) שטייט און גייט. פּרץ איז אַ רעדאַקטאָר. און אין דער צייט, ווען ספּעקטאר, שלום עליכם זיינען צוגעטראָטן צו זייערע סבאָרניקעס [זאַמלביכער] מיט דער הילף פון אונדזערע באַוואוסטע טאַלאַנטן, האָט פּרץ אַ סך מער אויפגעטאָן מיט יונגע און אומבאַוואוסטע שרייבער״.

אָט די באַהויפּטונג, וואָס איז געמאַכט אין 1894, עטלעכע יאָר פאַר פּרצעס יובל (אין 1901), וואו מען האָט אָנגערופן פרצן דער לערער, דער וועגווייזער, איז באַזונדערס וויכטיק צו באַטאָנען.

אין ווייטער קומט אַ זייער אינטערעסאַנטע באַצייכענונג פון פּרצעס מהות: „ער האָט דערצויגן אַ דור מיט נייע שרייבער און געגעבן דער נייער ליטעראַטור פיל טאַלאַנטן. אין זיין ‚ביבליאָטעק׳ איז כמעט נישט צו געפינען קיין באַוואוסטע שרייבער, — אַלץ יונגוואַרג, אַלץ אָנפאַנגער״. און דערביי זאָגט ב. גאָרין, אַז די „ביבליאָטעק״ איז צו־גוט, צו־גוט אפילו פאַרן פאַרשטענדיקן לעזער. אויף זיין ‚ביבליאָטעק׳ דאַרף מען שוין האָבן גאָר גרויסע מבינים״. און נאָך עפּעס וויכטיקס גיט צו גאָרין: „פּרץ איז אַן אמתער אייראָפּעאישער שרייבער און [ער] פאָדערט פון זיינע מיטאַר־בעטער, זיי זאָלן שרייבן ווי מען שרייבט ביי לייטן, און אויף אַזאַ אָרט שרייבן זיינען נישט אַלע (קיין) מבינים״ (ב. גאָרין, „צוקונפט״, 1894, ז״ז 11־12).

ווי מיר זעען, האָבן מיר שוין אייניקע הויפּט־שטריכן פון פּרצעס אַנדערשקייט אַרויסגעבראַכט אין אַן אַרטיקל, געשריבן מיט 57 יאָר צוריק!

ווי באַוואוסט, איז פרילינג 1901 געפייערט געוואָרן אויף גאָר אַ גע־הויבענעם אופן י. ל. פּרצעס 25־סטער יובל — 25 יאָר זינט ער האָט פאַר־עפנטלעכט זיינע העברייאישע לידער אין פּרץ סמאָלענסקינס „השחר״, ווין, 1876, און אויך זיין 50סטער געבוירנטאָג. דער אויפגייענדיקער שטערן אין דער יידישער קריטיק, בעל מחשבות (1873־1924) האָט דאַן פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן פּרצן (מאַי 1901), וואו ער האָט געשריבן: „פּרץ איז ניט נאָר דער מייסטער פון צענדליקער קונציקע דערציילונגען, ער איז [אויך] איינער פון די גרויסע שרייבער, וועלכע האָבן אויפגעהויבן

*) משה זייפערט (1851-1922). פאָפּולערער ראָמאַניסט און פאַרפאַסער פון טעאַטער־פּיעסעס, צוגעפּאַסט פאַרן געשמאַק פונעם פשוטן לייענער; מנחם וואָלף זאַטולאָווסקי (געב. אַרום 1850), געשריבן לידער, וויצן, גראַמען און פאַר־שוואונדן דערנאָך פון דער ליטעראַטור.

דעם נידעריקן מצב פון אונדזער פאָלקס־שפּראַך אויף אַ הויכן שטאַנד [מדרגה]. נאָר צוליב אים האָט זי היינט באַקומען אַזאַ ווערט, נאָר ער איז געווען בכוח צוצוציען צו איר דעם אינטערעס פון די געבילדעטע יידן״. און דאָ קומט אַ פאַרגלייך מיט מענדעלען: „דער גאונישער אַבראַמאָוויטש, דער פאָטער פון דער היינטיקער פאָלקס־ליטעראַטור, האָט צוליב אַ סך טעמים ניט געקאָנט ברענגען דעם „זשאַרגאָן״ צו אַזאַ מדרגה פון אַ שפּראַך. דאָס וואָס עס איז אַבראַמאָוויטשן נישט געלונגען, האָט אויסגע־פירט פּרץ״ (איבערגעדרוקט אין „געקליבענע שריפטן״, ב׳ 1, ווילנע 1910, ז׳ 74).

און דאָס שרייבט דער גרויסער מענדעלע־פאַרערער בעל־מחשבות, וואָס איז אָפטמאָל געווען נישט צופרידן מיט פּרצעס זוכענישן און מיט זיינע „יינגלשע״ פּען־פּרואוון.

אין אַ צווייטן אַרטיקל „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור און אירע בעסטע שרייבער („די יידישע פאַמיליע״, קראָקע 1902, ז״ז 39־43, געחתמעט „גר צדק״) שרייבט בעל־מחשבות: „...אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועלן מיר קודם־כל האָבן צו טאָן מיט דריי פון די גרעסטע: מיט אַבראַמאָוויטשן, וועלכער האָט ווי דורך אַ מיקראָסקאָפּ באַטראַכט און געפאַרשט די פאַר־באָרגנסטע לעבנס־קערנדלעך פון יידישן פאָלק, מיט פּרצן, וואָס האָט מיט אַ בייזער פלינקער האַנט אַרויסגעריסן שטיקער פונעם יידישן לעבן און זיי אונדז געוואָרפן אין פּנים אַריין מיט עקל און מיט אַ ביטער בייז געפיל, מיט שלום עליכמען, וואָס האָט געשפּעט און געלאַכט פון אונדז, וואָס האָט אונדז געוויזן דעם נאַר און אתה בחרתנושעק, דעם שוטה און דעם יידישן שפּיציק־חריפישן קעפּל... ״ (ז׳ 43).

אין אַן אַנדער אָרט אין אַט־דער אָפּהאַנדלונג וועגן די באַזונדערע יידישע שטעטלעך, וואָס ווערן געשילדערט דורך די דריי קלאַסיקער, שטעלט בעל מחשבות זיך אָפּ אויף דעם נייעם, גאָר־אַנדערשדיקן פּרץ־שטעטל און ער זאָגט: „ביי פּרצן (איך האָב דאָ הויפּזעכלעך אין זינען זיין ,רייזע איבער פּוילישע שטעטלעך׳) זעען מיר צוערשט דאָס נייע פאַרהעלטעניש צום שטעטל, וועלכעס מיר געפינען נאָך נישט ביי אַבראַ־מאָוויטשן און שלום עליכמען... ״ („דריי שטעטלעך״, שריפטן, ווילנע, ב׳ 3, ז״ז 8־14).

בעל־מחשבות כאַראַקטעריזירט אַזוי דעם אונטערשייד צווישן פּרצן און מענדעלע־שלום־עליכם: „ער, פּרץ, איז אַוועק אין שטעטל מיט אַ נייער באַציאונג צו אים. נישט ווי אַבראַמאָוויטש און שפּעטער שלום עליכם, וועלכע זיינען געווען מיט דעם שטעטל ווי אויסגעבונדן און האָבן עס באַשריבן מיט דעם טאָן פון איינעם, וואָס לעבט דורך די אייגענעליידן״,

— איז פרץ אַוועק אויף דער פּראָווינץ, נאָר ווי אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט, „וואָס האָט געוואָלט זען, וואָס [עס] טוט זיך באמת אין די קליינע שטעטלעך, אויף וואָס מען האָפט, פון וואָס מען לעבט און וואָס מען טוט דאָרט״... און דעריבער, זאָגט ווייטער בעל־מחשבות: „איז דער איינדרוק פון פּרצעס שטעטל גאָר אַן אַנדערער ווי פון אַבראַמאָוויטשעס שטעטל... פּרצעס שטעטל צייגט אונדז אַ פאַרווילדעטע, אָרעמע, אומוויסנדיקע מאַסע אין אַ צושטאַנד פון גסיסה. פּרצעס באַציאונג צום שטעטל איז אַ טיף־פּעסימיסטישע, און אין דעם רחמנות צו זיינע באַוואוינער איז שוין נישטאָ דאָס ספּעציפישע יידישע רחמנות, ווי מיר זעען דאָס ביי אַבראַמאָוויטשן, נאָר דער טיפער מער־אַלגעמיינער שמערץ פון אַ הויך־קולטורעלן מענטש, ווען ער באַגעגנט זיך מיט אַ מאַסע, וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן צו אַ לאַנגזאַמען טויט, ווייל זי איז אָפּגעשטאַנען פון דער אַלגעמיינער מענטשן־אַנטוויקלונג״ (דאָרטן, ב׳ 3, ז״ז 8־14).

ווען מען רעדט וועגן דער פּרץ־אויפפאַסונג פונעם יידישן שטעטל אין זיינע רייזע־בילדער, געוויער: „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט אין 1890סטן יאָר (געדרוקט אין זיין „יידישע ביבליאָטעק״, וואַרשע, 1891 אין 32 קאַפּיטלען) — לאָמיר דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון מיינער אַן אָפּהאַנדלונג „אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע״ (פאַרעפנטלעכט אין בוך „י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפן״, ניו־יאָרק, 1945, ז״ז 110־119). „די פריערדיקע יידישע שרייבער, — זאָג איך דאָרטן, — זיינען געקומען פון קליינשטעטל גופא און זיי האָבן דאָס שטעטל געזען און געוויזן פון אינעווייניק אַרויס. זיי האָבן דאָס קליינשטעטל געגעבן אין זייערע ווערק ווי אַ פאַרענדיקטס, אַ פאַרגליווערטס, אַן אָפּגעשלאָסנס. דער שרייבער גופא איז אין די ווערק אַן אָרגאַנישער טייל פונעם שטעטל. פּרץ אָבער קומט אין זיינע רייזע־בילדער פון דער זייט. פאַר אים איז שוין דאָס שטעטל אַן אַנדערע וועלט, אַן אַוועקגייענדיקע, אַ דעגענערירנדיקע. פּרץ באַזוכט עס ווי אַ גאַסט, קוקט אויף דעם מיט די אויגן פון אַ צוקוקער. ער איז אַראָפּגעקומען צום קליינשטעטל לויט אַ באַשלוס. ער שרייבט טאַקע אין דער פאָררעדע צו די „רייזע־בילדער״: „...עס איז געבליבן ביי אונדז, אַז מען דאַרף זיך גוט באַקענען מיטן וואָכעדיקן יידישן לעבן, זעען וואָס עס טוט זיך באמת אין די קליינע שטעטלעך אַ. אַ. וו.....״

אין ווי אַנדערש איז עס פון די מענדעלע־שלום־עליכם־שטעטלעך: „טרויעריק און דערשלאָגן זיינען די שטעטלעך ביי מענדעלע און שלום עליכם, אָבער זיי זיינען נאָך אַ יש, אַ גאַנץ וועזן, וואָס האָט אַן אייגן, אייגנטימלעכן לעבן מיט אייגענע געזעצן און פאָרמען. פּרצעס שטעטל איז שוין צעפאַלן, צעברעקלט. עס גייען דאָרטן איינציקווייז אויס די לעצטע

ליכטלעך. ביי מענדעלען איז פאַראַן אַן עדה, וואָס לעבט אַ געמיינזאַם פאַרגליווערט לעבן. ביי שלום עליכמען איז די זעלבע עדה אין באַוועגונג. פּרץ זעט שוין בלויז איינצעלנע בילדער, געשטאַלטן פונעם שטעטל. אויך זיין באַציאונג צום שטעטל איז שוין אַן אַנדערע. מענדעלע קוקט אויף דעם שטעטל ווי אַ בייזער פאָטער און אָפטמאָל אויך מיט רחמנות־געפילן פון אַ האַרציקן זיידע, שלום עליכם — מיט אַ קלוג־שטיפערישן, טרויעריקן שמייכל, פּרץ איז שוין איבערצייגט, אַז דאָס שטעטל איז פאַרמשפּט צום טויט. צווישן פּרצן און דעם שטעטל ליגט שוין אַ מהלך, אַ תהום, וואָס מ'קאָן שוין מיט גאָרנישט אָנפילן, פאַרשיטן... — — — פּרץ הויבט זיך דעריבער אויף אין זיינע רעאַלע „רייזע־בילדער" העכער פון דער ווירקלעכקייט און דערזעט דעם פאַרחושכטן ייד אין אַן אַנדערן שיין און אָפּשיין. עס איז דאָס אייגנאַרטיקע פּרצישע, וואָס האָט אים און זיין שאַפן אויסגעטיילט פון אַלע שרייבער פון זיין צייט. אין דעם ייד פון איצט, זעט ער דעם ייד פון אַמאָל, דורכן „שטעטל דלמטה" (דאָס רעאַלע שטעטל), זעט ער דאָס „שטעטל דלמעלה" (דאָס שטעטל אין וויזיע). דאָס רעאַלע מישט זיך ביי אים מיטן איבעררעאַלן" (דאַרט, ז"ז 116־117).

איידער מיר גייען ווייטער, וועלן מיר דאָ ברענגען אַ פּאָר שורות פון שלום עליכם (1859־1916) געשריבן אין דער באַגריסונג צו פּרצן (ל"ג בעומר 1901) צו זיין יובל. ווי באַקאַנט, זיינען די באַציאונגען צווישן פּרץ און שלום עליכם אין לויף פון אַ צוועלף יאָר געווען אַנגעצויגענע, וואָס זיינען דערנאָך אַריבער אין אַן אמתן ברוגז און קריג. שלום עליכם האָט זיין באַגריסונג געשריבן אויף אַ שטיפערישן אופן, אָבער דאָך האָט ער טיף און קלאָר כאַראַקטעריזירט זיך און פּרצן אין די פּאָר שורות, געשריבן אין פּערזן, וואָס מיר נעמען ארויס פון זיין באַגריסונג:

צוויי ליטעראַטן שרייבן מיט צוויי־ערליי פּענעס צוליב איין פאָלק.
צוויי אַרבעטער האָרעווען מיט צוויי־ערליי געצייג איבער איין ארבעט.
צוויי רייזנדע שפּאַנען פון צוויי־ערליי פּונקטן צו איין ציל.
צוויי ליטעראַטן שרייבן מיט צוויי־ערליי פּענעס צוליב איין פאָלק.

ווי טרעפלעך שלום עליכם האָט באַנומען די אַנדערשקייטן צווישן פּרצן און זיך, און ווי פּרעכטיק ער האָט באַצייכנט אויף זיין פּשוטן „עמך"־אופן די באַזונדערע פאָרמען און דעם שאַפערישן גאַנג פון יעדן איינעם פון זיי, — צוויי באַזונדערע שרייבער, וואָס שטרעבן אָבער צו איין ציל און לטובת איין פאָלק.

3

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען פאַרשיידענע שרייבער אין זייערע פאַרגלייכן, וואָס זיי האָבן געמאַכט צווישן מענדעלע־שלום עליכם און

פּרצן, געגאַנגען אַלץ ווייטער און טיפער. אַט־די אַנאַלאָגיעס און די פּרוּוון אַרויסצורוקן פּרצן און אַוועקשטעלן אים אין פאָדערגרונט פון דעם יידישן שאַפן, זיינען פאַר אונדז פון גרויסן באַדייט. אין די פאַרשיידענע אָפּהאַנד־לונגען קומען צום אויסדרוק די פאָדערונגען, וואָס מען האָט גענומען שטעלן אין דער יידישער וועלט צו די שרייבער און פאַרלאַנגט פון זיי צו רעאַגירן אויף די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פונעם יידישן לעבן.

יעקב מילך (1866־1945), וואָס האָט זיך בכלל ווייניק אָפּגעגעבן מיט קריטיק און ליטעראַטור־פאָרשונג און וועלכער האָט אַלע יאָרן כסדר גע־קעמפט קעגן דער העגעמאָניע פון דער בעלעטריסטיק אין דער יידישער לי־טעראַטור און קולטור, האָט אין 1907 פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן י. ל. פּרץ („צוקונפט״, מאַי, איבערגעדרוקט אין זיין בוך „יידישע פּראָבלע־מען״, ב׳ ז״ז 198־212). ער זאָגט דאָ קלאָרע און אָפענע רייד וועגן פּרצעס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור: „מען האָט געהאַלטן געוויינלעך מענדעלע מוכר ספרים פאַר דעם טיפּיש־יידישן קלאַסיקער, פאַר דעם גרעסטן אין אונדזער ליטעראַטור. מיט דער גאַנצער ערע און אַכטונג, וואָס איך טראָג אין מיין האַרץ צו דעם גרייז פון אונדזער ליטעראַטור, וויל איך דאָס פאַרניינען. דיזע קרוין געהערט אויף דעם קאָפּ פון י. ל. פּרץ״. יעקב מילך זאָגט ווייטער: „מענדעלע מוכר ספרים באַלאַנגט צו דער ליטעראַטור פון פאַר 1881. זיינע אַרבעטן באַלאַנגען צו דער שולע פון אָפּלאַכן און מוסר־זאָגן. אמת, ער האָט עס געטאָן בעסער, טיפער, סימפּאַטישער און ערנסטער פון די אנדערע. דאָס שטעלט אים אָבער נאָר אָן דער שפּיץ פון דיזער ליטעראַטור. עס נעמט אים אָבער אין קיין פאַל נישט אַרויס פון איר. מענדעלע כאַפּ זיך אָפּט אַראָפּ קיין גלופּסק, גנילאָפּיאַטעווקע און טונעיאַ־דעווקע. אים טוט ווי דאָס האַרץ פון דער בלאָטע, שמוץ, אומקרויט, לעב־לאָזיקייט, הונגער און ליידן, וואָס ער געפינט דאָרטן, ער זעט אָבער די אַלע זאַכן זיצנדיק אויף דער קעלניע...״

י. מילך רעדט דערנאָך וועגן שלום עליכם. „ער, שלום עליכם, באַ־לאַנגט צו דער נייער פּעריאָדע, און פאַרנעמט אין איר אַ גרויסן פּלאַץ, אָבער אַלס נאָכמאַכער פון דעם זיידן מענדעלע טוט ער די זעלבע זאַך, וואָס דער זיידע האָט געטאָן. אמת, אַביסל מער מאָדערנע, פאַרדאָס אויך אויבערפלעכלעכער. שלום עליכם, ווי עס שיינט, האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג, ביז זיין לעצטן ראָמאַן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט איצט אין אַ ניו־יאָרקער טעגלעכער צייטונג, ניט אויפגעהערט צו שרייבן ,שמ״רס משפט׳...״ אַנדערש איז — לויט י. מילך — פּרץ, ער „קאָן לאַכן אזוי גוט ווי די אַלטע, קאָן זאָגן משלים און רמזים בעסער פון די אַלטע. ער האָט זיך אָבער ביי דיזן נישט אָפּגעשטעלט. אויך ער איז געגאַנגען קיין ,גלופּסק׳, אויך ער

האָט פאַרווילט אין ,טונעיאַדעווקע׳, אָבער ער איז אהין געגאַנגען מיט אַן אנדער ציל. ער איז געגאַנגען זוכן אַ נשמה אין דיזער בלאָטע. און וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיקע נשמה האָט ער דאָרט אויסגעפונען! וואו זיינען גע־ ווען די אויגן פון די אנדערע שרייבער? זיי האָבן דאָך געראַיעט אין „גלופסק״, זיי האָבן דאָך געגראַבלט אין יענער בלאָטע, ווי האָבן זיי גע־ קאָנט פאַרזען דיזע נשמה״.

און יעקב מילך כאַראַקטעריזירט אַזוי פּרצן: „ער לאַכט נישט, ער זאָגט ניט קיין מוסר. דאָס לאַכן און דער מוסר קומט אַרויס פון זיך זעלבסט, כלאחר יד. מיט זיין שפּיציקער פעדער קריכט ער אַריין אין די טיפסטע ווינקעלעך פון דער נשמה — פון דער יידישער נשמה, — און די סודות, וואָס ער שלעפּט פון דאָרט אַרויס זיינען דערפרישנד און סימפּאַטיש, זיינען אָפט קאָמיש, זיינען נאָך אָפטער טראַגיש... — — — אַנשטאָט צו משפטן שמ״רן, ווי שלום עליכם האָט עס געטאָן, וועלכעס איז אגב אורחא זיין גרויס פאַרדינסט, דעקט פּרץ פאַר אונדז אויף די נשמה פון שמ״רס אַ לעזערין...״ * (ז״ז 203־204).

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1911, האָט מען אין דער יידישער וועלט ברייט געפייערט צוויי יובילייען — מענדעלעס 75טן געבוירנטאָג און פּרצעס — 60טן געבוירנטאָג. אין „מיניקעס פּסח־בלאַט״ פון 1912 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פון שכנא עפּשטיין (1883־1945) מיטן נאָמען „צוויי יום־טובים אין דער יידישער ליטעראַטור״. ש. עפּשטיין שרייבט אין אָט־דעם אַרטיקל: „דער דאָזיקער יובילייַ (פון מענדעלען) איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. אַלע שיכטן האָבן גענומען אין אים אַן אָנטייל און אויסגעדריקט דעם זיידן די בעסטע געפילן, די האַרציקסטע וואונטשן. דער דאָזיקער פאַקט כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן די גרויסקייט פון מענדעלעס שאַפן, פון זיין 50 יאָריקער ליטעראַטור־טעטיקייט...״ ש. עפּשטיין רעדט ווייטער וועגן דעם צווייטן גרויסן יום־טוב, — פּרצעס 60טער געבוירנטאָג. ש. עפּשטיין פאַרגלייכט דערביי דעם יובילייַ פון 1911, מיטן פּרץ־יובל, וואָס איז גע־ פייערט געוואָרן מיט צען יאָר פריער, צו זיין 50סטן געבוירנטאָג, און ער שרייבט: „דאַן (אין 1901) איז דאָס געווען אַ יום־טוב פון יחידי־סגולה,

*) געמיינט די פּרץ־דערציילונג מיטן נאָמען „די לעזערין״. אַ מעשה מיט אַ אָרעם הויז פון אַן אַלטן וואַסער־טרעגער פרויטיק־צו־נאַכטס, וואו קיין ווין אויף קידוש איז נישט געווען, קיין פיש, קיין פלייש, אפילו קיין פריש העמד אויף שבת. די צוויי־גראָשנדיקע ליכטלעך צאַנקען... אַלע שלאָפן און נאָר איינע וואַכט, די עלטערע טאָכטער, וואָס לייענט שמ״רס אַ ראָמאַן...

פון דער אינטעליגענץ, און איצט איז זיין, פרצעס, יובילײ ווי מענדעלע מוכר ספרימס, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א יום־טוב, אין די געפילן־אויסגוס פונעם גאַנצן פאָלק. דאָס באַווייזט ווי ווייט גרויס איז דער מהלך, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר. — — — עס וואַקסט דאָס באַוואוסטזיין פון די פאָלקס־מאַסן, עס וואַקסן זייערע גייסטיקע באַדערפעניש און צוזאַמען מיט זיי וואַקסט אונדזער קולטור. די צעשפּליטערטע כוחות פאַראייניקן זיך, די איינזאַמע פּיאָנערן זייגען שוין די פירער פון מחנות און די אמאָליקע חלומות ווערן אַ ווירקלעכקייט. דאָס איז אין קורצן דער סך הכל, וואָס ס׳האָט פריער אונטערגעפירט דער יובילײ פון מענדעלע מוכר ספרים און נאָכדעם — דער יובילײ פון י. ל. פרץ״. דערביי האַלט אָבער ש. עפּשטיין פאַר זיין חוב צו באַטאָנען, אַז „דער שטיק וועג וואָס מען איז דורכגעגאַנגען״ איז לויט זיין אינהאַלט און תוך ביי אַט די צוויי יובילייען פון די צוויי שרייבער „גאַנץ־פאַרשיידנאַרטיק״. „מענדעלעס יובילײ, — שרייבט עפּשטיין, — האָט מיט זיך פאַרענדיקט אַ גאַנצן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור, איך וואָלט זאָגן, דעם ערשטן גרויסן קאַפּיטל, אין דער צייט, ווען מיט פרצעס יובילײ עפנט זיך אויף פאַר אונדז א סך, אַ סך נייע קאַפּיטלעך, אין וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס שוין נישט דער כאַראַקטער פון אונדזער נעכטן, נאָר אויך פון אונדזער געגנוואַרט און צוקונפט. . . ״ (ז״ז 14־16).

אויף דער אנדערשקייט און נייקייט, וואָס פרץ ברענגט אין זיינע ווערק האָט אָנגעוויזן ד״ר מ. פינעס (1880—) אין זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ביזן יאָר 1890״ (אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון בעל־מחשבות), וואַרשע 1911. אין דער גרעסערער אָפּהאַנדלונג „י. ל. פרץ — דער פּראָזע־קינסטלער״ (ז״ז 116־160) האָבן מיר דאָ און דאָרטן שטעלן, וואָס באַטאָנען דעם נייעם צוגאַנג פון פרצן צום יידישן לעבן און צו זיינע פּראָבלעמען, ווי ער ברענגט עס אַרויס דורך זיינע קינסטלערישע געשטאַלטן.

מיר וועלן אַרויסנעמען פון דאָ און דאָרטן אייניקע אויסצוגן. ראשית שטרייכט ד״ר מ. פינעס אונטער, אַז „אין די פּראָזאַאישע ווערק פון די מאָדערנע (יידישע) שריפטשטעלער איז געווען צו באַמערקן צוויי ליטעראַרישע ריכטונגען, וואָס האָבן ביידע געשטאַמט פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס זיינען געווען פאַר אַלעם די ווירקונגען פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, נאָכדעם — פון די פאָלקס־ראָמאַנען. דינעזאָן און ספּעקטאַר האָבן אין א געוויסן טייל פון זייער שאַפן, באַזונדערס אין אָנפאַנג געפילט אויף זיך די השפעה, דער ערשטער פון א. מ. דיק, דער צווייטער — פון שמ״ר; פאַרקערט, שלום עליכם האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך מער גרויס צו האַלטן

װי מיט דעם, װאָס ער איז געגאַנגען הױפּטזעכלעך אינעם װעג פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים״.

מיט פּרצן — שרײַבט מ. פּינעס — איז פֿאַרבונדן „דער אַרײַנטריט פֿון פּרעמדע װירקונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, דאָס אַרײַנברענגען אין דער ליטעראַטור קונסט־פֿאָרמען און טענדענצן, אַרױסגענומען פֿון די אײ־ראָפּעאישע ליטעראַטורן״. אַזױ אַרום איז „פּרץ דער מאָדערנסטער און מער אײראָפּעאישער שריפֿטשטעלער פֿון דער גאַנצער עפּאָכע, װאָס מיר באַהאַנדלען דאָ (אין בוך)״.

רעדנדיק װעגן דעם בטלן, „אײנער פֿון די פֿאַרשפּרײטסטע טיפּן בײַ יידן״, זאָגט װײַטער מ. פּינעס, אַז „דער בטלן־טיפּ איז שױן מערערע מאָל באַהאַנדלט געװאָרן פֿון די יידישע שריפֿטשטעלער; אַבראַמאָװיטש, באַ־זונדערס, האָט אים געשילדערט אײניקע מאָל. אָבער פֿאַר אַבראַמאָװיטשן איז דער בטלן באַזונדערס אינטערעסאַנט געװען פֿון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט אַלס אײנער פֿון די פֿאַרשײדנאַרטיקע מינים פּאַראַזיטן, װעגן װעלכע ער האָט געשריבן און קאָנסטאַטירט זײער פֿאַרדאַרבלעכע װירקונג אױפֿן לעבן פֿונעם יידישן פֿאָלק... פּרץ איז דער ערשטער, װעלכער האָט זיך צום בטלן געװענדט װי צו אַ פּסיכאָלאָגישן פּראָבלעם, װאָס האָט אַ װיכטיקע טראַגישע באַדײַטונג און אַן אינטערעס, און ער האָט אַרײַנגעװאָרפֿן אַ בליק אין דער נשמה פֿון די מענטשן, מײסטנס נאָך יונגעלײַט, װאָס װערן פֿאַר־גליװערט אין זײער בטלנות, זיך פֿאַרטיפֿט אין זײער פֿאַנטאַזיע, װעלכע איז פֿול מיט טונקעלע חלומות, געװיזן זײער קאַמף קעגן די לעבנס־ אינ־סטינקטן, זײער מלחמה מיטן גוף, װאָס ענדיקט זיך אָפֿט מיטן גײַסטיקן און מאָראַלישן טױט... ״ (ז׳ 132).

אָט אַזױ הױבט מען אָן אין דער יידישער קולטור־שאַפֿערישער װעלט אַלצמער באַגרײַפֿן די ראָלע פֿון פּרצן פֿאַר דער צוקונפֿטיקער צײַט און מען זעט אין זײַן שאַפֿן מאָטיװן און עלעמענטן, װאָס מען האָט נישט געזען בײַ די פֿריערדיקע שרײַבער און אױך נישט בײַ מענדעלען און שלום עליכם און דערבײַ װערן אַרױסגערוקט אַלץ־מער ספּעציפֿישע פּרציִשע שטריכן.

4

פֿון אַ באַזונדערן באַדײַט איז די טיפֿע פּרץ־אָפּשאַצונג, װאָס ד״ר ח. זשיטלאָװסקי (1865־1943) האָט געגעבן אין זײַן גרױסער רעדע, גע־האַלטן אַפּריל 1915 אױפֿן הזכרה־אָװנט צו די שלושים נאָך פּרצעס טױט. ד״ר זשיטלאָװסקי האָט נאָך אין 1905 פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל איבער פּרצעס מײַסטערשאַפֿט, — דער אַרטיקל הײסט טאַקע „י. ל. פּרצעס קינ־סטלערישע טעכניק״ — װאו ער פֿאַרגלײַכט פּרצן מיט אַנדערע גרױסע

איירָאפּעאישע שרייבער. מיט צען יאָר שפּעטער, אין 1915, ווען ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז אַריין אַלצמער אין דער יידישער קולטור־שאַפערישער וועלט, דאַן האָט ער אויפגענומען פּרצן אין גאָר זיין ברייט און טיף, ממילא פּאַסט ער אויף פּרצן און זיין אָרט אין דער יידישער וועלט און מאַכט אַנאַלאָגיעס צווישן אים און די אַנדערע צוויי גרויסע שרייבער מענדעלע און שלום עליכם. איצט אינטערעסירט ד״ר זשיטלאָווסקין שוין ניט בלויז קינ־סטלערישע מייסטערשאַפט, נאָר מער פון אַלץ — פּרצעס נאַציאָנאַלע באַדיי־טונג פאַר דער ליטעראַטור און פאַרן יידישן לעבן.

מיר וועלן זען ווי פּרץ וואַקסט ארויס ביי דעם גרויסן יידישן דענקער. „פּרצעס באַדייטונג — זאָגט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אין זיין רעדע (פאַר־עפנטלעכט אין „יידישע קולטור״, 1940, נ׳ 4 *) — פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק ליגט אין דעם אַליין, וואָס ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע באַשאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן די יידישע ליטעראַטור אָן אים, ווי מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן אָן מענדעלע מו״ס און אָן שלום עליכם. מיר וועלן זיך דאָ נישט אריינלאָזן אין א חקירה, ווער פון אונדזערע דריי גרויסע קלאַסיקער איז דער גרעסטער, אָבער דאָס מוזן מיר לשם דעם היסטאָרישן אמת קאָנסטאַטירן, אַז מענדעלע מו״ס איז א לאַנגע צייט געווען נישט מער ווי אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד. יאָ, אויב איר ווילט, אַ ליטעראַרי־שער אוניקום... די עקזיסטענץ פון מענדעלעס שאַפן האָט נאָך נישט קאָווירט די עקזיסטענץ פון אַ ליטעראַטור. אויך שלום עליכם וואָלט געקאָנט בלייבן אַן עפּיזאָד, אַ רייכער, טראָפּיש־רייכער אָאַזיס אין א זאַמדיקן מדבר, ווען עס וואָלט זיך נישט אָנגעהויבן מיט פּרצן אַ טראַדיציע פון שאַפן. דער אָנהויב פון פּרצעס שאַפן זעט אויס ווי אַ באַרג־וואַסערל, וועלכער איז קאַסקאַדן־אַרטיק געשפּרונגען פון פעלז צו פעלז, און אומעטום האָט דורך זיין רוישן געוועקט פאַרשלאָסענע שליסלען און קוואַלן, וואָס האָבן זיך פריי־דיק אָפּגערופן אויף זיין פרילינג־רוף און אינאיינעם מיט אים זיך צונויפ־געגאָסן אין דעם איצטיקן מעכטיקן שטראָם״.

„פּרצן, — זאָגט ווייטער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, — האָט דער געניוס פון אונדזער פאָלק געשענקט די זכיה, אַז מיט זיין שאַפן זאָל זיין פאַרבונדן — ניט דאָס מעגלעך מאַכן פון א יידישער ליטעראַטור, — און דעם כבוד טיילט ער זיך מיט מענדעלע מו״ס און שלום עליכמען, — נאָר די ניט־

*) דער דאָזיקער אַרטיקל, ווי אויך די אַנדערע פּרץ־אָפּהאַנדלונגען פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זיינען אַריין אין זיין בוך „וויזיע און געדאַנק״ און אין „י. ל. פּרץ״ („איקוף״־פאַרלאַג, 1951).

איבערגעריסנקייט, די קאָנטינואיטעט פון דער יידישער ליטעראַטור, די פאַרוואַנדלונג פון אַ שורה איינצעלנע געניאַלע עפּיזאָדן אין אַ פלוס פון אַנטוויקלונג און לעבן, וואָס גיט לעבן און אַנטוויקלונג דעם פאָלק".

און אָט ווי ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אויסגעטיילט די ראָלן פון יעדן פון די דריי גרויסע שרייבער, די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, און ווי ער גיט יעדן איינעם ספּעציעלע אויפגאַבן, וואָס זיי האָבן צו דערפילן: „עס איז באמת מערקווירדיק: לייענט איר די ווערק פון אונדזערע גרויסע קלאַסיקער, פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ, און פרעגט איר זיך, וועלכן גרונט־טאָן אין געפיל ברענגען זיי אַרויס מיט זייערע בילדער פונעם יידישן לעבן, — אַזוי דוכט אייך אויס, אַקוראַט ווי זיי דריי וואָלטן זיך צונויפגערעדט אינאיינעם און נאָך אַ גוט־אויסגעאַרבעטן פּלאַן, פאַרטיילט די אַרבעט צווישן זיך: דו, מענדעלע, באַווייז זיי אַקאַרשט וואו מיר האַלטן אין דער וועלט, אין וואָס פאַר אַ שיינער מערכה עס געפינט זיך אונדזער פאָלק. נישקשה! לאָזן זיי אַביסל אַ פּיל טאָן דעם טעם פון יענעם לעבן, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אונדזער חלק, און דו, שלום עליכם, באַווייז זיי דעם פּשוטן בשר־ודם, דעם פּשוטן טאָג־טעגלעכן מענטשעלע אונדזערן, ווי ער שטייט און גייט, מיט אַלע זיינע האַוואַיעס און תנועות, מיט אַלע זיינע חסרונות און מעלות... און דו, פּרץ, הויב אַביסל אויף דעם פּרוכת, וואָס פאַרשטעלט פאַר זיי דאָס גייסטיקע לעבן פון אונדזער פאָלק. באַווייזן זיי, וואָס פאַר וואונדערלעכע קרעפטן עס ברויזן אין אים, אָדער האָבן ערשט נישט לאַנג אויפגעהערט צו ברויזן. אַנטפּלעקט פאַר זיי די אומענדלעכע הימלען, וואָס הויבן זיך איבער אונדזערע קעפּ, און די גלענצנדיקע שטערן, וואָס פינקלען אין זיי. לאָמיר זען ווי וועט עס רעדן צו זייער גייסט'..."

און אויפנעמענדיק די גרויסע קולטור־היסטאָרישע מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור און פון אירע גרויסע שרייבער, זאָגט ווייטער ד"ר זשיטלאָווסקי: „...דאָס יידישע פאָלק, ניט קוקנדיק אויף די פאַראַלטעטע (פאַרעלטערטע) פאָרמען פון זיין לעבן, האָט געמוזט ווידער רעהאַביליטירט ווערן אין דעם עפנטלעכן פּראָגרעסיוון באַוואוסטזיין, און דער אינעווייניקסטער זין פון דער קלאַסישער פּעריאָדע אין אונדזער יידישער ליטעראַטור האָט געמוזט באַשטיין אין דער רעהאַביליטאַציע פון דער אַלטער יידישער וועלט... מענדעלע מו"ס, שלום עליכם און י. ל. פּרץ טוען דאָס יעדער איינער אויף זיין שטייגער, לויט די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון זייער כאַראַקטער און לויט די אומשטענדן פון דער צייט, אין וועלכער עס איז אָנגעשטימט געוואָרן דער גרונט־טאָן פון זייער טאַלאַנט... מענדעלעס טאַלאַנט איז אויסגעשמידט געוואָרן אין אַ צייט, ווען דער קהל האָט נאָך

געהערשט איבער די יידישע מוחות, ווען די מאַסן זיינען געווען פאַרטרונ־קען אין דעם זומפּ פון אומוויסנהייט, אוממענטשלעכן דלות, אָפּגעלאָזטקייט, אַבסאָלוטער פאַרפרעמדקייט פון דער וועלט, אָן אַ וועלכן עס איז מקור פאַר אַ זיכערער בכבודיקער פרנסה. מענדעלע זעט, ווי לעכערלעך עס איז צו פאָדערן בילדונג, אויפקלערונג, מענטשלעכע השגות פון אַ הויפן הונגעריקע און פאַרחלומטע. ער זעט די סאָציאַלע יסודות פונעם יידישן לעבן און קרי־טיקירט די אידעאַלן פון דער השכלה־צייט מיט דעם פשוטן זאַץ: ,עס גייט נישט דער טאַנץ פאַר קיין עסן׳...— — —״

„שלום עליכמס טאַלאַנט, — זאָגט ווייטער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, — ווערט אָנגעשטימט אין אביסל אַ שפּעטערער צייט. די ליבעראַלע רעפאָר־מען פון די 60־טער און 70־טער יאָרן הויבן אָן אויסגלייכן אַביסל דאָס פאַרהוויקערטע יידישע לעבן... — — — דער עקאָנאָמישער מעמד ווערט פאַרבעסערט; מען ,מענטשלט׳ זיך ביסלעכווייז אויס און אין דער צוקונפט ווינקט אַ רואיקע אַנטוויקלונג... דורך דעם, וואָס ער ווייזט אויף איר יידיש־מענטשלעכן כאַראַקטער, וואָס ער ליבט זי, די מאַסע, און איר אייגנאַרטיקן קולטורעלן לעבן... — — — ״

גאָר אַנדערש איז שוין די צייט, ווען פרץ איז געקומען (כאָטש עס איז געווען אַ פראַגע פון אַ פּאָר יאָר) און נאָך מער אַנדערש איז דער אופן פון פרצעס באַווירקט ווערן פון דער סביבה און אנדערש ממילא איז דער כאַראַקטער פון זיין שאַפן. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זאָגט ווייטער אין זיין רעדע: „אויף פרצעס טאַלאַנט ליגט דער שטעמפּל פון דעם סוף אַכציקער יאָרן, ווען די גאַנצע ביטערקייט פון דער פּאָגראָמען־צייט איז שוין אַריין אין אונדזערע אָדערן, און דאָס פּראָבלעם פון דער נאַציאָנאַלער ווידער־גוטמאַכונג איז שוין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין לעבן און געפאָדערט אַ קלאָרע תשובה אויף ,,זיין״ אָדער „נישט־זיין״... די שאלה איז שוין איצט נישט קיין סאָציאַלע, ווי ביי מענדעלען, נישט קיין קולטורעלע, ווי ביי שלום עליכמען, זי איז אַ היסטאָרישע, וואָס מוז זיך רעכענען מיט דעם גאַנצן געשיכטלעכן לעבן פון אונדזער פאָלק.״

„פרץ, — זאָגט ווייטער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, — רעהאַביליטירט די אַלטע וועלט, דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין געשיכטלעכן זין, און ער טוט דאָס דורך דעם, וואָס ער פירט אונדז צו גראַד צו דער נאָענטסטער פעריאָדע פון אונדזער געשיכטלעכן שאַפן, צו דער פעריאָדע פון חסידות, צו יענער פע־ריאָדע, אויף וועלכער עס האָבן אַזוי שטאַרק געהאַגלט די פיילן פון דער השכלהשער קריטיק...— — — נעמט מען אַריין מענדעלען אין האַרצן, קאָן מען נאָך אויס רחמנות און צער בעל חיים אַריינפאַלן אין דעם פעסי־מיסטישן יאוש; לאָזט מען שלום עליכמען ווירקן אויפן געפיל, ווערט

פרייליכער אויפן הארצן, און די ליבע צום פאלק פירט צו אן אומקלארן בטחון. לאזט מען זיך אבער דורכגעזאפט ווערן פון פרצן, פון זיין גרויסן דרך־ארץ פאר דעם יידישן היסטארישן קאמף, פאר זיין בלוטיקן דארשט צו טאט און נצחון, איז דעמאלט ווערט אן אומגליק א טראכט צו טאן, אז אזא פאלק זאל פארשווינדן. אונדזער גאנץ וועזן רעוואלטירט אנטקעגן אזא געדאנק, און יעדער טראפן בלוט אין אונדז ווערט אנגעצונדן מיט דעם זעלביקן גליענדיקן וואונטש אויסצוקעמפן פאר אונדזער פאלק אזעלכע באדינגונגען פון לעבן, וואס זאלן מאכן, אז די קראפט זאל ניט צעפיצלט ווערן, ניט צעפולווערט ווערן איבער אלע שבעה ימים, נאר זאל זיך קאנען אנזאמלען אין אן איינציקן אייגענעם באסיין, וואס זאל, אין שטענדיקן אויסבייט מיט די באסיינען פון אלע אנדערע פעלקער, אויסארבעטן נייע אוצרות פאר דעם מענטשלעכן פראצעס. אין דערינען איז געלעגן די ספעציפישע באדייטונג פרצעס פאר דעם וויכטיקסטן היסטארישן פראצעס אין דעם מאדערנעם לעבן פון אונדזער פאלק, פאר דעם פראצעס פון דער נאציאנאלער ווידערדערוואכונג".

עס איז פאר אונדז אינטערעסאנט די אגב־אורחאדיקע באמערקונג פון יהואש (1927־1871) אין זיינע קורצע „באטראכטונגען" איבער י. ל. פרץ און דער פארגלייך, וואס מיר האבן ביי אים צווישן שלום עליכמען און פרצן. ער שרייבט, יהואש: „אפשר איז נישט רעכט צו פארגלייכן איין דיכטער מיט א צווייטן און ציען פאראלעלן צווישן זיי. אבער דערמאנט מען פרצן שפרינגט נישט ווילנדיק ארויס שלום עליכם. ביידע זיילן פון דער יידישער ליטעראטור". און יהואש באמערקט זייער ריכטיק, אז אט די צוויי שרייבער זיינען „די צוויי פאלן [פאלוסן] צווישן וועלכע דאס גאנצע יידישע שאפן האט זיך אין זייער צייט געדרייט, איינער דער היפוך פון צווייטן. אבער דער מהות פון איינעם ווערט קלערער דורך דעם מהות פון דעם אנדערן..." סארא טרעפלעכע באמערקונג! און ווייטער: „שלום עליכם איז געבוירן געווארן צו־שפעט. ווען ער זאל געבוירן ווערן פריער, וואלט ער געווען א פאלקסבארד, וואס זיין שאפן פארלירט גיך די חתימה פון דעם מחבר און ווערט פאלקלאר. פרץ איז געקומען צו פרי. פאר פרצן איז נאך קיין ווערקצייג נישט אנגעגרייט געווען. ער האט זיינע חלומות געמוזט אנטאן אין בעקעשעס און שטריימלעך, ווייל ער האט קיין אנדערע מלבושים צו דער האנט נישט געהאט. זיינע ווייבער האט ער געמוזט סערווירן אויף קידוש און הבדלה, און זיינע געקליבענע בשמים אין הדסלעך".

עס איז אין א געוויסן זינען, טאקע בלויז אין געוויסן זינען ריכטיק. פרץ האט דאך אויך געגעבן פיל פון זיינע שאפונגען אין גאנץ־מאדערנע און אין גאר מאדערנע כלים. ער האט אפט געגעבן אלטן וויין אין גאר נייע

לאָגלען. האָט דאָך פרץ געשאַפן אין נייע קונסט־פאָרמען, אין די מאָדערנסטע און ראפינירטסטע.

5

עס איז וויכטיק ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל צו באַטאָנען, ווי פרץ איז אויפגעקומען פאַר פאַרשיידענע שרייבער אין א מין נייער איבער־וואַנדלונג. ח. נ. ביאַליק (1873־1934), וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערע פאַרע־רונג און אויך ליבשאַפט פאַר פרצן, האָט גלייך נאָך פרצעס טויט, אין זיין יידישן טרויער־ און מיטלייד־בריוו צו יעקב דינעזאָן, געשריבן די מער־קווירדיקע שורות: „פרצעס טויט האָט עפּעס אויף מיר געמאַכט אן איינדרוק ווי אַ מין ‚עלה בסערה׳ (ער איז אַרויף מיט אַ שטורעם־ווינט — דאָס וואָס עס ווערט דערציילט אין תנ״ך וועגן אליהו הנביאס טויט, — נ. מ.). זיין שאַפן איז דאָך אויך געווען אַזוי ‚ברכב אש וסוסי אש׳ (מיט פייערדיקע רייטוואָגנס און פייערדיקע פערד). שטורמיש איז ער דורכגע־פלויגן אין זיין פייערדיקער מרכבה, און בליצן זיינען געלאָפן אים פאַר־אויס און נאָך אים. מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך נאָך נישט איין מאָל באַווייזן, און דווקא א גוטמוטיקער, פונקט ווי יענער אַלטער זיידע... ער איז דאָך, ווי יענער קנאי בן קנאי (געמיינט אליהו הנביא) נישט גע־שטאָרבן...״

יאָ, פרץ ווייזט זיך צו אונדז אין פאַרשיידענע אַלץ־מער דערהויבענע געשטאַלטן. אָבער כלל נישט ווי „אַ גוטמוטיקער״, נאָר אדרבא, ווי אַ מאָ־נער און וואָרנער, און גלייכצייטיק אויך ווי אַ וועגווייזער און דערמוטיקער אין די שפּעטערדיקע שווערע, גרויליקע יאָרן. מיר ווילן איצט גיין ווייַ־טער און ווייזן, ווי די פאַרשיידענע שרייבער, וועמען עס איז אויסגעקומען ביי די פאַרשיידענע געלעגנהייטן אייפצונעמען פרצן, ביי יאָרצייט־פייַ־ערונגען און ביי אנדערע דענקווערטיקע דאַטעס, האָבן באַמיט זיך אַרויס־צוברענגען וואָס פרץ איז געווען פאַר זיי גופא און וואָס פרץ איז געווען פאַר דער נייער צייט, פאַר די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי מען האָט אויפגענומען פרצעס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און דער פאַרגלייך פון פרצן מיט מענדעלע מו״ס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַמאָל אין ארץ־ישראל דורך די דאָר־טיקע העברעאישע שרייבער.

נאָך פרצעס טויט איז אין יפו דערשינען דורך דעם העברעאישן זשורנאַל „הפועל הצעיר״ אַ ספּעציעלער נומער, דעם 2טן יוני 1915, גע־ווידמעט פרצן, מיט זייער אינטערעסאַנטע אַרטיקלען פון א. ז. ראַבינאָ־וויטש, י. ח. ברענער (געחתמעט ח. ב. צלאל), יעקב ראַבינאָוויטש, אשר בראש, ר׳ בנימין, ש. בן ציון, יעקב שטיינבערג. מיר וועלן דאָ ברענגען

דעם פאַרגלייך, וואָס אשר בעראש מאַכט צווישן מענדעלע און פּרץ אין זיין גרעסערער אָפּהאַנדלונג, — עס איז אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן נאָך פּרצעס טויט.

אשר בעראש שרייבט צווישן אַנדערע: „...מענדעלע מו״ס איז געווען אַ רואיקער סקולפּטאָר, ער האָט געמאָסטן און געוואויגן יעדע פּראַזע, ער האָט זיך באַמיט צוצוגעבן וואָס־מער שאַרפקייט און בוילעטקייט זיינע בילדער און ער האָט אונטערגעוואָרפן דעם רוי־שטאָף, דעם מאַטעריאַל צו זיין געדאַנק. מיט זיין גאַנצער גרויסער און געבענטשטער השפעה אויף דעם יינגערן דור שרייבער, ווען ער האָט געלערנט די אַרבעט פון שילדערן און שלייפן די שפּראַך און אויך געלערנט רואיק צו באַאָבאַכטן אין דער צייט פון שטורעם, האָט ער אָבער נישט באַוויזן דאָס לעבן אין זיין גערעגנגל, נישט געגעבן אונדז די מענטשלעכע נשמה און איר תהומישע שרעק. מענדעלע האָט געזען דאָס לעבן אין אַ פאַרקילטן צושטאַנד, ער האָט נישט אַריינגעדרונגען אין די טיפע טיפענישן פון דער נשמה, ער האָט געזען די האוואיעס פון דער נשמה, אָבער נישט אירע בלאַנדזשעדיקע ערגעץ־ווייט פונעם מקור... גאָר אַנדערש איז געווען פּרץ אין זיין שאַפן. זיין ראָמאַנטיק ציט איר יניקה נישט פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס ברענגט דערצו, אַז דער דעקאַראַטיוו־אַרכעאָלאָגישער מאָמענט זאָל זיין דעצידירנדיק. פּרץ שעפּט פונעם אַרומיקן לעבן, און נישט דער שטאָף מאַכט די שאַפונג ראָמאַנטיש, נאָר די באַציאונג פונעם שאַפער, די באַציאונג פון אַ ליריקער און פאַנטאַסט צו די לעבנס־דערשיינונגען. אַזאַ מין ראָמאַנטיש שאַפן פאַרמאָגט אין זיך פיל צאַפּל, און איר השפעה איז דעריבער באַזונדערס גרויס, ווייל זי שטיצט זיך אויף לעבנס־מאָטיוון און לעבנס־געזאַנגען, וואָס זינגען און ברומען אין לעזערס האַרץ. גליקלעך זיינען די שאַפער, — זאָגט ווייטער אשר בעראש, — וואָס די עסטעטישע פרייד, וועלכע זיי פאַרשאַפן דעם לייענער, ווערט באַגלייט דורך דעם מענטשלעך־לירישן מאָטיוו פונעם לעבן מיט דער פרישקייט און יונגקייט פונעם לעבן. אַזעלכע קינסטלער זיינען זוכה, וואָס זיי ווערן נישט נאָר פאַרערט, נאָר ווערן אויך שטאַרק געליבט. מאָדנע און מטושטש איז יחיאל — די געשטאַלט פון פּרצעס ,הציץ ונפגע׳, עס איז זיכער מאָדנע זיין לעבן און זיינע אלטע טועכצן, אָבער אַז מיר לייענען די דערציילונג, פילן מיר, ווי מיר גופא וואָלטן פאַרמאָגט עפּעס פון יענעם אָרעמען אומגליקלעכן יונגערמאַן דעם טרוימער, וואָס טרוימט דעם חלום פון לעבן און ליבע אין זיין קראַנקער פאַנטאַזיע...״ (אשר בעראש — י. ל. פּרץ, „הפועל הצעיר״, 1915, נ׳ 16, ז׳ 11).

און אינעם זעלבן אַרטיקל שרייבט ווייטער אשר בעראש: „נישט ווי

מענדעלע, דער ליטווישער ייד, דער קלוגער און קפדן, האָט געזען דאָס יידישע לעבן מיט זיינע פאַרשווינען, האָט עס געזען פרץ. די באַציאונג זיינע צו די געשטאַלטן און העלדן איז אַ חסידישע, אַ באַציאונג פון ריינער, ,אהבת ישראל׳, אַ באַציאונג פון דבקות. אַזאַ מין באציאונג איז מעגלעך נאָר ביי אַ פוילישן ייד, וואָס פאַרמאָגט אַן עמפינדלעכן כאַראַקטער און אַ וואַכע פאַנטאַזיע אין קעגנזאַץ צום ליטווישן ייד מיט זיין אָפּשפּעטנדיקן און שניידיק־אַנאַליזירנדיקן כאראקטער״ (דאָרטן, ז׳ 12).

און אַט ווי פרץ גופא באַטאָנט אָט דעם אונטערשייד פון בריסקער רב און דעם ביאַלער רבין. דער ביאַלער רבי זאָגט צום בריסקער רב:

„אייער תורה איז סאַמע דין! אַן רחמים איז זי. אַן א פונק חסד איז אייער תורה! און דעריבער אַן שמחה, אַן פרייען אָטעם... סאַמע ברזל ונחושת, אייזערנע חוקים, קופּערנע דינים. און סאַמע הויכע תורה, פאַר לומדים, פאַר יחידי סגולה!...״

און ווייטער זאָגט דער ביאלער רבי צום בריסקער רב: „און זאָגט מיר, וואָס האָט איר פאַרן כלל ישראל? פאַרן האָלץ־העקער, פאַרן קצב, פאַרן בעל־מלאכה, פאַרן פּראָסטן ייד?... האַרט איז געוועזן אייער תורה, האַרט און טרוקן, ווייל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נשמה פון דער תורה!... — — — אייער תורה איז נאָר פאַר יחידי סגולה, פאַר למדנים, נישט פאַר כלל ישראל! די שכינה מוז רוען אויף כלל ישראל! וואָרום די תורה איז די נשמה פון כלל ישראל... ״ (י. ל. פרץ — „צווישן צוויי בערג״).

אַז מען וויל, הערן מיר דאָ דורך פרצן גופא גלענצנדיק כאַראַקטעריזירט זיך און זיין אנדערשקייט פון די יידישע שרייבער — און מענדעלע אַריינגערעכנט...

6

נאָכן פריצייטיקן טויט פון שלום־עליכם, וועלכער איז געשטאָרבן אַ יאָר נאָכן אומגעריכטן טויט פון פרצן, איז ביי אַלעמען געווען דאָס געפיל, ווי מיט זייער אַוועקגיין גייט אַוועק אַ הערלעכע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור. און ווידער איז מען געקומען מיט אינטערעסאַנטע אַנאַלאָגיעס צווישן די דריי גרויסע זיילן פון דעם יידישן שאַפן. האָט טאָקע מ. אָלגין [1878־1939] אין אַן ארטיקל וועגן שלום עליכם („צוקונפט״ 1916, יוני) געשריבן: „... עס ווערט אָפּגעשלאָסן די קלאַסישע עפּאָכע פון דער ניי־יידישער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. דריי גרויסע נעמען שיינען, ווי שטערן, אויף אונדזער קלאַסישן האָריזאָנט: מענדעלע מו״ס, פרץ, שלום עליכם. פון די דריי איז פרץ געשטאָרבן, שלום עליכם איז געשטאָרבן, מענדעלע מו״ס לעבט נאָך צווישן אונדז, און מיר ווינטשן אים לאַנגע יאָרן, — אָבער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט איז פאַקטיש לאַנג שוין פאַרענדיקט...״

אָפּשטעלנדיק זיך אויף די דריי שרייבער, אויף זייער אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, זאָגט מ. אַלגין: „דער צד־השווה צווישן זיי איז, וואָס אַלע דריי זיינען זיי אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין דער אַלטער יידי־שער וועלט, וואָס אַלע וואָרצלען פון זייער גייסטיקן „איך" האָבן טיף גע־שטעקט אין דעם פאַרצייטיקן קליינשטעטלדיקן יידישן לעבן און וואָס אין זייער גאַנצן שאַפן האָט זיך געפילט די השפעה פון אָט־דער מערקווירדי־קער סביבה, וועלכע איז איצט שוין כמעט אַ היסטאָרישע פאַרגאַנגענ־הייט"... „אָבער צו אָט־דער סביבה, — זאָגט מ. אַלגין, — האָבן די דריי זיך פאַרהאַלטן פאַרשיידן. מענדעלע איז אַרויס שטראָפן... ער האָט ניט אויפגעהערט (צו) קריטיקירן... פּרץ האָט פריער געפּרוואווט נאָכגיין אין די פוסטריט פון מענדעלע מו"ס... שפּעטער האָט ער געפּרוואווט גאָר אינ־גאַנצן זיך אָפּשאָקלען פון אָט דער סביבה און אַרומגעוואַנדערט אין אַ וועלט פון סימבאָליסטישע און מאָדערניסטישע זוכענישן, און סוף כל סוף זיך אומצוקערן צו דער אַלטער יידישער וועלט און פאַרהערלעכן אין פּראַכט־פולע דערציילונגען די נשמה יתירה, וואָס איז אין איר געווען פאַרבאָרגן. און שלום עליכם — ער איז פון דער סביבה גאָרנישט אַוועקגעגאַנגען, ער האָט זיך אפילו מיט איר נישט געאַמפּערט: ער האָט זי גענומען אַלס אַ פאַקט און האָט מיט געטריישאַפט פון אַ וואונדערבאַרן זיטן־מאָלער זי אַריבערגעטראָגן ווי זי שטייט און גייט אין זיינע צאָלרייכע מעשיות..." (ז' 489).

און וואָס ווייטער וואַקסט אויס אַלץ שאַרפער און רייכער די פּרץ־געשטאַלט. און מערקווירדיק, ווי פאַרשיידן עס ווערט אויפגעפּאַסט די קאָמפּליצירטע פּרץ־פּערזענלעכקייט. און איצט קומט שוין אין באַטראַכט נישט בלויז פּרצעס שאַפן, נאָר מען נעמט שוין פּרצן גופא.

פון אַ ספּעציעלן באַדייט איז דער אַרטיקל פון בעל־דמיון — נחום שטיף (1879־1933), וואָס האָט געפירט אַ באַזונדערן און אייגנאַרטיקן חשבון פון דער יידישער ליטעראַטור און אירע שאַפער. דער אַרטיקל איז געשריבן אין יאָר 1921, אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך געשאָקלט די יסודות פון דער וועלט, אַ פּאָר יאָר נאָך דער גרויסער אָקטאָבער־איבערקע־ניש, וואָס האָט איבערגעאַנדערשט דעם אויסזען און כאַראַקטער פונעם אַרום און געצוואונגען צו מאַכן איבערשאַצונגען פון פיל איינגעשטעלטע ווערטן. בעל־דמיון האָט אויף אַ באַזונדערן אופן אַדורכגעמאַכט יענע מערקווירדי־קע צייט. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָראויס און גלייך צוריק־געגאַנגען. געווען אריינגעצויגן אינעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן פּראָ־צעס און אָפּט זיך צוריקגעהאַלטן. ער האָט אָנגענומען די נייע אמתן, אָבער זייער פאַרזיכטיק מוותר געווען אויף אָנגענומענע זאַכן און טראַדי־

ציעס. אין יענער צייט איז אין דעם סאָוועטישן מינסק דערשינען, דורך דער דאָרטיקער „קולטור־ליגע״ אַ זאַמלונג צו י. ל. פּרצעס 7טן יאָרצייט (1922). אין זיין אַרטיקל „די פּאַן״ (איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור״, פעברואַר, 1951) פּרוּווט ער אַנאַליזירן פּרצעס אייגנאַרטיקייט און מהות, וואָס עס האָט אים אַרויסגעהויבן פון די אַלע איבעריקע שרייבער פון זיין דור און וואָס עס האָט אים געמאַכט פאַר דעם וועגווייזער.

בעל־דמיון פרעגט: „ציַ איז דאָס געווען די באַגייסטערונג פאַרן פאַר־נעם, פאַר דעם געניאַלן קינסטלער, וואָס איבעררעשט מיט זיין אייגנס? איצט, ווען פּרץ שטייט שוין פאַר אונדז אין א געוויסער פּערספּעקטיוו, ווען דער יונגער דור יידישע קינסטלער ציט שוין אונטער אַ פאַס אונטער אַ געוויר־סער תקופה יידישע ליטעראַטור, די תקופה פּרץ און פּרץ־חדר, און ווייזט דער יידישער ליטעראַטור אַ נייעם וועג, — איצט קאָנען מיר שוין קוקן מיט אָפענע אויגן און זיך אויסטאָן פון דער אַנגענומענער גוזמא, מיט א רו־איק האַרץ פאַר דעם, וואָס איז באמת גרויס און אייביק אין פּרצן, אויף אַ וועג, וואו ס׳שטייט אַזוינער ווי מענדעלע, און נאָך מער — שלום עליכם. איז דאָס נישט דער ריז, וואָס פאַרשאָטנט אַלעמען?״

בעל־דמיון ענטפערט אויף דער פראַגע, וואָס ער האָט געשטעלט זיך און אַנדערע: „איצט מוז שוין קלאָר ווערן, אַז פיל מער איז דאָס געווען באַגייסטערונג פאַר ליטעראַטור, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס פאַר אונדז אַנט־פּלעקט... — — — דאָס גרעסטע און דאָס וויכטיקסטע, וואָס שטעקט אין דעם פּרץ־וואונדער איז, וואָס ער האָט באַוויזן אונדז אָנצושטעקן מיט אַזאַ באַגייסטערונג פאַר ליטעראַטור, און באַוויזן האָט ער דאָס דערפאַר, ווייל ער גופא האָט די דאָזיקע באַגייסטערונג פאַרמאָגט ווי קיינער ביז אים״.

און ווייטער זאָגט בעל־דמיון אין זיין אַרטיקל: „דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס שטעקט אין פּרצעס ירושה, איז פּרץ גופא, די ליידנשאַפט פאַר ליטעראַטור בכלל, נישט זיין געגעבענע ליטעראַטור. נישט ביי מענ־דעלען, נישט אפילו ביי שלום עליכמען, דער זיכערסטער און אייביקסטער פון אונדזערע דריי ליטעראַרישע אבות, איז די דאָזיקע ליידנשאַפט נישט צו מערקן: איבערראַשן איבעררעשט זי אונדז נאָר ביי פּרצן. דאָס איז דער סוד, וואָס מיר האָבן דערשפּירט אינסטינקטיוו און וואָס האָט זיך אונדז אײ־בערגעגעבן, ווי די באַרוישונג פון פאַרליבשאַפט, וואָס וויל נישט און קאָן זיך נישט קיין רעכענונג אָפּגעבן, ווען און וואָס איז דער אָביעקט. אין א סביבה פון בטלנות און אומוויסן, תכלית און פּסוקים, איז געקומען אַ פאַנטאַסט, אַ קאַפּריז, פאַרשיכורט פון זעאונגען און בילדער, פון תאוות און חלומות, און האָט געזאָגט: ס׳איז פאַראַן אַ אַנדערע ספערע פון וואָרט

און בילד..." — — — „ליטעראטור! ווער האָט דאָס באַדאַרפט און געזוכט ביי אונדז? — — — צו־ניכטער איז מענדעלע געווען דערפאַר און צו סקעפּטיש — שלום עליכם... מיטן דאָזיקן גלויבן (אין דער יידישער ליטעראַטור) איז פּרץ געבוירן, און וואָס ווייטער האָט דאָס געהאַלטן ביי אים אין איין שטייגן. פּרץ איז ביי אונדז דער פאָטער פון אייגנטלעכער ליטעראַרישער קולטור, דאָס הייסט — פון פאָרם און בילד פאַר זיך, וואָס האָט איר פאַרענטפערונג אין זיך גופא".

פאַר אונדז זיינען אינטערעסאַנט די אַרויסזאָגונגען פון י. דאָברושין (‎1883־ ‏), דער טעאָרעטיקער און קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אוקראַינע, וועגן די דריי קלאַסיקער. די אָפּשאַצונגען גהערן נישט בלויז צו אים, צו י. דאָברושין, נאָר בכלל צו דער „קיעווער גרופּע", צו וועלכע ס'האָבן געהערט דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, נ. מייזיל א. אנד.

אין זיין אַרטיקל איבער מענדעלע מו"ס (אין „גערדאַנקענגאַנג", קיעוו ‎1922, — דער אַרטיקל איז דאַטירט 1919) שרייבט י. דאָברושין: „...אָט אַזוי שטייט ער, דער זיידע מענדעלע, מיטן פּנים אין גאַנצן צום עבר. די שאַפונגס־פּערספּעקטיוון פון מענדעלעס ווערק, יענע שטראַלנדיקע ווייטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך בכלל פון יעדער אויפגעעפנטער קינסטלערישער טיר אין לעבן — ציען זיך ביי מענדעלען נישט צו דער צוקונפט, נישט צו קו־מענדיקע דורות, נאָר צו דער פאַרגאַנגענהייט, צום היסטאָריש־אָפּגע־און איבערגעלעבטן. נישט וואוהין זיי גייען, די טיפן, ווייסט מענדעלע, נאָר פון וואַנעט זיי קומען. שוין שלום־עליכמס יידן און מכל־שכן (אוודאי, זיכער — נ. מ.) פּרצעס גוטע־יידן, טרעטן אין דער ברייטער אַרומיקער וועלט אַריין. די ערשטע (שלום־עליכמס — נ. מ.) פאָרן ממש פון שטעטל אין שטאָט, פון שטאָט אין (דער) גרויסער שטאָט, און די צווייטע (פּרצעס יידן — נ. מ.) בינדן זיך מיט דער גרויסער פרעמדער וועלט אידעאָלאָגיש דורך פּרצעס רוחניותדיקן פאַנאַטיזם"... (ז' 38).

אין דעם אריינפיר צום בוך, אינעם פּראָגראַם־אַרטיקל „אונדזער ליטעראטור" (דאַטירט קיעוו 1922) שרייבט י. דאָברושין אָט־וואָס וועגן די דריי גרויסע יידישע שרייבער: „... די יידישע ליטעראַטור איז ביז איר לעצטן פּעריאָד אַ געטרייע נאָכגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט נאָך דער אַרומגעצאַמטער אָנמעכטיקער געזעלשאַפטלעכקייט. זי איז געוואָרן אַ ליטעראַטור אַן עמפּיריש־לירישע, אָן ברויזנדיקער פאַנטאַסטיק, אָן פאַרברייטערטער וועלט־האַנדלונג, אָן אַבסטראַקט־אַוועקגעשטעלטע אידעאָלאָגישע פראַגן... — — — אונדזער ליטעראַרישער ,האָב און גוטס' געהערט דעם אומבאַהאָלפענעם נאָענטן אַרום. פון דער יידישער אָנמעכטיקער געזעלשאַפטלעכקייט שטאַמט מענדעלעס „בנימין השלישי".... דער זעלביקער אָנמאַכט

האָט זיך דערנאָכדעם קינסטלעריש אָפּגעשפּיגלט אויף מנחם מענדלס ווירטשאַפטלעכע המצאות ביי שלום־עליכמען... — — — און ווען פּרץ, דער דיכטער פונעם אויפגעוואַכטן יידישן מאַסן־באַוואוסטזיין, האָט גע־וואָלט אַריינשפּריצן אין דער ליטעראַטור מוטיק־העלדיש בלוט, האָט ער קינסטלעריש אויפגעלעבט דעם אימפּולסיוון חסידישן קאָסמאָס. פּרצעס זוכענישער הווה, די אַרומיקע געגנוואַרט איז נאָך געווען אַרומגערינגלט מיט די חושכדיקע ווענט פון דער געטאָ־געזעלשאַפטלעכקייט...״ (ז׳ 8).

ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען אַ גאַנץ־אָריגינעלן פּרואוו צו געפינען מער קרובהשאַפט, מער נאָענטקייט ביי מענדעלען און פּרצן, וואָס טיילט זיי ביידן אויס פון שלום עליכמען. דאָס נעמלעכע באַמערקן מיר אויך ביי פיל אַנדערע פּרץ־פאַרשער, וואָס געפינען מער־געמיינזאַמס צווישן מענדעלען און פּרץ, ווי צווישן מענדעלע און שלום־עליכם.

י. דאָברושין אין זיין אַרטיקל „שלום עליכם״ (דער אַרטיקל איז דאַ־טירט 1916־1918) שרייבט: „מענדעלע און פּרץ האָבן די ווערטיקאַלע, די שטיי־ליניען פון יידישן לעבן פאַרטיפט. שלום עליכם האָט די האָריזאָנ־טאַלע גלייכע ווירעס ווייט ביז צו אַ קינסטלערישער פּערספּעקטיוו דער־צויגן. מענדעלע און פּרץ זיינען פּראָבלעמען־שרייבער און דעריבער לערער געווען. זיי האָבן באַוואוסטזיניק אויסגעטיילט די ווידעראַנאַנדן פון דורות און תקופות און געמאָלט און זיי תמיד דערפאַר דעם קולטור־יידן, געזוכט און אויסגעפאָרשט די יידישע נשמה יתירה, דאָס הייליקע פּינטעלע. שלום עליכם איז אָבער געווען דער איבערדיכטער פון דער יידישער פּשטות און, ווי אַלע פאָלקס־שאַפונגען, זיינען שלום־עליכמס ווערק אין ערגעץ נישט לערעריש. זיי פאַרבאָרגן נישט קיין שום געדאַנקלעכע פּניה, קיין פאַר־אויסגעשטעלטע עטישע אָדער פּסיכאָלאָגישע כוונה״... (ז׳ 48־49).

גאַנץ אָריגינעל איז די אויפפאַסונג פון דער פּרץ־פּערזענלעכקייט אויפן פאָן פון די איבעריקע שרייבער פון זיין דור, וואָס ס׳האָט גע־מאַכט דוד בערגעלסאָן אין דער זעלביקער צייט (אין דער פּרץ־זאַמלונג, מינסק, 1922). דוד בערגעלסאָן שרייבט אין זיין אַרטיקל „דער רעוואָלו־ציאָנערער גייסט״ (דער אַרטיקל איז מיט אייניקע ענדערונגען געדרוקט אין „ליטעראַרישע בלעטער״ 1925, נ״ב 59־50 און איז אויך פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור״, מערץ 1951):

„מענדעלע האָט אַ פרומער ייד אָפּט מיטגעפילט. ליועצקין, לי־ליענבלום האָט ער געהערט מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, וויסנדיק, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ שמדילניק, וואָס שלינגט אַראָפּ אויף צו להכעיס פאַרן טויט אַ פלוים מיט זיבן ווערעם און ווערט דערפאַר אויף יענער וועלט האָבן זיין ערלעך אויסקומעניש. שלום עליכמען האָט ער געגלויבט,

ווי אַ מערקווירדיקן לץ, וואָס זאָגט אָפּט דעם אמת, ווי אַ פּרימיטיווער שפּיגל, אין וועלכן מען קאָן אַמאָל דערזען ווי דאָס אייגענע פּנים איז אויס־געשמירט מיט סאַזשע. פּרץ אָבער איז פאַרן פרומען יידן געוואָרן אַ ממשות־דיקע פאַרקערפּערונג פון דער סטרא אחרא, אַ שטיק לוסטיקער „סמך מם", וואָס איז באַלאָדן מיט אַלע וואונדערלעכע מעגלעכקייטן און האָט קיין מורא נישט זיך אַראָפּצולאָזן אויף דער ערד אין געשטאַלט פון אַ פּשוטן בשר ודם. און שוין פאַר די ערשטע ווערק פון פּרצן האָט דער דאָזיקער ייד באַקומען די זעלבע מורא, וואָס, למשל, פאַרן ספר רזיאל המלאך—אַ ספר, אין וועלכן עס גלוסט זיך אַריינצוקוקן, נאָר עס איז פאַרבאָטן. אין דעם דאָזיקן זינען אין פּרץ ווירקלעך נישט ווייניקער פאַרפירעריש: זיין טראַ־דיציאָנעל יראים־בילד האָט געכישופט דעם פרומען יידן און אים גע־צוואונגען זיך גליטשן און אריינפאלן אין אַ צוגעגרייטן כפירה־אָפּגרונט" (דוד בערגעלסאָן — „י. ל. פּרץ און די חסידישע אידעאָלאָגיע", „ליט. בל." 1925, נ' 49־50, ז' 3).

„קיינער פון יידישע שרייבער, — זאָגט ד. בערגעלסאָן, — האָט אפשר נישט געהאַט צו טאָן מיט אַזוי פיל ריין־ערדישע און ערדיש־גייסטיקע פּראָבלעמען ווי אַט־דער אומרואיקער גייסט — פּרץ.

„פּרץ קאָן מען זאָגן, האָט אויסגענוצט אַלע אוצרות פון דער חסידיש־פאַנטאַסטישער וועלט, כדי צו פאַרוואַנדלען דורך זיי דעם יידיש־גייסטלעכן הימל אין א בענקעלע ביי דער מאַטעריאַליסטישער ערדס־פוס. אין דעם זינען איז פּרץ געווען עכט רעוואָלוציאָנעריש — ער האָט געשפּייזט דעם הימל מיט ריין־ערדישע שפּייז, און אז דעם הימל האָט זיך איינמאָל פאַר־וואָלט אַ מתנה, האָט ער אים געבראַכט דריי געציילטע טראָפּן געווייינלעכע מענטשישע ליידן" („יידישע קולטור", מערץ, 1951, ז"ז 13־14).

גאָר אַנדערש פּאַסט אויף פּרצן און זיין אָרט אין דער נייער יידישער ליטעראַטור פון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע משה ליטוואַקאָוו (1880־?) — איין צייט דער טעאָרעטיקער און ריכטליניעס־אָנצייכענער פון דער ליטעראַטור און אירע אויפגאַבעס. משה ליטוואַקאָוו האָט באַזונדערס אינ־טערעסירט די ראָלע פון דער ירושה אין דער יידישער ליטעראַטור און ממילא — די ראָלע פון פּרצן און זיינע ווערק פאַרן רעוואָלוציאָנערן יידישן שאַפן. משה ליטוואַקאָוו איז, ווי באַקאַנט, געווען דער „שמאי", דער ביי־זער רב, דער קנאי, און פאַר אים זיינען נישט געווען קיין סענטימענטן. זיין אָפּהאַנדלונג „י. ל. פּרץ" (דאַטירט מערץ 1925), וואָס איז אַ סך מער אַן איבערשאַצונג איידער אַן אָפּשאַצונג פון פּרצן, וועמען די גאַנצע גרופּע יונגע שרייבער פון קיעוו און מאָסקווע האָט שטאַרק פאַרערט און פאַרהער־לעכט, — הויבט זיך אָן מיט אַט־די שניידיקע ווערטער: „פּרץ איז א האַר־

בע פּראָבלעם אין אונדזער ליטעראַטור... א דיכטער, וואָס האָט געהערשט איבער אַ גאַנצן דור לעזער און שרייבער, — און דאָך איז זיין איינפלוס אַזוי גיך און אַזוי אומבאַמערקט צעפלאָסן געוואָרן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין באַשטימטן אָפּזאַץ נישט פאַרן נייעם שרייבער און נישט פאַרן נייעם לעזער״. און אַט ווי מ. ליטוואַקאָוו נעמט אויף פּרצן אין פאַרבינדונג מיט מענדעלע און שלום־עליכם: „מענדעלע האָט אין זיין שאַפונג אויס־געדריקט דעם אומרו פונעם פאַטריאַרכאַלן יידישן כלל ערב זיין צעפאַלן ווערן אונטער די קלעפּ פונעם קומענדיקן קאַפּיטאַליזם. שלום עליכם — דאָס איז דער אויסדרוק פון דער וואַיוועטר בהלה פונעם קליינבירגערלעכן יידישן המון צוליב די משונהדיקע „נסים״ און „פּאַטעפּאַלנאָסטן״ פונעם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט איינגעריסן אין דער יידי־שער סביבה. פּרץ — דאָס איז שוין די מאַניפעסטאַציע פון דער דיפערענ־צירטער יידישער בורזשואַזער פערזענלעכקייט, וואָס, אָקאָרשט אויפגע־קומען, געפינט זי זיך שוין אונטער דער אויסווירקונג פון צוג־ווינטן, וואָס בלאָזן פון פאַרשיידענע אַזוי איבערפלאַכטענע עפּאָכן: פאַרצויגענער יידי־שער מיטלאַלטער, טריאומפירנדיקער קאַפּיטאַליזם און אויפקומענדיקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג״ (ז״ז 34־35).

מיט עטלעכע זייטן ווייטער ווייזט אָן ליטוואַקאָוו אויף פּרצעס באַ־זונדערע אייגנשאַפטן, אויף זיינע זוכענישן און דערגרייכונגען און ער גיט צו, אַז „פּרץ איז געווען דער ערשטער און גרעסטער אינטעלעקט אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. אונדזערע שרייבער זיינען געווען, און מערסטנטייל זיינען זיי נאָך עד־היום, אָדער סטיכישע פאָלקס־מענטשן אָדער קליינבירגערלעכע האַלב־אינטעליגענטן. אָדער זיי זיינען נישט גע־ווען גייסטיק בכוח צו באַזינען און דערהויבן צו דער מדרגה פון אידייען דאָס, וואָס אין זיי האָט גערעדט די סטיכיע, אָדער זיי האָבן אונדז אונטער־געטראָגן האַלב־אינטעליגענטישע סוראָגאַטן פון אידייען און געדאַנקען... פּרץ איז דער ערשטער מאָדערנער אינטעלעקט אין אונדזער ליטעראַטור. ער איז געווען דער עיקר אַן אידייען־שרייבער. אמת, ער האָט געבלאָנדזשעט און איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. אָבער אין זיין בלאָנדזשען גופא האָט ער געשטעלט פּראָבלעמען...״ (ז׳ 43).

7

מיט די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון פּרצן, וואָס טיילט אים אויס פון די צוויי אַנדערע צוויי גרויסע שרייבער — מענדעלע מו״ס און שלום עליכם, האָט זיך ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אין לויף פון פיל יאָרן פאַרנומען ש. ניגער.

מיר וועלן אַרויסנעמען אייניקע אויסצוגן פון דאָ און דאָרטן. אין איין אָרט שרייבט ש. ניגער: „עס זיינען נישטאָ קיין גרעסערע צוויי קאָנטראַסטן ווי דער מענדעלע־נוסח און דער פּרץ־סטיל, כאָטש עס זיינען דאָ צווישן זיי אויך ענלעכקייטן. מענדעלעס סטיל שטאַמט פון דער פאָלקס־טראַדיציע און דערנאָך ערשט פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט. פּרצעס — קומט פון אים אַליין...״ און ווייטער: „פּרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די אידייע פון אינדיווידואַליטעט, אָבער פריער פאַר אַלץ האָט ער דעם יידישן וואָרט געגעבן זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט, און ער האָט זיי געגעבן, אָפּגעגעבן אינגאַנצן אָן קיין שום רעשטל, און דירעקט, אָן קיין שום פאַרמיטלונג, און אָפן, אָן קיין שום פאַרבאַהעלטעניש. אַזוי ווי ער איז געווען אין דערווירקלעכקייט, „ווי ער שטייט און גייט״, איז ער אריין אין דער יידישער ליטעראַטור. בעת אבראַמאָוויטש האָט זיין נאָמען אפילו פאַרשטעלט, באַהאַלטן, אַזוי ווי אַ פּריוואַטער נאָמען זאָל פאַר ליטעראַטור זיין צו... פּריוואַט, האָט פּרץ גלייך געזאָגט ווען ער איז: י. ל. פּרץ״ („דערציילער און ראָמאַניסטן״, נ״י, 1946, ז״ז 171־172).

אין זיין מאָנאָגראַפיע „מענדעלע מוכר ספרים״ (שיקאַגאָ 1936) שרייבט ש. ניגער צווישן אַנדערן: „שלום עליכם און פּרץ, ווערן, אינאיינעם מיט מענדעלען, באַטראַכט פאַר די הויפּט־בויער פון אונדזער נייעם ליטעראַרישן בנין אין 19טן י״ה. איז גאָר באַזונדערס וויכטיק קלאָר צו מאַכן נישט נאָר דעם חלק, וואָס יעדער פון דעם גרויסן ,מזומן׳ האָט אַריינגעלייגט אין דער נייער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך די שייכות, וואָס זיי האָבן געהאַט צווישן זיך... — — — יעדער פון זיי האָט אין אונדזער ליטעראַרישן און אַלגעמיין־גייסטיקן לעבן אַריינגעבראַכט גרונטאָוונע ווערטן. יעדער פון זיי איז אַ פונדאַמענט־לייגער, נישט סתם אַזוי אַ בויער; יעדערער האָט דעם יידישן ליטעראַטור־בנין געהאָלפן וואַקסן — אָדער אין דער טיף (מענדעלע) אָדער אין דער ברייט (שלום עליכם) אָדער אין דער הויך (פּרץ). מענדעלע האָט פאַר דעם יידישהעברעאישן וואָרט געעפנט דעם קוואַל פון אָפּגעפרישטער קולטור־טראַדיציע; שלום עליכם האָט געפונען דעם פאָלקס־קוואַל; פּרץ — דער מקור פון דער פּערזענלעכקייט...״ (ז׳ 261).

און ווי איז דאָס יידישע לעבן, דער לעבנס־שטייגער געגעבן דורך די דריי יידישע קלאַסיקער? „... מענדעלע, — שרייבט ניגער, — האָט אונדז געגעבן קאַבצאַנסק (און דאָס גאַנצע יידישע לעבן), ווען עס איז געווען נאָך פעסט איינגעפונדעוועט, טיף פאַרוואָרצלט. שלום עליכם האָט דאָס זעלבע קאַבצאַנסק (קאַסרילעווקע) געשילדערט, ווען עס האָט זיך

געריִרט פון אָרט, גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין און לויפן הענדום־פּענ־דום קיין יעהופּעץ, אין דער גרויסער שטאָט אַריין. פּרץ איז שוין פול מיט דעם אימפּעט, מיט דער דינאַמיק פון דעם עצם גרויסשטעטישקייט... —

— — מענדעלע האָט געלערנט די יידישע ליטעראַטור צונויפגעוואַקסן ווערן מיט אונדזער געשיכטע, בעת שלום עליכם האָט זי באַהעפט מיט אונדזער געגנוואַרט און פּרץ האָט געוועקט אין איר בענקשאַפט נאָך דער צוקונפט...״ (ז׳ 262).

און ווי אַנדערש עס איז דער מענדעלע־נוסח פונעם פּרץ־סטיל: „פּרצעס סטיל איז באַוועגלעך, דינאַמיש, בעת מענדעלעס נוסח האָט אין זיך עפּעס פעסט אָוועקגעשטעלטס. שיער נישט פאַרגליווערטס... — — — בײַ מענדעלען איז יידיש אַ קונסט־ווערק. מענדעלע האָט אונדזער שפּראַך געמאַכט קונסט־פּײאיק, פּרץ — קאַמפּס־פּײאיק״ (ז׳ 275).

און אַזוי זוכט ש. ניגער די גרינטלעכע אונטערשיידן, וואָס זיינען דאָ צווישן מענדעלען און פּרצן: „אין זייער גאַנצן שאַפן און אין זייערע עצם פּערזענלעכקייטן איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט זיי אומענדלעך פאַרשיידן... — — — מענדעלע האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטן, פּרץ איז געווען ,אייביק יונג׳... — — — מענדעלע האָט אויפגעהיט די געלאַסנקייט פון זיין טיפּיש־קינסטלערישן ריטם; ער האָט אויפגעהאַלטן די נוסחדיקייט, די סטאַביליטעט פון זיין שריפטשטעלערישער פּערזענלעכ־קייט. פּרצן ווידער האָבן די שטילע קינסטלערישע צילן פון זיין עפּאָכע, דער עפּאָכע פון ,חסידיש׳ און ,פאָלקסטימלעכע געשיכטן׳ נישט געשטערט צו קהלן זיך, צו קאָכן זיך, צו זיין ענטוזיאַסטיש און צו לעבן אין אייביקן גע־ראַנגל מיט זיך אַליין...״

אָבער נישט נאָר זיינען דאָ אונטערשיידן צווישן מענדעלע און פּרץ. עס איז דאָ אַ מאָמענט, וואָס מאַכט פּרצן נעענטער צו מענדעלען, ווי צו שלום עליכמען. „מענדעלע, — זאָגט ש. ניגער, — האָט ענלעך צו פּרצן און להיפּוך פון שלום עליכמען, אינזינען געהאַט דעם מער אינטעליגענטן עולם און נישט דווקא ,עמך׳... מענדעלע האָט, אַזוי ווי פּרץ, געזוכט אַן אויס־דרוק פאַר דער קולטור־טראַדיציע פון דעם יידישן פאָלק; ער האָט זיך נישט באַגנוגנט, ווי שלום עליכם, מיט דער פאָלקס־טראַדיציע פון דער יידישער קולטור״ (ז׳ 284).

נישט אַלעמאָל און נישט בײַ אַלעמען, וואָס האָבן געמאַכט פאַרגלייכן צווישן מענדעלע־שלום עליכם פון איין זייט און פּרצן פון דער אַנדערער זייט, איז דער פאַרגלייך אויסגעקומען לטובת פּרצן, ווען מ׳האָט גע־שטעלט העכער, „אויב נישט נאָך העכער״. פאַרשיידענע יידישע שרייבער, בײַם פאַרגלייכן פּרצן מיט זיינע צוויי מיט־קלאַסיקער, האָבן גאָר דערבײַ

אונטערגעשטראָכן פּרצעס הינטערשטעליקייט לגבי זיינע צוויי גרויסע מיטצייטלער.

מיר ווילן דאָ ווייטער ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון אייניקע יידישע שרייבער, וואָס יעדער איינער אויף זיין אייגענעם שטייגער און פון זיין שטאַנדפּונקט באַמיט זיך אין דער אַנאַלאָגיע צו באַווייזן ווי פּרץ פאַר־מאָגט נישט די גרויסע מעלות וואָס עס האָבן פאַרמאָגט מענדעלע און שלום עליכם.

ראובן בריינין [1862־1939] אין אַ לענגערן אַרטיקל („דער טאָג״, אַפּריל 1924) שטעלט זיך אָפּ אויף דער פּרץ־פּערזענלעכקייט און מאַכט דערביי אַזאַ פאַרגלייך צווישן אים און מענדעלע און שלום עליכם:

„...מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם האָבן זיך שטענדיק געגעבן דער וועלט און דער ליטעראַטור ווי זיי זיינען געווען, יעדער אין זיין אַרט, אָריגינעל, אייגנאַרטיק. זיי האָבן זיך נישט געלאָזן באַאיינפלוסן פון קיין שרייבער, פון קיין ליטעראַטור־מאָדע, פון קיין פּאַרטיי, פון קיין מאָמענט־שטימונג. זיי האָבן געשעפּט פון אינעווייניק, זיי זיינען געוואַקסן פון אי־נעווייניק. מענדעלע און שלום עליכם האָבן געהאַט זייער אייגענע ליניע, זייער לעבנס־ריטם״. גאָר אַנדערש איז אין בריינינס אויגן פּרץ: „פּרץ האָט זיך שטענדיק באַמיט צו שיינען, צו איבערראַשן אַלס דער יינגסטער, פרישסטער, מאָדערנסטער״. לויט בריינינען קומט אויס, אַז דער אייביקער דראַנג פון פּרצן איז נישט געווען קיין נאַטירלעכער, נאָר אַ געמאַכטער, די איינפלוסן האָט ער אויפגענומען אין זיך נישט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, נאָר אויבערפלעכלעך, כדי עמיצן צו געפעלן, צו אימפּאָנירן, צו איבער־ראַשן. „יעדע ליטעראַרישע שטרעמונג, — שרייבט ר. בריינין, — יעדע ליטעראַרישע מאָדע, יעדעס בוך, וואָס ער האָט געלייענט אָדער געבלע־טערט (צו גרינטלעכקייט האָט אים געפעלט קאָנצענטרירונג), האָט אים באַאיינפלוסט״.

און אָט האָבן מיר אַ מערקווירדיקע אָפּהאַנדלונג, וואָס קומט פון ד״ר א. קאַראַלניקס (1883־1937) פעדער. אַ מענטש פון אַ קאַפּריזנעם און ראַפינירטן אַרט דענקען און שרייבן, וואָס האָט געהאַלטן אין איבערראַשן דעם לייענער (און זיך אַליין) מיט אָריגינעלקייט און קוריאָזקייט, האָט אַמאָל, ביי אַ געלעגנהייט, גענומען אָפּצושאַצן פּרצן. ער דערציילט וועגן דעם אויף אַ פעליעטאָניסטישן שטייגער. אין אַן אַרטיקל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די גאָלדענע רוט״ (פאַרעפנטלעכט אין „טאָג״) דערציילט ער, אַז ער האָט פּרצעס ווערק אַ צייט לאַנג נישט געלייענט, און דאָס וואָס ער זאָגט און צו די אויספירן צו וועלכע ער קומט, מאַכט ער אויף דעם סמך פון אַמאָליקע איינדרוקן, וואָס זיינען ביי אים פאַרבליבן פון פּרצעס שאַ־

פונגען, און עס איז דערביי געווען אַ גאַנץ־טשיקאַווע מעשה: מען האָט אים, ד״ר א. קאַראַלניק, פאַרבעטן פון מעקסיקע צו האַלטן רעפעראַטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור. עס זיינען פאַרבליבן אַ פּאָר וואָכן ביז צו דער רייזע, און ד״ר קאַראַלניק איז דאָך נישט שולדיק, וואָס דאָס אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן פון אים — ער האָט דאָך פּרצעס ווערק שוין לאַנג נישט געלייענט!

איז ער אָבער געווען פאַרנומען, ווי ער גופא דערציילט אָפנהאַרציק, מיט פאַרשיידענע קלייניקייטן און דערצו האָט ער גאָר קיין חשק נישט געהאַט אוועקצוזעצן זיך און לייענען די ווערק פון די יידישע שרייבער, וואָס ער האָט באַדאַרפט וועגן זיי רעדן פאַרן עולם. און ד״ר א. קאַראַלניק שרייבט: „... און אָט מוז איך רעדן וועגן פּרצן. איך הויב אָן דורכצוטראַכטן אַלצדינג, וואָס איך האָב געלייענט פון אים, אויפוועקן אויפסניי דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף מיר, אַזוי צו זאָגן, איבערלייענען אויסנווייניק זיינע ווערק. און מערקווירדיק, — זאָגט ד״ר קאַראַלניק, — עס איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ מין באַגלייט־מאָטיוו דער פידלטאָן, אַזוי ווייך, ביטער־זיס און פאַרבויגן, דער אָנהויב אומבאַשטימט, און דער לעצטער טאָן, דער פאַרענדיקנדיקער, אויך נישט קיין סוף. די סטרונע ציטערט נאָך אַלץ״.

און ווייטער שמועסט זיך אַזוי ד״ר א. קאַראַלניק: „ווען איך האָב געטראַכט פון מענדעלען, זיינען פאַר מיר געשטאַנען קאָנקרעטע פיגורן און שטיין־געהאַקטע געשטאַלטן. שלום עליכם — אַ לאַנגע גאַלעריע פון בילדער, אָפט גאָר קאַריקאַטורן אין דעם סטיל פון האָגאַרט, דאָמיע אָדער פאַרען. מאַסן־סצענעס, מאַרק־געדרענג. און צווישן זיי, צווישן די אַלע שאַרף־סקיצירטע פיגורן, עטלעכע טיפּישע געשטאַלטן, מנחם מענדל, טביה א. אַז. וו. — — — איך האָב זיך (אָבער) געפּרואווט דערמאָנען אין איין לעבעדיקער, ממשותדיקער, רעאַליסטיש געצייכנטער פיגור ביי י.ל. פּרץ, זיי זיינען אַלע צעשוואומען געוואָרן פאַר מיינע אויגן אין דער לאַנדשאַפט, אין דער בלוי־לופטיקער אַטמאָספערע, אין אַן אַטמאָספערע וואָס רינגלט אַרום, וויקלט איין אָבער איז אין זיך אַליין נישט רעאַליטעט: אַ מין אויפלייזונג פון דעם לעבן איז זיינע פאַרב־ און טאָן־עלעמענטן. און ביי דער אויפלייזונג געבליבן״.

פון ד״ר א. קאַראַלניקס זכרון זיינען לחלוטין פאַרשוואונדן פּרצעס צענדליקער טרעפלעכע, רעאַלע און רעאַליסטישע דערציילונגען פונעם יידישן לעבן, מיט זייערע ממשותדיקע קאָנקרעטע פיגורן, מיט די פאַרשיידענע טיפּן פון מענער און פרויען און אויך די פּרעכטיקע פּרצישע שילדערונגען פון יידישע שטעטלעך און פון דער רעאַלער שטאָט וואַרשע.

8

ווי ביי פיל וויכטיקע יידישע שרייבער, איז אויך ביי מ. אָלגין געווען אין פאַרשיידענע צייטן אַ פאַרשיידענע באַציאונג צו פּרצן און צו זיין שאַפן. אין אַן אַרטיקל וועגן שלום־עליכם (געשריבן אין 1936, איבערגעדרוקט אין זיין בוך „קולטור און פאָלק", ניו־יאָרק, 1949), רעדט מ. אָלגין וועגן די דריי קלאַסיקער. ער מאַכט דערביי אַן אייליקן פאַר־גלייך צווישן זיי און ער פירט אויס: „צווישן די יידישע קלאַסיקער איז שלום־עליכם — דער באַליבסטער. אים האָט געלייענט אַ סך אַ ברייטערע מאַסע איידער פּרצן אָדער אפילו מענדעלע מו"ס. ער איז איצט אויך איינגעבאַקן אין האַרצן גרעסערע מיליאָנען פאָלקס־מענטשן, איידער די אַנדערע צוויי פון דער גרויסער „טרויקע" (דער דריילינג). יענע האָט מען אפשר מער געשעצט, מיט אים האָט מען זיך מער געקוויקט. יענע זיינען געקומען פון אויבן, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ טייטל און מיט אַ מיין, כאָטש נישט אַלעמאָל האָבן זיי בפירוש געזאָגט וואָס זיי זיינען אויסן... — — מענדעלע מו"ס איז אַרומגעפאָרן בכל תפוצות ישראל מיט אַביידל, אָבער זיצנדיק אויף זיין קעלניע האָט ער אַרויסגעשטעקט מיט עטלעכע קעפּ העכער פון דער מאַסע. פּרץ האָט קיינמאָל נישט געקאָנט — און נישט געוואָלט — אָפּווישן פון זיינע ווערק דעם שטעמפּל פון קאַבינעט, פון אינטעליגענטישער קאָפּ־אַרבעט" (ז"ז 170־171).

אַז מ. אָלגין האָט אַנדערש, טיפער און ברייטער, אויפגעפאַסט פּרצן און באַגריפן פּרצעס גרויסע געראַנגלענישן און שטרייטן אויף דער יידישער גאַס און צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן, — דאָס זעען מיר פון זיינעם אַן אַמאָליקן אַרטיקל „פּרץ דער ליריקער" („צוקונפט", 1915), איבערגעדרוקט אין זיין „אין דער וועלט פון געזאַנגען" און לעצטנס — אין בוך „קולטור און פאָלק" (1949). מ. אָלגין שרייבט: „פּרץ איז געווען צו רייך מיט בילדער, געדאַנקען, שטימונגען, זוכענישן, זיין גייסט האָט צו שטאַרק געפלאַקערט אַלע צייטן, אַז ער זאָל קאָנען בלייבן אין ראַמען".

מעגלעך, אַז צווישן זיינע פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס זיינען צע־וואָרפן איבער די פאַרשיידנסטע צייטונגען, זיינען אפשר דאָ מער גרינטלעכע אַרבעטן ביי מ. אָלגין וועגן פּרצן, דעם גרויסן קינסטלער, דעם פּאַרפאַסער פון די הונדערטער דערציילונגען, וואָס קומען פון סאַמע געדיכטעניש פונעם יידישן לעבן, וואָס זיינען אַ פּועל־יוצא פון די קאַמפן אינעם פאָלקס־און־אַרבעטער־לעבן און ווייט־נישט קיין פּראָדוקט פון „אינטעליגענטישער קאָפּ־אַרבעט"", אויף וועלכע עס ליגט דער „שטעמ־פּעל פון קאַבינעט..."

און אַ סימן: אין מ. אַלגינס רעפעראַט „אויפן ברייטן וועג״ (גע־האַלטן אויף דער פייערלעכער דערעפענונג־זיצונג פון דער לאַנד־קאָנ־פערענץ דעם 8טן אויגוסט, 1937, איבערגעדרוקט אין בוך „קולטור און פאָלק״) האָבן מיר וואָגיקע געדאַנקען און ערנסטע באַצייכענונגען וועגן „דער טראַדיציע פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור, ווי זי — אָט־די טראַדיציע — איז פאַרקעפערט אין די ווערק פון מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט (צו) באַווירקן די יידישע ליטעראַטור״. דאָרטן ווערט אויך גערעדט וועגן דעם ברייטן וועג פון די קלאַסיקער, וואָס „זיינען געשטאַנען אינעם ענגסטן, אינטימסטן קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן, מיטן פאָלק. זיי האָבן אין זיך אַריינגענומען דאָס פאָלק, די דערפאַרונגען פונעם גאַנצן פאָלק־שן קאָלעקטיוו. און זיי האָבן דעריבער געקאָנט זאָגן: ,דאָס פאָלק — דאָס בין איך״... (ז׳ 41).

אינעם זעלבן רעפעראַט־אַרטיקל „אויפן ברייטן וועג״ רעדט מ. אַל־גין וועגן דער פלעיאַדע קלאַסיקער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, די דיכ־טער ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, און ער זאָגט, אַז זיי זיינען ענלעך צו מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ, און „זייער ענ־לעכקייט באַשטייט אין נאָענטקייט צום פאָלק — ווי זיי האָבן עס גע־פונען אין די פאַראייניקטע שטאַטן — און רעדן פאַרן גאַנצן פאָלקס־קאָלעקטיוו, און פילן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אים, און קוקן אויף דער ליטעראַטור ווי אויף אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער פונקציע״. ווי מיר זעען, גייט דאָ פרץ ביי מ. אַלגין צוזאַמען מיט די איבעריקע צוויי קלאַסיקער, מענדעלע און שלום־עליכם.

און איצט — ווייטער. לאָמיר זען, ווי יעדער איינער פון די שפּע־טערדיקע שרייבער, וואָס קומט רעדן וועגן די גרונט־יסודות פון דער יידישע ליטעראַטור און וועגן אירע גרונט־לייגער, האַלט פאַר נויטיק צו ציען פּאַראַלעלן צווישן די דריי גרויסע שרייבער און דערביי באַטאָנט מען דאָס באַזונדערע און ספּעציפישע, וואָס פרץ האָט פאַרמאָגט און וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור. און דערביי איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז פרץ וואַקסט שוין אַרויס אַלץ העכער און שאַרפער פון די אַנדערע צוויי קלאַסיקער.

פרץ גופא, ווי מיר האָבן שוין אַפריער געזען, האָט גוט באַגריפן זיין אַנדערשדיקייט אין דער יידישער ליטעראַטור. נחום אויסלענדער אין זיין בוך „גרונט־שטריכן פון יידישן רעאַליזם״ (ווילנע 1928) האָט איבערגעגעבן אין נאָמען פון בעל־מחשבות, אַז „אין די לעצטע יאָרן פלעגט פרץ מיט גרויס באַגייסטערונג אַנטוויקלען דעם געדאַנק, אַז מיר האָבן נאָך נישט קיין ריכטיקע יידישע ליטעראַטור. זי איז אינגאַנצן

דורכגעדרונגען מיט דעם ארישן אינהאַלט, אַנגעהויבן פון אונדזערע געדאַנקען, ביז צו דער פאָרם. אַ נייע פאָרם מוז געשאַפן ווערן, אַ יידישע, אַזוינע, וואָס וועט און קאָן נישט ענלעך זיין צו זייערע..." און נ. אויסלענדער זאָגט: „מענדעלעס „חולשה" (שוואַכקייט), די ליבע צום פלאַסטישן מאָלן, די ליבע צום גרעזעלע, צום רייזעלע, צום פייגעלע — דאָס האָט פרץ נישט. פרץ פאַרמאָגט נישט מענדעלעס פעאיקייט צו קוקן דעם פאַקט אין די אויגן..." און ווייטער: „פרץ האָט געמאַכט דעם יידישן רעאַליזם טראַגיש, ער האָט אָנגעהויבן דאָרט, וואו מענדעלעס פרימיטיווע זשאַנר־קונסט האָט זיך אָפּגעשטעלט. צו מענדעלעס מיטל פון מאַסנבילדער און יחיד־האַנדלונגען האָט פרץ צוגעגעבן די טראַגישע קאָנפליקטן און, ווער ווייסט, אפשר איז אין דעם באַשטאַנען דער זינען פון דער „ריכטיקער יידישער ליטעראַטור", ווי פרץ האָט זי זיך אויסגעמאָלט... — — — — די דינאַמישקייט פונעם יידישן וואָרט, די באַטאָנונג, וואָס לאָזט הערן ערגעץ באַהאַלטענע רמזים, די עפּיגראַמאַטישע אָפּגעטאָקטקייט — אָט־די אַלע אייגנשאַפטן פון דער געוויינלעכער פרץ־שפּראַך ווערן דאָ פאַרטאָפּלט".

„פרץ — שרייבט נ. אויסלענדער — ,נאַטוראַליזירט' נישט די דערשיינונג אויף מענדעלעס שטייגער. נאָר ער ווענדט דערביי אָן אַ באַשטימטע נייע קריטעריע, זוכט דעם ,אינערלעכן אינהאַלט' פון די דערשיינונגען, זייער ,באַציאונג און אָפּהענגיקייט פון דער נשמה פון דער וועלט'..." נ. אויסלענדער ציטירט דאָ די ווערטער, די באַצייכענונג פון פרצן גופא וועגן די קינסטלערישע אויפגאַבעס פון אַ קינסטלער. פרץ שרייבט אין איין אָרט: „דאָס קינסטלער־אויג זעט דיווירקלעכקייט נישט אַזוי, ווי זי איז, נאָר פיל ווירקלעכער, וואָרום ער זעט איר אינערלעכן אינהאַלט, איר באַציאונג און אָפּהענגיקייט פון דער נשמה פון דער וועלט."

און נ. אויסלענדער פירט אויס: „דערהייבן דורך פרצן ביז צו אוניווערסאַלע מאַסשטאַבן, האָט דער יידישער רעאַליזם דערגרייכט אַדאַנק דער אינטואיציע פון פרצעס ווילן, צו דער טראַגישער קונסט, וועס איז געווען ניט צו דערגרייכן מענדעלען. פרצעס שאַפונג איז דערפאַר געוואָרן אַן אָנזאָג פון קומענדיקע קונסט־דערגרייכונגען, אַן אָנזאָג אויף די קומענדיקע דערגרייכונגען פון אונדזער נייעם רעאַליסטישן קולטור־נוסח."

דער פאַרשטאָרבענער שרייבער, דער ענטוזיאַסט פון דער ידישער ליטעראַטור און דער כסדרדיקע מאָנער פון גרויסע גאולה־ און משיח־שליחותן פאַר איר, ב. ריווקין (1883־1945), ווערט אָנגעצונדן מיט פלאַם־פייער, ווען אים קומט אויס צו רעדן וועגן פרצן.

מיר ווילן אים לאָזן רעדן אין זיין דערהויבענער, אָפּט־מליצהדיקער

שפראַך: „י. ל. פרץ, — שרייבט ב. ריווקין — האָט די ביידע טענדענ־צען (די גרויס־תכליתדיקע און כמו־טעריטאָריעלע — נ. מ.) אויפגע־כאַפּט און זיי פאַרטיפט און פאַרברייטערט. לכתחילה אַן איבעריקן גלויבן אין דער שפראַך, האָט דאָס תכליתדיקע פאַרנומען דעם אויבנאַן אין זיין אויפמערקזאַמקייט, אַזוי ווי ביי מענדעלען און שלום־עליכמען. און ווידער אַמאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט. אַז דער בעל־תכלית האָט אַרויסגעפירט דעם קינסטלער אויף דער אַרענע; און פרץ דער קינסטלער האָט זיך אַנגעלאָדן אַלץ־מער מיט יידישן ליטעראַטור־אינטערעס, מיט באַ־רופס־באַוואוסטזיין פאַר דער יידישער ליטעראַטור — ביז צו אַ העכערן גראַד ווי מענדעלע און שלום־עליכם. ווייל אין א גינסטיקער סיטואַציע ווי די ערשטע צוויי פּיאָנערן". „פרץ — שרייבט ווייטער ב. ריווקין, — האָט געהאַט פאַר זיך אַן אויפגעוועקטערן פאָלקס־מענטשן, ווי שלום־עליכם, און ווי מענדעלע אוודאי — אַ פאָלקס־מענטשן וועמען עס איז ניט נאָר טשיקאַווע געווען צו קע־נען זיך און די וועלט, און די ליטעראַטור האָט אים געדאַרפט דינען פאַר אַן אויגן עפענער, נאָר ער האָט זיך שוין געגרייט צו אַקציע און האָט גע־מאָנט דערמוטיקונג צו אַקציע. עס האָט זיך שוין אויסגעטיילט דער אַר־בעטס־מענטש, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון מחשבה למעשה (פון געדאַנק צו טאַט — נ. מ.). אַן ארבעטער באַוועגונג האָט זיך אויסגעפורעמט, וואָס האָט זיך אַנגענומען מיט אַלץ־מער כוח, מוט און אַקטיוויטעט: די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַריינגעצויגן אין זיך אַ פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס לעבט איין האַרץ און איין שפראַך מיט דער מאַסע; און די אינטע־ליגענץ האָט באַרעדעוודיק און בקול רם געמומען מאָנען פון דער ליטע־ראַטור — אין נאָמען פון דער אַרבעטערשאַפט — הילף אין איר דרייס־טען קאַמף־פּאַרמעסט, און אין אייגענעם נאָמען: די מעגלעכקייט פול אויסצולעבן זיך אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַלע אירע אידייען, געפילן און צילן" (ב. ריווקין — „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", ניו־יאָרק, 1948, ז״ז 16־17).

ב. ריווקין שטעלט זיך אָפּ אויף דעם מהות פון פרצן, וואָס פאַר־מאָגט אין זיך און וואָס מאָנט ביי אַנדערע דעם נביאישן פּאַטאָס: „פרץ איז געווען דער ערשטער אויפצוהייבן פּראָבלעם־פראַגן וועגן דער יידי־שער גרויס־תכליתדיקייט, דעם נביאיש־עטישן פּאַטאָס, פון וועלכן פרץ אַליין איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער רעפּרעזענטאַנט. אין דער פריי־ער גריכיש־קינסטלערישער סטיכיע, צו וועלכער ער, ווי אַ נאָר־וואָס פאַרליבטער אין קונסט, האָט זיך געפילט גאַנץ שטאַרק געצויגן, דער דיכטער־קינסטלער קאָנטראַסט, ווי דאָס פּראָבלעם האָט ביי פרצן זיך אויספאָרמולירט..." (ז' 21).

און מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים התלהבות און חריפיש־קייט, וואַרפט ב. ריווקין אַן די אייגנאַרטיקע פּרץ־מאָטיוון און פּרץ־שטרי־כען, וואָס ער, ריווקין, דרינגט אַרויס אויף זיין למדנישן פּילפּולדיקן שטייגער: „פּרץ, — שרייבט ער, — האָט געגומען אַקטיווזירן די טעריטאָריע של מעלה, ציען פּעולה פאַרן היינט פון דער כנסת־ישראלדיקער איינשטעלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך באַנוגענען מיט מענדעלעס צוזאָג דורך בנימינען: — וואַרט אָקאָרשט, מיר וועלן נאָך האָבן מיט וואָס צו ווייזן זיך פאַר דער וועלט! — און אפילו נישט מיט שלום־עליכמס שטאַרקן צוזאָג דורך מנחם מענדל און טביה, אַז מיר וועלן נאָך האָבן וואָס צו געבן דער וועלט. פּרץ האָט געוואָלט דעם צוזאָג בפועל ממש מקיים זיין — אָנ־ווייזן און אָנזאָגן געגוי וואָס מיר האָבן צו געבן און וואָס מיר האָבן צו טאָן אין דער וועלט!״

ב. ריווקין ברענגט אַרויס די אַנדערשקייט און אייגנאַרטיקייט פון פּרצן, ווען ער פאַרגלייכט זיינע הויפּט־עלעמענטן מיט מענדעלעס און שלום־עליכמס. ב. ריווקין שטעלט זיך אָפּ אויף דעם כסדרדיקן געראַנגל ביי פּרצן צווישן די עכט־און־טיף־יידישע מאָטיוון מיט די אוניווערסאַלע: „פּרץ האָט אויפדאָסניי זיך אָנגעשטויסן אויף דער סתירה צווישן יידיש־נביאישן און גויאיש־ליטעראַרישן שאַפונגס־מעטאָד — ער האָט זי פיל שאַרפער און באַוואוסטזיניקער געפילט ווי מענדעלע אין זיין פאַרגעפיל — די סתירה צווישן מאָראַלישער באַווירקונג און עסטעטישער באַטראַכטונג. דאָס פּראָבלעם פון יידישער און גויאישער קונסט האָלט אים כסדר באַשעפטיקט — אויב יאָ ליטעראַטור ביי יידן, דאַרף זי זיין גאָר אַן אייגנאַרטיקע, אַ סינטעז פון צוויי קונסט־פאָרמען, פאַר אַ ספּעציעלער ראָלע — פאַר אַ כמו־טעריטאָריעלער ראָלע, וועל איך צוגעבן״.

און דאָס, גיט צו ב. ריווקין, זעט מען באַזונדער אין פּרצעס שפּראַך און סטיל, וואָס איז אַנדערש ווי די שפּראַך און סטיל פון מענדעלע און שלום־עליכם: „זיין סטיל זאָגט עדות אין אים: עס איז נישט דער אײַבערגענומענער לשון פון פאָלקס־מויל, ווי ביי שלום־עליכם, נאָר עס איז דער יחידישער לשון פון אַ זוכער פון נייע מיטלען צו דערלאַנגען ליטעראַטור. אַ זוכער איז ער געווען. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין מאָדערנער קונסט־פאָרם צו דער אַנדערער, איבערגעגאַנגען פאַרשיידענע פּרעמדע ווענן ביז ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם כמו־טעריטאָריעטראַקט — און איז באַגליקט געוואָרן...״ (ב. ריווקין, „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור״, 1948, ז״ז 156־155).

אין אַן אַנדערן אָרט (אין אַן אַרטיקל וועגן ל. שאַפּיראָ, „צוקונפט״ 1931) רעדט ב. ריווקין וועגן דער שפּראַך פון די יידישע קלאַסיקער און ער זאָגט דערביי: „.... און יעדער פון זיי האָט זיך געפונען זיין צו־גאַנג. מענדעלע האָט זיך גענומען פאַר אַ מוסטער די אַלט־העברייאישע אַלעגאָריע (די קליאַטשע) און דעם פראַנצויזישן ראָמאַן (פישקע); שלום־עליכם האָט זיך גענומען גאָגאָלן און די רעאַליסטישע רוסישע ליטעראַטור. פרץ האָט זיך גענומען היינען און די אייראָפּייאישע ליטעראַטור״. און אַלע צוזאַמען האָבן זיך אַרויסגעהאָלפן מיט דעם יידישן לשון, ער זאָל זיי אַריבערטראָגן אין דער מעשה אַריין — מענדעלע מיט דעם לשון פון יידלמדן, שלום־עליכם — מיטן מענה־לשון פון ייד־יידענע, פרץ מיט דעם חסידישן אופן וואונק־לשון״.

און אַזוי ווערן כסדר געמאַכט די סאַמע וייטסטע פאַרגלייכן צווישן די דריי גרויסע שרייבער. יעדער איינער, ביים פאַרלאַנג וואָס־שטאַרקער צו באַטאָנען די אייגנשאַפטן פון פרצן, באַמיט זיך אַרויסצוברענגען די אונטערשיידן, וואָס זיינען דאָ צווישן די דריי יידישע קלאַסיקער. דער מעטאָד פון אַנאַלאָגיע ווערט אויך אָנגעווענדט דורך די שרייבער, וואָס פּרואוון כאַראַקטעריזירן מענדעלען אָדער שלום־עלימען, און זיי באַנוצן זיך דאַן מיט פרצן, מיט זיין אופן פון שרייבן, כדי קלאָרער אַרויסצו־ברענגען דאָס שרייבן פון מענדעלע אָדער שלום־עליכם.

אין אַן אַרטיקל וועגן שלום־עליכם רעדט צבי הירשקאַן (1886־1938) וועגן די דריי שרייבער, מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ און ער פירט אויס:

„סיי דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים און סיי י. ל. פרץ זיינען מאָדערנע קינסטלער געווען, און וואו זיי זאָלן נישט פאַרבלאָנדזשען, האָבן זיי אומעטום און שטענדיק געזוכט אַ באַשטימטן סטיל און סדר, דעם ת מ צ י ת פונעם פאָלקס־איינקומעניש און פונעם מענטשלעכן לעבן, וואָס דריקט זיך אויס אַמשטאַרקסטן אין די רואיקע שבתים און אין די אָנדאגהדיקע יום־טובים״.

„אָבער שלום־עליכם? שלום־עליכם האָט ליב געהאַט טאַקע די גאַס גופא און דעם עצם מאַרק, ווי זיי שטייען און גייען; מלא שמחה איז ער ממש פון זייער צעשויבערטן און פאַרשמירטן אויסזען, נישט שפּי־רענדיק אפילו קיין שום הצטרכות דורכצופירן עפּעס אַ באַשטימטן פּלאַן אָדער איינצופירן אַ געוויסן סדר אינעם תוהו ובוהו. דער לעבנס־סטיל פונעם „זאַגער״, ווי אַ טיפּ, איז דאָך טאַקע די אומשטילקייט...״ (צבי הירש־קאַן — „פון דערווייטנס״, בערלין, 1922, ז׳ 165).

אין זיין בוך „אינזיך און אַרומזיך״ האָט ד״ר ש. ביקל אויף אַזאַ

אופן אַרויסגעטיילט פּרצן פון צווישן מענדעלע־שלום־עליכם: „מענדעלע דער קפדן האָט אונטערגעפירט אַ בייזן סך־הכל אונטער דעם צייט־אָפּ־שניט פון די קרומע פּישקעס און די האָרבאַטעביילעס און אַזוי אַרום אונדז געצוואונגען צו זוכן נייע וועגן פון לעבן און שאַפערישקייט, ש״ע האָט אין אונדז אַריינגעטענהט לעבנס־בטחון, אונדז געלערנט זיסן דעם ביטערן טראָפּן פון מענטשלעכע און יידישע טעג מיט מילדער פייכטקייט אין אויג און אַ געוואַלדיקן שמייכל אויף די ליפּן. פּרץ האָט מיט העראָאישער געוואַגטקייט אַרויסגעראַטעוועט פון אונטער דעם אַש פון עפּאָכעס און דורות דאָס הייליקע גייסטיקע פּייערל, וואָס באַרעכטיקט אַ פאַרגאַנגענהייט, מאַכט שענער און זיכערער די געגנוואַרט און גיט אַ זין דער צוקונפט. פּרץ האָט פאַר אונדזער יידישן קולטור־רענעסאַנס געשאַפן אַן היסטאָרישן אָנשפּאַר, אים געגעבן די „גאָלדענע קייט" פון טראַדיציע און אַזוי־אַרום עס מעגלעך געמאַכט, אַז אַ שפּראַך־און ליטעראַטור־אויפלעב זאָל זיך פאַנאַנדערוואַקסן צו׳ן אַ קולטור־און לעבנס־רענעסאַנס. קאָנקרעט גערעדט: פּרצעס גאָלדענע קייט פון טראַדיציע האָט ערשט אָנגעפולט מיט אינהאַלט אונדזער יידיש־וועלטלעכע שול און געגעבן אַ זין אונדזער קולטור־שטרעבונג" (ז׳ 9).

גאַנץ אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיק איז דער פאַרגלייך, וואָס עס מאַכט מאיר ווינער (1893־1941), דער באַוואוסטער גרינטלעכער ליטעראַטור־פאָר־שער, וועגן די דריי שרייבער אין זיין אָפּהאַנדלונג „מענדעלעס סטיל" (זע זיין קאַפּיטאַל ווערק „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן י״ה", באַנד 2, איקוף־פאַרלאַג, 1946): „מענדעלעס טאַלאַנט איז נישט דאָס, וואָס מען רופט „בלענדנדיק". ער שיט נישט פון אַרבל. זיין זאַץ און בילד זיינען געדיכט, שווער און באַרעכנט. די קינסטלערישע אויסרעכענונג שפּילט אין זיין שאַפן אַ גרויסע ראָלע. דער אינטעלעקט הערשט אָפט איבער זיין בילד, לייגט זיך דערויף שווער אַוועק און לאָזט נישט, אַז זיין פאַנטאַזיע זאָל זיך צעשפּילן. שלום־עליכמס טאַלאַנט איז בלענדנדיקער, אורשפּרינג־לעכער, אוממיטלבאַרער. ש״עס נאַטור־וואוקסיקע געניאַלישקייט שטראָמט אַ סך לייכטער און גלאַטיקער, שפּרודלט מיט אַ סך אַ רייכערער שפּע פון בילדער און איינפאַלן. זיין קינסטלעריש געמיט איז ווייכער, ליבלעכער, לייכטער. פּרץ, ווידער, איז פּילפאַרביקער פון מענדעלען. פּרצעס טאַלאַנט בלישטשעט מיט פאַרשיידנאַרטיקע אַרטיסטישע איינפאַלן און סוזשעטן, מיט אַ רייך פאַבולירנדיקער פאַנטאַזיע. פּרץ איז „נאָכגיביקער" ביים אויפ־נעמען און פאַראַרבעטן איינפלוסן פון פאַרשיידנאַרטיקסטע — אויך ספּקדיקע — קוואַלן און טראַדיציעס פון דער יידישער און פון דער וועלט־ליטעראַטור." (ז׳ 31).

און ווייטער זאָגט מ. ווינער: „פון די דאָזיקע דריי גרויסע שרייבער (מענדעלע, ש״ע, פרץ) האָט אָבער מענדעלע אַמטיפסטן געגראָבן, האָט ער מיט סאַמע גרעסטן ערנסט און עקשנות זיך דערקליבן צום תוך פונעם פאָלקס־לעבן... — — — די עלעמענטן פון היסטאָרישער קולטור־טראַדיציע זיינען ביי מענדעלען עכטער, שטרענגער, טיפער ווי ביי וועמען ס׳זאָל נישט זיין אין אין דער יידישער ליטעראַטור... — — — וואו מען דאַרף־ איראַניזירט מענ־דעלע גאַנץ שאַרף, דער חוזק דערגייט ביז צו בייזער פאַראָדיע; אָבער אויך דאָ באַווייזן זיך די קולטור־טראַדיציעס עכטער, אמתדיקער, טיפער איידער, למשל, אין יענע דערציילונגען פרצעס, וואָס הילן איין אין ראָמאַנטיק די פאַר־גאַנגנהייט און איר קולטור...״ (ז׳ 32).

אין אַן אַנדער אָרט, אין דער אָפּהאַנדלונג „רעאַליזם און ראָמאַנטיק אין מענדעלעס סטיל״ שרייבט מ. ווינער: „מענדעלע איז אין זיין פּראָזע אַ גרויסער פּ אָ ע ט. זיין פּאָעטישקייט איז נישט אַזוי פּילפּאַרביק ווי אין פרצעס שאַפן, נישט אַזוי אויסערגעוויינלעך פאַנטאַזיע־פול און רייך אין דערפינדונגען ווי ביי ש״ע. געוויס ניט. אָבער זיינע שילדערונגען פון דערווירקלעכקייט זיינען טיפער דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע ליידנשאַפטן און עמאָציעס...״ (דאָרט, ז׳ 184).

ווי מיר זעען, געווינט פון די פאַרגלייכן ביי מ. ווינערן — מענדעלע מו״ס, ביי וועלכן ער געפינט מער־טיפע, מער־עכטע, מער סאָציאַלע־אָנגע־לאָדענע שטריכן.

מאיר ווינער, דער יונג און פריצייטיק־אומגעקומענער טיפער ליטעראַ־טור־פאָרשער האָט, ליידער, נישט באַוויזן צו שרייבן וועגן י. ל. פרץ. איז פאַר אונדז דעריבער אינטערעסאַנט אַזאַ פאַרבייגייענדיקע טרעפלעכע אַנאַ־לאָגיע, וואָס ער מאַכט צווישן שלום־עליכם און פרץ: „דער הומאָר שלום־עליכמס קאָן פונקט אַזוי אויסדריקן אַ טיפן סאָציאַלן פעסימיזם ווי, למשל, די באַשטימט רעאַליסטיש־ראָמאַנטישע פעסימיסטישע דערציילונגען פרצעס וועגן נויט און אָרעמקייט... אין תוך ווערט אין יעדע פאַלן אָפּגעשפּיגלט די זעלבע סיטואַציע פונעם צעטומלטן דעגראַדירטן קלייבירגערטום. דער חילוק באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס ש״ע דריקט אויס די דאָזיקע שיכטן קליינבירגערטום אין זייער, „וואַנדערנדיקן״ עטאַפּ: פון שטעטל אין שטאָט, פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, לאָנדאָן א. אַ. וו. פרץ זעט די דאָזיקע מאַסע אַלס אַ פעסטזיצנדיקע, פאַרגליווערטע אויף איין אָרט—קאָן ער זיך „העלפן״ בלויז נאָר דורך דער ראָמאַנטישער שיין פון דער „פאַרגאַנגנהייט״, צו וועלכער ער קומט טאַקע אָן״ (דאָרט, „די סאָציאַלע וואָרצלען פון ש״עס הומאָר״, ז״ז 273־274).

„די האָפענונג — זאָגט ווייטער מ. ווינער — איז (ביים קליינבירגערטום)

ספּקדיק, ווילצט מען זיך איבער איר, זי לאָזט אָבער נישט אַריינפאַלן אין אַ פולער „טראַגישער“ שטימונג. דעריבער איז די פאָרם פון ש״עס סאָציאַלער „טרייסט“—דער אילוזאָריש־וויצלדיקער רייד־הומאָר; פונקט ווי ביי פּרצן— די ראָמאַנטיק פון דער פאַרגאַנגנהייט“ (ז׳ 274).

9

אין פאַרבינדונג מיט פּרצעס 25טן יאָרצייט (אין 1940) האָבן די טיילן יידישע וועלט, וואָס דאָס מזל האָט זיי אויסגעהיט פון די דייטש־היטלעריסטישע באַנדעס, געפייערט דעם יאָרצייט אונטערן צייכן און אינעם ליכט פון די גרויזאַמע פּאַסירונגען און די נייע שווערע נסיונות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין. די פּרץ־פייערונגען האָבן געטראָגן אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. די ליכטיקע און העלע פּרץ־געשטאַלט איז אויפגענומען געוואָרן אויפן טונקעלן און שוואַרצן הינ־טערגרונט פון די גרויליקע איבערלעבענישן. אין די פאַרשיידענע אָפּ־האַנדלונגען, געשריבן אין יענער צייט, טרעפן מיר גאַנץ־נייע אינטע־רעסאַנטע פאַרגלייכענישן צווישן מענדעלע־שלום־עליכם און פּרץ. איצט ווערן די אַנאַלאָגיעס צווישן די אייגנשאַפטן און ראָלעס פון די דריי גרויסע שרייבער געמאַכט שוין פון גאָר אַנדערע קוק־ווינקלען.

פּרץ קומט אַרויס ווי אַ סימבאָלישע געשטאַלט פונעם פּוילישן יידנטום.

אין זיין ביכל „י. ל. פּרץ“, דערשינען אין ניו־יאָרק (1940) שרייבט משה כץ: „אין די יאָרן 1895־1915 איז י. ל. פּרץ געווען די צענטראַלע פיגור אין דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם צעטל פון ליטעראַרישן „פאַמיליע־יחוס“ האָט מען אים באַצייכנט ווי דעם טאַטן פון דער יידי־שער ליטעראַטור. דער צעטל איז געגאַנגען אַזוי: מענדעלע מו״ס — זיידע, אַלע האָבן אים אַזוי גערופן; שלום־עליכם — דער אייניקל, ער אַליין האָט זיך שטענדיק אַזוי באַצייכנט, און י. ל. פּרץ — דער פאָטער פון דער ליטעראַטור.“

משה כץ שטעלט זיך אָפּ אויף דער „דאָמינירנדיקער פּאָזיציע“, וואָס פּרץ האָט פאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון זיין צייט. „צום זיידן, — זאָגט ער, — האָט מען זיך באַצויגן מיט גרויס אַכטונג — מיט אַזאַ רעספּעקט, אַז געלייענט אים האָבן שוין נאָר יחידי־סגולה, פּראָ־פעסיאָנעלע ליבהאָבער און שאַצער פון דער יידישער ליטעראַטור. מיט שלום־עליכמען איז מען געווען חבר־לאַפּ, ער איז געוואָרן פונקט אַזאַ טייל פון יידישן שטייגער, ווי זיינע פאַרשווינען און זייער שפּראַך; ער איז געווען ביי די יידישע מאַסן אַזוי פּאָפּולער, אַז ער איז שוין כמעט געווען אויסער ליטעראַטור. לייענען שלום־עליכמען איז געוואָרן אַזאַ נאַטיר־

לעכע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַזא טייל פון אַפּרו און פון פאַר־ברענגען, אַז זייער אַ סך פון די, וואָס האָבן נישט דורכגעלאָזן שלום־עליכמס אַ שורה, האָבן אפשר גאָר אפילו נישט געוואוסט, אַז זיי לייענען ליטעראַטור״. פרץ האָט שוין דערהויבן די יידישע ליטעראַטור צו אַ הוי־כער מדרגה. „צו אים האָט מען זיך געווענדט נאָך ליטעראַרישע עצות און הסכמות, ער איז געווען דער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן סמיכות אויף ליטעראַטור. צו אים פלעגן ליטעראַרישע חסידים פאָרן אָנשעפּן זיך מיט ליטעראַרישער התלהבות און מאָדעס, און ווען ער (פרץ) האָט געזאָגט זיין וואָרט, איז ער באַטראַכט געוואָרן ווי דאָס גילטנדיקע און ענדגילטיקע וואָרט פון דער יידישער ליטעראַטור. פרץ איז געווען דער, וואָס האָט אַרום זיך געשאַפן אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע אַטמאָספערע״.

און אייגנאַרטיק איז אויך פרצעס שפּראַך: „מענדעלע, — זאָגט מ. כץ, — האָט אַריינגעפירט די יידישע שפּראַך אין דער ליטעראַטור; שלום־עליכם האָט אַריינגעפירט די ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך; פרץ האָט באַשאַפן אַ ספּעציעלע יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט זייער שטאַרק פאַרברייטערט די גרענעצן און די אויפנאַם־פייאיקייטן פון דער פאָלקס־שפּראַך. דער רעזולטאַט פון אָט־דער ספּעציעלער אַרבעט פרצעס איז געווען, אַז אין זיין צייט האָט ער זייער שטאַרק באַאיינפלוסט און באַרייכערט די שפּראַך פון דעם גרויסטן טייל יידישע שרייבער, — אָבער אים אַליין איז אפילו אין זיין צייט נישט שטענדיק געווען גרינג צו לייענען״ (ז׳ 15).

מיט דער פראַגע, וואָס פרץ איז פאַר אונדז 25 יאָר נאָך זיין אַוועק־גיין פאַרנעמט זיך ב. י. ביאַלאָסטאָצקי אין זיין ביכל וועגן פרצן (ניו־יאָרק, 1940, ז״ז 24). ב. י. ביאַלאָסטאָצקי שרייבט: „ אַ פערטל יאָר־הונדערט איז פאַרביי זינט י. ל. פרץ איז אַוועק פון אונדז. און איצט זעען מיר זיך אַרום, אַז מיר שטייען אונטער דעם צייכן — י. ל. פרץ. מיר שטייען אונטער דעם שיין פון זיין „שטערן״, מיר לעבן איצט אין די פרצישע שטימונגען״. און דערנאָך קומט אַ פאַרגלייך פון פרצן מיט מענדעלע און ש״ע: „מענדעלע און שלום־עליכם זיינען אונדז אַנטקעגן געקומען מיטן פאָלקסטימלעכן, מיטן יידישן לעבנס־שטייגער. ביידע האָבן געלאַכט און אָפּגעלאַכט, דאָ קריטיקירט, דעם אַריינגעזאָגט, — איינער מיט סאַטירע, דער צווייטער — מיט הומאָר... אָבער דער סך־הכל: יידישער שטייגער, יידישע פאָלקסטימלעכקייט... י. ל. פרץ האָט אונדז געגעבן קינסטלערישע אידייע, אידעאַליזם און טראַגיק. פרץ האָט אונדז געגעבן די טראַגיק פון דער יידישער פערזענלעכקייט; די טראַגיק פון דער יידישער עדה, פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, און די

טראַגיק פון מענטש און זיין געראַנגל מיט זיך אַליין. — מאַניש אין דער זינד־נעץ פון לילית..."

און ווייטער רעדט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי וועגן דער פּרץ־געשטאַלט, וואָס זי איז פאַר אונדז אין דער גרויזאַמער חורבן־צייט, ווען די היטלעריסטישע מערדער האָבן זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק — ער שרייבט: „... אין יענע טעג פון אומגליק דערפילן מיר נאָך טיפער דעם ברי פון פרצעס טראַגיק, ווי זי איז פאַרקערפּערט אין זיין שאַפן. פרץ — דער ערשטער טראַגיקער אין אונדזער ליטעראַטור, און אין דער זעלביקער צייט קומען אונדז אויך אַנטקעגן פרץ דער וויזיאָנער, דער בעל־חלום..." (ז"ז 3־4).

אַזוי קומען פאַרשיידענע שרייבער פון פאַרשיידענע זייטן און קולטור־אַטמאָספערן מיט שטאַרקע פאַרלאַנגען צו פרצן, און זוכן ביי אים אינהאַלט און אָנהאַלט אין די שווערע מאָמענטן פון יאוש, פאַרצווייפלונג און נאַציאָנאַלן בראָך. מיר קלאַמערן זיך אָן פרצן, מער ווי אָן וועמען עס איז אָן אַנדערן שרייבער, ווייל פרץ איז נישט בלויז קינסטלער, ער פאַרמאָגט נביאישן פאַטאָס, ער איז טרייסטער, מאָנער, מוטיקער.

אין 1940, בעת די איקוף־פייערונגען צו פרצעס 25־טן יאָרצייט, האָט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי געהאַלטן אַ רעפעראַט אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט וועגן פרצן אונטערן נאָמען: „פרץ, דער נביא פון קאַמף". אינעם רעפעראַט האָט ער אַרויסגעבראַכט אייניקע וויכטיקע שטריכן פון פרצן דעם קעמפער, וואָס טיילט אים אויס פון מענדעלע־שלום־עליכם, זיינע מיטצייטלער. ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געזאָגט: „בעת מענדעלע און ש"ע האָבן די העכער־ליגנדיקע טעמעס געלאָזן אָן אַ זייט און די ליידנשאַפט זיך פאַרגעשטעלט ווי די מענטשן פון פאָלק, ווענדט זיך פרץ מיט די גייסטיקע קאַמפן פון דער צייט, צו דעם גאַנצן פאָלק, דער אינטעליגענציע ווי די מאַסן... — — — שוין מיט דעם נייעם איינשטעל אין דער טעמאַטיק שיידט זיך פרץ אָפּ, ווי געזאָגט, פון די צוויי פריערדיקע קלאַסיקער, — מענדעלע און ש"ע. דעם קאָלאָסאַלן אונטערשייד שפּירט מען, ווען מען גייט אַריבער פון זיי צו דער וועלט פון פרצעס שאַפן... פרץ איז א שפרונג פון די ד' אמות פון דעם געוויינלעכן יידישן לעבן, אַ שפרונג אין דעם ים פון די אלע מענטשלעכע פּראָבלעמען, און עס איז אויך אַ פלי־אַרויף פון דעם ים צו די העכסטע הויכן פון דעם מענטשלעכן גייסט, — ווייניקסטנס איז עס אַ שטרעבן צו דערגרייכן זיי, די העכסטע הויכן. אָט־די אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען טראָגן אָבער אין דער זעלביקער צייט אַ ריין־נאַציאָנאַלע יידישע פאָרם".

„און נאָך אַ זאַך, — זאָגט ווייטער ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, — באַ־

מערקט מען, ווען מען וויל פירן אַ פּאַראַלעל צווישן אַט־די דריי ריזן, וואָס שטייען ביי דעם אָנהויב פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. מען באַמערקט די אייגנאַרטיקייט פון פּרצעס טאַלאַנט. אויך די טאַלאַנטן פון מענדעלען און שלום־עליכמען זיינען, נאַטירלעך, פאַרשיידן. אָבער זיי האָבן פּאַרט געוויסע בשותפותדיקע שטריכן. דער וויכטיקסטער שטריך זייערער איז די שטעלונג פון דיביידע קינסטלער צו דעם געשילדערטן יידישן לעבן און צו דאָס רוב געשילדערטע פּאַרשוינען. ביידע — אי מענדעלע, אי שלום־עליכם — שטייען אַזוי צו זאָגן, דרויסן פון די געשילדערטע פּאַרשוינען און פּאַסירונגען: די שטעלונג איז דאָס רוב שאַרף־קריטיש אָדער רחמנות־פול ביי מענדעלען, דאָס רוב מילד־הומאָריסטיש און ליבע־פול ביי שלום־עליכמען. און די פּאַרשוינען גופא זיינען אויך מער אָדער ווייניקער פּאַסיוו. נישט זיי טוען עפּעס. עפּעס ווערט מיט זיי געטאָן. גאַנץ אַנדערש, ווען מען טרעט אַריין אין פּרצעס וועלט. עס איז אמת, אַז איר קאָנט דאַרטן געפינען שריפטן, וועלכע אויך אַן אַנדערער וואָלט געקאָנט אָנשרייבן נישט ערגער פאַר אים. פאַראַן אָבער זאַכן, וואָס זיינען ריין־פּרציש. גראָד זיי זיינען דאָס רוב אָנגעלאָדן מיט אַ קאָנצענטרירטער ענערגיע, וואָס רייסט זיך צו אַקטיוויטעט, ווי צ. ב. אין דער דערציילונג „צווישן צוויי בערג״, און דערביי איז פּרץ נישט דרויסן פון די העלדן, נאָר אין זיינע העלדן און פּאַסירונגען. יענע העלדן פּרצעס, וואָס לאָזן איבער אַ שטאַרקן רושם אויף אונדז, זיינען דאָס רוב ווי אָנגעלאָדענע וואָלקנס, פון וועלכע עס רייסן זיך אַרויס דונערן און בליצן. און אויך דער כאַראַקטער פון פּרצעס טאַלאַנט — סיי אין זיינע קינסטלערישע ווערק, סיי אין זיינע עסייען, פעליעטאָנען און רעדעס, — מאַכט דעם איינדרוק, ווי פּרץ וואָלט תמיד געווען עלעקטריש באַלאָדן. אויך זיין טאַלאַנט אין די בעסערע ווערק לאָדט זיך אויס אין כסדרדיקע בליצן״ („ייד. קולטור״, 1945, נ׳ 3־4, ז׳ 81).

10

אין 1945 האָט מען אין דער יידישער וועלט ווידער געפייערט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן פּרצעס יאָרצייט — דאָס מאָל דעם 30־טן יאָרצייט. און ווידער האָבן מיר צוגעקראָגן אַ רייכע פאַרשיידנאַרטיקע ליטעראַטור, געווידמעט פּרצן און ווידער האָט מען געמאַכט אינטערעסאַנטע פאַרגלייכן צווישן די דריי שרייבער אין זייער אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין אַן אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ, געשריבן אין 1945 באַרירט י. אָפּאַטאָשו די פאַרשיידענע „גילגולים״, וואָס פּרץ האָט אַדורכגעמאַכט פאַר

אָט־דער צייט. „כמעט יעדעס יאָר צו פּרצעס יאָרצייט האָט מען געגר־מען נישטערן צי מען האָט נישט חס־וחלילה איבערגעשאַצט דעם נפטר. און דאָס איז געטאָן געוואָרן פאַרן כבוד פון דער יידישער ליטעראַטור. מען פלעגט האַלטן אין איין טאַשן און טאַלירן די נעמען. אין 1912 איז דער נוסח געווען — פּרץ, ש״ע, מענדעלע. אַ צען יאָר שפּעטער — שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ. און היינט? די פּרץ־רעוויזיעס האָבן כמעט ווי אויפגעהערט. און מען הייבט שוין ווידער אָן צו הערן דעם אַמאָליקן נוסח — פּרץ, ש״ע, מענדעלע.

„איך האָב גרויס דרך־ארץ פאַר יידישער טראַדיציע, פאַר יידישער מסורה. איך האָב מורא, אַז דער נוסח ,אונדזערע קלאַסיקער' וואָס מיר רעדן אַרויס אין איין אָטעם, האַלט זיך אין אויסליידיקן. און די געפאַר ליגט נישט אינעם „חוט המשולש" פון די דריי גרויסע קינסטלער, נאָר אינעם פאַרטיקן נוסח, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף אַוועק איבערן שליאַך פון די קלאַסיקער.

„פרעגט זיך: האָבן טאַקע אונדזערע קלאַסיקער געהאַט איין שליאַך? נישט אמת. מען קאָן נישט רעדן אין איין אָטעם וועגן ,זיידע מיטן אייניקל'. סאַטירע און הומאָר פאַרן זיך נישט. הומאָר איז אַ העכערע מדרגה ווי סאַטירע. געלעכטער פאַרטרייבט האַס און שלעכטס, מאַכט די וועלט שענער. און אויב מען קאָן נאָך געפינען אַ בשותפותדיקן טראַקט צווישן מענדעלען און שלום־עליכמען, דאַרף מען האָבן אַ האַרבן מהרש״א אַריינצופירן פּרצן אויפן זעלבן טראַקט. און דאָ גייט נישט וועגן טאַלאַנט. ש״ע און מענדעלע זיינען גרויסע שרייבער, גרויסע טאַלאַנטן. מען פרייט זיך ווען מען לייענט זיי, מען טרויערט, ווען מען לייענט זיי. און דאָס זיינען היכצע מדרגות. פּרצן אָבער לייענט מען נישט. פּרצן דאַרף מען אַליין איבערלעבן..." (י. אַפּאַטאָשו — י. ל. פּרץ, „יידן און יידישקייט", טאָראָנטאָ, 1949).

ב. עפּלבוים (1887־1945) אין אַן אַרטיקל „אונדזער פאַרגייער" („יידישע קולטור" 1945, נ״ב 3־4, ז״ז 43־47), וואו ער גיט אַן אָפּשאַצונג פון פּרצן, און וואָס ער איז געווען פאַר די יינגערע דורות שרייבער, באַנוצט זיך דערביי מיט אַזאַ מין פאַרגלייך צווישן מענדעלע־שלום־עליכם און פּרצן:

„...און ווייל פּרץ איז געווען אונדזער יוגנט, דערפאַר איז ער געוואָרן אונדזער פאַרגייער. דאָס וואָס אַנדערע — אַלס שריפטשטעלער אפשר גרעסערע — האָבן נישט געקאָנט זיין פאַר אונדזערע יונגע שרייבער. פאַר מענדעלע מו״ס האָבן מיר געהאַט געוואַלדיקן דרך־ארץ. מענדעלע איז געווען דער שטאַרקער פעסט־איינגעוואָרצלטער דעמב, דער

פּיל־פּאַרצווייגטער און אַרומגעטאָקטער. אַן אַ שפּרונקעלע, אַן אַ פלע־קעלע. ביי אים האָבן מיר ,גענאַשט׳, געלערנט. פון שלום־עליכמען זיי־נען מיר געווען אַנטציקט, ווי פון אַן עילוי: ווי אַזוי מאַכט ער עס? האַ? אָבער פּרץ איז געוואָרן אונדזער פאַרגייער און וועגווייזער; נאָך אים האָבן מיר זיך געלאָזט גיין ווייטער און העכער צום האָריזאָנט: ווייטער, העכער אויף די בערג. ביי פּרצן האָבן מיר אויפגעכאַפּט דאָס יונגע, דאָס פרישע, און מיר האָבן געוואַרט אויף באַפעלן. אויף מענדעלען האָבן מיר זיך געקאָנט ריכטן, אַז ער וועט שרייבן אַ נייעם ,שלמה ר׳ חיימס׳. עס וועט אַרויסקומען מייסטערהאַפט. יעדער זאַץ — פון מאַר־מאָר אויסגעהאַקט — וועט בלייבן אַ צייכן פון זיין צייט: פון שלום־עליכם האָבן מיר דערוואַרט טביה דער מילכיקערס אַ נייע מעשה. פּרץ איז אָבער שטענדיק געקומען אומגעריכט. קיינער האָט נישט געקאָנט פאַראויסזען, וואָס פּרץ וועט מיט דעם מאָרגן ברענגען. און קיינער קאָן נישט זאָגן, וואָס פּרץ וואָלט אונדז היינט געבראַכט, ווען ער וואָלט מיט אונדז געווען. די ערשטע — מענדעלע און שלום־עליכם — האָבן אונדז צוגע־גרייט פונדאַמענט, אויף וועלכן ווייטער צו בויען. זיי האָבן אויסגעפּלאָס־טערט אַן אָנהויב און אַליין זיינען זיי ביים פונדאַמענט געבליבן שטיין צופרידן און זיך פון אָרט נישט גערירט. פון ווייטנס נאָר האָבן זיי אונדז געוואָרנט אָדער צוגעטאָקעוועט. פּרץ אָבער האָט אונדז געפירט! אַליין בראש געגאַנגען! ווייל: מענדעלע און שלום־עליכם האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט אַרויס פון זייער פאָרם, צו וועלכער זיי זיינען געווען געבונדן. און פּרץ האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט בלייבן אין דער אָדער אַנדערער פאָרם. די ערשטע האָבן פון היינט געמאַכט אַ נייעם וואַריאַנט צום נעכטיקן: שלום־עליכם וואָלט איצט זיכער אַ נייעם „מבול״ געשריבן. פּרץ אָבער האָט דעם היינט איינגאַנצן איינגעשלונגען, פאַר־געסנדיק דעם נעכטן; די ערשטע האָבן זייערע גייסטער געלאָזט רוען אויף זייערע דורות, ביי וועלכע זיי זיינען געבליבן שטיין ווי געטרייע וועכטער; פּרצעס גייסט אָבער האָט פון רוען נישט געוואוסט. נישט קיין וועכטער האָט ער געקאָנט זיין. האָט שטענדיק געזוכט, שטענדיק געבלאָנדזשעט, שטענדיק פאַרגייער געווען („יידישע קולטור״, 1945, נ״ב 3־4, ז׳ 47).

און אַט לייענען מיר אַזעלכע רירנדיקע ווערטער אויפן אַדרעס פון פּרצן פון לעאָ קעניג, דער פיינפולער שרייבער, וואָס לעבט אַלע זיינע יאָרן אין לאָנדאָן, פאַרוואָרפן פון אַן אמתן יידישן קולטור־צענטער, אַ דערווייטערטער פון די קולטור־שאַפערישע כוחות. ער טוליעט זיך און וואַרעמט זיך אַרום פּרצן: „...פּרץ דער אינטעלעקטואַלער קאָפּ־קינסט־

לער האָט דער ערשטער דערפילט די נישט־זיכערקייט פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך אין אַ רעאַליסטישער דיאַספּאָרע, און פּרץ האָט געוואָלט אויפהאַלטן און פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון יידיש אין גלות. נאַטירלעך איז ער טעמפּעראַמענטאַל אַלס אינטעלעקטואַלער, אידייאישער שריפטשטעלער געווען מסוגל דער ערשטער דאָס צו דערפילן און זוכן די ווערטן, די פּאָזיטיווע ווערטן, די פּאָזיטיווע ווערטן — אַלטע און נייע — וואָס זאָלן אויפהאַלטן דאָס פאָלק, זיין שפּראַך און ליטעראַטור... — — — פּרץ, אונדזער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיקער און סימבאָליסט, איז אויך געווען דער אייראָפּעאישסטער און מאָדערניסטישער צווישן די יידישע שריפטשטעלער פון זיין צייט („פאָלק און קולטור״, לאָנדאָן, 1947, ז׳ 78).

אין פאַרבינדונג מיט פּרצעס 100־סטן געבוירנטאָג זיינען לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן נייע פּרץ־אָפּשאַצונגען, — אַ טייל פון זיי — טיף־אַדורכגעטראַכטע. און ווידער קומען אינטערעסאַנטע פאַרגלייכן צווישן די דריי גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור, צווישן מענדעלע־שלום־עליכם און י. ל. פּרץ.

די יובליי־פייערונגען דויערן נאָך און די אַרטיקלען־אָפּשאַצונגען האַלטן נאָך אין איין צוקומען. וועלן מיר אָפּלייגן די באַטראַכטונג פון די נייע אַרטיקלען אויף אַן אַנדער געלעגנהייט.

ביי דעם וועלן מיר אונדזער אָפּהאַנדלונג פאַרענדיקן. פון איינצלנע אַרויסזאָגונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון פאַרשיידענע שרייבער אין לויף פון איבער 50 יאָר, אָנגעהויבן פון יאָר 1894 ביז די לעצטע יאָרן, האָבן מיר געזען, ווי עס איז אויפגענומען געוואָרן די אייגנאַרטיקע גייסט־רייכע פּרץ־געשטאַלט, אין ליכט און אין דער אָפּשאַצונג פון די סאַמע פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן. יעדער איינער האָט אפשר אויפגעפּאַסט אַ ספּעציעלע, צו זיך ענלעכע און אים נאָענטע פּרץ־פּערזענלעכקייט, אָבער סוף־כל־סוף איז אַרויסגעקומען אַן איינציקע, אַן איין־און־איינציקע גאַנ־צע, פולע, גרויסע, גייסטרייכע געשטאַלט, וואָס האָט באַגלייט דאָס יידי־שע שאַפן און האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף אַלדאָס שענסטע און דערהויבנסטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער פילקאָ־לירנדיקער, פילגעשטאַלטיקער יידישער ליטעראַטור. אין דער טיפער ענ־גער פאַרבינדונג און אין דער ספּעציפישער אויסטיילונג פון פּרצן פון זיינע איבעריקע צוויי גרויסע מיטצייטלער ליגט דאָס דערהויבנסטע און העלסטע, וואָס פּרץ האָט פאַרמאָגט און וואָס ער האָט אין אַזאַ שפע אַרויסגעבראַכט פון זיך דורך זיינע ווערק.

די פֿאַרשיידנסטע איינפֿלוסן אויף פּרצן

1

די אומאויפֿהערלעכע השפּעות אויף י. ל. פּרץ — איז זיכער איינע פֿון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אין דעם לעבן און שאַפֿן פֿון פּרצן. נישט אומזיסט האָט עס אין פֿאַרשיידענע צייטן, סיי ביי זיין לעבן און סיי די אַלע יאָרן נאָך זיין אַוועקגיין פֿון אונדז, אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען די פּרץ־פֿאַרשער און שרייבער איבער פּרצן. צווישן די אַלע יידישע גרויסע און גרעסערע שרייבער, וואָס האָבן געלייגט דעם פֿונדאַמענט אָדער די פֿונדאַמענטן פֿון דער ניי־יידישער ליטעראַטור, טיילט זיך באַזונדער אויס י. ל. פּרץ דערמיט, וואָס ער האָט כסדר, פֿון זיינע יינגסטע יאָרן אויפֿגענומען אין זיך די פֿאַרשיידנסטע השפּעות, אויף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן זיי „איבערגעקאָכט" אין זיך און דערנאָך זיי אַרויסגעבראַכט אין זיינע פֿאַרשיידנאַרטיקסטע ווערק, — די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע לויט זייער אינהאַלט אין פֿאָרם.

אָט־די כסדרדיקע איינפֿלוסן אויף פּרצן האָט מען אויפֿגענומען פֿאַרשיידן. אין דער צייט, וואָס אייניקע האָבן געזען אין דעם אַ מזל־ברכה פֿאַר פּרצן און פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור און זיינען געוועזן נתפּעל פֿון דער פּרצישער פֿיל־געשטאַלטקייט און קאָלירפֿולקייט, האָבן אַנדערע, פֿאַרקערט, געפּרוּווט עס צושרייבן צו פּרצעס שוואַכקייטן און אָרגאַנישע פֿעלערן. אין דער צייט, וואָס די ערשטע האָבן געטייטלט אויף דער מערקווירדיקער עשירות פֿון מאָטיוון און פֿאָרמען ביי פּרצן, האָבן די צווייטע באַטאָנט די נישט־שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון פּרצן און זיינע וואַקלענישן און בלאָנדזשענישן.

עס איז אָבער קלאָר: דאָס וואָס פּרץ האָט זיך אַלעמאָל געפֿונען אונטער דער אומאויפֿהערלעכער דירעקטער השפּעה פֿון די פֿאַרשיידענע יידישע און נישט־יידישע דענקער און קינסטלער, געשעענישן און וועלט־אַנשויאונגען — דאָס האָט זיכער אַרויסגעהויבן פּרצן און אויסגעטיילט אים פֿון אַלע זיינע מיטצייטלער — לינעצקי, מענדעלע, שלום־עליכם, ספּעקטאָר, דינעזאָן א. א. — און אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַזונ־

דערן אָרט און הויך. דעריבער פאַרנעמט פּרץ און זיין שאַפן אין דער ראַש־וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור אַ גאָר ספּעציפישן אָרט און זיינע ווערק זיינען גאָר־אַנדערשדיקע מיט זייער מהות און פאַרנעם.

פּרץ האָט עס גוט באַגריפן און פאַרשטאַנען. ער האָט עס באַגריפן נאָך אין יאָר 1888, נאָך איידער ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט זיין „מאָניש״. אין זיינע העברייאישע בריוו, וואָס ער האָט דאַן געשריבן מיט אַזאַ ברען און אימפּעט פון זיין היים־שטאָט זאַמאָשץ צום יונגן שלום־עליכם, דעם רעדאַקטאָר פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״, כאַראַקטעריזירט ער גאַנץ שאַרף זיין אייגנאַרטיקייט און אַנדערשקייט, וואָס טיילט אים אָרויס פון מענדעלען, שלום־עליכמען און די אַנדערע שרייבער פון יענער צייט״ (זע נ. מייזיל — „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ״, ז״ז 138־156).

אין זיין בריוו צו דר. י. צינבערג (1873־1942) אין 1911, האָט פּרץ צווישן אַנדערן געשריבן: „אין די קינדער־יאָרן האָבן אויף מיר גע־ווירקט ש״ס ופוסקים, חובת־הלבבות, מורה נבוכים, רלב״ג א. ד. גל., דעם רבינס מעשהלעך אין אַ יומא דפגרא... — דערנאָך תנ״ך!״ און ווייטער שרייבט פּרץ: „ערנסט האָבן אויף מיר געווירקט די פּראָפעטן, אַ צייט לאַנג בין איך געווען אונטער דער ווירקונג פון היינע און בערנע — מיינע ערשטע יידישע געדיכטן״. און נאָך: ״... „פטור בלא כלום אי אפשר — געווירקט מן הסתם האָבן אי חיים וויטאַל אי נחמן קראָכ־מאַל, אי דער שפּעטערדיקער אפיקורס...״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 321).

גאָר באַזונדערס האָט זיך פּרץ פאַרנומען זיך צו דערגרונטעווען צו די פאַרשיידנסטע איינפלוסן, אונטער וועלכע ער האָט זיך געפונען אין זיינע יינגערע יאָרן, אין זיין לעצט ווערק, „מיינע זכרונות״ — דאָס ווערק, — וואָס האָט געזאָלט זיין און איז טאַקע געוואָרן אַ „שליסל״ צו די פּרץ־שייערן, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין הקדמה צום ווערק. אין די זכרונות האָבן מיר פאַנאַנדערגעוואָרפן טיפע, טרעפ־לעכע אַנדייטונגען וועגן ספרים, ביכער, וואָס האָבן דעם יונגעטשקן לייבוש אויפגעטרייסלט, אַנגערעגט און באַאיינפלוסט. ער דערציילט דאָרט בדרך אגב, ווי ער פאָלגט אויס דעם חובת־הלבבות און דאַוונט על פי נוסח פון (רמב״מס) „יד חזקה״ און ווייסט שוין זאַכן על פי הרלב״ג... און אָט „דערלאַנגט ער שוין צום זוהר״ און דערגייט צום „מורה נבוכים״ און פאַלט שוין דורשטיק צו צו די קבלה־ספרים... עס קומט די השכלה־ליטעראַטור און אינצווישן — ביכער אין פּויליש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש... „אַ תוהו ובוהו פון ביכער, ראָמאַנען און וויסנשאַפטלעכע זאַכן, אויסגעמישט און צעוואָרפן — די פּיל־בענ־

דיקע ראָמאַנען, איבערהויפּט די איבערזעצונגען פון פראַנצויזיש: דיומאַ, סיו, וויקטאָר הוגאָ א. ד. גל. ח... איך לעז!" אַזוי שרייבט דער על־טערער פּרץ וועגן זיך גופא אין זיינע יונגע יאָרן.

פון פּרצעס בריוו צו זיין כלה, העלענאַ, געשריבן אין 1877, ווען ער איז אַלט געווען 26 יאָר, ווייסן מיר, אַז אין די יאָרן, ווען ער איז געווען באַשעפטיקט מיט זיין דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַטישער טעטי־קייט אין זאַמאָשץ, האָט ער ליידנשאַפטלעך געלייענט סאָציאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע און קינסטלערישע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור און איז געווען טיף אָנגערעגט פון זיי. און אַזוי כסדר רופט זיך פּרץ איבער מיט פאַרשיידענע וועלט־שרייבער, לעבט זיך שנעל אַריין אין זייערע שאַפונגען, זעצט אייניקע איבער אויף יידיש, פאַריידישט זיי, אָדער ווי מען זאָגט איצט „אַדאַפּטירט" זיי און זיי ווערן ווי זיינע, פּרצעס אייגענע שאַפונגען.

ווען מען רעדט וועגן פּרצן און זיינע השפעות פון פאַרשיידענע גרויסע שרייבער קאָן מען פאַראַפראַזירן דאָס, וואָס דער גרויסער רוסי־שער קריטיקער וו. ג. בעלינסקי (1811־1848) האָט אַמאָל געשריבן וועגן א. מ. פּושקין (1799־1837): „ער האָט זיך באמת נישט צו זיין ענלעך אויף בייראָנען, נאָר צו זיין אַליין פאַר זיך, און טריי זיין דערווירקלעכ־קייט, וואָס איז ביז אים נישט באַרירט און אויסגענוצט געוואָרן, און וועל־כע האָט זיך געבעטן אונטער זיין פּעדער."

לאָמיר דאָ דערמאָנען די עטלעכע שורות פון אַ ליד, וואָס דער באַ־רימטער רוסישער דיכטער מ. יו. לערמאָנטאָוו (1814־1841) האָט גע־שריבן צו דעם ענגלישן דיכטער בייראָן. לערמאָנטאָוו זאָגט (מיר זעצן איבער זיינע פערזן אין פּראָזע): „ניין, איך בין נישט בייראָן, נאָר אַן אַנדערער, נאָך נישט קיין באַקאַנטער אויסדערוויילטער. ווי ער (בין איך) אַ וואָגלער, וואָס ווערט געטריבן דורך דער וועלט, נאָר מיט אַ רו־סיש האַרץ. איך האָב פריער אָנגעהויבן, איך וועל פריער ענדיקן, מיין פאַרשטאַנד וועט קיין סך נישט אויפטאָן; אין מיין האַרץ, ווי אין אַן אָקעאַן, ליגן אַ מאַסע צעבראָכענע זאַכן. ווער, כמורנער אָקעאַן, קאָן וויסן דיינע געהיימניסן?..."

אגב, אינגאַנצן איז לערמאָנטאָוו אַלט געווען 18 יאָר, ווען ער האָט אָט־די ווערטער געשריבן (אין 1832).

אויסער אַ פאַר שרייבער, וואָס האָבן פאַרגעוואָרפן פּרצן, אַז ער האָט לייכטזיניק אויפגעכאַפּט און אַריבערגעכאַפּט סתם אַזוי זיך פרעמ־דע מאָטיוון און זיך געפּוצט מיט זיי, האָבן אַלע אַנדערע באַגריפן, אַז די איינפלוסן פון דער פרעמד זיינען געווען אַ טיף־אָרגאַנישער עלע־

מענט אין פּרצעס כאַראַקטער, און די אַלע איינפלוסן האָט פּרץ איינגע־אייגנט אין זיך און זיינע איבערדיכטונגען און די איבערזעצונגען זיינען אַרויסגעקומען עכט־פּרציִשע.

אין זיין אַרטיקל איבער י. ל. פּרץ האָט דער העברייאישער שרייבער אשר באַראַש („הפועל הצעיר", יפו, 1915) געשריבן: „פון זיינע לידער אין דער „העוגב"־זאַמלונג, „ר' יוחנן מלמדס מעשיות", „פאָלקסטימ־לעכע געשיכטן" ביז צו זיינע מיסטיש־סימבאָלישע דראַמאַטישע ווערק, איז פּרץ פאַרבליבן טריי זיין אייגענעם ניגון. אויב עס האָט זיך אַריינ־געגנבעט דאָ אָדער דאָרט אַ פרעמדער אַקאָרד, אַ זייטיקער איינפלוס, אויב פּרץ האָט אַרויסגעצויגן אַמאָל אויף זיי אַ וואואַל — איז אָבער דער מאָטיוו פאַרבליבן נישט געפעלשט..."

2

קודם־כל באַדאַרף מען באַטאָנען די כסדרדיקע געבענטשטע ווירקונג פון די נביאים אויף פּרצן. דאָס איז אַ גוט־באַקאַנטע זאַך. מען וואָלט אוודאי באַדאַרפט עס ספּעציעל שטודירן און באַהאַנדלען. איצט אָבער ווילן מיר עס בלויז פאַרבייגייענדיק באַרירן.

פּרץ, מער ווי פיל אַנדערע שרייבער פון זיין דור, האָט געשעפּט פון דעם תנכישן קוואַל. און אין תנ"ך האָט ער באַזונדערס געזוכט דאָס נביאישע, דאָס פּראָפעטישע, ווי ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן. נאָך אין 1891 האָט ער אויסגעדיכטעט אַ ליד, אַ שטראָפעריש ליד „פון יחזקאל", וואו ער פאַרמאָדערניזירט דעם אַמאָליקן ביבלישן נביא, און פלעכט אין דעם אַריין דאָס בילד פון די „עצמות היבשות". ער האָט אויך אַריינ־געגעבן שטאַרקע, שאַרפע רייד צו יוכבדן אין מויל. זי זינגט פאַר איר קינד משה אַ וויג־ליד, און צוזאַמען מיט ברכות פליסטערן אירע ליפּן טויט־קללות צו אים, אויב ער וועט „פאַר פּרעהן קניען". עס איז נישט קיין סענטימענטאַל וויג־ליד, נאָר „סם איז, קינד מיינס, אין מיין מילך, סם אין מיינע לידער" („יוכבד", געשריבן אין 1891). פּרץ נוצט אויס די מעשה שלמה און אשמדאי פאַר זיין פּאָעמע „כסא שלמה" (1892). און אָט קומט פּרץ אַרויס מיט אַ זייער שטאַרק ליד, אַ לויב־געזאַנג דעם וועכטער, וואָס איז אויף דער וואַך דער און וועקט און דינט זיין פאָלק אין לאַנד („פון יחזקאל" קאַפּיטל ל"ג — 1894). און אַזוי כסדר.

און אָט אַן אַכט־שורהדיק ליד „דער נביא", וואו פּרץ זאָגט:

„איך בין פּראָפעט: איך קוק און זע
דעם מאָרגן ליכטיקער ווי היינט:

איך טראָג די פאָן פון גאָטס אַרמיי —
עס ציטערט אשמדאי דער פיינט".

שטאַרק אַקטואַליזירט און פאַרהיינטצייטיקט זיינען ביי פרצן „ירמיהוס בריוו" (אגרות ירמיהו — כתובים אחרונים), וואו ער חוזקט ביטער אָפּ פון די פאַרשיידענע געטשקעס און געצן, — אַ טרעפלעכע שאַרפע סאַטירע, — און ווידער האָבן מיר ביי פרצן אַ תנכיש ליד „פון ישעיה" (1906). אין די לעצטע יאָרן, אויסער זיין פליסיקער און מיטפולער אַרבעט אויף איבערזעצן און איבערדיכטן די „חמש מגילות", האָט פרץ זיך גענומען איבערזעצן אויף זיין שטייגער „איוב". ער האָט באַוויזן איבערצוזעצן די ערשטע דריי קאַפּיטלען.

תנכישע אויסדרוקן און מאָטיוון איז צו טרעפן אויך אין אַנדערע פרצישע שטראָף־און טרייסט־לידער.

אין די „באַמערקונגען וועגן די חמש מגילות" (קלעצקין־אויסגאַבע, ווילנע, 1926) ווערט ריכטיק געזאָגט: „איבערזעצנדיק נישט אויף באַ־שטעלונג, נייערט דאָס, וואָס האָט סטימולירט זיין דיכטערישן גייסט אין דעם אָדער יענעם פעריאָד פון זיין שאַפן, האָט פרץ שטענדיק אַרויס־געוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו דעם תנ"ך, צו די עטישע און פילאָזאָ־פישע אידייען פון דעם בוך איבער אַלע ביכער". און אָט דער אינטע־רעס האָלט־אָן אַלע יאָרן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. אָבער „פרץ — ווערט ווייטער געזאָגט אין די באַמערקונגען, וואָס זיינען געשריבן דורך זלמן רייזען, — איז געווען אַ צו־בוילעט אויסגעשפּראָכענע דיכטערישע אינדיווידואַליטעט מיט אַ צו־אינדיווידועלן סטיל, אַז ער זאָל זיך קאָ־נען באַנוגענען מיט דער ראָלע פון אַן איבערזעצער בלויז, מעג זיין אפילו פון אַזאַ בוך, ווי דער תנ"ך איז. און אין זיינע איבערזעצונגען פון די מגילות האָבן מיר ווערק, וואו דער ביבלישער עלעמענט האָט זיך אָנ־געקליידט אין דעם אייגנאַרטיקן לבוש פון דער ספּעציפישער פרצעס פאָרם".

אַ ברייטערע אָפּשאַצונג וועגן פרצעס תנכישע איבערדיכטונגען האָבן מיר ביי נ. אויסלענדער אין זיין אָפּהאַנדלונג, „דער יונגער י. ל. פרץ" („יידישע קולטור", אַפּריל, 1950). נ. אויסלענדער שרייבט:

„... די יחזקאל־איבערדיכטונגען — פיר לידער — צייכענען זיך אויס מיט אַ מערווירקדיקער שלאָג־קראַפט. עס שלאָגט דאָ נישט בלויז דאָס וואָרט, עס שלאָגט הויכע סאָציאַלע פּאַטעטיק, דער מעכטיקער פּראָ־טעסט קעגן פאָלק־אָפּנאַרעריי און פאָלק־אונטערדריקונג. קיין שום באַ־לאַסט פון טויט־פאַרגליווערטע חקירות! קיין שום בייגעמיט פון סקאָר־

באָוועד פריידיקערײַ! פּרצעס נביאים־איבערדיכטונג איז באמת דיכ־טונג, זי איז שטענדיק זינגעוודיק, דאָ זינגט אַלץ: דער אָריגענעלער פערזן־בוי, דאָס עפּיגראַמאַטישע, שאַרף־געשליפענע וואָרט, און מער פון אַלץ יענע באַזונדערע ריידנסאַרט, ווען די לײַדנשאַפטלעכע רעדנעריש־קייט פליסט אַריין אין דער שטרענגער פּאַטעטישער שורה, ווי הייס־צע־גליטער מעטאַל אין דעם פורעם...״

אָפּשטעלנדיק זיך אויספירלעך אויף די פרצישע פערזן, די איבער־דיכטונגען פון די נביאים, זאָגט נ. אויסלענדער:

„די סאָציאַלע פּאַטעטיק פון פרצעס נביאות־איבערדיכטונג איז שטאַרק דערמיט, וואָס דאָ ווערט אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן די גרויסע פאָלקס־ליידן, אָבער די־דאַזיקע ליידן זיינען דאָ נישט געגעבן ווי אויס־וועגלאָזע, זיי פירן נישט צו פאַרצווייפלונג, צו אַפּהענטיקייט. די נבי־אות־איבערדיכטונג איז דערפאַר אַזוי טייער פרצן, ווייל זי גיט עפּעס אַ דורכלויכט אין דער צוקונפט. באַזונדערס איז עס קאַנטיק אין פרצעס צוגאַנג צו יחזקאלס זעאונג פון דעם טאָל מיט ביינער״. (ז״ז 16־17).

3

אַ באַזונדער קאַפּיטל אינעם שאַפן פון י. ל. פרץ איז די קאַנטיקע השפעה פון היינריך היינע אויף אים. אַ לאַנגע צייט האָב מען פרצן פאַרגעוואָרפן און אפילו באַשולדיקט אים אין פשוטן פּלאַגיאַט — נישט אַנדערש אַז ער האָט היינען „באַגנבעט״.

פרץ גופא רעדט וועגן דער היינע־השפעה ביי פאַרשיידענע געלע־גענהייטן. פרץ דערמאָנט (אין די „זכרונות״) זיינע יידישע יוגנט־לי־דער און די העברייאישע „ספורים־ בשיר״ און די פּאָעמע „חנה״ — און ער גיט צו, אַז „עס איז ניט מער ווי אַ נאָכמאַכעץ... ווי איך האָב נאָכ־געמאַכט היינען... נאָר מיט מער געשמאַקלאָזיקייט.״

אין אַ בריוו צו דוד פּינסקי (אין 1907) האָט פרץ געשריבן: „עס פרייט מיך אויף אייער „היינריך היינע״, איבוואָל דער אַלטער היינע האָט ביי מיר שוין לאַנג דעם חן פאַרלוירן. מיר, ווייניקסטנס, האָט ער פיל שאָדן אָנגעמאַכט. „כאַפּט׳ן דער מצה־רעדלער״, ער האָט מיך אָב־געשטעקט מיטן לייכט־אַנרירן און פאַרקרומען זיך, ווייניקסטנס — אין די ערשטע אַרבעטן מיינע, נאָר אויך אין די ערנסטע לאָזט מיך דער לאָך־מענטש נישט אָפּ. דער חשק איבערצודרייען דעם שפּיגל אויף דער פינצטערער זייט, איז געפערלעך״, („בריוו און רעדעס״, ז׳ 237).

נאָך שאַרפער דריקט זיך אויס פרץ וועגן דעם היינע־איינפלוס אויף אים אין אַ בריוו צו יהואשן (אויך פון 1907). „די ראָמאַנצן, אָנגע־

שמעקט מיט היינע, פילן זיך שלעכט נאָך — היינע... איך פאַרשעלט די טעג, ווען איך האָב׳ם געלעזן, און די זאַכן, וואו איך האָב אים נאָכגעמאַכט. דאָס „געניאַלע״ ליצנות איז דאָך נישט מען ווי אימפּאָטענץ... אין בעסטן פאַל: זעלבסט־פאַראַכטונג. מיר טאָרן נישט ליצנות טרייבן... עס מוז געבויט און געפלאַנצט ווערן; מוז מען זיך אַמאָל פאַרקרומען, איז צווישן פיר ווענט פאַרן שפּיגל, נישט פאַרן פּובליקום. לאָמיר נביאים און פירער ווערן, נישט מאַרשאַליקס...״ (זייט 241).

אין אַ צווייטן בריוו צו יהואשן שרייבט פּרץ: „דאַרף איך אייך באַווייזן, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען אַלע יידישע דיכטער און שרייבער האָבן נאָכגעמאַכט היינען? בין איך דען דערביי נישט געווען און אַרום דעם זעלבן עגל גלייך מיט אַלע, אויב נישט פריער פאַר אַלע, געטאַנצט?״ (ז׳ 243).

אינעם קאַפּיטל „פּרץ און דוד פרישמאַן״ — ברענגען מיר אויספירלעכער די אָנפאַלן און די פאַרוואורפן, וואָס פרישמאַן האָט געמאַכט אויף פּרצן ווענען ער האָט נישט אויפגעהערט צו באַשולדיקן אין „גנבה״: „אַלץ וואָס ער (פּרץ) האָט געשריבן — דערקלערט פרישמאַן (אין יאָר 1895) אין זיינע „מכתבים על דבר הספרות״ (ב. 1, ז״ז 90־127) — האָט ער גענומען נישט פון איין מקור, נאָר פון עטלעכע מקורים, אַ שורה פון דאַנען, אַ שורה פון דאָרט, אַ וואָרט פון איינעם און אַ וואָרט פון אַ צווייטען...״ פרישמאַן רופט אָן אייניקע זאַכן ביי פּרצן, וואָס זיינען, לויט זיין מיינונג, גענומען אָדער דערמאָנען אָן טשעכאָוון, שענקעוויטש, שאַמיסאָ, היינע.

אין זיינע צוויי ביכלעך־פּאַמפלעטן „לאָקשן״ און „אַ פלוי אויף תשעה באב״, וואָס דוד פרישמאַן האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1894 (אונטערן נאָמען אברהם גאָלדבערג) אַ מין „קריטיק״ אויף פּרצעס „יום־טוב בלעטלעך״, האָבן מיר אַזאַ מין „חכמהלע״, אין דער פאָרם פון „נייעס״: „אויס פּאַריז שרייבט מען אונדז, — אויף דעם בית־עולם פּערלאַשעז, וואו היינריך היינע ליגט באַגראָבן, האָבן אָנגעהויבן אין דער לעצטער צייט פיל ווערים פון דעם קבר אַרומצוקריכן, וואָס האָבן געהאַט די יניקה פון דעם טויטן גוף און האָבן אָנגעהויבן צו זינגען לידער, אַ חילול־השם פאַר דעם טויטן דיכטער״.

דר. יוסף קלויזנער, דער שטענדיקער פאַרערער פון פּרצן און וואָס האָט נישט איין מאָל זיך אָנגענומען פּרצעס קריוודע און פאַרטיידיקט פּרצן קעגן זיין שטענדיקן אָנפאַלער דוד פרישמאַן, שרייבט (אין זיין העברייאיש בוך „דרכי לקראת הגאולה והתחיה״): „דוד פרישמאַן האָט

איבערטריבן, ווען ער האָט אָנגערופן פרצן פּלאַגיאַטאָר פון א ספּעציעלן מין, וואָס גנבעט פּאָעזיע און פאַרבט זי איבער אין אַן אַנדער פאַרב, מען זאָל נישט דערקענען די גנבה. פרישמאַן האָט באַשטעטיקט זיין באַשולדיקונג מיט דעם וואָס ער האָט פאַרגליכן אַ ליבע־ליד אין פרצעס קליינער פּרעכטיקער העברייאישער שירים־זאַמלונג „העוגב" מיט עט־לעכע לידער פון היינעס „בוך דער לידער". איך האָב שוין אַמאָל דער־וויזן אין מיין אָפּהאַנדלונג „שירי אהבה" („האשכול", ו' תרנ"ח 1898, ז"ז 54־71, — ווען איך האָב דעם אַרטיקל איבערגעדרוקט אין „יוצרים ובונים" ב. 2, ז"ז 152־164, האָב איך פאַרקירצט די פּאָלעמישע שטעלן קעגן פרישמאַנען), אַז די זאַך איז נישט אַזוי ... "

אין זיין זאַמלונג פּוילישע לידער (פון 1874), וואָס זיינען נאָך נישט רייף, אָבער וואו עס זיינען שוין דאָ בולעטע שטריכן פון פרצעס כאַראַקטער, זיינען דאָ שטאַרקע השפעות פון געטע, — אייניקע לידער אפילו איבערגעזעצט און עס איז דאָ „דער סאַטירישער און שפּאַ־סיקער טאָן פון היינע". (זע אויספירלעכער: נ. ווייניג, „ייוואָ־בלעטער", 1937, וועלכער שטעלט זיך אָפּ אויף זייער אינהאַלט, פאָרם און שפּראַך).

מיט די היינע־איינפלוסן אויף פרצן און מיט די ווידעראַנאַנדן ביי זיי פאַרנעמט זיך נ. ב. מינקאָוו און זיין אָפּהאַנדלונג „י. ל. פרץ — דער דיכ־טער פון ליד" („יידישע קלאַסיקער פּאָעטן", ניו־יאָרק, 1937, ז"ז 35־63).

ער זאָגט צווישן אַנדערן: „... מיט דעם מאָטיוו פון ליבע, אָפט־מאָל צאַרט ביז דעגענעראַציע, צוליב דעם זיס־ביטערן הומאָר, וואָס פרץ האָט פאַרזייט אינעם באָדן פון יידישן ליד, צוליב דעם טראַגיזם, דער צאַרטקייט און אידעאַליזירטער טרייסט פון זיין איראָניע, האָט ער אַמ־שטאַרקסטן זיין קרובהשאפט מיט היינען דערפילט. ביידע, פאַרענדיקער פון די עפּאָכעס, וואָס האָבן זיי צוגעגרייט און וועמעס שוואַנען־לידער זיי האָבן אויסגעזונגען. היינע, אויף וועמען, ווי מעטיו אַרנאָלד דריקט זיך אויס איז „געפאַלן דער אָן אָן ערך גרעסטער טייל פון געטעס מאַנטל", האָט געשלאָסן דעם דייטשישן ראָמאַנטיזם, נאָוואַליסעס בענקשאַפטן; און געשלאָסן האָט ער עס מיט זיין ביטערער איראָניע און אַנטוישונג"...

פרצעס איראָניע — שרייבט נ. ב. מינקאָוו — איז אָבער נישט געווען אַזוי אָרגאַניש ווי היינעס, ווייל ביים לעצטן איז דאָס מער געווען אין איינקלאַנג מיט זיין גאַנצער אַנטוישונג אין איין ספער, כדי צו באַטרעטן אַן אַנדערע... — ביי היינען איז די איראָניע געווען אַ דורכגעברענטע... פרץ אָבער האָט שטענדיק געזוכט, אפילו זייענדיק אַנטוישט, פלעגט ער שטייגן פון אַ נייעם צו אַ נייעם גלויבן..."

נ. ב. מינקאָוו ווייזט אָן, אַז „די קרובהשאפט מיט היינעס ראָמאַנטיזם

און איראָניע האָט פּרצן געהאָלפן (צו) באַרייכערן דאָס יידישע ליד״. ער ברענגט דערביי ביישפּילן, מאַכט פאַרגלייכן צווישן די היינישע און פּרציִשע לידער און פירט אויס, אַז „פּרצעס ליבע־מאָטיוון, די ערשטע אַריינצו־טרעטן אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע מיט אידעאַליזירטער בילד־לעכקייט, ראַפינירטן טרויער און ביטערן שמייכל, האָבן באַרייכערט די מעגלעכקייטן פון ליד, אָבער אַליין — נישט אַלעמאָל דערפאָלגרייך אויס־געדריקט.״ (ז׳ 62).

אַנדערע באַטאָנען דאָס פּאָזיטיווע, וואָס פּרץ האָט גענומען פון היינען.

וועגן דער פּאָזיטיווער השפּעה פון היינען אויף פּרצן רעדט משה כּץ (אין זיין ביכל „י. ל. פּרץ״, ניו־יאָרק, 1940) וואו ער באַהאַנדלט פּרצעס „כּסדרדיקן שטרעבן אויסצושיילן זיך פון דער שאָלעכץ פון ציטווייליקער שטייגערישקייט און טראַדיציאָנעלישקייט, זיין איבעררופן זיך מיט די גרוי־סע גייסטער פון אַנדערע קולטורן און ליטעראַטורן, און צווישן זיי מיט איינעם פון די סאַמע גרעסטע און רעוואָלוציאָנערסטע — מיט היינריך היינע״.

משה כּץ גיט צו: „י. ל. פּרצעס פאַרבינדונג מיט היינען איז אַ באַ־זונדערער קאַפּיטל, וואָס פאַרדינט אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. דער פאַקט גופא פון זיין איבעררופן זיך מיט היינען איז היסטאָריש און קינסט־לעריש אומגעהויער וויכטיק פאַר דער כאַראַקטעריסטיק סיי פון י. ל. פּרצעס פערזענלעכקייט, סיי פון זיין קינסטלערישער ירושה. דאָס היינישע אין אים איז דער עלעמענט, וועלכן דער אַרבעטער־קלאַס וועט אויסטיילן, אָננעמען און פאַראייביקן אפילו דעמאָלט, ווען אַ טייל אַנדערע עלעמענטן פון פּרצעס שאַפן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן דערהויפּט אין אַ מאַטעריאַל פאַרן ליטעראַטור־פאָרשער״ (ז׳ 20).

און נישט נאָר פון היינריך היינע. „פּרץ — זאָגט משה כּץ — איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן אין זיין דיכטונג פון דער דעמאָלטיקער מאָ־דערנער דייטשער ליטעראַטור. מען פילט עס אפילו אין דער שפּראַך און אין דער פערז־קאָנסטרוקציע פון זיינע לידער פון יענער צייט. אַזעלכע פערזן, ווי —

„האָסט געצילט און האָסט געטראָפן
און — דו שמייכלסט פאַרגעניגט...״

„אַ גאַנצע נאַכט האָב איךריימען געשמידט
פון זילבער און גאָלד,
און מיינע אייגענע האַרציקעליידן
קלינגען מיר האָלד״.

זיי ווייזן ווי דירעקט פּרץ איז אפילו שפּראַכלעך באַווירקט געוואָרן פון דייטשער דיכטונג. אין אַ צייט, ווען די יידישע שפּראַך האָט זיך גע־דאַרפט אויסקעמפן איר ליטעראַרישע אָנערקענונג און האָט זיך גענויטיקט אין אַן אויסברייטערונג פון אירע פאָרמען, איז די איבעראַרבעטונג פון דייטשע פאָרמען און ווערטער אין דעם יידישן שפּראַך־אוצר אַן שום צווייפל געווען י. ל. פּרצעס אַ גרויסער פאַרדינסט" (ז' 32).

אויף וויפיל היינע איז געווען איינגעבאַקן אין פּרצעס האַרצן איז צו זען פון אַזאַ מין פאַל. אין 1894 הויבט אָן פּרץ צו דרוקן אַ גרעסערע סאָציאַלאָגישע אָפּהאַנדלונג וועגן אייגנטום, — אייגנטום ביי חיות, אייגנטום ביי מענטשן, וואו ער וויל באַווייזן אויפן סמך פון פאַרשיידענע אילוסטראַציעס־ביישפּילן, אויף וויפיל חיות און מענטשן קעמפן און באַשיצן זייער אייגנטום. פּרץ, דער דיכטער, הויבט אָן זיין אָפּהאַנדלונג מיט אַ לענגערער פּאָעמע פון ה. היינע „אַטאַ טראָל" (אַ מעשה מיט אַ בער, וואָס איז געפאַנגען דורך מענטשן), און דערוויל ברענגט פּרץ אין זיין איבערדיכטונג שטיקער פון אָט דער היינישער פּאָעמע. (דער ערשטער קאַפּיטל, וואָס הייסט „היינריך היינעס „אַטאַ טראָל", פאַרעפנטלעכט אין „ליטעראַטור און לעבן" איז איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור", 1951, נ' 3).

מען דאַרף דערמאָנען פּרצעס „אַ סצענע", וואָס האָט אַן אונטערקעפּל „אויס היינע". דאָ פיגורירט די זון, דער דיכטער, אָפּן, פרעש, מויל־וואורפן און אַ גלי־וואָרעם. אין קורצע טרעפלעכע שורות רעאַגירט יע־דער איינער אויף דער זון, אויף אירע שטראַלן, אויף איר לייכטן. און פּרצעס ליד „אַן אדום", וואָס איז באַצייכנט, אַז עס איז „לויט היינע", די פּרעכטיקע היסטאָרישע פּאָעמע „ער און זי", „אַן אַלט־היספּאַנישע פאַבל", וואָס פּרץ גיט־אָן אין קלאַמערן, קומט מיט אַן עפּיגראַף פון היינע „עס איסט איינע אַלטע געשיכטע, אונד בלייבט דאָך אימערער ניי". אָט אַזוי ענג איז געווען די פאַרבינדונג צווישן היינע און פּרץ אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן.

4

און ווען פּרץ האָט זיך געריסן פון די ענגע ד' אמות פון דער יידישער שאַפערישער וועלט, געווען אומצופרידן מיט דער יידישער אָפּגעשטאַ־נענער דיכטונג, האָט ער זיך באַמיט אַריינצוברענגען וואָס־מער מאָטיוון, געזאַנגען פון אַנדערע פרעמד־שפּראַכיקע דיכטער. אויסער היינען האָט פּרץ אויך איבערגעדיכטעט לידער פון פּרוג, פון דער פוילישער מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ און פון נאַדסאָן (סעמיאָן נאַדסאָן, 1862־1887, אַ ייד, געשריבן בענקנדיקע און קלאַגנדיקע לידער, וואו עס רייסט זיך אַמאָל אַדורך אויך אַ פּראָטעסט).

נ. ב. מינקאָוו, דערמאָנענדיק פּרצעס איבערדיכטונגען פון נאַדסאָן, — ביי פּרצן הייסן די לידער „פריי אויס נאַדסאָן" (זיי געהערן צום יאָר 1892) — שרייבט וועגן דעם: „פּרץ פלעגט זיך אומקערן צום ליד אין צייט פון פאַרשיידענע זוכענישן פון זיין אומרואיקן גייסט און דערפאַר זיינען זיינע לידער אַזוי פאַרשיידנאַרטיק און מאַכן דעם איינדרוק פון פּרואוון. דערצו ברענגט אויך דער פאַקט, וואָס דאָס יידישע ליד פון זיין צייט איז נישט געווען פילפאַרמיק, און וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן אַריינפירן אַ מין איראָפּיאישקייט אינעם יידישן ליד".

„מיט דעם „איראָפּיאיזירן" דאָס ליד האָט פּרץ אַריינגעבראַכט דאָס, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיינע כאַראַקטער־שטריכן. דאָס מערקט זיך אפילו אין זיינע איבערזעצונגען, צ. ב. פון נאַדסאָנען און מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. זיי דייטן־אָן אויף פּרצעס ראָמאַנטיש־טרויעריקן טאָן. ספּעציעל קאָן מען זען זיין נייגונג צו קורצקייט אין דעם פרייען איבערטראָגן פּרעמדע לידער: נאַדסאָנס ברייטן פלוס, צ. ב. באַמערקט מען נישט אין פּרצעס איבערזעצונג" (ז' 59). נ. ב. מינקאָוו פאַרגלייכט דערביי פּרצעס איבערדיכטונג מיט נאַדסאָנס רוסישן אָריגינאַל.

אויך נ. אויסלענדער שטעלט זיך אָפּ גענויער אויף פּרצעס איבערדיכטונגען פון ס. נאַדסאָנס לידער. ער שרייבט אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל „דער יונגער י. ל. פּרץ" („יידישע קולטור", אַפּריל 1950):

„ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש אין דעם הינזיכט איז פּרצעס איניציאַטיוו צו איבערזעצן אויף יידיש דעם רוסישן דיכטער נאַדסאָן... נאַדסאָנס לידער זיינען געווען גאַנץ היפּש באַלאָדן מיט דערשלאָגנקייט, — אין דעם זינען איז ער געווען אַ טיפּישער פאַרשטייער פון די 80־טער יאָרן. אָבער דאָס אייגנטלעכע אין נאַדסאָנס לידער איז באַשטאַנען דערין, וואָס דאָ איז געווען אי מאַכטלאָזיקייט, אי פּראָטעסט קעגן איר... און אָט דער אינערלעכער געראַנגל אין נאַדסאָנס דיכטונג האָט עס געצויגן פּרצעס אויפמערקזאַמקייט".

„... זיינע איבערזעצונגען האָט פּרץ באַצייכנט „פריי אויס נאַדסאָן", נאָר ער האָט כלל נישט געקליבן זיך צו זאָגן אין נאַדסאָנס נאָמען אַזוינס, וואָס שטימט נישט מיטן כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן דיכטער. פּרץ האָט דווקא אָנגעהויבן דעם ציקל איבערזעצונגען (אַכט לידער) מיט אַ טיפּישן נאַדסאָנישן מאָטיוו:

„קום שוין, קום, אַ, נביא! מיט דער גאַנצער קראַפט
פון אומגליק און פון ליבע רופן מיר צו דיר.
קוק, ווי שוואַך מיר זיינען, מיד און אָפּגעשלאַפט
ווי שטאַרק דער שונא איז, ווי אומבאַהאָלפן מיר..."

אַט דעם ווײ־געשרײ פון מאַכטלאָזיקייט פלעגט מען דעמאָלט האַלטן פאַר דעם אײנציקן נאַדסאָן־מאָטיוו, און מען פלעגט דערבײ פאַרזען, אַז בײ נאַדסאָנען זײנען פאַראַן נאָך אַנדערע, גאָר אַנדערע לידער. פרץ ווײל אומבאַדינגט, אַז דער לײענער זאָל דערפילן דעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס קומט פאָר אין נאַדסאָנס דיכטערישער נאַטור. אַרום וואָס גײט ער, דער געראַנגל ?... אַרום דער „לוסט צו שלום."

נ. אויסלענדער ברענגט בײשפּילן פון פרצעס איבערדיכטונגען, און ער זאָגט: „פּרוּווט פאַרגלײכן די איבערזעצונגען מיטן אָריגינאַל און איר וועט פאַרשטײן, פאַרוואָס פרץ רופט עס „פרײ אויס נאַדסאָן". די „פרײקײט" באַשטײט דערין, וואָס פרץ טראָגט אַרײן אין די איבערזעצונגען אַ נײעם ריטמישן גאַנג. פרצעס שורה איז אַ סך קירצער (כמעט אויף א העלפט) פון נאַדסאָנס שורה, זי איז אַקטיווער, ענערגישער, זי איז געבויט אַזוי, אַז זי זאָגט אונטער דעם סוף פונעם דיכטערס געראַנגל".

„פרץ — שרײבט נ. אויסלענדער — טראָגט אַרײן אַ נײעם, אַ מער־אַקטיוון ריטמישן גאַנג. עס ווערן אויף אַ נײעם אופן פאַנאַנדערגעשטעלט די אינטאָנאַציעס, און זײ דאַרפן לאָזן הערן, אַז דעם דיכטערס ווילן איז כלל נישט קײן געבראָכענער, פאַרקערט, עס איז דער ווילן פון יענע מענטשן, וועגן וועלכע פרץ האָט ליב צו זאָגן: „פאַראַן פעסטע, מעטאַלענע מענטשן, וואָס לאָזן זיך געשווינדער ברעכן אײדער בויגן". אַזעלכע מענטשן, אַז זײ קומען צום וואָרט ברענגען זײ אַרײן אויך אין דער דיכטערישער שפּראַך אַ פעסטן, מעטאַלענעם קלאַנג. אָט־אָ דעם קלאַנג זוכט פרץ אין דער דעמאָלטיקער יידישער שפּראַך, אין דעם גײסט דיכטעט ער איבער נאַדסאָנס לידער..." (ז' 16).

ס'איז אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ גאָר־אַנדערע מײנונג וועגן פרצן, ווי דעם איבערזעצער און איבערדיכטער פון תנ"ך, פון הײנע און נאַדסאָן. מ. אָלגין אין זײן בוך „אין דער וועלט פון קלאַנגען" (אַ בוך וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן, נ"י 1919, אינעם אַרטיקל „פרץ דער ליריקער", געשריבן אין 1915) שרײבט צווישן אַנדערן: „... נאָך שוואַכער זײנען זײנע איבערזעצונגען פון די נביאים און פון נאַדסאָן. שוין אָט־די קאָמבינאַציע: איבערזעצונגען פון ישעיה און יחזקאל און איבערזעצונגען פון דעם סענטימענטאַל־ווײכן, באַנאַל־פאַרחלומטן און רוסישן דיכטער נאַדסאָן — זײנען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פרצעס אײביקן טאַפּן, זוכן און פּרובירן. פרץ איז אָבער ניט געווען קײן איבערזעצער. צו אַן איבערזעצונג דאַרף מען קודם־כל האָבן אַ פאָלקאָמענע הערשאַפט איבער דער שפּראַך. די פאָרם דאַרף זיך געבן פון זיך אַלײן. דאָס איז בײ פרצן ניט געווען. דערצו האָט פרץ איבערהויפּט ניט געקאָנט אַרײנלעבן זיך אין יענעמס גײסטיקער אַטמאָס־

פּערע. אפשר דערפאַר זיינען אים אויך ניט געלונגען זיינע ליבעס־לידער, וועלכע ער האָט געוויסערמאָסן נאָכגעדיכטעט נאָך היינען. פאַראַן דיכטער, וואָס קאָנען זיך אַזוי אָנשטעקן מיט יענעמס אַ שטימונג, אַז זי זאָל ווערן זייער אייגענע און געפונען נאָך דעם אַן אויסגעצייכנטן אויסדרוק. פּרץ האָט ניט געהערט צו זייער סאָרט. פּרץ האָט זיך געפילט גוט אין דער גייס־טיקער אַטמאָספּערע פון אַ גאַנצן פאָלק, ווייל דאָ איז פאַר אים געווען אַ רחבות. אָבער אַריינלעבן זיך אינעם גייסט פון אַ יחיד, מעג דער יחיד זיין אפילו אַ ישעיה אָדער אַ יחזקאל, דאָס האָט ער ניט געקאָנט.״ (ז׳ 150־151).

5

וועגן די פאַרשיידענע השפּעות, וואָס י. ל. פּרץ האָט אויפגענומען אין זיך און אויף זיין שאַפן האָט שוין אָנגעוויזן דר. מ. פּינעס אין זיין „געשיכ־טע פון דער יידישער ליטעראַטור, ביז 1890״ (דערשינען אונטער דער רע־דאַקציע פון בעל־מחשבות, וואַרשע, 1911, 2 בענד, 444 ז״ז). ער רעדט וועגן די אוניווערסאַלע מאָטיוון און די מאָדערנע טענער, וואָס פּרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער ידישער ליטעראַטור פון זיין צייט און דערביי באַרירט מ. פּינעס די איינפלוסן פון די וועלט־שרייבער אויף פּרצן. מ. פּינעס זאָגט: „ס׳איז אָנגעקומען אַ נייער דור, וועלכער איז נישט דורכ־געגאַנגען דעם קרומען און שמאָלן השכלה־וועג, וואָס האָט אויסגעטרוקנט דעם גייסט און די נשמה, אַ דור, וועלכער איז אַוועק צו ליכט מיטן גרויסן, איינפאַכן און נאַטירלעכן וועג פון מענטשלעכן געדאַנק און געפיל. פּרץ איז געווען דער ערשטער פּאָעט פון נייעם דור... — קיין זאַך איז נישט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן נייעם גייסט, וואָס איז מיט פּרצן אַריינגע־טראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור ווי זיינע ליבעס־לידער. עס איז אויך ריכטיק, אַז היינעס ווירקונג, וועלכע פילט זיך אין אַלגעמיין זייער שטאַרק אין פּרצעס פּאָעטישע ווערק, איז הויפּטזאַכלעך באַמערקבאַר אין זיינע ליבעס־לידער. ווי זיין געניאַלער פאַרגעגנער, וועלכער איז אַרויס פון דייטשן ענגן יידישן תחום, האָט דער ערשטער ראָמאַנטישער פּאָעט פונעם רוסישן ידישן תחום אויך צוזאַמענגעמישט אין זיינע פּאָעטישע שאַפונגען איראָניע און פּאָעזיע״. (ב. 2, ז׳ 42).

„צוגלייך מיט די ליבע־לידער — זאָגט ווייטער מ. פּינעס — דאַרף מען נאָך דערמאָנען די אייניקע לידער, וואָס טראָגן אַ סאַטירישן אָדער געזעלשאַפטלעך־פילאָזאָפישן כאַראַקטער. אויך דאָ פילט זיך שטאַרק די ווירקונג פון פרעמדע שריפטשטעלער. דאָס ליד, וואָס רופט זיך „די נאַכט־ווערטער״, און אַנטהאַלט אַ סאַטירע קעגן די חסידישע רביים, איז אַ נאָכמאַכונג אויף שאַמיסאָס ליד „דאָס ליד פון די נאַכט־וועכטער״, נאָכ־

געמאַכט איז עס מיט טאַלאַנט און זיין שאַלנדיקע און שטאַרקע שפּראַך שטימט איין מיטן כאַראַקטער פון דעם ליד... מיר צייכענען דאָ אָפּ פאַרבייגייענדיק די פרייע איבערזעצונגען, וואָס פרץ האָט געמאַכט מיט דערפאָלג פון אייניקע נאַדסאָנס לידער, פון פרוגס ליד „דער כוס" און אויך פון דער פוילישער שריפטשטעלערין מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ". און דר. פינעס גיט צו: „עס וואָלט זיין זייער שווער ווען מען זאָל וועלן אויסגעפינען אַ פאַראייניקנדיקן געדאַנק אין פרצעס לידער. דער פּאָעט לאָזט זיך פירן דורך דעם קאַפּריז פון זיין פאַנטאַזיע, מעגלעך אויך דורך די פאַרשיידנאַרטיקע ביכער, מיט וועלכע עס האָט (זיך) געשפּייזט זיין גייסט: אַמאָל איז ער פעסימיסט, אַמאָל ווידער פשוט סקעפּטיש" (ז"ז 47־48).

אַז מען דערמאָנט שוין שאַמיסאָ (אַדאַלבערט פאָן שאַמיסאָ, 1871־1838, דער דייטשער דיכטער פון פראַנצויזישער אָפּשטאַמונג) דאַרף מען צוגעבן, אַז פרץ פלעגט אַריין שאַמיסאָן אין זיין „אויף אַ זומער־וואוינונג", וואָס שילדערט די איבערלעבענישן און שטימונגען פון אַ יונגמאַן אום זומער־צייט „אין אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון וואַלד און טייך". פרץ מאָלט אַ רייזע אויף אַ שיפל: „... יעדעס בלאַט, יעדעס רעדל איבערן וואַסער" זינגט מיט מיטן „יונגן שטאַרקן פישער וואַסיל"... „אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסן אין איין פאַרלאַנג, איין בענקעניש, איין נשמה..." פרץ דערציילט ווייטער: „דאָס שיפל גליטשט זיך אויס מיט מיר, אַ ניי לידל קלאָגט: שאַמיסאָס באַקאַנט לידל: „געדענקסטו די נאַכט, ווען פאַרכשופט מיר זיינען צוזאַמען געזעסן" א. א. וו. פרץ ברענגט פינף פירשורותדיקע פערזן אין זיין פיינער איבערזעצונג.

מ. פינעס שטעלט זיך ווייטער אויך אָפּ אויף די איינפלוסן פון די נביאים אויף פרצן: „געפירט דורך אַ גליקלעכן אינסטינקט, האָט פרץ געזוכט מאָטיוון פאַר זיין סאָציאַלער באַגייסטערונג אויפן ערשטן פּלאַן אין די ווערטער פון זיינע פאָלקס־נביאים. אין די פלאַמענדיקע ווערטער, וואָס האָבן פאַרלאַנגט גערעכטיקייט פאַר שוואַכע און האָבן צוגעזאָגט נקמה די שטאַרקע און די אונטערדריקער. באַזונדערס איז אים געלונגען איבערצוגעבן אין פערזן מיט גרויס געשיקטקייט און אין אַ פייערדיקן טאָן צוויי קאַפּיטלען פון „יחזקאל" (ז' 49). „פרץ האָט איבערגעגעבן אין פערזן אַ תלמודישע זאגע — רבי חנינא בן דוסא" (ז' 62) „די קאָנסטרוקציע פון די באַלאַדן, באַזונדערס פון „מאָניש" — שרייבט מ. פינעס איז פאַנטאַסטיש, פול מיט אומדערוואַרטעטע געשעענישן, און עס עראינערט אין דער היינציכט אָן היינעס באַלאַדן, ווי למשל, „דייטשלאַנד", „ווינטער־מעשהלעך"... (ז' 63).

און ווייטער שרייבט מ. פינעס: „די ווירקונג פון פרעמדע ליטעראַ־

טורן אויף די עלטערע (יידישע) שריפטשטעלער איז געווען מינימאַל; זי האָט זיך באַזונדערס אויסגעדריקט אין דעם, וואָס מען פלעגט איבער־נעמען ביי די פרעמדע שרייבער די אָדער יענע קונסט־פאָרם, אָבער נאָר רייך־אויסערלעך. דער אַריינטריט פון פרעמדע ווירקונגען אין דער יידי־שער ליטעראַטור, דאָס אַריינברענגען אין דער דאָזיקער ליטעראַטור קונסט־פאָרמען און טענדענצן, אַרויסגענומען פון אייראָפּייאישע ליטעראַ־טורן, זיינען ענג פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט דער ליטעראַרישער טע־טיקייט פון... פּרצן... — האָבנדיק אַ זייער אַסימילאַטאָרישן גייסט, קענענדיק אייראָפּייאישע שפּראַכן און זייענדיק שטענדיק אין קורס פון די ליטעראַרישע באַוועגונגען אין די פרעמדע ליטעראַטורן, האָט פּרץ אין זיינע ווערק אָפּגעשפּיגלט די פאַרשיידענע און קעגנזעצלעכע ווירקונגען, וואָס ער האָט אויף זיך געשפּירט. צווישן זיינע נאָוועלן*) — פּרץ האָט קיינמאָל נישט געפּרוּווט שרייבן (קיין) ראָמאַנען — געפינען מיר אַזעלכע, וואָס זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פּוילישע רעאַ־ליסטן, ווי אויך אַנדערע — הויפּטזאַכלעך די, וואָס באַציִען זיך צום חסידישן לעבן, וועלכע דערמאָנען אונדז אין געוויסע הינזיכטן די אויסגעטראַכטע מיטלאַלטערלעכע מעשהלעך פון אַנאַטאָל פראַנס. עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע, די שפּעטערדיקע, אין וועלכע עס איז צו זען די ווירקונג פון מולטאַטולי, מעטערלינק און איבסען; זיי זיינען שטאַרק פאַרבונדן מיט דער סימבאָליסטישער און דעקאַדענטישער באַוועגונג". (ז' 177).

און ריכטיק באַטאָנט מ. פּינעס, אַז „די פאָרם־פאַרשיידנקייט, וואָס מיר געפינען ביי פּרצן, שטערט נישט דער איינהייט און גאַנצקייט פון זיין שאַפן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פּרץ איז נישט קיין איינ־פאַכער נאָכמאַכער. איבערנעמענדיק אויף אַ מערקווירדיקן אופן אַלץ דאָס טייערע און טיפע, וואָס ער געפינט אין די ווערק פון פרעמדע שריפט־שטעלער, קאָן ער אין דער זעלבער צייט אויך אָפּהיטן זיין אייגענע אָרי־גינאַליטעט, זיין באַשטימטן אַרט דענקען און פילן, זיין גראַציעזן און קלאָרן סטיל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצן שאַפן. וועגן אים קאָן מען זאָגן דאָס זעלבע, וואָס אַ באַקאַנטער קריטיקער האָט געזאָגט וועגן אַנאַטאָל פראַנסן, נעמלעך, אַז אויף יעדער זייט, וואָס ער האָט געשריבן, קאָן מען געפינען לכל הפחות איין זאַץ, וואָס האָט דורך קיינעם נישט געקאָנט געשריבן ווי נאָר דורך אים". (ז' 117).

מ. פּינעס באַצייכנט אויך איינפלוסן פון די סלאַווישע קינסטלער־

*) נאָוועלן געמיינט — קלענערע דערציילונגען און נישט, ווי ס'איז אָנגע־נומען אין אַמעריקע צו רופן גרויסע ראָמאַנען — נאָוועלן. — נ. מ.

ראָמאַניסטן אויף פּרצעס שאַפן. ער שרייבט: „... פּרץ האָט זיך געלערנט ביי די סלאַווישע רעאַליסטן. מען געפינט ביי אים די זעלבע איינפאַכ־קייט, דעם זעלבן רעאַליזם אין דער דעטאַל־באַשרייבונג, דאָך איז זיין טעמפּעראַמענט נישט קיין טעמפּעראַמענט פון אַ רעאַליסט. ווי וועגן טור־גענעוון, און אפשר נאָך מיט מער רעכט, האָט מען אויך איבער אים גע־קאָנט זאָגן, אַז ער איז „דער ראָמאַנטיקער פונעם רעאַליזם...״ די אויסער־לעכע דעטאַלן אַן און פאַר זיך אינטערעסירן אים נישט, און ער שטעלט זיך אויף זיי אָפּ נאָר אויף אַזוי פיל, ווי דאָס איז נויטיק אום מען זאָל בע־סער קאָנען זען די אינעוויניקסטע געפילן, די נשמה, פון די העלדן...״ (דר. מ. פּינעס — „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״, ב. 2, ז׳ 181).

און אוודאי און אוודאי האָט זיך פּרץ געפונען אונטער אַ שטאַרקן איינ־פלוס פון די פוילישע פילאָזאָפיש־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון זיין צייט. דר. יעקב שאַצקי באַמערקט, אַז „די ערשטע אויפגאַבע פון אַ (פּרץ)־פאָרשער אין דעם פּרט וואָלט באַדאַרפט זיין גרינטלעך אַריינצואַרבעטן (אויסצופאָרשן) די פוילישע ליטעראַטור פון יענער צייט. דעם אַזוי־גע־רופענעם פּאָזיטיוויזם און דעם הומאַנעם סאָציאַליזם אין פוילן, וואָס אָן זיי קאָן מען די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע און ליטעראַרישע טענדענצן פון דעמאָלטיקן פּרצן (פון אַרום 1895) נישט פאַרשטיין״. (דר. שאַצקי — אינעם אַרטיקל איבער א. ראָזענצווייג — „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּרצעס שאַפן״, „ייוואָ־בלעטער״, 1937, ז׳ 351).

משה זילבורג אין זיין אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ (פאָרוואָרט צום ביכל „פינף נפטרים — י. ל. פּרץ, פ׳ „דער קוואַל״, ווין 1921) שרייבט וועגן די איינפלוסן אויף פּרצן: „נישט פון מולטאַטולי, נישט פון אַנאַטאָל פראַנס (אַבסורד!), ווי מ׳מיינט, איז פּרץ באַאיינפלוסט. דער איינפלוס קומט פון דער גאַנצער אייראָפּייאישער ליטעראַטור פון דער צייט. דערביי מוז מען געדענקען, אַז דער מצב פון דער וועלט־ליטעראַטור איז אַזעלכער, אַז כמעט אין קיין ליטעראַטור איז נישטאָ קיין איינציקער שרייבער, וואָס זאָל נישט זיין באַאיינפלוסט, אויף וואָס פאַר אַן אופן און גראַד, פון אַ צווייטן, פון דער פרעמדער אָדער אייגענער. דער קריטעריום איז דערביי די קראַפט פון שריפטשטעלער, ווי ער פאַרדייעט עס אין דער היץ פון זיין שמעלץ־טיגל. די היץ פון חסידות איז, ווי באַקאַנט, הויך־גראַדיק — און פּרץ איז געווען אין כאַראַקטער דער היציקסטער חסיד.״ (ז׳ 16).

אַנשטאָט זוכן און קאָנסטאַטירן איינפלוסן פון אַנאַטאָל פראַנס אויף פּרצן, האָט לעאָ קעניג פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן א. פראַנס און י. ל. פּרץ („שרייבער און ווערק״, ווילנע 1929, ז״ז 20־26), וואו ער באַמיט

צו מאַכן פאַרשיידענע פאַרגלייכן צווישן אַט־די צוויי שרייבער. צווישן אַנדערן שרייבט ער: „... ווי אַנאַטאָל פראַנס האָט אויך י. ל. פרץ זיינע בעסטע מאָטיוון געזוכט אין דער פאַרגאַנגנהייט — דער ערשטער צווישן די אַמאָליקע קריסטלעכע הייליקע; דער אַנדערער — צווישן די אַמאָליקע חסידים און צדיקים. ביידע זיינען זיי אַהין געפּירט געוואָרן פון זייערע אידייען און זוכענישן...״ און ווייטער: „אַנאַטאָל פראַנס האָט העלעניזירט דאָס קריסטנטום; פרץ האָט דעם משכילישן ראַציאָנאַליזם אין אַ ראָמאַנטישער פּיעטעט געוויקלט...״ (ז׳23).

6

מענטשן וואָס האָבן געקאָנט פרצן נעענטער, אינטימער און לענגער גיבן איבער אינטערעסאַנטע פּרטים ווי פרץ פלעגט באַאיינפלוסט ווערן פון אַ ווערק, פון אַן אידייע, פון אַ געשעעניש.

עס דערציילט ה. ד. נאָמבערג, ווי פרץ „איז געווען דורכגעזאָפּט מיטן טיפסטן פּעסימיזם, מיט אַן עקל צום לעבן״. דאָס איז געווען אין די לעצטע יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט, ווען נאָמבערג איז אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע, איידער עס האָט זיך פאַר פרצן אַנטפּלעקט דאָס יידישע פאָלקסמעשהלע. „פרץ — דערציילט נאָמבערג — איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון אַט־דעם „מאָדערניזם״ ווי יעדער דעמאָלט. אָבער דערין — זאָגט נאָמבערג — צייכנט זיך אויס פאַר אונדז דער מהות פון פרצן, זיין אינערלעך וועזן, וואָס ער טרייסלט זיך אָפּ פון איר ביי דער ערשטער מעגלעכקייט״. נאָמבערג גיט איבער, ווי פרץ „האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאָדערניסטישער ווירקונג, ווי איינער וואָס ראַנגלט זיך מיט פינסטערע כוחות. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער נישט געקאָנט סובל זיין דעם הויך פון טויט און צעלייגונג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון יענער ריכטונג. ער איז אינערלעך געווען פרעמד און ווייט דערפון...״

און מערקווירדיק: מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט זיך דאַן ערשט באַוויזן אין דער, אין אַלגעמיין, דערדריקטער רוסישער ליטעראַטור פון די 90־ער יאָרן, מיט זיינע קרעפטיקע, פולבלוטיקע און בונטאַרישע דערציילונגען און מיט דער פאַרהערלעכונג פון דעם מענטש, — מאַקסים גאָרקי האָט אַרויסגעהאָלפן פרצן אַרויסצובאַפרייען זיך פון דער שווערער פאַרצווייפלונג, פון דער אינווייניקסטער מידקייט. נאָמבערג שרייבט: „איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַ גרעסערע אַנטציקונג, אַ גרעסערן גייסטיקן נחת ווי דעם וואָס פרץ האָט געהאַט פון דעם ביכל (גאָרקיס דערציילונגען). די אויגן האָבן אים געשיינט, בשעת ער האָט גערעדט דערפון... מאַקסים גאָרקיס נאָוועלן זיינען דעמאָלט פון דער גאַנצער

אינטעליגענץ אויפגעכאַפּט געוואָרן אַלס אַ צוריקגאַנג צו אַ געזונטן, קרעפּ־טיקן אָפּטימיזם, אַלס אַ רוף צום לעבן... דאָס קליינע ביכל איז געקומען אַזוי צו דער צייט, האָט באַפרייט אים (פּרצן) פון אַ שווערן קאָשמאַר״.

עס איז אינטערעסאַנט דער אַרטיקל, וואָס פּרץ האָט געשריבן אין 1906 וועגן דער אויפירונג פון גאָרקיס באַרימטער פּיעסע „אויפן לעצטן שטאָפּל״ („נאַ דניע״) אינעם וואַרשעווער יידישן טעאַטער. עס איז וויכטיק פּרצעס צוגאַנג צו גאָרקיס וועלט, צו זיינען פאַרשוינען און צו זייער אַרט לעבן. מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו דעם לענגערן אינטערעסאַנטן אַר־טיקל, מיר זעען דאָרט די טיפע פאַרערונג פון פּרצן פאַר גאָרקין און צום אופן ווי אַזוי ער נעמט אויף מענטשן קאָנפליקטן און גוראַנגלעניש.

אויך שכנא עפּשטיין וואָס האָט געקענט פּרצן פון יענער צייט, שטעלט זיך אָפּ אויף דער שטאַרקער השפּעה פון מ. גאָרקין אויף פּרצן. אין זיין אַרטיקל „י. ל. פּרץ״ („סאָוועטישע ליטעראַטור״, אָקטאָבער, 1940) רעדט ער וועגן דעם שטרייט, וואָס פּרץ גופא האָט געהאַט מיט די ירידה־שטי־מונגען, וואָס האָבן אים באַהערשט. ש. עפּשטיין שרייבט: „מאַקסים גאָר־קיס רוף צום לעבן און קאַמף האָט געהאָלפן פּרצן צו נעמען זיך אין די הענט און אומקערן זיך צום געזונטן אָפּטימיזם. גאָרקיס באַווייזן זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט פּרץ באַגריסט ווי איינע פון די גרעסטע דערשיינונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט זיך געפילט גליק־לעך, ווען אין דער ליבעראַלער רוסישער פּרעסע האָט מען אים, פּרצן, אָנגערופן „דער יידישער גאָרקי״. פאַר די יונגע יידישע שרייבער פלעגט פּרץ אויף זיינע היימיש־ליטעראַרישע „פּרייטיקס״ פאַרלייענען גאָרקיס ווערק. „אָט ביי וועמען מען דאַרף זיך לערנען שרייבן, ליב האָבן לעבן און קאַמף!״ — פלעגט ער זאָגן.״

„עס געדענקט זיך — שרייבט ווייטער ש. עפּשטיין — וואו אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג אין וואַרשע, אין אַ פּריוואַטער פּרויען־שול, האָט פּרץ געהאַלטן אַ פאָרטראָג אין פּויליש וועגן די רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון אין דער רוסישער ליטעראַטור און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ מייסטערהאַפטער פאַרלעזונג פון גאָרקיס „געזאַנג וועגן שטורעם־פויגל״. דעם „געזאַנג וועגן שטורעם־פויגל״ אין זיין יידישער איבערזעצונג האָט פּרץ אַ סך מאָל פאַרגעלייענט און קאָמענטירט אויף אומלעגאַלע אַרבע־טער־פאַרזאַמלונגען. די איבערזעצונג איז צוליב צענזור־טעמים נישט געוווען געדרוקט און איז, קאַנטיק, פאַרלוירן געגאַנגען״. ש. עפּשטיין דערמאָנט פּרצעס „באַגייסטערטן אַרטיקל״ און „טיפן אַנאַליז״ פון גאָר־קיס „נאַ דניע״, און ער דערציילט, אַז „גאָרקיס ווערק „די מוטער״ האָט געמאַכט אויף פּרצן אַ געוואַלדיקן איינדרוק. ער האָט אין אַ לעקציע

וועגן גאָרקין געזאָגט פֿאַר אַרבעטער, אַז ווען ער האָט געלייענט „די מוטער‟, האָט ער זיך געפֿילט פֿאַרשעמט פֿאַר אייגענע שטימונגען...‟ (זע נ. מייזיל — „מ. גאָרקי און זיין השפּעה אויף י. ל. פּרץ און שלום־עליכם‟, יידישע קולטור‟, 1941, נ. 5־6, ז״ז 17־8).

פּרץ האָט אויפֿגענומען דעם גאָרקישן אויפֿשטורעם, זיין אויפֿבליץ און אויפֿדונער. פּרצן האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס בונטאַרישע, באַפֿליגלטע וואָרט, די יום־טוב שטימונג, וואָס גאָרקי האָט געבראַכט מיט זיין שאַפֿן.

אויך א. פּ. טשעכאָוו, דער גרויסער רוסישער נאָוועליסט, איז געווען פּרצן שטאַרק נאָענט. „טשעכאָוו — שרייבט ש. עפּשטיין — איז געווען איינער פֿון פּרצעס באַליבסטע שרייבער. שוין אין יענער צייט האָט מען אין די פּראָגרעסיווע רוסישע שרייבער־קרייזן אָנגערופֿן אונדזער פּראָגרעסיווסטן קלאַסיקער פֿאַר זיינע רעאַליסטישע, סאָציאַל־אָנגעזעטיקטע דערציילונגען „דער יידישער טשעכאָוו‟, וואָס איז פּרצן באַזונדערס געפֿעלן געוואָרן. טשעכאָווס טויט (אין 1904) האָט געמאַכט אויף פּרצן אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. פּרץ איז עטלעכע טעג נישט אַרויס פֿון הויז. „אין די פֿאַר טעג — שרייבט עפּשטיין — האָט פּרץ געהאַלטן אין איבערלייענען טשעכאָווס וויכטיקע ווערק. ער האָט באַשלאָסן אַליין איבערצוזעצן אויף יידיש די ווערק, אָנגעהויבן פֿון דער באַרימטער דערציילונג „אין טאַל‟... „דעם נאָענטסטן ליטעראַרישן פּריטיק האָט ער געווידמעט טשעכאָוון. „ס׳אַראַ ריז — האָט פּרץ געזאָגט מיט האַרץ — ווי טיף ער איז אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פֿון פֿאָלק, פֿון אַלע זיינע שיכטן און קלאַסן. דאַכט זיך, דער עכטער רוסישער שרייבער, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַליסט אין פֿולסטן זין פֿון וואָרט. אָפּשטעלנדיק זיך אויף איניקע טשעכאָווס ווערק, אויף טשעכאָווס שילדערונג־מאַניר, אויף זיין סטיל, אויף זיין קרישטאָלענער שפּראַך, האָט פּרץ געמאַכט אַזאַ פֿאַראַלגעמיינערטן אויספֿיר: עס קאָן נישט זיין קיין עכטער נאַציאָנאַלער קינסטלער, וואָס זאָל נישט זיין אינטערנאַציאָנאַל. אמתע קונסט ווייסט נישט פֿון קיין ווידערשפּרוך צווישן נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל. פֿאַרשטייט זיך, די ליטעראַטור פֿון יעדן פֿאָלק האָט איר נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דאָס דריקט זיך אָבער דער עיקר אויס אין דער פֿאָרם. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אינהאַלט, איז ער אַלמענטשלעך („איניקייט‟, מאָסקווע, 1944, נ. 28, איבערגעדרוקט אין „מאָרגן־פֿרייהייט‟, 7טן נאָוועמבער, 1944).

אויף אַן אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג פֿאַר יידישע סטודענטן און פֿאָרגעשריטענע יידישע אַרבעטער האָט פּרץ אין עטלעכע טעג אַרום געהאַלטן אַן אויספֿירלעכן פֿאָרטראָג וועגן טשעכאָווס שאַפֿונג. „וואָס ער האָט נישט דערזאָגט אויף זיין ליטעראַרישן „פּריטיק‟ פֿאַר די יונגע יידישע שרייבער

בײַ זיך אין הויז אויף צעגליאַנע גאַס, נומ. 1, האָט ער דערגאַנצט דאָ אין וואַלד, בײַ סווידער, אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל״.

עס איז ווייניק באַקאַנט, אַז י. ל. פּרץ האָט פּאַריידישט א. פּ. טשעכאָווס אַ דערציילונג. אַנשטאָט אַ מאָנאַסטיר האָט פּרץ געגעבן אַ ישיבה, אַ וואַלד־ישיבה. אין „יוד״, 1901, נ. 47 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן א. נ. פון י. ל. צופעליג (פּרצעס אַ באַקאַנטער פּסיידאָנים) אַ מעשה: „ווי אַזוי די וואַלד־ישיבה איז בטל געוואָרן („אַן איבערגעאַרבעטער פּרעמדער מאָטיוו״), נישט נאָר איז די טשעכאָוו־דערציילונג איבערגעאַרבעט געוואָרן, זי איז לחלוטין פּאַריידישט. די מעשה איז דערנאָך אַריין אין פּרצעס ווערק, וואו עס איז אָנגעגעבן, אַז עס איז אַן „איבעראַרבעטונג״.

ווי פּרץ האָט אויפגעפּאַסט דעם באַוואוסטן בעלגישן דיכטער־דראַמאַטורג מאָריס מעטערלינק, דערוויסן מיר זיך פון פּרץ הירשביין. בײַ דער ערשטער באַגעגעניש מיט פּרצן אין 1901, נאָך דעם ווי הירשביין האָט איבערגעלייענט פאַר פּרצן זיין ערשטע דראַמע אין העברייאיש „שובבים״, האָט פּרץ געפרעגט הירשביינען:

— האָט איר געלייענט מעטערלינקן? און אַז הירשביין האָט געענטפערט „ניין!״, האָט פּרץ געזאָגט:

— „ער איז דער איינציקער, וואָס פאַרשטייט ווי צו שרייבן אין היינטיקער צייט. די רוסן פאַרשטייען נישט. די פּאָליאַקן פאַרשטייען נישט. די דייטשן — אוודאי נישט: האַמטענע שרייבן זיי. אויף די שפּיץ־פינגער מוז מען גיין. בײַ אונדז גייט מען אויך אום מיט געשמידטע שטיוול; מיט פּאָדקאָוועס גייט מען אום אין דער ליטעראַטור, און מען קלאַפּט. בײַ אייך מערק איך שטילקייט, וואָס קלאַפּט אין טיר, קלאַפּט אין פענצטער״. (פּרץ הירשביין — „אין גאַנג פון לעבן״, 1948, ז״ז 33־34).

פּרץ האָט אויך אַריינגעבראַכט אין זיינע איבערזעצונגען די שאַפונגען פון ק. האַמסון, מולטאַטולי און אַנדערע.

7

נחום סאָקאָלאָוו (1860־1936), וועלכער האָט גוט און נאָענט געקענט פּרץ, האָט אין זיין גרעסערער פּרץ־אָפּשאַצונג, געשריבן נאָך פּרצעס טויט, געזאָגט: „פאַראַן שרייבער און דיכטער, וואָס עס איז שווער צו געפינען זייער פאַרגייער. אויב איינער געפינט זיך אונטערן איינפלוס פון אַ גאַר באַוואוסטן שרייבער, איז גרינג צו געפינען דעם מקור. אויב אָבער די השפּעה קומט פון ווייניקער־באַקאַנטע קוועלן, איז נויטיק אַ טיפערע בקיאות צו אַנטפּלעקן זיי. זיין עיקר־קוואַל איז נישט צו גרינג אַנצורופן און צו באַצייכענען, ווייל עס איז זאַמאָשץ. נישט פיל וויסן וואָס מען האָט

אַמאָל געשריבן, געזונגען און געטרוימט אין זאַמאָשץ. פּרץ איז דער אָפּ־שלוס פון אַ געוויסער תקופה. ער איז אַ ריזיקע פיגור, וואָס האָט פאַר־שאָטנט די אַלע וואָס האָבן זיך געפונען הינטער אים. חוץ דעם איז דאָ נאָך אַ טעם, פאַרוואָס ס'איז שווער אָפּצוזוכן זיינע מקורות. ער מישט צוזאַ־מען דעם אַלטן שטאָף מיט די אַנדערע נייע און באַנייטע שטאָפן, אַז עס ענדערט זיך פולשטענדיק זייער תוך און פאָרם.״ (איבערגעזעצט אין יידיש, דורך משה שענדעריי, „פערזענלעכקייטן״, בוענאָס־איירעס, 1948, ז׳ 25).

ב. ריווקין (אין זיין בוך „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע״, ניו־יאָרק, 1948) באַרירט אגב אורחא די איינפלוסן פון דער וועלט־ליטעראַטור אויף פּרצן: „אין די אַלע עקספּעדיציעס און עקספּערימענטן האָט פּרצן געדינט זיין באַהאַוונטקייט אין די ליטעראַטורן פון די פעלקער — פּוילישער, רוסישער, דייטשער — און אין ליטעראַטור־פּראָבלעמען בכלל. זיין זוכעניש נאָך נייע אינהאַלטן איז ביי אים באַגלייט געוואָרן מיט בייטעניש פון פאָרמען — פון רעאַליסטישער צו רעאַליסטיש־ראָמאַנטישער, צו ריין־ראָמאַנטישער, צו סימבאָלישער...״ (ז׳ 21).

פ. לחובר (לאַכאָווער) אין זיין העברייאישן בוך „ראשונים ואחרונים״ (די ערשטע און די לעצטע) רעדט וועגן פּרצעס אינטעלעקטואַליזם, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אויפגענומען השפעות פון פאַרשיידענע, אפילו קעגנגעזעצלעכע זייטן. אין זיינע ערשטער לידער — זאָגט פ. לחובר — איז פּרץ געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון היינע. אָפּט אָבער געפינען מיר אין זיי גאָר אַן אַנדערע השפעה, וואָס איז גאָר קעגנגעזעצלעך צו היינען. אין זיינע לידער פון דער לעצטער תקופה איז קענטיק די השפעה פון מאָדערנע דיכטער, באַזונדערס פון מעטערלינקן. אין זיין ליד האָבן מיר אויך די השפעה פון געטעס אַ קלאַסיש ליד. אין זיינע, פּרצעס, אַר־טיקלען און פעליעטאָנען, האָבן מיר אויך די שאַרפע און שטאַרקע אויס־דרוקן אויסער דער ווירקונג פון בערנע און היינע — באַזונדערס פונעם ערשטן — אויך דעם איינפלוס פונעם פּוילישן אינטעלעקטועלן שרייבער שוויענטאָכאָווסקי. אין זיינע דערציילונגען איז פּרץ געווען מער אייגן, באַזונדערס איז דאָ די פאָרם געווען אַן אייגן־אָריגינעלע. אָבער אויך דאָ קאָן מען געפונען השפעות. איינע פון יוחנן מלמדס בעסטע דערציילונ־גען „ווער בין איך?״ איז געשריבן לויט איינעם פון שוויענטאָכאָווסקיס פּי־לאָסאָפישע פעליעטאָנען (אין צווייטן באַנד פון זיינע בריוו, ז״ז 39־55). אין די דראַמעס איז פּרץ געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון וויספּיאַנסקין (די פאָרם פון זיין פערז אין זיין „גאָלדענער קייט״ און די גאַנצע דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״) און אויך פון הויפּטמאַן (אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״) און אין אַ געוויסער מאָס (אין זיינע קלענערע דראַמאַטישע

שאַפונגען) אויך פון מעטערלינק און אָסקאַר ווײַלד. אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" זיינען אויך דאָ בילדער פון דאַנטעס „געטלעכער קאָמעדיע". אויב מיר ווילן נאָך זוכן, וועלן מיר געפינען נאָך און נאָך". (ז׳ז 116־117).

און ווייטער שרייבט פ. לחובר: „מען קאָן, צום ביישפּיל, פאַרגלייכן דעם ערשטן טייל פון פּרצעס ליד: „צוריק אין דער אַלטער היים" מיט געטעס באַוואוסט ליד „מיניאָן".

אָט ווי דאָס ליד איז ביי געטען:

„קענסט דו דאָס לאַנד, וואָ ציטראָנען בליהען,
אין דונקלען לאוב די גאָלד אָראַנגען בליהען,
אין זאַנפטער ווינד פאָם בלויען הימעל וועהט די מירטע שטילל
אונד פראה דער לאָרבער שטעהט,
קענסט דו דאָס וואָהל?
דאָהין, דאָהין
מעכטע איך מיט דיר, מיין געליבטע ציהען".

און ביי פּרצן:

„קענסט דו דאָס אָרט, וואו חלומות בליען ווי רויזן,
וואו די שטערן טריפן סודות אַריין אין דער נאַכט;
וואו העלע געזיכטער מיט שטראַלנדיקע אויגן
שפּינען ליבלעכע נעצן אַרום דער נשמה,
אַרום האַרץ?
דאָס איז די היים,
די אַלטע היים!".

וואָס שייך וויספּיאַנסקיס איינפלוס*) אויף פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז אינטערעסאַנט אַן אָרט אין די זכרונות פון פּרצעס אַ פריינדין פולינע אַלטבערג, וואָס האָט כסדר נאָכגעפאָלגט פּרצעס שאַפן. „יעדעס מאָל — דערציילט זי — פלעגט פּרץ ברענגען (קיין פלאָצק) נייע שאַפונגען און פלעגט מיר זיי לייענען. צווישן אַנדערן האָט ער אַמאָל געלייענט אַ פראַגמענט פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". דאָס איז געווען אַ סך פריער ווי עס איז אַרויס וויספּיאַנסקיס „חתונה". בעת ער האָט מיר שפּעטער געלייענט דאָס גאַנצע ווערק (אין וואַרשע), האָט ער מיך גענומען פאַר אַן עדות, אַז די אידייע פון דעם דאָזיקן ווערק, איז געקומען פריער ווי וויספּיאַנסקיס „חתונה"..." („ייוואָ־בלעטער", 1937, ז׳ 307).

---

*) אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג וועגן וויספּיאַנסקיס השפּעה אויף פּרצן איז פאַרעפנטלעכט פון וו. ערליך אין די „ייוואָ-בלעטער", ב׳ 1, נום. 1.

מיט דער פּראָבלעם פון די השפעות אויף פּרצן, פאַרנעמט זיך דר. ל. זשיטניצקי אין זיין בוך „י. ל. פּרץ — פילאָסאָפיש און סאָציאַל״ (בוענאָס־איירעס, 1950). ער פרעגט אין איין אָרט: „איז י. ל. פּרץ געווען „באַאיינפלוסט פון ל. טאָלסטאָיס „מאַכט פון פינסטערניש״ ביים דיכטן זיין „אין פּאָליש אויף דער קייט״, אָדער גאָר פון שעקספּירס „ראָמעאָ און זשוליעטאַ״? פון סט. זשעראָמסקיס „די טאַטן פון זינד״ אָדער פון ביערנסאָנס „העכער פון אונדזערע כוחות״? און אפשר טאַקע פון וויספּיאַנסקיס „חתונה״? געוויס האָט פּרץ געקענט די אַלע ווערק, אָבער עס איז וויכטיק מער דער פאַקט ווי דער איינפלוס: י. ל. פּרץ האָט געשאַפן דעם אייגנאַרטיקן יידישן ראָמעאָ, פאַר וועמען ליבע איז נישט אַ בשר־ודמיקייט נאָר זיין רוח־הקודש, זיין הייליקייט, דער וועלט־באַשאַף, אָבער בעיקר איז פּרץ אויסן געווען אונטערצושטרייכן די קאָנצעפּציע פון זינד אין אַ זין, אַז דער זינדיקער איז אַבסאָלוט נישט קיין זינדיקער, אַרויסברענגענדיק אויפן פּאַן פונעם ראָמאַנטיש־סימבאָלישן אויך די רעאַליטעט פון דער יידישער סאָציאַלער דיפערענצירטקייט. אין אַזאַ שטייגער איז, „אין פּאָליש אויף דער קייט״ אַ המשך פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין די „גאָלדענע קייט״, אַריבערטראָגנדיק די האַנדלונג בלויז אין אַ צווייטער סביבה און אויף אַן אַנדערן פּאַן״. (ז׳ 131).

און נישט נאָר האָט פּרץ אויפגענומען איינפלוסן פון קינסטלערישע ווערק. ער איז אויך באַווירקט געוואָרן פון סאָציאָלאָגישע ביכער, ער האָט זייער השפעה אין זיך „איבערגעקאָכט״ און דערנאָך די געדאַנקען־אידייען קינסטלעריש פאַרגעשטאַלטיקט אָדער זיי איבערגעגעבן אויף זיין עסייאיסטישן שטייגער און אופן.

רעדנדיק וועגן די סאָציאַלע מאָטיוון אין פּרצעס ווערק און אָפּשטעלנדיק זיך אויספירלעכער אויף זיינע „צוויי ברידער״ (אַ טייל פון „ביים פרעמדן חופה־קלייד״), שרייבט י. ב. ביילין אין זיין אָפּהאַנדלונג „פּרץ דער סאָציאַלער אָנרעגער״ („יידישע קולטור״, 1945, נ״ג 3־4): „פון דעם ווי פון זיין פעליעטאָן „די נייע באַוועגונג״ איז קענטיק, אַז פּרצן איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט די קולטור־היסטאָרישע פּעריאָדיזאַציע לויט מאָרגאַנס, און שפּעטער — לויט ענגעלסעס, באַשטימונג ווען פּריוואַט־אייגנטום איז אַנטשטאַנען און דער גרויסער לאַנגער געראַנגל צווישן די „ברידער״ האָט זיך אָנגעהויבן. אין דעם זינען האָט ער וויט אַריבערגעשטיגן די אַנדערע צוויי פון די „גרויסע דריי״ — מענדעלען און שלום־עליכמען. פון פיל סימנים איז קענטיק, אַז פּרץ האָט אַ לענגערע צייט אָנגעהאַלטן אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער טעאָרעטישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור״ (ז׳ 63).

אָט אַזױ זעען מיר, װי יעדער פּרץ־פֿאָרשער באַמיט זיך צו דער־גרונטעװען זיך צו די קװעלן־קװאַלן, פֿון װאַנעט עס קומט פּרצעס אָנרעגונג און אינספּיראַציע פֿאַר זײַנע װערק, סײַ דירעקט און סײַ אומדירעקט.

באַזונדערס גרױס איז געװען דער אײַנפֿלוס פֿון דער חסידישער און פֿאָלקס־מעשה אױף דעם אינטעלעקטועלן און ראַפֿינירטן פּרץ. דער פֿאָלק־לאָריסטישער עלעמענט איז מיט דער צײַט געװאָרן אַן עיקר אין פּרצעס שאַפֿן. נאָך אײדער פּרץ איז מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעצױגן געװאָרן אין דער חסידישער און פֿאָלקסטימלעכער מעשׂיות־װעלט, נאָך אײדער ער האָט גענומען זיך ערנסט אינטערעסירן מיט די אוצרות פֿון דעם ײדישן פֿאָלקס־שאַפֿן, האָט שױן זײַן מײַסטערישע פֿעדער אַרױסגעפֿערלט פּרעכטיקע פֿאָלקס־מעשׂיות און ער האָט אױסגעשטאַלטיקט פֿאָלקס־טיפּן. װעגן דעם איז שױן פֿיל דערצײלט געװאָרן דורך פּרצעס מקורבים (י. ל. כהן, ה. ד. נאָמבערג, ש. אַנסקי, א. רײזען, ש. אַש, ד״ר ג. לעװין, א. קאַגאַנאָװסקי) בײַ פֿאַרשײדענע געלעגנהײטן. ה. ד. נאָמבערג זאָגט, אַז „אױף פּרצן און אױף זײַן קרײַז האָבן די לידלעך געװירקט װי אַ נבואה, װי אַן אַנטפּלעק־קונג... אָרגיעס פֿון פּאָעטישער אַנטציקונג זײַנען דאָס געװען... אױך פּרצן האָבן די איבערלעבענישן געברענגט נאָענטער צו זײַן איך, צו זײַן שורש. די פּרוכטן פֿון די איבערלעבונגען (און די 90־סטן יאָרן — נ. מ.) זײַנען צײַטיק געװאָרן ערשט שפּעטער — אין די „פֿאָלקסטימלעכע גע־שיכטן", װאו דער איבערקליגער, געשפּיצטער פּרץ, דער זוכער פֿון נײַע װעגן, דער אָנהענגער פֿון אַ פֿאַרװיקלטן סטיל מיט אָנצוהערענישן, איז געקומען צום פּשוטן און האַרציקן און דאָך אַזױ אינדיװידועלן, אַזױ כאַ־ראַקטעריסטישן פֿאַר פּרצן."

דער אָנהױב פֿון דער חסידישער מעשׂה בײַ פּרצן געהערט נאָך צום יאָר 1894, אױב נישט נאָך פֿריער. און די פֿאָרם, דער סטיל, דער כאַראַק־טער פֿון די חסידישע מעשׂיות און פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן זײַנען גאַנץ פֿאַרשײדן, װײַל זײ קומען פֿון פֿאַרשײדענע קװעלן (זע „בײַ די קװאַלן פֿונעם פֿאָלקס־שאַפֿן", אין מײַן בוך „פּרץ", נ״י 1945, ז״ז 170־179).

זײער ריכטיק און טרעפֿלעך זאָגט יחיאל האָפֿער אין זײַן אַרטיקל „אין קװאַל פֿון פֿאָלקסטימלעכקײט" („ײדישע שריפֿטן", לאָדזש 1947, 4־5): „י. ל. פּרץ האָט דורכגעמאַכט אין אַ פֿאַרקירצטן אופֿן, די אַלע װעגן פֿון דער ליטע־ראַטור־אַנטװיקלונג, װעלכע די אײראָפּײאישע ליטעראַטור איז שױן אַפֿריער געהאַט דורכגעגאַנגען, אָנהױבנדיק פֿון ראַציאָנאַליסטישן נאַציאָנאַליזם, דורכן ראָמאַנטיזם, נעאָ־ראָמאַנטיזם און ענדיקנדיק מיטן סימבאָליזם." (ז׳ 10).

לאָמיר פֿאַרענדיקן דעם קאַפּיטל מיט אַן אױסצוג פֿון יוסף װאָלפֿס בוך „לײַענענדיק פּרצן" (בוענאָס־אײרעס, 1948)). דער מחבר שרײַבט:

„פון דירעקטע איינפלוסן אויף פּרצן קומען נאָר אין באַטראַכט דער תנ״ך, מדרש א. ד. ג... דער תנ״ך איז פאַר אים געווען די שענסטע פרוכט פון דער פּאָעזיע. ביבלישע פאַרגלייכונגען, תנ״ך-פאַרמען גליטשן זיך אים כמעט אַרויס ביים שרייבן. למשל, די מינים פון לעבעדיקער און הייסער ליבע דריקט ער אויס אין אַ סטיליזאַציע פון שיר השירים. עס זיינען אפילו בוילעט ביי פּרצן פּראָזעאָלאָגישע איינפלוסן פון תנ״ך, ווי, למשל, אין דער פּרעכטיקער דערציילונג „וועבער-ליבע״, וואו דער העלד שרייבט: „און עס וועט קומען אַ צייט, ווען זיבן וועבער וועלן אָנכאַפּן איין ברויט-געבער און בעטן זיך: גיב האַלב אומזיסט, זאָל זיין אומזיסט, נאָר פאַר-נומען זאָלן מיר זיין און פאַרגעסן, אַז אונדזערע ווייבער און די קינדער העלפן צו...״ צי עס איז דאָס נישט אַ געלונגענע סטיל-פּאַראַפראַזע פון ישעיה קאַפּיטל ד׳ — „והחזיקו שבע נשים״... בפרט זיינען תנכישע מאָ-טיוון טראַנספּאָזיציעס זייער רייך פאַרטראָטן אין זיינע חסידיש פאָלקס-טימלעכע געשיכטן. פּרץ האָט נישט בלויז איינגעזאַפּט אין זיך די פּאַקטן פון תנ״ך, מדרש און חסידישע שמועסן, ער האָט זיי אַליין איבערגעאַרבעט און אויפגעבויט אַ נייע וועלט. — ער האָט טאַקע געשעפּט פון דעם איי-ביקן קוואַל, אָבער דערביי צוזאַמענגענומען דאָס בעסטע און פיינסטע און עס אויף זיין אייגענעם אופן באַאַרבעט״ (ז׳ז 96-97).

און רעדנדיק וועגן די אומדירעקטע איינפלוסן פון באַוואוסטע וועלט-שרייבער אויף פּרצן שרייבט יוסף וואָלף: „אַזעלכע האָבן מיר ביי אים אַ סך. ווי למשל, די דערציילונג „דאָס גלעזל״, וואָס איז גאָגאָליש. ביי אַ סך דערציילונגען האָט פּרץ אָנגעשטעלט זיין האַרפע אויף אַ בייראָנישן טאָן. בייראָן האָט ספּעציאַליזירט די א׳ג דיכטערישע דערציילונג, וואָס איר פאָרם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט סודותפולקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַראינטריגירט דעם לייענער. און אין דער פאָרם איז דאָך פּרץ געווען אַ מייסטער. „דאָס וואָסערל״ איז אינגאַנצן ענלעך אויף מיצקעוויטשעס: „שוויטעזיאַנקאַ״. די זעלבע שטימונג, ענלעכע ספּור-המעשה. פּרץ איז עס: נאָר מלביש אין אַ יידישן מאַנטל, באַפּוצט מיט שמות און קבלה. מעטער-לינק מיט זיינע שטימונגס-מאָמענטן איז אויך פאַרטראָטן ביי פּרצן״.

און יוסף וואָלף גיט צו: „אויב מיר וואָלטן נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז פּרץ איז פון זיך אַליין אַדורכגעדורנגען מיט די פאָלקס-טימלעכע עלעמענטן, וואָלטן מיר אַבסאָלוט געקאָנט ביי אים זען נאָרווי-דישע (ציפּריאַן נאָרוויד, באַוואוסטער פּוילישער דיכטער, 1812-1883) איינפלוסן. פּונקט אַזוי ווי ביי נאָרווידן, איז ביי אים נישטאָ קיין סתם פאָלקס-פּרימיטיוויזם, נאָר די פאָלקסטימלעכקייט איז געווען אַ פּרינציפּיעל-שעפערישער שטריך, אַ האַרמאָנישער בונד מיט דער אַרטיסטישער טע-

טיקייט. דאָס פֿאָלק האָט סיי ביי נאַרווידן און סיי ביי פּרצן אַן אַנאַלאָגיש־אַרטיסטישן יסוד און אינטעלעקטועלן צוגאַנג". (ז"ז 97־98).

אין איינעם פֿון זיינע לעצטע בריוולעך (פֿון 1913) צו א. ליעסין שרייבט י. ל. פּרץ: „איך רעכן איך קינפֿטיג צו שיקן איין איבערזעצונג פֿון שיר־השירים; מיר דאַכט — אַ שעדעוור... — — — עס איז איין איבערזעצונג אַ פֿאָלקאָם־נייע, אָריגינעלע; דאָס בוך גאָר ניי אינטערפּרעטירט. די פֿאָרם — אַ פּאָעטישע."

אַזוי פֿאַסט־אויף פּרץ גופא זיין איבערזעצונג.

אין זיין פּרעכטיקן אני־מאמין־אַרטיקל „וואָס פֿעלט אונדזער ליטע־ראַטור" (געשריבן אין 1910) האָט פּרץ גאַנץ קלאָר אָנגעצייכנט דעם שאַ־פֿערישן וועג פֿאַר אַ שרייבער, ממילא אויך זיין אייגענעם שאַפֿערישן וועג. „נעמען און זיך נישט פֿאַרלירן, — דאָס איז די הויפּט־זאַך, און דאָס איז דאָס שווערסטע ביי שוואַכע און נישט־זעלבסשטענדיקע פֿעלקער..." און מיט אַ פּאָר שורות פֿריער זאָגט פּרץ, „געטאָ איז אימפּאָטענץ: קול־טור־קרייציקונג — די איינציקע מעגלעכקייט פֿאַר דער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג... — צום מענטש אויפֿן יידישן וועג..."

דאָס איז דער פּרץ־דרך אין זיין שאַפֿן. און אָט דעם גאַנג איז פּרץ געווען געטריי אַלע זיינע יאָרן. ער האָט אויפֿגענומען השפּעות פֿון דער וועלט־ליטעראַטור און זיי פֿאַריידישט, פֿאַריידיש־וועלטלעכט.

פּרצעס השפּעה אויף די עלטערע און יינגערע שרייבער

1

עס איז זיכער איינער פון די זעלטנסטע פּאַלן נישט נאָר אין דער יידישער, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַז איין ליטעראַרישע פּער־זענלעכקייט זאָל אַזוי באַווירקן און באַאיינפלוסן, רעגן און סטימולירן, די־רעקט און אומדירעקט, אַזוי פיל שרייבער, ווי אויך די אַרומיקע סביבה, ווי עס איז געווען דער פּאַל מיט י. ל. פּרץ. סיידן אפשר מאַקסים גאָרקי, וואָס זיין השפּעה אויף זיין דור שרייבער און דורות שרייבער נאָך אים איז געווען ווייט־פאַרשפּרייט און אַזוי דויערנדיק. ווען מיר לייענען די זכרונות פון די רוסישע און אויך אַנדער־פעלקערישע שרייבער, ווערן מיר פאַרוואונ־דערט צו זען, ווי גרויס עס איז די צאָל שרייבער, וואָס האָט זיך געפונ־נען אונטער דער השפּעה פון גאָרקין. אין יאָר 1926 איז דערשינען אין מאָסקווע, אונטער דער רעדאַקציע פון וו. לידין, אַ זאַמלבוך „פּיסאַטעלי" (שרייבער), וואו עס זיינען אַריין איבער זעכציק אויטאָביאָגראַפיעס פון עלטערע און יינגערע סאָוועטישע שרייבער־פּראָזאַאיקער. און אַ גרויסער טייל פון די שרייבער האָט אָנגעוויזן אין די אויטאָביאָגראַפיעס, אַז זיי האָבן פיל צו פאַרדאַנקען מאַקסים גאָרקין, וועלכער האָט זיי אין פאַרשיידענע צייטן סטימולירט און אויך אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור.

מיר קאָנען מיט זיכערקייט זאָגן, אויפן סמך פון די אומצאָליקע זכרו־נות פון יידישע עלטערע און יינגערע שרייבער, זינט אָנהויב די 90־סטער יאָרן, און אַזוי ווייטער ביז אונדזערע איצטיקע צייטן, אַז פּרץ, ווי מיט זיין שאַפן און אַזוי אויך מיט זיין פּערזענלעכקייט, האָט דירעקט באַאיינפלוסט די אַלע, וואָס זיינען געקומען צו אים און ביי אים געקראָגן סמיכה און זיינען דורך אים דערמוטיקט געוואָרן צו פאַרנעמען מיט דער צייט גאָר־בכבודיקע ערטער אין דער יידישער שאַפונגס־וועלט.

אין די פאַרשיידנסטע זכרונות און פּרץ־אָפּשאַצונגען פון צענדליקער יידישע שרייבער, געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן און ביי די פאַרשיי־דנסטע געלעגנהייטן, האָבן מיר אינטערעסאַנטע באַשרייבונגען און שילדע־

רונגען ווי מען האָט זיך געריסן צו פּרצן, צו זיין הויז, און ווי מ'האָט איבער־געטראָטן די שוועל און פּרץ גופא האָט זיי באַגעגנט, און טאַקע פון דער ערשטער באַגעגעניש איז מען צוגעזאָטן געוואָרן צו אים און מען איז גרייט געווען אָנצונעמען זיין השפּעה און זיין „אונטערפּירערשאַפט." יעדער איי־נער אויף זיין אופן און שטייגער איז גלייך פון אָנהויב געווען גליקלעך אויפצונעמען פּרצעס באַגייסטערט וואָרט, און מען איז אַוועק אויפגעלויכטן און דערהויבן, באַצויבערט און פאַרשיכורט פון פּרצעס פּערזענלעכקייט. און אָט־די דערמוטיקונג האָט באַגלייט און געוואָרעמט יאָרן און יאָרן שפּע־טער. מערקווירדיק, ווי דאָס רוב באַשרייבונגען און שילדערונגען פון די פאַרשיידענע דיכטער, פּראָזאַאיקער זיינען אַזוי ענלעך איינע צו די אַנדערע: טיפער אינערלעכער ציטער, אומרואיקע דערוואַרטונג צו טרעפן זיך מיט פּרצן, אומזיכערער קלאַפּ אין דער טיר (פונעם פּרץ־הויז אויף צעגליאַנע גאַס) און די פאַרגאַפנדיקע באַצויבערנדיקע ווירקונג פון פּרצן, וועלכער נעמט אויף דעם אורח־אָנפאַנגער מיט נייגיר און פרייד. ווייזט זיך אַרויס, אַז פּרץ אַליין האָט שטאַרק זיך געניויטיקט אין דעם צוקום און צופלוס פון נייע מענטשן, פון ניי בלוט, און נישט ווייניקער פון דעם אורח איז ער גופא אָפּגעפרישט געוואָרן און סטימולירט געווען פון דעם נייעם שאַפערישן כוח, פונעם נייעם אָנזאָג און נייעם צוואוקס אין דער יונגער וואַקסנדיקער שרייבער־משפחה.

וואָס־ווייטער ווערט אַלץ קלאָרער און זיכערער, אַז מער ווי מענדעלע און שלום־עליכם האָט פּרץ אינספּירירט, געוועקט און דערמוטיקט די וואַקסנדיקע דורות יידישע שרייבער. פּרצן איז געווען ענג, דערשטיקנ־דיק ענג אין זיין קולטור־שאַפערישער סביבה, ער האָט דעריבער געזוכט און געגענישטערט נייע מיטגייער, נייע מיטשאַפער. דאָס כסדרדיקע באַ־ווירקט ווערן, איז ביי אים געגאַנגען האַנט אין האַנט פון באַווירקן אַנדערע. יעדער וויכטיקער נייער אָנהויבער איז געווען פאַר פּרצן גלייכצייטיק אַן אָנרעגער און אָנזאָגער פון עפּעס נייעס, וואָס ער האָט אַלעמאָל געזוכט און צו וועלכן ער האָט כסדר געשטרעבט, און נישט זעלטן איז פּרץ אויך אַריינגעפאַלן, ווייל דער ניי־געקומענער האָט נישט דערפילט די האָפענונ־גען, וואָס פּרץ האָט אויף אים געלייגט.

מיר וועלן פון דער גרויסער צאָל זכרונות און שילדערונגען פון פאַרשיידנסטע שרייבער, ברענגען אויסצוגן, וואָס זיינען פאַר אונדז טאָפּל וויכטיק און באַלערנדיק: גלייכצייטיק ברענגען זיי אַרויס פאַר אונדז פּרצן און אויך דעם שרייבער־אָנפאַנגער, וואָס מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ וויכטיקער שאַפער אין דער יידישער קולטור־וועלט. מיר זעען וואָס פּרץ איז געווען פאַר די אָנפאַנגער, און מיר זעען אויך, וואָס די יונגע

זיינען געווען פאַר פרצן. יעדער איינער פון די שרייבער פאַסט אויף פרצן אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן, די אויפפאַסונג קומט אָפּט אויס פאַרשיידן און אַנדערשדיק. עס איז געווענדט נישט נאָר אין דער פערזאָן פונעם שרייבער, נאָר זיכער אויך פון דער צייט און פון פרצעס געמיט־צושטאַנד אין דער צייט פונעם באַזוך, פון דער באַגעגעניש. עס איז אָבער אויך געווענדט פון דעם געמיט־צושטאַנד און קולטור־ניוואָ און קינסטלערישן וואוקס פונעם שרייבער, וואָס גיט איבער מיט יאָרן שפּעטער וועגן זיין טרעפן זיך מיט פרצן אַמאָליקע צייטן, מיט יאָרצענדליקער צוריק.

עס האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט אַמאָל אין דער יידישער קולטור־וועלט, אַז ווי נאָר עמעץ האָט דערפילט אין זיך אַ פונק אין האַרצן און האָט זיך גענומען צו שאַפן און צו שרייבן, האָט ער זיך געריסן צו פרצן, וואו מען איז געווען זיכער צו געפונען אינהאַלט און אַנהאַלט. און סוף־כל־סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז „דור דור וסופריו" — יעדער דור האָט אַרויסגערוקט זיינע שרייבער און אין די אַלע יאָרן האָט יעדער דור שרייבער געזוכט עפּעס אַנדערש אין פרצן. און דאָס געשעט אויך יאָרן און יאָרצענדליקער נאָך פרצעס אַוועקגיין פון אונדז, — פרצעס השפעה דויערט אַלץ ווייטער.

2

עס דערציילט דוד פּינסקי וועגן זיינע ערשטע באַזוכן ביי פרצן:
„... ווען אויף מיין רייזע קיין ווין, דעצעמבער 1891, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע צו באַקענען זיך מיט דעם פאַרפאַסער פון די „בעקענטע בילדער" (אַרויס אין 1890, וואו עס זיינען אַריין „דער משולח", „וואָס הייסט נשמה", „דער משוגענער בטלן" — נ. מ.) און דעם רעדאַקטאָר פון „די יידישע ביבליאָטעק", האָב איך דערוואַרט צו טרעפן אַ יונגן מענטשן פון אַ יאָר פינף־זעקס און צוואַנציק. ווי בין איך איבערראַשט געוואָרן צו זען פאַר זיך גאָר דעם פאָטער פון דעם יונגן מענטש, וועלכן איך האָב גערעכנט צו טרעפן". (דוד פינסקי אינעם „פאָרווערטס" צו פרצעס ווערק, ניו־יאָרק, 1920, ב' 1). עס קומען דערנאָך באַשרייבונגען פון די שפּעטערדיקע באַזוכן, ווען פרץ איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער נייער יונגער סביבה, אין וועלכער ער און דוד פינסקי זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן. „... איך האָב אים איין מאָל געבראַכט אויף אַ קאָנספּיראַטיווער פאַרזאַמלונג אין וואַרשע. דאָ האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט פנים־אל־פנים מיט אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. פון ביידע זייטן האָט מען זיך שטאַרק געפרייט אויף דער באַגעגעניש, אָבער זי איז געבליבן די איינציקע אין יענער צייט... — — — — פרץ האָט ליב געהאַט די אַרבעטער און זייער באַוועגונג, און זיי האָבן אים געליבט.

זיי זיינען אויך געווען די פלייסיקסטע לעזער פון זיינע שריפטן און זיין בעס־טער עולם". (ז' 17)...„ אָנפאַנג 1893, ווען איך קום צוריק פון ווין, געפין איך אים אַלס מיטל־פונקט פון אַ קרייז וואַרשעווער סטודענטן, וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט דער אידייע אַרויסצוגעבן און פאַרשפּרייטן פּאָפּו־לער־וויסנשאַפטלעכע ביכער און בראשונה פאַר די יידישע מאַסן. מי־טינגען ווערן אָפּגעהאַלטן נאָך מיטינגען, פּרץ גיט אַוועק זיין גאַנצע פרייע צייט" (ז'18). און „אין דער זעלבער צייט — דערציילט ווייטער ד. פּינסקי — ווערן געפּלאַנט אַנדערע אונטערנעמונגען ווי צוצוקומען מיטן געדרוקטן וואָרט צו די יידישע מאַסן..." עס קומט־אויף דער פּלאַן אַרויסצוגעבן פעריאָדישע זאַמלשריפטן, וואָס צוליב דעם, וואָס מען גיט נישט קיין דערלויבעניש אויף אַ פעריאָדישער שריפט, רופט מען זיי אָן „יום־טוב־בלעטלעך" און מיט אַן אַנדער נאָמען פאַר יעדער זאַמלונג. און דוד פּינסקי גיט ווייטער איבער: „עס זיינען קיין מיטאַרבעטער נישט געווען — דאָס זיינען דאָך געווען די ערשטע יאָרן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסן מיט פּרצן..." און אַזוי ווי קיין מיטלען זיינען נישט געווען, האָט מען נישט געקאָנט אויסקויפן פון דרוקער דאָס בלעטל „הושענא"! איך האָב באַזוכט ווילנע, וויטעבסק און מאָהילעוו, האָב אומעטום גערעדט אין נאָמען פון פּרצן, וועלכער האָט אָנגעהויבן פּאָפּולער צו ווערן." (ז' 21).

פון יענער צייט, פון אָנהויב די 90־סטער יאָרן, האָבן מיר אינטע־רעסאַנטע זכרונות וועגן פּרצעס באַטייט ביים בראשית פון דער מאָדער־נער יידישער ליטעראַטור, פון ב. גאָרין, וואָס האָט נאָך דאַן זיך גערופן מיט זיין אמתן נאָמען י. גוידא. ב. גאָרין דערציילט („צוקונפט" 1915, ז'ז 548־552): „פּערזענלעך האָב איך זיך באַקענט מיט י. ל. פּרץ אין 1891, באַלד נאָך דעם ווי עס איז אַרויס פון דרוק דער ערשטער באַנד פון דער „יידישער ביבליאָטעק". יידישע שרייבער — זאָגט ב. גאָרין — זיינען דאַן געווען ווייניק, און „אַז מען האָט געדאַרפט אָנהויבן צו רעכע־נען די יידישע שרייבער אין וואַרשע, האָט מען אָנגעהויבן מיט פּרצן און געענדיקט מיט פּרצן"... „פּרץ איז דערווייל געווען כמעט איינער אַליין אין וואַרשע, און פאַר דער גרויסער מאַסע איז דער נאָמען פּרץ געווען נאָך אין גאַנצן פרעמד..." און שילדערנדיק יענע צייט אין וואַרשע, שרייבט ווייטער ב. גאָרין: „לאַנגזאַם און אומבאַמערקט וועיזט זיך אַ נייער דור שרייבער, וואָס גרופּירט זיך אַרום פּרצן, און וואָס איז נאָך וויכטיקער — עס ווערט געשאַפן אַ ליטעראַרישע אַטמאָספערע אַרום פּרצן. וועלכער יידישער שרייבער עס קומט קיין וואַרשע, מוז קומען צו פּרצן און דורכגעדרונגען ווערן מיט דער דאָזיקער אַטמאָספערע". ב.

גאָרין זאָגט: „ווען אַ שרייבער האָט זיך דורכגעדרונגען מיט דער דאָזי־קער אַטמאָספערע, האָט ער געשטרעבט צו שאַפן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט אין זיך פאַרמאָגט, און ער האָט געוואוסט, אַז ער איז דערהויבן צו אַ מדרגה, אויף וועלכער נישט יעדער מענטש איז זוכה צו שטיין. דער באַוואוסטזיין פון זיין העכערער מדרגה האָט אים קיין מאָל נישט דער־לויבט צו פאַרשוועכן זיין כהונה און אויסבייטן זי אויף קליין־געלט. ער האָט נישט באַדאַרפט אויסקוקן די אויגן אויף אָנערקענונג פון דעם לעזער־פובליקום, ער האָט די אָנערקענונג געפונען גלייך אין פרצעס ענגען קרייז. און די דאָזיקע אָנערקענונג איז אים געווען טייער און ער האָט זיך אויף איר אַלץ מער געקאָנט פאַרלאָזן, ווי אויף דעם גרויסן לעזער־פובלי־קום...״

ב. גאָרין מאָלט דעם באַטייט פון דער פרץ־השפעה: „ווי קליין אַ שרייבער איז נישט געווען, ווען ער איז אַריינגעקומען צו פרצן, נאָר קוים איז ער פון אים אָנערקענט געוואָרן פאַר אַן אמתן טאַלאַנט, איז פאַר־שוואונדן געוואָרן יעדע אומגלייכקייט צווישן זיי. די באַציאונגען זיינען געוואָרן ווי פון חברים און נישט פון אַ רבין מיט תלמידים. די יונגע שרייבער האָבן פאַר אים געלייענט וואָס זיי האָבן געשאַפן און אויסגע־הערט זיין מיינונג, און ער האָט פאַר זיי געלייענט, וואָס ער האָט געשאַפן, און געוואַרט אויף זייער מיינונג״. און ווייטער: „און די דאָזיקע אַטמאָס־פערע האָט נאָר געקאָנט געשאַפן ווערן אַרום פרצן און נישט קיין אַנדערן. פרץ האָט נישט געוואוסט פון קיינע קלייזלעך אין ליטעראַטור. אים האָט נישט געאַרט, צו וואָס פאַר אַ קלייזל אַ שרייבער באַלאַנגט; אים האָט אויך נישט געקימערט, אין וואָס פאַר אַ ליטעראַרישער שול דער שרייבער דאַוונט; אים זיינען נישט אָנגעגאַנגען די ריכטונגען אין וועלכע אַ שרייבער גייט; עס איז נאָר געווען אַ פראַגע פון טאַלאַנט און ווייטער האָט קיין זאַך נישט אויסגעמאַכט. ער (פרץ) אַליין האָט צו קיין ליטעראַ־רישער שול נישט באַלאַנגט. איר וועט ביי אים געפונען עכט־רעאַליסטישע סקיצן, ראָמאַנטישע דערציילונגען, סימבאָלישע מעשהלעך — אַלע ריכ־טונגען פון דער ליטעראַטור שפּיגלען זיך אָפּ אין זיינע ווערק.״ (ז׳ 550).

מיר האָבן אויך ידיעות וועגן דער ערשטער באַגעגעניש פון פרצן מיט יהואשן. פרץ איז דאַן (אין 1890) אַלט געווען ביי 40, און יהואש קיין פולע צוואַנציק נישט. ווי מ. י. פרייד דערציילט („ליט. בלעטער״, 1927, נ׳ 3), האָט „פרץ אויפגענומען דעם נייעם גאַסט מיט וואַרעמקייט און פרייד״. ער פלעגט יהואשן פאַרשטעלן פאַר זיינע פריינט: „אונדזער בייראָן״. יהואש האָט דאַן פאַרגעלייענט ביי פרצן אין הויז זיינע לידער „מזמור שיר ליום השבת״ און „בית שני״. און פרץ האָט גלייך אויפן

אַרט אים געזאָגט פאַר אַלעמען אין די אויגן: „איר האָט געשאַפן אַ שײן װערק!״

יהואש האָט אַ דרײַסיק יאָר נאָך זײַן באַזוך בײַ פּרצן געשריבן: „פּרצעס גרויסער אינטערעס אין נײַע תּלמידים, די פרײד, װאָס ער האָט געהאַט אין אַרױסברענגען אַ יונגן, אַ נײַעם, האָט אָפט אָנגענומען די איבערטריבענע פאָרם פון װעלן צופיל ענדערן, צופיל אַרײַנפלעכטן די אײגענע פעדעם אין דעם פרעמדן געװעב, מיט דער כּװנה עס צו מאַכן בעסער, װאָס דאָס האָט דעם יונגן טאַלאַנט אָפט פאַרשאַפט נישט װײניק עגמת־נפש״. יהואש דערצײלט װײטער: „איך קאָן אפשר זאָגן, אַז איך בין געװען פּרצעס ערשטע ליבע. איך געדענק די התפעלות, װאָס ער האָט געכאַפּט פון מײַן ליד „מזמור שיר ליום השבת״ און פון גרויס התפעלות האָט ער (עס) גענומען ענדערן און צולײגן, ביז עס איז אַרויס עפּעס, װאָס איז לחלוטין נישט געװען מײַן סטיל...״

און דאָ קומען די װאָגיקע אינטערעסאַנטע װערטער פון יהואש, װאָס באַצײכענען טרעפלעך פּרצעס כאַראַקטער: „פּרץ האָט פון זײַנע תּלמידים געלערנט. דער װאָס גלױבט אין דער צוקונפט, גײט אין חדר בײַ דער צוקונפט. לערנען פון תּלמידים איז דער שטאַרקסטער און זי־כערסטער סימן פון אמונה אין דער צוקונפט („יידישע קולטור״, 1947, נ׳ 6). „פּרץ איז געװען דער געװיסן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, באַ־װאוסטזיניק אָדער אומבאַװאוסטזיניק האָט איטלעכער שרײַבשטעלער װאָס האָט גענומען זײַן אַרבעט ערנסט, געשפּירט אויף זיך די „עין רואה״ (דאָס אָפענע אויג — נ. מ.) פון פּרצן. מ׳האָט געשפּירט אַזוי װי מען װאָלט געדאַרפט אָפּגעבן פאַר אים אַ דין וחשבון: װאָס װעט פּרץ זאָגן?״

און עס איז אינטערעסאַנט: פּרץ האָט יאָרן און יאָרן שפּעטער נאָכ־געפאָלגט נאָך זײַנע „תּלמידים״, געשריבן זײ בריװ און זײ סטימולירט, אָנגעװיזן אויף פעלערן א. א. װ. דאָס איז געװען אויך בנוגע צו יהואשן. װעגן דעם רעדן מיר אויף אַן אַנדער אָרט, אינעם אַרטיקל „פּרץ און יהואש.״

3

און אַט אינטערעסאַנטע פּרטים, װי פּרץ האָט אױפגענומען ה. ד. נאָמבערגן. װעגן דעם האָט נאָמבערג דערצײלט פיל מאָל אין זײַנע פאַר־שײדענע אַרטיקלען איבער פּרצן. מיר װעלן אַרויסכאַפּן בלויז אײניקע אויסצוגן, װאָס גיבן איבער װעגן דער ערשטער באַגעגעניש און באַקאַנט־שאַפט פון פּרצן מיט נאָמבערגן, װאָס איז גיך פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ טיפער פרײַנדשאַפט און פאַרבינדונג. ה. ד. נאָמבערג שילדערט זײַן

ערשטן באַזוך ביי פּרצן: „איך בין געווען לאַנג געקליידט, נאָר איך האָב זיך נישט זשענירט. וואָס טייטש? ער וועט זיך רעכענען מיט אַזוינע ריין אויסנווייניקסטע זאַכן? ער האָט מיך ווירקלעך אויפגענומען גאָר, גאָר פריינטלעך, האַרציק. גערעדט האָט מען רוסיש, וואָס איך האָב אינדער־היים באַוויזן צו לערנען אַ ביסל פון אַ מעטאָדע". ה. ד. נאָמבערג האָט אַפריער געהאַט געשיקט צו פּרצן דורך איינעם אַ סטודענט־סאָציאַליסט איניקע פון זיינע העברייאישע שירים. און ביי דער ערשטער באַגעגע־ניש, האָט פּרץ געזאָגט נאָמבערגן: — „די שירים טויגן צו גאָרנישט. זיי זיינען נישט צייטיק, כאָטש אין זיי איז פאַראַן פיל טאַלאַנט! און פּרץ האָט גענומען אָנוויזן באַזונדערע שטעלן, ער האָט געלויבט און געטאַדלט. אין פאַרלויף פון געשפּרעך האָט ער שוין געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט אַלע גדולים פון יענער צייט... — — — ביי עפּעס אַ האַרב וואָרט קעגן אחד־העמען, האָב איך רעאַגירט. — זאָגט ה. ד. נאָמבערג, — פּרץ האָט נישט באַדאַרפט מער ווי אָן אָנרעגונג. (ער) איז אַריין אין אַזאַרט. ער האָט גענומען וואַרפן מיט בליצן פון סאַרקאַזם נישט נאָר קעגן אחד־העמען, נאָר קעגן אַלץ און אַלע, קעגן דעם גאַנצן גייסטיקן פאַרמעגן פון יענער צייט, מיט ציוניזם, חיבת־ציון און „השכלה" צוזאַמען: אַ באַרג אַש איז געבליבן. — — — אינמיטן דעם געשפּרעך האָט זיך פּרץ פּלוצ־לינג געווענדט צו מיר: — וואַרפט אַוועק די העברייאישע שירים, שרייבט אויף יידיש, וועט איר ברענגען נוצן דער וועלט!" (ה. ד. נאָמבערג — אַ ליטעראַרישער דור, בוענאָס־איירעס, 1946, ז' 60).

אין זיין גרעסערער אָפּהאַנדלונג „דער פאָטער פון ליטעראַרישער משפחה" (געשריבן אין 1916, איבערגעדרוקט אין פאַרשיידענע אויסגאַ־בעס) זאָגט ה. ד. נאָמבערג: „מען קאָן נישט רעדן וועגן אַ פּרץ־שול אין דער ליטעראַטור. ער איז נישט געווען קיין רבי, וואָס האָט אויפגע־שטעלט תלמידים. וואָס ער איז געווען באמת, דאָס איז — אַ פאָטער פון אַ ליטעראַרישער משפחה. דער רבי, דער גרינדער פון דער ליטעראַ־רישער שול, גיט די ליניע, די ריכטונג, און די תלמידים טרעטן אויס דעם וועג. פּרצעס באַדייטונג, זיין פּרישקייט און גלאַנץ, זיינען געלעגן גראָד דערין, וואָס ער האָט נישט ליב געהאַט די אויסגעטרעטענע וועגן, אפילו נישט די, וואָס זיינען פון אים אַליין אויסגעטרעטן געוואָרן." (ז'25).

און ה. ד. נאָמבערג זאָגט ווייטער: „ווער עס האָט געזען פּרצעס שטראַלנדיקע אויגן, בשעת ער האָט זיך אַנטציקט פון אַ געלונגענער זאַך, דער האָט זיך מיט דער ליבע געמוזט אָננעמען און איז געוואָרן באַ־פּרוכטעט פון איר..." „פּרץ האָט ליב געהאַט די יונגע שרייבער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום אים." (ז'ז 27־28).

„... פרץ איז געווען דער פירער פון דער תקופה — שרייבט נאָמ־בערג, — אַ צענטער פון השפעות, אַלץ שפּיגלט זיך ביי אים אָפּ און שטראַלט צוריק, אַזוי ווי פון אַ ברען־גלאָז. ער איז נישט געווען קיין גרינדער פון אַ ליטעראַרישער שול, ווייל ער איז, ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, געווען אַ זוכער און אַ שטרעבער, ער איז שטענדיק איבערגעשפּרונגען פון סטיל צו סטיל. דער ליטעראַרישער דור אָבער, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום אים, זיינע תלמידים, זיינען נישט געגאַנגען אין זיינע דרכים. יעדער פון זיי האָט זיין אויסגעטראָטענעם וועג, זיין געביט און סטיל... דער לעבעדיקער אינטערעס צו דער ליטעראַטור, דער דראַנג צו שאַפן, די טיפע ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס איז שיין און דערהויבן, די דאָזיקע ליבשאַפט, וואָס דאָמינירט איבער אַלע ליידנשאַפטן פון זיין שטורמישער נאַטור — דאָס האָט, קודם־כל, געמוזט ווירקן מאַגנעטיש אויף אַלץ, וואָס איז דעמאָלט געווען לעבעדיק און שעפעריש אין אונדזער וועלט..." „אין מיין זכרון — זאָגט נאָמבערג — איז לעבעדיק, ווי אַזוי פרץ האָט געווירקט אויף זיין סביבה, ווי אַזוי די סביבה האָט אויף אים געווירקט, די פאַרשיידענע ליטעראַרישע השפעות, וואָס ער האָט אויפגענומען אין זיך. יענע גייסטיקע פעדערן, וואָס האָבן דעמאָלט געטריבן די ווייזערס פון דער צייט. פרץ איז דאַן געווען אַזוי עמפּינדלעך אויף יעדן מינדסטן ריר אין דער אַטמאָספער פון דער צייט" (ז' 53).

אָט דאָס עדות זאָגן פון דעם „ניכטערן" נאָמבערג שלאָגט אָפּ אַלע רעדערייען וועגן פרצן דעם „רבין", וואָס האָט בכיוון זיך אַרומגערינגלט מיט גלויביקע חסידים. וועגן דעם וועלן מיר רעדן באַזונדער.

פונעם זעלבן כאַראַקטער זיינען די זכרונות־שילדערונגען פון אברהם רייזען, וואָס זיינע ערשטע ליטעראַרישע יאָרן זיינען דורכאויס פאַרבונדן מיט פרצן און מיט פרצעס הויז. אברהם רייזען גיט איבער: „דער נאָמען י. ל. פרץ איז מיר באַקאַנט געווען פון עטלעכע העברייאישע שירים, וואָס איך האָב געלייענט אינעם זאַמלבוך „כנסת ישראל", (דערשינען אין 1887 — נ. מ.) און עס איז מיר געווען אַ גרויסער חידוש, אַז אַ העברייאישער משורר זאָל זיך נעמען אַרויסגעבן יידישע ביכער". אין יענער צייט איז געמאָלדן געוואָרן אין דער פּרעסע, אַז פרץ טרעט צו אַרויסצוגעבן זיין „יידישע ביבליאָטעק", אין 1890. א. רייזען שיקט לכתחילה פון זיין שטעטל קוידאַנאָוו, דערנאָך פון מינסק, לידער צו פרצן, און ער באַקומט גלייך ענטפער. איין ליד פון א. רייזען איז טאַקע אָפּגעדרוקט אין „יידישע ביבליאָטעק". פרץ שרייבט אים תשובה אויף זיין יעדן בריוו, וואו ער מאַכט אים אויפמערקזאַם אויף פעלערן, אויף שוואַכע שורות און פאַרריכט אויך אייניקע פערזן. „קומענדיק קיין וואַרשע, — דער־

ציילט א. רייזען („צוקונפט", 1915, ז״ז 647־654), — האָב איך דאָך דעם ערשטן וויזיט געמאַכט אין דער רעדאַקציע פון „יוד". אָבער געווען איז עס בלויז דערפאַר, וואָס צו פּרצן גיין האָב איך זיך ערשט געוואָלט מכין זיין. ערשט דאָרט האָב איך געוואָלט געוואָר ווערן, ווי אַזוי אַרום מען קאָן צו ‚אים' צוקומען..." א. רייזען האָט באַשלאָסן אַפּריער גיין אין דער גמינע, וואו פּרץ האָט געאַרבעט. „געקומען בין איך אַהין אַרום האַלב נאָך ניין אינדערפרי און געוואַרט אויף אים אין גרויסן קאָרידאָר... ענדלעך האָב איך באַמערקט, ווי עס לאָזט זיך אויף די שטיגן אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק פון מיטלען וואוקס מיט גרויסע עכט־פּוילישע וואָנסעס. איך האָב גלייך דערפילט, אַז דאָס איז ער." פּרץ נעמט אויף דעם יונגן א. רייזען גאָר פיין און ער פאַרבעט אים צו קומען דריי אַזייגער צו אים אַהיים. א. רייזען שילדערט זיין געמיט־צושטאַנד, דאָס אומגעדולדיקע וואַרטן די עטלעכע שעה. לסוף קומט ער צו מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צו פּרצעס הויז. מען עפנט אים די טיר, און „באַלד איז מיר אַנטקעגן גע־קומען פּרץ. זיין גוטער שמייכל האָט מיך גלייך אויפגעלייגט... ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט. אין קאָפּ האָט מיר דורכגע־בליצט אַ פּסוק פון חומש: „של נעליך מעל רגליך!.. (וואַרף אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס — נ. מ.). אויפן שרייב־טיש זיינען געלעגן אָנגע־וואָרפן פּאַפּירן, מאַנוסקריפּטן און פאַרשיידענע העפטן און בויגנס". א. רייזען איז דאַן אַלט געווען 24 יאָר, פּרץ טאָפּל פון אים.

פּרץ זאָגט צו רייזענען: „איך האָב געלעזן אייער צוריקקער אַהיים"... זייער גוט, שיינע בילדער... אָבער די ריימען. איר זייט צו ליטוויש!.."

א. רייזען קאָן זיך נישט באַשליסן, זאָל ער ווייזן פּרצן זיינע נייע לידער, צי נישט. און פּרץ ווענדט זיך צו אים: — נו, האָט איר עפּעס נייס געשריבן? זשענירט זיך נישט. ווייזט אַהער! א. רייזען שלעפּט אַרויס פון בוזעם־טאַש אַ דיקלעך העפט און גיט עס פּרצן.

„פּרץ — דערציילט רייזען — באַוואָפנט זיך מיט אַ לאַנגן בליי־פעדער און הויב אָן צו לייענען. ער לייענט איבער אַ סטראָפע און שטעלט זיך אָפּ און מאַכט אַ באַמערקונג...

פּרץ האָט געלייענט איין ליד נאָכן אַנדערן... „איך מיין, — טראַכט א. רייזען, — אַז ער איז שוין מיד און וויל דאָס העפט, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש, צוריקנעמען. פּרץ אָבער לאָזט נישט: — וואַרט. וואָס איילט איר? — שמייכלט ער — עס איז דאָך דאָ נאָך... ער נעמט זיך ווידער. דאָס גאַנצע העפט מיט הונדערט לידער זיינען פאַר־שלונגען. איך באַוואונדער זיין געדולד..." (ז' 653).

און איבערגעבנדיק פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיינע באַזוכן ביי

פּרצן אין יענער צייט, פּאַרענדיקט א. רייזען זיינע זכרונות מיט די ווער־טער: „דאָס אַלץ איז געשען אין די ערשטע ניין מאָנאַטן נאָך מיין קומען קיין וואַרשע. און געקומען בין איך אַהין, פון דער קאַזאַרמע אַ ביסל נישט דרייסט, אַ ביסל שעמעוודיק. אָבער אין דער פּרץ־אַטמאָספערע בין איך דרייסט, מוטיק און ענערגיש געוואָרן... ער (פּרץ) איז געווען דער איינ־ציקער מאַן אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אַליין געשאַפן און געקאָנט מאַכן אַנדערע (צו) שאַפן. ער האָט געקאָנט זיין אַ לערער, אַ שאַפער און אַ חבר. און דערפאַר וועלן מיר ביז אונדזער לעצטן אָטעם־צוג דערמאָנען אים מיט ליבע און אויפריכטיקער, טיפער פאַרערונג...” (ז׳ 654).

מיט יאָרן שפּעטער, אין 1945, האָט אברהם רייזען אָפּגעדרוקט פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע „כ׳געדענק דעם פרימאָרגן” („צוקונפט”, אַפּריל 1945), וואו ער מאָלט זיין באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן, זיין באַזוך אין פּרצעס הויז און זיין, פּרצעס, השפּעה אויף די יונגע (ז״ז 229־227).

4

אַנדערש שילדערט זיינע ערשטע באַגעגענישן מיט פּרצן לאַמעד שאַפּיראָ. ער דערציילט וועגן זיינע צוויי באַזוכן ביי פּרצן. דער ערשטער איז געווען אין סוף 1896 און דער צווייטער — מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער. „געקומען קיין וואַרשע, סוף 1896 — שרייבט ל. שאַפּיראָ (אין זיין ביכל „דער שרייבער גייט אין חדר”, לאָס אַנזשעלעס, 1945, ז״ז 8־9) — האָב איך אין מיין האָטעל אָנגעטאָן אַ וויזיטקע — אַ בגד, וואָס איז מסתמא אַרויסגעקומען פונעם שידוך צווישן אַ סורדוט און אַ פראַק — און אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, ווי עס האָבן געטראָגן די שילער פון דער רע־אַלער גימנאַזיע. אין דער דאָזיקער אויסשטאַטונג האָט איך אָנגע־קלונגען אויף צעגליאַנע איינס, ביי אַ טיר, וואו אויף מעשענעם טאָוול איז געווען אויסגעקריצט: ,י. ל. פּרץ מקבל בשעה הרביעית אחרי הצהרים׳ (פּרץ נעמט אויף פיר אַזייגער נאָך מיטאָג — נ. מ.). די טיר האָט געעפנט טאַקע פּרץ אַליין. פּרצעס אַזוי אויך גרויסע אויגן זייגען נאָך גרעסער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען מיין הילוך... ער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין קאַבינעט און מיר האָבן געשמועסט וועגן דער יידישער ליטע־ראַטור, וואָס האָט דעמאָלט אַזוי גוט ווי נישט עקזיסטירט. עס איז געווען נאָך שלום־עליכמס „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק”, נאָך ספּעקטאָרס „הויז־פריינט”; דער ערשטער פּעריאָד פון פּרצעס „יידישע ביבליאָטעק” און פון זיינע „יום־טוב־בלעטלעך” איז געווען פאַרגאַנגנהייט. קיין ביכער זיינען נישט דערשינען... פון יענעם געשפּרעך האָט זיך אָפּגעשטעלט

ביי מיר אין זכרון מיין פראַגע: ,ס׳טייטש, עס איז דאָך געווען אַזאַ אויפ־לעבונג מיט אַ פּאָר יאָר צוריק?... ,,און זיין (פּרצעס) אָפּגעהאַקטע ענט־פער: „צווישן די שרייבער — נישט צווישן די לייענער!..״ (ז״ז 8־ט).

ל. שאַפּיראָ גיט איבער אַ אינטערעסאַנטן פּרט פון יענער צייט. ,מיר, אַ גרופּע יונגע לייט, האָבן געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל און געוואָלט האָבן פּרצן פאַר אונדזער רעדאַקטאָר. מיר האָבן געהאַט מיט אים אַן אונטעררעדונג, און אַז עס איז געקומען זיין ריי צו רעדן, האָט ער זיך אַנטשולדיקט: ווענן ,אַזעלכע ענינים׳ איז אים שווער זיך אויסצו־דריקן אין יידיש, און אַזוי ווי מיר, ,ליטוואַקעס׳, פאַרשטייען נישט קיין פּויליש, וועט ער רעדן — רוסיש...״ און ל. שאַפּיראָ גיט צו: ,,לאָמיר זיך דערמאָנען: נישט לאַנג פאַר דעם האָט פּרץ געשריבן, ספק אַפּאָלאָ־געטיש, ספק איראָניש, אַז אַנדערש וואָלט זיין ליד געקלונגען, ווען ער וואָלט פאַר גויים גויאיש זינגען. ליבעלייען, למשל, אין יידיש וואָלט אַרויסגעקומען:

> מיין קרוין, מיין שאַץ, מיין שעצל —
> עס האָט אַ טעם ווי לאַקריץ־פּלעצל
> און שמעקט נאָך צו מיט גענדזנשמאַלץ!..

ל. שאַפּיראָ דערציילט ווייטער, אַז ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1903, איז ,,וואַרשע געווען ניט־צו־דערקענען. אויף די געמאַרקן צווישן צוויי יאָרהונדערטן זיינען גע־בוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן די צוויי גרויסע יידישע פּאָליטישע באַ־וועגונגען, דער מאָדערנער ציוניזם און דער בונדיזם... — — — פּרץ איז געוואָרן דער גלענצנדיקסטער רעדנער אין יידיש, וואָס איך האָב ווען געהערט, אַ שלאַגנדיקער פאָנטאַן פון בליציקע געדאַנקען און פאַרביקע רייד...״ (ז׳ 11).

אגב, האָט ל. שאַפּיראָ זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַראיבל אויף פּרצן, וואָס דערמאָנט דעם פאַראיבל פון יהואשן און פון אַנדערע אויף פּרצן, וואָס פלעג אָפּט אויסבעסערן זאַכן פון יונגע שרייבער. ש. מילער דערציילט: „... מיר האָבן געשמועסט (מיט ל. שאַפּיראָ) פון י. ל. פּרץ. — „אַ צייט בין איך געווען אַנגעשטויסן אויף אים״ — האָט ל. שאַפּיראָ געזאָגט — ... איך האָב אים געגעבן אַ דערציילונג, האָט ער זי אַנגענומען. נאָר ער האָט זי אַזוי „צ ע פּ ר צ ט״, אַז איך האָב זי נישט דערקענט. האָב איך אים אַנגעשריבן אַ שאַרפן בריוו...״ (ש. מילער אין זיין אַרטיקל „וועגן די כתבים״, פאָרוואָרט צו ל. שאַפּיראָ־כתבים, לאָס אַנזשעלעס, 1949, ז׳ 19).

פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז געווען די באַגעגעניש פון פּרצן מיט

י. ח. ברענער. מיר האָבן וועגן דעם אין הלל צייטלינס זכרונות איבער ברענערן: „ברענער — דערציילט ה. צייטלין — איז מיט אַ יאָר אַכצן צי צוואַנציק צוריק (אַרום 1901־1903) געווען אין וואַרשע. ער האָט באַזוכט דאָס ליטעראַרישע קרייזל, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום פּרצן. ער האָט איף אַלעמען, און אויף פּרצן באַזונדערס, געמאַכט אַ שלעכטן רושם... — — — אַזוי ווי ברענער האָט געמאַכט אַ שלעכטן רושם אויף דעם ליטעראַרישן קרייזל אין וואַרשע, אַזוי האָט דער דערמאָנטער קרייזל מיט פּרצן בראש געמאַכט אַ שלעכטן רושם אויף ברענערן...״ („צוקונפט״, סעפּטעמבער 1938, איבערגעדרוקט אין „יוסף חיים ברענער״, ניו־יאָרק, 1941).

נישט קיין געהויבענעם קבלת־פּנים האָט אויך געהאַט ביי פּרצן דער באַוואוסטער העברייאישער שרייבער ג. שאָפמאַן. אין „העולם״ (תרצ״א, 1931, נומ׳ 11) אין אַ נאָטיץ „וואַרשה בשנת תרס״א״ (וואַרשע אין יאָר 1901), ווי עס שרייבט א. ר. מלאכי — „גיט ער, שאָפמאַן, איבער וועגן זיין באַזוך ביי פּרצן און פּרצעס מיינונג וועגן שאָפמאַנס דערציילונג „הערדל״ (אַ קאַלאַש), וואָס ער האָט פאַר פּרצן געלייענט פון מאַנוסקריפּט. אין מיטן לייענען האָט זיך פּרץ אויפגערעגט און געזאָגט: „דאָס איז אַן איבערזעצונג פון רוסיש, עס איז כלל נישט קיין העברייאיש. ווען איך וואָלט געווען אויף בן־אביגדורס אָרט, וואָלט איך די דערציילונג נישט אָנגענומען צום דרוקן״ (א. ר. מלאכי — „פּרץ און העברייאיש״, „ייוואָ־בלעטער״ 1950, ז׳ 221).

5

פון אַ ספּעציעלן אינטערעס און באַטייט זיינען די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון פּרץ און שלום אַש. זיי פאַרדינען אַ באַזונדערע, אויספירלעכע באַהאַנדלונג. מיר וועלן דאָ בלויז באַרירן זיי. אין זיין טיף־האַרציקן אַרטיקל נאָך פּרצעס טויט („מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן״, „צוקונפט״ 1915, יולי) גיט שלום אַש איבער אינטערעסאַנטע פּרטים, ווי גרויס ס'איז געווען פּרצעס איינפלוס אויף די יונגע שרייבער און וויפיל ער האָט מיטגעהאָלפן זייער וואוקס. ש. אַש דערציילט, אַז מען האָט נישט געגעבן צו דרוקן קיין זאַך, איידער מען האָט עס אַפּריער נישט געוויזן פּרצן, ער זאָל עס איבערלייענען. „טיילמאָל האָט ער געפּרואווט עצות צו געבן ווי צו ענדערן און (ער האָט) אָנגעגעבן דעם טעם פאַר וואָס. אָבער ער האָט פיל געהאַלטן פון די, וואָס האָרכן אים נישט און האָבן אַן אייגענע מיינונג, און נישט ליב געהאַט יענע, וואָס זיינען אים בלינדערהייט נאָכגעגאַנגען.״

שלום אַש באַטאָנט דאָ, וואָס פּרץ גופא דערציילט אין זיינע „מיינע

זכרונות״ וועגן די תלמידים זיינע. פרץ שרייבט אין איין אָרט: „... און איך בין שוין אַן אַלטער שרייבער, עטאַפּן דורכגעמאַכט... אַ חדר געהאַט און — אַליין געבליבן. נע ונד דאָס פאַלק, בפרט זיין באַהעם — יונגע שריי־בער, אַוועק און מיט נעמען! און נעמען, דאָס מוז איך באַמערקן, נעמען האָבן באַקומען, לייט זיינען געוואָרן — די ‚קונדייסים׳ פון חדר. די, וואָס האָבן נישט געלאָזט זיך פירן! די אַנדערע, וואָס האָבן אַזוי גערן זיך אונ־טערגעגעבן דער צענזור, געשטופּט דעם מאַנוסקריפּט צו מיין בליישטיפט, — זאָל גאָט זיך אויף זיי דערבאַרעמען!״

פרץ רעדט וועגן דעם מיט אַזוי פיל באַהאַרציקייט און פאָטערלעכקייט: „איך האָב זאַמען געשטרייט (געשפּרייט), איבער זיי שבעה נקיים געזעסן און קוים זיך עפּעס דערוואָרט. באַוויזט זיך אַ קעפּל, עס שפּאַלט קוים די ערד, איך גיב שוין אַן אָנהאַלטעניש, אַן אָנשפּאַרעניש, זאָל עס נישט קריכן אַרום איבער דער ערד. אַרויף, צו דער הויך! דרענגלעך אונטערגעשפּאַרט! די דרענגלעך זיינען געבליבן. בין איך אַליין. מען קומט נאָר צו מיר נאָך ‚סמיכות׳... איז שוין אָבער לאַנג נאָכן ‚עת לטעת׳ (די צייט צום פלאַנצן — נ. מ.), קליין דאָס גערטל, אָבער שוין ווילד אָנגעוואַקסן, עת לעקור נטוע (צייט אויסצורייסן דאָס ווילד־גראָז — נ. מ.)... זאָגט מען איך טרייב די יונגע טאַלאַנטן...״ („מיינע זכרונות״).

לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו אַשן און צו זיינע זכרונות וועגן דער פּרץ־השפּעה אויף אים. שלום אַש זאָגט: „איין גרויסע מעלה איז געווען אין פּרצן, וואָס האָט אים געהאָלפן אַרויסצוגעפינען די נייע טאַלענטן: ער האָט געהערט די נשמה פון יעדער זאַך, וואָס מ׳האָט אים פאָרגעלייענט, און דאָס אייגנטלעך האָט ער געזוכט״. אַש דערציילט ווייטער, אַז ער האָט לכתחילה געשיקט זאַכן פון זיין היימשטאָט קוטנע צו פּרצן, און נישט באַ־קומען קיין תשובה, איז ער געקומען קיין וואַרשע צו זעען זיך מיט דעם מענטשן, וואָס זיינען יידישע מעשיות האָבן פאַר דעם קוטנער בחור אויפ־געדעקט גאָר נייע וועלטן. „עס איז נישט גלאָט אַ מעשה, נאָר עפּעס אַ גרויסע גערעכטיקייט פאָדערט פּרץ פאַר די העלדן פון זיינע מעשיות, פאַר דעם מיידל, וואָס ‚דער הימל איז איר חופּה געווען׳ און פאַר באָנציען, וואָס ער האָט געשוויגן דאָס גאַנצע לעבן. די גערעכטיקייט, וואָס פּרץ פאָדערט פאַר די מענטשן פון זיינע מעשיות, איז מיר נעענטער געווען ווי די גערעכטיקייט, וואָס עס פאָדערן די נביאים פאַר יהוהן...״

שלום אַש רייסט זיך קיין וואַרשע, צום הויז אויף צעגליאַנע איינס, — דער אַדרעס, וואָס איז אָנגעגעבן אויף די מעשה־ביכלעך... און אָט, אין „אַ שיינעם זומערדיקן נאָכמיטאָג האָב איך זיך געפונען הינטער פּרצעס טיר״... און אַש דערציילט: „אַ פּאָר מאָל בין איך אַרויפגעגאַנגען אויף די

טרעפּ און אַראָפּ. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט. צום סוף האָב איך מיר דאָך מוט געמאַכט, אַנגעקלונגען אין דער טיר... עס האָט מיר שוין באַנג געטאָן און כ׳האָב געוואָלט אַראָפּלויפן, אָבער ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט; עס האָבן זיך דערהערט טריט. די טיר האָט זיך געעפנט און פאַר מיר איז געשטאַנען י. ל. פּרץ, ענלעך צו דער פאָטאָגראַפיע מיטן פוטערן היטל, וואָס אויפן ביכל „העוגב״, נאָר עטוואָס עלטער... „פה שוכן י. ל. פרץ? — האָט אַש געפרעגט אויף העברייאיש. „איך האָב מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן אין די דעמאָלטדיקע צייטן צו רעדן צו אַזאַ מענטש ווי פּרץ אין פּשוטן יידיש״. — פה, פה! — שמייכלט פּרץ אין זיינע דיקע גרויסע וואָנצעס, און פירט מיך אַריין אין דער שטוב נאָכן קאָרידאָר...״

און דערנאָך הייבט זיך אָן מיט שלום אַש די זעלבע געשיכטע ווי מיט אַלע, די ניי־געקומענע אָנפאַנגער...

פּרץ פרעגט ביי אַשן: „וואָס האָט איר געבראַכט?״ און אַש גיט איבער: „פאַרשעמט און דערשראָקן האָב איך אַרויסגעצויגן פון טאַש עפּעס אַ שטימונגס־זאַך, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אויף לשון קודש... פּרץ האָט עס דורכגעקוקט מיט די אויגן. מיין האַנטשריפט איז געווען שווער געווען, און דערצו האָב איך נאָך געשריבן העברייאיש מיט פעלער... פּרץ האָט עס אָוועקגעלייגט אַ ווײַלע, נאָכגעקלערט און דערנאָך געזאָגט צו מיר: „עפּעס איז יאָ פאַראַן דערין!.. פאָרט אַהיים און שרייבט עפּעס אָן אין אַ לשון, וואָס איר קאָנט אַלץ אין אים אַרויסזאָגן, אין יידיש, שיקט עס מיר אַריין, וועל איך וויסן, וואָס איר האָט צו זאָגן...״

און אַש פאָרט צוריק אַהיים, ער קאָן שוין אָבער אין זיין שטעטל מער נישט איינזיצן. ער האָט אָפּגעוואַרט די ימים טובים זאָלן אַוועק, און ער לאָזט זיך ווידער קיין וואַרשע. ער קאָן שוין נישט געפונען דאָרט נאָמבערגן מיט רייזענען אויף זייער פריערדיקן אַדרעס, אָבער צעגליאַנע איינס איז אָן אייזערנער אַדרעס. „אַ שבת נאָכמיטאָג שטיי איך ווידער הינטער פּרצעס טיר. דאָס מאָל מיט ווייניקער האַרץ־קלאַפּן. ביי מיר אין טאַש — „מאָטעלע״ און „משהלע״ — צוויי מעשיות, אָנגעשריבן אויף אַ לשון, וואָס איך פאַרשטיי יעדעס וואָרט און ווייס עס ווי אַרויסצורעדן...״ פּרץ דערפרייט זיך מיטן צוריקקומען פונעם קוטנער בחור. און ער שטעלט פאַר דעם יונגן גאַסט פאַר דער גרופּע שרייבער ביי זיך אין הויז: „עולם, אַ נייער טאַלאַנט!״ און ווען אַש לייענט איבער פאַר פּרצן און די שרייבער די מעשיות, נעמט זיי פּרץ ביי אים צו און גיט זיי גלייך אַוועק אויפן אָרט צו ד״ר י. לוריא, דעם רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „דער יוד״, און זאָגט צו אים: „נעמט און דרוקט זיי אָפּ.״

דאָס איז געווען האַרבסט 1900.

שלום אַש גיט צו: „איך האָב מיינע אויגן און אויערן נישט געגלויבט; איך האָב געמיינט, עס געשעט אַ וואונדער...״

און אַזוי איז שלום אַש דורך פרצן און ביי פרצן אין הויז אַריין אין דער ליטעראַרישער וועלט, צו פאַרנעמען אינגיכן אין איר אַ גאָר בכבודיקן אָרט.

שלום אַש דערציילט ווייטער, אַז פרץ האָט אים געשאָנקען זיינע שריפטן, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן אין 1901, צו פרצעס יובל, מיט פאָלגנדיקער אויפשריפט:

עס פיקט זיך אַן איי,
עס פיקט גאָר שטאַרק.
ווער ווייסט —
אַ קראָ צי אַן אָדלער? —

ביים פרץ־באַנקעט — שרייבט שלום אַש — האָט מען די יונגע שרייבער אוועקגעזעצט גאַנץ הינטן. „אויבן אַן זיינען געזעסן די בכבודיקע באַלע־באַטים און די מיטגלידער פון דער גמינע, וואו פרץ האָט געאַרבעט. פרץ איז אַריינגעקומען, האָט אונדז אויפגעזוכט, און אַוועקזעצנדיק אונדז ביי זיין טיש, האָט ער געזאָגט: „דאָס זיינען מיינע ריכטיקע מחותנים!״ (שלום אַש — „מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פרצן״, „צוקונפט״, ז״ז 458־463).

אין יענער צייט איז אין וואַרשע דערשינען „דער יוד״, און „עס איז ווייניק אָרט געבליבן דאָרט פאַר די יונגע. דער איינציקער באַשיצער — שרייבט אַש — איז געווען פרץ. ער האָט זיך געמיט, מען זאָל אונדזערע זאַכן אָפּדרוקן, און אָפטמאָל נישט געוואָלט געבן זיינע דערציילונגען, כדי עס זאָל מער פלאַץ זיין פאַר די יונגע.״

6

גרויס און אַנזעעוודיק איז אויך געווען די השפעה, וואָס פרץ האָט געהאַט אויף דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט און אויף דער רעוואָלוציאָנע־רער פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס האָט מיט דער צייט פאַרנומען די פירנ־דיקע ראָלע אין דער אַלצמער האַסטיק־וואַקסנדיקער יידישער אַרבעטער־באַווע־גונג, די יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אַרויסגערוקט די גייסטיקע פירער פון דער סאָציאַליסטישער און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונגען. וועגן דעם דערציילן די פאַרשיידענע אַרבעטער־פירער פון די פאָליטישע פאַרטייען. מיר וועלן זיך באַגנוגענען בלויז מיט אַ פאָר באַמערקונגען.

איינער פון די אַמאָליקע יידישע סאָציאַליסטישע טוער אין פוילן מ. מיכעלזאָן (אין זיין אַרטיקל „פון י. ל. פרצעס ראַדיקאַל־סאָציאַליס־טישע יאָרן״, י. ל. פרץ־זאַמלבוך, ניו־יאָרק, 1915) דערציילט אַט וואָס:

„דערקענט האָב איך פּרצן אַרום 1898. מיר זיינען געווען אַ גרופּע יונגע לייט, וועלכע זיינען געווען באַאיינפלוסט פון סאָציאַליזם, שטאַרק צוגע־מישט מיט דעם אַלטן רוסישן ניהיליזם און מיט דער ספּעציעל־יידישער אַפּיקורסות. מאַרקס, ענגעלס, פּיסאַרעוו און באַזאַראָוו זיינען געווען אונד־זערע געטער, האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם אַלטן יידישן גאָט, וועלכן מיר האָבן באַקעמפט. פּרצעס „שטריימל" איז געווען אין פולן איינקלאַנג מיט אונדזער גאַנצער וועלט־אַנשויאונג און האָט דערפאַר געהאַט אויף אונדז אַ גרויסע ווירקונג... פון אַפּיקורסות צו סאָציאַליזם, פון „שטריימל" צו „באַנציע שווייג" איז אין יענע יאָרן געווען אַ גלייכער וועג..." — — —

„מיר האָבן — דערציילט וויטער מ. מיכעלזאָן — גענומען מאַכן פּלענער אַרויסצוגעבן ביכלעך פאַר דעם פאָלק. אַזוי ווי פּרץ איז געווען אונדזער אידעאַל, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אים... פּרצן איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן, ער האָט צוגעזאָגט צו שאַפן דאָס איבע־ריקע נויטיקע געלט, אַ גאַנץ־גרויסע סומע און האָט פאַרגעשלאָגן, מיר זאָלן אויסוויילן איינעם פון אונדזער גרופּע אַלס מיטגליד פון אַ רעדאַק־ציע־קאָמיטעט. איך בין דערוויילט געוואָרן און בין אַזויערנאַך געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער אין פּרצעס הויז."

און ב. מיכעלזאָן שרייבט: „ווען איך דערמאָן מיך איצט די רעדאַק־ציאָנעלע פאַרזאַמלונג, ווי דער פופציק־יאָריקער פּרץ איז געזעסן מיט עטלעכע צוואַנציק־יאָריקע בחורים, האָט פאַר זיי געלעזן זיינע זאַכן און זיך מיט זיי באַראַטן וועגן יעדער קלייניקייט, ווערנד אין דער אמתן האָט ער געמוזט טאָן די גאַנצע אַרבעט, סיי די ליטעראַרישע און סיי די פינאַנ־ציעלע, — מוז איך אים באַוואונדערן... אָבער דער שענסטער שטריך זיינער איז געווען, וואָס ער האָט געזוכט צו אַנטדעקן נייע טאַלאַנטן און דערמוטיקן זיי צום שאַפן. איך געדענק, ווי פּרץ האָט אונדז פאַרגעלעזן אַ מאַנוסקריפּט פון ל. שאַפּיראָ. פּרץ איז געווען באַגייסטערט און האָט אים גלייך פאַרגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט." (ז"ז 38־39).

פּרצעס איינפלוס איז געגאַנגען אין דער ברייט און אין דער טיף און זיין השפּעה אויף דער יידישער יוגנט איז געווען אומגעהויער גרויס. וועגן דער ראָלע פון די פּרצישע „יום־טוב־בלעטלעך" און די איבעריקע פּרץ־אויסגאַבעס און וועגן דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער יידישער יוגנט און אַרבעטער, איז פיל געשריבן געוואָרן. (זע אויך דעם קאַפּיטל „מיט אַ נייעם ברען", די „יום־טוב־בלעטלעך" — אין מיין בוך „פּרץ", ניו־יאָרק 1945, ז"ז 159־170).

קלמן מרמר אין זיין אַרטיקל „דער קינסטלער און דער קעמפער"

(„יידישע קולטור״, 1945, נ״נ 3־4) שרייבט: „פון אייגענער דערפאַרונג אין אָט־די „שבתדיקע פאַרלעזונגען״ אין ווילנע (ווי איינער פון די ערשטע, און אפשר טאַקע דער סאַמע ערשטער, וואָס האָט, אַלס יוגנטלעכער אַרבע־טער, אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָנגעהויבן פאַרלייענען פאַרן געהיימען קרייזל פרצעס „יום־טוב־בלעטלעך״ אָנשטאָט די אָפּיציעלע מיט דער האַנט געשריבענע בראָשורקעס), געדענק איך גענוי דעם שטאַרקן איינדרוק אויף די יידישע אַרבעטער־מאַסן פון פרצעס אַלעגאָרישע מעשיות. אַ טייל אַרבעטער־פאַרלייענער פלעגן אין פרצעס מעשיות אַריינטייטשן מאָ־טיוון פון קלאַסנקאַמף. די נישט־אַרבעטער־פאַרלייענער ווי חיים יאַנקל — א. ליטוואַק, און אַנדערע האַלב־אינטעליגענטן פלעגן דעמאָלט, 1894־1896, לערנען מיטן עולם די טעאָרעטישע בראָשורן אין האַנטשריפט, איבער שכי־רות, אַרבעטס־טאָג א. ד. גל. פּאָליטישע אומשטענדן. די מאַסאָווע צוהערער פלעגן אויסטייטשן פרצעס מעשיות אויף זייער אייגענעם שטייגער. שטענדיק אָבער האָט פרצעס אַ מעשה אָדער אַ ליד געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג אויף דער דערוואַכונג פון דעם פּראָלעטאַרישן זעלבסטבאַוואוסטזיין ביי די יידישע אַרבעטנדיקע.״ (ז׳ 18).

7

די יידישע קריטיק האָט דערנאָך גוט תופס געווען אָט דעם באַזונדערן לערערישן שטריך אין פרצעס כאַראַקטער. אין פיל פאַרשיידענע אַרבעטן האָט זי באַטאָנט, וואָס פרץ איז געווען פאַר דער וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור און פאַר די וואַקסנדיקע יידישע שרייבער אָנהויב דעם הײנטיקן יאָרהונדערט.

בעל־מחשבות, וועלכער איז געקומען קיין וואַרשע אויז צו דער יידישער ליטעראַטור פון דער פרעמד, (נישט אומזיסט האָט ער זיך די ערשטע צייט אונטערגעשריבן „גר צדק״) און וועלכער האָט אָפּטמאָל, פון אויבן אַראָפּ, אַראָפּגעקוקט צו פרצן און צו דער יידישער שרייבער־משפחה, — בעל־מח־שבות אין זיין אַרטיקל, וואָס ער האָט געשריבן מאַי 1901 צו פרצעס יובל — 50־סטער געבוירנטאָג און 25 יאָר שאַפן (זינט פאַרעפנטלעכט אין „השחר״ זיין ערשט ליד אין העברייאיש), האָט, אָט־וואָס געזאָגט וועגן פרצן: „פרץ האָט אָנגעווענדט אַלע מי (באַמיאונגען) נישט צו בלייבן דער איינציקער, וואָס גייט צום פאָלק מיט זיין קונסט און (מיט) זיין בילדונג. פרץ האָט זיך פון שטענדיק אָן אַרומגערינגלט מיט יונגע און אַלטע טאַלאַנטן און האָט גע־ווירקט אויף זיי דורך זיין גייסט און דורך זיין אייגענער טעטיקייט, אַז זיי זאָלן שרייבן אין דער שפּראַך פון פאָלק. צו זיין „יידישער ביבליאָטעק״ האָט ער צוגעצויגן פּייאיקע מענטשן פון אַלערליי קלאַסן. יעדער פון זיינע פּייאיקע פריינט, וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס אויפן האַרצן אַ גוטן געדאַנק,

אַ געלערנט וואָרט, האָט צוליב פּרצן אָנגעהויבן שרייבן און לעזען דעם זשאַרגאָן." („געקליבענע שריפטן", ווילנע, 1910, ז' 77).

אין דעם אַרטיקל וועגן י. מ. וויסנבערג, פון וועלכן בעל מחשבות האָט באַזונדערס געהאַלטן און וועמען ער האָט פּאַראויסגעזאָגט אַ גאָר גרויסע צו־קונפט אין דער יידישער ליטעראַטור, שרייבט בעל־מחשבות צווישן אַנדערן: „י. ל. פּרץ האָט שוין נישט איין טאַלאַנט אַנטדעקט, ער האָט אים, וויסנבערגן, צום ערשטן מאָל געדרוקט אין זיין זשורנאַל „יידישע ביבליאָטעק", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין יאָר 1904." (דער אַרטיקל איז געשריבן אין יאָר 1909).

וועגן פּרצעס גרויסער השפעה אויף דער יידישער ליטעראַטור און אויף די יונגע יידישע שרייבער האָט זיך אָפּגעשטעלט ד"ר מ. פּינעס אין זיין גע־שיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער דערפירט ביז 1890 (הגם ער באַרירט אויך פיל מאָמענטן, וואָס געהערן צו די שפּעטערדיקע יאָרן). ד"ר מ. פּינעס שרייבט: „פּרצעס איינפלוס אויף דער יידישער ליטעראַטור איז נישט אָפּצומעסטן און איז, געוויסערמאַסן, פּרוכטבאַרער זאָגאַר ווי אַבראַמאָ־וויטשעס (מענדעלעס) ווירקונג. אַלע „יונגע" פון דער דאָזיקער ליטעראַ־טור זיינען דורכגעגאַנגען זיין שול — סיי די רעאַליסטן פון רוסלאַנד און אַמע־ריקע, סיי די „ראָמאַנטיקער", וואָס האָבן, פּאַרזעצנדיק פּרצעס שאַפונג, גע־שאַפן די גאַנצע חסידישע ליטעראַטור. פאַר פּרצן האָט די יידישע ליטע־ראַטור געהאַט איניקע שריפטשטעלער מיט טאַלאַנט, זאָגאַר געניאַלע; זי האָט זיך אָבער באַשעפטיקט נאָר מיט שילדערן אַרטיקע זיטן, די אייגנטימ־לעכע שטריכן פונעם יידישן לעבן. דאָס איז געווען דער אַרט שרייבן, וואָס האָט נאָך אַבראַמאָוויטשן, שוין אַן אויסגעשעפּטע און אַ פאַרמשפּטע, ווידער אָנגעהויבן אויפצולעבן... פּרצן געהערט דער פאַרדינסט, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז אַרויס פון דעם שמאָלן שטעגל, מיט וועלכן זי איז געגאַנגען, — ער האָט מיט זיין, אַביסל אומגלייכער, דאָך אמת־טאַלאַנטפולער שאַפונג געעפנט פאַר איר נייע הימלען, נייע קוועלן פון געדאַנק און באַגייסטערונג, דורך וועלכע זי איז פאַראייניקט געוואָרן מיט דער אַלגעמיינער שאַפונג פון די מאָדערנע ליטעראַטורן." (ב' 2, ז"ז 159־160).

פּרץ הירשביין, וואָס איז געווען און איז פאַרבליבן אַלע זיינע יאָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער און פאַרהערער פון י. ל. פּרץ, דערציילט מיט אַ באַזונדערער פאַרגאַפונג וועגן זיין ערשטער באַגעגניש מיט פּרצן: „... אַ שטילע גאַס. דער אַריינגאַנג פון הויז. הילצערנע טרעפּ האָבן געפירט צום צווייטן שטאָק, — י. ל. פּרצעס דירה. איידער איך האָב אָנגעקלונגען, האָב איך אַ וויil באַטראַכט דאָס אָפּגעשייערט מעשן בלעכל אויף דער טיר, מיט יידישע אותיות געווען אָנגעשריבן, אַז י. ל. פּרץ נעמט אויף פון דריי ביז פיר.

איך האָב אָנגעקלונגען אין טיר, און אַ שוויס האָט מיר אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן..." (פרץ הירשביין — „אין גאַנג פון לעבן", נ"י. 1948, ז' 29).

און אָט זיינען די ערשטע איינדרוקן פון פרצן אויף פרץ הירשביינען: „ער האָט זיך אַריינגעשניטן מיט זיינע אויגן אין מיר. איך האָב געשפּירט, ווי דאָס בלוט שפּאַרט מיר אין פּנים. איך האָב אָנגעגעבן אַ נאַרישן תירוץ, צוליב וואָס איך בין געקומען." און ווען י. ל. פרץ האָט געפרעגט ביי אים, צי ער איז אַ שרייבער און צי האָט ער עפּעס מיט זיך מיטגעבראַכט, האָט הירשביין געענטפערט: „איך האָב מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען!" און ווען פרץ דערוואוסט זיך, אַז דער געקומענער האָט שוין אפילו אָנגעשריבן דראַמעס אין העברייאיש, האָט ער אים באַפוילן: — „גייט, נעמט אָן „איזוואָזטשיק", פאָרט היין און צוריק, איך וועל באַצאָלן!" און הירשביין דערציילט: „איך האָב אים געפאָלגט, גאָרנישט מיט מיין אייגענעם אימפּעט בין איך אַוועק, און געקומען צוריק מיט מיינע צוויי דראַמעס „מרים" און „שובבים..." פרץ האָט אָנגעטאָן די פענסנע און גלייך צוגעטראָטן צום לעזן..."

„אַרום פיר און פופציק יאָר — שרייבט ווייטער פ. הירשביין — איז י. ל. פרץ דעמאָלט שוין אַלט געווען. מיט איבער דרייסיק יאָר עלטער פון מיר, און פונדעסטוועגן האָב איך געשפּירט גלייך ווי די עלטער איז געקומען צו דער יוגנט זיך אָנוואָרעמען". פ. הירשביין שילדערט אַזוי פרצן: „זיין קאָפּ רונד, שטאַרק, אַ ברונעט, אַביסל גרוילעך. די אויגן — טיף ברוינע, פולע, דורך די ברילן שלאָגט זייער ליכט. פון אונטער שווערע, טונקל־קאָפּער קאָלירטע וואָנצעס — שווערע ליפּן. די מאָרדע — קורץ און שטאַרק. דער גאַנצער געבוי — נישט הויך און שווערלעך. זיין קאַריערע ווי אַ יידישער שרייבער האָט ער שוין אַ סך מאָל „פאַרענדיקט", און ווידער פונדאָסניי אָנגעהויבן מיט נאָך מער פרישקייט... — — — פרץ האָט נישט געהאַלטן פון קיין פשרות. דעם יונגן טאַלאַנט האָט ער געוואָלט צו זיך דערהויבן... זיין וועלט איז מיר נאָך דעמאָלט געווען שטאַרק פרעמד. זיין ליטעראַרישע געשטאַלט — צעשפּליטערט און מיט אינערלעכן ליכט באַלויכטן, און איילט מיט גאַלאָפּ צו יעדער אידייע. ער איז פאַר מיר געווען אַ סוד..."

„די יידישע גאַס — זאָגט ווייטער הירשביין — האָט אים נישט געקענט. געוואוסט פון אים, אָבער נישט געקענט. אים האָט מען געפּרואווט אַ סך פאַרלייקענען, אָבער אין דעם פאַרלייקענען איז געווען דערקענונג..." „זיצנדיק לעבן אים — זאָגט הירשביין — האָב איך געשפּירט גרויסשטעטישקייט. ליטעראַרישע גרויסשטעטישקייט. אפילו אין זיין באַנעמונג, וואָס האָט מיך אַזוי טיף גערירט, האָב איך עס געשפּירט." (דאָרט ז' 33).

פרץ הירשביין ווידמעט אין זיין בוך אַ סך האַרציקע און אינטערעסאַנטע בלעטלעך וועגן דער פּאָטערלעכער באַציאונג און ליבשאַפט, וואָס פרץ האָט

אים אַרויסבאַוויזן. פּרץ האָט נאָכגעפאָלגט נאָך הירשביינען, געהאָפט פון אים פיל. אין אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן (פונעם 14־טן אויגוסט 1907) פון זאַקאָ־פּאַנע קיין וואַרשע שרייבט ער אים: „וואָס טוט הירשביין אין וואַרשע? וויל ער זיך עטאַבלירן?" אין אַ צווייטן בריוו שרייבט פּרץ צו דינעזאָנען: „הירש־ביין האָט מיר געשריבן אַ קאַרטע פון ווילנע, געענדיקט: „שפּעטער פון דאָרף מער". מער האָב איך פון אים קיין צייכן נישט ערהאַלטן. ער אָבער אינטערעסירט מיך מער פאַר אַלע יונגע. שרייב מיר מער פון אים, פון זיינע, פּלענער, פרעג אין מיין נאָמען, וועט ער פיליכט מער רעדן". (נ. מייזיל — בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ — נ"י 1944, ז"ז 253־255). ווען הירשביין לאָזט זיך, אין 1912, קיין אַמעריקע, בעט פּרץ ביי מ. ווינטשעווסקין „מאָ־ראַלישע הילף פאַר זיין יונגן קאָלעגע" (ז' 344).

אין 1904 איז פּרץ געקומען אויף אַ קורצן באַזוך קיין אָדעס, און אויפ־גענומען געוואָרן דורך די דאָרטיקע באַוואוסטע העברייאישע און יידישע שרייבער. דער באַזוך איז געגני באַשריבן געוואָרן דורך אייניקע. צווישן די פאַרשיידענע באַזוכער, וואָס זיינען געקומען צו פּרצן איז אויך געווען אַ יונ־גער יידישער אַרבעטער פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ נידעריקער, ברייטפּלייציקער, אַ טאָקער לויט זיין פאַך. ער איז געקומען צו פּרצן פון דער אַרבעט און פאַר־געלייענט פאַר פּרצן אַ מעשה מיט אַ לערניינגל אין אַ וואַרשטאַט, וואָס נאָך אַ לאַנגן זומער־טאָג־אַרבעט, פאַרגיט אים דער באַלעבאָס נאָך פאַרשיידענע אַרבעטן און גייט זיך אַוועק שפּאַצירן. דאָס לערניינגל איז טויט־מיד, ווערט ער אַנטשלאָפן און זעט אַ זיסן חלום... דעם באַלעבאָס האַרטע קלעפּ מיט אַ שטעקן טשוכען אים אויף פונעם האַרבן שלאָף און זיסן חלום...

אָט־די רירנדיקע געשיכטע איז פּרצן געפעלן געוואָרן, און ער האָט פּאַטערלעך געראָטן דעם יינגען אַרבעטער:

— איר זאָלט שטענדיק דערציילן דאָס, וואָס איר ווייסט און זאָלט שילדערן דאָס, וואָס אייך איז גוט באַקאַנט!

דערמוטיקט פון פּרצעס רייד, האָט ער פאַרגעזעצט צו שרייבן, זיך באַקאַנט דערנאָך מיט די אָדעסער שרייבער י. ח. ראַבניצקי און ח. נ. ביאַליק. און י. ח. ראַבניצקי האָט די מעשה מיטן לערניינגל, וואָס איז פּרצן געפעלן, אָפּגעשיקט צום פּעטערבורגער טאָגבלאַט „דער פריינד", וואו זי איז טאַקע געווען אָפּגעדרוקט. אַזוי איז אַריינגעטראָטן דער אָנפאַנגער יונה ראָזענפעלד אין דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס האָט מיר אַ יאָר פאַר זיין טויט יונה ראָזענפעלד אַליין דערציילט. (זע דעם אַרטיקל „יונה ראָזענפעלד" אין מיין בוך „פאָרגייער און מיטצייט־לער", נ"י, 1946, ז"ז 275־288).

וועגן י. מ. ווייסנבערגן קומען קיין וואַרשע און וועגן זיין באַזוך ביי

פרצן צו באַקומען ביי אים „סמיכה‟, — וועגן דעם דערציילט אונדז י. י. טרונק אין זיין פינפט בוך „פוילן‟ (ניו־יאָרק, 1949). „איטשע מאיר וויסנבערג — שרייבט י. י. טרונק — איז מיט זיין „שטעטל‟ געקומען קיין וואַרשע עס צו ווייזן פרצן. ווער עס האָט נאָר ערגעץ געהאַלטן אַ פעדער אין האַנט, צי אין וואַרשע צי אויף דער פּראָווינץ אין פוילן, האָט עס באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן אידעאַל צו קומען צו פרצן און פון אים צו הערן דאָס דעצידירנדיקע וואָרט. עס איז געווען דאָס גורל־וואָרט פאַר די אַלע, וואָס האָבן זיך געגרייט אַריינצוקומען אין דער אויפוואַכנדיקער יידישער ליטעראַטור. וויסנבערג איז פאַר פרצן געווען די געוואַלדיקסטע אַטראַקציע. אַט אויף דעם האָט מען געוואַרט! פרץ איז גראָד דאַן געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון ,וועג׳. אין זיין גרויסן בויערישן טעמפּעראַמענט האָט ער באַלד וויסנבערגן אויסגערופן ווי דאָס יום־טוב־דיקע געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור. ווי דעם עפּענער פון נייע פּערספּעקטיוון אין יידישן שאַפן. פרצעס באַגייסטערונג פאַר וויסנבערגן האָט אַלעמען אָנגעצונדן...‟ (ז׳ 40).

פרצעס אַ קאַזין, ד״ר אהרן פרץ, האָט דאָ נישט לאַנג דערציילט י. עגיטן („פאָלקס־שטימע‟, וואַרשע, פונעם 26־טן מאַי 1951) אַ טשיקאַווע זאַך וועגן פרץ־וויסנבערג: „זייענדיק אין וואַרשע ביי י. ל. פרצן, האָט אים י. ל. פרץ אַמאָל דערציילט, אַז י. מ. וויסנבערג האָט אויף אַ צייט לאַנג אויפגעהערט צו קומען צו אים און (צו) לייענען זיינע כתבים. נאָך אַ לענגערע צייט טרעפט י. ל. פרץ וויסנבערגן און ער פרעגט אים: „וואָס איז געשען, וויסנבערג, וואָס מען זעט זיך נישט?‟ ווי ס׳האָט זיך אַרויסבאַוויזן. האָט וויסנבערג, צוליב זיינע פערזענלעכע שווערע איבערלעבענישן געהאַט אויפגעהערט צו שרייבן. אָבער י. ל. פרץ האָט אויף אים געווירקט. ער האָט אים געהאָלפן זיך (צו) באַפרייען פון זיינע שווערע שטימונגען.‟ (ז׳ 6).

8

און אַזוי גייט עס כסדר. פאַר יעדן איינעם פון די יונגע, וואָס פאַרמעסטן זיך אויף נייע וועגן, איז פרץ דער, צו וועמען מען קומט אויסמעסטן און אויס־פּרובירן די אייגענע שאַפערישע כוחות. מען האָט מורא, מען שרעקט זיך, אָבער מען פילט, אַז מען מוז אַט־דעם פּראָוו מאַכן. דאָס איז אַן אָנגעצייכנטער וועג פאַר יעדן איינעם, וואָס מען קאָן און מען וויל אים נישט אויס־מיידן.

עס דערציילט מנחם באָריישאָ אין זיין אָפּהאַנדלונג, וואָס קומט ווי אַ סוף־וואָרט צום בוך „אַ דור‟ (ניו־יאָרק, 1947): „אין די ערשטע וואָכן פון 1906 איז איין מאָל אַ פּרייטיק אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון דער

וואַרשעווער צייטונג „דער וועג" דערשינען אַ ליד אין בלאַנקן פערז פון אַ נייעם מחבר: מנחם. די אָפּטיילונג איז רעדאַקטירט געווען פון י. ל. פּרץ, און נאָך איידער דאָס ליד איז געוואָרן אָפּגעדרוקט איז שוין דער מחבר דורך פּרצן אַריינגעפירט געוואָרן אין דער „ליטעראַטור" אויף אַן אינטימען אָוונט, וואו שלום אַש האָט פאַרגעלייענט זיינע אַ דראַמע. פאַר אַ בחור פון אַכצן איז עס געווען אַ „זיגרייכער" אַריינשפּאַן אין דער ליטעראַטור... — — — זיין (פּרצעס) אורטייל ביי דער (ערשטער — נ. מ.) באַגעגעניש אין דער רעדאַקציע איז געווען: דאָס ליד טויג נישט, אָבער איר טויגט..."

מנחם באָריישאַ שרייבט: „פּרץ האָט אין די אַכט יאָר פון מיין אַריינקומען צו אים אין הויז געהאַט פון מיר — דאַכט זיך — מער צער ווי נחת. ער איז געווען אַ געדולדיקער רבי און האָט פאַרמאָגט אַ שלל מיט ליבשאַפט. צייטנווייז איז עס דערגאַנגען ביז פאַרליבטקייט, נאָך וועלכער עס פלעגט אַלעמאָל קומען אַ רעאַקציע פון אָפּקערן זיך און איגנאָרירן, ווי ער זאָל וועלן אַ זיך אַ מיך פאַר עפּעס באַשטראָפן. אָבער דאָס האָט אים ווייט געטאָן און צו־לאַנג פלעגט ער נישט קאָנען אויסהאַלטן. איין מאָל נאָך אַ לענגערן ברוגז אַזאַ האָט ער מיך געכאַפּט אויף דער גאַס, אַוועקגעשלעפּט צו זיך אין אַ וואַלדגעגנט הינטער וואַרשע און אַריינגעפירט צום ווייב מיט די ווערטער: — אָט איז ער, איך האָב אים געבראַכט!..."

„נאָר אַריינקנעלן די תורה אין מיר — זאָגט באָריישאַ — איז אים אָנגעקומען שווער. פון אָנהויב פלעגט ער אַליין באַאַרבעטן מיינע לידער... דערנאָך האָט ער אויפגעהערט. איך האָב אַליין געדאַרפט מאַכן „בעסער". אָבער איך פלעג כסדר קומען אַלץ מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרדייען. איין מאָל איז עס געווען אַ לאַנגע, אין פּראָזע געשריבן, פּאָעמע, וועגן טויט, פול מיט אַבסטראַקציעס און פּאַטאָס. ער האָט מיך — ווי דער שטייגער — געדולדיק אויסגעהערט, צוגעפירט צו דער וואַנט, וואו ס'איז געהאַנגען אַ גרופּע לעוויטאַנס פּייזאַזשן, זיך אָפּגעשטעלט ביי איינעם מיט נאַקעטע ביימער, אַ קאַלטן סטאַוו און אַ פאַרקן אַרום אַ כאַטע און געזאָגט: — איר זעט, דאָ איז טויט און לעבן און אַלץ." (ז"ז 287־288).

און רעדנדיק וועגן דער צייט, ווען ער איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור און וועגן זיינע באַגעגענישן מיט פּרצן, זאָגט מנחם באָריישאַ: „אַנשטאָט אַריינגעבוירן צו ווערן אין אַ דור מיט אַ גאַנצער אמונה, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ דור אַ צעשטויסענעם. האָט דער דור זיך געפונען אין אַנדערע אמונות, געבאָרגטע און צונויפגעשטוקעוועטע, און די מיט דער פען אין האַנט האָבן זיך געראַטעוועט מיט דער קונסט. פּרץ אַליין איז דער בוילעטסטער מוסטער פון דעם מין ראַטעווען זיך: אין גרויסער בענקשאַפט נאָך אייגענער גאַנצער אמונה האָט ער געבויט קינסטלערישע געשטאַלטן פון גרויס־גלויביקע..."

און עס איז אינטערעסאַנט אַזאַ מין „פאַרקערטער" איינפלוס, וואָס מנחם באָריישאָ קאָנסטאַטירט אין זיך: „און וואָס מער איך האָב זיך איינגעהיימישט מיט פרצן, אַלץ פרייער האָב זיך דערפילט נישט צו פאָלגן. ווייל ס'איז מיר געווען שווער. עס איז געווען קעגן מיר." (ז' 290).

און מערקווירדיק דער פאַרגלייך, וואָס מ. באָריישאָ מאַכט, ווי בעל־מחשבות האָט זיך דעמאָלט באַצויגן צו אים, און ווי פרץ האָט אים אויפגענומען: „פאַר בעל־מחשבותן איז דער ענין געווען קלאָר: נישטאָ קיין טאַלאַנט. פאַר פרצן — נישט. ער (פרץ) האָט געוואוסט, אַז עפּעס איז דער מער מיט מיר און מיך געוואָלט היילן מיט וויסן און קונסט, די בעסטע צוויי רפואות, וואָס ער (פרץ) האָט פאַרמאָגט." (ז' 289).

און כמעט פון דער זעלבער צייט, פון 1906, האָבן מיר נאָך אַ גבית־עדות פון אַן אַנדערן שרייבער, וואָס זיין ערשטער באַריר מיט דער יידישער ליטעראַטור קומט פאַר דורך פרצן, ווען ער האָט דערנאָך, אַלע יאָרן, צו פאַרדאַנקען זיין גיין און קלעטערן אויף באַרג־אַרויפן, אויף שאַפערישע פאַרמעסטן. י. אַפּאַטאָשו דערציילט אין זיין אַרטיקל, געשריבן באַלד נאָך פרצעס טויט („ווי כ'האָב י. ל. פרצן געזען", ניו־יאָרק, פרץ־זאַמלבוך, נ"י 1915): „שבועות־צייט 1906 האָב איך צוגעשיקט פרצן אַ דערציילונג... איבער אַ וואָך האָב איך אָפּגעוואַרט דעם בריוו־טרעגער דריי מאָל אַ טאָג, זיך שוין באַלד מיאש געווען, און מיר האָט זיך גענומען אויסדאַכטן, אַז כ'האָב שלעכט אַדרעסירט דעם בריוו... — — — אין אַ וואָך אַרום האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו". עס קומט י. אַפּאַטאָשו קיין וואַרשע זיך פאַרצושטעלן פאַר פרצן: „אַרום פינף־זעקס האָב איך אָנגעקלונגען ביי פרצן. ער אַליין האָט מיר געעפנט. עטוואָס העכער ווי נידעריק, ברייט־ביינוק, אין אַ ראָק, מיט פאַרבויגענע מאַנזשעטן, דיקע, אַראָפּפאַלנדיקע וואָנסן, אַ קוטשמע האָר מיט אַ „טשוב" איבערן שטערן, אַ פּאָר קלוגע, שאַרפע אויגן, אַ ברייטן פאַסעק איבער אַ פּאָר זייער ברייטע הויזן, — האָט ער אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַן אַטאַמאַן פון קאָזאַקן."

— גוט, וואָס איר זייט געקומען! קומט אַריין! — האָט פרץ געזאָגט צו אים.

„ער האָט מיך אַריינגעפירט — דערציילט אַפּאַטאָשו — צו זיך אין קאַבינעט... ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ פאָטעל, און פון אַ גרויסער פאַרצעלייענע שיסל האָט ער מיט אַפּעטיט געגעסן שמאַנט מיט אוגערקעס. איך האָב פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט... נישט איינגעזעסן אויף דער שטול און געקוקט ווי פרץ עסט... — — — — "

ווען י. אַפּאַטאָשו האָט מיט ציטער געלייענט פאַר פרצן דאָס אָנגעשריבענע, האָט פרץ בעת מעשה געמאַכט באַמערקונגען. „אַז כ'בין שוין געשטאַנען אויף דער גאַס און אָפּגעאָטעמט, — שרייבט אַפּאַטאָשו — האָב איך זיך דערמאָנט זיינע לעצטע ווערטער: — אַז איר וועט אָנשרייבן עפּעס, ברענגט!" די זעלבע וואָך נאָך — דערציילט אַפּאַטאָשו — האָב איך פאַר־

לאָזט וואַרשע, באַלד נאָך דעם — רוסלאַנד, און עס איז מיר נישט באַשערט געווען פּרצן נאָך אַמאָל צו זען.״ (ז״ז 44־45).

אגב, אין אַ בריוו צו מיר האָט י. אַפּאַטאָשו מיר אַמאָל געשריבן, אַז „ער איז געווען אַנטוישט פון פּרצן, בעת זיין באַגעגעניש מיט אים, — פּרץ האָט צו אים גערעדט רוסיש.״

אָבער יענע מאָמענטאַלע „אַנטוישונג״ איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, און אַנשטאָט איר לעבט די אַלע יאָרן אין י. אַפּאַטאָשו אַ טיפע פאַרהערלעכונג פאַר פּרצן, צו וועמען ער קוקט אַרויף מיט גרויס באַגייסטערונג און טיפער פאַרגאַפונג. „פּרצן — האָט געשריבן אַפּאַטאָשו צו פּרצעס 30־סטן יאָרצייט, אין 1945 — לייענט מען נישט. פּרצן דאַרף מען אַליין איבערלעבן... — — — פּרץ איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער, ביי וועמען מען האָט געקאָנט עפּעס לערנען. מען לערנט נאָך ביי אים היינט און מען וועט לערנען... — — — מיר לעבן אין פּרצן, און ער — אין אונדז. דורך אונדז באַווייזט זיך פּרץ אין זיין אמתן ליכט, אין דעם ליכט פון יעדן דור באַזונדער.״ (י. אַפּאַטאָשו — „יידיש און יידישקייט״, טאָראָנטאָ, 1949, ז׳ 10, ז׳ 15).

און דאָס זעלבע, מיט די אייגענע און מיט אַנדערע ווערטער חזרט איבער י. אַפּאַטאָשו זיין פאַרערונג פאַר פּרצן און פאַר זיין דויערנדיקער השפּעה אויף דער יידישער ליטעראַטור אין זיין רעדע, געהאַלטן ביי דער פּראָקלאַמירונג פון דעם פּרץ־יאָר, צו פּרצעס 100־סטן געבוירנטאָג (זע „טאָג״, 2 יוני 1951).

אין זיין אָפּהאַנדלונג „מיינע באַגעגענישן מיט י. ל. פּרץ״ („איינִיקייט״, ניו־יאָרק 1945, אַפּריל) דערציילט דוד בערגעלסאָן, ווי ער איז אַמאָל געגאַנגען צו פּרצן, געשטאַנען ביי זיין טיר און דאָך נישט אַריין:

„אַסך פריער איידער איך האָב פּרצן געקענט פּערזענלעך, בין איך איין מאָל געשטאַנען אַ לענגערע ווילע לעבן דער טיר פון זיין וואוינונג אין וואַרשע אויף צעגליאַנע גאַס נומער איינס און האָב זיך נישט געכאַפּט אַנצוקלאַפּן אין איר, כ׳האָב דאָרט באַטראַכט דעם אויסגעקריצטן העברייאישן אויפשריפט אויפן מעשענעם בלעטל: י. ל. פּרץ נעמט אויף פון דער ביז דער שעה...״ (דאָס איז געווען אַנהויב 1909 — נ. מ.). „דער אויפשריפט איז פון זיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיינע אויגן אין עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צו טאָן מיט פּרצעס אַ וואָרעניש: „בעסער די גרעסטע יסורים איידער גאַרנישט, גאַרנישט איז שרעקלעך״ („ביים גוסס צו קאַפּנס״). און פון זיך זיינען אין „גאַרנישט״ פאַרוואַנדלט געוואָרן די העפטלעך, וואָס איך האָב ביי זיך אין טאַש צו פּרצן געטראָגן, ביי דער נאָענטער שיין פון זיין רייצפולער פיגור האָב איך אויפן מעשענעם בלעטל געלייענט וועגן מיינע פאַרשריבענע העפטלעך: — „קליינקעפּיק!״

„ביט איבערצייגנדיק", „ווייניק ממשותדיק"... דאָס זיינען געווען ענט־פּערס צו אויטאָרס אויף די לעצטע זייטן פון פאַרשיידענע צייטשריפטן, וואָס ער האָט רעדאַגירט... אין זיין טיר האָב איך נישט אָנגעקלאַפּט. אַראָפּגעלאָזט זיך פון די טרעפּ ביים אָוועקגיין פון איר, האָב איך זיך גע־פונען אין אַ צושטאַנד פון אַ מענטשן, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פונעם הימל צוריק אויף דער ערד..." (ז' 16).

און ווייטער, נאָך דעם ווי דוד בערגעלסאָן גיט איבער וואָס „פּרץ איז געווען פאַר אַסך פון זיינע לייענער צו דער צייט פון „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און „חסידיש", שרייבט ער, אַז „אַזאַ איז ער געווען אויך פאַר מיר — דעם דעמאָלסטיקן אָנפאַנגער. מיין טרוים צו קענען אים פּערזענלעך איז געווען פיל שטאַרקער פונעם טרוים צו באַקענען זיך מיט אַנדערע עלטערע שרייבער פון זיין דור. דער באַזונדערע יראת־הכבוד פאַרן נאָמען י. ל. פּרץ האָט מיר אָבער געשטערט נישט נאָר צו באַאומרואיקן אים מיט מיינע וויזיטן, נאָר אפילו צו ווענדן זיך צו אים שריפטלעך" (ז' 29).

9

אפרים קאַגאַנאָווסקי, אַליין אַ וואַרשעווער, וואָס איז דערנאָך עטלעכע יאָר געווען אַ שטענדיקער אַריינגייער און „האָדאָווניק" פון פּרצן, — גיט איבער אין זיין בוך „יידישע שרייבער אין דער היים" (לאָדזש, 1949), וועגן דעם, וואָס פּרץ האָט אַמאָל באַדייט פאַר דער יידישער וואַרשע און פאַר די יונגע לייט, וואָס האָבן זיך געצויגן צו פּרצן און צו זיין הויז. „איבער די וואַר־שעווער גאַסן איז אין יענע יונגע פריידיקע טעג אַרומגעגאַנגען דער מענטש מיט דער ברייטער פעלערינע, מיט צעפלאַשעטע, פּרצישע וואָנסן איבער פולן שטורעמדיקן מויל. מיט פייער האָט געשפּריצט פון זיינע אויגן, מיט פייער האָט געזעצט פון זיין וואָרט. ווי אַ כישוף־מאַכער האָט ער געוואָרפן ליכטיקע שטורקאַצן אין די טונקעלע הייזער פון די ענגע, אָרעמע יידישע וואַרשעווער גאַסן. דאָס איז געווען דער גרויסער אָנהויב פונעם יידישן וועלטלעכן לעבן. דער רענעסאַנס פון דער יידישע וועלטלעכער קולטור. דאָס איז געווען דער גרויסער שיין־גייסט י. ל. פּרץ. — — — פּרץ האָט גערופן, געוועקט, צוגע־זאָגט אַ ווירדיק יום־טובדיק, שאַפעריש לעבן. ער האָט גערופן צו ליכט און בילדונג. און ווער עס האָט נאָר דערפילט אין זיך אַ פונק גייסטיקייט, אַ טראָפּן בענקשאַפט, האָט זיך געלאָזן אויף זיין רוף." (ז' 33).

און ווי ביי אַלע אַנדערע שרייבער, האָט זיך אויך ביי א. קאַגאַנאָווסקי איינגעקריצט אין זכרון דער ערשטער באַזוך ביי פּרצן און דער איינדרוק, וואָס פּרצעס אויסזען, זיין הויז האָט אויף אים געמאַכט. „דעם רייך און דעם כישוף פון פּרצעס שטוב אין יענע יאָרן איז שווער איבערצוגעבן, נישט אָרומ־נעמענדיק אינגאַנצן דעם רענעסאַנס־פּעריאָד אין דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן דעם שימער פון יום־טוב, נישט אַרומ־נעמענדיק די פּילזייטיקע שטראַלנדיקייט פון דער פּרץ־געשטאַלט, נישט איבערגעבנדיק דעם געוואַלדיקן אויפשטייג פון האַפענונגען, וואָס פּרץ האָט באַטייט מיט זיין ריזלדיקן גייסט און וואולקאַנישן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אַן אויפהער געוועקט און גערופן צו דערהויבונג... אַ טרוימער, אַ קעמפער און אַ פירער, מיט אַ געוואַלדיקער פּייאיקייט צו וועקן ליבע און אַכטונג צו זיך, איז ער זעלטן געווען אַליין. זיין טיר האָט נישט גערוט, און אין קאַבינעט איז געוואויגן געוואָרן דער גורל פון די, וואָס האָבן באַדאַרפט געזאַלבט ווערן אַלס שרייבער. אין דער פּרצעס שטוב האָב איך אין אַ זומער־נאָכמיטאָג, אין דעם יאָר 1909, באַגעגנט די דעמאָלטדיקע ייִנגסטע פּלעיאַדע ייִדישע שרייבער.״ (ז׳ 34).

אין אַן אַנדער אָרט, אין זיינע „זכרונות וועגן י. ל. פּרץ״ („בייע פּרעסע״, פּאַריז, מאַי 1951) דערציילט א. קאַגאַנאָווסקי גענויער וועגן זיין ערשטן באַזוך ביי פּרצן: „אין אַ זומערדיקן טאָג בין איך אַרויס־גערופן געוואָרן צו י. ל. פּרץ, וואו איך האָב באַדאַרפט באַקומען אַן ענט־פער וועגן מיינע כמעט ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ הייסער. איך האָב מיר געקליבן מיט אומרואיקער פרייד, ווייל דאָס דעמאָלטיקע גיין צו פּרצן איז געווען ווי אַ באַשטימונג פון אַ גורל. דאָס שרייבערישע זיין אָדער — נישט זיין. אַלט געווען בין איך אומגעפער זיבעצן יאָר. אַלץ אַרום מיר האָט געשפּילט און צו־געזאָגט... אויף דער דעמאָלטיקער ייִדישער גאַס האָט געלויכטן עפּעס אַ דערהויבונג, אַ ליכטיקע האָפענונג פון אַ צערטלעכער ליבע צו ייִדיש, וואָס האָט געשטראַמט פון פּרצעס שטוב...״ און דאָ קומט אַ לענגערע רירנדיקע באַשרייבונג וועגן זיינע הויזן, וואָס זיינען אויף עטלעכע ערטער געווען צעריסן, און דעריבער האָט ער באַקומען ביים אָנפאַנגער יהושע פּערלע אַ פּעלערינע, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרשטעלן די צעריסענע הויזן... און „אַ באַגאַסענער מיט שוויס און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ״, האָט דער יונגער קאַגאַנאָווסקי „אַנגעקלונגען אין פּרצעס טיר.״

„געעפנט האָט פּרץ אַליין. ער איז געווען יום־טובדיק. זיינע וואָנסן זיינען געווען צעפּלאָשעט און זיין קרעפּטיק, אויסדרוקספולן מויל איז געווען פול מיט בליציקע ווערטער. ער האָט גערעדט קורץ, הויך און האַסטיק:

— קומט אַריין.

איך בין אַריבער די שוועל פונעם קאַבינעט און דערזען כמעט אַ פול צימער מיט מענטשן...

פּרץ האָט מיך אָנגעמאָלדן הויך פאַר אַלע:

— דאָס איז ער ... דער נייער... מיר האָבן שוין נאָך איינעם..."
זייער אינטערעסאַנטע רירנדיקע פּרטים גיט איבער אפרים קאַגאַנאָווסקי וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון פּרצן און י. מ. ווייסענבערג אין אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יוני־חודש 1951, אין פּאַריזער „נייער פּרעסע". מערווירדיק, ווי פּרץ האָט אויפגענומען דעם יונגן י. מ. ווייסענבערג, אים און זיין פרוי, און ווי ער האָט, גלייך תּופס געווען זיין אייגנאַרטיקייט און קרעפטיקייט!

עס זיינען אויך פון גרויס אינטערעס די שילדערונגען פון שלמה גילבערטס באַזוכן ביי פּרצן, וואָס אפרים קאַגאַנאָווסקי דערציילט אַזוי לעבעדיק און טרעפלעך אין זיין בוך „יידישע שרייבער אין דער היים" (לאָדזש, 1949, ז"ז 33־51).

עס איז דערביי אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אויף ווי־ווייט עס איז אַנדערש די אַטמאָספערע אַרום פּרצן, די שטימונג אין פּרצעס הויז, און דער געמיט־צושטאַנד פון פּרצן גופא איצט, אין 1909 אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי דוד פּינסקי און ב. גאָרין האָבן געזען און געמאָלט פּרצעס סביבה, זיין שטימונג מיט אַ 18 יאָר צוריק. דעמאָלט איז י. ל. פּרץ געווען איינער אַליין. ניט געהאַט אַרום זיך כמעט קיינעם נישט, זיך איינער אַליין געראַנגלט פאַר דעם יידישן וואָרט אין וואַרשע, — און איצט שוין נישט אין דור, נאָר שוין אַ צווייטער איז אויסגעוואַקסן פאַר פּרצעס אויגן, אַרום אים און מיט זיין הילף און ברכה. ווי אַנדערש איז געווען דער אַרום אין 1890, אין 1901 און ווי אַנדערש ווידער איז געווען די אַטמאָספער און די אַרומיקע שטימונג — אין 1909 און אין די שפּעטערדיקע עטלעכע יאָר!

דאָס זיינען אַלץ שטופן, עטאַפּן נישט נאָר אין פּרצעס אייגענעם לעבן און שאַפן, נאָר אויך וויכטיקע עטאַפּן און פעריאָדן אין דעם וואוקס און אין דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן שאַפן, פון דער יידישער קולטור בכלל!

און אַט אייניקע פּרטים וועגן דעם איינדרוק און איינפלוס, וואָס פּרץ האָט געמאַכט אויף יצחק קאַצענעלסאָן, דעם מאַרטירער און קדוש, וואָס איז מערדערלעך אומגעקומען, ער און זיין פאַמיליע דורך די דייטש־נאַצישע בעסטיעס. יצחק קאַצענעלסאָנס שוועסטער, צפּורה נאַכומאָוו אין איר בוך זכרונות וועגן דעם ברודער (זיין לעבן און שאַפן, בוענאָס־איירעס, 1948) גיט איבער וועגן י. קאַצענעלסאָנס באַזוכן ביי פּרצן, ווען ער פלעגט פון לאָדזש זיך אַריבערכאַפּן קיין וואַרשע. „... דעמאָלט פלעגט יצחק פאַרברענגען צווישן דער שרייבער־משפּחה, וועלכע האָט אין וואַרשע געהאַט איר הויפּט־צענטער. דאָס האַרץ פון ליטעראַרישן וואַרשע איז געווען דאָס הויז פון פּרצן. פּרץ האָט זייער ליב באַקומען אונדזער יצחקן פאַר

זיין טאַלאַנט, וועלכער האָט זיך געהאַט שוין אַרויסגעוויזן און נאָך מער — פאַר זיין שפּרודלדיקער פרייל־עכקייט, וויציקייט, פאַר זיין טאַנצן און זינגען. „יצחקל״, ווי פּרץ פלעגט אים מיט צערטלעכקייט רופן, איז דעמאָלט געווען אַ 19־20 יאָריקער שיין בחורל, מיטן אויסזען פון פּושקינען, וועלכן פּרץ האָט אַזוי פאַרערט... ביי פּרצן פלעגט מען אַלע נעכט פאַרוועו חצות און פאַרברענגען אומפאַרגעסלעכע, לויט יצחקס ווערטער, אינטערעסאַנטע אָוונטן. פון פּרצן טאַקע האָט יצחק איבערגענומען די מצווה פון שבת־אחים (פאַרברענגען ווי גוטע ברידער — נ. מ.)... תמיד ווען יצחק פלעגט דערציילן וועגן פּרצן, פלעגט ער דערמאָנען דעם שטאַרקסטן רושם פון זיין ערשטן יוגנטלעכן באַזוך, נאָך זיין אַנטלויפן פון לאָדזש פון זיכערן אַרעסט. אַ באַגייסטערטער פלעגט ער דערציילן פּרצעס צאַלרייכע וויצן, פלעגט זינגען און טאַנצן זיינע חסידישע האָפּקעס און פאָלקס־לידער... זיין, יצחקס, ערשטער באַזוך אין וואַרשע איז געווען פאַרבונדן מיטן שרעק פון טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן געהערט פון די אָפּטע אַרעסטן צווישן די שרייבער, ספּעציעל נאָך פּרצעס אַרעסט, וועלכער האָט זיך פאַרצויגן אויף עטלעכע חדשים...״ (ז׳ 107).

יצחק קאַצענעלסאָן האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן ביים לאָדזשער „הזמיר׳ אַ ליבהאָבער קרייז „דראַמאַטישע קונסט״, וועלכער האָט אויפגעפירט פּיעסעס פון שלום־עליכם, פּרץ, הירשביין און זיינע אייגענע דראַמעס און קאָמעדיעס...״ אויך פּרץ איז אַראָפּגעקומען עטלעכע מאָל צו דער אויפ־פירונג פון זיינע פּיעסעס: „דריי מתנות״ (?), „די גאָלדענע קייט״, „די שוועסטער״. פּרץ און יצחק פלעגן זיך דעמאָלט נישט שיידן, נישט ביי־טאָג, נישט ביינאַכט״ (דאָרטן ז׳ 138).

10

עס זיינען אינטערעסאַנט די זכרונות פון י. י. טרונק, ווי פּרץ האָט אים אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור און וועגן פּרצעס געמיט־צושטאַנד אין יענער צייט אַרום 1908־1909. י. י. טרונק איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער ביי פּרצן. ער דערציילט: „ס׳איז פאַרגאַנגען מער ווי אַ יאָר און איך האָב צו פּרצן געבראַכט מיינע ווערק. ער האָט זיי פאַרריכט, מיר געגעבן עצות און געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז איך אַנטוויקל מיך כסדר און עס וועט פון מיר עפּעס ווערן. איך בין געוואָרן פון די נאָענטסטע מענטשן אין זיין שטוב. ער פלעגט מיך רימען פאַר זיינע מקורבים. צו דרוקן אָבער מיינע זאַכן האָט ער זיך דערוויל אָפּגעהאַלטן. מיין דרך־ארץ פאַר פּרצן איז געווען גרויס, און איך בין נישט דרייסט געווען אים צו פרעגן, פאַרוואָס ער לאָזט מיך נישט אַרויס אויף דער ליכט. הגם איך בין

נאָך געווען יונג און אין מיר האָט געפלאַטערט און געציטערט דער באַגער צו ווערן אַ יידישער שרייבער — פונדעסטוועגן האָב איך געשוויגן און נישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט וועגן מיין אַנטוישונג. פּרץ האָט עס געמוזט באַמערקן. רימענדיק אַמאָל מיינס אַ נייע זאַך און דערלאַנגענדיק זי מיר צוריק, האָט ער זייער ערנסט צו מיר אויפגעהויבן זיינע ליכטיקע אויגן און געזאָגט:

— איילט זיך נישט, טרונק! איך האָף אויף אייך. איך דרוק זאַכן אַ סך שוואַכערע ווי אייערע... צו וואָס זאָלט איר פאַרעפנטלעכן זאַכן, מיט וועלכע איר וועט זיך שפּעטער שעמען? אַ גוטער שרייבער מוז האָבן אויסדויער און מוז קאָנען וואַרטן. סוף הכבוד לבוא (דער כבוד וועט ענד־לעך קומען — נ. מ.) — האָט ער צוגעגעבן..."

„איך האָב מיך פולשטענדיק באַרואיקט. מיט אַ ציטערדיק קול האָב איך געדאַנקט פּרצן פאַר זיין באַציאונג צו מיר. איך בין נאָך אים היינט דאַנקבאַר פאַר זיין טיפער און קלוגער עצה..." (י. י. טרונק, „פּוילן" בוך 5, ז' 95).

י. י. טרונק דערציילט, ווי פּרץ האָט דערנאָך געדרוקט זיין ערשטע זאַך און מיט וואָס פאַר אַ פאָטערלעכקייט און באַהאַרציקייט ער האָט זיך באַצויגן צו אים ווען ער האָט אים אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטע־ראַרישער וועלט. ווען אַ זאַך איז פּרצן געפעלן געוואָרן, האָט ער עס גע־לייענט פאַר אַנדערע און געריימט און באַרימט זיך מיט איר פאַר די שריי־בער־אַריינגייער אין זיין הויז... פּרץ איז אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען פאַרכאַפּט נישט נאָר פון זיינע אייגענע זאַכן, ער האָט זיך געפרייט און געווען גליקלעך צו קריגן עפּעס אַ ניי ליד, אַ נייע דערציילונג פון עמעצן אַנדערש, וועלכער איז אים גליידך געוואָרן נאָענט און אייגן און טייער...

מען האָט אָנהויב 1909 פאַרטראַכט ביי פּרצן אַרויסצוגעבן די „יידישע וואָכנשריפט", און י. י. טרונק דערציילט: „פּרץ האָט זיך צו אָט דער „וואָכנשריפט" געגרייט מיטן גאַנצן ברען פון זיין פּיאָנערישן טעמפּעראַ־מענט און זיינע האָפענונגען. צו יעדער טאָט פון דער יידישער ליטעראַטור האָט ער אַרויפגעקוקט ווי צו אַ גרויסן אַקט פון נייער יידישער קולטור־געשיכטע. אין די פאַר נומערן, וואָס זיינען דאַן דערשינען זיינען ווידער אַרויסגעבראַכט געוואָרן נייע טאַלאַנטן. און אַזוי ווי „אין דער יידישער ליטעראַטור איז דעמאָלט געגאַנגען דער רוף נאָך גרויסע אומפאַנגרייכע ווערק, נאָך דעם עפּישן ראָמאַן אויף יידיש אַנשטאָט דער בלויזער נאָווע־לע (נאָוועלע, לויטן באַגריף פון אייראָפּע, קלענערע דערציילונג — נ. מ.), איז געקומען דער פּראָיעקט אַנשטאָט דער דינער וואָכנשריפט צוטרעטן

אַרויסצוגעבן ליטעראַרישע זאַמלביכער. און אַזוי איז געקומען דער פּראָיעקט פון די זאַמלביכער „יידיש" (עס זיינען דערשינען צוויי בענד אין 1910, רעדאַגירט פון י. ל. פּרץ).

און עס קומען „נייע צייטן און נייע פויגל". י. י. טרונק מאָלט יענע צייט און גיט איבער וועגן די נייע טאַלאַנטן, וואָס טוליען זיך דאַן אַרום פּרצן. „... אין צייטן פון רענעסאַנס שפּאַרט פון אומעטום אַרויס די גייסטיקע מזל־ברכה. אין פּרצעס שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַוויזן נייע און יונגע טאַלאַנטן פון יידישע שריפטשטעלער" (ז' 103).

י. י. טרונק שרייבט: „איך געדענק, אַמאָל אין אַ נאָכמיטאָג — ס'זיינען געווען עטלעכע שרייבער ביי פּרצן. מען האָט אַריינגעגעבן טיי. צבי הירשקאַן (וועלכער איז געקומען צו פּרצן מיט אַן התפּעלותדיקן בריוו פון ווייטערן) האָט מיט גרויס זעלבסטזיכערקייט זיך פאַרנומען פּאַרצוליי־ענען זיין ראָמאַן („צוויי וועלטן"). ער האָט געלייענט מיט אַ טאָן גלייך ווי מיט דעם דאָזיקן ראָמאַן וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור און ער האָט אַהער געבראַכט צו פּרצן דאָס נייע אַמעריקע. (ז' 105). „ביי פּרצן אין שטוב — דערציילט י. י. טרונק — האָט זיך געקאָכט מיט די זאַמלביכער."

אַ גאַר באַזונדערן קאַפּיטל איז פּרצעס באַציאונג און ליבשאַפט צו א. וויי־טער, וועלכער האָט ממש פּרצן פאַרגעטערט. וועגן דעם דאַרף מען שרייבן באַזונדער און אויספירלעך. די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן פון פּרצן און א. ווייטער זיינען טיף־רירנד און אויסטערליש.

און אָט גיט איבער דער נסתר, ווי ער איז פון זיין בערדיטשעוו אָדער זשיטאָמיר געקומען צו פּרצן קיין וואַרשע. ער שרייבט אין זיינע זכרונות: „פּרץ האָט גערעדט און איך האָב געהערט: („יידישע קולטור", יולי 1951, ז"ז 30־32): „די געוואַלדיקע פאַרערונג, דער יראת־הכבוד, וואָס איך האָב געהאַט פאַר פּרצן, האָט מיך געבראַכט אין 1910 קיין וואַרשע, אויף צעגליאַנע נומער 1. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך געקוקט אויפן מעסע־נעם שילדל מיטן העברייאישן אויפשריפט: „י. ל. פּרץ מקבל משעה... עד... אחה"צ." ס'האָט מיך פיל געקאָסט, איידער איך האָב זיך באַשלאָסן קומען אַהער, און דאָ, שטייענדיק פאַר דער טיר, האָב איך נאָך געהאַט דעם לעצטן ישוב: אָנקלינגען צי ניט. ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען כ'האָב זיך געזאָגט: צוריק... עפּעס האָט דאָך גובר געווען מיין פּחד און שע־מעוודיקייט און כ'האָב אָנגעקלונגען... און מאָלט אייך אויס מיין איבער־ראַשונג, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַ־וויזן... ער, פּרץ אַליין..." און דער נסתר מאָלט ווייטער, ווי אַ דער־שראָקענער, איז אים שווער געווען אַרויסצוברענגען זיין נאָמען: „כ'האָב

שטיל אַ שטאַמל געטאָן... דאָך האָט ער איינגעהערט און מיר גענומען העלפן אויסטאָן די פּאַלטאָ, און אַליין אויפגעהאַנגען און מיך אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט.״ דער נסתר דערציילט, ווי ער איז אַלץ געווען דער־שראָקן, איבערראַשט... ״פּרץ האָט דאָס דערפילט, און כדי מיך צו שטאַרקן און אויפמונטערן, איז ער צו מיר צוגעגאַנגען, מיר אַרויפגעלייגט אַ טרייסטנדיקע האַנט אויפן אַקסל און מיך אַ פרעג געטאָן:

— וויפל זייט איר אַלט?

כ׳האָב געזאָגט.

— לאָמיר זיך בייטן, — האָט ער פאַרגעלייגט...״

און דער נסתר דערציילט ווייטער, ווי ״דעמאָלט איז פּרץ אַריבער צו ריידן מער קאָנקרעט. ער האָט מיך גענומען מוסרן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינער מיינער אַ יוגנטלעכער געדרוקטער זאַך, וואָס אַלס טעמע האָט מיר געדינט דאָס געבורט פון קריסטוס. (געמיינט ״מרים — אַ פּירוש אויפן מאָטיוו ״מאַליטוואָ דעווי״, — אין ביכל ״געדאַנקען און מאָטיוון״, ווילנע 1907 — נ. מ.). ער האָט צוערשט מיך אָפּגעמאָסטן פאַרחידושט: ווי קום איך גאָר אַריינצוקוקן אין אַ ווינקל, וואָס לויט מיין דערציאונג האָט דאָס מיר באַדאַרפט זיין אַזוי פרעמד... דערנאָך, כדי מיך איבערצייגן אין מיין גרייז און מיך פאַרהיטן פון ראָמאַנטישן פאַרערן דאָס, וואָס לויט מיין יוגנטלעכער אומדערפאַרנקייט קאָן זיך מיר דאַכטן צו זען אין דעם אַ אי־דעאַל, — האָט ער גענומען ריידן וועגן דער קלאַסיק פון דער ביבל, וועגן אירע עפּישע פאָרמען, און להיפוך צו איר — וועגן דעקאַדענס און צעיווי־רענער מאַראַליטעט פון דער עוואַנגעליע.״ נסתר גיט איבער, אַז פּרץ ״האָט זיך צעהיצט, צעפלאַמט, גערעדט מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן, אַפאָריסטיש.״

״פאַר מיין אַוועקגיין — דערציילט נסתר — האָט זיך פּרץ דערמאָנט אין זיין בריוו, וואָס ער האָט מיר געשריבן, זיך אָפּזאָגנדיק צו דרוקן די זאַך, וואָס איך האָב אים געשיקט פאַר זיין וואָכנבלאַט, וואָס איז דעמאָלט דער־שינען (געמיינט ״יידישע וואָכנשריפט״, דערשינען יאַנואַר־פעברואַר 1909 — נ. מ.). און פּרץ האָט אים געזאָגט: ״... בריוו שרייב איך זעלטן, כ׳האָב געמאַכט פאַר אייך אַן אויסנאַם. אויב איר ווילט, נעמט זיך אי־בער...״

״כ׳בין אַרויס — פאַרענדיקט נסתר זיין קאַפּיטל זכרונות — פון מיין ערשטן באַזוך ביי אים, ווי מיט אַן ערשטן דערפאַלג אין ליבע, ווען דו קריגסט די זיכערקייט, אַז דיין באַגער געפינט מיטגעפיל און איז פון צווייטן צד אין אַ געוויסער מאָס באַוויליקט... מיינע וועקסלען זיינען מיר נישט אַרויס־געגעבן געוואָרן, נאָר ס׳האָט מיר גענוגט אַליין דאָס, וואָס כ׳האָב געהאַט

מוט צו אים אָנקלינגען, אַריין, הערן וואָס געהערט, אַז איך זאָל זיך שוין פאַררעכענען פאַר אַ שטיקל ליטעראַרישן בן־בית און זיך אַליין געבן קרעדיט.״

מערקווירדיק: אין דער זעלבער צייט, אָנהויב 1909, האָב איך אויך געהאַט געשיקט צו פּרצן אַן אַרטיקל מיט טענות און פאַרוואורפן צו דער יידישער ליטעראַטור, פאַר דעם טרוקענעם נאַטוראַליזם, פאַר דער פאָטאָגראַפישקייט פון די סקיצן. האָב איך באַקומען פון פּרצן אַ געדיכט־אָנגעפּיקעוועט קאַרטל, אַ תשובה, וואו ער האָט זיך ברייט אויסגעטעהנט מיט מיר, געגעבן מיר געררעכט און פאַרגעלייגט אַנדערש אויפצובויען דעם אַרטיקל. האָב איך, ווי נסתר, לאַנגע יאָרן אַרומגעטראָגן דעם בריוו ווי אַ רעליקוויע, און בעת די איבערוואַנדערונגען איז עס פאַרלוירן געגאַנגען. און ווען מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער זיינען מיר (בערגעלסאָן און איך) צוגעקומען צו פּרצן אין קיעוו, בעת זיין עפּנטלעכן אַרויסטריט (דער באַזוך און די באַגעגעניש מיט פּרצן אין קיעוו האָב איך איבערגעגעבן אין מיין בוך „י. ל. פּרץ״, ניו־יאָרק, 1945, ז״ז 222־227) און זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט, האָב איך שעמעוודיק פּרצן דערמאָנט דעם בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון אים. פּרץ האָט שאַרף אַ זאָג געטאָן: „אויב איך האָב אייך געשריבן אַ בריוו, ווייזט אויס, אַז איך האָב אין אייער אַרטיקל עפּעס געפונען, אַנדערש וואָלט איך נישט געשריבן קיין תשובה״. מיט אָט דעם פּרץ־ענטפער האָב איך זיך שטאַרק איבערגענומען און מיט שטאָלץ עס איבערדערציילט פריינט און חברים, — אַ קלייניקייט, הערן אַזאַ וואָרט פון פּרצן.

איך וויל נאָר צוגעבן צו דוד בערגעלסאָנס פריער־געבראַכטער שילדערונג וועגן זיין צוקומען צו פּרצעס טיר, אויף צעגלּיאַנע 1, און אַוועקגיין צוריק. די מעשה איז געווען מיט אונדז אָנהויב 1909, אין וואַרשע וואו מיר האָבן זיך דאָן ביידע געפונען אין פאַרבינדונג מיט איבערגעבן צום דרוק דוד בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל״ (וועגן דעם האָב איך דערציילט אין מיין אַרטיקל וועגן דוד בערגעלסאָן — „פאַרגייער און מיטצייטלער״, ניו־יאָרק, 1946, ז״ז 331־333). מיר זיינען טאַקע ביידע געשטאַנען ביי דער טיר און נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אַ צי טאָן דאָס גלעקל... עס איז זיכער אַ „חטאת נעורים״, אָבער די פאַרערונג פאַר פּרצן איז געווען געוואַלדיק גרויס, און ס׳האָט געפעלט דער מוט און אפשר אויך דער גלויבן אין זיך אָנצוקלינגען און זיך טרעפן מיט אים אַזוי פּשוט.

לעאָ פינקלשטיין אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אומגעקומענעם יהושע פּערלע („זאַמלביכער״, נ״י, 1948) דערציילט, אַז „ער (יהושע פּערלע) לעבט קינסטלעריש אויף (אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „היינטערגאַסן״) די גילדענע פּרץ־תקופה מיט איר באַזונדערן יידיש־וואַרשע־

ווער אַראָמאַט. ס׳איז די צייט פון יידיש־וועלטלעכן קולטור־רענעסאַנס; אַלץ רייסט זיך צום לעבן. אַ ראַשער איבערגאַנג פון גרויען הינטער־געסל צום זאַקסישן גאָרטן, וואו י. ל. פּרץ, אַן איינגעהילטער אין אַ ברייטער פּעלערינע, פלעגט שפּאַצירן איבער דעם „ליטעראַרישער אַלייע". הונדערטער דורכגייער ציען דעם הוט פאַר דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן מאַן..."

און ווייטער: „אַט שטייט פּרץ אויף דער עסטאַדרע אין דער פילהאַרמאָניע פאַר אַ טויזנט קעפּיקן עולם, וועלכער נעמט אויף יעדעס וואָרט פּרצעס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. „פּרץ האָט געזאָגט", „פּרץ האַלט", „פּרץ מיינט", — דאָס זיינען כישוף־ווערטער, וואָס ברענגען אַריין העלע יום־טובדיקייט אין דער טריבער שטוב פון יידישן אַרבעטער און פאָלקסמענטש. אויך דער יונגער פּערלע געפינט זיך צווישן דעם עולם באַגייסטערטע פּרץ־פאַרערער." (ז׳ 377).

און אָט האָבן מיר אַ גרוס פון אַ באַזוך פון אַ יונגן יידישן שרייבער ביי פּרצן אין זיין נייער דירה, אויף יעראָזאָלימסקע, וואו פּרץ האָט געלעבט נישט לאַנג און וואו ער איז פּריצייטיק און אומגעריכט געשטאָרבן. ב. עפּלבוים דערציילט אין זיין אַרטיקל „אונדזער פאַרגייער" („יידישע קולטור", 1945, אַפּריל): „בלויז איין מאָל בין איך געווען ביי אים אין הויז אויף יעראָזאָלימסקע. דער גוטער, ליבער דינעזאָן האָט מיך אַהין געבראַכט. און דאָס הויז איז מיר דעמאָלט פאָרגעקומען זייער פּריציש. און שרעק האָט געקלאַפּערט מיין האַרץ: איך — אַ דין, גרין ווערבעצווייגל און ער — אַ שטאַרקער דעמב! אָבער ס׳האָט פון אים געליכטיקט, געשמייכלט און די שוואַרץ־געשליפענע אויגן זיינען געווען פול מיט גוטסקייט. און פון דער שוואַרצקייט פון די אויגן האָבן געפינקלט באַהאַלטענע רויטע פונקען."

און ב. עפּעלבוים מאָלט אַזאַ מין סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען אין הויז. זיי האָבן דאָרט „געטראָפן אַ יידישן דיכטער. און פּרץ — נאָכדעם ווי ער האָט אָוועקגעשטעלט אומעטיקע אויגן אויפן אָוונטיקן פענצטער, האָט צו יענעם געזאָגט: — לייענט! און יענער האָט געלייענט אַ לאַנג ליד, אַ יידיש ליד, אַ פּראָווינציעל ליד. און פּרץ האָט געהערט, האָט פון צייט צו צייט אַריינגעשטעלט אַ האַרב וואָרט, אַ קריטיש וואָרט. אַזוי לאַנג — ביז דעם דיכטער האָט זיך דאָס קול גענומען ברעכן און די אויגן זיינען אים אָנגעלאָפן מיט טרערן..." „דער דיכטער האָט פאַרמאַכט דאָס ביכל און איז אַרויס אין אַנדערן צימער. פּרץ האָט אָפּגעזיפצט: האָט מסתם נישט אויף צו לעבן! און ער הייסט דינעזאָנען אים געבן עטלעכע רובל. — וויפל? — פרעגט דינעזאָן — גיב אים פופצן

רובל! — הייסט פּרץ. און דינעזאָן בעט זיך: צען וועט זיין גענוג! און פּרץ באַפוילט: — ניין, פופצן!

און שפּעטער אויפן טראַמוויי האָט דער אַלטער דינעזאָן זיך גע־קלאָגט:

אַזוי איז ער... און ער אַליין האָט נישט... ס׳העלפן נישט קיין רייד. ער הייסט געבן, גיב איך...״

מיר האָבן מיט די אַלע געבראַכטע זכרונות פון די עלטערע און יינגערע שרייבער וועגן זייערע באַזוכן און באַגעגענישן מיט פּרצן אין די פאַרשיידענע צייטן און וועגן דעם איינפלוס, וואָס פּרץ האָט אויף זיי געמאַכט, זיכער נישט אויסגעשעפּט אַלץ. מען קאָן נאָך און נאָך אויפזאַמלען זכרונות, וואָס באַווייזן ווי גרויס עס איז געווען פּרצעס השפּעה אויף די שרייבער פון זיין דור. אָבער פון דעם געבראַכטן ווערט קלאָר, וואָס פּרץ האָט באַטייט פאַר דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

עס איז זיכער, אַז נאָך און נאָך פיל יידישע שרייבער, בעלעטריסטן און עסייאיסטן, זיינען טיף באַווירקט געוואָרן פון פּרצן און האָבן געקאָנט זאָגן וועגן פּרצן דאָס, וואָס מאַקסים גאָרקי (1868־1936) האָט אַמאָל גע־זאָגט וועגן וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, (1853־1921), דעם באַוואוסטן רוסישן שרייבער. דערמאָנענדיק די ראָלע, וואָס קאָראָלענקאָ האָט געשפּילט אין זיין לעבן, האָט גאָרקי אין יאָר 1925 געשריבן צו דער אַלמנה פונעם שריי־בער: „ער איז דאָך פאַר מיר געווען און פאַרבליבן דער סאַמע־פאַרענדיק־טער מענטש פון די הונדערטער, וואָס איך האָב באַגעגנט, און ער איז פאַר מיר די אידעאַלע געשטאַלט פון אַ רוסישן שרייבער... ס׳טוט מיר באַנג, וואָס איך האָב זיך ווייניק געטראָפן מיט אים, ווייניקער ווי איך האָב געקאָנט. ס׳איז געווען ביי מיר צו אים אַ געפיל פון געוואַלדיקן צוטרוי. איך בין געווען באַפריינדט מיט פיל שרייבער, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט אַרויסגערופן ביי מיר אַזאַ אַכטונגס־געפיל, ווי וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָ־וויטש, פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים. ער איז געווען מיין לערער נישט לאַנג, אָבער ער איז עס **געווען**, און דאָס איז מיין שטאָלץ ביז היינט צו טאָג.״

דורות יידישע שרייבער קאָנען דאָס נעמלעכע זאָגן וועגן פּרצן, וועלכער איז געווען פאַר זיי דער לערער, דער וועגווייזער.

פּאָרוואורפן און טענות צו י. ל. פּרץ

1

ווי עס טרעפט אַלעמאָל מיט קינסטלער־„נאָוואַטאָרס", מיט קינס־טלער, וואָס גייען נישט אויפן אויסגעטראָטענעם וועג, נאָר קלעטערן אויף זייטיקע סטעזשקעס און שלאָגן זיך אַדורך אינעם ווילדוואַלד אויף אַן אייגענעם וועג, — האָט אויך י. ל. פּרץ, וואָס האָט פונעם אָנהויב אָן געהאַט זיין אייגענעם דרך אין שאַפן, באַגעגנט פיל קעגנער און וואָרענער, נישט־פאַרשטייער און אָפּלאַכער. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך די שאַרפע קעג־נערשאַפט און ביטול בנוגע צו פּרצן און זיינע ווערק, וואָס מיר טרעפן אַלע יאָרן, זינט זיין אַריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור: עס איז נישט גרינג געווען צו באַגרייפן און צו פאַרדייען די נייע פאָרמען, די נייע געדאַנקען, וואָס פּרץ האָט געוומען אַריינברענגען אין דער יידישער לי־טעראַטור. האָט דאָך פּרץ גופא אין זיין בריוו צו שלום־עליכם, מיט וועלכן ער האָט געשיקט זיין „מאָניש", געוואָרנט, אַז „דער צוועק פון דעם שיר איז נישט אויסצודריקן דורך מליצות דאָס באַקאַנטע, נאָר אויפצודעקן נייע הימלען, צו שאַפן פאַרן פאָלק נייע באַגריפן, אַריינצודרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען, און נישט איבערדערציילן דאָס אַלטע און פאַרעל־טערטע". („בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ", ז' 153).

פּרץ, וועלכער האָט דאָן, ווי מיר ווייסן, געלעבט אַן דער זייט פון דעם יידיש־העברייאישן ליטעראַרישן יאַריד, האָט באַגריפן, אַז מען וועט אים גלייך נישט פאַרשטיין, נישט תופס זיין.

איז טאַקע גלייך נאָך דעם דערשיינען פון שלום־עליכמס „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", וואו עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פּרצעס „מאָ־ניש" (דאָרטן איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן דוד פרישמאַנס פּאָעמע „או־פיר"), באַוויזן געוואָרן אַן אַרטיקל פון דעם דעמאָלסדיקן אָנגעזעענעם רוסיש־יידישן קריטיקער, וועלכער האָט זיך געחתמעט קריטיקוס (דאָס איז געווען שמעון דובנאָוו) אינעם פאַרדינסטפולן רוסיש־יידישן זשור־נאַל „וואָסכאָד" (נ' 6, 1889), אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „פיל נידע־ריקער פון אָט־דער פּאָעמע (ד. פרישמאַנס „אופיר") איז די ,באַלאַדע' פון

ה׳ פּרץ, וואו עס ווערט באַזונגען אַ יונגער און שיינער עילוי, וואָס פאַר־ליבט זיך אין אַ שיין קריסטלעך מיידל און וואָס ווייזט אויס (ווייל קלאָר צו פאַרשטיין איז אוממעגלעך!) באַשליסט צו שמדן זיך. דער פּרעטענצי־עזער פאַנטאַסטישער אַרום, אין וועלכן עס איז אַריינגעשלעפּט נחס תיבה, אי דער באַרג אררט, אי דער שדים־קעניג, אי געדאַנקען וועגן זשאַרגאָן און נאָך אַנדערע טונקעלע רמזים אויף אַזוינס, וואָס קיינער ווייסט נישט, — דאָס אַלץ באַשווערט שטאַרק דעם געוויינלעכן לעזער צו לייענען די ,באַלאַדע׳ פון ה׳ פּרץ און צו פאַרשטיין איר אינהאַלט.״

דער זעלבער קריטיקוס (ש. דובנאָוו) האָט נאָך מיט אַ צוויי יאָר פריער אינעם זעלביקן „וואָסכאָד״ רעצענזירט דעם העברייאישן זאַמל־בוך „האסיף״ (אַרויסגעגעבן פון נחום סאָקאָלאָוו) און רעדנדיק וועגן פּרצעס אַ ליד, וואָס איז דאָרטן געדרוקט געווען, האָט ער געשריבן: „ווייזט אויס, אַז עס איז שוין אַזוי באַשערט ה׳ פּרצן צו שרייבן אַזוי, אַז קיינער זאָל אים נישט פאַרשטיין.״ (נ׳ 1, 1887).

וועגן דעם, אַז מען קאָן פּרצן נישט פאַרשטיין איז שוין, ווייזט אויס, געווען אַ געצוג־אָנגענומענע זאַך, און יעדער איינער חזרט עס איבער אויף פאַרשיידענע אופנים. דער באַוואוסטער אין יענער צייט יידיש־העברייאישער קריטיקער י. ח. ראַבניצקי האָט אין „המליץ״ (1889, נ׳ 97), אָפּגעענטפערט איינעם, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף שלום־עליכמען, און דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז „מען האָט רעכט אָנצואווייזן, אַז די לידער ,אופיר׳ (פון דוד פרישמאַן) און ,מאַניש׳ פון פּרצן, וואָס פאַר זיך זיינען זיי גוט און שיין, אָבער זיי זיינען העכער פאַרן פאַרשטאַנד פונעם פאָלק, וואָס פאַר אים איז דאָס בוך (די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״) געשאַפן.״

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז פּרץ גופא אין איינעם אַ בריוו צו שלום־עליכמען דערציילט, אַז „דער בעל „הצפירה״ (דאָן ח. ז. סלאָנימסקי אַליין), וואָס איז אין כעס געווען אויף מיר פאַר דעם קליינעם ליד ,הכלב והירח׳, האָט געענטפערט אַן אויסגעטראַכטן אָנפרעגער: „מיר וועלן נישט רע־צענזירן דעם ספר ,שירים שונים׳ ווייל עס איז אונטער יעדער קריטיק.״ (זע מיין בוך „פּרץ״, ניו־יאָרק 1945, ז״ז 52־53).

און אָט נאָך אַ נאָטיץ, וואָס ווייזט ווי מען האָט אין יענער צייט אויפ־געגומען פּרצן און זיין שרייבן: פון איין זייט איז מען געווען פאַרגאַפט און פון דער צווייטער זייט — זיך געקנייטשט דעם שטערן, נית פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

אינעם העברייאישן „המגיד לישראל״ (יאָרגאַנג 8, נ׳ 5, 1888) שרייבט איינער, וואָס חתמעט זיך, „אחד הקוראים״, אין אַ רעצענזיע וועגן פּרצעס „גם זה חלום״: „דאָס האָט געשריבן דער ליטעראַרישער ריז, דער יחיד במינו

י. ל. פרץ פון וואַרשע. עס איז מיר אוממעגלעך איבערצוגעבן דעם אינ־האַלט פון דעם דאָזיקן בילד צוליב אַ פשוטן טעם, ווייל איך קאָן נישט איבער־געבן דאָ זיינע אַלע רייד פון אָנהויב ביזן סוף. אָבער דאָס קאָן איך יאָ זאָגן, אַז איך האָב דעם ,גם זה חלום׳ געלייענט איין מאָל און עס נישט פאַרשטאַנען. אַ צווייט מאָל — און נישט געוואוסט וואָס דער שרייבער וויל. האָב איך אָבער געלייענט אַ דריטן מאָל און באַגריפן, — איך האָב באַגריפן, אַז עס איז העכער פון יעדן לויב; איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין אונדזער גאַנצער ליטעראַטור זיינען נישטאָ קיין צען בילדער ווי דאָס „גם זה חלום". איך האָב באַגריפן... אָבער צו וואָס פיל רעדן? איך וויל האָפן, אַז נאָך דעם ווי מען וועט די סקי־צע לייענען פאַמעלעך, וועט זי מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף יעדן פאַר־שטענדיקטן לייענער, פונקט ווי זי האָט געמאַכט אויף מיר. איך וויל האָפן, אַז אויב די ביכלעך (,ספורי שעשועים׳) וועלן זיך ווי געהעריק פאַרשפרייטן, וועט דאָס בילד מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אין אונדזער גאַנצער ליטעראַ־טור. (זע א. ר. מלאכי — „פרץ אין העברייאיש", „ייווא־בלעטער", נ"י 1950, ז׳ 221).

אַ זייער שאַרפע און בייסנדיקע רעצענזיע האָט פאַרעפנטלעכט שלום־עליכם אין דער זאַמלונג „קול מבשר צו דער 3טער יידישער פאָלקס־ביבלי־אָטעק", וואָס ש"ע האָט אַרויסגעגעבן אין אָדעס אין 1892. געחתמעט „קרי־טיקוס דער צווייטער" (אַ מין המשך פון קריטיקוס — ש. דובנאָוו). דאָס איז געווען אַן אָנפאַל, כמו אַ קריטיק אויף פרצעס קליין ביכל „פּאָעזיע", (וואַרשע 1892), וואו עס זיינען אַריין: „כסא שלמה", „דעם לייבס לוויה", „קליינע גע־דיכטן", „אַן איבערקערעניש" און לידער „פריי אויס נאַדסאָן". ש"ע האָט דאַן געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף פרצן, איז ער אין דער בייסיקער רעצענזיע שטאַרק באַפאַלן פרצן. די הויפּט־טענה קעגן פרצן איז ווידעראַמאָל: עס איז סתרי־תורה, רמזים, פאַרטונקלקייט. שלום־עליכם כאַפּט אַרויס ציטאַטן פון פרצעס פּאָעמע „כסא שלמה" און לאַכט פון זיי אָפּ. ש"ע שרייבט: „פון אויבן־אויף קומט דאָס אויס אפילו אַביסעלע טונקל, ווייטלעך פון פאַרשטאַנד, עפּעס ווי אַ מין שפּרוך פון אַ מכשף, אָדער אַ סגולה צו צאָן־ווייטיק, רחמנא ליצלן... זאָגט בנאמנות — שרייבט ווייטער ש"ע אין זיין בייסנדיקן אַר־טיקל קעגן פרצן — אויב דער פשוטער לעזער, פאַר וועלכן דאָס ביכעלע איז געמאַכט, וועט פאַרשטיין". און שלום־עליכם, — מעשה־לערער, — ווייזט אָן פרצן ווי מען דאַרף שרייבן: „פּאָעזיע באַדאַרף האָבן קודם אַ געדאַנק, און דער געדאַנק באַדאַרף זיין אַרויסגערעדט אַזוי, אַז מען זאָל פאַרשטיין, עס זאָל זיין ביי וואָס אָנצונעמען, ובפרט, אַז מען שרייבט פאַרן פאָלק אין זשאַרגאָן, באַדאַרף מען ערשט זען, עס זאָל זיין עפּעס געזאָגט, נישט גלאַט אַ מישמאַש פון משונה־ווילדע הויכע ווערטער, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, קנאָבל, קובעבע מיט לאַקריץ,

ווי, למשל, דאָס צווייטע ליד, „דעם לייבס לוויה״, וואָס איז אויך פאַרשטעלט פול סודות״. (מערער וועגן שלום־עליכמס פאַרוואורפן און טענות צו פּרצן — אין דעם אַרטיקל „פּרץ און שלום־עליכם״).

איידער מיר גייען ווייטער, לאָמיר דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל, וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין „הצפירה״ (נ׳ 38, 1888), וואו ער פאַרטיידיקט פּרצן קעגן דעם שאַרפן אַנגריף פון קריטיקוס אין „וואָס־כאַד״. נחום סאָקאָלאָוו שרייבט: „אין איין זאַך האָט דער ה׳ קריטיקוס אונדז געמאַכט צום לאַכן. מיטן הויך פון זיין מויל איז ער מבטל דעם ווערט פון פּרצעס לידער און דערציילונגען און זאָגט אויף זיי, אַז זיי זיינען נישט פאַרשטענדלעך פאַר קיין מענטש אין דער וועלט און אויך פאַר דעם מחבר גופא. ווי אַ באַווייז איז דער פאַקט, וואָס ער, ה׳ קריטיקוס, האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. וועגן דעם איז מען נישט מחויב איינצושטימען. זיינע רייד, אַז קיין שום מענטש האָט די לידער און דערציילונגען נישט פאַרשטאַנען, זיינען במחילה אַ פּשוטער ליגן. מיר ווייסן, אַז אפילו חדר־יינגלעך האָבן זיי פאַרשטאַנען, און אויב מיר זיינען נישט קיין כשרע עדות פאַר דער ריכטער־שטול פון ה׳ קריטיקוס, זאָל ער אַריינקוקן אין דער „איזראַעליטאַ״ (פּויליש־יידישע צייטשריפט), וועט ער געפונען אַ ריכטיקן אורטייל, אַז די דערציילונגען זיינען אויסגעצייכנט און גרויס אין זייער ווערט.״ (א. ר. מלאכי — „פּרץ אין העברייאיש״, „ייוואָ־בלעטער״, ז׳ 226).

און איצט לאָמיר גיין ווייטער: נחום סלושץ, דער באַוואוסטער איצט העברייאיש־יידישער שרייבער, האָט אין אַן אַרטיקל „הספרות והעם״ (ליטעראַטור און פאָלק, זאַמלבוך „הזמן״, וואַרשע, 1896, ז׳ 141) געשריבן אָט־וואָס וועגן י. ל. פּרץ: „אין דער לעצטער צייט האָט אַ שרייבער מיט גרויס טאַלענט, י. ל. פּרץ, גענומען פאַרשפּרייטן אין פאָלק ביכער, וואָס ווען דאָס פאָלק וואָלט געהאַט אַן אינטערעס אין זיי, וואָלטן זיי געבראַכט פיל שאָדן און שלעכטס געטאָן, בשעת אַזעלכע בראָשורן אין העברייאיש וואָלטן געבראַכט גרויס נוצן. זיי וואָלטן דערוועקט נייע געדאַנקען צווישן אונדזער יוגנט אין דער פּראָווינץ, וואָס די מערסטע פון זיי האָבן ניט קיין שום באַגריף פון דעם נייעם לעבן און פון די פּראָבלעמען, וואָס פאַרנעמען איצט די גאַנצע קולטור־וועלט. דער דאָזיקער שרייבער מאַכט אָבער אַ גרויסן טעות, ווען ער מיינט, אַז ער איז אַ פאָלקס־שרייבער. ער איז טאַקע אַן אַנגענעמער דיכטער און אָריגינעלער טאַלאַנטירטער שרייבער, וואָס נאָר די אינטעליגענטן און די, וואָס זיינען באַהאַוונט אין די אייראָפּייאישע ליטעראַטורן קאָנען אים אָפּשאַצן. דאָס פאָלק אָבער פאַרשטייט נישט זיין שרייבן. אָבער דאָס פאָלק קאָן אים נישט פאַרשטיין און קאָן זיך נישט דערגרונטעווען צו זיינע כוונות; דאָס פאָלק פאַרשטייט נאָר זיינע שפּאַסן, אָבער עס פאַר־

נעמט נישט זיין האַרץ. און אַזאַ לייענען ברענגט נאָר פיל שאָדן. ווען ער וואָלט געשריבן אין העברייאיש, וואָלט ער געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן ליי־ענער. און כאָטש מיר שטימען נישט איין מיט זיינע מיינונגען, זיינען מיר אָבער כלל נישט קעגן דעם מען זאָל זיי פאַרשפּרייטן. זיי זיינען אַ ווידערשפּרוך, אַ סתירה צו די אַלע מיינונגען, וואָס עס האָבן צווישן אונדזע פאַרשפּרייט די נאַציאָנאַליסטן און קאָנסערוואַטיסטן״. (א. ר. מלאכי — „פרץ אין העברייאיש״, הוספות צו דער פרץ־ביבליאָגראַפיע).

אָט אַזוי האָבן פרצן און זיין שרייבן כסדר באַגלייט פאַרוואורפן און טענות, אַז מען פאַרשטייט אים נישט.

2

פון די אַלע פאַרוואורפן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן פרצן, זיינען די ביטערסטע און אומווירדיקסטע די, וואָס דוד פרישמאַן האָט גע־מאַכט אויף פרצן און אויף זיינע „יום־טוב־בלעטלעך״ (גענויער אין דעם אַר־טיקל „פרץ און פרישמאַן״). דוד פרישמאַן האָט אַלע זיינע יאָרן געזוכט אַ גע־לעגנהייט אָנצופאַלן אויף פרצן און אים באַשולדיקט אפילו אין פּלאַגיאַט. באַ־זונדערס שטאַרק איז דוד פרישמאַן אָנגעפאַלן אויף פרצן און זיינע „יום־טוב־בלעטלעך״. פרישמאַן האָט אין 1894 אַרויסגעלאָזט צוויי ספּעציעלע ביכלעך, אונטערן נאָמען פון אברהם גאָלדבערג: „לאָקשן״ און „אַ פּלוי פון תשעה באב״ (נאָכגעקרומט די נעמען פון פרצעס „יום־טוב בלעטלעך״), וואָס זיינען באמת אַ פּאַשקוויל אויף פרצן.

דוד פרישמאַן האָט זיך דערביי נישט אָפּגעשטעלט. ווען עס איז אַרויס אין דעם יאָר 1895 פרצעס פּרעכטיק העברייאיש לידער־ביכל „העוגב״, איז פרישמאַן אַרויס מיט אַ לאַנגן אַרטיקל פון 38 זייטן, און ווידער אַמאָל פול מיט זידלערייען אויף פרצן. דערביי האַלט ער אין איין פאַר־וואַרפן פרצן אין פּלאַגיאַט... „אָפטמאָל — שרייבט פרישמאַן — גע־פינען מיר ביי אים אַ גאַנצע גניבה, און יעדער מענטש וועט זיך גלייך כאַפּן און זאָגן: אָט איז עס!״ —

אין דער העברייאישער טעגלעכער צייטונג „הצופה״ (אָנגעהויבן צו דערשיינען אין וואַרשע אין 1903) האָט פרץ פאַרעפנטלעכט געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען „היחיד ברשות הרבים״, „משוט בעתונים״, „בעולם האותיות המחכימות״ (אין אַלגעמיין — אַ 60 אַרטיקלען, צווישן זיי פיל פון גרויס באַטייט פאַר פרצן, וואָס מען וואָלט באַדאַרפט איבער־זעצן אויף יידיש!).

צווישן אַנדערע האָט פרץ פאַרעפנטלעכט (אין נ׳ 39) אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „מפריח יונים וסוסו״ — דער טויבן־יאָגער און זיין פערד. ראובן ברײנין האָט פאַרעפנטלעכט אַן אָפענעם בריוו צו י. ל. פרץ („מכתב

גלוי להמשורר י. ל. פרץ", „הצופה", נ' 49), וואו עס ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „איך וואָלט אויך געקאָנט אָנהויבן מיין בריוו צו אייך מיט אַ משל פון ראָבן און פלעדערמייז און רעדן צו אייך דורך אַ נעפל פון אַנדייטונגען און סודות; אָבער עס האָבן זיך צופיל פאַרמערט אין אונדזערע צייטונגען משלים, רעטענישן און מליצות וועגן די סאַמע פשוטע, קלאָרע און פאַרשטענדלעכע זאַכן. נאָך אַביסל — און מיר וועלן פאַרגעסן צו רעדן אַ מענטשלעכע שפּראַך; נאָך אַביסל — און מיר וועלן אַראָפּ־וואַרפן דעם פאַרשטאַנד און לאָגיק פון זיין טראָן."

און ראובן בריינין שרייבט ווייטער אין זיין „אָפענעם בריוו" צו פרצן: „איך קלויב אויס צו רעדן מיט אייך אַ קלאָרע שפּראַך. איך בין זיך מודה פאַר אייך און פאַרן ברייטן עולם, אַז פיל זאַכן, וואָס איר פאַר־עפנטלעכט, פאַרשטיי איך נישט. איר פירט אַ רובריק אין „הצופה" אונ־טערן נאָמען „היחיד ברשות הרבים". און ווי איינער פון דעם „רבים" נעם איך זיך דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען פון אייך, אַז איר זאָלט רעדן אויך צו מיר אין אַ שפּראַך, וואָס איז מיר פאַרשטענדלעך. אָבער צו מיין גרויסן באַדויערן, דאַרף איך זיך מודה זיין, און אפשר זיך אויך שעמען, אַז איך האָב געלייענט אין אייער ,אין לאַנד פון ראָבן' (,מדינת העורבים') אין „הצופה" נ' 39 דעם קאַפּיטל „דער טויבן־יאָגער און זיין פערד", איך האָב געלייענט איין מאָל און אַ צווייט און אַ דריט מאָל און נישט פאַר־שטאַנען, און נישט געקאָנט אויפנעמען אייער געדאַנק. . בלויז דיפּלאָ־מאַטן האַלטן, אַז די שפּראַך איז געגעבן כדי צו פאַרדעקן און נישט צו אַנטפּלעקן דעם געדאַנק. אָבער מיר, שרייבער, האַלטן, אז די פעדער איז אונדז געגעבן כדי אויפצוקלערן און צו אַנטפּלעקן דעם געדאַנק און אויס־צודריקן געפילן... אויב אַ שרייבער אָדער אַ דיכטער קומט צום עולם, איז זיין חוב צו רעדן אין אַ שפּראַך, וואָס איז אַלעמען פאַרשטענדלעך."

ר. בריינין ברענגט אייניקע שטעלן פון פרצעס אַרטיקלען און ער וויזט אָן דערביי, אַז ער פאַרשטייט נישט זייער מיין, פאַרשטייט נישט דעם פשט פון די ווערטער, פון די געבראַכטע בילדער. און ער שרייבט ווייטער: „נישט צו דערצערענען אייך קום איך איצט מיט מיין בריוו צו אייך, נאָר צו זאָגן אייך דעם גאַנצן אמת, וואָס איך טראַכט... אונדזער פליכט איז צו פאַרברייטערן דעם האָריזאָנט פון אונדזערע לייענער, פאַר־טיפן זייערע געפילן, אָבער נישט אַריינצוברענגען אַ מישמאַש, אַ כאַאָס אין זייערע מוחות... — — — איך שרייב אייך דעם בריוו, ווייל איך בין זיכער, אַז עס וועלן זיך געפינען ביי אונדז יונגעלייט, וועלכע וועלן זיך נאָכקרומען אייערע נייע פראַוון..."

צי פרץ האָט געענטפערט אויפן בריוו — ווייסן מיר נישט.

אַט־דער „מכתב גלוי" (אָפענער בריוו) איז איבערגעדרוקט אין ר. ברייגינס „כל כתבי" (אַלע שריפטן, ניו־יאָרק 1922, ז"ז 248־250).

מיר וועלן דאָ צוגעבן אַ אינטערעסאַנטן שטריך פון ר. ברייניז. אין זיין אַרטיקל וועגן י. ל. פרץ („צוקונפט" 1918, מערץ), וואו ער גיט אַ ברייטערע אָפּשאַצונג און כאַראַקטעריסטיק וועגן פרצן, דערמאָנט ער דעם אָפּענעם בריוו צו פרצן און ער גיט צו דערביי: „איצט, ווען איך בין עלטער מיט 15 יאָר, געפין איך אַליין, דאָס מיין בריוו קעגן פרצן, וואָס איז געווען געדרוקט אין ,הצופה', איז געשריבן געוואָרן צו שאַרף און שאַנונגסלאָז. איך האָב דאָס זעלבע, וואָס איך האָב דאַן געוואָלט זאָגן, אייגנטלעך געקאָנט אַרויסזאָגן אין אַ פיל ווייכערן און מילדערן טאָן..." (ז' 177).

אָבער דאָך האָט ראובן ברייגין געהאַט און ער איז פאַרבליבן ביי אַ נעגאַטיווער מיינונג וועגן פרצן. אין צוויי לענגערע אַרטיקלען („דער טאָג", ניו־יאָרק, אַפּריל 1924) „איז פרץ טאַקע געווען אַ גרויסע פערזענלעכקייט?" פאַרנעמט זיך ראובן ברייגין גאַנץ־געגנוי מיט פרצן, אילוסטרירט עס מיט זיינע ווערק און שטיצט זיך אויף זיינע לענגערע באַגעגענישן מיט פרצן. און ער קומט צום אויספיר, אַז קיין גרויסע פערזענלעכקייט איז פרץ נישט געווען. „דער פרץ־קולט — שרייבט ר.ברייגין — איז פסיכאָלאָגיש זייער כאַראַקטעריסטיש. פרץ האָט די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן געשפּילט, באַוואוסט און אומבאַוואוסט, די ראָלע פון אַ ליטעראַרישן רבי, אַ גוטן יידן. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט יונגע יידישע שרייבער און דיכטער, אָדער וואָס האָבן געדענקט, געשטרעבט צו ווערן שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פון חסידים... — — — פרץ, וועלכער איז געווען אַ אינטערעסאַנטער מענטש און וואָס די ליטעראַטור און דאָס רעדן, דעבאַטירן וועגן ליטעראַטור האָבן אויסגעפילט זיין לעבן, האָט געמאַכט און געמוזט מאַכן אַן איינדרוק אויף די יונגעלייט פון די קליינע שטעטלעך מיט ווייכע נשמות, מיט ליטעראַרישע חלומות..." און ווייטער: „פרץ האָט ליב געהאַט צו געבן אַ זאָג — און נישט דערזאָגן, מעשה פּוילישער גוטער ייד. אַמאָל איז געווען זיין „זאָג" אינטערעסאַנט, גייסטרייך און אָנרעגנד, און אַמאָל האָט עס טאַקע ניט געטויגט, האָט קיין זין, קיין קערנדל נישט געהאַט. סתם אין דער וועלט אַ „זאָג"... פרץ איז געווען אַ קאַפּריזנע נאַטור... א. א. וו."

און אַט ווידער אַמאָל — אַ פאַרוואורף און טענה צו פרצן, אַז מען פאַרשטייט אים נישט:

אין אַ נאָטיץ וועגן דעם אָקטאָבער־נומער „השלוח" (וואו עס איז געווען געדרוקט פרצעס דערציילונג „העופות והגווילים", „הזמן" נ' 93, תרס"ד —

1904), ווערט געזאָגט: „פּרצעס ווענן און זיינע חסידישע מעשיות זיינען באַקאַנט אַלע אינטעליגענטע לייענער. מיר צווייפלען אָבער זייער שטאַרק, צי דאָס פאָלק וועט קאָנען פאַרשטיין זיינע רייד. זייער וויניק ווענן זיך פאַרטיפן און באַגרייפן אַזאַ פּאָעזיע און אַזעלכע מליצות. עס זיינען שוין אַוועק די צייטן, — שרייבט דער רעצענזענט אין „הזמן" — ווען די לייענער זאָלן גיין זוכן רמזים, אָנדייטונגען אין יעדער זאַך, וואָס איז זיי שווער צו פאַר־שטיין...״ (א. ר. מלאכי „פּרץ אין העברייאיש״, „ייוואָ־בלעטער״, 1950, ז׳ 230).

3

די פאָרוואורפן און טענות צו פּרצן קומען אויך שפּעטער און פון פאַר־שיידענע זייטן. אָט האָבן מיר אַ ברייטערע אָפּשאַצונג פון צביון („צוקונפט״, מאַי 1908) ווענן דער „יידישער ליטעראַטור און אירע שרייבער״. צביון שטעלט זיך אָפּ אויף דער אויפלעבונג, וואָס עס הערשט „אין דעם יידישן ליטעראַ־רישן וועלטל אין רוסלאַנד״. ער זאָגט: „אונדזערע יונגע שרייבער האָבן די איצטיקע תקופה אין יידישן לעבן געקרוינט מיטן נאָמען ,קולטור־רענע־סאַנס׳. און צביון קאָנסטאַטירט, אַז „די יידישע ליטעראַטור איז פאַר דער לעצטע צייט רייכער געוואָרן אין ליטעראַרישע ווערק. „אָבער״... עס איז דאָ אַן „אָבער״: „אין דער נייער יידישער ליטעראַטור האָבן די דעקאַדענטן און סימבאָליסטן זיך פאַנאַנדערגעלייגט מיט אַזאַ הרחבה, אַז כמעט דעם גאַנצן פּלאַץ פאַרנעמען זיי און אָפּט באַשאַפן זיי אונדז אַזעלכע נייע ווערק, וואָס אפילו אַן אינטעליגענטער לעזער קאָן זיי נישט פאַרשטיין אָן אַ ברייטן פּירוש.״

און קיין בעסערן באַווייז פאַר דעם האָט נישט צביון ווי טאַקע פּרצן. צביון שרייבט, אַז דער „ערשטער בעסטערביישפּיל״ איז ,די גאָלדענע קייט׳ פון אונדזער גרויסן י. ל. פּרץ״. „פּרץ — זאָגט צביון — בווּטיקט זיך גע־וויס נישט אין מיינע סמיכות, אַז איך זאָל זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ גרוי־סער טאַלאַנט. איך אָבער פון מיין זייט און אַסך אַנדערע צו מיר נויטיקן זיך אין אַ פּרצן, וואָס זאָל שרייבן אַזוי, אַז מיר זאָלן אים פאַרשטיין.״ צביון ווידלט זיך ווייטער, וואָס „פּרצעס דראַמע ,די גאָלדענע קייט׳, וועלכע איז פול מיט סודות און רמזים, האָט געקאָנט אַרויסרופן אַ באַזונדערע ציגענע התפעלות ביי ש. ניגער (אין די „ליטעראַרישע מאַנאַטסשריפטן״, ווילנע) דערמיט, וואָס „פון היינט אָן — ווען פּרץ האָט אונדז באַוויזן ווער דער ,ביאַלער׳ איז — איז דער ,חסידיזם׳ שוין מער נישט אַ „יון מצולה״, וועלכע דער מתנגד דער ,בריסקער רב׳ דאַרף אויסטריקענען מיט זיין פּלפּול און דער משכיל — מיט זיין מעכאַנישער בילדונג. פון היינט אָן איז דער חסידיזם אַ הויכער. מיט

ליכט און הערלעכקייט באַגאָסענער באַרג, אַ דונערנדער און זינגנדער סיני, וואו עס גרייטן זיך פאַר אונדז נייע, נישט פון קאַלטן שטיין, נאָר פון פייער און דימענטן אויסגעהאַקטע לוחות.״ (ז׳ 41).

צביון ברענגט נאָך ציטאַטן, דורך וועלכע ער דערוויזט, ווי „די התפעלות פון ש. ניגער וועט אַלץ גרעסער ביז ער קומט אריין אין אַזאַ עקסטאַז״. אָבער ער, צביון, בלייבט קאַלט און ער זאָגט: „אויב פּרץ האָט טאַקע דאָס געוואָלט זאָגן, וואָס ש. ניגער מיט זיין אויפגעוואַכטער חסידישער נשמה לייגט אים אַריין אין מויל, ווייס איך נישט. עס קאָן זיין, אַז יאָ און עס קאָן זיין אַז נישט, וואָרום אַ חרפה אָן אַ זייט, איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב ,די גאָלדענע קייט׳ ביז איצט נאָך נישט זוכה געווען גוט צו פאַרשטיין. איך האָב די נייע סימבאָ־ ליסטישע, ראָמאַנטישע און מיסטישע דראַמע נישט גוט פאַרשטאַנען אויך נאָך דעם, ווי איך האָב געלעזן דעם לאַנגן פירוש איבער איר פון וולאַדעק אין דער ,נייער צייט׳, וואו ער גיט אונדז צו פאַרשטיין דעם פשט פון דער ,גאָלדענער קייט׳ און ער קנעלט מיט אונדז זייער געוויסנהאַפטיק אויף גאַנצע צען זייטן פון זאַמלבוך, ער פאַרטייטשט אונדז יעדן פסוק וואָרט אין וואָרט.״ (ז׳ 41).

און ווייטער שרייבט צביון: „נאָר מיט פּרצעס סודות און רמזים וואָלט נאָך זיין אַ קליינע צרה. עס טרעפט זייער אָפט, אַז מען פאַרשטייט נישט פּרצעס אַ ווערק אָן אַ חוזר (אַ פאַרטייטשער — נ. מ.), דערפאַר אָבער פאַרשטייט מען ביי אים איינצלנע שורות. ביי פּרצן איז אין יעדן ווערק זיינעם אויסגעשפּרייט אַזוי פיל פּערל, אַז איר קאָנט זיך באַנוגענען מיט די איינציקע פּערל, נישט פאַרשטייענדיק דאָס גאַנצע ווערק. ווען איר פאַרשטייט נישט דעם גרונט־געדאַנק פון פּרצעס אַ ווערק, דאַרפט איר זיך דאָס האַרץ נישט אָפּעסן, לייענט די איינצלנע שורות און האָט פון זיי הנאה... — — — אין יעדן ווערק פון פּרצן וועט איר געפינען אַסך גאָלדענע שורות און דאָס איז פאַר אייך גענוג... — — — וואָס טוט מען אָבער מיט פּרצעס נאָכטענצער, וואָס האָבן אַ חוץ זיינע (פּרצעס) פאַסיקלעך און פינטעלעך פון אים קיין אַנדערע זאַך נישט געירשנט? אויב איך בין ווי עס איז מחויב צו ברעכן דעם מוח אויף אַ סוד אָדער אַ רמז פון אַ גרויסן טאַלאַנט ווי פּרץ, בין איך עס אָבער געוויס נישט מחויב צו טאָן אויף די סודות און די רמזים פון אונדזערע מערערע יידישע שרייבער, וועמעס טאַלענטן עס ליגן נאָך אין אַ גרויסן ספק...״ (ז׳ 42). —

פיל אָנפאַלן, פאַרוואָרפן און טענות אויפן אַדרעס פון י. ל. פּרץ איז דאָ צו פאַרצייכענען אין פאַרבינדונג מיט פּרצעס באַטייליקונג, זיינע אויפטריטן און פאַרשלאָגן אויף דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ אין 1908. מיר וועלן נישט גיין אויסרעכענען די אַלע איינ־ צלהייטן. ווער עס אינטערעסירט זיך גענויער מיט דעם זאָל זיך באַקע־

נען מיטן בוך „די ערשטע יידישע שפראַך־קאָנפערענץ" (באַריכטן, דאָ־קומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — 1908, — ווילנע, ביבליאָטעק פון „ייוואָ", 1931).

פון איין זייט זיינען נישט געווען צופרידן מיט פּרצעס שטעלונג און פאַרשלאָגן די פאַרשטייער פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, הלמאי פּרץ האָט צו־שטאַרק באַטאָנט דאָס „כלל־ישראלדיקע", און פון דער צווייטער זייט איז מען פּרצן באַפאַלן מצד די העברייאיסטן און אים גערופן „פאָלקס־פאַררעטער". פּרץ האָט אַרויסבאַוויזן אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפע־רענץ, אויף די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען בעת דער קאָנפערענץ און אויך נאָך איר פיל אַקטיוויטעט. ער האָט הייס פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט וועגן דער ראָלע פון יידיש און העברייאיש אין דעם לעבן פונעם יידישן פאָלק אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער געגנוואַרט. דאָך האָט עס נישט אָפּגעהאַלטן צו צושרייבן פּרצן פאַרשיידענע פאַלשע מיינונגען, און פּרץ האָט געמוזט פאַרעפנטלעכן קלאָרע פעסטשטעלונגען אין דער פּרעסע. אָבער די אומפאַראַנטוואָרטלעכע שרייבער האָבן דאָס נישט גענומען אין אַכט און נישט אויפגעהערט אָנצופאַלן אויף פּרצן און זידלען אים פאַר רע־זאָלוציעס, וואָס מען האָט בכלל אויף דער קאָנפערענץ יישט אָנגענומען. פּרץ איז געוואָרן דאָס ציל־ברעט פאַר די פאַרשיידענע קנאים־פאַנאַטיקער פון העברייאיש.

גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער זיינען די פאַרוואורפן, וואָס מיכה יוסף בערדיטשעווסקי האָט געמאַכט אויף פּרצן אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען „טשטוש הגבולים" — די פאַרווישונג פון גרענעצן — פאַרעפנטלעכט אינעם העברייאישן זאַמלבוך „נתיבות" (סטעזשקעס, וואַרשע 1913). דער אַרטיקל, געשריבן אין דער פאָרם פון אַ בריוו אין דער רעדאַקציע, הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איר פרעגט מיך, חשובע רעדאַקטאָרן, וועגן מיין מיינונג איבער דעם קריג פון שפּראַכן אין אונדזער ליטעראַטור, — אָבער איך רוף דעם קריג נישט שפּראַך־קריג, נאָר גאָר שפּראַך־פאַרוויסטונג. אַן אמתע פאַרוויסטונג און צעשטערונג". לויט מ. י. בערדיטשעווסקי, קומט איצט פאָר אין דער יידישער וועלט אַן אמתע צעמישונג פון שפּראַכן. נישטאָ קיין אמתער העברייאיש און נישטאָ קיין אמתער יידיש. מען ווייסט נישט, ווער עס שרייבט אָריגינעל העברייאיש און ווער — יידיש... נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן אָט־די שפּראַכן ביי פיל שרייבער, ווייל עס איז פאַרלוירן געוואָרן די עכטקייט, די אָריגינעלקייט פון יעדער שפּראַך און איר סטיל. צוליב דער צעמישונג פון די שפּראַכן, האַלט מ. י. בערדי־טשעווסקי, איז פאַרשוואונדן דער מהות, דער תמצית פון די שפּראַכן... און מ. י. בערדיטשעווסקי זאָגט: „... עס איז געקומען פּרץ און פאַנאַנ־

דערגעוואָרפן אַלע גרענעצן. ער האָט באַוויזן מיט זיינע אייגענע ווערק, אַז בכלל ווערן דיכטערישע זאַכן נישט געשאַפן אין זייער ספּעציעלער, ספּעציפישער שפּראַך. זיי פאַרמאָגן זיך אַן אייגענעם גייסט. פּאָעטישע ווערק זיינען סתם דיכטונג, דיכטונג אָן אַ גוף און אָן אַ לבוש, — היינט קליידן מיר עס אָן אין דער יידישער שפּראַך און מאָרגן — אין העב־רייאיש. אַזאַ חילול־הקודש און אַזוי טרעטן מיט די פיס אויף דער ווערט פון אַ שפּראַך אין דער ליטעראַטור האָט מען נאָך ביז איצט נישט געזען ביי קיין שום פאָלק. דער באַטייט פון אַ שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבן געאַרבעט פיל דורות און געשענקט פאַר דעם זייער לעבן, איז געוואָרן אַ הפקר־זאַך. אָבער י. ל. פרץ, — מיט אַלע זיינע פעלערן, איז ער דאָך אַ תלמיד־חכם, נאָך אים אָבער קומט אַ גאַנצער דור קאַרליקעס, קליינקעפּל־דיקע, און גייען נאָך ווייטער פון זייער רבין. פרץ האָט על־כל־פּנים געקענט גוט העברייאיש, און הלוואי וואָלט ער געשריבן זיינע זאַכן בלויז אין העברייאיש און נישט אין אַ מטושטשן יידיש, — דאָס רוב אָבער פון זיינע תלמידים קאָן בכלל נישט קיין העברייאיש... און אפילו פרצן האָבן מיר אויך איצט אַ צעדרידלטן און צעפּערטלטן. מיר האָבן ביי אים זאַכן, וואָס ער האָט געשריבן אין העברייאיש און זיי זיינען פאַרבליבן אין העברייאיש; פאַראַן זאַכן וואָס ער האָט אַליין אָדער דורך אַנדערע איבערגעזעצט אויף העברייאיש; און עס איז דאַ אַ פּרץ, וואָס איז אַן אמתער ייד, דער יידישער פּרץ, און פּרץ, וואָס איז איבער־געזעצט דורך אים אַליין אָדער דורך אַנדערע פון העברייאיש אויף יידיש...״ (ז״ז 330־331).

מ. י. בערדיטשעווסקי האָט טענות, וואָס די אַלע שאַפונגען האָבן אָנ־געוואוירן זייער אָריגינעלן כאַראַקטער, דעם סטיל און קאָליר, וואָס יעדע שפּראַך פאַרמאָגט אין אירע טיפענישן.

עס איז באַקאַנט, אַז מ. י. בערדיטשעווסקי, טריי זיין דער דאָזי־קער איינשטעלונג, האָט זיך באַמיט אין זיינע כתבים, וואָס ער האָט געשריבן אין יידיש, זיך אינגאַנצן צופּאַסן צו דער שפּראַך פון די יידן, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיינע שילדערונגען און בילדער. און גראָד פּרץ האָט אַנומלטן אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט פון אַזאַ מין יידישן פּראָסטן, שיער ניט וואולגאַרן לשון, וואָס איז ניט לחלוטין־ניט געלייטערט...

זע וועגן דעם ווייטער אינעם אַרטיקל „פּרץ און מ. י. בערדיטשעווסקי.״

4

גאַנץ ערנסטע פאַרוואורפן זיינען געמאַכט געוואָרן פרצן מצד אַ גרופּע העברייאישע שרייבער אין ארץ־ישראל טאַקע באַלד נאָך פּרצעס

טויט אין דעם ספּעציעלן נומער „הפּועל הצעיר״, וואָס איז אַרויס סיון 1915 אין יפו. מיר האָבן דאָ אַרטיקלען פון די באַוואוסטע העברייאישע שרייבער י. ח. ברענער, יעקב ראַבינאָוויטש, אשר באראש, ש. בן־ציון, ר׳ בנימין און יעקב שטיינבערג. מיר וועלן פון די לענגערע אַרטיקלען אַרויסנעמען אייניקע אויסצוגן, וואו עס ווערט פאַרגעוואָרפן פּרצן, אַז ער איז צו־אינטעלעקטועל, אַבסטראַקט, נישט־ערדיש, א. א. וו.

י. ח. ברענער וואַרפט פאַר פּרצן, אַז אין זיין שאַפן „האָט ער געצויגן די יניקה פון אַנדערע קוועלן, ווייניקער זיכערע״ און „אַז זיין אינטעלעקטועלער כוח איז געווען שטאַרקער פון דעם עמפּירישן״ און דערפאַר האָט ער נאָך דעם, ווי ער איז געקומען צו דער ענד פון זיין ,רייזע׳, אָפּגעקערט צו נישט קיין עיקרדיקע צוועקן: צו פאַרשיידענע נייע ליטעראַריש־קינסטלערישע קאָמבינאַציעס, צו פאַרשיידענע פּיקאַנטע ראַפינירטע פאָרמען. און נישט נאָר אין דער פאָרם, אויך אין אינהאַלט איז פּרץ, לויט ברענערן, „מיטגעריסן געוואָרן אין דער איבערגאַנגס־צייט דורך פּיקאַנטע טעמעס, וועלכע זיינען געווען פול מיט קאָנטראַסטן״. און י. ח. ברענער ברענגט ביישפּילן פון דעם אַלטן אין דער דערציילונג „משופּע״, וועגן דעם סיכסוך אין דער דערציילונג „אין אַ זומער־וואוינונג״ א. א. וו.

י. ח. ברענער ווייזט ווייטער, אַז פּרץ האָט גראָד געשלאָגן טיפע וואָרצלען אינעם פאָלק. ער ברענגט ראיות פון זיינע פאַרשיידענע רעאַליסטישע דערציילונגען, ווען ער האָט געמאָלט רעאַלע געשטאַלטן. ווען אָבער ער האָט זיך איבערצייגט, אַז עס איז נישטאָ קיין נחת פון קיין שום זייט נישט, ווען דער תהום האָט זיך פאַר אים פאַנאַנדערגעעפנט, ווען דער שוויגער באַנציע שווייג באַגערט קיין זאַך נישט, אַז בערל דער היטל־מאַכער ליידט אומזיסט, אַז דער דלות אין שטעטל האַלט־אָן, אַז די אינטעלעגענץ איז ווייט פונעם פאָלק, — בקיצור, ווען דער פעסטער באָדן רוקט זיך אַרויס פון אונטער די פיס און עס בלייבן איבער בלויז די געראַנגלענישן און צאַפּלענישן פון דעם יחיד, וועלכער ווערט געפּלאָגט פון אינעווייניקסטע ספקות און זוכענישן און וואַקלענישן, דאַן האָט פּרץ, לויט ברענערן, נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, גענומען בלאָנדזשען אין דער פרעמד און זיך באַנוצט מיט פרעמדער טעמאַטיק... פּרץ, האַלט ברענער, האָט גענומען שוועבן אין די וואָלקנס, אין נעפּל, אין דער לופטן... פּרץ, מיינט ברענער, איז געוואָרן דער נביא פון לופט־לעבן, און דאָס יידישע פאָלק אין דער לופטן איז געוואָרן זיין אידעאַל... און מיט זיין גאַנצען פאַרערונג פאַר פּרצן, זעט ברענער אין אים דעם בלאָנדזשענדיקן גייסט, וואָס איז גאָרנישט מיד געוואָרן צו גיין און צו בלאָנדזשען אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק. פּרץ, פּירט אויס ברענער, האָט אַסך געבלאָנדזשעט, ווייל ער האָט נישט אויפגעהערט צו גיין, צו שטרעבן...

אויך יעקב ראַבינאָוויטש זעט אין פּרצן סכעמאַטישקייט, אָפּגעריסנקייט פון באָדן. נישט געקוקט אויף די באַמיאונגען פון פּרצן אין אַ געוויסער צייט צו ווערן דער שרייבער פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, צו זיין אַ שריי־בער אַ רעאַליסט, אַ פאַרשטענדלעכער פאַרן פּשוטן לייענער — איז ער פאַרבליבן דאָך און בעיקר — לויט י. ראַבינאָוויטש — מער דער דיכטער פון אויבן נישט נאָך העכער איידער דער דיכטער פון באָדן. און ווייטער שרייבט י. ראַבינאָוויטש אַז, „דאָרט וואו מענדעלע פאַרענדיקט, האָט פּרץ אָנ־געהויבן. פּרץ איז געווען דער ערשטער פון די „העכערע", פון די נשמה־דיכ־טער. בערדיטשעווסקי, פייערבערג און נאָך און נאָך זיינען געקומען נאָך אים. פּרץ האָט נישט קיין פעלזן פון בערג. ער פיילט בעיקר. ער שעפּט פונעם נשמות־קוואַל, פונעם ניגון־קוואַל, פונעם סודות־קוואַל. פּרץ וויל זיין אַ רע־אַלער דיכטער און ער קאָן נישט. די ערד איז שוין פאַנאַנדערגעטיילט, און אים, דעם ליבלינג פון געטער, זיינען פאַרבליבן בלויז די הימלען. אַמאָל — שרייבט י. ראַבינאָוויטש,—האָט מיר פּרץ געזאָגט: „איר ציוניסטן, זייט מיר אומפאַרשטענדלעך, די וועלט אַנטוויקלט זיך אַלץ־מער און מער און באַ־פרייט זיך פון באָדן און איר קומט און פאַרלאַנגט, מען זאָל זיך צוריק באַ־העפטן צו דעם באָדן, איר רופט צוריק צו ערד". און דאָן, דאַכט זיך, האָט זיך אַרויסגעריסן פון פּרצעס מויל אויך דאָס וואָרט: „תלושים" — אויסגע־ריסענע פון באָדן..."

יעקב ראַבינאָוויטש רעדט ווייטער אין זיין אַרטיקל וועגן פּרצן, וועל־כער האָט נישט געוואוסט פון קיין שום געשטעלטע גרענעצן און נישט גע־קאָנט זיך האַלטן ביי איין ליטעראַרישער פאָרם. פּרץ האָט געשריבן רע־אַליסטישע זאַכן, אָבער נישט זיי האָבן געמאַכט אים פאַר פּרצן. אימ־פּרעסיע, ליריזם, סימבאָליק, אַלעגאָריע, — דאָס אַלץ זיינען געווען די עלע־מענטן פון זיין דיכטונג. יחזקאל נאָך איז געווען אַ דעקאַדענט, — זאָגט י. ראַבינאָוויטש. — זינט דעם תנ"ך און ביז די לעצטע טעג איז אונדזער ליטעראַטור פול מיט אַלעגאָריעס, און אויף דעם געביט האָט פּרץ באַ־וויזן וואונדער. פּרץ האָט צונויפגעמישט די אַלע עלעמענטן. זיינע דיכ־טערישע פּערזן זיינען פּראָזע, און זיין פּראָזע איז ליד. זיין דערציילונג איז מעשה, לעגענדע, און אַזוי ווייטער. זיין דראַמע שעפּט פון אַזעלכע טיפענישן, אַז עס איז שווער זי אויפצופירן; זיין פעליעטאָן איז אַ קונסט־שטיק, וואָס איז אויסער די ראַמען פון אַ געוויינטלעכן פעליעטאָן. קיין פּלאַסטיקער איז פּרץ נישט געווען. אָבער די אַלע אַנדערע עלעמענטן, — פאַרבן, קלאַנגען, דערציילונג און שילדערונג, ליריק און פּסיכאָלאָגיע — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט און עס איז געוואָרן איין שטיק. אָבער נישט אַלעמאָל איז געקומען צו סינטעז — ווייל ווייניקער פון אַלץ איז פּרץ האַר־

מאַניש. פּרץ איז אַ ראָמאַנטיקער און נישט קיין קלאַסיקער. אפילו אין זיי־נע פֿאָלקס־געשיכטן — די סאַמע האַרמאַנישע ביי אים — איז ער נישט גע־ווען האַרמאַניש... פּרץ ווייסט נישט וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. אַ ראָמאַנטיקער מעג אַלץ...

און ווייטער ווייזט אָן י. ראַבינאָוויטש, אַז „פּרץ איז אפשר מער ראָמאַנ־טיקער לויט אַלטן נוסח ווי אַ מאָדערניסט לויט נייעם שטייגער. אָבער די נערוון זיינע עפּעס פֿאַר אים אַ פענסטער אין דעם סאַמע לעצטן תּוך פֿון מאָדערניזם. און ווייל פּרץ איז דער נערוון־דיכטער — דאַרף מען ביי אים נישט זוכן קיין גאַנצקייט, קיין קינסטלערישע אויסגעהאַלטנקייט און קיין פֿולקאָמקייט, וואָס זאָל זיין ווייט פֿון ווידערשפּרוכן. אויב געטע האָט געקאָנט זאָגן: „די וועלט איז פֿול מיט ווידערשפּרוכן, פֿאַרוואָס זאָל איך נישט ווידער־שפּרעכן זיך אַליין?״, וואָס וואָלט שוין פּרץ באַדאַרפט זאָגן וועגן זיך? די נערוון האָבן נישט קיין אויסגעטראָטענעם וועג. נערוון איז ווי אַ פֿידל מיט זייער דינע סטרונעס, וואָס עס איז גענוג אַ גאָר־לייכטער בלאָז און זיי ציטערן און שפּילן... אַ מענטש קאָן הערשן און באַהערשן דעם אינסטינקט, ער קאָן דערדריקן זיין געפֿיל, באַפֿוילן דעם פֿאַרשטאַנד צו שווייגן. אָבער ווער וועט זיך אָנהויבן מיט נערוון? ווער עס ווערט פֿון זיי געטריבן, דער פֿאַלט אום. אָבער פּרץ האָט געהאַלטן די נערוון־שפּאַנונג פֿאַר דעם העכסטן אויסדרוק פֿון אונדזער דורס גייסט...״

„איך וועל קיין טעות נישט מאַכן — שרייבט י. ראַבינאָוויטש — ווען איך וועל זאָגן, אַז פּרץ דער קינסטלער האָט די שלימות נישט געהאַלטן כּלל פֿאַר אַ אידעאַל. פּרץ האָט ליב געהאַט באַוועגונג און נישט רו״. און דאָך „פּרץ איז געווען אַן עסטעטיקער; נישט געקוקט אויף אַלע זיינע עטישע באַשטרעבונגען, איז ביי אים שיינקייט געשטאַנען אין דער ערשטער מדרגה...״

שאַרפֿער און שטרענגער איז דער צוגאַנג צו פּרצן און קאָנקרעטער זיינען די טענות־פֿאָרוואורפֿן צו אים מצד נאָך איינעם אַ העברייאישן שרייבער — ש. בן־ציון. ער וויל נישט גלייך, נאָך פּרצעס טויט, אויסרעכענען אַלץ, וואָס ער האָט קעגן פּרצן: הויבט ער אָן אויסרעכענען חטאים און פֿאַרכאַפּט זיך גלייך. די הויפּט־באַשולדיקונג פֿון ש. בן־ציון איז, וואָס פּרץ איז געווען צו־אינדיווי־דועל און וואָס ער איז געווען אויסער דעם קאָלעקטיוו. — אַזאַ איינדרוק, שרייבט ער, האָט פּרץ אויף אים געמאַכט. פּרץ — באַטאָנט ש. בן־ציון — האָט שטענדיק אויסגעמיטן דעם ברייטן שליאַך, ער האָט ליב געהאַט צו קריכן אויף שטעגעלעך... פּרץ האָט אַלע יאָרן זיך אויך קעגנגעשטעלט קעגן די „צייט־מאָטיוון״. אַזוי אַלעמאָל! ווען אַלע האָבן זיך אַ קער־געטאָן צום נאַציאָנאַליזם, האָט פּרץ זיך גענומען גאָר צו אויפֿקלערונג. ווען דער הויפּט־מאָטיוו איז געווען אַנטיסעמיטיזם, האָט פּרץ גענומען גאָר אַרויס־

שטעלן די חסידי אומות העולם, די גוט־זאָגער פון יידן. ווען דער עולם האָט זיך געריסן צו דער נביאים־שפּראַך, האָט פּרץ זיך צוגעכאַפּט צו פאָלקס־שפּראַך. ווען מען האָט גענומען זאָגן, אַז „זשאַרגאָן" איז אַ גוט מיטל צו אַגיטירן דעם פאָלק, האָט פּרץ אָנגעהויבן שאַפן פאַר דער אינטעלי־גענץ. ווען מען האָט געהאַט געשיקט אַ שרייבער צו דערגיין דעם אמת פון ארץ־ישראל, האָט פּרץ געמאַכט אַ רייזע איבער דער פּוילישער פּראָ־ווינץ צו זוכן דעם אמת פונעם פאָלק ישראל, — רייזע בילדער, אָבער נישט פון די קאָלאָניעס, נאָר פון די יידישע שטעטלעך... הויבט מען אָן פּריידיקן וועגן די שיינקייטן און ליכט פון דער תורה און פון דער אַלטער קולטור לויטן נוסח פון יעבץ — איז געקומען פּרץ און פאַרשוואַרצט זי מיטן „שטריימל" און אַנטקעגנגעשטעלט אַ נ י י לעבן: סאָציאַליזם, באַפרייאונג פון געפיל, פריי לעבן א. א. וו. און אויב מען איז צוגעטראָטן איבערצושאַצן אַלע ווערטן און גענומען זוכן גאָר נייע — קומט פּרץ און אַנטפּלעקט גאָר פון די אַלטע קוואַלן — קבלה און חסידות! און ווען מען אַמפּערט זיך און מען זוכט גאָר נייע ל ע נ ד ע ר פאַר יידן, נעמט זיך גאָר פּרץ זוכן דעם יידישן ג אָ ט, — דעם גאָט, וואָס באַשיצט און באַשירמט זיין פאָלק אין אַלע לענדער, און פון די פאָלקס־לעגענדעס אַנטפּלעקט ער זיך ווי פונעם דאָרן־בוים..."

אָט אַזוי זעט ש. בן־ציון פּרצן און זיינע פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען.

5

און אָט אַ פאַרוואורף פון בעל־מחשבותן, וועלכער האָט אָפּטמאָל אָנ־געגריפן פּרצן דאָ פון איין זייט און דאָ פון דער צווייטער. אין זיין ביכל „דאָס דרום־יידנטום און די יידישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט" (בערלין אין 1922) רעדט בעל־מחשבות וועגן דער ספּעציעלער ליבע צו דער יידישער שפּראַך, וואָס מען טרעפט ביי די יידישע שרייבער פון אוקראַאינע. ער ברענגט דאָרטן ביישפּילן פון די עלטערע יידישע שרייבער פון אוק־ראַאינע און שטעלט זיך אָפּ אויף דער ליבשאַפט צו דעם יידישן לשון, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס שלום־עליכם און מ. ספּעקטאָר. דאָס טרעפט מען ווייניקער ביי די ליטווישע און פּוילישע שרייבער. און בעל־מחשבות שרייבט: „מכוח פּרצן בנוגע צו דער שפּראַך קאָן מען זאָגן, אַז מען טאָר נישט פאַרבייטן די פּערזענלעכקייט, וואָס דריקט זיך אויס אויף זיין (איר) אַרט מיט דער שפּראַך־אַנטוויקלונג, ווי אַ סינטעז צווישן שפּראַך און פּערזענ־לעכקייט. ביי פּרצן געפינען מיר דעם סינטעז נישט, און דער בעסטער באַ־וויז איז, אַז פּרצעס שפּראַך איז אַ דרייפאַכע כמעט ביז דער לעצטער צייט. אַלס פּובליציסט האָט ער אַן אַנדער שפּראַך־סטיל, ווי אַלס דראַמאַטיקער און מעשהלעך־שרייבער. עס איז כדאי — שרייבט ווייטער בעל־מחשבות — צו

פאַרגלייכן די „פאָלקס־ביבליאָטעק" פון שלום־עליכם און די „יידישע ביב־ליאָטעק" פון פרצן, כדי צו־זען די דיאַמעטראַליש־פאַרשיידענע באַציאונג צו יידיש אַלס אַ שפּראַך, און ווי צו אַ ליטעראַטור־בילדנדיקער שפּראַך. בעת ביי שלום־עליכמען אין דער ‚ביבליאָטעק' איז כסדר דאָ אַ פאַרשונג און אַן אויפרוף צו פאַרשונג וועגן יידיש אַלס שפּראַך און ליטעראַטור, געפינט איר ביי פרצן אין די זאַמלביכער קיין שום אינטערעס (נישט) דערצו." (ז' 44).

מיר וועלן דאָ נישט אַריין אין אַ וויכוח מיט בעל־מחשבותן און דער־וייזן, אויף וויפיל פרץ האָט אין פאַרשיידענע צייטן אַרויסבאַוויזן טיפע פאַרערונג און באַגייסטערונג פאַר דער יידישער שפּראַך און דערנאָך געקעמפט פאַר איר, און אויף וויפיל פרץ האָט אַרויסגעהויבן די יידישע שפּראַך פון איר שפלות און אַריינגעהויכט אין איר אַ ניי לעבן, אַ נייע דערהויבנקייט. דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך! אין דעם דאָזיקן אַרטיקל ווילן מיר בלויז ברענ־גען די פאַרשיידענע טענות, וועלכע זיינען געקומען פון כלערליי זייטן אויפן אַדרעס פון פרצן.

דאָס „פּראָבלעם" פון פינטעלעך און פּאַסיקלעך ביי פרצן האָט פאַרנו־מען די ידישע קריטיק און נישט אַלע האָבן געזען אין דעם פרצעס שוואַכ־קייט. אָט שרייבט משה זילבורג (אין זיין אַריינפיר צום ביכל „פרץ" אין דער סעריע „פינף נפטרים", אין 1922): „פרץ איז אין זיין כאַראַקטער און סטיל שוין פון אָנפאַנג אימפּרעסיאָניסט, בעסער געזאָגט — חריף. ער האָט ליב נישט דאָס פלאַסטיש־רעאַליסטישע בילד, נאָר די סקיצע, די אָנדייטונג, דעם רמז, דאָס פינטעלע"... און משה זילבורג ברענגט וואָס פרץ אַליין זאָגט: „דער עיקר ציען מיך און נעמען מיך די דיאַלאָגן — די „שטיקלעך מיט די פּאַסיקלעך" ווי עס האָט דעמאָלט אין דער יוגנט ביי מיר געהייסן וואו מענטשן רײדן. יעדעס פּאַסיקל האָט מיר אויסגעזען ווי אַ שפּאַלטל אין מענטשלעכער נשמה אַריין. די ליבע צום דיאַלאָג, צום מאָלן מיט דער שפּראַך, איז געבליבן. רעכט אַ מעשה פאַרציילן, האָב איך מיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט"... אין די פינטעלעך — שרייבט מ. זילבורג — האָט פרץ אַריינגעלייגט זיין גאַנצע קינסטלערישע פּאָטענץ. די קורצקייט פון זאַץ, די לייכטקייט, די רירעוודיקייט ליגט פרצן אין דער נאַטור; דער מקור אָבער פון וואַנען ער האָט דעם דאָזיקן אימפּרעסיאָניזם געשעפט, איז נישט דער אייראָפּייאישער, נאָר דער אייגענער, עכט־יידישער: חסידות. יענע האַלבע, נישט־דערזאָגטע ווערטער פון חסיד, וואָס איז נישט אַזוי אויסן דעם אינהאַלט, ווי די שטימונג. דער קורצער „וד'ל" (ודל להבין — גרינג צו פאַרשטיין) „והמבין יבין"..." (ז' 15).

די פרץ־פאַרערער האָבן געפּרוווט אויף פאַרשיידענע אופנים אָפּענט־פערן די פרץ־קריטיקער און זיך באַמיט צו פאַרטייטיקן אים פון זיינע אָנ־

פאַלער און טענות־האָבער. ד״ר א. א. ראָבאַק אין זיין אָפּהאַנדלונג „פרץ אַלס פסיכאָלאָג״ („פרץ־זאַמלונג״, נ״י, 1915) שרייבט צווישן אַנדערן: „קרי־טיקער, וואָס זוכן גלאַט פריטשעפּקעס לשם קריטיק, אָדער וואָס קאָנען נישט ליידן, אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל האָבן אַ גרויסן שריפטשטעלער, פלעגן כסדר אויפוואַרפן פרצן זיינע פינטעלעך און זיין אומפאַרשטענדלעכקייט (?). מען האָט געהאַט תרעומות אויף אים, פאַרוואָס ער איז נישט געבליבן ביי זיין רעאַליזם און מען האָט אים פשוט חושד געווען, אַז ער האָט געוואָלט נאָכמאַכן די גדולים פון די אומות־העולם אין זיינע סימבאָלישע זאַכן... ווי שלעכט יענע סתם מיינונג־זאָגער האָבן פרצעס אַרט שרייבן פאַרשטאַנען... — — — שוין אפילו פון דאָס פריערדיקע האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז ביי פרצן איז דאָס לעבן נישט קיין גלאַטער שאָסיי. ווי אַזוי וואָלטן מיר דאַן גאָר באַ־קומען קאָנטראַסטן איבערהויפּט? וואָס פרץ זעט — איז די בערגלדיקייט, די כוואַליענאַרטיקייט פון לעבן — גריבער מיט לעכער מיט טאָלן פון איין זייט, — פון דער אַנדערער, ווידער, שטיינער מיט שפּיצן פון פעלזן.״ (ז׳ז 60־61).

אויך ב. וולאַדעק אין זיינער אַ פרץ־אָפּהאַנדלונג שרייבט וועגן די טענות קעגן פרצן: „פיל זאָגן, אַז זיי פאַרשטייען אים נישט און וויסן נישט, וואָס ער וויל. איז דערפאַר, וואָס פרץ איז ווייט פון פאָלק און רעכנט זיך נישט מיט אים? — — — דאָס וואָס זיינע לעצטע ווערק זיינען ניט אַזוי איינפאַך און קלאָר, ווי זיינע ערשטע דערציילונגען, נעמט זיך פון אַ גאַנץ אַנדערער סיבה. פרץ האָט פיל צו זאָגן... — — — ער מאַכט אפילו זיינע פינטעלעך ריידן. ער האָט קיין צייט נישט. זאָל אים פאַרטייטשן אַנדערע״. (איבערגעדרוקט אין דער זאַמלונג „י. ל. פרץ אין ליכט פון יידישער קריטיק״, ווילנע 1940, ז׳ 123).

גאָר אַן אַנדער באַציאונג הויבט זיך אָן אויסצופורעמען און אויס־קריסטאַליזירן זיך צו פרצן, צו זיין שאַפן און צו זיין אָרט אין דעם יידישן קולטור־לעבן ביי די סאָוועטיש־יידישע קריטיקער, וואָס נעמען אויף פרצן אויף אַן אַנדער אופן און פרואוון אים אויפצופאַסן אין ליכט פון מאַרקסיס־טישער קריטיק. אין די 20־סטער יאָרן גייט מען צו צו י. ל. פרץ פאַר־זיכטיק, מיט אַ יראת־הכבוד און אין ווייטסטן פאַל באַטאָנט מען, אַז פרץ איז אַ האַרבע פּראָבלעם. די שפּעטערדיקע סאָוועטיש־יידישע קריטיקער, פון אָנהויב די 30סטער יאָרן צערעמאָניען זיך שוין ווייניקער מיט פרצן און זיי באַצייכענען פרצן שיער נישט ווי דעם פאַרטרעטער פון דער בור־זשואַזיע, ווי דעם קינסטלער פון דער רעאַקציע א. א. וו.

די איבערשאַצונג פון פרצן איז געקומען גראָד אין סאַמע מיטן פון טי־פער פאַרערונג און גרויסער באַגייסטערונג, וואָס האָט געהערשט בנוגע צו פרצן די ערשטע יאָרן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. משה ליטוואַקאָוו

אין זיין גרעסערער אָפּהאַנדלונג „י. ל. פּרץ" (אין „אומרו", מאָסקווע, ב' 2, 1926 — דער אַרטיקל איז געשריבן מיט אַ צוויי יאָר פריער) שרייבט צווישן אַנדערן: „פּרץ איז אַ האַרבע פּראָבלעם אין אונדזער ליטעראַטור. אַ דיכטער, וואָס האָט געהערשט איבער אַ גאַנצן דור לעזער און שרייבער,— און דאָך איז זיין איינפלוס אַזוי גיך און אַזוי אומבאַמערקט צעפלאָסן געוואָרן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין באַשטימטן אָפּזאַץ נישט פאַרן שרייבער און נישט פאַרן נייעם לעזער. ער איז פאַרבליבן אין דער ליטעראַטור ווי אַ בליק-ערינערונג, וועלכע רעגט און אינטריגירט סיי דעם נייעם שרייבער, סיי דעם נייעם לעזער, אָבער נאָר אַלס אַ זכר פון דעם, אַז ,אַמאָל איז געווען אַ מלך', אַז דאָ נישט לאַנג האָט געלעבט אַ **זוכנדיקער גייסט** מיטן נאָמען פּרץ, — אָבער נישט אַלס פאַקטאָר פון לעבעדיקער שאַפונג, וועלכע פליסט איצט."

און ווייטער שרייבט מ. ליטוואַקאָוו: „אפילו דער נייער לעזער האָט באַקומען בירושה פונעם פאַריקן לעזער-דור אַ טיפן דרך-ארץ צו פּרצן און אַן אומקלאָרן באַוואוסטזיין, אַז אַן פּרצן דאַרף מען זיך נישט באַגיין; — אָבער אין דער זעלבער צייט פילט ער, אַז אָן פּרצן קאָן ער זיך באַגיין... אַ דויערדיקער צויבער פון אַ קולטור-היסטאָרישער פערזענלעכקייט, וועלכע איז ביים לעבן געווען דער וואָקלדיקער אומרו פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכער צייט און וועלכער האָט דעם דאָזיקן וואָקלדיקן אומרו פאַרקערפּערט אין אַ ריי ווערק, וואָס זיינען אָבער נישט אַזוי אָביעקטיווע קונסט-ווערטן, ווי צאַפּלדיקע אויסדרוקן פונעם אייגענעם סוביעקטיוון וועזן..." (ז' 33).

עס איז גאַנץ שווער אַריינצופּאַסן פּרצן אין די ראַמען פון אָט-דער קריטיק. זיינען דעריבער שטאַרק ווידערשפּרעכנדיק ליטוואַקאָווס באַמיאונגען אויפצוקלערן פּרצעס וואַקלונגען און סתירות. מ. ליטוואַקאָוו שטעלט זיך אָפּ אויף איינציקע שטריכן פון פּרצעס געשטאַלט און פּרוווט זיי אַזוי אויסטייטשן: „פּרצעס טיפקייט, זיין געהיימניספולע רמזימדיקייט, דער נעפּל פון זיין נאַציאָנאַל-ראָמאַנטישער סימבאָליק שטאַמען פון זיין עצם אַלס „פּראָבלעמאַטישע נאַטור" אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור". — — — די פאַרשיידענע ווידערשפּרוכן, וואָס ער טרעפט ביי פּרצן, און בעיקר — די ווידערשפּרוכן אין זיין אייגענער אויפפאַסונג פון פּרצן באַמיט זיך מ. ליטוואַקאָוו דערקלערן אַזוי: „... האָט זיך ביי פּרצן געשאַפן דער קאָמפּליצירטער איבערפלעכט פון ווידערשפּרעכיקע געדאַנקען, שטימונגען און באַגערן, וואָס זייער פלאָנטער האָט באַשטימט זיין אויסערלעכן רמזים-סטיל. עס איז נישט קיין מיסטיק, — פּרץ איז צו-ראַציאָנאַליסטיש פאַר מיסטיק. עס איז נישט קיין סימבאָליק, — פּרץ איז צו-ניכטער און בורזשואַז-יונג פאַר סימבאָליק. עס איז אַ מין פאַר-

שטעלטע שפּראַך, אַלעגאָריעס און משלים, וואָס דאַרפן אָפּט אָן דעם וויסן פונעם דיכטער גופא פאַרקאָנספּירירן זיינע אמתע מיינען אי פאַר אים אַליין אי פאַר דער אַרבעטער־אוידיטאָריע, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַר־בונדן נאָך אין אָנהויב פון זיין שרייבערישן וועג..." (ז"ז 38־39).

שאַרפער און האַסטיקער באַצייכנט מ. ליטוואַקאָוו י. ל. פרצן אין זיינע „טעזיסן", פאַרעפנטלעכט אינעם זעלבן בוך, און ווי עס איז צוגעגעבן, זיינען די טעזיסן, „געווען באַוויליקט דורך דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים פאַלקאָמבילד פון ר. ס. פ. ס. ר..."

אין די טעזיסן ווערט געזאָגט, אַז „פרץ איז אין אונדזער ליטעראַ־טור געווען די גרעסטע מאַניפעסטאַציע פון דער נייער בורזשואַזער פער־זענלעכקייט אין דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דיפערענצירן אונטערן דראַנג פונעם קאַפּיטאַליזם". און ווייטער אין פונקט צוויי פון די „טעזיסן" ווערט געזאָגט: „דער אויסדריקער פון די דאָזי־קע שטימונגען (רעוואָלוציאָנערע אין דער ידישער גאַס) אין דער ליטע־ראַטור איז געווען פרץ אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן, און דאָס האָט אים דערנעענטערט צום ,בונד' — דער אָרגאַניזאַציע פונעם יוגנטלעכן ברען פונעם רעוואָלוציאָנערן יידישן פּראָלעטאַריאַט". און „דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די יום־טוב־בלעטלעך", וואָס י. ל. פרץ האָט אַרויס־געגעבן, און וואָס האָבן אין זייער צייט געדינט אַלס די ערשטע לעגאַלע מאַ־טעריאַלן פון אַנטי־רעליגיעזער און אַנטי־בורזשואַזער אַגיטאַציע און פּראָ־פּאַגאַנדע. שפּעטער אַביסל האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין זיינע סאָצי־אַלע דערציילונגען און דערציילונגען פון מאַסן־שטייגער, ווי „דאָס שטריימל", „באַנציע שוויג", „אין קעלער־שטוב" און אַנד., וואו עס ווערט צום ערשטן מאָל אין אַ קינסטלערישער פאָרם געשילדערט דאָס שווערע לעבן פון די מאַסן און די קלאַסן־סתירות צווישן דעם לוין־אַרבעטער און דעם קאַפּיטאַל, עס ווערט אויפגעדעקט דער קלאַסן־מהות פון דער רעליגיעזער יידישער סביבה."

מיר וועלן אָפּשיקן דעם לייענער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט די ווייַ־טערדיקע פונקטן פון די טעזיסן, צו מ. ליטוואַקאָווס בוך, ז"ז 44־49. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָך אַ פּאָר אויסצוגן, וואָס, אָפּגעריסן, זיינען זיי נישט גענוג צו געבן אַ גענויעם באַגריף פון אָט־דער פרץ־אויפפאַסונג, וואָס איז גע־מאַכט אין יענע יאָרן, ווען עס איז געשטאַנען זייער האַרב די פראַגע פון ירושה און העגעמאָניע.

„די יידישע בורזשואַזיע — שרייבט ווייטער מ. ליטוואַקאָוו — איז גע־קומען צום מאָדערנעם פּאָליטישן לעבן שוין אַ צעפּוילטע און היסטאָריש־אויסגעשעפּטע. און פרץ האָט אין זיך געטראָגן די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע

דערפֿאַרונג פֿון זיין קלאַס. געדענקט האָט ער מיט די נאַציאָנאַל־געשיכט־לעכע קאַטעגאָריעס פֿון זיין קלאַס, געשאַפֿן האָט ער נישט אַזוי מיט אינטו־איציע, ווי מיט זיין נאַציאָנאַל־היסטאָרישן קלאַסן־זכרון. ווייל פּרץ איז מער פֿון אַלע אונדזערע קלאַסיקער געווען פֿול מיט ירושה פֿון דורות, ער האָט אין זיך איינגעזויגן די פֿאַרגאַנגענע קולטור פֿון נאַציאָנאַלע כתבים און מינד־לעכן קבלהסטיש־חסידישן פֿאָלקלאָר. ער האָט געפֿילט נישט בלויז אַ שטאַרקן האַס צום יידישן מיטלאַלטער, נאָר אויך אַ גרויסן אָפּשיי צו דער נאַציאָנאַל־בורזשואַזער ספֿרים־קולטור, וואָס ער האָט באַשאַפֿן.״ (ז׳ 45).

און ווייטער האָבן מיר אַזאַ מין פּלפּול ביי ליטוואַקאָוון: „פּרצעס ווערק פֿון זיין אידעאָלאָגישן אויפֿשטייג זיינען קינסטלעריש שוואַך, בשעת די ווערק פֿון זיין שפּעטערדיקער אידעאָלאָגישער ירידה זיינען קינסטלעריש ווערטפֿול.״ ווייל „פֿאַרן נאַציאָנאַל־היסטאָרישן זכרון פֿונעם בורזשואַזן קינסטלער איז די אָקאָרשט אויפֿגעקומענע אַרבעטער־באַוועגונג קינסטלעריש נאַקעט און ראָ־מאַנטיש בלויז, ער געפֿינט אין איר נישט קיין היסטאָרישע אקסעסואַרן, זי איז נאָך נישט באַוואַקסן מיט מאמרים פֿון חכמים און מיט שפּריכווערטער און לעגענדעס פֿון פֿאָלקס־קלוגשאַפֿט.״ (ז׳ 46).

און ליטוואַקאָוו ענדיקט זיין אַרטיקל — די טעזיסן איבער פּרצן — מיט דער מאָנונג: „פּרצעס שאַפֿונג דאַרף צעגלידערט ווערן לויט פּעריָ־אָדן, און עס דאַרף אַנגעוויזן ווערן, אַז אין פּעריאָד פֿון זיין אידעאָלאָגישן אויפֿשטייג זיינען שוין צוליב זיין נאַציאָנאַל־בורזשואַזן תוך געווען פֿאַר־באָרגן סימנים פֿון קינפֿטיקער ירידה, און אַז דער אָביעקטיווער ווערט פֿון שאַפֿונג אין פּעריאָד פֿון זיין אידעאָלאָגישער ירידה איז אין אַ באַדייטנדער מאָס באַדינגט געוואָרן דורך דער קראַפֿט פֿון זיין פֿאַריקער אַרבעטער־ליב־שאַפֿט.״ (ז׳ 49).

דאָס איז געווען אין יאָר 1926. מיט עטלעכע יאָר פֿריער, אין 1917, האָט מ. ליטוואַקאָוו געהאַט אַ פּאָזיטיווערע באַציאונג צו פּרצן און צו זיין שאַפֿן. (זע זיין אַרטיקל „פּרץ און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט״ אין דעם זאַמלהעפֿט צום „צווייטן יאָרצייט״, קיעוו 1917). דאָרטן געהערט נאָך פּרץ צו דער דעמאָקראַטיע און ער שעפּט דאָן, לויט ליטוואַקאָוון, פֿון די „קוואַלן פֿונעם דעמאָקראַטישן פֿאָלקס־ראָמאַנטיזם מיט זיינע סאָציאַלע באַפֿרייאונג־מאָטיוון.״ דאָרטן „האָט פּרץ אונדז אַנטפּלעקט דעם סאָציאַלן מהות פֿון אונדזער פֿאָלקס־קולטור.״ (ז׳ 4).

גאָר ביטער און שלעכט האָט אָפּגעשניטן י. ל. פּרץ, ווי אויך די אַלע, אַלע פֿאַרשער־קריטיקער פֿון פּרצן (אַריינגערעכנט אויך שכנא עפּשטיין, נחום אויסלענדער, מ. ליטוואַקאָוו, י. נוסינאָוו און די אַנדערע) אין דעם בוך

„דער ראַדיקאַלער פעריאָד פון פרצעס שאַפן" פון א. ראָזענצווייג. (אַרויס נאָך ראָזענצווייגס טויט, אין 1934, אין כאַרקאָוו־קיעוו, 187 ז"ז).

פיל מער ווי דער מחבר פאַרנעמט זיך מיטן „ראַדיקאַלן פעריאָד" פון פרצעס שאַפן, גיט ער אָפּ אָרט און באַטאָנט די „רעאַקציאָנערע", „שאָוויניס־טישע", „קליינבירגערלעכע" טענדענצן און מאָטיוון פון פרצן. א. ראָזענצווייג איז נישט איבערקלייבעריש אין ווערטער און אויסדרוקן, נישט נאָר לגבי די אַלע פרץ־קריטיקער, נאָר אויך לגבי פרצן גופא. ער פאַרכלינעט זיך מיט דעם ווי עס וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן וואָס־מער צו פאַרשוואַרצן פרצן און פאַרמיאוסן אים אין די אויגן פון די לייענער.

צוליב מאַנגל אין אָרט, וועלן מיר ניט ברענגען קיין גרעסערע און מע־רערע אויסצוגן פון דעם בוך, וואָס האָט גראָד באַוויזן אויפצוזאַמלען וויכטי־קע מאַטעריאַלן צו דער פרץ־פאָרשונג, און אויך אין פאַרשיידענע ערטער זיי אינטערעסאַנט צו באַלויכטן און אַנאַליזירן.

אינעם פאָרוואָרט פון א. ראָזענצווייג ווערט שאַרף אַטאַקירט די גאַנצע פרץ־פאָרשונג, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, געגאַנגען אין פאַרפירערישע וועגן און האָט לחלוטין ניט אַנטפּלעקט דעם „עכטן" פרץ: „די סאָציאַל־יידישיסטן האָבן זיך געסטאַרעט צו פאַרשמירן פרצעס ווידערשפּרעכלעכקייט, דערווייזנ־דיק, אַז אויך „חסידיש", „די גאָלדענע קייט", „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זיינען אַן אַנטפּלעקונג פון פרצעס, כלומרשטער, רעוואָלוציאָנערישקייט. ח' אויסלענדער האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע (אַמאָליקע) יידישיסטיש־אימפּרעסיאָניסטישע קריטישע ענערגיע אויף פעסטצושטעלן ביי פרצן איין פּרינציפּ: דעם פּרינציפּ פון ווילן, און פרץ גייט ביי אים אַלס מוסטער פונעם עכטן יידישן רעאַליזם, אַלס דערגרייכונג זיינע (זע נ. אויסלענדערס „גרונט־שטריכן פון יידישן רעאַליזם")."

א. ראָזענצווייגן געפעלן אויך נישט און באַפרידיקן נישט „די פּרוואון, וואָס זיינען ביז איצט געמאַכט געוואָרן אין דער מאַרקסיסטישער קריטיק צו לייזן די פרץ־פּראָבלעם (די אַרטיקלען פון ח'ח מ. ליטוואַקאָוו און י. נוסינאָוו), „זיי האָבן אויך צו קיין גרויסע רעזולטאַטן נישט געבראַכט. זיי ווידערשפּרעכן זיך, ערשטנס, איינער דעם אַנדערן (לויט ח' ליטוואַקאָוו איז פרץ אַ בורזשואַזער שרייבער, לויט ח' נוסינאָוו — אַ קליינבירגער־לעכער...)"

איבער דעם בוך זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפן שאַרפע טאַדל־ווער־טער אַ־יך אויפן אַדרעס פון די „מאַרקסיסטישע" קריטיקער, וואָס טוען נישט געפעלן א. ראָזענצווייגן. קיינער קומט נישט אַרויס ביי אים מיט גאַנצע ביינער פון זיין ביטול־קריטיק. און גאָר אַן אַרומגעפליקטער און צע־פּיצלטער קומט אַרויס פרץ גופא און זיין שאַפן. מיט וואָס פאַר אַ פאַר־

אַכטונג א. ראַזענצווייג רעדט עס וועגן פּרצעס לײדן, וועגן די שוועריקייטן, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין לעבנס־גאַנג! הערט נאָר אַ לשון: „אין 1889 איז פּרץ אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, אַנגעקומען אויף אַ שטעלע אין דער וואַרשעווער גמינע, וועלכע ער האָט שוין פאַרנומען ביזן סוף פון זיין לעבן. דער דאָזיקער פאַקט האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין פּרצעס ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. פּרץ איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן אויף אייביק זיין „זעלבסשטענדיקע״ עקזיסטענץ און ווערן אַ „מענטש״. — — — די שטעלע אין דער גמינע האָט פּרצן באַזאָרגט מיט אַ מינימאַלער מאַטעריעלער עקזיסטענץ און אים צונויפגעפירט מיט דעם „העכערן גראַד׳ פון דער וואַרשעווער יידישער בירגערלעכער געזעלשאַפט, צו וועלכער עס האָט אים געצויגן זיין בורזשואַזע נאַטור״... (ז׳34). אָט האָסטו דיר אַזאַ מין געפּעלשטער פּרץ־שטריך!

מיט עטלעכע בלעטער ווייטער האָבן מיר אַזאַ מין „קריטישע״, מכלומרשט־מאַרקסיסטישע באַצייכענונג: „פּרצעס פּראָזע פון די „יידישע ביבליאָטעקן״ איז ס׳רוב פאַרנומען מיט קליינלעכע פילאַנטראָפּישע מאָ־טיוון״. און אַ באַוויז דערצו ברענגט א. ראַזענצווייג די פּרעכטיקע פּרצישע רעאַליסטישע דערציילונגען. אים, ראַזענצווייגן, שמעקן זיי נישט. אָט ווי ער רעדט וועגן זיי: „דער קאַרגער עם־הארצישער גביר („ר׳ בערל׳), די דערשלאָגענע אלמנה („די אלמנה׳), דער אָרעמער טרעגער און זיין טאָכטער די שמ׳ר־לעזערין, („די לעזערין׳), דער אָרעמער יונגער־מאַן און זיין יתומל, וואָס האָבן נישט וואו אָפּצופּאַסטן מוצאי־יום־כיפּור, („דער נייער ניגון׳), די טרויעריקע לאַגע פון דער פרוי אין די חסידישע פאַמיליעס („מענדל בריינעס״, „אינעם פּאָסט־וואָגן״) א. א. וו. און א. ווייטער. און א. ראַזענצווייג פירט אויס: „אָט אַזאַ איז די פּ ר אָ ז ע. נישט קיין „נייע הימלען׳ האָט פּרץ אויפגעדעקט, נאָר ער איז געבליבן שטעקן אין דעם סאַמע גרויען בורזשואַז־פילאַנטראָפּישן געמויזעכץ.״ פאַרוואָס די אַלע פּרעכטיקע, גאָר נייע לויט זייער פאָרם און צוגאַנג, שאַרפע מיט זייערע רעאַלע שטריכן און שאַרפע לויט זייער אינהאַלט דער־ציילונגען — הייסט ביי דעם „מאַרקסיסטישן״ קריטיקער „שטעקן אין דער גע־מויזעכץ״—איז אומפאַרשטענדלעך. ווי עס איז אויך לחלוטין נישט צו פאַר־שטיין, וואָס אויך אַנדערע פּרעכטיקע פּרצישע שאַפונגען זעען אויס ביים אָט־דעם „קריטיקער״ רעאַקציאָנער, שאָוויניסטיש, קליינבירגערלעך.

א. ראַזענצווייג מאַכט אויך אויסצודרייען פּרצעס גלענצנדיקע רייזע־בילדער, וואָס טוען אים נישט וואוילגעפעלן. ער לייגט אַריין אין זיי פאַר־שיידענע „פילאַנטראָפּישע כוונות״, וואָס זיינען פּרצן פרעמד און דערווי־דער געווען. נאָכן איבערגעבן אין אַ פּאָר ווערטער און אויף אַ פאַרדרייטן,

קרומשפּיגלדיקן אופן פּרצעס רייזע־בילדער, פירט אויס א. ראַזענצווייג: „די ‚רייזע־בילדער‘ זיינען בלויז אַ נייער וואַריאַנט פון מענדעלעס ‚קאַב־צאַנסק‘, געשריבן מיטן ציל צו דערוואַרעמען די הערצער פון די, וואָס פאַר־מאָגן מיטלען, וואָס קאָנען טאָן און ווילן נישט...״ און ווייטער: „און דער אויסוועג איז געווען — גבירישע וואוילטועריי... פּרץ האָט גערופן גוטע לייט צו זוכן פאַר יידן פּרנסה...״ (ז׳ 40).

א. ראַזענצווייג קאָן גאַרנישט מוחל זיין מ. ליטוואַקאָוון, וואָס לויט זיין קריטישן מעטאָד קומט אויס, אַז אייניקע ווערק פּרצעס זיינען פּאָזיטיווע. „אָבער ‚חסידיש‘ איז דאָך ביי פּרצן אַ פאַקט — שרייבט ער, — ‚די גאָלדענע קייט‘ איז דאָך ביי פּרצן אַ פאַקט, איז וואָס טוט מען מיט זיי?״ ברענגט ער וואָס ליטוואַקאָוו זאָגט וועגן די ווערק, וואָס ער טייטשט אַריין אין זיי, און ער פירט אויס זיין ‚ריכטיקן‘ צוגאַנג: „חסידיש״ און „פאַלקסטימלעכע גע־שיכטן״ האָבן גאָר אין דערווירקלעכן מיטגעהאָלפן אָפּצוציען די יידישע מאַסן פון דער רעוואָלוציע.״ (ז׳ 53).

און באמת פאַרדראָסיק־לעכערלעך זיינען די ווערטער פון א. ראַזענ־צווייג, אַז „די יידישע בורזשואַזיע האָט גיך שלום געמאַכט מיט פּרצן, פאַר־געסן זיינע ‚יוגנט־זינד‘. אין 1901 האָט זי מיט פּאַראַד געפייערט פּרצעס 25־יאָריקן יובילי אַלס לוין פאַר תשובה און אַלס אַוואַנס פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט״. און דאָס רעדט אַזוי א. ראַזענצווייג וועגן דעם פּרץ־יובל, וואָס איז געווען, ווי אַלע ווייסן און באַשטעטיקן עס, אַ גרויסע מאַני־פעסטאַציע פאַר דעם יידישן וואָרט, פאַר דער נייער יידישער מאַסן־קול־טור, וואָס פּרץ איז געווען איר העכסטער, טיפסטער און שענסטער אויסדרי־קער! ס׳איז שווער צו זאָגן, וואָס איז דאָ מער אין דער כאַראַקטעריסטיק און אָפּשאַצונג פון א. ראַזענצווייג — רשעות אָדער טפשות, אָדער — ביידע צוזאַמען!

ווי אַנדערש קאָן מען פאַרשטיין אַזעלכע ווערטער, ווי „פּרץ איז דאָ אינגאַנצן אין דער מאַכט פון זיין בורזשואַזן פאַראורטייל. ער ציטערט אי־בער דער בורזשואַזער איניציאַטיוו, איבער דער פּריוואַט־אייגנטימערישער איניציאַטיוו״... (ז׳ 99). און אָט אַזאַ מין אויסדרוק: „פונעם האַרעפּאַש־נעם פליגל פונעם קליינבירגערטום איז איצט פּרץ צוריק אַוועק צום עקס־פּלואַטאַטאָרישן פליגל פונעם קליינבירגערטום, צום אונטערגייערישן סוחר, אונטערנעמער.״ (ז׳ 99).

אויף וויפיל עס איז געוואָרן איין צייט ביי אייניקע קריטיקער אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד אַ מין „געיעג״ צו דערווייזן פּרצעס רעאַקציאָנערישקייט, זעען מיר פון אַזאַ מין דרך־אגבדיקער באַמערקונג ביי אַ ייִנגערן קריטיקער (ש. קליטעניק אין זיין אַרטיקל איבער דוד בערגעלסאָן, „ווערק און שריי־

בער", מאָסקווע 1935): „וואָס איז דאַן געווען אין דער יידישער ליטעראַ־טור? (אין דער צייט פון דוד בערגעלסאָנס ערשטע ליטעראַרישע שריט). „אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דאַן י. ל. פרץ געהאַלטן ביי זיין סעריע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" (אָנגעהויבן פון 1903). פון דעם גרעסטן בור־זשואַזן אויפרייסער און שטורמער פון מיטלאַלטער, ווי ער איז געווען אין די 90־סטער יאָרן, איז ער ערב און נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע געוואָרן איינער פון די גרעסטע בורזשואַזע באַזינגער און אידעאַליזאַטערס פון מיטלאַלטער (מיין באַטאָנונג — נ. מ.). אין די ‚פאָלקסטימלעכע געשיכטן' איז געווים געקומען צום שאַרפסטן אויסדרוק די גרינטלעכע רעוויזיע אין דער באַציאונג פון דער יידישער בורזשואַזיע צום מיטלאַלטער. פרץ האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס ‚יידישקייט' — אידייען און געפילן, וועלכע ער האָט פאַרקעפּערט אין אַ גאַלעריי געשטאַלטן און בילדער." (ז"ז 6־7).

אַזעלכע מיני אָפּשאַצונגען און כאַראַקטעריסטיקעס זיינען געווען פיל אויך אין די פרץ־אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַנדע־רע לענדרר, — אַזאַ קומט אַרויס פרץ אויך אין דעם ביכל פון פ. דינער — „די וואָרצלען פון פרצעס שאַפן" (אַ פּרואוו פון אַ מאַרקסיסטישער באַלויכ־טונג, וואַרשע, 1934).

א. ראָזענצווייג און זיינס גלייכן האָבן אין דעם זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור", (קיעוו, 1940), באַקומען זייער פאַרדינטן אָפּשניט פון שכנא עפּשטיין: „אַזאַ ‚אָפּשאַצן' פרצן קאָן נישט באַצייכנט ווערן אַנדערש ווי „קלאַסיפיצירונג, ווי אַ בלבול אויף איינעם פון אונדזערע פּראָגרעסיווע, אויב נישט דעם סאַמע־פּראָגרעסיווסטן קלאַסיקער." (ז' 113). און ווייטער: „איניקע אָך און ווייי־קריטיקער זיינען, מיטן ציל צו פאַרמאַסקירן זייער אייגענעם נאַציאָנאַל־אָפּאָרטוניזם און פאַרשטעלן זיך פאַר כפל־שמונה־דיקע מאַרקסיסטן, געקראָכן פון דער הויט אויף צו דערוויזן, אַז פרץ איז אַ רעאַקציאָנער. די־דאָזיקע לייט האָבן אָנגעווענדט זייער שעדיקעריי דווקא בנגע פרצן". ש. עפּשטיין ציטירט איניקע ווילדע אַרויסזאָגונגען פון „די פּסיידאָ־מאַרקסיסטן אין אונדזער סאָוועטישער יידישער ליטעראַ־טור" אויפן אַדרעס פון פרצן. „ליידער — שרייבט ש. עפּשטיין — האָט נאָך ביי אונדז יענע אַזוי־גערופענע קריטיק נאָכווייעניש..."

7

אויב די אַלע, וואָס מיר האָבן ביז־אַהער געבראַכט זייערע נעגאַטיווע ווערטער און אָפּשאַצונגען וועגן פרצן, האָבן געהאַט צו מאַכן פאָרוואורפן פרצן פאַר זיינע אידייען און מיינונגען און געהאַט צו אים טענות פאַר זיין אופן פון שרייבן אָדער פאַר זיינע איינצלנע ווערק, — איז געקומען אין

1927 משה גראָס, אַ יידישער שרייבער, אַ זשורנאַליסט, אַ פאַרשפּיצטער אינטעליגענט, אַ תּלמיד און נאָכלויפער פון דעם ווינער קראַאוז און פון זיינע „חריפישע" אַריינזאָגעכצן, און גענומען פּאַרלאַנגען פון דער יידישער קריטיק און פונעם יידישן עולם אַ „רעוויזיע" פון פּרצן און פון זיין שאַפן. און דערביי האָט ער באַנוצט מאָדנע מעטאָדן פון קריטיק. אָט הערט נאָר ווערטער: „די יידישע ליטעראַטור... האָט צוגלייך (מיטן דערפילן דעם לעבעדיקן גייסט פון שלום-עליכם) געמוזט דערפילן אין פּרצעס שאַפן די שפּיציקייט פון אַ... בייזן תּלמיד-חכם, אַ נישט-פאַרגינער, וואָס פּשטלט אויס אַ פּסיכאָלאָגישן כפתור ופרח נאָר פאַר די נאָענטסטע תּלמידים און וואָס קאָן באַשטיין, אַז דער איבעריקער עולם, דער ‚המון', זאָל נישט משיג זיין..." — — —

און ווייטער האָט משה גראָס געפּרואווט דערווייזן, אַז „די יידישע ליטעראַטור — און אירע געציילטע רעפּרעזענטאַנטן — האָט נישט נאָכגעבאַמקעט פּרצעס דבקות, האָט מוותר געווען אינגאַנצן אויף דער דילעטאַנטישער ליטעראַטור-קדושה, אויף די „חדווה-שיריים פון דעם מיט רעכט אַנאָנימען „אים זאָל לעבן" און פונעם „אַלטן זצ"ל", וועלכע זיינען געווען ביים בעסטן וועג צו פאַרמרה-שחורהווען אויף אייביק אונדזערע ליכטיקע פאָלקס-שאַפונג מיט דער געמוטשעטקייט פון זייערע אויסטראַכטענישן, מיט דעם האָפנונגלאָזן גייסטיקן דלות פון זייערע טיפסטע רמזים און סודות, צו וועלכע עס איז אייגנטלעך געווען נישט מער ווי אַן איינציקע עצה: מען זאָל לאָזן בלייבן ביים רמז און ביים סוד — נישט מגלה זיין..." („ליטעראַרישע בלעטער", 1927, נ' 28).

און ווייטער זשאָנגלירט משה גראָס מיט סתם אָנגעבלאָזענע פראַזן און מיט כלומרשט-קריטישע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון פּרצן, און ער רעדט וועגן דעם פּשוטן יידן, וואָס „אין זיין הערלעכער אָפענער הילפלאָזיקייט אַקעגן פּרצן ליגט יעדנפאַלס מער גייסטיקע אויפריכטיקייט, מער אינסטינקט פאַר אמתן ווערט, ווי אין דער עקסטאַטישער התפּעלות פון דעם ליטעראַטור-קלויזניק, דעם חריף, וואָס ווייסט אפילו אויך נישט אויף זיכער ‚ווער איז פּרץ', וואָס טוט זיך אָבער פונדעסטוועגן שטענדיק אַן עצה, דרשנט אונטער, דערגאָכעט באַלד אַ זשעני, וואו ער זעט נישט דעם טאַלענט, חקרנט אויס מיט מוטיקער דיאַלעקטיק, אַז דאָ איז אייגנטלעך שוין ‚עפּעס' מער ווי קונסט, ווייל עס איז באמת אַסך ווייניקער..." („ליט. בלעטער", נ' 29, ז' 553).

און מיט דער זעלבער „איבערצייגנדיקער" זיכערקייט, זאָגט ווייטער מ. גראָס, אַז „אָט-די מעגלעכקייט צו דרשענען ליטעראַטור כמין חומר, צו סימולירן גילוי-שכינה מיט טעמפּע, פאַרגלייזטע אויגן, איז

אַריינגעקומען אין דער ליטעראַטור אַריין צוזאַמען מיט דער אַטמאָספערע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום פּרצן, אין וועלכער עס האָבן זיך געגומען פּלאַדזשען אַלערליי שלימזלען, פּאַעטישע ,בטלנים' און ליטעראַרישע ,קאַליקעס', ישישים און גראַפאָמאַנישע זקנים, ליטעראַרישע צוצעקעס, אַזעלכע מיט אַסך חדווה און אַן אַ ברעקל טאַלאַנט, וועלכע האָבן גענאַשט פון פּרצן שיריים פון זייןווירטואָזן שטום־לשון, פון זיינע מיסטישע גימט־ריאות, וואָס באַטרעפן גאָרנישט, פון זיינע הויך־טראַגישע טעאַטער־דעק־לאַמאַציעס, אין וועלכע עס קלינגט מיט די אומפּרייווילליקע פּאַראָדיע..."
(„ליט. בלעטער", נ' 29, ז' 553).

און אַזוי גייט עס ווייטער ביי משה גראָס מיט זיין כפל־שמונהדיקער פּאַרמליצהוועטער שפּראַך, וואָס פּאַרמאָגט אַלע שפּליטערלעך און פּלי־טערלעך פון לייכטן לייכטזיניקן פּעליעטאָן. ער געברויכט אַ סך קנאַ־קעדיקע ווערטער, וואָס זאָגן אָבער לחלוטין גאָרנישט. און צורעכט מאַכנדיק פּרצן און זיין שאַפן אויף אַזאַ אופן, גיט ער צו לסוף: „עס איז דאָ נישט דאָס אָרט צו באַגרינדן מיט דער נויטיקער אויספירלעכקייט אַ רעוויזיע פון פּרצעס פּאַרנעם אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איך האַלט פּאַר אַ — איך וואָלט כמעט געזאָגט: היסטאָרישער — אויפגאַ־בע פון דער מאָדערנער קריטיק. איך צווייפל נישט, אַז דאָס וועט מן הסתם געשען פריער אָדער שפּעטער". און ווייטער גיט ער צו, אַז „פּרץ האָט נישט באַפּרוכפּערט די יידישע קריטיק. ער האָט זי אפשר גענוג באַשעפּ־טיקט, ער האָט זי אוודאי גערייצט מיט זיין שרייבערישער אימפּולסיוויקייט, ער האָט אָן ספק אויפגעגעבן גענוג רעטענישן, וואָס האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיך אַריינטראַכטן אין אים, אָבער — דאָס איז דער עיקר — ער האָט נישט סובסטאַנצירט זיינע רעטענישן מיט אַזויפיל שאַפערישן ווערט, וואָס זאָל צוזאָגן, אַז עס וועט זיך לוינען ,אַריינצובייסן און אַרויסצוגראָבן'..."
(„ליט. בלעטער", נ' 30, ז' 573).

און אַזוי גייט עס ביי אים מיט אַן „אין קוצץ"־לשון!

און דעם לאַנגן אַרטיקל, וואָס איז געדרוקט אין דריי נומערן, — וואָס איז געווען אַ מין ענטפער אויף ישראל שטערנס אַן אַרטיקל „קרוינען צום קאָפּ פון דער יידישער קריטיק" — פּאַרענדיקט משה גראָס מיט די ווער־טער: „פּרץ איז געווען דער ערשטער סטיליזאַטאָר אין דער מאָדער־נער יידישער ליטעראַטור — אין זיין חסידות און אויך אין זיין פּאָלקסטימלעכ־קייט, — און סטיליזאַציע איז אַלעמאָל די דעגענערירטע פאָרם פון סטיל, פון שאַפן ..." (ז' 574).

די אַרטיקלען פון משה גראָס האָבן די „ליט. בלעטער" געדרוקט מיט דער צושריפט: „מיר גיבן זיי מיט אַ שווער געמיט, מיר זיינען אַנטשיידן

קעגן די אַלע געדאַנקען פון מ. גראָסן און נאָך מער קעגן דעם אופן און דעם טאָן ווי מ. גראָס נעמט זיך צו ,רעווידירן׳ פרצן.״ (ז׳ 573).

מען קאָן פאַרשטיין, ווי אַט־די לייכטזיניקע פאַמפלעטישע רייד פון משה גראָסן האָבן אויפגעבראַכט די פרץ־פאַרערער און פרץ־באַגייסטערער. אינעם זעלבן נומער, וואו דער אַרטיקל פון משה גראָסן האָט זיך פאַרענדיקט, איז געקומען אַ קורצער ענטפער פון ישראל שטערן (נ׳ 30). דער קומענדיקער נומער נ׳ 31 האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג פון נחמן מייזיל אונטערן נאָמען: „די רעוויזיע פון פרצעס גרויסקייט און פרצעס פאַרנעם אין דער יידישער ליטעראַטור״. אינעם אַרטיקל ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „אין זיינע אַרטיקלען ,ווער איז שולדיק — די ליטעראַטור צי די קריטיק׳ האָט משה גראָס בינו לבינו געכאַפּט און אָפּגעריסן די קרוין פון פרצעס קאָפּ״. גראָס האַלט, אַז „אַ רעוויזיע פון פרצעס פאַרנעם אין דער יידישער ליטעראַטור איז די היסטאָרישע אויפגאַבע פון דער מאָדערנער קריטיק״. און דערווייל, ביז יענער גרויסער ,רעוויזיע׳, מאַכט ער צורעכט פרצן און זיין שאַפן ווי אויף אַ שטאַנד־געריכט: קורץ, גיך און שאַרף״. און ווייטער: „משה גראָס אין זיינע אַרטיקלען איז אַן אמתער קונצנמאַכער (וואָס פרץ האָט אַזוי גלענצנד און אַזוי קינסטלעריש געשילדערט!), — ער ווייזט גאָר פיינע קונצן. ער וואַרפט געשווינד מיט כלערליי סתם־געדאַנקען, ער ציט פון מויל בלישטשענדיקע אַפּאַריזמען־לענטעס, רופט אַרויס ווייסע טויבן און גיפטיקע שלאַנגען, — און דאָס אַלץ איז ביי אים נישט געבונדן מיטן ממשותדיקן לעבן, מיט קאָנקרעטערווירקלעכקייט...״

און ווייטער ווערט געזאָגט אין דעם אַרטיקל־ענטפער אויף משה גראָסעס אומבאַרעכטיקטע און נישט־באַגרינדעטע אָנפאַלן: „עס איז איבעריק צו קומען און אויסצורעכענען פרצעס קינסטלערישע מעלות, אָנצוווייזן אויף די געוואַלדיקע גרויסע פאַרדינסטן, וואָס פרץ און זיין שאַפן האָבן געהאַט און האָבן עד־היום אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פונעם יידישן קולטור־שאַפן. דער חיות פון פרצן האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון דעם יידישן גייסט ביז איצט, און זיינע ווערק — קלענערע און גרערסערע — זיינען רייכער קינסטלערישער שטאָף אויך פאַר די שאַפער פון טעאַטער, מאָלעריי און מוזיק, וועלכע שטייען אָפּטמאָל גאָר פון דער זייט...״

„און ווייסט טאַקע נישט משה גראָס — זאָג איך ווייטער — וועגן דער געוואַלדיקער השפּעה, וואָס פרץ האָט געהאַט אויף די פאָלקס־מאַסן און וועגן דעם ענגן קאָנטאַקט, באַזונדערער ליבע פון די יידישע אַרבעטס־מאַסן צו פרצן אין די 90־סטער יאָרן, — ווען ער זאָגט, אַז ,דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט אַריינלייגן אפילו אַ ברעקל גייסטיקע ענערגיע אין פרצעס שאַפונגען׳...״ („ליט. בלעטער״, נ׳ 31).

און איך האָב געראָטן משה גראָסן: „ביז וואַנעט איר וועט צוטרעטן צו דער גרויסער ,רעוויזיע' איבער פרצן, זעצט זיך דערווייל אַוועק און לייענט אַדורך מיט ישוב־הדעת פרצעס ווערק — טאַקע אַלע פון אָנהויב ביזן סוף, און דאַן בין איך זיכער, וועט איר זיך אָפּזאָגן פון אַלע אייערע איצטיקע זאָגעכצן. און דאָס פּנים וועט אייך פלאַמען פאַר בושה פאַר די אַלע ווערטער, וואָס איר האָט אַרויסגעבראַכט." (ז' 595).

אַרום דעם אַרטיקל פון משה גראָס האָט זיך אַנטוויקלט אַ אינטערעסאַנטע פּאָלעמיק, אין די צייטשריפטן פון וואַרשע, ניו־יאָרק און אין אַנדערע לענדער. כמעט אַלע האָבן רעאַגירט אויפן זעלבן אופן, נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם תוך און דעם פשט פון די שאַרפע אַנגרייפערישע ביטול־ווערטער אויפן אַדרעס פון פרצן.

ש. ניגער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָבן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן משה גראָסן (אגב, דער אַרטיקל פון משה גראָס איז איבערגעדרוקט געווען אין ניו־יאָרקער „אויפקום"). ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „... משה גראָס האָט אַ האַרץ אויף פרצן. ער איז שולדיק אין אַלץ". ביאַלאָסטאָצקי פרעגט אָפּ דעם „מעטאָד" פון גראָסעס „קריטיק" און באַווייזט אַז אַזאַ מין אופן פון אַרונטעררייסן פרצן איז אַ רעזולטאַט פון איינזייטיקייט, וואָס „פירט צו פאַרווירונג, צו צעטומלעניש, צו קלייזלדיקייט, צו שמאָלקעפּיקייט, צו אומגליק." („אויפקום", אויגוסט 1927).

עס האָט גענומען אַ וואָרט אין דער הייסער דעבאַטע ה. ד. נאָמבערג, וועמען דער אָנגריף אויף פרצן האָט שאַרף אויפגערייצט און אויפגערעגט. עטלעכע טעג פאַר זיין טויט האָט ער אָנגעשריבן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג, און דער דריטער קאַפּיטל האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שורה: „וועגן דעם אין נאָענטן אַרטיקל". אָבער דער נאָענטער אַרטיקל איז שוין נישט געקומען. דער קאַפּיטל דריי איז אַזוי־אַרום געווען דאָס לעצטע, וואָס איז אַרויס פון ה. ד. נאָמבערגס פעדער. ה. ד. נאָמבערג הויבט אָן זיין אַרטיקל: „מיך וואונדערט אינגאַנצן ניט, וואָס די ליטעראַרישע קיבעצאַרניע האָט זיך איצט גענומען צו פרצן, אים אַרונטערצורייסן... דאָס האָט געמוזט קומען—אָט־די ,רעוויזיע' פון פרצן, נעכטן, היינט, מאָרגן, צי איבערמאָרגן..." ה. ד. נאָמבערג זאָגט ווייטער: „די פאַרהערלעכונג פון פרצן איז ניט געווען באַגרינדעט אויף מיטלעבן, דורכלעבן דעם דיכטער, און די ,רעוויזיע' פאַרשטייט זיך, איז נישט געווען באַגרינדעט אויף איבערלעבונגען..." ה. ד. נאָמבערג באַשולדיקט די אינטעליגענץ, וואָס „האָט אים געקרוינט פאַר אַ רבין, זיך אַליין — פאַר חסידים. פרצן האָט מען אַרויפגעזעצט אַ ספּאָדיק אויפן קאָפּ, זיך אַליין האָט מען אָנגעטאָן שטריימלעך, און עס איז אַוועק אַ גאַנג מיט ,חסידות'..."

ה. ד. נאָמבערג האַלט, אַז בכלל אַ פרץ־רעוויזיע וואָלט נישט געשאַדט, אָבער די רעוויזיע דאַרף זיין פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער און צוגאַנג, ווי משה גראָס האָט געמאַכט. „די רעוויזיע — זאָגט נאָמבערג — דאַרף אָפּוואַרפן פון פרצן אַלץ דאָס, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער אויגן־פּאַרגלייזקייט, נישט־אינערלעכקייט און אויבערפלעכלעכקייט, מיט ,חסידות׳; און איבערלאָזן באַדאַרף זי דאָס, וואָס איז נישט געווען צופעליק ביי פרצן, נאָר אָרגאַניש מיט אים צוזאַמענגעוואַקסן דורך בלוט, טראַדיציע, דערציאונג... עס וועט בלייבן פיל, זייער פיל, אַז פרצעס נאָמען זאָל בלייבן שטיין אויף דעם שיידוועג פון אונדזער היסטאָריע אַלס איינער פון די גרעסטע און די ערשטע.״ (זע ה. ד. נאָמבערגס בוך „פרץ״. בוענאָס איירעס, ז״ז 100־102).

אָט־די בייזע און האַרבע „פרץ־רעוויזיע״ האָט נישט אויפגעהערט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט באַגעגנט אין 1927 די שאַרפסטע קריטיק און האָט אדרבא אַרויסגערופן אַ נייע פאַרהערלעכונג פון פרצן.

מיט עטלעכע יאָר שפעטער, אין 1935, צו דער געלעגנהייט פון פרצעס 20־טן יאָרצייט האָט משה גראָס באַנייט זיינע אַטאַקעס. ער האָט פון יענער דעבאַטע, ווייזט אויס, וויניק־וואָס געלערנט, און ער האָט אין וואַרשעווער „היינט״ (פונעם 23־סטן אַפּריל 1935) פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „אָפּשאַצונג״, וואו ער האָט מיט אַנדערע, מער־מילדערע ווערטער, איבערגעחזרט זיין קריטישע אויפפאַסונג פון פרצן. מיר האָבן נישט ביי זיך דעם אַרטיקל, מיר באַנוצן זיך מיט דער אָפּהאַנדלונג פון שלמה ביקל אין זיין בוך „אינזיך און אַרומזיך״ (נאָטיצן פון אַ פּאָלעמיסט, פ׳ שלום־עליכם״, בוקאַרעשט, 1936, ז״ז 15־26).

ש. ביקל ענטפערט אין זיין אַרטיקל נישט נאָר משה גראָסן, נאָר אויך ש. ניגערן, וועלכער, ווי ש. ביקל, זאָגט: „שטיל און צניעותדיק האָט זיך צום פראַנט פון דער פרץ־רעוויזיע צוגעטוליעט ש. ניגער״, וואָס צום 100־סטן געבוירנטאָג פון מענדעלע מו״ס האָט ער געהאַט „די געלעגנהייט אַרויסצושיילן דעם הויפּט־אונטערשייד צווישן זיידן פון דער עלטערער און דעם טאַטן פון דער נייערער יידישער ליטעראַטור. אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד לויט ש. ניגער? וואָס דער זיידע איז אין רעכטן מיטן קאַמפּסלאַגער געווען אַ קינסטלערישער כאַראַקטער, בעת פרץ איז, פאַרקערט, אין אַ קונסט־עפּאָכע געווען אַ מענטש פון קאַמף״ („צוקונפט״, 1935, דעצעמבער). און ש. ביקל פירט ווייטער דעם געדאַנק און זאָגט: „היוצא לנו מזה? פרץ האָט, אמת, געהאַט דעם גרויסן פאַרדינסט, וואָס ער האָט געלעבט אין אַ קונסט־ עפּאָכע... אָבער געווען איז ער נישט מער ווי אַ מענטש פון קאַמף. אַ מערכה, וואָס ניגער אַליין איז נישט קיין מענטש פון קאַמף און נישט אַזאַ אכזר ווי, למשל, משה גראָס, וואָס ווייסט און זאָגט בפירוש, אַז ,פרץ איז נישט

געוועזן קיין דיכטער בחסד עליון׳. פּאַרזיסט טאַקע ער, ניגער, אַביסל דעם האַרבן גזר־דין: פּרץ איז דווקא יאָ געוועזן אַ דיכטער, אָבער נישט קיין קינסטלער.״

און ש. ביקל, אַ הייסער חסיד און פאַרערער פון פּרצן, שרייבט ווייטער: „ניגערס צושטיין צום אַנטי־פּרץ פראָנט ביי אַזאַ פייערלעכער געלעגנהייט ווי דעם זיידנס 100־סטער געבוירנטאָג, האָט די פּרץ־רעוויזיע אַקטואַליזירט. און אויב אַזוי — איז זיך כדאי אומצוקערן צום אויסגאַנגס־פּונקט, צום בייזן מלאך משה גראָס און זען, וועלכע זיינען עס זיינע טעזיסן.״ משה גראָס זאָגט, אַז „פּרץ איז געוועזן אויסגעליפערט צו דער צייט, צו אירע ווייטיקן, קאַפּריזן, מאָדע־שטימונגען״. און אָפּשטעלנדיק זיך אויף די שטימונגען און געדאַנקען, וואָס האָבן באַהערשט די וועלט־ליטעראַטור און איניקע יידישע שרייבער, פירט אויס ש. ביקל, אַז „דווקא פּרץ איז געוועזן פריי פון אַט־די אַלע ,איבערמענטש־מאַנקאַליעס׳...״ און „דווקא פּרץ האָט פאַרהאַלפן דער יידישער ליטעראַטור אַריבערצושפּרייזן די צייט־ווייטיקן און צייט קאַפּריזן און זיך באַהעפטן צו דעם איבערצייטלעכן גאולה־פּאַטאָס, וואָס האָט באַלד העל באַלויכטן און באַלד פינצטער געזשאַרעט אין די גרויסע גייסטער פון אַלע עפּאָכעס און אַלע צייטן.״ (ז״ז 16־18).

און ווייטער ציטירט ש. ביקל משה גראָסעס באַשולדיקונג קעגן פּרצן, אַז „די יידישע ליטעראַטור איז געוועזן צו יונג פאַר זיין גייסטיקער ראַפינירטקייט״, און ער ענטפערט אים: „די יידישע ליטעראַטור איז נישט קיין יונגע, ווייל זי איז פאָרם־באַנייאונג פאַר אַן אַלטן אינהאַלט. זי איז המשך פון דורות און נישט פלוצימדיקע געבורט פון ים־שוים.״ (ז׳ 25). און דער אויספיר פון דעם אַרטיקל איז: „אַן פּרצעס גייסטיקער ראַפינירטקייט, וועלכע ער האָט געשטעלט אין דינסט פון זיין דיכטערישן כוח, וואָלט די יידישע ליטעראַטור אפשר דערגרייכט צו דער „געשלאָסענער קינסטלערישער פאָרם״ פון שטייגער־דעסקריפּציע, זי וואָלט זיך אָבער ניט געוועזן דערקלערט (ווי פּרץ דעפינירט אין זיין ,וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור?׳) צום הויכן פּונקט פון וועלכן דאָס אַלץ זאָל געזען ווערן׳...״ (ז׳ 26).

8

אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו פּרצן און צו זיין שאַפן האָט אויך געהאַט דער באַוואוסטער עסייאיסט ד״ר א. קאַראַלניק, און זיין קריטישע נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון פּרצן שטאַמט גאָר פון אַן אַנדער מקור. וועלן מיר טאַקע ברענגען אַ גרעסערן אויסצוג פון זיינעם אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט אַנומלטן פאַרעפנטלעכט אין „טאָג״ אונטערן נאָמען „די גאָלדענע רוט״ („שרביט

הזהב״). ער האָט געפּרואווט דערווייזן, אַז „די גאָלדענע רוט״ איז אומבאַרעכטיקט איבערגעגעבן געוואָרן פּרצן. ד״ר קאָראַלניק זאָגט:

„איך מוז מודה זיין, אַז איך בין געווען פאַר אַ לאַנגער צייט, אויב נישט קיין קעגנער, אָבער זיכער נישט קיין גרויסער באַוואונדערער פון פּרצן. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם קולט אַרום אים, אָט־די התלהבות פון אַלע יידישע שרייבער, וואָס זיינען געווען אין זיין קרייז און געשטאַנען אונטער זיין השפּעה. איך האָב אים געזען בלויז ליטעראַריש, און געמאָסטן אים מיט דעם ריין־קינסטלערישן ווערט, און ער איז געווען פאַר מיר אַ פראַגמענטאַרישער, נישט פאַרענדיקט, בלויז אָנגעוואָרפן און זעלטן אַן אויספירונג. אָפט אויף דעם גרענעץ פון דעם פעליעטאָן, פון אַרויפגעשרויפטער שטימונג״. און ד״ר קאָראַלניק כאַפּט זיך צוריק: „געוויס, פראַגמענטן, נישט־פאַרענדיקטקייטן, זיינען אָפט עכטער און ווערטפולער ווי גאַנצקייטן. און אייגנטלעך איז יעדע שאַפונג אַ פראַגמענט, און פעליעטאָן איז פּונקט אַזאַ קונסט, ווי אַ ראָמאַן אָדער אַ פּאָעמע, ווען אויסגעהאַלטן אין סטיל און אין פאָרם. קוואַנטיטאַטיווע מאָסן, גרעסער אָדער קלענער, לענגער אָדער קורצער, דאָס זיינען נישט קיין מאַסשטאַבן פאַר אַ ליטעראַרישער שאַפונג. טאָלסטאָיס „כאַדזשי מוראַט״ איז קלענער אין כמות פון „מלחמה און שלום״, אָבער אין איכות, אין קינסטלערישן ווערט, גלייכן זיי זיך אויס, און אפשר איז די קירצערע דערציילונג קינסטלעריש שטאַרקער ווי דער גרויסער ראָמאַן.״ און ד״ר א. קאָראַלניק דערקלערט ווייטער אַזוי זיין נישט־צופרידנקייט מיט פּרצן: „נישט דאָס איז געווען די טענה צו פּרצן און נישט אַזוי דער קריטישער צוגאַנג. וואָס מיך האָט תמיד ווייט געהאַלטן, אָפּגעקילט און האָט פאַר מיר אָפּגעפרעגט די קינסטלערישקייט פון פּרצעס שאַפונגען, איז געווען די מתיקות, די זיסקייט, דער פידל־טאָן אָדער ווי פידלער זאָגן, דער „שמעלץ״. קיינמאָל נישט די האַרבקייט, קיין האַרטקייט, אָט־די שטרענגקייט צו זיך און צו דער וועלט, איך וואָלט שיעור ניט געזאָגט, דער אַסקעטיזם, וואָס איז נויטיק פאַר אַ שאַפערישן, פאַר אַ קינסטלערישן מענטשן. דער אַסקעט איז דער, וואָס קנעט און קלעפּט דעם געגעבענעם שטאָף, די וועלט אַרום זיך און זיך אַליין נאָך דעם מוסטער פון פולקאָמענקייט, דער אידייע פון שלימות, וואָס לעבט אין אים... — — — מיר האָט זיך תמיד אויסגעוויזן, אַז י. ל. פּרץ איז געווען דער טיפּישער שריפטשטעלער, — ברייט אַלזייטיק, אַזוי און אַזוי, פון היינט ביז מאָרגן אַנדערש געשטימט, און די־דאָזיקע שטימונגען און וואַריאַנטן אַריינגעוויקלט אין דעם ווייכן, סאַמעטענעם פידל־טאָן...״

און ווייטער שרייבט ד״ה א. קאָראַלניק:

„... אין אַלע, וויניקסטנס אין די מערסטע דערציילונגען פון פּרץ חסידישע פאָלקס־מעשיות, אין די דראַמען און אין די לידער, ביז צו די אַרטיקלען

און פּאַליעטאַנען, מערקט זיך תמיד דאָס נישט דערגיין ביז צו דעם קוואַל. און דערפֿאַר ווערט ביי אים דער חסידיזם אַזוי ראָמאַנטיש, און דאָס פֿאָלקס־לעבן אַזוי עלעגיש. און דערפֿאַר זיינען פֿון פּרצן געבליבן נישט געשטאַלטן, נאָר ווערטער, שיינע ווערטער ווי „נאָך העכער", ווי „שבת זאָל זיין אויף דער וועלט" ווי באַנציעס קינדישע בקשה פֿאַר דעם בית־דין של מעלה. אָבער מיר זעען נישט באַנציען, מיר הערן אים נאָר. מיר זעען נישט רביים און נישט קיין חסידים, ווייל זייערע געשטאַלטן ווערן פֿאַרזונקען און פֿאַר־פֿאַרבט, ווייל אויף אַלע וועגן, און אויף אַלע שטעגן גייט זיי נאָך, גייט אונדז נאָך, דער גלגול פֿון אַ ניגון..."

ד"ר א. קאָראַלניק באַמיט זיך צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס איז י. ל. פּרץ אַזוי באַוואונדערט געוואָרן און פֿאַרוואָס איז אַזוי גרויס געווען זיין השפּעה. און ער זאָגט: „אָבער איך טראַכט זיך אַריין טיפֿער, און איך הויב אָן צו פֿאַרשטיין, אַז אָט טאַקע אין דעם מוזיקאַלישן עלעמענט, אין דעם פֿידל־טאָן ליגט דער סוד פֿון פּרצעס גרויסער השפּעה און פֿון דער לעגענדע, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אַרום אים. מענטשן בכלל זיינען הונגעריק נאָך פּערזענלעכקייטן און דורשטן נאָך פֿירערשאַפֿט... — — — די פּערזענלעכ־קייט, דער מייסטער האָט געפֿעלט אין דער יידישער סביבה. אפשר נויטיקן זיך יידן נאָך מער אין דעם, ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער, טאַקע ווייל אין זיך אַזוי צעריסן און ווייל פֿראַגמענטן, און שטענדיק מיט דעם צענטער אין מרחקים, גאַרן זיי, בענקען זיי נאָך איינעם, וואָס זאָל פֿאַרבינדן, פֿאַרקניפּן, באַאיינפֿלוסן..." „דער נייערער דור איז געבליבן אָן גייסטיקער פֿירער־שאַפֿט. ער האָט געוואַרט אויף איר. די גאָלדענע רוט פֿון מייסטערשאַפֿט איז געווען גרייט, און פּרץ האָט געהאַט דעם מוט און די פֿאַנטאַזיע און די ראָמאַנטיק זי אויפֿצוהויבן, נעמען אין זיינע הענט..."

אָט אַזוי באַגרייפֿט א. קאָראַלניק פּרצעס גייסטיקע מעשיות און אַזוי באַנעמט ער דאָס פּראָבלעם פֿון פּרצעס השפּעה אויף זיין דור. אַזוי פּשוט: עס איז זיך ערגעץ וואו געלעגן די „גאָלדענע רוט", האָט מען באַדאַרפֿט בלויז „מוט, פֿאַנטאַזיע און ראָמאַנטיק", האָט פּרץ זיך צוגעגנבעט „צו איר", „זי אויפֿגעהויבן, גענומען אין זיינע הענט" און... גענומען קיניגן...

און האָבנדיק אַזוי־אַרום געפּאַקט דעם „סוד" פֿון פּרצעס באַליבטקייט און פּאָפּולערקייט און געקראָגן דעם ריכטיקן „שליסל" פֿון דער פֿאַרבאַר־גענער טיר צו פּרצעס באַרימטקייט, קאָן ד"ר קאָראַלניק שוין מאַכן אַזאַ אויספֿיר: „איצט שלאָגט שוין די כוואַליע צוריק. די שטימונג האָט זיך אויסגעלעבט, דער „ניגון" איז שוין „מגולגל" געוואָרן ביז צו אַן אָפּע־רעטע־טאָן. מיר מוזן — זאָגט ד"ר קאָראַלניק — זיך ווידער אומקערן צו דער שטיין־פֿעסטקייט און דער תוכיקייט פֿון דער פֿאַר פּרץ־צייט, אפֿילו

אין דער מיסטיק..." "די גאָלדענע רוט פון פירערשאַפט — גיט ער צו וויסן די "בעלנים" אויף איר — איז ווידעראַמאָל פריי."

צי ד"ר קאַראַלניק האָט ערגעץ־וואו געפרוווט געבן אַן אַנדערע אָפּ־שאַצונג וועגן פרצן — ווייסן מיר נישט.

אין אָנהויב פון דעם אַרטיקל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף ש. דובנאָווס נעגאַטיווער באַציאונג צו פרצן און צו זיינע ערשטע ווערק. דאָס איז געווען נאָך אין יאָר 1888. עס איז אינטערעסאַנט, וואָס מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער האָט זיך אָט־די קריטישע אויפפאַסונג פון פרצן און פון זיין שאַפן כמעט נישט געענדערט ביי ש. דובנאָוון. אין זיין אויטאָבי־אָגראַפישן בוך (געשריבן אין רוסיש — "קניגאַ זשיזני") דערמאָנט ש. דובנאָוו עטלעכע מאָל ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פרצן, און גאַנץ־פאַרזיכטיק באַטאָנט ער זיין נעגאַטיווע שטעלונג צו פרצן, צו זיין פער־זענלעכקייט. מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו דעם בוך.

אין דעצעמבער 1935 אין אַ בריוו צו ד"ר א. א. ראבאק (פאַרעפנט־לעכט אין "יידישע קולטור", 1943, נ' 10, ז' 24) וועגן זיין ענגלישן בוך איבער פרצן, שרייבט ש. דובנאָוו: "אַ רייכער מאַטעריאַל, אַ פיינע קאָנ־סטרוקציע און אַ פּיעטעט צום אָביעקט. איך וואָלט געזאָגט: שוין צופיל פּיעטעט. פרץ איז אַ גרויסער שרייבער אין אַ קליינער, גאָר יונגער לי־טעראַטור, אָבער ער וואָלט געווען אַ קליינער אָדער אַ מיטלמעסיקער שרייבער אין אַ גרויסער ליטעראַטור. ער איז ווייט פון פילאָסאָפישער טיפקייט, וואָס איר זוכט אין אים. אין זיינע חסידישע דערציילונגען איז נאָר דאָ מיסטישע טיפקייט, וואָס ליגט אין דער לעגענדע אַליין. איך בין געווען דער קריטיקער פון זיינע ערשטע ווערק — "מאָניש" און אַנדערע (געשריבן נאָר עטלעכע שורות אין רוסישן ,וואָסכאָד') און מיך האָט אָפּגע־שטויסן זיין סנאָביזם אין סטיל, זיין קונצמאַכעריי: קורצע שורות, פּינ־טעלעך, נישט דערזאָגט ("טרעף וואָס איך מיין!"), אויסערלעכע אַפעקטן, וואָס ביי אַזאַ קינסטלער ווי מענדעלע וועט איר דאָס נישט טרעפן. זיינע ,רייזע־בילדער' און שפּעטער — די חסידישע מעשיות זיינען פּרעכטיק, די לעצטע — אויף וויפיל נישט געקינסטלט. די מיסטישע דראַמעס — צו אַפעקטירט. אַלס פּסיכאָלאָגישער טיפּ איז פרץ אינטערעסאַנט, אָבער די נעגאַטיווע זייטן, וואָס פרישמאַן האָט אין אים געפונען, זיינען ריכ־טיק: פרץ האָט אין זיך געהאַט אַ גלגול פון אַ חסידישן רבין, וואָס וויל, מען זאָל אים פאַרגעטערן; אַן אָפּלאָדיסמענטן האָט ער נישט געקאָנט לעבן. דאָס איז נישט קיין סימן פון אַן עכט־גייסטיקער און עטישער נאַ־טור. איר זייט דאָך אַ פּסיכאָלאָג, אָבער איך מיין, אַז איר וואָלט פרצן ריכ־טיקער אָפּגעשאַצט, ווען איר וואָלט אים געקענט נעענטער, פערזענלעך,

אים און זיין סביבה. ביי איך איז ניכר די אילוזיע פון דיסטאַנץ. אָבער נאָך אַלעמען איז אייער ווערק אַ גרינטלעכע פאָרשונג, וואָס וואָלט גע־פּאַסט פאַר אַ גרעסערן העלד.״

די סודות, רמזים און די אָנצוהערענישן און די פּינטעלעך־פּאַסיקלעך ביי פּרצן הערן נישט אויף צו פאַרנעמען די יידישע קריטיקער אויך אין אונדזערע צייטן.

אין זיין ביכל „י. ל. פּרץ״ (ניו־יאָרק 1940) באַרירט משה כץ די אַלטע פראַגע וועגן פּרצעס אופן פון שרייבן און ער רעדט וועגן די פאַר־וואורפן וואָס מען האָט שטענדיק געמאַכט פּרצן. און אָט וואָס עס זאָגט מ. כץ:

„וועגן י. ל. פּרצן איז נאָך מיט אַ פערציק יאָר צוריק פון דוד פרישמאַנס לייכטער האַנט פאַרשפּרייט געוואָרן אַ מיינונג, אַז אים איז זייער שווער צו פאַרשטיין. „קאָפּ צו ווידל... פּינטעלעך... ווידל צו קאָפּ... פּינטעלעך״ — האָט פרישמאַן אַמאָל געמאַכט חוזק פון י. ל. פּרצעס סטיל און מעטאָד פון שרייבן — וואָס קאָן מען דאָ פאַרשטיין? וואָס מיינט ער דערמיט צו זאָגן?

„פרישמאַנס סברה האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביים עולם. אַזוי ווי פּרץ רעדט אָפט — ספּעציעל אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, חסידישע דערציילונגען, און באַזונדערס אין די דראַמעס — מיט רמזים און אָנצוהערענישן, האָט מען גענומען אַריינקוקן הינטער די רמזים און זוכן דאָרטן רמזים אויף רמזים, אָנצוהערענישן אויף אָנצוהערענישן, וועלכע עס קאָנען, כלומרשט, באַגרייפן בלויז אויסדערווײלטע מענטשן, באַזונדערס שאַרפע קעפּ, גאָר גרויסע פיינשמעקער און מבינים. אפשר איז י. ל. פּרצן אַליין געפעלן געוואָרן דער דאָזיקער אָנשטעל, וואָרים וואָס ווייטער האָט ער זיך געמאַכט אַ מנהג — אפילו אין זיינע ריין־פּובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן פאַר די „פריינד״־ און „היינט״ לייענער — צו שרייבן מיט פּינטעלעך, כאָטש די דאָזיקע פּינטעלעך זיינען בפירוש נישט מער ווי אַ שרייבעריש הנדל און האָבן הינטער זיך קיין שום „סודות״ נישט באַהאַלטן.״ — — — (ז׳ 20). „און אָט אַזוי האָט י. ל. פּרץ וואַרשיינלעך אַ געוויסע צייט גאַנץ גערן אָנגענומען די פּאָזע פון איינעם, וואָס רעדט מיט רמזים, וואָס באַהאַלט הינטער זיינע ווערטער סודות און אָנטפּלעקט זיי נאָר פאַר די אויסדערווײלטע וואָס קאָנען פאַרשטיין. מיט 40—50 יאָר צוריק, ווען די וועלטלעכע יידישע ליטעראַטור איז נאָך געווען זייער יונג, ווען די פּראָגרעסיווע יידישע אינטעליגענץ איז נאָך געווען זייער קליין; ווען אַ גרויסער טייל פון דעם, וואָס מען האָט געוואָלט זאָגן, האָט, צוליב די דעמאָלטדיקע באַדינגונגען פון דער צאַרישער צענזור, געמוזט אַרויסגעזאָגט ווערן זייער פאָרזיכטיק, מיט האַלבע ווער־

טער, און טיילווייז ווי אַ סוד אין אויער — אין אַזאַ צייט איז פּרצעס רמזדיקער סטיל פון שרייבן געווען ווי אַנגעמאָסטן פאַר באַשטימטע קרייזן און האָט אפשר צוגעגעבן דעם שרייבער און זיינע ווערק אַ באַזונ־דערע חשיבות.״

אָבער עס וואָלט געווען פאַלש צוצושרייבן דעם אופן פון שרייבן, דער רמזימדיקער בלויז דער „פּאָזע״ און דעם ווילן אַזוי־אַרום, דורך „רמזים און אַנצוהערענישן״ געווינען חשיבות ביי „באַשטימטע קרייזן״. משה כץ דערמאָנט פריער „די דעמאָלסדיקע באַדינגונגען פון דער צאַרי־שער צענזור״. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז די אַלעגאָריע איז געווען אַן אָנ־גענומענע פאָרם אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור. און משה כץ גיט שפּעטער אויך צו: „עס איז אויך וואַרשיינלעך, אַז דער סימבאָליזם פון דעם „סוף פון יאָרהונדערט״, וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פון 19טן י״ה און אין די ערשטע יאָרן פון דעם 20־סטן פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע ווי אַ מין אויסדרוק פון גייסטיקער איבערגעזעטיקייט און פון אַ זוכעניש פון נייע פאָרמען — אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דעם פאַרוואול־גאַריזירטן נאַטוראַליזם פון עמיל זאָלאָס מחנה נאָכמאַכער — אַז דער דאָ־זיקער סימבאָליזם האָט אין זיינע אויסערלעכע פאָרמען אַפּעלירט צו י. ל. פּרצן. אָבער פּרץ איז נישט געווען קיין סימבאָליקער. דאָס, וואָס מען האָט אָפט ביי אים אָנגענומען פאַר טיפע און סודותדיקע סימבאָלן, וואָס באַהאַלטן הינטער זיך קינסטלערישע, צי פּאָליטישע סודות, און ס׳רוב געווען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי פּשוטע משלים — און דערביי משלים דורכזיכטיקע, וואָס האָבן בשום אופן נישט באַהאַלטן דעם מאַטעריאַל, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט.״ (ז׳21).

אָט אַזוי איז מען אַלע יאָרן, אָנגעהויבן פון 1887 און ביז אונדזערע צייטן, געקומען מיט טענות און פאַרוואורפן צו י. ל. פּרץ און צו זיין שאַפן. אין די טענות און אין די פאַרוואורפן זיינען געקומען צום אויסדרוק די פאַרשיידענע ריכטונגען און שטרעמונגען, ווי אויך די פאַרשיידענע קאָפּ־ריזנע מיינונגען פון איינצלנע שרייבער, וועלכע האָבן געפירט שטרייטן און קאַמפן, באַרעכטיקטע און אומבאַרעכטיקטע — מיט פּרצן.

אין די אַלע פאַרשיידענע פאַרוואורפון און טענות צו פּרצן ווייזט זיך אָבער אויך אַרויס אויף וויפל די פּרץ־געשטאַלט, די פּרץ־ווערק האָבן כסדר אַלע יאָרן נישט אויפגעהערט צו רייצן און צו אינטריגירן!

י. ל. פרץ — דער לערער און וועגווייזער

1

מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער שרייבער אין דער יידישער ליטע־ראַטור איז י. ל. פרץ פון די סאַמע ערשטע יאָרן פון זיין אַריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט, געווען און געוואָרן דער לערער און וועגווייזער, אָדער, ווי מען האָט אים שפּעטער געקרוינט מיטן נאָמען „דער פּאַטער פון דער יידישער ליטעראַטור". אויסער זיינע דירעקטע איינפלוסן אויף אַ גרוי־סער צאָל יידישע שרייבער, וואָס זיינען געקומען צו אים אין הויז און וואָס האָבן אונטער פּרצעס געבענטשטער השפּעה גענומען שאַפן, איז אויך געווען גרויס פּרצעס איינפלוס בכלל אויף דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט שטאַרק באַרייכערט, פאַרברייטערט און פאַרטיפט און מיט זיין ברען און גייסט געפירט זי אויף נייע, ביז אים ווייניק אויסגעטראָטענע וועגן.

און מען דאַרף מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט אָפּוואַרפן די באַ־שולדיקונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף פּרצן אין פאַרשיידענע צייטן דורך פאַרשיידענע שרייבער, אַז ער האָט זיך סתם אַרומגערינגלט מיט, ווי שלום־עליכם האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ שמועס מיט י. ד. בערקאָ־וויטשן, „מיט יונגע־לייט חסידים, צווישן זיי אַ סך גאַרנישטן, פליאַסקעדרי־געס, וואָס באַמקען צו צו יעדן האַלבן וואָרט זיינעם, קומען אין קעלבערנע התפעלות פון יעדן וואונק זיינעם, פון יעדן קנייטש מיטן ברען: „איי, איי, פּלאַי פּלאַים!"... שלום־עליכם האָט אפילו געזאָגט: „פאַר דער יונגער יידישער בעלעטריסטיק איז עס אַ געפאַר, וואָס פּרץ ווערט איר וועגוויי־זער..." („שלום־עליכם בוך", ז' 158).

דאָס זעלבע האָבן נישט איין מאָל איבערגעחזרט אויך אַנדערע שרייבער. לאָמיר דאָ ברענגען פאַרשיידענע אַרויסזאָגונגען פון יידישע שרייבער און קריטיקער וועגן דער דויערנדיקער השפּעה פון י. ל. פרץ אויף דער יידי־שער ליטעראַטור, און לאָמיר טאַקע זען, ווי פּרצעס רייכע איינפלוסן זיינען געווען אַ מזל־ברכה פאַרן יידישן שאַפן, ווייל זיי האָבן אַרויסגעפירט די יידי־שע ליטעראַטור פון אירע ענגע ד' אמות, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען. פרץ האָט געהאַט אין זיך אַ טיפן דראַנג צו פאַרברייטערן די ראַמען פון דעם

יידישן שאַפן, פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט אין העברייאיש און אין יידיש. און ס'איז געווען נאַטירלעך: פונקט ווי ער גופא האָט אויפגענומען כסדר די פאַרשיידנסטע איינפלוסן, פון וואַנען זיי זיינען נישט געקומען, אַזוי האָט ער גלייכצייטיק אויך משפיע געווען אויף זיינע מיטצייטלער, דירעקט און אומדירעקט, און זיי געשטויסן צו נייע וועגן, צו נייער טעמאַטיק.

ש. אַנסקי (1920-1863), וואָס איז געווען פּרצעס אַ לאַנגיאָריקער פאַר־ערער און מיט דער צייט געוואָרן זיינער אַ נאָענטער גוטער פריינט, האָט גע־שריבן וועגן פרצן: „זייענדיק דער גייסטיקער אָנפירער פון גאַנצע דורות פון יידישע שרייבער, פילנדיק די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם פּאָסטן, וועלכן ער האָט פאַרנומען, — האָט פרץ נישט געהאַט קיין סביבה, נישט געפילט קיין באָדן אונטער די פיס. אַלץ האָט זיך געפונען אין אַ כאַ־אָטישן צושטאַנד, נישט רייף, נישט אָרגאַניזירט, גרייט צעשטערט צו ווערן, צו פאַרשווינדן. פרץ האָט אַליין געמוזט זיך וואַרפן אויף אַלע זייטן, אַרבעטן אויף אַלע געביטן, ער האָט שטענדיק געמוזט זיך אָפרייסן פון זיינע קינסט־לערישע שאַפונגען און אַרויסטרעטן ווי אַ פּובליציסט, אַ קריטיקער, אַ פּאָ־פּולאַריזאַטאָר, רעדאַקטירן און אַרויסגעבן „בלעטלעך", מאַנאַטשריפטן, זאַ־מלביכער, האַלטן פאָרטראָגן א. א. וו. נאָר מער פאַר אַלץ צייט און קרעפטן האָט ער אָפּגעגעבן די יונגע שרייבער. ער האָט אויפגעצויגן, אויפגעהאָדע־וועט גאַנצע דורות מיט ליטעראַטן. כמעט די אַלע, וועלכע האָבן איצט אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור, זיינען דורכגעגאַנגען זיין חדר, דאַרפן אים פאַרדאַנקען זיין ליטעראַרישע דערציאונג. און אויף וויפיל ער איז געווען שאַרף און שטרענג מיט יענע הונדערטער און טויזנטער יונגע־לייט, וואָס האָבן אים געדולדעט אַ קאָפּ מיט טאַלענטלאָזע שרייבעכצן, אויף אַזוי פיל איז ער געווען צאַרט און צוגעלאָזן צו יענע, ביי וועלכע ער האָט באַמערקט אַ טאַלאַנט. זיי האָט ער אָפּגעגעבן זיין צייט, זיין אַרבעט, געשטיצט זיי, גע־האָלפן אַרויסטרעטן אין דער ליטעראַטור."

באַזונדערס איז פרץ פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ לערער און וועגווייזער אין דער צייט פון זיין יובל־פייערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1901. נישט צוגעגרייט אַפריער, איז אָט דער פרץ־יובל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרוי־סער פייערונג פאַר פרצן, וועלכער איז דאַן ווי געקרוינט געוואָרן פאַר דעם גייסטיקן פירער פון דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן.

בעל־מחשבות (1924-1873), איינער פון די הויפּט־מחותנים אויף דער גרויסער יובליי־שמחה, האָט געשריבן אין יענער צייט, און דערמיט האָט ער זיכער אויסגעדריקט די אַלגעמיינע שטימונג און מיינונג: „אויף זיין יובליי אין 1901, וואָס איז אין דער אמתן געווען דער ערשטער ריכטיקער יובליי פון אַ יידישן שרייבער, די ערשטע קרעפטיקע דעמאָנסטראַציע פאַר יידיש

ווי אַ פֿאָלקס־שפּראַך מיט אַ באַדייטנדיקער ליטעראַרישער צוקונפֿט, האָט חברה ליטעראַטן ביי דער מאָלצייט געזונגען דאָס חסידישע ליד „אונדזער רביניו". שוין דעמאָלט איז געווען די האַלב־באַוואוסטזיניקע הכרה (אָנער־קענונג), אַז פּרץ איז עפּעס אַ מדריך, אַ וועגווייזער, אַ צוזאָג אויף ווייטער, אַ רביניו. מען קאָן אים פֿאַרגלייכן בנוגע צו זיין ליטעראַרישער טעטיקייט מיט אַ רייכן קרוב, וואָס איז געקומען אין זיין שטעטל מיט פֿולע קעשענעס גרויס און קליין געלט. שיט ער אויס זיין מותרות (דאָס איבעריקע — נ. מ.) און ס׳אַרט אים נישט, וואָס צווישן די זילבערנע און גאָלדענע מטבעות וואַרפֿן זיך דורך קופּערנע צענערס און בלאַנקע גראָשנדלעך. אויך די גראָשנדלעך וועלן עמעצן צונוץ קומען; אויך זיי קאָנען אַריינפֿאַלן אין די ריכטיקע הענט, נאָך געבן עמעצן די מעגלעכקייט אַליין אַמאָל צו טיילן גראָשנדלעך". אַזוי זאָגט בעל־מחשבות, וואָס זייער אָפֿט האָט ער זיך באַצויגן גאַנץ־קאַלט צו אייניקע פּרצישע שאַפֿערישע פֿאַרמעסטן און זיי אפֿילו שאַרף קריטיקירט. ער איז דאַן ערשט געהאַט געקומען פֿון אויסלאַנד און נישט ווילנדיק, גע־מאָסטן־געוואויגן די ליטעראַרישע דערשיינונגען אויף דער יידישער גאַס מיט אייראָפּיאיִשער מאָס און וואָג.

„אום צו באַווייזן — זאָגט בעל־מחשבות, וואָס איז גאַרנישט אַזוי לייכט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער יידישער שאַפֿונגס־וועלט — ווי ריכטיק עס זיינען די דאָזיקע ווערטער, קלעקט נאָר צו מאַכן אַ אַנקעטע ביי אַלע אונד־זערע איצטיקע שרייבער (אונדזער ליטעראַטור איז נאָך יונג און כמעט אַלע אירע שרייבער לעבן און שאַפֿן נאָך!), איטלעכן אויסצופֿרעגן, ווי ווייט און טיף עס האָט אויף אים משפּיע געווען י. ל. פּרץ — און איך בין זיכער, אַז דער סך־הכל פֿון דער דאָזיקער אַנקעטע וועט אפֿשר נאָך זאָגן אַ סך מער ווי דאָס, וואָס שטייט דאָ געשריבן."

2

רעדנדיק מיט יאָרן שפּעטער (אין 1921, צו פּרצעס 7־טן יאָרצייט) — וועגן דעם ערשטן פּרץ־יובל שרייבט בעל־דמיון־נחום שטיף (1879־1933):

„... פֿון אַ נעבעך, פֿון אַ זשאַרגאָן, וואָס מענדעלע האָט דאָס אַרויסגעשלעפּט פֿונעם מאַרק און דער קיך און געגומען אויף זיינע ברייטע פּלייצעס — איז יידיש און יידיש־שאַפֿונג מיט אַמאָל דערהויבן געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס דאַרף קיינעמס היסכם ניט, און אַלע מוזן זיך דערפֿאַר בויגן. ניט מענדעלע, דער טיפּגראַבער און שטראָפֿזאָגער, דער שטרענגער אויטאָ־ריטעט, נישט שלום־עליכם, דער אָפּענער, דער פֿריינט, ביי אַלעמען ליב, האָבן דאָס צו יענער צייט נישט באַוויזן. צום ערשטן איז דאָס מיט פּרצן אויפֿ־געטאָן: און 1901, דער יובל, איז אַ ד אַ ט ע געוואָרן אין אונזער ליטעראַ־

טור־געשיכטע און מאָדערנער קולטור...״ („פרץ־זאַמלונג״, מינסק, 1922, איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור״, פעברואַר 1951).

בעל־דמיון שרייבט ווייטער: „... מיטן דאָזיקן גלויבן (אין אַ ליטעראַטור מיט לייטן גליך — נ. מ.) איז פרץ געבוירן געוואָרן, און וואָס־ווייטער האָט דאָס געהאַלטן ביי אים אין איין שטייגן. פרץ איז ביי אונדז דער פאָטער פון אייגנטלעכער ליטעראַרישער קולטור, ד. ה. פון פאָרם און בילד פאַר זיך, וואָס האָט איר פאַרענטפערונג אין זיך גופא, אין דער שרייבער־תאווה, נישט אין קיין זייטיקע צוועקן...״ — — — „מיט אַן אימפעט פון ליידנשאַפט און מיט אַ פאַרגלויבטקייט פון אַ געזאַלבטן האָט ער געהאַלטן אין איין בויען נישט בלויז זיין אייגנס, נאָר אַ גאַנצע ליטעראַרישע היים... — פרץ איז אַ פ י ר ע ר געווען, אַ צוועק און וועגווייזער פאַר אַ גאַנצן דור יידישע שרייבער, און זיין השפעה פילט זיך אינעם דאָזיקן דור און ביז אונדזער צייט נאָך, פון דור פינסקי ביז אַלטער קאַציזנע. — פרץ האָט ליקווידירט אַ תקופה פון ערב־ליטעראַטור, פון אומגלויבן אין ליטעראַטור, און אַליין האָט ער אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע פון ליטעראַטור ביודעים (באַוואוסטזיניק — נ. מ.), מיט אַ בפירושן מיין און מיט אַ נייער מאָס, וואָס זאָל שטימען מיטן נייעם צוועק, און מיט דער דאָזיקער גרויסער תקופה, וואָס האָט אונדז געעפנט דעם נעכטן און באַלויכטן דעם מאָרגן, איז פרצעס נאָמען פעסט איינגעקייטלט; איז איר פאָן.״

וואָס איז געווען דאָס נייע, וואָס פרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור? מיט וואָס האָט ער אַזוי שטאַרק געווירקט? וועגן דעם האָבן מיר די פאַרשיידנסטע מיינונגען. עס איז געווענדט צו וועלכער ריכטונג און שטרעמונג דער שרייבער געהערט און וואָס פאַר אַ וועלט־באַנעם ער האָט.

אין דעם בונדישן זאַמלבוך „די נייע צייט״ (ווילנע 1908, העפט 1) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פון ב. וולאַדעק, (1886־1938), — דאָן אַ פיל־צוזאָגנדיקער פיל־צוזאָגנדיקער אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט — אונטערן נאָמען „וועגן אַ נייער דראַמע״ (בליישטיפט־נאָטיצן — וועגן פרצעס „די גאָלדענע קייט״). אינעם אַרטיקל ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „... דאָס האָט נאָר די נייע ריכטונג אין אונדזער ליטעראַטור, פון וועלכער דער קאָפּ איז דער אַלטער פרץ, פאַרשטאַנען, אַז די איינפאַכקייט דאַרף נישט ליגן אין די ווערטער, נאָר אין דער פלאַסטיק. אַז די קלאָרקייט דאַרף זיין די, וואָס אין טיפן קוואַל... אַז דער שרייבער דאַרף נישט נאָר באַשרייבן און לערנען, נאָר אויך רייצן און וועקן, פאַרוואונדערן און פאַרשכורן... אָט לעזט „די גאָלדענע קייט״... ,די גאָלדענע קייט׳ דאַרף זיין דער פונדאַמענט־שטיין פאַר דעם היכל פון דער מאָדערנער יידישער דראַמע.״ (ז׳ 64).

און אויך יהואש (1871־1927), וואָס האָט זיך באַגעגנט מיט פּרצן אין 1891 און דערנאָך אַלע זיינע יאָרן זיך געצויגן צו פּרצן און נישט אויפגעהערט באַ־איינפלוסט צו ווערן פון אים, האָט געשריבן אין זיינע באַקאַנטע פּרץ־באַטראַכ־טונגען: „דער גרעסטער טייל פון די יידישע שריפטשטעלער פון זיין דור, דער דור וואָס איז געקומען הינטער אים, האָט אים (פּרצן) צו פאַרדאַנקען די ערשטע טריט, אָדער דאָס אונטערפּירנס. קיינער פון אונדזער שריפטשטעלער איז נישט געווען אַזאַ מעורר און באַגייסטערער פון יונגע אויפשפּראָצנדיקע טאַלאַנטן ווי ער. געגנוי רעדנדיק, איז פּרץ און נישט קיין אַנדערער דער טאַטע פון דער יידישער ליטעראַטור. אַלע יידישע שריפטשטעלער זיינען אין אַ (געוויסן) זין פּרצעס תלמידים. פּרץ האָט געבראַכט אמונה אין דער יידישער ליטעראַטור..." (יהואש — „באַטראַכטונגען", אין די „ליטעראַרישע בלע־טער", 1925, איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור", נ"ב 3־4, 1945).

יהואש האַלט, אַז פּרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַ־טור דעם נייעם גאַנג, דעם נייעם פאַרנעם. „פּרץ — זאָגט ער — איז דער פאָטער פון דעם סטאַקאַטאָ־סטיל אין יידיש. אין אַ צייט, ווען די אַנדערע שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט באַרע־דעווקייט, אָדער ריכטיקער — פלוידערלעכקייט (און געמאַכט די דאָזיקע פלוידערלעכקייט פאַר זייער הויפּט־געצייג אין זייער הויפּט־שטאַרקייט), איז דאָס אַ טאָפּעלער פאַרדינסט."

און אָט ווי שרייבער, וואָס האָבן געקענט פּרצן נעענטער און געווען מיט אים פאַרבונדן פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט, וואַרפט אָפּ די אויסגעטראַכטע באַשולדיקונג, אַז פּרץ האָט זיך געפירט מעשה־רבי און געפּראַוועט „רבישאַפט". ב. גאָרין (1868־1925) אין זיין אַרטיקל נאָך פּרצעס טויט („צוקונפט", יוני 1915) שרייבט: „אין די נעקראָלאָגן האָט מען פיל מאָל דערמאָנט „רבי און תלמידים". דאָס קאָן מאַכן אַ פאַלשן איינדרוק. דער באַגריף פון אַ רבין און תלמידים איז, אַז דער רבי זאָגט, און די תלמידים הערן, דער רבי איז דער אויטאָריטעט און די תלמידים בוקן זיך צו אַלץ וואָס ער זאָגט... דאָס איז נישט די אַטמאָספערע, וואָס פּרץ האָט אַרום זיך געשאַפן."

וועגן דעם, אַז פּרץ האָט געלערנט די שפּעטערדיקע שרייבער און אַז פּרץ איז געווען און פאַרבליבן דער מורה־דרך פון דער יידישער ליטעראַטור און איר לייכט־טורעם, וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג אין די סאַמע פינצטערע צייטן, האָט י. אָפּאַטאָשו באַטאָנט אין זיינע אַרטיקלען, געשריבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. צו פּרצעס 10־טן יאָרצייט, (אין 1925) האָט ער געשריבן: „אויב די יידישע ליטעראַטור האָט איר וואָרט, דורך וועלכן זי האָט זיך אויפגעהויבן צו אַ אידייע — האָט דאָס וואָרט געזאָגט י. ל. פּרץ..."

און ווייטער: „איז געקומען פרץ און דורך טיפע אינערלעכעליידן (משכיל, רעאַליסט, ראָמאַנטיקער) באַפּרוכפּערט מיטן יידישן וואָרט דעם ע ב ר און פאַרוואָרפן אַ צ ו ק ו נ פ ט. — מיט וועמען וויל מען פרצן פאַרמעסטן? וועמען וויל מען אויפהויבן אויף זיין חשבון? מענדעלען, וועמעס גאַנצע גבורה איז געלעגן אין דער יידישער קאַפּאָטע? מיטן אַרומשניידן די קאַ־פּאָטע איז מענדעלע געבליבן ווי שמשון אָן די לאָקן. פאַרגלייכט זיינע לעצטע זאַכן, וואו ער וויל שילדערן די אינטעליגענץ. כ׳רעד נישט וועגן מענדעלען דעם פובליציסט פון דער „קליאַטשע”, „טאַקסע”. כ׳מיין דעם „מאָלער פון דער קאַרטינקע, וואָס לאָזט עפּעס הערן”. קאָן זיך לעבנס־קלוגשאַפט פאַרמעסטן מיט אינטעלעקטועלער אינטואיציע? — — — אויב מ׳וויל האָבן „בראַם”־ליטעראַטור, וואָס זאָל העלפן איינשלאָפן — זוכט עס נישט ביי פרצן. איינשלעפערס פעלן נישט ביי אונדז. דער מין האָט שוין זיין לעבעדיקן קלאַסיקער. י. ל. פרץ איז דער שטענדיקער ר ע ג ע ר, דער אומרו, וואָס צעטרייסלט די פאַרזעסנקייט, לאָזט נישט פאַרגליווערט ווערן. נישט בחינם טרעפט מען ביי פרצן אַלע ריכטונגען פון דער נייער ליטעראַטור.” („איז טאַקע פרץ אַ קינסטלער?”, „ליט. בלעטער”, נ״נ 49־50, 1925).

און מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, צו פרצעס 30־סטן יאָרצייט, האָט אָפּאַטאָשו געשריבן: „פרץ איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער, ביי וועמען מען האָט געקאָנט עפּעס לערנען. מען לערנט נאָך ביי אים היינט און מען וועט לערנען. ווי זאָגט בעל־מחשבות: „פרץ איז געווען שטענדיק אונדזער קאָפּ, אפילו דעמאָלט, ווען ער האָט פּראָטעסטירט קעגן אַלע אונדזערע פּלענער און געדאַנקען”. אָן פרצן וואָלטן מיר געהאַט אָן אַנ־דער ליטעראַטור. אין פרצעס דרכים גייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, יעדער אויף זיין שטייגער, די באַדייטנדיקסטע שרייבער.” (י. אָפּאַטאָשו — „יידן און יידישקייט”, טאָראָנטאָ, 1949, ז׳ 15).

און דאָס נעמלעכע מיט אַנדערע ווערטער האָט י. אָפּאַטאָשו איבערגע־חזרט היי־יאָר, אין 1951, צו פרצעס 100־סטן געבוירנטאָג.

אונדז איז פרץ טייער און נויטיק ווי אַ לערער און וועגווייזער.

3

אויף די נייע טענדענצן און אויף די נייע מאָטיוון, וואָס פרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור, און וועלכע האָבן אַרויס־גערוקט פרצן אין דעם סאַמע־אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט אָנגעוויזן אַלטער קאַציזנע (1885־1941), דער געטרייער נאָכגייער און געהאַרכזאַמער תלמיד פון פרצן. אין זיין אַרטיקל „ביז וואַנעט דאַרפן

מיר גיין מיט פרצן און ווען דאַרפן מיר אַוועק פון אים״ („ליט. בלעטער״ 1925, נ״נ 49-50) שרייבט ער: „פרצעס שאַפערישע פערזענלעכקייט איז נישט געווען אַפּגעשאַצט געוואָרן אַלס די גרינטלעכע התחלה (אָנהויב — נ. מ.) פון דער יידישער ליטעראַטור, אַלס איר אינערלעכע באַרעכטיקונג. דאָס וואָס פרץ איז געווען דער פיינער שריפטשטעלער אין אייראָפּיי־אישן זין, גיט אים נאָך נישט אַפּ דעם אויבנאַן צווישן אַזעלכע זיילן, ווי מענדעלע מו״ס און שלום־עליכם, וועלכע זיינען כראָנאָלאָגיש עלטער פאַר אים און וועלכע זיינען אויך געווען זייער שטייגער פיינע שריפטשטעלער. אויב אין דעם בילד פון דער יידישער ליטעראַטור־סימפאָניע פאַרבלייבן דאָך סיי מענדעלע, סיי שלום־עליכם די פיינע אַקאָמפּאַניאַטאָרן צו פּרצעס ערשטער פידל, איז דאָס דערפאַר, ווייל פרץ האָט דער ערשטער אויסגעשפּילט דעם גרויסן יידישן ניגון... יאָ, נישט אַרויסגייענדיק פון קיינע אויסערלעכע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע פאָראויס־באַשטימונגען, נאָר בלויז מיט דער גרויסער אינטואיציע זיינער, האָט פרץ אַ נעם געטאָן דעם טאָן פון אייביק־יידישן אין אונדזער ליטעראַטור.״

אין דער זעלבער צייט, אין 1925, האָט דער יידישער דיכטער פרץ מאַר־קיש געשריבן אינעם פרץ־נומער „ליט. בלעטער״, צו פרצעס 10־טן יאָר־צייט: „י. ל. פרץ איז פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור געוואָרן אַ אי־דייע, אַ טראַדיציע, אויף וועלכער דער איצטיקער דור דאַרף אָנטאָן פליישׁ און אָנגיסן בלוט. נאַטירלעך צעוואַקסט זיך דער גאַנצער יונגער ליטעראַרישער דור פון דער פרץ־טראַדיציע, ווי עס צעוואַקסן זיך צווייגן פון אַ שטאַם. אָבער דער שטאַם האָט באַשוואָרן די צווייגן — וואַקסן! — וואַקסן אין פאַר־שיידענע זייטן, נאָר וואַקסן, און זיך נישט טאָפּטשען אויף איין אָרט. און אויב די יידישע ליטעראַטור רייסט זיך, דראַפּעט זיך ערגעץ ווייטער, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל ס'וויל אין איר באַקומען אַ תיקון און זיך באַפרייען דער גייסט פון פרצן. אפשר אין אַנדערע פאָרמען. אָבער ס'מוזן זיך נאָך אויסלאָדן גרויסע לאָדונגען פון גייסט, וואָס פרץ האָט נאָר אויף זיי אַן אָטעם געטאָן מיט זיין אומרו. זיי יוירן אונטער דער הויט פון דער יידישער ליטעראַטור און מאָנען באַפרייאונג.״ („צען יאָר אָן פרצן״, „ליט. בלעטער״ 1925).

אויך דער גאָר־שטרענגער מ. ליטוואַקאָוו, וואָס האָט געהאַלטן אין איין איבערשאַצן די ווערטן פון דער יידישער ליטעראַטור און זיך באַמיט אָפּצו־פרעגן גאָר די גרויסקייט פון פרצן, האָט אָנערקענט, אַז פרצן האָבן מיר פיל צו פאַרדאַנקען, ווייל „ער, פרץ, איז פאַר אונדז דער ערשטער יידישער שריי־בער. שרייבער אין זין פון ליטעראַטור־פאָרמען. די פאַריקע שרייבער האָבן געשריבן „ווי ס'האָט זיך געשריבן״... זיי זיינען אַליין געווען אַ מין שטיק סטיכיע. מען קאָן זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון אַ סטיכיע,

מען קאָן זיך אָבער ביי איר ניט לערנען. כדי זיך צו לערנען ביי אַ סטיכיע דאַרף מען פריער זי קאָנען באַזיגן, פאַרשטיין ווי זי צו באַהערשן. שלום־עליכם, למשל, איז דער גרעסטער פון אונדזערע קינסטלער־קלאַסיקער, אונטער זיין ווירקונג האָט זיך געפונען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, אָבער זיך לערנען ביי אים איז געווען שווער. זיין ווירקונג פלעגט אין זין פון ליטעראַרישער טעכניק גיכער פאַרפירן, איידער לערנען. ווייל פון שלום־עליכמען האָט סטיכיש געשטראָמט, — געבויט, קאָנסטרואירט האָט ער קיינמאָל נישט. דערפאַר איז פאַר שלום־עליכמען קיינמאָל אויך נישט געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון סטיל, פון טעכנישן געבוי פון זאַץ... פּרץ איז געווען דער ערשטער שרייבער, וועלכער האָט דערפילט וואָרט־ליידן, די האַרבע פּראָבלעם פון סטיל...״ — פּרץ איז „דער גרינדער פונעם מאָדערנעם סטיל אין דער יידישער ליטעראַטור...״ פּרץ איז געוואָרן „דער ערשטער סטיל־לערנער אין דער יידישער ליטעראַטור. אונטער שלום־עליכמס ווירקונג האָט מען זיך געפונען, — אָבער געלערנט האָבן זיך אונדזערע שרייבער ביי פּרצן. שלום־עליכם האָט די נייע (יידישע) ליטעראַטור באַגייסטערט, י. ל. פּרץ האָט זי אָרגאַניזירט...״ (מ. ליטוואַקאָוו — י. ל. פּרץ „אין אומרו״, 1926, ז״ז 41־43).

עס איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז אין פאַרשיידענע צייטן, ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס, אין מאָמענטן פון גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, ביי פרייד אָדער לייד, האָט מען זיך כסדר געקערט און געווענדט צו פּרצן, און געזוכט ביי אים, אין זיינע ווערק, אינהאַלט און אָנהאַלט. מען קאָן וועגן דעם זייער פיל שרייבן און ברענגען אויסצוגן פון פיל אַרטיקלען, רעפעראַטן, פייערלעכע מאַניפעסטן, וואָס ברענגען צום אויסדרוק אָט־די כסדרדיקע ווענדונג צו פּרצן, פון וועלכן מען האָט פאַרלאַנגט ענטפער און באַשייד. וואָס וואָלט פּרץ געזאָגט, ווען ער איז מיט אונדז אין אַזאַ מאָמענט, — האָבן פיל געפרעגט און געפּרואווט ענטפערן פאַר פּרצן. און דאָס געדויערט אַלע יאָרן און אַזוי און באַזונדערס די לעצטע יאָרן פון חורבונות און נסיונות.

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן פון אַן אַרטיקל, וואָס כ׳האָב געשריבן אין 1921, באַלד ווי איך בין געקומען פון קיעוו קיין וואַרשע. דער אַרטיקל הייסט: „וואו איז פּרץ?״, איך האָב זיך געחידושט, וואָס ערשט עטלעכע יאָר נאָך פּרצעס טויט, האָב איך דאַן, אין 1921, נישט געטראָפן אין וואַרשע פּרצן — „נישט אין טעאַטער, נישט אין דער ליטעראַטור״. איך האָב פאַרענדיקט מיין אַרטיקל: „וואו איז פּרץ אין דער צאָלרייכער יידישער ליטעראַריש־קינסטלערישער וואַרשע?״ אין דעם אַרטיקל האָב איך איבערגעגעבן ,אַז אין דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַינע, וואָס איך האָב דאַן פאַרלאָזט, איז „פּרץ געוואָרן דאָס צויבער־וואָרט פאַר די יונגע שעפערישע כוחות,

וואָס דאָס אויפוואַכנדיקע לעבן האָט פון זיך אַרויסגעטיילט; ער (פּרץ) איז געווען דער אויפרעגונג־שטאָף פאַר די זוכנדיקע, נייגעריקע און לעכצנדיקע, ער איז געווען דער הויכער טורעם, צו וועלכן עס האָבן זיך אָן אויפהער גע־צויגן די דורשטיקע בליקן פון יונגן קינסטלערישן אויג״. און ווייטער האָב איך דערציילט, אַז „פּרץ איז געוואָרן (אין דער יידישער אוקראַינע) די פאַר־קערפּערונג פונעם זוכנדיקן שאַפערישן געדאַנק... די אַלע זוכענישן, עקס־פּערימענטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך די יונגע קינסטלער זיינען ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן געווען מיט פּרצן, מיט זיין גייסטיקער וועלט, מיט זיין שאַפן״. און אויסרעכנדיק די אַלע פאַרמעסטן אין אוקראַינע, האָב איך פאַר־ענדיקט דעם אַרטיקל מיט די ווערטער: „און אַזוי אומעטום, אויף אַלע גע־ביטן פון דער שאַפערישער אָנשטרענגונג אין דער יידישער אוקראַינע, איז פּרץ געווען דער אָנהאַלט און באַצויבערער, דער מיטל־פּונקט און דער פייער־זייל, וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג צו דעם אייגנאַרטיקן מאָדערנעם יידישן שאַפן.״ („נאָענטע און ווייטע״, וואַרשע 1924, ב׳ 1).

4

עס איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, וואָס יעדער שאַפנדיקער שריי־בער, וועלכער האָט געפּרוּווט אַרויסגעפונען אין פּרצן דאָס עיקרדיקע, וויכ־טיקסטע, וואָס האָט באַווירקט די יידישע שרייבער פון די ״פעטערדיקע יאָרן, האָט אַרויסאָנטפּלעקט ביי פּרצן עפּעס אַנדערש, אָדער אַרויסגעשיילט און אַרויסגעטיילט אין פּרצן און אין זיין שאַפן אַזעלכע מאָטיוון און עלעמענטן, וואָס האָבן אויסגעזען ביי אים צו זיין באַזונדערס וויכטיק און אייגנאַרטיק.

פיל פון די שפעטערדיקע שרייבער האָבן געפילט זיך ווי יורשים, ווען ס׳איז איבערגעגעבן ווייטער פאַרצוזעצן דאָס, וואָס פּרץ האָט אָנגע־הויבן.

אין זיין אַרטיקל „י. ל. פּרץ״ („געדאַנקענגאַנג״, קיעוו, 1922) שרייבט צווישן אַנדערן י. דאָברושין: „פּרץ איז ניטאָ. אָבער איין חוב האָבן מיר. אַ גרויסן חוב, אַ הייליקן חוב. פּרצעס ווערק מוזן מיר לערנען, אויף אויסנ־ווייניק מוזן מיר זיי קענען. שעפּן מוזן מיר פון פּרצעס אָנגעזאַמלטע אוצרות, כדי מיר זאָלן קאָנען פאַרווירקלעכן זייער שיינקייט אין קונסט און (אין) לעבן. וואָרום אַזאַ גרויסע ריזיקע נשמה־ירושה האָט ער אונדז געלאָזן נאָך זיך.״ (ז׳ 58).

אין וואָס באַשטייט פּרצעס ירושה? י. דאָברושין פּרוּווט אָנוואָרפן איי־ניקע הויפּט־שטריכן: „... פּרץ איז דער ערשטער גרויסער יידישער תלמיד־חכם, וואָס האָט מיטן גאַנצן כוח פון דורותוויז (דורות־לאַנג) אָנגעקליבענער אָפּטימיסטישער תמימות געדופן דווקא צום לעבן, צו הנאה פון לעבן. די

אַלטע הימלישע קולטור־אוצרות און די נייע אויפגעוואַכטע ערדישע באַדער־פענישן האָט פּרץ דער ערשטער סינטעזירט אָן יענעם באַרימטן „קרע שבלב" (דער אינערלעכער ריס), וואָס איבער אים האָט זיך אַזוי געמאַטערט דער העברייאישער אינטעליגענט פון ישיבה־בחורשן שניט." (ז' 55).

און ווייטער כאַראַקטעריזירט י. דאָברושין פּרצן: „פּרץ דער גרעדאַנ־קענאַרטיקער קינסטלער האָט אויך סימבאַליזירט די בײדע — די יידישע קולטור־פאַרגאַנגענהייט און אירע רעוואָלוציאָנערע פאַרגעפילן. די ביידע האָט פּרץ איבערגעדיכטעט, געפונען פאַר זיי די נויטיקע סימבאָלן־טיפּן און איבערהויפּט די נויטיקע סימבאָלן־ווערטער... פּרצעס דערציילונגען און מעשיות — דאָס זיינען, אייגנטלעך, פערזאָניפיצירטע געדאַנקען און פאַר־געשטאַלטיקטע אויסדרוק־מעגלעכקייטן. און דעריבער איז פּרץ דער ערשטער שעפער פון אונדזערע וואָרט־ווערטן..." (ז' 62).

פּרץ האָט געפילט באַזונדער שאַרף, ווי ס'איז נויטיק פריש בלוט פאַר דעם יידישן ליטעראַטור־קערפּער און דעריבער האָט ער אַזוי אַרויסגעקוקט אויף נייע כוחות, און געווען גליקלעך מיט זייער צופלוס. ס'איז געוואָרן ביי אים אַ טיפע נויטווענדיקייט, פּרץ גופא האָט זיך געפילט שטאַרקער אַרום די יונגע. דער ניכטערער און שאַרף־זעעוודיקער צבי הירשקאַן (1886־1938), וואָס איז איין צייט, ביי זיין אַריינקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין ראָמאַן „צוויי וועלטן", געווען פּרצעס ליבלינג, שרייבט: „פּרץ, וואָס איז געווען לויט זיין נאַטור אַ שריפטשטעלער פון קאָפּ ביז די פיס — אָן דער פע־דער צווישן די פינגער דוכט זיך, ממש אַ רגע אָטעמען נישט געקאָנט, פּונקט ווי אַ פיש אָן וואַסער, — פלעגט זיך פונדעסטוועגן בעצם שפּירן אַ סך מער צופרידן דעמאָלט, בעת ער איז געזעסן אין דער מיט, אַרומגערינגלט מיט קינ־דער־תלמידים און גאָר געקוקט — לויט זיין אויסדרוק — „ווי נעבן זיין טיש שמידט זיך אין טומל אַ גאַנצע ליטעראַטור", — איידער פונעם איינזאַמען אייגענעם שאַפן אין דער שטיל, אויג אויף אויג מיט זיך. צי אַ שטייגער, זיין פאַרהאַלטן זיך צו די יינגערע און יינגסטע פון דער ליטעראַרישער משפּחה: פּרץ האָט תמיד ממש ווי מיט ליכט געזוכט, וועמען ער זאָל קאָנען אַ סמיכה אַרויסגעבן; אַ קאָפּ, וואָס אויף אים זאָל ער קאָנען זיינע ברכה־הענט אַרויפ־לייגן. עפּעס אַליין שטאַרק גענויניקט זיך אין דעם, פּונקט ווי פּרץ גופא האָט זיך טאַקע גענויטיקט פאַר וועמען עס איז צו זאָרגן, וועמען עס איז צו העלפן." („אונטער איין דאַך", בערלין 1922, ז' 173).

עס איז געווען אַ צייט אַזאַ. ס'איז געווען נאָך אַ גרויסן פאַרזיי, און די יידישע ליטעראַטור־פעלדער האָבן זיך צעגרינט און צעבליט, — אָן אָנזאָג אויף אַ גרויס גערעטעניש. שמריהו גאָרעליק (1877־1942) מאָלט אַזוי יענע וואונדערלעכע צייט: „מיין ערשטע פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן

איז אויסגעפאַלן אויף דעם מאָמענט, ווען איבער דער יידישער ליטעראַטור האָט דורכגעווייט אַ פרילינגס־ווינטל. איך וויל נישט זיין אַזוי אומפּאַרזיכ־טיק און אָנרופן יענע צייט „רענעסאַנס״ ...״

ש. גאָרעליק דערציילט: „... איבער די טרעפּ פון פרצעס באַשיידע־נער וואוינונג אויף צעגליאַנע גאַס האָט געוואַנדערט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר. אַזוי איז שוין געווען דער מנהג און גלייכצייטיק אַ אינערלעכע באַדערפעניש, דען עס איז דאָך געווען דער איינציקער ליטעראַרישער סאַלאָן, וואו אַלע פלענער, פאַנטאַזיעס האָבן שטענדיק געפונען אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג אין דעם שטענדיק יונגן און פאָע־טישן פּרץ. עס איז קיין וואונדער דעריבער, ווען קומענדיק אין איינעם אַ האַרבסט־פאַרנאַכט צום ערשטן מאָל צו פּרצן, האָב איך דאָרט דערוויסט אַ פולע שטוב מיט יונגע מענטשן, און דער באַלעבאָס אַליין, אין אַ סאַמעטענער קורטקע, איז געזעסן אויף אַ ווייכער סאָפע אין דעם וואָלקן פון אומגעזונטן טאַבאַק־רויך און האָט אויפגעוויזן איינעם אַ פאָעמע־שרייבער, ווי נישט ריכ־טיק זיינע בילדער זיינען, און ווי ער וויל פאַרמאַסקירן מיט שיינע ווערטער די אָרעמקייט פון ווירקלעכע איבערלעבונגען. דער פאָעמע־שרייבער אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט דעם קאַשקעטל אויפן קאָפּ שטייט בלאַס ווי די וואַנט. באַלד אָבער ווענדט פּרץ זיינע גוטע שיינע אויגן אויף דעם יונגן מאַן און מונטערט אים אויף. „איר האָט טאַלאַנט — זאָגט ער צו אים — נאָר איר זייט אַ ליגנער, איר פאַרשטייט, וואָס איך מיין? איר באַשרייבט דאָס, וואָס איר האָט נישט איבערגעלעבט...״ (ש. גאָרעליק — יידישע קעפּ, 1921, בערלין, ז״ז 82־38).

אויך ש. גאָרעליק באַמיט זיך צו באַווייזן ווי פּרץ איז געווען גליקלעך אַרויסצוגעפינען טאַלאַנטן: „... נישט האָבנדיק די נויטיקע קולטורעלע סביבה, נישט האָבנדיק די אמתע געזעלשאַפט, האָט פּרץ זיך געטומלט מיט דער רויער, גרינער ליטעראַטור־יוגנט, ער האָט זי געזאַמלט אַרום זיך, און יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט מיט איר. קומענדיק אַהיים פון זיין אַרבעט אין דער גמינע, פלעגט ער אָנטאָן דעם פיינעם סאַמעטענעם רעקל און געאיילט אין דעם צימער, וואו עס האָבן שוין אויף אים געוואַרט אָנפאַנגנדע פאָעטן מיט לאַנגע האָר, ברייטע קראַוואַטן, אַ פּוילישער בחור, וועלכן דער טאַטע האָט אַרויסגעטריבן פון שטוב פאַר דער העזה צו וועלן ווערן אַ „שרייבערל״, אַ הונגערנדיקער יידישער סקולפּטאָר. פּרץ פרייט זיך און פאַרזיכערט: נייע טאַלאַנטן.״ (ז׳ 85).

וואָס פּרץ איז געווען פאַר דער יוגנט פון זיין צייט דערציילט ב. עפּעל־בוים אין זיין אַרטיקל (צו פּרצעס 30־סטן יאָרצייט, „יידישע קולטור״, מערץ־אַפּריל, 1945). מאָלנדיק זיין ערשטן באַזוך ביי פּרצן אין 1913 שרייבט ב. עפּעלבוים:

„ס'איז יונג געוועזן פּרץ, ס'איז יונג געוועזן די יידישע ליטעראַטור און ס'איז יונג געוועזן ס'לעבן אונדזערס... אין סביבה פון טריבער על־טער, מליצה־קרעכצעריי און בטלנישער מלמדריי, וואָס האָט געדיכט גע־הויערט איבער אונדזער ליטעראַטור, האָט פּרץ זיך אַריינגעריסן מיט אויפ־שטראַל, מיט האַסט, מיט יונג־צעהוליעט געלעכטער און האָט טיר און פענצטער אויפגעפּראַלט.

„זיין וועג איז נישט קיין אויסגעטראָטענער... פּרץ איז געקומען מיט זיין וועג — אַ שמאָלער, אַ געשלענגלטער, וואָס האָט זיך אומקאָנווענציאָנעל געצויגן ווי ווייסע שנור און האָט זיך מיט שאַרפקייט געדרייט אין פאַר־שיידענע ריכטונגען, האָט זיך געשטרעקט אויף בערג, געניִדערט אין טאָלן, זיך געשניטן אין געדיכטן וואַלד, זיך געשפּרייט איבער וואַסער, וואָס האָט בעזילבערט קעגן לבנה, איז געלאָפן איבער פעלדער, זיך געקערעוועט אין שטעט דורך פּאַלאַצן, שווערע מויערן און קליינע, נידעריקע שטיבלעך אויף אָפּגעלעגענע געסלעך. אָט דער שמאָלער וועג איז גרייט אויפצונעמען בלויז די האַסטיקע טריט פון וואַנדערער, וואָס יאָגט זיך אין זוכעניש כדי צו אַנטפּלעקן, נישט בלויז כדי צו זוכן."

„פּרץ האָט געוואוסט, וואָס ער וויל דעריאָגן, וואָס ער וויל געפינען, וואָרים: פון ברייטן, פאַרשטויבטן, פאַרטונקלטן פאָלקס־שליאַך, האָט זיך זיין וועג אַרויסגעשניטן. פּרצעס טריט האָבן אים געצייכנט, ווייט פאַרצויגן, כדי ליכט און אוצרות צוריקצוברענגען פאַרן פאָלק." (ז' 43).

א. קאַגאַנאָווסקי דערציילט אַ מערקווירדיקע געשיכטע, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן „אומגעפער אַ יאָר צייט פאַר פּרצעס טויט", און וואָס ווייזט, וואָס פּרץ איז געוועזן פאַר זיינע תלמידים, אפילו די ווידער־שפּעניקער:

„ביי דער גרופּע יונגע וואַרשעווער שרייבער, וואָס איז שוין זעלטן זיך צונויפגעקומען אין פּרצעס שטוב, האָט זיך אָנגעקליבן אַ פּראָטעסט און אַ פאַרדראָס, וואָס פּרץ האָט זיך פון זיי דערווייטערט. דאָס איז זיכער געווען אַ געפיל פון בענקשאַפט נאָך די יום־טובדיקע פּרץ־שעהן, וואָס זיינען פאַר־שוואונדן. און איין מאָל אין אַן אָוונט האָבן זיך אַלע צונויפגענומען אויף אַ באַראַטונג. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס מיט פּראָטעסטן קעגן פּרצן, וואָס האָט זיך פאַרפרעמדט פון דער משפחה און זיך אַרומגערינגלט מיט טרו־קענע פּובליציסטן, ליטוואַקעס.

„יעדער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע טענות צו פּרצן, מען האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס, מען האָט אפילו אויפגעשריבן אַ „מעמאָראַנדום". נאָך אַ גלעזל וויין איז מען געוואָרן זייער געהויבן און פול מיט קוראַזש, און אַזוי ווי מען שטייט און גייט איז מען אַוועק צו פּרצן אַרויסזאָגן אַלץ, מיט וואָס דאָס האַרץ איז פול. מיט רעש און געפּילדער האָט מען זיך געלאָזט צו פּרצעס וואוינונג

אויף דער יעראַזאַלימער אַלייע, וואו ער האָט צו לעצט געוואוינט. יעדער האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט נישט קיין מורא, און ער וועט זאָגן פּרצן אַלץ אין די אויגן. אַזוי האָט מען זיך אַהינגעלאָזט אין דעם טויער, וואו י. ל. פּרץ האָט געוואוינט.

נאָר דאָ איז געשען אַ קלייניקייט. פון דער טונקלקייט פון טויער האָט זיך באַוויזן י. ל. פּרץ אַליין. אַלע זיינען שטיין געבליבן שטומע אַן אַ וואָרט.

— וואוהין גייט איר עס אַלע? — האָט פּרץ געפרעגט.

— צו אייך! — האָבן עטלעכע געענטפערט.

— וואָס ווילט איר?

אַ מינוט איז געווען שטיל, דערנאָך האָבן זיך עטלעכע שטימען אָנגערופן:

— מיר זיינען אייך געקומען זאָגן...

— אַז וואָס? — האָט שוין פּרץ אויפגעהויבן זיין שטים.

— אַז... אַז מיר... מיר בענקען נאָך אייך...

און אַ יונג, פריילעך געלעכטער, פול מיט ליבע און האָפענונג האָט אַרומגערינגלט פּרצן." (א. קאַגאַנאָווסקי — „יידישע שרייבער אין דער היים", לאָדזש, 1929, ז"ז 17־18).

דערציילט דער נסתר מיט אַ באַזונדערער פאַרגאַפּטקייט וועגן זיין איינציקער באַגעגעניש מיט י. ל. פּרץ (זע „יידישע קולטור", 1951, יולי און אויגוסט) און וועגן דעם טיפן רושם, וואָס פּרץ האָט אויף אים געמאַכט. ער גיט איבער אַט־וואָס: „ביי מיין צווייטן באַזוך האָב איך פאַר פּרצן געלייענט צוויי זאַכן. די ערשטע איז אים געפעלן, און די צווייטע האָט ער אויפגענומען קאַלט און אפילו מיט פאַרדראָס, פאַרוואָס איך בין פאַרקראַכן, וואוהין מען טאָר ניט — אין איבעריקער מאַלעריי, פאַרגעסנדיק, אַז דער עיקר־העיקרים, אין אַ דערציילונג איז, ס'זאָל זיין וועגן וואָס צו דערציילן, פאַסירונגען און האַנדלונג.

„איך דערמאָן זיך נאָך איצט מיט ציטערניש, ווי אַזוי איך בין פאַר אים געזעסן, געלייענט און אין דער זעלביקער צייט אויך נאָכגעשפּירט, ווי ער נעמט אויף דאָס געהערטע. איך האָב באַמערקט פאַר זיך אַן איינעם, וואָס איז לויטער אויער, און אַז אַ מינדסט פאַלשע, ניט ריכטיקע נאָטע מאַכט אים גלייך צושליסן די אויגן, וואָס האָבן ערשט, ביים רעכטן און גוטן געלויכטן מיט צופרידנקייט, ווי פון אייגענעם גוטס. ווען דאָס פאַלשע האָט זיך לענגער געצויגן, איז ער כמעט איינגעשלאָפן — אַ שטראָף פאַר אַ שרייבער, וואָס איז ערגער פון די ערגסטע זידל־ווערטער, אַן אַטעסטאַציע, וואָס כאַפּט דעם טעם פון יסורים פון גיהינום.

„אויף מאָרגן האָט מיר א. וויטער, וואָס האָט, ווי געזאָגט, מיך שטאַרק פּראָטעזשירט, און ווי אַ גייסטיקער מעצענאַט, איז געווען געוואַלדיק פאַר־

אינטערעסירט אין מיין אויסנעמען און האָבן דערפֿאַלג ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט פּרצן, — מיר איבערגעגעבן איינציקע פּרצעס מיינונ־גען וועגן מיר, וואָס דעם רוב פֿון זיי וויל איך דאָ, איבער געוויסע טעמים, פֿאַרשוויַיגן און בלויז איינע דערמאָנען.

— מיט דעם פֿאַרשוין, — האָט פּרץ געזאָגט א. וויַיטערן, מיינענדיק מיר, — דאַרף מען טאָן, ווי מיט אַ באַל: אַז מען וויל, ער זאָל הויך אויפֿ־שפּרינגען, דאַרף מען פֿריער אַ גוטן זעץ־אַראָפּ טאָן...

כ׳האָב דאָס אָנגענומען פֿאַר ליב...״

מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט צו ציטירן גרעסערע שטעלן פֿון נסתרס אינטערעסאַנט אַרטיקל. מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו לייענען די נסתר־זכרונות אינגאַנצן.

5

וואָס איז געווען י. ל. פּרץ פֿאַר דעם יונגן יידישן דור לייענער, וואָס איז געקומען נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג? וועגן דעם דערציילט אונדזער ש. אָפּטער אין זיין אַרטיקל „פּרץ און די יידיש־פּוילישע יוגנט״ (געדרוקט אין „יידישע קולטור״, 1945, נ״נ 3־4):

„דער דור, וואָס איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער דור, וואָס האָט שוין נישט באַוויזן באַווירקט צו ווערן פֿון דער לעבעדיקער פּרץ־פּערזענלעכקייט, אויך דער דור האָט זיך מיט טיפֿע אָפֿענע הערצער צוגע־הערט צו דעם לעבעדיקן אַקאָרד, וואָס האָט נאָך געקלונגען אין דער לופֿט, פֿון אַן ערשט נישט־לאַנג צעזונגענעם ניגון, וואָס דער גרויסער קינסטלער י. ל. פּרץ האָט אַריינגעזונגען אין דעם יידישן לעבן אין פּוילן... שווער איז געווען דאָס לעבן פֿון דער יידישער יוגנט אין דעם נאָך מלחמהדיקן פּוילן. אַ גרויסער גייסטיקער און עקאָנאָמישער איבערברוך איז פֿאַרגעקומען, נישט בלויז אַן איבערברוך פֿון יחידים, נאָר פֿון כמעט אַ גאַנצן דור. — — —

„די דינאַמישע פּרץ־פּערזענלעכקייט האָט אַמשטאַרקסטן באַווירקט און אָנגערעגט די יידישע יוגנט. די יוגנט פֿון די פֿינצטערע פּוילישע שטעט און שטעטלעך, די יוגנט וואָס האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו קריגן אַ וועלטלעכע דערציאונג. ער איז געווען זייער לערער, וואָס האָט געוועקט און אָנגעצונדן אַ דורשטיקייט צו לערנען, צו בילדונג און וויסן.

„עס האָט זיך געפֿאָדערט אַ געוואַלדיקער כוח איבערצודערציען, אויפֿ־צוהאַלטן אַט דעם נייעם דור, אַריינצוברענגען ליכטיקייט, בטחון אין דעם האָפֿנונגסלאָזן לעבן. די יידישע ליטעראַטור האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע צו קרעפּטיקן, אָנצופֿילן מיט דינאַמישן כוח די יידישע יוגנט אין פּוילן... הויפּטזאַכלעך זיינען געווען טייער די יידישע שריפֿטשטעלער, וואָס זיינען

געגאַנגען אין זייער לעבן און אין זייערע שאַפונגען לויט דער פּרץ־טראַ־דיציע..."

„פּרץ איז געווען דער גרויסער כוח, די לעגענדאַרישע פיגור, וואָס איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער אין זייער פאַנטאַזיע. ער איז געווען פאַר דער יוגנט דער פּאַנצער, וואָס האָט זיי באַשיצט פון פאַרצווייפלונג אין דעם אָרע־מען, האָפענונגסלאָזן לעבן... די לעגענדאַרישע פּרץ־געשטאַלט איז ווי אַרומ־געגאַנגען אין די פאַרוואָרפנסטע, פאַרגעסנסטע פּוילישע שטעטלעך..."

„פּרץ איז געווען פאַר דער יוגנט דער שריפטשטעלער, וואָס מען דאַרף אים לערנען, אָדער ווי אַ שטייגער דאַווענען בציבור. פּרץ איז געווען דער שריפטשטעלער פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, די תורה פון דער עדה." (ז׳ 94־96).

די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער, קריטיקער און עסייאיסטן, וואָס האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן געפּרואווט שאַצן און אָפּשאַצן די יידישע ליטעראַטור און איר הויפּט־שאַפער, האָבן באַזונדערס שטאַרק באַטאָנט די ראָלע פון פּרצן ווי דער לערער, וועגווייזער און סטימולירער פון די יינגערע שרייבער פון זיין דור און פון די דורות נאָך אים. מיר וועלן, צוליב מאַנגל אין אָרט, בלויז אַרויסכאַפּן איינציקע אַרויסזאָגונגען און באַהויפּטונגען פון דער גרוי־סער צאָל אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען די אַלע יאָרן נאָך פּרצעס טויט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס.

לעאָ קעניג (אין אַן אַרטיקל „פּרץ דער סטיליסט און סינטעטיקער", „ליט. בלעטער", נ׳נ 49־50, 1925), זאָגט: „דער סטיליסט (מיטן טראָפּ אויפן דער) אין אונדזער ליטעראַטור איז י. ל. פּרץ. שלום־עליכם איז אפשר אַ גרעסערער דיכטער פון פּרצן, ווייל מער שורשדיק לעבן איז דאָ אין זיינע ווערק ווי אין פּרצעס. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די נייע יידישע און העבריי־אישע ליטעראַטורן האָבן ביז איצט נישט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערן סטיליסט פון פּרצן (בערדיטשעווסקי, פרישמאַן און יהואש זיינען אין דעם פּרט זייער קרובהש מיט פּרצן)... „... י. ל. פּרץ איז דער אינטעלעקטועלסטער קינסטלער אין דער יידישער ליטעראַטור. אויף אים קאָן מען זאָגן, אַז ער איז כולו קינסטלער. קיינער פון אונדזערע קלאַסיקער האָט זיך אַזוי נישט גע־שפּילט, אַזוי נישט עקספּערימענטירט מיט ווערטער, פאַרשיידענע ליטעראַרישע פאָרמען און יידישע קינסטלערישע אידייען ווי פּרץ... — — —

„פּרץ איז געווען דער גרויסער קולטור־און אידייען־קינסטלער אין אונדזער ליטעראַטור... אין דעם זין איז ער געווען דער אומפאַרגלייכלעכער מייסטער אין אונדזער ליטעראַטור און איז — אַלס סטיליסט — עד היום נישט איבערגעשטיגן געוואָרן. עס איז נאַטירלעך — און אין דעם איז פּרצעס האַר־מאָניע און גאַנצקייט — דער גרויסער סטיליסט זאָל אויך זיין דער סינטעז־זוכער אין אונדזער יונגער ליטעראַטור, אין אונדער יונגן מאָדערנעם נאַצי־

אַנאַליזם...״ (ל. קעניג — „פרץ דער סטיליסט און סינטעטיקער״, „ליט. בלעטער״, 1925, נ״ב 49־50, ז׳ 6).

6

פרץ איז געווען דער לערער און וועגווייזער נישט נאָר פאַר די יידישע שאַפער, פאַר די שרייבער, וואָס זיינען געקומען צו אים מיט זייערע פען־פרואוון און ליטעראַרישע בכורים. פרץ איז אויך געווען דער לערער, דער אָנרעגער און סטימולירער פון די אַרבעטס־מענטשן, פון די רעוואָלוציאָנערע יידישע טוער און פירער.

עס וועלן געפונען זיין פון די פאַרשיידענע צענדליקער אַרטיקלען, גע־ווידמעט פרצן און זיין באַטייט פאַר דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן.

אַ יאָר נאָך פרצעס טויט, אין 1916, שרייבט וו. מעדעם (1879־1923): „אַ יאָר איז פאַרגאַנגען, זינט פרץ איז אַוועק פון דער וועלט... לאַנגע יאָרן וועלן נאָך פאַרגיין, ביז עס וועט אָפּגעשאַצט ווערן די קינסטלערישע ירושה, וואָס ס׳האָט אונדז איבערגעלאָזן דער אַוועקגעגאַנגענער דיכטער״... און וו. מעדעם שטעלט זיך ספּעציעל אָפּ, וואָס פרץ איז געווען פאַרן יידישן אַר־בעטער: „אַ שטיק אונדזער לעבן איז ער געוואָרן. ער איז נישט געווען אַן „אונדזערער״ אין שטרענגן זין פונעם וואָרט. ק ײ נ ע מ ס איז ער נישט גע־ווען, קיין פאַרטיי־מענטש, קיין פּראָגראַם־מענטש; אַ זוכנדער איז ער גע־ווען... — — — ער האָט זיך אַריינגעפילט אין אונדזער לעבן... די אַר־בעטער־נויט און די אַרבעטער־פּיין האָט ער געפילט...״ און ווייטער: „דער גרויסער דיכטער האָט אונדז געגעבן די אוצרות פון זיין רייכן, הייסן, שטורעמ־דיקן האַרץ. און מיר זיינען אויך געוואָרן רייכער און שענער און גרעסער, און אַלץ העכער הויבט זיך אויף דער קאָפּ, און שטאַרקער שלאָגט דאָס אויפ־געוואַכטע האַרץ, און דער אויסגעקרומטער, איינגעבויגענער רוקן פונעם אָמאָליקן „באַנציען״ ווערט גראָד, פעסט און שטאָלץ״ („פרץ און מיר״, אין דער זאַמלונג „י. ל. פרץ אין ליכט פון יידישער קריטיק״, ווילנע, 1940, ז״ז 88־90).

ב. מיכאַלעוויטש (1876־1928) אין זיין לענגערן אַרטיקל איבער פרצן („י. ל. פרץ — אונדזער מעלאַדיע״ — איבערגעדרוקט אין דער זאַמלונג: „י. ל. פרץ אין ליכט פון יידישער קריטיק״, ווילנע 1940) שרייבט: „... אונד־זער פרץ — דאָס איז ביי אונדז נישט קיין פּראָזע און נישט קיין באַרימערײ... פרץ האָט זיך האַרמאָניש אַריינגעפלאָכטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג... פרץ איז געווען דער ערשטער און איינציקער אין זיין צייט, וועל־כער האָט די יידישע ליטעראַטור אַ מעכטיקן שטויס געגעבן פון דעם אַלטן,

פֿאַרשימלטן געמויזעכץ, דרייסט און שטורמיש האָט ער זי אַרויסגעריסן פֿון דעם קליינעם, אָרעמען וועגעלע פֿון ר׳ מענדעלען, פֿון שלום־עליכמס באַלע־באַטיש־באַשרענקטער קאַסרילעווקע... פּרץ איז געווען דער ערשטער און איינציקער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט איר געגעבן אַן אידייע, האָט פֿאַר איר געשאַפֿן אַ ציל און זי דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַ קולטור״. און ווייטער: „פּרץ האָט נישט נאָר צוגעהערט זיך צו די באַדערפֿע־נישן פֿון זיין דור. ער האָט אויך ביי אים נייע באַדערפֿענישן געשאַפֿן און אַרויסגערופֿן...״ (ז״ז 165־167).

אין אַן אַרטיקל „פּרץ און די יידישע אַרבעטערשאַפֿט״ (וואַרשע, 1924, אין דער זאַמלונג „פּרץ״) האָט זרובבל געשריבן: „... קיינעם פֿון די יידי־שע שריפֿטשטעלער געדענקט נישט די יידישע אַרבעטערשאַפֿט, ווי פּרצן, ווייל פּרץ איז פֿאַר אונדז נישט בלויז קינסטלער. אפֿשר נאָך מער — דער גאון פֿון דער יידישער קולטור... — — — פּרץ האָט קיינמאָל נישט גע־רופֿן צוריק, נאָר כסדר געגאַנגען פֿאָראויס... — — — אין פּרצן האָט דער יידישער אַרבעטער דערקענט זיין אייגענעם יחוס, צוזאַמען מיט אים זיך אומ־געקערט צום אייגענעם פֿאָלקס־מקור און דורך אים זיך געשטאַרקט אין זיין אינטימער בענקשאַפֿט נאָך אַ נייער וועלט, אין זיין גלויבן דורך אינערלעכע קאָנפֿליקטן און קאַמף צו דערגרייכן די גרויסע צייט פֿון האַרמאָניע און גליק־לעכן שאַפֿן.״

א. גורשטיין (1895־1941), דער יונג־פֿאַרשניטענער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער און פֿאָרשער האָט געשריבן: „גאָר אַ גרויסן רעזאָנאַנס האָט פּרצעס נאָענטקייט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג געהאַט אין דער אַרבעטער־סביבה גופא. עס טאָר נישט פֿאַרגעסן ווערן, אַז פּרצעס אויסגאַבן האָבן געגומען דערשיינען נאָך פֿריער, איידער עס איז אַנטשטאַנען דער „בונד״, איידער עס איז געווען אַ וועלכער נישט איז פּאַרטייאישע ליטעראַטור אין יידיש. זיינען טאַקע אַ לאַנגע צייט פּרצעס „יום־טוב־בלעטלעך״ געווען די איינציקע יידי־שע אויסגאַבן, וואָס מען פֿלעגט געפֿינען ביי די אונטערזוכונגען און אַרעסטן פֿון יידישע אַרבעטער״ („צייטשריפֿט״, מינסק, 1926).

וועגן פּרצעס השפעה אויף דער רעוואָלוציאָניזירונג פֿון די יידישע אַר־בעטס־מאַסן איז דאָ אַ גאַנצע ליטעראַטור.

7

דער שרייבער־דענקער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי (1865־1943) האָט אין פֿאַרשיידענע צייטן, זינט 1905 ביז 1940, אין זיינע אַרטיקלען און רעדעס באַ־טאָנט דאָס נייע וויכטיקע, וואָס פּרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער קולטור־וועלט, און געזען אין פּרצן דעם פֿאָטער פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

אין זיין רעדע, געהאַלטן אויף דער פּרץ־פייערונג פונעם איקוף, אין 1940, צום 25־סטן יאָרצייט נאָך פּרצעס טויט, האָט ער באַטאָנט די ראָלע און באַטייט פון י. ל. פּרץ פאַר דער יידישער ליטעראַטור: „פּרץ מוז באַטראַכט ווערן ווי דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל אַלע קומענדיקע קינסטלער נאָך אים שטייען אונטער דער קלאָרער השפעה פון זיין שאַפן, הגם יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענעם דרך."

„עס איז — שרייבט ד"ר זשיטלאָווסקי — נישט דאָ דאָס אָרט אויסצו־רעכענען אַלע מאָמענטן פון פּרצעס ווירקן, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַרן פירנדיקן שטערן אין דעם גאַנג פון אונדזער ליטעראַטור. מיר וועלן נאָר אָנמערקן, אַז דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען סיי דעם כאַראַקטער פון די נייע טעמעס, וועלכע ער האָט גענומען קינסטלעריש (צו) געשטאַלטן, סיי דער באַשטימטער אָרט פון זיין טאַלאַנט, סיי דער אינעווייניקסטער טענדענץ פון זיין פיל־געשטאַלטיקן, פיל־קאָלירנדיקן שאַפן... " — — — „... קודם די טעמעס... איך מיין דאָ דעם גייסטיקן אינטערעס, וואָס האָט צוגעצויגן דעם קינסטלער צו באַאַרבעטן די אָדער יענע טעמע... נאָר אין פּרצן הויבט אָן דער יידישער קינסטלערישער גייסט צו רעאַגירן אויף אַלע טיפסטע פּראָבלעמען פון אַ מענטשלעכן לעבן, ווי זיי ווערן געשטעלט אין דער פּראָ־גרעסיווער קולטור פון דעם אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז. פּרץ איז דער ערשטער יידישער קינסטלער, וואָס וואַרפט זיך אַריין אין די גייס־טיקע קאַמפן פון זיין צייט: די סאָציאַלע, די פריי־דענקערישע, די פילאָסאָ־פישע, די אַרעליגיעזע, ווי אויך אין די גייסטיקע קאַמפן אַרום די טיפסטע פּראָבלעמען וועגן דעם זין פון אַ מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט.

„אין אַט די אַלע טעמעס רעדט צו אונדז פּרץ, ווי אַ מאָדערנער געביל־דעטער מענטש צו מאָדערנע געבילדעטע מענטשן, אין אַ שפּראַך, דאָס רוב אַ פאַרשטענדלעכער סיי פאַר די געבילדעטע, סיי פאַר די מאַסן..."

און אָנווייזנדיק אויף די פאַרשיידענע עלעמענטן פון פּרצעס שאַפן און פון דעם כאַראַקטער פון זיין טאַלאַנט, פירט אויס ד"ר ח. זשיטלאָווסקי: „האָט מען דאָס אין אויג, ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס גראָד פּרץ איז גע־וואָרן דער פאָטער און פירער פון די אויפקומענדיקע יידישע שרייבער... — — — סוף פאַריקן יאָרהונדערט און אָנהויב אונדזער יאָרהונדערט איז אין די יונגע יידישע דורות, סיי ביי די אַרבעטער, סיי ביי דער אינטעליגענציע, געבוירן געוואָרן דער ווילן צו קאַמף. זיי האָבן זיך געריסן צו אַקטיוויטעט. פּרצעס טאַלאַנט, אַן אָנגעלאָדענער מיט אַקטיוויטעט און קאַמף, איז געווען אין דער זעלביקער צייט אַ דער אויסדרוק פון דער עפּאָכע, אַ די קראַפט, וואָס האָט איר געהאָלפן צו פאַרשטיין און צו באַשטימען זיך אַליין." (ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, „דער נביא פון קאַמף", אין זיין ביכל „י. ל. פּרץ", ז' 39־40).

און דעריבער „באַקומט פּרץ דערביי אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָ־נאַל־יידישן מהות... אין דעם צענטער פון זיין גייסטיקן געראַנגל ווערט אַרויסגעשטעלט פּרצעס הויפּט־פּראָבלעם: די מענטשלעכע וועלט פון איין זייט און דער ווערט, ווי אויך דער באַדייט פון דעם יידישן פאָלק אין אַט דער מענטשלעכער וועלט פון דער אַנדערער זייט. פּרץ האָט געקאָנט זאָגן אויף זיך: עס איז מיר נישט פרעמד קיין זאַך, וואָס באַוועגט אַ מענטשלעכע ברוסט, און עס איז מיר נישט פרעמט קיין זאַך, וואָס פלעגט אויפרודערן און רודערט עד היום אויף די נשמה פון מיין יידישן פאָלק.״ („פּרץ, דער נביא פון קאַמף״, אין ד״ר זשיטלאָווסקי ביכל „י. ל. פּרץ״, 1951, ז׳ 38).

און ווי די פריערדיקע, אַזוי די שפּעטערדיקע קריטיקער און פאָרשער פון פּרצעס שאַפן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דאָס נייע, וואָס פּרץ האָט אַריינ־געבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור. ווער ס׳האָט מער באַטאָנט דאָס אידייאישע, דאָס געדאַנקלעכע און ווער די נייע פאָרמען, דעם נייעם סטיל. ש. ניגער שרייבט: „... שוין דאַן (סוף 80־ער און אין די 90־ער יאָרן) זיינען פּרצעס זאַכן געווען אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זייער סטיל און זייערע פאַרשיידענע פאָרמען, נישט בלויז מיט זייערע אידייען און מאָטיוון. פּרצעס ווי איז, אַזוי ווי זיין וואָס, געווען אַן אויסדרוק און אַ פאַרשטאַר־קונג פון דער מאָדערניזירונג־טענדענץ, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אויף ביידע זייטן ים״. (ש. ניגער — „דערציילערס און ראָמאַניסטן״, נ״י 1946, ז׳ 176).

באַזונדערס געפינט מען אַרויס פּרצן דעם זוכער, פּרצן דעם נאָוואַטאָר, דעם באַנייער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס טיילט אים באַזונדער אויס פון זיינע מיטצייטלער, די קלאַסיקער מענדעלע און שלום־עליכם. ש. ניגער שרייבט: „אָפּשלוס און אָנהייב — דאָס איז דער שאַרפסטער אונטערשייד אין דעם איינדרוק, וואָס עס לאָזט אין אונדז איבער מענדעלע אָדער שלום־עליכם פון איין זייט און פּרץ פון דער אַנדערער זייט. ביים ייידן אָדער ביים איינ יקל פילן מיר, אַז אַן עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז פאַרמירט געוואָרן אין משך פון דורות, אַ גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע קומט צום שלוס און ווערט דער אָביעקט פון אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן סך־הכל, ווערט פאַרגאַנגענהייט, ניט־פאַרגייענדיקע פאַרגאַנ־גענהייט, — געשיכטע. פּרץ, פאַרקערט, ברענגט מיט זיך די אַטמאָספערע פון אַ נייער צייט, די לופט פון נייע אידייען און אַ נייעם סטיל. אין פּרצעס שאַפן שפירט זיך די אומרו און דער אימפּעט פון בראשית...״ (ז״ז 181־182).

„ראָמאַנטיזם — זאָגט ש. ניגער — איז דער ביז־פּרצישער יידישער ליטעראַטור געווען פרעמד... דער ערטשער פאַרשטייער פונעם קינסטלעריש־

ראָמאַנטישן סטיל אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען פרץ.״ (דאָרט ז׳ 169).

און ווייטער: „פרץ איז סטיליסטיש געווען מאָדערן. דאָס האָט זיך אויס־געדריקט אין אַ סך זאַכן, — פריער פון אַלץ אין דער קורצקייט, דער אימפּע־טיקייט און דער נערוואָזיטעט פון זיין שטייגער שרייבן. ער האָט דער ערשטער פאַרלוירן די געדולד צו אריכות, די געדולד וואָס עס האָבן שרייבערס און לעזערס, וועלכע איילן זיך נישט... פרץ האָט אַריינגעבראַכט אימפּעט און איילקייט אין דער סטרוקטור פון דער יידישער דערציילונג, קורץ־אָטעמקייט, אָפּגעהאַקטקייט און אַפאָריסטישקייט — אין דעם בוי פונעם יידישן זאַץ. די פאָרם האָט, אַזוי ווי דער אינהאַלט פון זיין שרייבן, געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון זיין מאָדערנעם „גרויס־שטאָטישן״ איך...״ (ז׳ 171).

אויף פרצעס גרויסער השפעה אויף די יינגערע יידישע שרייבער און אויף די באַזונדערע מאָמענטן פון אָט דער השפעה ווייזט אָן לעאָ קעניג אין זיין ביכל „פאָלק און ליטעראַטור״ (לאָנדאָן, 1947): „ס׳איז ביז גאָר אינטע־רעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש ווי פרצעס איינפלוס האָט זיך אָנגעהויבן אויס־איבן אויף דער פאָלקסטימלעכער יידישער אינטעליגענץ און אויך אויף די יינגערע יידישע שרייבער און קינסטלער פון זיין צייט און סביבה.

„פרצעס נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיציזם און סימבאָליזם האָט זיך „אַריינגע־גנבעט״... אין אונדזער ליטעראַטור אויף אַ ביז גאָר רעאַליסטישן שטיי־גער: דערצויגן אויף די עלטערע משכיליש־רעאַליסטישע שרייבער און אויף די גרויסע רוסישע רעאַליסטן, האָבן די יונגע שריפטשטעלער אונטער פרצעס השפעה, אָנגעהויבן רעאַליסטיש שילדערן נישט די צעבראָכענע גלות־און־תחום־יידן, נאָר די געזונטע וואוילע יונגען, די שטאַרקע יידן פון די פאַר־פונדעוועטע יידישע שטעטלעך... — — —

„אונטער דער השפעה פון זיינע קינסטלעריש־ראָמאַנטישע זוכונגען, האָבן די יינגערע קינסטלער אָנגעהויבן שילדערן די געזונטע טיפּן, די בעלי־כוח אין דעם יידישן לעבן.״ (ז׳ 80).

לעאָ קעניג רופט אָן אייניקע יידישע שרייבער, וואָס פרצעס איינפלוס איז אויף זיי געווען באַזונדערס שטאַרק: „אפשר די בעסטע קורצע רעאַליסטישע דערציילונגען זיינען דאָן (ווען אַש, ווייסנבערג זיינען געקומען — נ. מ.) גע־שאַפן געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור; רעאַליסטיש, אָבער אין דעם רעאַ־ליזם איז שוין געווען פרצעס השפעה, ווען אפילו אַן אומדירעקטע און פּאַראַ־דאָקסאַלע השפעה. עפּעס ווי פרצעס ראָמאַנטיציזם וואָלט באַקעמפט דעם וואָ־כעדיקן רעאַליזם אין אונדזער ליטעראַטור דורך און מיט דער הילף פון אָט־די געזונטע רעאַליסטישע דערציילונגען און שילדערונגען פון געזונטע יונגען...

— — — אָן אומדירעקטע השפעה האָט פּרצעס נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק געהאַט אויך אויף נאָמבערגן און בערגעלסאָנען, וועלכע האָבן די ערשטע אָנגעהויבן (צו) שילדערן די יידישע אינטעליגענטן און האַלבע אינטעליגענטן אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.״ (דאָרט ז׳ 18).

און ל. קעניג באַטאָנט דאָס אייגנאַרטיקע און אויסטערלישע אין פּרצן, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר דעם וועגווייזער: „פּרצעס איינפלוס אויף די יינגערע שרייבער פון זיין צייט, און באַזונדערס אויף די אין זיין סביבה אין וואַרשע, איז אומפאַרגלייכבאַר אין דער יידישער ליטעראַטור. סטיליסטיש און ריין שריפטשטעלעריש האָט, צום ביישפּיל, מענדעלע מו״ס געהאַט אַ פיל גרעסערן איינפלוס אויף יידישע שרייבער און אויף דער ליטעראַטור בכלל. פאַר מענדעלעס תלמידים און „אייניקלעך״ האָבן זיך געהאַלטן אַזעלכע גרויסע שריפטשטעלער און דיכטער ווי שלום־עליכם און ביאַליק און צענדליקער אַנדערע באַדייטנדיקע יידישע און העברייאישע שרייבער. פון מענדעלען האָט מען זיך פיל מער געלערנט שרייבן ווי פון פּרצן. אָבער פּרץ איז געווען דאָס, וואָס דער בייזער און אָפט ביטערער מענדעלע האָט נישט געקאָנט זיין — אַ רבי אינעם חסידישן און באַהעמישן זין... פון פּרצן האָבן די יינגערע יידישע שרייבער געלערנט התלהבות, זוכן, בלאָנדזשען... ער איז פאַר זיי געווען דער מאָדערנסטער און דער ליטעראַרישסטער שרייבער פון יענער צייט.״ (דאָרט ז״ז 84־85).

8

מיט שאַרפערע ווערטער כאַראַקטעריזירט ב. ריווקין (1883־1945) פּרצעס ראָלע און באַטייט ווי דעם וועגווייזער און פירער פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור. ער זאָגט: „מאַנכע ווילן אָפּפרעגן, צי פּרץ קאָן באַצייכנט ווערן געגעוי ווי דער איניציאַטאָר פון אַ נייער באַשטימטער ווענדונג אין דער יידישער ליטעראַטור; אָבער אַז ער איז דער איניציאַטאָר פון אַ נייער ווענדונג צו ליטעראַטור, וועגן דעם קאָן גאָר קיין ספק נישט זיין. ער איז געווען דער לערער, וועגווייזער און אינספּיראַטאָר צו ליטעראַטור״. ריווקין קלערט אויף זיין באַהויפּטונג און גיט צו: „... די כמו־טעריטאָריעלע אילוזיע, וואָס פאַרבינדט אונדזער טעריטאָריע, וואָס פּראָדוצירט ליטעראַטור — האָט אונטער פּרצעס השפעה געפייערט איר גרעסטן טריאומף. נאָך קיינמאָל האָבן יידישע שריפטשטעלער נישט געפילט אַזאַ זיכערקייט פון שטיין אויף אַ פעסטן באָדן, ווי ווען זיי האָבן זיך געזאַמלט אַרום פּרצן, אָנגעצייגענע פון זיין שעפעריש־אומרואיקער, זוכערישער, היציקער, בליציקער, אימפּעטיקער פּערזענלעכקייט. ער איז געווען די פאַרקערפּערטע יידישע ליטעראַטור־טעאָריע״. (ב. ריווקין — „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״, נ״י 1948, ז״ז 23־25).

און ער גייט ווייטער, ב. ריווקין, און רעכנט אויס פּרצעס פּאַרדינסטן און אויפטוען, ווי דער לערער און אינספּיראַטאָר: „... די יידישע ליטעראַטור־מלוכה אין פּראַצעס פון ווערן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום י. ל. פּרץ, וועלכער האָט אין זיין אייגענער פּערזאָן, אַלס איר קינפּטיקער הויפּט, פאַרלויפיק דערפילט אַלע אירע פונקציעס. ווי זיי וואָלטן דערהערט זיין רוף פונדערוויטנס, האָט מיט אַמאָל זיך אַרום באַוויזן, אַנגעקומענע פון שטאָט און שטעטלעך, אַ גאַנצע מחנה שריפטשטעלער, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך אַ שפע ליטעראַטור. אין דער ערשטער ריי האָבן זיך אָפּגערופן: אברהם רייזען, שלום אַש, דוד פּינסקי, ה. ד. נאָמבערג — וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די ערשטע „מלוכה־פליכט" — איינצונעמען נייע טעריטאָריע פאַר דער יידישער ליטעראַטור..." (דאָרט ז' 26)

„י. ל. פּרץ, דער אַרויסברענגער פון דער ירושה־טענדענץ, — זאָגט ב. ריווקין — האָט אָנגעוויזן דעם וועג: נאָך נשמה־ענערגיע דאַרף מען גיין צו דער פאַרגאַנגנהייט. זאַמלען די אוצרות פון די דורות און זיי פאַרוואַנדלען." (דאָרט ז"ז 46־47).

אָפּשטעלנדיק זיך אויף ש. אַש, ה. ד. נאָמבערג, ד. פּינסקי, ווייזט אָן ב. ריווקין: „דאָס זיינען די, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף פּרצעס רוף אין דער ערשטער ריי. מיט זיי און דורך זיי האָט זיך נאָך שטאַרקער געלאָזט הערן פּרצעס רוף. און עס איז געוואָרן ממש אַ גערעטעניש אויף טאַלאַנטן. און נאָך גרעסער איז די צאָל פון די וואָס האָבן בלויז די זכיה געהאַט, אַז פּרץ זאָל אַריינקוקן אין זייער ערשטן ליד אָדער ערשטע דערציילונג. זיי האָבן מיטגענומען פּרצעס השפעה אויפן גאַנצן לעבן." (דאָרט ז' 51).

זעליג קאַלמאַנאָוויטש (1881־1942) דער קדוש, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע מערדער, שרייבט (אין זיין אַרטיקל „י. ל. פּרצעס קוק אויף דער יידישער ליטעראַטור", „ייוואָ־בלעטער", ב' 33, נ' 1949, ז"ז 49־64, און אין „גאָלדענע קייט", נ 2, תל־אביב, 1949) וועגן פּרצן אין זיין ראָלע ווי אַ לערער און וועגווייזער פון דער יידישער ליטעראַרישער משפחה: „... אין פּרצן האָבן יידישע שרייבער צום ערשטן מאָל דערשפּירט אַ פירנדיקן כוח. פּרץ איז געוואָרן און געבליבן אין משך פון כמעט צוויי צענדליק יאָר דער לעבעדיקער צענטער, וואָס צו אים זיינען געווענדט די אויגן פון אַלע, וואָס האָבן געשאַפן אין יידיש. אַ גאַנצער דור שרייבער איז אויסגעוואַקסן אונטער זיין דירעקטער השפעה... ער איז געווען דער ראש פון אַ ליטעראַרישער „שולע" — אַזוינס איז נאָך אין יידיש נאָך נישט געווען און האָט נישט געקאָנט זיין. פּרץ האָט אַרומגענומען די ג אַ נ צ ע יידישע ליטעראַטור, אָן שום אונטערשייד פון ריכטונג און כאַראַקטער פון די שרייבער. אים זיינען געווען גלייך נאָענט אַש און וויסנבערג, אברהם רייזען און ש. י.

אימבער, צבי הירשקאַן און י. י. טרונק. אויך די שרייבער פון זייער זייט האָבן צו אים אַריופגעקוקט און קודם־כל אים געוואָלט געפעלן ווערן..." („ייווא־בלעטער", ז"ז 51־52).

און ווידעראַמאָל: נישט נאָר לערער און וועגווייזער איז פּרץ געווען, נאָר ער איז געוואָרן דער פאָטער און נאָך יידישלעכער און אייגענער — דער טאַטע פון דעם דור שרייבער, וואָס איז געקומען דורך אים און נאָך אים און אויך שוין נאָך זיין פיזישן אַוועקגיין פון אונדז.

יעקב גלאַטשטיין, דער דיכטער און עסייאיסט, זאָגט: „י. ל. פּרץ איז געווען דער ערשטער יידישער טאַטע־שריפטשטעלער אין דער יידישער ליטעראַטור. ביז אים האָבן מיר געהאַט בלויז זיידעס אָדער קינדער. שריי־בעריי איז געווען אַ שעמעוודיקע מלאכה ביי יידן. דער יונגער מענדעלע האָט זיך גלייך פאַרשטעלט פאַר אַ יידן און אַרונטערגערעדט דערציערישע צו אייניקלעך: שלום־עליכם האָט זיך גאַנץ אָפט פאַרשטעלט פאַר אַ קינד און גערעדט ווי אַ שרייבער דורכן מויל פון טאָפּעלע טוטערעטו...

„פּרץ איז אין אַלץ געווען אַ פאָטער. ער האָט אַריינגעטראָגן זיין פּער־זענלעכקייט אין דער פּובליציסטיק, אין דער בעלעטריסטיק, אין זיין אָנ־געליטן גלויבן, אַז דאָס יידישע לעבן האָט אויך די גבורה צו זיין יום־טוב־דיק אין דער וואָכן. אָבער מער פון אַלץ דאַרף פּרץ זיין טייער דער יידישער ליטעראַטור, ווייל ער האָט זיך נישט פאַרשטעלט פאַר קיין זיידן און נישט פאַר קיין קינד, נאָר ער האָט אַריינגעבראַכט דעם מיטליעריקן ייד אין דער וועלט פון יידישן שעפערישן טראַכטן.

„ער איז געווען דער ערשטער טאַטע אין דער יידישער ליטעראַטור. דערפאַר אפשר זאָגט מען, אַז ער איז געווען דער טאַטע פון דער מאָדער־נער יידישער ליטעראַטור." („אין תוך גענומען", נ"י 1947, ז' 288).

9

ס'איז אינטערעסאַנט: כמעט אַלע, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן געשריבן וועגן פּרצן, האָבן געפּרוּווט שטעלן און באַהאַנדלען די פראַגע, וואָס פּרץ איז איצט, מיט יאָרן און יאָרן נאָך זיין אַוועקגיין, פאַר אונדז.

און די ענטפערן זיינען כמעט די זעלבע: פּרץ איז נישט נאָר ווייט פון אונדז, נאָר אדרבא, ער איז אַקטועל און אָנרעגנדיק, און זיין ווירקונג איז אַלץ־שטאַרק, אויב נישט שטאַרקער ווי אַמאָל, בעת ער האָט געלעבט.

קלמן מרמר, אינם אַרטיקל צו פּרצעס 30־סטן געבוירנטאָג („יידישע קולטור", מערץ־אַפּריל 1945, „דער קינסטלער און קעמפער"), שרייבט:

„י. ל. פרץ איז אָן ספק געבליבן טריי ביזן סוף זיין קאַמף פאַר ליכט, אויפקלערונג, אמת און גערעכטיקייט. אַ סך לעבעדיקער ווי אַ גאַנצע דיי פיזיש־געזונטע שרייבער. פרץ פאַרנעמט נאָך אַלץ דעם חשובסטן פּלאַץ אין דעם יידישן פאַנטעאָן, אין דעם האַרץ פון די אינטעליגענטע יידישע אַרבעטער־מאַסן, און קיין שוואַרץ־קינסטלערישע קונצנמאַכעריי איז נישט בכח אים אַרויסצוואַרפן פון דאָרטן."

און ק. מרמר זאָגט ווייטער:

„פרץ לעבט אַלס סאָציאַלער דיכטער פון דער קעגנוואַרט און אַלס נאַציאָנאַלער דיכטער פון דער צוקונפט — ווען קלאַס און פאָלק וועט ווערן איינס, ווען אַלע מענטשן וועלן לעבן פון אייגענער אַרבעט. דערמיט איז פרצן געזיכערט צו לעבן ביז צום סוף פון די דורות." (ז׳ 19).

און ב. ריווקין, דער שטענדיק־אַנגעגליטער ענטוזיאַסט, האָט צו פרצעס 30־סטן יאָרצייט זיין אַרטיקל: „י. ל. פרץ — ווי היינט וואָלט ער געלעבט" („יידישע קולטור", 1945, נ"ב 3־4) אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „י. ל. פרץ דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט איז אונדזער מיטצייטלער. ווען ער לעבט היינט, וואָלט ער געווען פונקט אין צייט. מיט זיין שאַפן איז ער אונדז היינט צום נויטיקסטן. ער פאַרענטפערט אונדזערע היינטיקסטע פּראָבלעמען... פרצעס ווערק, אויב זיי גיבן נישט דעם גאַנצן ענטפער, צייכענען זיי אָבער גאַנץ דייטלעך דעם אָנוואוירף פון אַן ענטפער." (ז׳ 2).

אין אַ ווייפולן אַרטיקל „מיט זייער טויט האָבן זיי אונדז באַפוילן לעבן" (אין זיין בוך „שרייבער און ביכער", לאָדזש 1949) רעדט דוד ספרד וועגן דעם מהות פון דער יידישער ליטעראַטור און אירע אויפגאַבן אין דער איצטיקער גורלפולער צייט און ער שרייבט: „אונדזער גרויסער י. ל. פרץ האָט געצוואונגען אין זיין צייט דער שר של שירה צונויפצוזאַמלען די טראָפּנדלעך בלוט, וועלכע האָבן אַראָפּגעטריפט פון די צאַרטע לייבער פון אונדזערע יידישע יונגפרויען, בעת זיי האָבן מיט נאָדלען צוגעפּעסטיקט די קליידער צום גוף, דער שונא זאָל זייער נאַקעט לייב נישט זען. אין אונדזערע צייטן זיינען אַלע שטעט און וועלדער דורכגעזאַפּט מיט אָט דעם בלוט פון מענטשלעכער גבורה פון אונדזערע טויזנטער זין און טעכטער, וועלכע האָבן פאַרטייטיקט דעם כבוד פון פאָלק..." (ז׳ 41).

י. ל. פרץ האָט אויך לעצטנס נישט אויפגעהערט משפּיע צו זיין אויף דער יידישער ליטעראַטור, אויף דעם יידישע לעבן, און דאָס זעען מיר באַזונדערס איצט, אין די פייערונגס־טעג פון פרצעס 100־סטן געבוירנטאָג, ווען אַ נייע פאַרשטאַרקטע פאַראינטערעסירונג, אַ נייע אויפגעוואַכטע ליבע און פאַר־

ערונג האָט זיך באַוויזן ביי די יידישע שרייבער, ביי די יידישע מאַסן פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען און קרייזן אין אונדזער יידישער וועלט.

אין דעם לייט־אַרטיקל אין דער „יידישער קולטור" (יאַנואַר 1951) מיטן נאָמען „דאָס י. ל. פרץ־יאָר הויבט זיך אָן", אין וועלכן מיר האָבן פייערלעך פּראָקלאַמירט דעם פּרץ־יאָר, האָבן מיר געשריבן: „אין דער איצטיקער גרויליקער צייט, ווען עס ראַנגלען זיך די ליכטיקע און פינצטערע כוחות, לאָמיר שעפּן פרייד און התלהבות, האָפענונג און גלויבן ביי פּרצן, אין זיינע דערהויבענע ליכטיקע שאַפונגען" (ז' 1).

אין די „יידישע שריפטן" (ספּעציעלער נומער, צום 100־סטן געבורטס־טאָג פון י. ל. פּרץ, וואַרשע, מאַי 1951) האָבן מיר באַגייסטערטע אַרטיק־לען וועגן פּרצן, אין וועלכע עס ווערט אַרויסגעבראַכט דאָס אַקטועלע, דאָס הייַנטווערטיקע, וואָס איז דאָ אין פּרצן און אין זיינע ווערק, און וואָס קאָן אין דער איצטיקער צייט סטימולירן.

שרייבט הערש סמאָליאַר: „דער דאָזיקער לײדנשאַפטלעכער רוף (אַז דער מענטש מוז זיך אויפכאַפּן פונעם וויסטן שלאָף) פונעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור קלינגט היינט נאָך מעכטיקער, ווי אין יענע יאָרן, ווען ער איז אויסגעפיבערט געוואָרן אין דער הייס־גליענדיקער נשמה פון י. ל. פּרץ" (ז' 1). און ב. מאַרק זאָגט: „פּרץ האָט געמונטערט זיינע מיטצייטלער, די יידישע שרייבער, זיינע פאַרערער און תלמידים צו גלויבן אין די אייגענע כוחות, אין דער סוגעסטיווער קראַפט פון ליטעראַרישן וואָרט און בילד, אין זייער מיסיע, אין דער שטאַרקייט פון דער יידישער קולטור..."

און ווייטער: „פּרץ האָט געוויזן אַ מוסטער און אַ לערע אויך אונדז, די אייניקלעך. פּרץ האָט באַוויזן די לעבעדיקע ראָלע פון דער ליטעראַטור, אַנטפּלעקט אירע גרויסע היסטאָרישע מיסיע און אַזוי־אַרום געוויזן דעם וועג צו דויערהאַפטיקייט פון ווערק אויף לאַנגע דורות" (ז' 3). און מ. מירסקי שרייבט: „די קאַמפס־ירושה, וועלכע פּרץ האָט אונדז איבערגעלאָזט, נעמען מיר אַריין אין אַרסענאַל פון די כלי־זיין, מיט וועלכע מיר פירן אונדזער קאַמף..." (ז' 4).

אין דעם זעלבן כאַראַקטער זיינען די אַרטיקלען, וואָס זיינען פאַר־עפנטלעכט אין אַרגעטינער „איקוף", ביי דער פּראָקלאַמירונג פונעם פּרץ־יאָר (אַפּריל־מאַי 1951). פּיני קאַץ, דער פאָרזיצער פונעם אַרגעטינער איקוף האָט אין זיין פייערלעכער רעדע, געזאָגט: „וואָס איז דען פאַר אונדז י. ל. פּרץ? ער איז דער אוניווערסאַלער גייסט פון אונדזער ליטעראַטור. ער איז דער צעשטראַלטער קולטור־קעמפער און קעמפערישער הומאַניסט אין דער יידישער ליטעראַטור..." און אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער צייט,

ווען מיר פייערן פרצעס 100־סטן געבוירנטאָג, און אויף די אויפגאַבן און פּאַרמעסטן, וואָס שטייען פאַר אונדזער פּראָגרעסיוון יידישן לעבן, האָט פּרץ באַטאָנט, אַז „דאָס לויכטנדיקע און גליענדיקע וואָרט פון יצחק לייבוש פּרץ וועט אונדז פירן איבער חורבות צו אַ נייעם שבת־יום־טובדיקן לעבן, צו אַ רייך יידיש קולטור־לעבן"... (ז' 11) „... מיט פּרצעס טרייסט־וואָרט און מיט פּרצעס דרייסטקייט און ווירדיקייט זיינען אַלע יידישע ישו־בים צוגעטראָטן צו בויען אַ ניי באַפרייט לעבן, און מיט פּרצעס אָנגעצונ־דענעם פלאַם פייערן מיר זיין 100־סטן געבוירנטאָג..." (ז' 21).

צו זיין 100־סטן געבוירנטאָג האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז יצחק לייבוש פּרץ אין אַ ניי ליכטיקער, דערהויבענער געשטאַלט.

מיר באַמערקן ביי אַלעמען נישט בלויז פאַרערונג, באַגייסטערונג צו פּרצן, ווי צום קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר בעיקר — ווי צו אַ היינטצייטיקן שרייבער, פון וועמען מיר האָבן נאָך זייער פיל וואָס צו לערנען.

לערער און וועגווייזער איז פּרץ געווען נישט נאָר אין זיין צייט, פאַר זיינע תלמידים, וואָס האָבן באַקומען ביי אים סמיכה. לערער און וועגווייזער איז פּרץ אויך איצט — 36 יאָר נאָך זיין אַוועקגיין פון אונדז.

י. ל. פרץ אין דער דיכטערישער אויפפאַסונג

1

נישט נאָר יידישע קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער און עסייאיסטן האָבן אַלע יאָרן אויף פאַרשיידענע אופנים געפּרוּווט שאַצן און אָפּשאַצן פּרצן, זיין פּערזענלעכקייט און זיין שאַפן. אויך יידישע דיכטער האָבן, זינט פּרצעס טויט אין 1915 ביז אויף היינטיקן טאָג, זיך באַמיט אַרויסצו־ברענגען אין זייערע דיכטערישע שאַפונגען פּרצעס פילקאָלירנדיקע גע־שטאַלט און געהאַלטן אין איבעררופן זיך מיט פּרצן, מיט זיינע פאַרשוינען, מיט זיינע וועלטן און וויזיעס. באַזונדערס האָבן יידישע דיכטער אין די לעצטע חורבן־און נאָך חורבן־יאָרן זיך געווענדט צו פּרצן, צו זיין שאַ־פונגס־וועלט, צו זיין „אוהל" און דערביי געבראַכט צום אויסדרוק דעם פּיין און צאַרן פונעם אומקום פון דעם פּוילישן יידנטום, וואָס פּרץ איז געווען זיין פולסטער אויסדרוק און סימבאָל.

די צאָל דיכטער, וואָס האָבן פאַרפאַסט פּרץ־לידער איז זיכער גרויס, און מסתמא פיל גרעסער ווי די צאָל, וואָס מיר האָבן באַוויזן אויפצוזאַמלען. פּרץ־לידער זיינען צעזייט איבער צייטשריפטן און צייטונגען איבער גאָר דער וועלט, און מען דאַרף זיי ערשט אויפזוכן און צונויפזאַמלען.

מיר האָבן באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַכט און פערציק לידער פון 38 יידישע דיכטער. אייניקע דיכטער פאַרמאָגן צו עטלעכע פּרץ־לידער, געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן, אין וועלכע זיי האָבן אַרויסגעבראַכט געפילן און טראַכטענישן וועגן פּרצן, וועגן זיין לעבן־ווירקן אָדער וועגן זיין טויט, אָדער באַטאָנט די אַלץ־דורכדרינגענדיקע השפעה פון פּרצן און זיין שאַפן. ספּעציעל איז גרויס די צאָל לידער וועגן דעם פאַרבליבענעם פּרץ־אוהל, צו וועלכן מען קומט, ווי צום כותל מערבי, זוכן טרייסט און דערמוטיקונג, אָדער אָרום וועלכן מען גיסט אויס דאָס שווערע האַרץ אין דער גרויליקער נאָך חורבן־צייט, און מען טעהנט זיך אויס, פּונקט ווי איוב מיט זיינע פריינט, אין דעם גרויסן פּערזענלעכן און פאָלקס־אומגליק.

אָט איז די רשימה פון די דיכטער, וואָס מיר האָבן אויפגעקליבן: ברוך אַליצקי, לייב אַליצקי (צוויי לידער), זעליק אַקסעלראָד, מנחם באָריי־שאָ, נ. י. גאָשליב, א. גאָנטאַר, יעקב גלאַטשטיין, י. גרינבערג, מאַטעס

דייטש, משה לייב האַלפּערן, דוד האָפּשטיין, מ. האַרצמאַן (צוויי לידער), מ. וואַלדמאַן, ז. ווײַנפּער, אברהם זאַק, ג. טשאַרנעזאָן־שאַיאַק, מ. יאַפּע, ב. לאַפּין, ה. לייוויק, (צוויי לידער), מלכה לי, א. לעיעלעס (צוויי לידער), קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אברהם סוצקעווער, יואל סלאָנים, דויד ספאַרד, חיים לייב פוקס, ל. פיינבערג, איציק פעפער, אהרן צייטלין (צוויי לידער), רחל קאָרן, לייב קוויטקאָ, ש. ראַסין, אברהם רייזען (ליד און פּאָעמע), משה שול־שטיין (צוויי לידער), שלום שטערן, אריה שמרי, ישעיהו שפיגל, (3 לי־דער), משה שקליאַר (צוויי לידער).

איידער מיר גייען ברענגען אויסצוגן פון די פאַרשיידענע פּרץ־לידער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן די אַלע יאָרן דורך פאַרשיידענע באַקאַנטע און ווייניק־באַקאַנטע יידישע דיכטער, ווילן מיר באַמערקן, אַז מיר האָבן איצט נישט בדעה צו געבן אַפּשאַצונגען, אַנאַליזירן און קוואַליפיצירן די דיכ־טערישע שאַפונגען. מיר באַנוגענען זיך בלויז מיט ציטירן די וויכטיקע, לויט אונדזער מיינונג, שטעלן אין די לידער, וואו עס ווערן געבראַכט צום אויסדרוק די געפילן פון דעם דיכטער צו פּרצן, צו דער פּרץ־פּערזענלעכקייט, צו זיין אָרט און ראָלע אינעם יידישן לעבן, ווי אויך די איבעררופן מיט פּרצן און פּרץ־געשטאַלט אין די פאַרשיידענע שווערע מאָמענטן פונעם דיכטער און פונעם יידישן פאָלק, נאָכן לעצטן מוראדיקן חורבן.

מיר וועלן גיין כסדר און, ווי־ווייט מעגלעך, וועלן מיר ברענגען די אויסצוגן פון די פּרץ־לידער אין דעם סדר פון דער צייט, ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן.

דער ערשטער דיכטער, וואָס האָט רעאַגירט מיט אַ ליד אויף פּרצעס פּריצייטיקן און אומגעריכטן טויט, איז געווען משה לייב האַלפּערין (1934־1886). אין דעם זאַמלבוך „י. ל. פּרץ", וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1915, גלייך נאָך פּרצעס טויט, איז פאַרעפנטלעכט דאָס שטאַרקע אויפשיטערנדיקע ליד. עס זיינען אינעם ליד אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע געפילן — מוראדיקע דערשלאָגנקייט פון דער גרויסער אבידה, טיפע פאַר־אַכטונג צו די גלייכגילטיקע באַוווינער, בונט און אויפשטורעם קעגן דעם מענטשלעכן גורל, ווייטיק פון דעם געשעענעם און טרויער אויף דער איי־גענער טראַגעדיע.

מ. ל. האַלפּערין הויבט אָן זיין ליד:

און דו ביסט טויט. —
און מיר, וואָס דאַרפן ווי אבלים איצט אַרומגיין שטום
און טיף־געבויגענע, מיר רינגלען אונזער פאָלק אַרום
ווי מוידן אין אַ שענק ביינאַכט אַ שכורן מאַגנאַט.

דעם דיכטער רעגט און רייצט, וואָס

— — — ווער עס האָט אין מויל אַ צונג,
קלאַפּט אויס אַ ריטמיש ווײ-געזאַנג, ווי ס'קלאַפּט אַ שוסטער-יונג
אַ גראָבן טשוואַק אַריין אין קנאַפּל פון אַן אַלטן שוך...

פּרצעס טויט האָט דעם פּאָעט אויפגעטרייסלט, ער שרייט אויס:

— — קיינמאָל, קיינמאָל נאָך האָט ניט דער שרעק פון אונטערגאַנג
געערדט צו מיר אַזוי ווי איצט — — —

מ. ל. האַלפּערין זעט פּרצן, דעם לייב, דעם אָדלער, און ער פרעגט: „וואָס ביזטו דען געווען פאַר אונדז? אַ לעצטע גלאָוניע האַלץ,/ וואָס ברענט אין סטעפּ ביינאַכט.../ אַ מאַסטבוים פון אַ שיף, וואָס ראַנגלט זיך מיט ווינט אין ים...”

ער פילט די געמיינזאַמקייט זיינע מיטן געשטאָרבענעם דיכטער: „איך בין דאָך אויך אַ רינג פון יענער אַלטער גאָלדענער קייט,/ וואָס ליגט אין אַלע ווינקלען וועלט צעוואָרפן און צעזייט,/ ווי שטיינער אין דער ווילדערניש. און קראַנק בין איך און מיד.”

אין אַ ליד „אַן אַ סוף” (צום אָנדענק פון י. ל. פּרץ) שילדערט אברהם רייזען, וועלכער איז געווען נאָענט צו פּרצן אין לויף פון יאָרן, דעם מאָמענט, ווען י. ל. פּרץ איז פּלוצים געשטאָרבן. צום ליד קומט אַ מאָטאָ: „דער גרויסער דיכטער איז געשטאָרבן ביים טיש, שרייבנדיק אַ מעשה”. רייזען הויבט אָן:

ס'איז געווען אַ גראָער מאָרגן
נאָך אַ נאַכט אַ שווערער:
וואָלקנס האָבן זיך געזאַמלט
מערער אַלץ און מערער.

פרי איז ער דאָן אויפגעשטאַנען
ווי ס'וואָלט ווער אים טרייבן,
און אַ מעשהלע פאַר קינדער
אָנגעהויבן שרייבן.

דער דיכטער פרעגט: „האָט ער עפּעס זיי אָנטדעקן/ דעמאָלט זיך געקליבן? / ביי די ערשטע צוויי־דריי ווערטער איז ער שטיל געבליבן.”

„איז נאָך פריצייטיק געווען — פרעגט א. רייזען ווייטער — וואָס ער האָט פאַרנומען? / האָט ער ניט געטאָרט דערציילן, / וואָס עס וועט נאָך קומען? ”

און גראָד „וואָלטן מיר איצט וועלן, אין דער צייט פון שרעקן, דאָס, וואָס ער האָט מיטגענומען, קאָנען דאָ אַנטדעקן! ”

און א. רייזען פּרוּווט אַרויסברענגען די „בילדער, וואָס האָבן דאָן געשוועבט פאַר זיינע אויגן” — וואָס זיינען עס געווען? „אַ טויב אַ ווייסע”, אָדער גאָר „אליהו הנביא האָט זיך פאַר אים דורכגעטראָגן? ” אָדער אפשר

האָט ער געזען „אַ באַרג אַ הויכן, וואו די קינדער שטייגן?״, און „אָדער האָט ער דאַן געהערט שוין משיחס שופר שאַלן?״

און א. רייזען פאַרענדיקט זיין ליד מיט באַדויער:

„ביי די ערשטע צוויי-דריי ווערטער
איז ער שטיל געבליבן...״

צום דרייסיקסטן יאָרצייט פון י. ל. פרץ (אין 1945) האָט אברהם רייזען פאַרעפנטלעכט רירנדיקע, דערציילערישע פראַגמענטן פון אַ פאַר־עמע וועגן י. ל. פרץ, מיטן נאָמען „כ׳געדענק דעם פרימאָרגן״ (פאַרעפנט־לעכט אין „צוקונפט״, אַפּריל 1945), וואו ער דערציילט און מאָלט זיינע זכרונות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פרצן. מיר האָבן דאָ פיר טיילן: 1. דער אָנהויב; 2. בית־פרץ; 3. די שבתים; 4. אייביק... און לסוף קומט אַן „עפּילאָג״. אין די פראַגמענטן מישן זיך דעראינערונגען, שילדערונגען און פאַרגאַפונגס־געפילן צו פרצן, צו זיין שאַפן, און צו די פרץ־געשטאַלטן, וואָס א. רייזען ברענגט אַרויס אין פאַרשיידענע סיטואַציעס.

2

אין 1920, אין דער פרץ־זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין אָדעס צו פרצעס פינפטן יאָרצייט, איז פאַרעפנטלעכט אַ גרעסער ליד פון מ. יאָפע, אין וועלכן עס ווערט אַרויסגעבראַכט פרץ און זיין באַטייט פאַר דער ייִדי־שער וועלט און פאַר זיין דור.

דער דיכטער זאָגט:

„ער האָט געלעבט מיט דער מינוט.
נאָר אין זיין רגע האָט גערוט
דער שטילער ציטער פון געבורט,
די זאַטע שמחה פונעם זיין,
און פון דער אייביקייט — די שיין.
דערפאַר האָט ער זיין שטאָלצן טריט
אויף וועגן ליכטיקע פאַרהיט,
און נישט געהאַט קיין גלייכן וועג,
וואָס פירט מיט שטויבן-זייל צום ברעג.״

דער דיכטער רעדט וועגן „זיין (פרצעס) פאַרלאַנג און זיין באַגער״, וועגן דעם „שפּיל פון שמייכל און פון טרער״, וועגן דעם „ברייטן עכאָ פון וואַלד״ און „רוף פון האַרץ״ און וועגן „קראַפט און לוסט״, וואָס „האָבן שטענדיק זיך פאַראייניט...״

און דער דיכטער רופט אויס:

„און הערט: עס האָט געלעבט אַמאָל אַ מאַן,
וואָס האָט זיין גורל זיך געטיילט
מיט אַלע ליידנדע פון נאָענט
מיט אַלע דורשטיקע פון וויט..."

און ער זאָגט צום „וויטן־נאָענטן דור":

„אויב דו דערוואַקסן ביזט צום שיינעם וואָר,
געדענק: עס האָט אַ פאָטער־אויג דיך טריי באַגליט,
עס האָט אַ האַנט פאַר דיר דיין אַלץ דערגרייט.
ער האָט געזוכט פאַר דיר דיין גליק, ביי דיר אַליין,
ביי דיר אַליין, אָ, גרויסער דור,
פאַר דיר אַליין דער אַלץ און דער גאַר:
צו לעבן פריי און שטאָלץ און שיין!" (ז' 15)

דער דיכטער לייב קוויטקאָ האָט אין דעם פרץ־זאַמלונג, דערשינען אין מינסק אין 1922, אין זיין ליד „י. ל. פרץ" געזען דעם גרויסן פרץ ווי „אַ ווינט, וואָס רייסט זיך אָפּ פון גרויסן, בלוטיק־לעבעדיקן שטורעם", „לויפט ער, דער ווינט, פליט אין מדבר", „רודערט־אויף פון שלאָף די זאַמדן", „ציט זיי, וואַרפט זיי, ווירבלט און דערהויבט אַ הויך געשטאַלט". אַזאַ זעט אויס אין די אויגן און אין דער וויזיע פון דעם יונגן דאַן לייב קוויטקאָ, פרץ, דער שטורעם־אַנזאָגער אין דעם אַרומיקן מדבר־לעבן. און ל. קוויטקאָ זאָגט ווייטער:

„קוקט דער ווינט און פייניק אָטעמט,
לעבט דער ווינט און ציט אין בענקשאַפט,
גלעט און צערטלט מדבר־וווייטן
און דערציילט פון שטיל און שטורעם
און פון בלוטיק־יונגען אומרו
און פון זוכנדיקע בלינדע
און פון וואונדער־פאַרביק טאַנצן
פון די רעגנס אויף דער וועלט,
און די מדבר־זאַמדן שלאָפן
און די מדבר־זאַמדן הערן."

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אין איר פרץ־ליד, פאַרעפנטלעכט אין 1922, אין דער זעלבער פרץ־זאַמלונג (מינסק) זעט די אַלע יונגע פרץ־תלמידים, „ווי יונגע ציגעלעך/ פון זויג־קינדער נאָך שטומינקע/ לעקן זיך צו זיינע פיס/ מיט אַ פיפּס־פּיפּס/ פון „כ'וואַקס"...

„אוןביידע הענט,
ווי סלופעס צוויי,
האַלטן הויך אַ שווערן פאָרהאַנג
פון אַלטן זייד
מיט שווערן קנייטש
מיט פרענזעלעך
פון שנירלעך באַבעס-פערל.״

די דיכטערין מאַלט ווייטער ווי „קאַראַהאַדן וויגן זיך דאָרט/ און פנימער צעפלאַמטע בויגן זיך אַראָפּ/ און הענט און הענט/ צום ווייסן פאַטער־שטול געווענדט/ זוכן דעם וואונדער־שטיין/ אין שטויב פון טראָט...״

דער יונגער דאַן דיכטער זעליק אַקסעלראָד האָט אין דער פרץ־זאַמ־לונג, מינסק 1922, אָפּגעדרוקט אַ ליד „פרצן״ מיט אַ מאָטאָ פון בעל־מחשבות „שטענדיק דער יינגסטער״... וואו אין די אַכט שורות ברענגט ער אַרויס די פרץ־וויזיע:

„צעשאָטן האָט זיך פלינק אויף ערד אַ שטערן-וועלט.
אין אויגן פינקלדיקע קלייבט מענטש מיט הייסן טראָט.
דאָס ערשטע יוגנט-האַרץ אין „שיר-השירים״ טרוים געהילט
געבראַכט האָט עמיץ פאַר זינגנדיקער שטאָט...

אַ העלער יום-טוב-שפּילנדיקער טאָג
פאַרוואָרפט צום מזרח הויך זיין בלויען טרוימען-קאָפּ
און קוקט: ווי פורפור-קאַנטן צייכנט קינד אויף אויפגאַנג-וואָג
וואו ר׳וועגט מיט זוניק-קוק נשמות יום-טובדיקע אָפּ...״

דער סאָוועטיש־יידישער דיכטער ש. ראָסין גיט אין זיין ליד „יצחק לייבוש פרץ״ (כ׳וויס נישט ווען ס׳איז געשריבן) אַן אָפּשאַצונג פון פרצן און ברענגט דערביי אַרויס שטריכן פון זיינע הויפּט־העלדן.

ש. ראָסין זאָגט:

„דו ביסט אַרויס פון פאָלק — צום פאָלק
און אויסגעטאָן פון אים דאָס שטריימל, —
עס האָט געברויזט אין דיר זיין שטאָלץ,
זיין שטומע מאָנענדיקע טענה.

און ווייטער זאָגט ש. ראָסין צו פרצן: „דו האָסט באַנציען אויפגע־וועקט פון הינער־פּלעט/ און אים געגעבן לשון...״ און „דו ביסט אַריין אין קעלער־שטוב און אוצרות דאָרט געפונען.״

ש. ראַסין רעדט וועגן פּרצן מיט באַגייסטערונג:

„און ווער האָט נאָך אַזוי די פרוי,
ווי דו, באַזינגען און באַפליגלט?
און מיטן קלעזמער פאַרן טויט
האָסט מיטגעשפּילט זיין שענסטן ניגון."

לסוף קומען אין ש. ראַסינס ליד פאָלגנדיקע פיר שורות:

„האָסט ליב געהאַט אַזוי דאָס קינד,
וואָס האָט אַקאָרשט די ערד באַטראָטן, —
האָסט אים געשענקט דיין פיינסטע ליד,
דיין לעצטן אָטעם."

3

וואָס־וויטער ווערט י. ל. פּרץ געזען און אויפגענומען אין דער רעטראָספּעקטיוו פון יאָרן, פון צייטן, פון נייעם גאַנג אין דער וועלט.

עס איז אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש דאָס ליד „צום 20־סטן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ" פונעם דיכטער נ. י. גאָטליב (פון מאָנטרעאָל, געדרוקט אין „ליט. בלעטער" 1935, נ' 17). דער דיכטער ברענגט פּרצעס שורות ווי אַ מאָטאָ „וועלן מיר דען קאָנען, קאָנען מיר דען וועלן." „ס'איז צוואַנציק שוין יאָר היינט, שוין צוואַנציק געוואָרן", — זאָגט דער דיכטער, און ער לעבט־אויף די צייט, ווען פּרץ איז אַוועק פון אונדז:

„דו האָסט דאַן פאַרענדיקט
דיין ניגון דעם לעצטן
ביים פופציקסטן טויער
פון לויטערער דיכטונג."

נ. י. גאָטליב כאַראַקטעריזירט אַזוי פּרצן: „מיט אין האַנט — באַשעפער, / צעשטערער — מיט צווייטער, / פאַרניכטער פון נעכטן, / צום מאָרגן אַ גרייטער, / אַ רבי, אַ פירער, / פון אַלעמען יינגער, / מיט שטענדיקן פרילינג / אין יונגקייט פון בליק, / מיט פריידיקער יוגנט, / מיט פרילינגשן פיבער..."

דער יונגער דיכטער רופט זיך איבער מיט פּרצן:

„אָ, ווי וואָלסטו שטוינען,
פילפאַרביקער דיכטער,
דערהערנדיק שטימען:
„מיר קאָנען, מיר ווילן.
מיר ווילן און קאָנען,
זיך רייסן פון געטאָס,
פון „חורבן בית צדיק",
פון „באַנציע שוייגס" יחוס,
פון „שטריימל" „משולח",
פון שטייגערישן שימל,
פון אַלטקייט, פון שקיעה,
פון גרויע רואינען, —
צום זוניקן אויפגאַנג,
צום בלויען באַגינען!"

דער מונטערער און גלויביקער דיכטער פאַרזיכערט פּרצן:

„און היינט אונטער הימלען / צעבליטע מיט פרילינג / צום צוואַנציקסטן יאָרצייט — / אַ פערטע „מתּנה!" / מיר ברענגען דעם לאַזונג: / מיר ווילן, מיר קאָנען דעם מאָרגן באַשאַפן, / דעם נעכטן פאַרברענען!"

צום 23־סטן פּרץ־יאָרצייט קומט אַן אַנדערער יונגער יידישער דיכ־טער, ברוך אַליצקי מיט אַ פאַרהערלעכונגס־פּרץ־ליד, וואו ער רעכנט אויס די דערשלאָגענע, דערנידעריקטע פּרץ־געשטאַלטן, וואָס זיינען גאָר אַנ־דערש געוואָרן:

„ווער האָט, פּרץ, זיך געמאָלט, אַז גולמס, אינוואַלידן, מאַריאָנעטן,
אַז דיין באַנציע שוויַג
וועט דעם שטומען צונג אַזוי־אַ געבן אַ צעבינד און אומגעריכט
אַרויס אין שטרייק,
אין בלוטיקער געראַנגלעריי מיט פעטליע צאַרישער און ביקס..."

און וויַיטער:

„ווער האָט, פּרץ, זיך געמאָלט דען, אַז ס'וועלן דיינע נייטאָרינס
אויסשטעפּן פון געניי
תּכריכים גאָר פאַר קהל און וועלט..."

און ברוך אַליצקי פאַרנעמט „דאָס ליד פון נייע פייגל / שנאָבלען שפּיציק, שאַרפע נעגל."

„און כאָטש ס'איז פרעמד אונדז איצט אָפּטמאָל דיין לבוש", אָבער „דאָך הייליק־טייער איז אַזוי דיין נאָמען..."

די ליבע, די באַגייסטערונג, די פאַרהערלעכונג איז דאָ אַ באַנייטע, מען שטייט פאַרגאַפּט, ווייל „אַנגעוויזן האָסטו אונדז מיט אור הגנוז" (מיט געהיימען, פאַרבאַהאַלטענעם ליכט) „פון בלאָנדזשענדיקער מעלאָדיע, וואָס זוכט אַ תּיקון."

אין פאַרבינדונג מיטן 25־טן יאָרצייט נאָך פּרצעס טויט האָט די „סאָ־וועטישע ליטעראַטור" (קיעוו, 1940, אָקטאָבער) אַרויסגעגעבן אַ פאַרגרע־סערטן נומער, געווידמעט פּרצן, וואו אויסער וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען און פאָרשונגס־מאַטעריאַלן זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן לידער צו און וועגן פּרצן פון די דיכטער דוד האָפשטיין, א. גאָנטאַר און מ. האַרצמאַן.

דוד האָפשטיין האָט גערעדט וועגן דעם באַטייט פון האָפענונג, וואָס „פון איר אַליין נאָר ווערט דאָס נייע דאָ געבאָרן" און וועגן דער צעשטע־רנדיקער ראָלע פון שרעק, וואָס „קאָסט אונדז טייער". ס'איז אַ דיכטערי־שער מונטערער ענטפער אויף פּרצעס אַמאָליקן אַרטיקל „האָפענונג און שרעק."

א. גאַנטאַרס ליד הייסט „כ'זינג איצט דיינע לידער", און ס'הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ווייל ס'איז ווייט די צייט, / און ווייל דיין גייסט איז נאָענט..." דער דיכטער הערט פּרצעס קול און ער זעט די פּרץ־פּרוי... און ווייטער זאָגט דער דיכטער:

יאָ, איך גלויב דיר, דיכטער!
האָסט מיין האַרצן געפאַנגען,
צו מיין שטילן שטיבל
איז דיין וואָרט דערגאַנגען.

און דער דיכטער ענדיקט זיין באַהאַרצט ליד:

ניט ווי קיין דערמאָנונג
קומט דיין וואָרט, דיין ניגון.
כ'זינג איצט דיינע לידער
ביי מיין טאָכטערס וויגל. (ז' 38).

טיף־ריירנדיקע און באַגייסטערט־פאַרהערלעכטע לידער ברענגט אונדז מ. האַרצמאַן: „אַ באַפרייט געזאַנג" און „דיין בוך".

אינעם ערשטן ליד מאָלט ער פּרצעס מידל פון די „דריי מתנות", וואָס איז ביי די נייע באַדינגונגען אַ ווייטיקדיקע דערמאָנונג, און אינעם צווייטן ליד גיט ער די געפילן, איבערלעבונגען ביים לייענען פּרצעס ביכער.

דיין בוך ליגט אָפן — יעדעס בלאַט
אַרומגעזוימט מיט גאָלד מיט דינעם,
גלייך ווי מיט שטראַלן פון באַגינען —
עס שפּירט דאָס אויג און ווערט נישט זאַט.

און בילדער שטייען אויף פאַר מיר,
וואָס טויט געווען זוערט ווידער לעבן;
וואָס אנמעכטיק, ווערט הייסער שטרעבן,
וואָס אַש און בלאַס, באַקומט קאָליר!

און דער דיכטער פירט אַרויס די דריי פּרצישע נייטאָרינס, וואָס „וועלן בלייבן ווי אַ דענקמאָל פון אונדזער נויט און אונדזער פּיין..." (ז' 41).

4

דער מוראַדיקער חורבן פון דעם יידישן פּוילן, דער גרויליקער אומקום פון די פּרצישע וואָכעדיקע און יום־טובדיקע יידן, די פאַרניכ־טונג פון דעם דורותדיקן יידישן לעבן, פון וואַנעט פּרץ האָט גענומען די

וואונדערלעכע יידישע נשמות און אַנטפּלעקט די רייכע אוצרות, — דאָס אַלץ האָט דערוועקט אַ נייע, פאַרשטאַרקטע און ווייטיקדיקע ליבשאַפט און בענקשאַפט צו פרצן, צו זיין רייכער שאַפונגס־וועלט. דאָס ערדישע יידישע פוילן איז אויפגעגאַנגען אין פלאַם און אין רויך, איז איצט אויפ־געקומען אַ ניי הימלשע, מסירת־נפשדיקע, מסירת־מענטשישע יידיש פוילן. פרץ איז דער סימבאָל פון אַמאָל איז געווען, דער מאָנומענט פון מיליאָנען אומגעקומענע, פאַרשניטענע ברידער און שוועסטער.

זאָגט דער דיכטער ב. לאַפּין אין זיין ליד „י. ל. פרץ" („ייד. קולטור" אַפּריל 1945):

„האָסט שיין געלעבט דיין שיינעם לעבן,
און לאַנג געלעבט אין קורצע יאָרן,
דו האָסט פאַרמאָגט אויף אָפּצוגעבן,
און ביסט פון געבן רייך געוואָרן."

און אַט אַ וועלכער פּרץ וואַקסט אויס ביים דיכטער:

„אויף האַרטער ערד געקאָנט האָסט שוועבן,
און חלומען מיט אויגן קלאָרע.
האָסט וואָרט געשפּאָרט אין פונק־געוועבן,
געצאָמט, — גאָטס פייער איינצושפּאָרן."

שלום שטערן, דער קאַנאַדער יידישער דיכטער, וואָס איז אויפגע־וואַקסן אַרום זאַמאָשטש און פון די יונגע יאָרן געווען אַדורכגעזאַפּט מיטן לעבעדיקן, רעאַלן פרץ־גייסט, זעט אין זיין גרעסערן ליד „י. ל. פרץ אויף די זאַמאָשטשער גאַסן" („יידישע קולטור" 1945, אַפּריל), וואו דער גרוי־סער דיכטער „שפּאַצירט איינער אַליין". „ביים שטאָט־טויער שרעקט די חרובע פעסטונג־מויער". ערשט נישט לאַנג זיינען „יידן געלאָפן אין אַלטן בית־המדרש אַריין"; „אין איינזאַמע, שטילע בית־המדרש ווינקלען / שאָקלען זיך אין ברייטע, לאַנגע טלית־קטנס / די טרוימערישע פרומ־האַרציקע יוחנן וואַסערטרעגערס, / די פאַרהאַרעוועטע, שוויגנדיקע דאַרפסגייערס..." אַזוי לויכטן אויף, לעבן אויף שטיקער יידישע ווירק־לעכקייט...

דאָס איז געווען אָט־דאָ ערשט נישט לאַנג. איצט אָבער איז פון דעם אַלעם קיין זכר מער נישט פאַרבליבן: „נישטאָ קיין גאַסן, קיין פאָטשענע, קיין הויפן"... טויט און חורבן אויף מיילן און מיילן. / דער נאַצי האָט מיט מעסער און פלאַם / פאַרטיליקט ביזן וואָרצל־שטאַם."

און שלום שטערן, וואָס מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער איבערגע־

לאָזט אַ צאַפּלדיק, שאַפעריש, אַקטיוו יידיש לעבן, באַוויינט איצט די חור־בות, אויף וועלכע ער זעט איצט פּרצן:

„צווישן חורבות, צווישן אַש און פּראָך,
שטייט יצחק לייבוש טרויעריק, אַליין,
און וויינט אויפן אימהדיקן בראָך.
— — — — — — — — — — — — —
יצחק לייבוש שטייט און וויינט.
זיין קאָפּ זילבערדיק באַשניים.
זיין האַרץ ווערט מיט היליקן צאָרן אָנגעקלוידט:
גערמאַנער, דיין לאַנד זאָל ווערן וויסט און לער!
רויטאַרמייער, בערלין צעשטער!
נעם נקמה פאַרן הייליקן בלוט,
פאַר דער ריינער, קינדערשער, יידישער טרער!"

און ש. שטערן רופט אויס אין זיין און אין פּרצעס נאָמען:

„אָ, מיין מאַרטירער־פאָלק,
ביסט אויסדערוויילט, גרויס און הייליק,
ביסט גלויביק, מוטיק און אייביק!"

אויך ה. לייוויק (אין זיין ליד „אין דיין זכות, י. ל. פּרץ", „צוקונפט" 1945, אַפּריל) זעט פּרצן אַרום די חורבות, אין דעם הויז, וואָס איז שוין נישטאָ. דער דיכטער קלאַפּט אָן אין פּרצעס טיר, וועלכער איז שוין אויך מער נישטאָ... פּרץ „וואַקסט אויס אויף דער שוועל, וואָס ליגט אויף קויל פאַרברענט, / און לאָזט זיך שפּאַנען צווישן ווייטערדיקע פייער־ווענט..." פּרץ „לייגט אַרויף" אויף אים „אַ פאָטערלעכע האַנט" „וויל אים טרייסטן", אָבער

„— — — מיטאַמאָל נעמט פון דיין האַלדז אַליין
זיך רייסן אַ צעפּייניקטע איבהדיק געוויין."

ה. לייוויק זאָגט:

„ס'איז שווער צו זען, ווי ס'וויינט אַ יחסן־מאַן ווי דו,
און שווערער נאָך — ווען האַסטיק נעמסטו און פאַלסט צו
מיט ביידע ליפּן, אָן צוריקהאַלט, אָן פאַרשטעל,
צום בערגל אַש, וואָס איז אַמאָל געווען דיין שוועל."

פּרץ וואַקסט אויס דורך זיין געוויין אין דעם דיכטערס אויגן, און ער זאָגט צו פּרצן:

„— — — — — — — — זיי געבענטשט דערפאַר,
וואָס פּשוט, ווי אַ ייד אין גאַס, פאַרדעקסטו ניט דיין צער,
און קייקלסט זיך אין אַש און קושסט אויס יעדן שטיין
און נעמסט אויך מיך אַזוי אַריין אין דיין געוויין."

און ערשט איצט, ערשט איצט ביים גרויסן חורבן, פאַרנעמט דער דיכטער פּרצן, און ער זאָגט צו אים:

„כ'האָב, יצחק לייבוש פּרץ, דיך ביים לעבן ניט געקענט —
דערקען איך איצטער דיך צווישן אָפּגעברענטע ווענט
ביי טירן און ביי טויערן, וואָס זיינען מער ניטאָ,
אין זכות פון דיין געוויין-געזאַנג: כ'בין דאָ, דאָ-דאָ!"

אין אַן אַנדער ליד זוכט דער דיכטער ה. לייוויק „דעם ניגון פון אַ נאָמען". ער זוכט פּרצן „אין גרויל פון טויט". דאָס ליד לייענט זיך אַזוי:

„אַ וואָרט — אַ סטרונע דין
קוים וויגט זיך איבער תהומען:
אין גרויל פון טויט געפין
דעם ניגון פון אַ נאָמען.

וואו איז ער — באַנטשע דיין —
נאָך גאַז-אויוונס בהלה,
און שלמהס קידוש-וויין
נאָך פינצטערער הבדלה?

געפין אים און דערהייב,
לאָז שטאַרק אים זיך צעוויגן —
דאָס וואָרט איז יצחק-לייב,
און פּרץ איז דער ניגון.

צעשפּיל זיך ווידער ווייַן,
צו לעשן פייער-דאָרשטן
אין גוף פול אַנגסט און פּיין
פון דיינע מידע יורשים.

אַ גלגול האָט געשלעפּט
דעם ניגון צו דערשטיקן,
צי האָט ער איצט דערלעבט
צו קומען צו אַ תיקון?

גיס קראַפט אין זייער גוף,
גיס קראַפט פון לעצטן בעכער,
און הויב זיי ווידער אויף
הויך, הויך, אויב ניט נאָך העכער."

מיט טיפער פאַרהערלעכונג און געפילן פון יראת־הכבוד איז אַדורכגעדרונגען דאָס ליד פון א. לעיעלעס „יצחק לייבוש פּרץ" („צוקונפט" אַפּריל 1945). אַליין אַ פּוילישער ייד, אַ לאָדזשער, פאַרבינדט ער פּרצן מיטן פּוילישן יידנטום. ער זאָגט אין ליד:

„וואויל דיר, יצחק לייבוש פּרץ, זעער, פאַנצער,
גרויסער ייד פון מלכות פּוילן, טרייסטער, פלאַנצער."

ביי אים איז פּרץ דער סימבאָל פון יידישן שאַפן, דער פאָן־טרעגער פון יידיש: „יידיש וואָרט געוועזן זיין לעצטע טרייסט און גלויבן". פּרץ „האָט פון האַס און ליבשאַפט אויסגעבליצט אַ זעאונג קלאָר, / און צו איר געגאַנגען גראָד דורך חושכדיקסטער וואָר."

און אין די גרויליקע טעג פונעם נאָכן יידישן חורבן, קומט אויף פאַרן דיכטער אַן אַנדער פּרץ — פּרץ אין דער וויזיע:

„איצטער שלייכט דער חלום, פּרץ-חלום הויכער,
אבלדיק ביי ווילדע חורבות פון אַ וועלטן-בראַנד,
ביי די היימען, וואָס פון זיי נישטאָ קיין דאַך, קיין וואַנט,
איבער בייסנדיק און מתימדיק גערויכער."

א. לעילעס גיט איבער די בקשה פון דעם חלום־פּרץ:

— — — — — — — טויזנט יאָר געבויט דעם חידוש,
אויפגעשטעלט דעם נס — פון לופט און לעכערדיקן צוים,
ווייבערס זיפצן, מענערס דאגות, לצימס וויץ און שוים...
זוכט מיר אָפּ דעם זאָמען — איך וועל אויפשטעלן דעם בוים.״

דער דיכטער פילט ווי „רייף און רייפער ווערט די זעאונג, פון דעם צייטן־שטראָם. / דורך דעם גאַנצן אומגליק, דורך די אַלע גרוילן / וועט אַרויס אַ גואל פון דעם שבט פוילן.״

אין אַ צווייטן ליד „צו פּרצן״ (געדרוקט אין זיין בוך „אַ ייד אויפן ים״, נ״י 1947) זאָגט דער דיכטער א. לעיעלעס צו פּרצן: „ווי נאָר דו קומסט מיר אויפן זינען, ווערט אַנטפּלעקט / פאַר מיר די שטוב מיט מוטנע שויבן, קרומע שוועלן, / די שטוב, וואָס האָט זיך צו באַנייאונג ערשט געוועקט, / די שטוב פון בעקער־שניידער־שוסטערשע געזעלן, / די שטוב, וואָס האָט געיומטובט זיך מיט זאַמד, מיט געלן, / די שטוב פון ערלעכן, „זשאַרגאָנישן דיאַלעקט.״

„אין אָט דער שטוב — שרייבט א. לעיעלעס — האָסטו געטראָגן הימל, חלום:״

„דאָס זאַמד פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצער, רונדער ערד
מיט גאָלדן ליכט אויף איר, וואָס מענטש זאָל זיין זי ווערט;
געמאָנט דעם חוב צום קעלער-ליד: אַ וועלט, באַצאָל אים!
די שוועלן אויסגעגלייכט, די שויבן ריין געמאַכט —
ערשט פאַרביק האָט דורך זיי געשטראַמט אי וואָר, אי פּראַכט.״

אמת „נישט אַלץ געוואָרן, ווי עס האָט דיין גייסט געשטורעמט, / דיין בליציק אויג געוויזן און דיין האַנט געפורעמט״... אָבער „הויך גע־וואַקסן איז דיין אויסגעצערטלט בלימל, / די שפּראַך פון שטוב, דער העלער, כשרער זשאַרגאָן.״

און א. לעיעלעס זאָגט צו פּרצן ווי אַ זון צו זיין פאָטער:

„אַ פאָטער חלומט נס, ער חלומט גאָלד פון אייזן
פאַר זיינע זין. די זין — זיי פעלשן אָפּט אין אים.
אין איינס וועל איך מקיים זיין דיין רוף און שטים:
דעם לשון פון דער שטוב וועל איך ביז סוף געטריי זיין.״ (ז׳ 112).

5

דער איצטיקער דיכטער, וואָס באַהעפט זיך צו פּרצן און צו זיין שאַ־פונגס־ירושה, פילט זיך ווי אַ מיטבויער און אויפבויער פונעם אַלצוואַקסנ־

דיקן פרץ־בנין. מיר זיינען יורשים פון פּרצן, מיר האָבן פאַרמערט און באַרייכערט דאָס וואָס פּרץ האָט אונדז איבערגעלאָזט. דאָס וואָס פיל פּרץ־קריטיקער, פרץ־פאָרשער זאָגן עס אין זייערע אַרטיקלען, פּרואוון עס איבער־געבן אין זייערע לידער אייניקע דיכטער.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס ליד „י. ל. פּרץ" פון יעקב גלאַטשטיין (פאַרעפנטלעכט אין זיין בוך „שטראַלנדיקע יידן", נ״י, 1946), וואו דער דיכטער זאָגט:

„כ'וויים נישט, ווי מען רעדט צו אַ טויטן שרייבער,
שרייב איך צו דיין לעבעדיקן מאָנומענט.
אפילו ווען מיר זאָלן זיין יורשים-איבערטרייבער,
האָבן מיר דיך אויפגעבוים, מיט דער פרייד פון אונדזערע הענט."

י. גלאַטשטיין טראַכט: „ביסט גרעסער נאָך ווי דו ביסט געווען, / ביסט הייליקער פון שרייבעריי. / מיר האָבן אונדזער געזאַנג אין דיר אַריינגעלעזן, / דורך די טויטע יאָרן וואָס זיינען פאַרביי". „אָן דיר — זאָגט ווייטער דער דיכטער — וואָלטן מיר געווען נאָך ווייניקער", און

„אונדזער מתנגדישקייט האָסטו פאַרחסידישט,
אונדזער דראַנג צום דרויסן — פאַריידישט,
אונדזער האַפּט פאַריום-טובט און באַשיינט.
מיט יונגשאַפט האָסטו באַחנט
דעם פאַרבייזטן ספר . . ."

און אַט ווי דער דיכטער מאָלט דאָס שטייגן און די גלגולים פון פּרצן:

„ביי זיך אַליין האָסטו בסדר געבאָרגט פייער,
פון ליד צום מעשהלע,
פון מעשהלע צום שפּיל,
פון שפּיל צו נעאָ-יידישן סטיל,
צום מאַיעסטעטישן שטעל,
צום וועגווייזערישן באַפעל,
צום ווייטסטן נישט-הי
צום העכערדיקן פלי . . ."

און דערפילנדיק די גרויסע משא פון פּרצן, ענדיקט דער דיכטער זיין ליד:

„ליב איז אונדז די לאַסט פון דיין גרויסקייט,
דיין דענקמאָל אויף אונדזער קאַרק." (ז״ז 60-61).

אַ יונגער, ווייניק־באַקאַנטער דיכטער י. גרינבערג, פון חיפה, רעדט צו פּרצן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. אין זיינס אַ ליד „צו יצחק לייבוש פּרץ" (זאַמלונג „די בריק", תל־אביב, 1945) רופט ער זיך איבער מיט

פרצן און מיט זיינע געשטאַלטן, וואָס טויכן־אויף אין דער איצטיקער גרויליקער צייט.

„פון דיין אוהל — זאָגט דער דיכטער — פאַרשוועכט די ווענט, / דאָך זיי לייכטן, ווי דיינע הענט... / און אויף שייטערס ווערטער דיינע, / אין מיין חושך זונען שיינען.״ פּרצעס „טרייע פאַסטוך־אויגן״ זיינען פון „זיין קבר אַרויסגעפלויגן״ און „אויף אַלטן מאַרק זיי וואַכן״, אָבער „נאַכט איז דאָרט״, קיין שטערן שיינט״... „דאָס מעסער בליצט פון תהום״, עס „פלעקט מיט בלוט דיין העלן טרוים״... און דער דיכטער פרעגט מיט ווייטיק: „און די נייטאַרינס דיינע דריי, וואו זיינען זיי?״

און אָט זעט ער:

„נאָר „באַנטשע שוויינ״ שווייגט נישט מער!
דערשטיקט אין זיך יעדע טרער,
שרייט און דונערט היינט זיין מויל,
און יעדעס וואָרט — אַ ביקסן־קויל!״

און נישט נאָר זיינע געשטאַלטן, אויך פרצן גופא זעט דער דיכטער אין זיין וויזיע, וואָס איז אַ מין פאַראַפראַזירונג פון „אויב נישט נאָך העכער.״

„און דו אַליין — אין סערמיענגע־זאַק
פון גאַרטל שלעפּסט דעם צדיקס האַק;
שפּרייזט און שניידסט זיך איין אין וואַלד,
אויף מערדער־קעפּ די האַק זי פאַלט.

און דער דיכטער פאַרענדיקט זיין ליד:

„אָט אַזוי דיין „גאָלדענע קייט״
אין יום־טוב פון מאָרגן צעזונגען זי גייט
מיט רינגען מיט נייע פון שטאָל, וואָס צעגליט —
אויף תליות, אין פייער פון שלאַכטן געשמידט
און רינג צו רינג — די קייט ציט זיך ווידער
און דו ביסט די קרוין פון שטאָלענע ברידער...״

דער יידישער שאַפערישער מענטש, דער יידישער דיכטער נעמט אויף פרצן ווי אַ לעבעדיקן, אַקטיוון, רעאַלן, מערקווירדיק, וואָס אַלץ ווייטער — אַלץ לעבעדיקער קומט אַרויס פרץ.

איציק פעפער האָט אין זיין פרץ־ליד (געשריבן צום 30־סטן יאָרצייט אין 1945) גערעדט צו פרצן דעם לעבעדיקן. ער הויבט אָן זיין ליד:

„כ׳קאָן זיך היינט צו דיר נישט ווענדן,
ווי מען ווענדט זיך צו אַ מענטשן,
וואָס איז שוין פון לאַנג פאַרשוואונדן

פון דער שווינדלדיקער ערד,
וואָס זיין גאַנג איז שוין פאַרגאַנגען,
וואָס זיין נאָמען איז פאַרהאַנגען
מיט אַ פאָרהאַנג פון פאַרגעסונג,
און זיין וואָרט איז שוין קיין וואָרט ניט,
און זיין ווערט האָט ניט קיין ווערט...״

ניין! — רופט אויס דער דיכטער — ער קאָן זיך נישט ווענדן צו אים, ווי פרץ „וואָלט באמת רוען אויפן וואַרשעווער בית־עולם״... דער דיכטער וויל „קיין הספד נישט מאַכן״, ווייל ער זעט פרצן „אויף גאַסן, אויף שליאַכן.״

„ביסט אַ מענטש פון אונדזער דור,
און דיין חלום איז מיין וואָר...״

איציק פעפער זאָגט ווייטער צו פרצן, אַז „פאַר ווענען ער איז אַ גאון און פאַר ווענען אַ פאַן״, און פאַר אים איז ער „דער דיכטער, וואָס האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן.״

און דער עיקר — ער טרעפט אים, פרצן, קיינמאָל נישט אַליין...

„ס׳זיצט לעבן דיר שלום־עליכם,
כ׳זע אים פון דער רעכטער זייט,
כ׳זע דאָ ביאַליקן ניט ווייט,
דוד בערגעלסאָן און נסתר
זיצן גראָדע זייער נאָענט...
קושניראָוו האָט מיטגענומען
פון דיין אימפעט אויפן פראָנט.״

„פרי און היינטיק״ איז פרצעס „ליבע און האַס״ פאַר פעפערן, ער דערציילט וואָס פרץ איז פאַר אים געווען און וואָס ער איז איצט פאַר אים.

„האָסט מיין קינדהייט אין די געסלעך
אין די שטויביקע געפרייט,
האָסט מיין יוגנט ניט פאַרגעסן,
און מיין רייפקייט מיך באַגלייט.
און ס׳איז גוט מיר היינט צו וויסן,
אַז דו ביסט נאָך יונג און שטאַרק,
אַז אַזוועק איז ווי אַ וואָלקן
פונעם וועג דער אַלטער מאַרק,

אַז פאַרשוואונדן איז אויף אייביק
פון די געסלעך באַנציע שוויג,
אַז מיין פאָלק איז ניט קיין דאָרן,
נאָר אַ לעבעדיקע צווייג.
מ׳האָט זי שטאַרק אַרומגעריסן,
מ׳האָט צעשטערט אויף איר די נעסט,
נאָר עס רוישט שוין דאָס געבלעטער,
און די וואָרצלען זיינען פעסט...״

דער דיכטער דערציילט וואָס פרץ איז געווען אין דער גרויזאַמער צייט. „ס׳האָבן טייכן זיך געגאָסן, / טייכן טרערן, ימען בלוט, / איך בין

שטאָלץ, וואָס כ׳קאָן דיר מעלדן, / אַז מיין פאָלק האָט ניט גערוט, / אין דער שלאַכט האָבן געפלאַקערט / זיינע טעכטער, זיינע זין, / אַז דיין נאָמען אין די הערצער / האָבן זיי געבראַכט אַהין.״

און אומעטום, „אין קינד״ אויף מאַמעס הענט „וואָס וויל נישט שטאַרבן״, „צווישן שטאַרבנדיקע העלדן מיט די ביקסן אין די הענט״ האָט דער דיכטער „נאָכמאָל און ווידער פּרצעס „אומשטערבלעכקייט דערקענט.״ („יידישע קולטור״, נומ. 7, ז׳ 10).

6

טיף־רירנדיק און אויפשיטערנדיק זיינען די דיכטערישע תפילות צו פּרצן ביים אוהל־פּרץ אויפן וואַרשעווער בית־עולם. ס׳איז נישט צום באַגרייפן: ווען פון דער גאַנצער לעבעדיקער יידישער וואַרשע איז קיין זכר נישט געבליבן, ווען פון אַלץ זיינע פאַרבליבן חורבות און חורבונות, איז דער אוהל־פּרץ אויפן וואַרשעווער „בית החיים״ פאַרבליבן גאַנץ. ס׳איז עפּעס אַ מערקווירדיקער צייכן, אַ מין סימבאָל פון „נצח ישראל״. און משונהדיקע געפילן און טראַכטענישן רופט עס אַרויס ביי די יידישע דיכטער. משה שולשטיין, אַליין אַ וואַרשעווער, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די שבעה מדורי־היטלער אין פראַנקרייך, קומט קיין וואַרשע, ער טרעפט דאָרט קיין שטיין אויף אַ שטיין נישט, באַזוכט ער דעם פּרץ־אוהל. ער דערציילט וועגן דעם (אין זיין בוך „אַ בוים צווישן חורבות״, פּאַריז 1947, איבערגעדרוקט „יידישע קולטור״, נ׳ 4, 1950):

„יעדע נאַכט קום איך צו צו זיין אוהל
און כ׳קלאַפּ אָן אינעם הייליקן שטיין,
און איך בעט, ווי מען בעט ביי אַ גואל:
זאָלסט מיין ליכט און מיין וועגווייזער זיין.

ווי ס׳קערט־אום זיך אַ שוואַלב צו דעם אַלטן,
צום אַמאָליקן דאַך פון איר נעסט,
קום איך צו, כ׳וועל מיין קאָפּ דאָרט באַהאַלטן
אין געצעלט, וואָס מיין בליק נישט פאַרגעסט...״

דער דיכטער „ווייסט נישט פון זיין טאַטנס און מאַמעס געביין״, ער ווייסט נישט פון קיין „קברים פון קרובים און נאָענטע״, בעט ער זיך: „זאָל זשע ס׳קבר דיינס זיינס אויך זיין!״

פּונקט אין אַפּריל, אין דער „פּטירה־צייט״ האָט „אין אומקום געברענט אונדזער שטאָט״, און מ׳האָט זיך געאַמפּערט און געראַנגלט, „אַז נישט אויפהערן זאָל אונדזער דויער.״

און מ. שולשטיין דערציילט ביים אוהל־פרץ:

„קום איך צו יעדע נאַכט צו זיין אוהל,
— ס'איז דער וועג דאָרט אַהין — חורבות בלויז, —
און איך רוף צו זיין הייליקער מויער:
זיי די שוועל פון מיין היים, פון מיין הויז!

ווי ס'האָט משה אין מדבר אין וואָגל,
געשלאָגן וואַסער אַמאָל פונעם שטיין,
וויל איך דאָרט, צווישן חורבות, היינט שלאָגן
פון דיין אוהל נחמה און שיין!"

גאָר אַנדערש איז די שטימונג, דער געמיט פון אַ צווייטן דיכטער, וואָס קומט צום „אוהל־פרץ". מ. שולשטיין זוכט ביי פרצן ליכט פאַר ווייטערדיקן גאַנג, ער וויל מיטנעמען „נחמה און שיין". אָבער אברהם זאַק באַגערט זיך אויסצואווינען. ער איז אינגאַנצן צעבראָכן, אַז נישטאָ „קיין קברים, קיין בערגל נישט, קיין שטיין", איז „צו וועמען זאָל ער קומען אַ ייד מיט זיין געוויין?"

„צו דיר, אַ פאָטער פרץ!
מיר קומען דאָ אַהער —
פון אַלע גלות־וועגן,
אַ יעדער מיט זיין טרער!"

פון אַלע יידן געבליבן זיינען בלויז יחידים, נישט געבליבן אויך „קיין יידיש גאַס און שטוב."

„עס קלינגט נישט פון קיין פענצטער
עס קלינגט נישט מער דיין ליד.
עס קומט נאָר אויף די חורבות
אַמאָל אַן אבל־ייד...
ער בלאָנקעט צווישן ציגל,
ער בלאָנדזשעט אום אָן אַ ציל,
די שאָטנס פון די קדושים
באַגלייטן אין דער שטיל..."

איז וואוהין זאָל מען גיין? צו וועמען זיך צוטוליען?

קומט מען דאָ אַהער, צום אוהל־פרץ, פון אַלע זייטן, פון אַלע וועגן, „אַיעדער מיט זיין טרער..."

א. סוצקעווער, וועלכער האָט אַדורכגעפיבערט און אַדורכגעווייטיקט דעם חורבן פוילן אין ווילנע, האָט אין יולי־סעפּטעמבער 1946 אָנגעשריבן בעת זיין צוריקקומען פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין פוילן אַ גרעסערע פאָעמע „צו פוילן", וואו ער רעדט זיך אַדורך, טעהנט זיך אויס, וויינט און קלאָגט, מאָנט און שטראָפט פאַר דעם אַלעם, פאַר דעם גאַנצן חורבן און אומקום, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען.

אין סוף פון דער פּאָעמע זאָגט ער:

„און דאָרט אויף דער גענשע, נאָך וואָרט אויפן גואל
מיט פליגל צעבויגענע פּרצעס אוהל
און היט דעם בריליאַנטענעם שטויב פונעם דיכטער,
וואָס האָט אין די געטאָס געשפּריים זיינע ליכטער,
געלאָדן פאַרזשאַווערט געווער מיט בטחון."

און דער דיכטער דערציילט:

„איך שטיי ביי דעם אוהל און זע: אין די מאָכן
ביים ראַנד, איז אַ שמאָלע באַהעלטעניש קענטיק.
אַ געטאָ-ייד האָט עס מיט פּאַרכט, אייגנהענטיק
אַ היים זיך געבויט ביים אַנטרינען פון שחיטה, —
די גאָלדענע קייט זאָל דאָ האָבן אַ שליטה
און היטן דעם לעצטן, וואָס טוליעט זיין גלויבן
צו פּרצעס אייביקע, גלויביקע שטויבן.
ביי טאָג פלעגט ער ליגן פאַרדרייט אין זיין פּאַלע
און ווערעמלעך פלעגן אים לערנען קבלה.
נאָר ווען די לבנה מיט ביינערנע פינגער
נעמט אָנקלאַפּן אויבן — פלעגט ווערן אים גרינגער.
אַרויסקריכן פלעגט ער אין דרויסן פאַרטייעט
און זאָגן מיט ליימיקן קול — ווי אַ פּאַיעט
ס'געשריפטס איבעם אוהל-געוועלב: „אַזוי גייען
מיר זינגענדיק, טאַנצענדיק..." דאָס פלעגט דערפרייען,
דערהויבן זיין גייסט אין צעגליטע צירופים
און אויפהאַלטן, שטאַרקן זיין דערנערשן גוף אים."

דער דיכטער פאַרענדיקט זיין פּאָעמע, זיין קלאָג־און מאָן־ליד:

„און איך, וואָס אַהער בין געקומען כדי צו
געזעגענען זיך — נעם איך אַרויף אויף מיין פּלייצע
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זיין ניגון,
וואָס גאָר די פאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פאַראַקערן:
— אָט אַזוי גיין מיר,
נשמה — פלאַקערן!" („זאַמלביכער", נ"י, 1948, ז"ז 147-148).

אויך ישעיהו שפּיגל, וועלכער איז אַדורכגעגאַנגען אַלע פּיינען אין דער לאָדזשער געטאָ, רעדט זיך אַדורך מיט פּרצן און מיט זיין וויזיע אין די טראַגיש־העראָאישע טעג פון 1946. ער זאָגט צו פּרצן:

„יצחק לייבוש פרץ! כ׳פאַרנעם דעם וויינענדיקן ניגון פון דיין פידל,
ס׳לבנהדיק געזאַנג אויף ברענענדיקע מויערן און דילן:
איך זע זיי ווידער — דיינע הייליק־שבתדיקע יידן,
געגערטע פון דיין ליכט, וואָס וועט די רויטע וואונד פאַרשטילן.

וואָס שטעקט אין פידעלע? — פאַר דיר דער סוד איז ניט פאַרהוילן,
ווי נישט פאַרהוילן פאַרן אָדלער ס׳איז זיין הויכער וואָלקן־פלי;
עס ברענט שוין נישט די מנורה פון דיין אַמאָליק יידיש פוילן
אויף וואָלן זאַמאָשטשער און אין דיין שטעטל שעברשין.

דו האָסט געוואָלט די יידן דיינע פירן איבער חורבות
פון וועלט צו שבת אייביקן, וואָס וועט די גראָע וואָך באַזיגן;
אַצינד גיי איך — אַ קינד פון חורבן, אויף די אַשן באָרוועס
און זוך אין זיי דעם פלאַם פון פאָלק — דעם גילגול פון אַ ניגון.

איך וואַנדל בלינד מיט זיי ביי דיינע זאַמאָשטשער פאַרטרויקטע וואָלן,
די וועלט זי לאָזט נאָך נישט דעם קאָפּ פון נאַכט באַשיצן;
אַ, וועק אונדז אויף מיט טרייסט, אַ, שיק אונדז מיט דיין אָרעם,
מיר וועלן גיין, ווי דו, געפירט דורך פייערדיקע בליצן.״
(„יידישע קולטור״, 1950, נ׳ 4).

אין אַ צווייט ליד „פרץ אין געטאָ״ פאַראַפראַזירט ישעיהו שפיגל פרצעס ליד „די דריי נייטאָרינס״. ס׳איז נישט די יידישע וואַרשע פון אַמאָל, ס׳איז די געטאָ־וואַרשע, און אויפטרייסלענדיק איז דאָס נייע ליד פון די דריי נייטאָרינס, וואָס „האָבן גענייט, גענייט פון גראָען פאָדעם דאָס טויטן־קלייד.״ און יעדע פון די דריי זאָגט איר טראַגיש וואָרט, וואָס קומט פון קוים־לעבעדיקע. און די לעצטע פאָר שורות:

„ס׳האָט זיי, די אָרעמע נייטאָרינס דריי
געלייגט טויטע אין וואָגן ריי נאָך ריי,
פאַרהילט אין אַ טוך שוואַרץ און דין
אין פרצעס ברייטער פעלערין.״

און אָט, אין אַ דריטן ליד, געשריבן אין וואַרשע, אַפּריל 1950, „שטילער, שטילער...״ — ביים קבר פון י. ל. פרץ״ — רעדט ער זיך אַדורך דער דיכטער ישעיהו שפיגל מיט י. ל. פרץ:

„שטילער, שטילער...
דער האַלבער קופּאָל איבער דיר —

אַן איבערגעקערטע ים־מושלע.
ווי שטיל פליװצט דײַן הײלנדיק ליכט
איבער אונדז —
שטילער, שטילער ווי די שטילקײט.
— — — — — — — — — — — —

דער דיכטער מורמלט תפלהדיק:

זיבן מאָל גײ אַרום דעם שטײן
און זאָג:
דאָ ליגט ווײַסטער חלום פון דורות,
וואָס איז נישט טויט.
דאָ ליגט דאָס טויטע, שלאָפנדיקע האַרץ,
וואָס איז נישט טויט.
דאָ שלומערט די ווײַסקײט פון אַלע טויבן,
וואָס היטן
די פליסנדיקע סטעגנגעס אונטער דער ערד
אַזוי שטיל —
שטילער, שטילער ווי די שטילקײט!..״

אַן אַנדער ײדיש־פּױלישער דיכטער, חיים לײב פּוקס, לעבט אויף אין זײַן פֿאַנטאַזיע פּרצעס שטאַרבן און זײַן ווידערגעבוירן מיט זײַנע העלדן אין זײַן ליד „פּרץ״, דאַטירט „לאָדזש, שבט, תשז (1947): „יצחק לײבוש גוססט — / שטיל זאָל זײַן און שאַ! / אין דער לופט שוועבן אותיות. / קלאָר איך לעז זײ: „שמע!״

ער זעט פֿאַר זיך אַ וואַלד און אין וואַלד זעט ער אים „מיט האַק און האַלץ״, און

„פונעם האַלץ עס ווערט מנורה,
פלאַם פון פראָסטן שטריק —
ערשטער דור מיט סוף פון דורות
אין פלאַם איצט איך דערבליק.

פון דער נידער אין די הײכן
שטײגן זײ אַרויף...
טוליע אײַן מיך אין דײַן תוכן
פּרץ — ביז מײַן סוף!..״

און נאָך אַ ײדיש־פּױלישער דיכטער, מ. וואַלדמאַן, אין זײַן ליד „צו פּרצן״ (בוכאַראַ־לאָדזש, 1945־1947) בעט זיך בײַ פּרצעס „לויטערן גײַסט״ — „טרײסט!״

„דײַן שטאָט איז געשענדט,
צוזאַמען מיט דײַן פאָלק!״

און ער רעכנט אויס פּרצעס פֿאַרשווינען: באַנציען, וואָס „איז צו דער צײַט אַוועק אין הימל״ און בערל כאַנטשעס, וואָס ער ווײסט נישט

„וואו איז זיין געבייך", און דעם לץ אויפן אַלטן מאַרק, וואָס „אויסגעשניטן איז זיין צונג", און ער רעדט וועגן דעם משולש, וועגן די דריי מתנות, וואָס „זיינען געבוירן אין שטויב", און דער דיכטער זאָגט ווייטער:

„לויפט דער בדחן אָן,
ווי אַ ווינט צעפלויגן,
צעקרימט ביי אים דאָס מויל
צעשמיסן מיט אַ רוט...

— ס'איז די לעצטע שעה! —
באַרבלט אוים ער.
נאָר אַלץ אַרום איז טויב און הויל...
— די וועלט איז כולו חייב!.."

און ער בעט ביי פּרצן: „טרייסט!"

„אויב דער כוח פון ר' שלמה איז נאָך מאַכט,
זאָל ער ברענגען אונדז
דעם שבת!"

לייב אַליצקי, דער דיכטער און דערציילער, אין אַ טיף־רירנדיקער „באַלאַדע וועגן אַ גאַנג צום אוהל־פּרץ" (אַפּריל 1947) „שפּאַצירט אַליין" צום אוהל, און „מען קוקט אים נאָך", אָבער ער איז נישט אַליין.

„איך בין ניט איינזאַם, מענטשן, מיינע קינדער פיר איך.
איך שלייך, דער יידיש-לערער פון דער שול דער מילער,
און הינטער מיר — די הונדערטער פאַראַשטע שילער
איך בין אַליין אַ גולם אַש און — גאָט זאָל היטן —
אַ ליאַדע ווינטל-בלאָז — מיר וועלן זיך צעשיטן.

צום אוהל-פּרץ שפּאַנען מיר, געשולטע רייען.
ס'גייט אויף אַ שימער, ווי לבנה-שיין אויף שנייען,
אויף אונדזער אַשיקייט. די געגנט ווערט באַקענטער
און היימיש-האַרציקער; מיר קומען נעענטער, נעענטער.

מיט שנעלע טריט פאַראויס צו דעם בית־עולם שפּרייז איך —
און כ'שטרעק די האַנט, און מיט אַ ציטער-פינגער
— די קינדערלעך פאַררייסן אויסגעשטרעקטע קעפּלעך —
עס נידערט פּרץ פון זיין אוהל מיט די טרעפּלעך.
און ס'פלאַטערן אויף אים, ווי פלאַמען, די תכריכים:
— געבענטשט זאָל זיין דער אַנקום פון מיינע פאָלקס-שליחים! —
און מיר, פאַראַשטע, ווערן דורגעלויכטן אַלע:
ס'ווערט ליכט דורך זיך אַליין נתגלה
און צו דער הויך און „נאָך העכער" פון דער נתעלה..."

7

מלכה לי, די אַמעריקאַניש־יידישע דיכטערין זעט פּרצן, ווי ער „צום אַלטן מאַרק נעמט שפּאַנען", „ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין" און

„זעט דריי מיידלעך מיט טרויעריקע שטימען" און „באַנציען מיט פאַר־שטאַרטע אויגן", „ערגעץ ווייטער הערט זיך דאָס געזאַנג פון חסידים..."

„פרץ לייגט זיך אין געטאָ אַנידער:
„איך וועל בלייבן מיט אייך, פאַרפייניקטע ברידער.

„איך האָב ביים לעבן מיט אייך זיך געברידערט,
איך וועל אויך אין טויט מיט אייך זיין פאַרגלידערט!"

דאָס ליד הייסט „אַ פאַרלוירענער ניגון" (צוערשט געדרוקט אין „איניקייט", 1945). י. ל. פרץ זוכט אומעטום דעם פאַרלוירענעם ניגון, דעם „ניגון פון לעבן", וואָס איז פאַרשוואונדן אין געטאָ, וועלכע איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין רויכערדיקן אַש און אין ביינער... די נייטאָרין „שפּינט און שפּינט" און „דער פאָדעם נעמט שטראַלן", און

„דער פאַרלוירענער ניגון האָט זיך געפונען
און העלט אין דער געטאָ מיט אייביקע זונען."

פון ארץ־ישראל ווענדט זיך דער דאָרטיקער יידישער דיכטער דער קיבוצניק אריה שמרי, וואָס שטאַמט פון פוילן, „צו י. ל. פרץ" („יידישע קולטור" 1950, נ' 4): „פון מיין האָב, און גוטס, / פון מיין זינ־געוודיקער אָרעמקייט, / גייען אויף ווי מידע שעפעלעך די רייד / צו דיר און צו דיין ברונעם." אריה שמרי זאָגט:

„אַן גראָע האָר איז נאָך מיין קאָפּ,
נאָר דורכגעשטערנט האָט דיין יחוס
פון שאַרבן ביז די זוילן,
און ס'שיינט צו מיר דיין אוהל
פון פאַרשניטן פוילן."

דער דיכטער רעדט צו פרצן, צום טאַטן, וואָס האָט באַפוילן און מען טוט זיין פאַרלאַנג, מ'קומט פון וואַלד, פון גרוילן, „אויף פּליצעס — בינטן, אויף ליפּן — געזאַנג."

„דיין אוהל צווישן חורבות, אַ קרוינשטול אַ פאַרוויינטער,
רופט יתומים צווישן ימען:
גייט אויף חורבות, גייט דורך פלאַמען.
גייען מיר אויף חורבות,
גייען מיר דורך פלאַמען,
אויפגעהעלטע —
מיט אַ מזמור — אַלע וועלטן...

אַ נר־תמיד אויף דעם אוהל
פון אַלע שיימערן געצונדן..."

רחל קאָרן, די יידיש־פּויליש דיכטערין, האָט, אין מאָסקווע, אין 1945, אָנגעשריבן אַ ליד „צעגליאַנע־גאַס", געווידמעט י. ל. פּרצן. דאָס ליד הויבט זיך אָן:

„דורך שטחים וויסטער ערד פירט מיך דער וועג אַהיים,
דורך חורבות און דורך אַש צו דער צעגליאַנע-גאַס,
וואו ס'איז אַיעדער שטיין נאָך הייס פון פרישן בלוט,
וואו ס'איז אַיעדער ציגל אָנגעזאַפּט מיט האַס."

„אַמאָל — זאָגט די דיכטערין — זיינען געווען דאָ ווענט און טרעפּ און שוועלן", און „קינדער האָבן דאָ געשפּילט ביים טויער", עס „האָט זיי אַרומגעזוימט דער שאָטן פון דיין ברייטער טונקעלער פּעלערינע." ס'האָט דאָ „געוואַרט אויף דיר דער שטילער באָנציע שוויג", אַז „צוגיין זאָלסט מיט אים צום כסא של מעלה", „פון דאַנעט האָט געפירט דער טראַקט צום אַלטן מאַרק'..."

די דיכטערין שרייבט ווייטער: „ס'איז חודש ניסן איצט, און ס'בליען ווי אַמאָל / אין היים מיינער די ווינשל... ס'פּעדימט זיך איין די שוואַלב מיט טונקלען, שאַרפן פלי אין נעסט אונטער דעם אַלטן, האַלב־פאַרברענטן דאַך."

„מיר קומען אויך צוריק פון ווייטע דערפער, שטעט,
פון וועלדער, בונקערס, לאַגערן און טיפע ערדער-לעכער,
די יורשים פון די זעקס מיליאָנען קברים,
די יורשים פון דיין ליד, פון דיין „אויב נישט נאָך העכער"...
(„היים און היימלאָזיקייט", בוענאָס-איירעס 1948, ז'ז 213-214).

דער דיכטער אהרן צייטלין, אויפגעהאָדעוועט און אויפגעוואַקסן אין וואַרשע, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט און לעבט אין אַמעריקע, זעט אין געדאַנק, אין רעטראָספּעקטיוו דאָס אַמאָליקע יידישע פּוילן, די אַמאָליקע רוישיקע יידישע וואַרשע. אין איין ליד „די לעצטע וויטקייט" („געזאַמלטע לידער", נ"י 1947, ב' 1) מאָלט ער עפּיזאָדן און סצענעס פונעם אַמאָליקן לעבן, דערמאָנט פאַרשיידענע געשטאַלטן און ער שרייבט:

„און גוט איז צו זען,
ווי פּרץ שטורעמט פאַרביי
פון דער גמינע אַהיים אויף צעגליאַנע." (ז' 99).

אין אַ צווייטן גרעסערן ליד „וואַרשע אין 1912" (געשריבן אין 1945) ברענגט ער אַרויס בילדער פון דער פאַרשיידנאַרטיקער, קאָלירפולער וואַרשע און ער שרייבט:

„פאַרביי — און ווידער
גיסט איר זומערדיקן זודיקן האַרמידער
די גאַס."

און אַט מאָלט ער די פּרץ־געשטאַלט:

„אַ געזעצטער מאַן מיט דיקע וואָנצעס פּרצישע,
הייסע אויגן, פול מיט כישוף און להטים,
אַ קורצן ברענענדיקן אָטעם,
קומט אָן מיט שנעלן פעסטן טראָט.
זיין שוואַרצע פּעלעריגע פליגלט —
אַ פלאַטער און אַ פּאָך, אַ פלאַטער און אַ פּאָך.
פאַרגאַפט
לויפן פענצטער אים נאָך.
דורות, וועלטן, קלאַנגען
יאָגן זיך נאָך אים,
ווילן אים דערלאַנגען
און ער — ער פליט, ער פליט.
איינגאַנצן כישוף, גלאַנץ און קאָך.
אַ פאַרחלומט ייִנגל קוקט אים נאָך
מיט פרומען ציטערדיקן דרך־ארץ.
ער ווייסט דאָך ווער דאָס איז —
ס'איז יצחק לייבוש פּרץ.״ (ז' 120-121).

אין זיין פּאָעמע „נאָכקלאַנג צו „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, („געזאַמלטע לידער״, נ"י 1947, ב' 1), רופט אַרויס אהרן צייטלין פּרצעס שאָטן, און „דער דיכטער״ (פּרצעס שאָטן), וואָס האָט אַנומלט אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ גערעדט צו די לעבעדיק־טויטע און טויט־לעבעדיקע ייִדן, ווענדט זיך איצט מיט גאָר אַנדערע ווערטער, שוין מער טרייסט ווי וואָרנונג־ווערטער. די פּאָעמע הויבט זיך אָן מיט דער ווענדונג פון דעם דיכטער (פּרצעס שאָטן):

„נאָכט איבער פּוילן ... ווידער בין איך דאָ,
ווידער בין איך אויפן מאַרק דעם אַלטן.
מתים מיינע, וואו האָט איר זיך באַהאַלטן?״

ער באַשווערט די מתים, זיי זאָלן זיך לאָזן זען און הערן... „ערגעץ וואו מוזט איר נאָך זיין. ס'מוז נאָך פירן אַ טיר פון אייך צו מיר...״ דער דיכטער חידושט זיך: „פאַרוואָס אָן אַן ענטפער? פאַרוואָס אַזוי שטיל?״ פון ערגעץ דערגייט אַ געזאַנג: „ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע, / רויטע פּאַמעראַנצן. / אַז גאָט לאָזט פאַרברענען זיין פאָלק ישראל, / גייען די גויימלעך טאַנצן.״ און דער דיכטער פאַרשטייט נישט: „פון וואַנען, ליד פון וואַנען?״ און ער רופט:

„מיין דור וויל איך צוריק.
זאָל זיין שאָטנדיק-זיסע מוזיק
מיך, דעם מכשף, פאַרכישופן ..."

ער רופט זיין פוילן, זיין יידיש פוילן, זיינע אַלע געשטאַלטן, זיי זאָלן זיך „באַווייזן איבעראַנייס", אַלע, „אַלץ, וואָס האָט מיך באַגלייט, / אַלץ איז אין פיין און געזאַנגען מיט מיר געגאַנגען"... אַלץ וויל ער זען צו־ריק, איבעראַנייס...

אָבער דער מלאך־המות קלינגט אָפּ מיט זיין שטים, פון די גאַז־אויוונס:

„נישטאָ מער אַמאָל און אַמאָליק!
די פליגלען מיינע האָט עמלק
פאַרברענט מיט דיין פאָלק ביינאַנד.
פון גאַז-אויוון קום איך. מיין נאָמען איז בראַנד.
אויס בית-עולמס,
אויס תכריכים, אויס קדיש, אויס קבר-ישראל...

קיינער פון די דיינע נישטאָ —
נישט אַלט, נישט יונג,
נישט פרום, נישט אומפרום, נישט רעכטע, נישט לינקע.
נישט קיין מלאך בין איך, נאָר אַ לעצטער „אוי"
פון אַ ייד פאַרברענט אין טרעבלינקע."

דער יידיש־אַמעריקאַנער דיכטער מאַטעס דייטש זעט פּרצן ווי דעם סימבאָל פונעם פוילישן יידנטום. מוראדיק איז צו זען איצט פּרצן אַליין, אויסער און מחוץ זיינע פוילישע יידן. דאָס ליד הייסט „פרץ — די פוילישע יידן". דער דיכטער זאָגט:

„כ'האָב דיך געזען היינט, יצחק לייבוש,
עלנט און אַליין; ניט אַרומגערינגלט פון פוילישע יידן;
ניטאָ דיינע חסידים און אויך דיינע מתנגדים — נישטאָ.
נאָר דו ביסט דאָ און וועסט אייביק זיין דער ליכט-טורעם.
פרץ! פרץ! סע מיינט דאָך אויף שטענדיק
זיינען יידן פאַרבליבן יידן אין דיין שרייב-פורעם."

דער דיכטער טרויערט און קלאָגט: „פרץ — אין אַ יידן־אויסגע־רייניקטער וואַרשע? — — — ווי, ווי!" און ווייטער שרייבט דער דיכ־טער, ווי ער האָט אַריינגעבליקט אין פרצעס קאַבינעט און

„ביסט געשטאַנען מיט דיינע הענט אָנגעלענט אויף דיין שרייב-טיש,
דער קאָפּ אַראָפּגענייגט, נאָר דיין בליק — אַ ווייטער;
צי האָסטו שוין די שווידערלעכע וויזיעס געזען אין פאַראויס?"
(„יידישע קולטור", יאַנואַר 1946, ז' 30).

פון אַ גאָר ברייטערן פּאַרנעם און טיפן אַריינדרינגען אין דעם גע־ראַנגל פון אידייען און האָפענונגען און אַנטוישונגען איז מנחם באָריישאַס פּאָעטיש ווערק „חורבן אויפן אַש (י. ל. פּרץ)״, וואָס עס האָט געשריבן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פּרצעס תלמיד און זיין שטענדיקער פּאַרערער און באַגייסטערער. דאָס ווערק האָט אַ 70 זייטן, דער אונטערקעפּל איז אַזאַ: „אויפן אַש פון וואַרשעווער געטאָ. איך האָב געזען אַ וויזיע פון מיין דור, וואָס איז פֿאַרבייגעגאַנגען און האָט זיך פון מיר אָפּגעקערט און איך ליג אויף דער ערד.״

און ס׳הויבט זיך אָן אַזוי:

„אַ האַנט האָט מיך אַ ריר געטאָן און כ׳האָב דערהערט:
— שטייט אויף!״

דער דיכטער האָט „דערקענט דאָס קול... דערזען געבוירן דאָס גרויסע פּנים, דאָס שווערע מויל האַלב־אָפן אונטער שווערע וואָנצעס...״ דער דיכטער האָט געוואוסט, אַז „ער איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט.״ פּרץ פרעגט מ. באָריישאָן, צי ער האָט אים גערופן, און אַז דער דיכטער ענטפערט אים: „איך רוף אייך אָפּט!״ הויבט אָן ער, פּרץ, צו רעדן, און ס׳גייט אָוועק אַ דיאַלאָג, אַ צונויפשמועס פון מנחם באָריישאָ און י. ל. פּרץ.

פּרץ זאָגט:

„מיר זיינען ביידע אַלטע יידן,
און ביידע דאַרפן מיר דעם חשבון מאַכן...

דאָ אויפן אַש פון דורות ווילט איר
אַרויסלייגן דעם חשבון וועגן דור און דורות
וואָס האָט זיך אין דער שטומעניש ביי אייך געקליבן.
מיר וועלן אויף אַ הויפן שטיינער זיך אַוועקזעצן
און איר וועט ריידן...״ (ז׳ 194-195)

און עס רעדט דורך מנחם באָריישאָ זיין דור, די דורות זיינע, וואָס האָבן געטראָגן פּרצעס ליכט און אָפּטמאָל פאַרברענט געוואָרן אין איר.

מנחם באָריישאָ קלאָגט זיך ווי אַ פאַרלוירענער זון פאַר זיין טאַטן, ער שטראָפט דערביי זיך און זיין דור. „נישט יורשים זיינען מיר — זאָגט ער. — מיר זיינען עס אַליין די אור־אבות, די זיידעס און די זין. נישט אין געדעכעניש — אין אונדזער אייגן זיין / האָט זיך געשיכטע פון יאָר־טויזנטער פאַרשפּינט״. און ער פרעגט פאַרצאָרנט, צעווייטיקט:

„פאַרוואָס זשע האָבן מיר, אַזעלכע אויפגעצונדענע
פון שטערן ביז די טריט,
אפילו אין דעם הייפל הייזער אונדזערע
די גאָרעניש צום ליכט נישט אויפגעהערט?״ (ז׳ 197).

דער דיכטער פרוווט אַרויסצוברענגען די פולע פרץ־געשטאַלט און זיין באַטייט פאַר זיין דור און פאַר די דורות נאָך אים:

„איר האָט געלאָזט פאַר זיך אַ דור און דורות דורכגיין
מיט זייערע קליינע פרייד און וועלענישן, ווינד און וויי,
מיט לעבנס־שאַטנס און מיט טויטן־הפקר,
און אינעם גאַנג האָט זיך געהערט אויך דער געשריי
פון זייערע טריט: וואָס איז דער זין?"

און ווייטער רעדט דער דיכטער צו פרצן: „כ'בין דערנאָך אַוועק מיט אייך צום בריסקער רב און ביאַלער רבין, צום שבת פון ר' שלמהס הייליקער מרידה, צום שטימען ניגון פון אברהמל באַס..." (ז' 202). און דאַן, אויסהערנדיק די אַלע טענות און פאַרוואורפן און קרעכצן און מיינונגען, האָט ער, פרץ, גענומען רעדן צום דיכטער און צו די דורות זיינע האַרבע ווערטער, טרייסט און צאַרן־ווערטער, צער און שטראָף־רייד, ווערטער אויפגעהעלטע און ווערטער אויפטרייסלענדיקע.

די לעצטע פאַר יאָר האָט באַזונדערס פרץ אַנגערעגט פאַרשיידענע יידישע דיכטער. ער דינט אַלס שטאָף פאַר זייערע דיכטערישע שאַפונגען. מ. שקליאַר, אַ יינגערער דיכטער אין דער איצטיקער וואַרשע, ווענדט זיך אַפּריל 1950, צו פרצעס 35־טן יאָרצייט, צו פרצן מיט פאָלגנדיקע רירנדיקע שורות:

„דער אַלטע מאַרק איז מער נישטאָ שוין,
מען רופט נישט מער: אין שול אַריין!
און דאָך — דאָס פאָלק, זיין יידיש לשון,
ווי דיין געזאַנג — וועט נישט פאַרגיין.
אָ, גרויסער פרץ, דו האָסט געהערט
ווי באַנגשע אין זיין שוויגן — שרייט!
אַז נישט אין הימל, נאָר אויף דער ערד
צערייסט דאָס פאָלק די פאָליש־קייט...

פאַרשוואונדן איז דער אַלטער מאַרק,
די ווענט אויף חורבות שטייען שטום.
נאָר נישט אינצווישן באַרג און באַרג
שוועבט הייגט דיין פרייער גייסט אַרום.

דיין גייסט שטייגט אויף אויף אונדזער ערד
אין אָרעאָל פון קאַמף געהילט,
און ס'ווערט פון דיין געזאַנג גענערט
דאָס ליד, וואָס פירט צום גרויסן ציל."

(„יידישע קולטור", 1951, נ' 4).

8

דער הונדערטסטער געבוירנטאָג פון י. ל. פּרץ, די פייערונגען, וואָס זיינען אָראַנזשירט געוואָרן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער יידישער וועלט, האָבן אַרויסגערופן אַ נייע פאַראינטערעסירונג מיט פּרצן און אַ נייע פאַרהערלעכונג און באַגייסטערונג פאַר דעם גרויסן דיכטער און סטימולירער. און ווידער־אַמאָל זיינען געווענדט די הערצער און געדאַנקען פון יידישע שרייבער און דיכטער צו פּרצן און צו זיינע שאַפערישע, שטענדיק־שלאַגנדיקע קוואַלן.

משה שולשטיין, דער יידיש־פּוילישער דיכטער, וואָס לעבט זינט יאָרן אין פראַנקרייך, האָט פאַרעפנטלעכט אַ לענגער ליד „צום הונדערטסטן געבוירטאָג פון י. ל. פּרץ", וואו עס זיינען אַריינגעוועבט פאַרשיידנסטע שטימונגען, טראַכטענישן, רעטראָספּעקטיווע בילדער פון אַמאָליקן פרידלעכן לעבן און פון די גרויליק־הערצאָישע געטאָ־אויפשטאַנד־טעג. און ווידער־אַמאָל האָבן מיר דאָ דעם געענשער בית־עולם אין וואַרשע, וואו ס'שטייט דער פּרץ־אוהל, „ווי אַן אַלטער, פאַרכישופטער טראָן, וואָס אים האָט אויף אייביק דער מלאך פאַרלאָזן, נאָר אייביק פאַרבליבן איז דאָרטן זיין רוים..."

דער דיכטער גייט ווידעראַמאָל צום אוהל.

„איך מאַך זיך אַ וועג דורכן ברוכוואַרג און צאַמען,
די בליטן פון אוהל כ'שאָר זאַרגפעליק אָפּ
און דאָרט, אין זיין טיף, ווי אין שויס פון אַ מאַמען
אין שוויגן איך לאָז איצטער זינקען מיין קאָפּ.

איך מאַך זיך אַ וועג דורך די צאַמען פון צייטן,
כ'שאָר אָפּ, ווי די בליטן, אַ יאָר נאָך אַ יאָר.
אַ גאַנצער יאָרהונדערט... איך לאָז מיך באַגלייטן
זיין גאַנג און זיין לעבן פון דור צו אַ דור..."

און ווי אַנדערע דיכטער, אַזוי אויך משה שולשטיין לעבט אויף פּרצן און ער נעמט אים מיט מיטצומאַכן און איבערצולעבן מיט אים צוזאַמען אַלדי גרויזאַמקייטן און דערהויבנקייטן, וואָס מיר האָבן אין די לעצטע יאָרן אַדורכגעמאַכט. און נישט נאָר פּרצן לעבט דער דיכטער אויף, ער לעבט אויף אויך פּרצעס געשטאַלטן און זייערע רעקוויזיטן.

„אָט גייט פון דער קלויז דער פאַרקלערטער מקובל,
די נייטאָרין גייט מיט דער נאָדל און שער,
דער מאַן מיט דער זעג, מיטן האַמער און הובל,
דער מאַן מיט געהייליקטער פאָן און געווער..."

עס גייען צום אוהל די אויפשטענדלער, „די שטערנס געלעכערט, נאָר

אונטער די שטערנס אַ חלום איז גאַנץ... זיי לייגן ביים אוהל אַוועק ווי אַ קראַנץ" און זיי זיינען מודיע:

„מיר האָבן דיין נאָמען פאַר דורות געדעטעט,
מיר האָבן אַ פאָלק פון דער בושה באַפרייט,
מיר האָבן די אייזערנע קייטן צעשמעטערט ---
צו טראָגן אויף אייביק די גאָלדענע קיים."

(פאַריזער „נייע פרעסע", מאַי 1951).

דער יידישער דיכטער אין פוילן משה שקליאַר ווענדט זיך אין זיין ליד „אויב נישט נאָך העכער" (מאַי 1951) צו פרצן:

פאַראַנען ווערטער, וועלכע דויערן דורך צייטן
און אַלע מאָל זיי מונטערן און וועקן.
מיט קיין שום אַנדער וואָרט דו וועסט נישט פאַרבייטן —
אַזאַ געוועזן איז דיין זאָג —
„אויב נישט נאָך העכער!"

אָט דאָס וואָרט איז „אינעם האַרצן" פונעם דיכטער „טיף פאַרזיגלט" און „הייסט אים כסדר די טאָט מיט מעגלעכקייט פאַרגלייכן..." און דער דיכטער איז זיכער, אַז „ס'וועלן עס די פעלקער די באַפרייטע, ווי אַ פאַראַל פאַר דורות איבערגעבן — אויב נישט נאָך העכער!" („פאָלקס-שטימע", וואַרשע דעם 26טן מאַי, 1951).

דוד ספאַרד אין אַ ליד „ס'איז וואָר און ס'איז חלום" („יידישע שריפטן", מאַי, 1951, וואַרשע) רופט זיך איבער מיט פרצן און מיט זיינע געשטאַלטן אין דעם ליכט און אין די באַדינגונגען פונעם היינטיקן דעמאָקראַטישן פוילן. ער שרייבט:

„עס זיינען די הערצער פאַרקוילט אינעם פייער,
עס זיינען די ווערטער דערשטיקט אין די רויכן,
נאָר ס'איז נישט פאַרשוואונדן דיין ניגון דער פרייער,
וואָס האָט ווי דאָס זון-ליכט געשטראָמט פון די הויכן."

ער רעדט וועגן דעם נייעם פוילן און ער זאָגט:

עס טראָגן אים מענטשן פון קעלערס געקומען
אין לויכטנדע בליקן, אין הערצער אין שטילע,
ווי ליכט פאַר דעם אָנדענק פון באַנטשען דעם שטומען,
ווי ליכט פאַר דעם אָנדענק פון מאָניש דעם עילוי..."

אויך ז. וויינפער רופט זיך איבער מיט פרצן, צו זיין 100-סטן געבורנ-טאָג, אין זיין גרעסער ליד „יצחק לייבוש פרץ — אונדזער טאַטע" („יידישע

קולטור", יוני 1951). ער הויבט אָן זיין ליד: „ווידער שוין אַ נייער גילגול פונעם טאַטנס אַלטן ניגון". דער 100־סטער געבוירנטאָג איז אַ העלע דאַטע, וואָס בלענדט „צווישן כוואַליעדיקע און געדיכטע רויכן". ער פירט אַדורך אין זיין זכרון די וויכטיקסטע מאָמענטן און געשטאַלטן פון פּרצעס לעבן און שאַפן — זאַמאָשטש, וואַרשע, דאָס שטיבל אין וואַרשעווער גמינע, מאַניש, לילית, און דאָס געסעלע צעגלאַנע, און דער דיכטער זאָגט:

נייע דורות
קומען אָן און גליען
און זיי ציען
פון אַן ערגעץ
צו אַן ערגעץ,
זינגענדיק די לידער
פון די בלייכע גייטאָרינס
און צוויי ברידער...

און ווייטער:

בריסק און ביאַלע
ווערן פאַר דער וועלט נתגלה
און נתעלה...

דער דיכטער הערט ווי „קייטן רייסן זיך אין פּאַליש", און „אין צייט דער גאַלדענער שמידן קינדער נייע רינגען" און „זיי זינגען" וועגן דעם, אַז „וויגן און צעוויגן וועלן זיי „נייעם גילגול פונעם טאַטנס אַלטן ניגון..."

⁂ ⁂ ⁂

אַט אַזוי האָט די יידישע דיכטונג אין לויף פון 36 יאָר, זינט פּרץ איז אַוועק פון אונדז אין 1915, ביז זיין 100־סטן געבוירנטאָג אין 1951 נישט אויפגעהערט זיך טוליען צו פּרצן, אויפגעהעלט צו ווערן פון זיין ליכט און אויפגעשטראַלט צו ווערן פון זיין גייסט.

די 38 דיכטער דורך די 48 לידער האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסגעבראַכט דעם פילגעשטאַלטיקטן און שטענדיק־ברענענדיקן יצחק לייבוש פּרץ.

י. ל. פּרץ איז נתגלה און נתעלה געוואָרן אין די לידער, פונקט ווי דיכטער זיינען נתעלה און נתגלה געוואָרן דורך זייער באַהעפטן זיך מיט פּרצן, מיט זיין גייסט, מיט זיינע געשטאַלטן.

י. ל. פּרץ און נחום סאָקאָלאָוו

1

י. ל. פּרץ און נחום סאָקאָלאָוו זיינען געווען די צוויי „וואונדער־קינדער", און דערנאָך — די צוויי פּרעכטיקסטע געשטאַלטן־פּערזענלעכקייטן פונעם יידישן פּוילן.ביידע האָבן זיי געשטאַמט פון אַלטע, מיוחסדיקע יידישע משפּחות פון פּוילן, ביידע האָבן זיי פאַרמאָגט די זעלטענע אייגנשאַפטן און מעלות טובות פונעם פּוילישן יידנטום: שאַרפע, פלאַמפייערדיקע קעפּ, בקיאות, שנעלע אָריענטאַציע, פּילזייטיקייט, די פיאיקייט אויפצונעמען און שנעל צו פאַרדייען פאַרשיידענע השפעות, ראַשיקער אויפברויז. ביידע זיינען זיי אויפגעוואַקסן אין אַלט־יידישע פּוילישע שטעט, — פּרץ אין זאַמאָשץ, סאָקאָלאָוו — אין פּלאָצק. אין זייערע יונגע יאָרן האָבן זיי אויפגענומען איינפלוסן פון דעם אַלטן יידישן בית־המדרש און — פון די אַנדערע קולטורן און שפּראַכן. זיי האָבן זיך אַלע יאָרן געפונען אין פאַרשיידענע סביבות און גייסטיקע וועלטן, יעדער איינער פון זיי האָט געאַרבעט און געשאַפן אין אַנדערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע געביטן און צווייגן, און דאָך האָבן זיי געהאַט פיל מער קרובהשעס און געמיינזאַמעס ווי מיר שטעלן זיך פאָר.

עס איז אַ וויכטיקע קולטור־געשיכטלעכע און געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע אויפגאַבע גענוי און אַלזייטיק אַרויסצוברענגען די נאָענטע שייכותן, די בשותפותדיקע טעטיקייטן, דעם געמיינזאַמען אַנטוויקלונגס־וועג און אויך די קרייץ־וועגן און ווידערשפּרוכן פון אָט־די צוויי גרויסע, אויב נישט גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון דעם פּוילישן יידנטום פאַר די לעצטע דורות: עס וואָלט געהאָלפן פאַנאַנדערצעוויקלען די קאָלירפולע מגילה פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן אין זיינע פאַרשיידענע אַספּעקטן און פּרטים.

אין אונדזער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג וועלן מיר בלויז באַרירן די קע־גנזייטיקע באַציאונגען פון אָט־די צוויי שרייבער־פּערזענלעכקייטן.

נחום סאָקאָלאָוו גופא, וועלכער האָט איבערגעלעבט פּרצן אויף איין און צוואַנציק יאָר, (פּרץ איז געשטאָרבן אין 1915, סאָקאָלאָוו — אין 1936) האָט געפּרואווט, גלייך נאָך פּרצעס טויט, אויף זיין מייסטערישן בקיאות־

דיקן און חריפישן שטייגער צו שילדערן פרצן און אויך באַמיט זיך אָנ־צואווייזן אויף די באַריר־פּונקטן, און אויף די געמיינזאַמע טעטיקייטן פון אים מיט פרצן. חוץ דעם האָט נחום סאָקאָלאָוו אין פאַרשידענע צייטן, אָנגעהויבן פון 1888, רעאַגירט אויף פרצעס שאַפונגען, זיך אָנגענומען פרצעס קריוודע, שאַרף געענטפערט אויף אומגינסטיקע רעצענזיעס וועגן פרצעס ווערק.

דער באַוואוסטער געלערנטער רב צעיר (פּראָפ. חיים טשערנאָוויץ, 1879־1949) אין זיין אַרטיקל וועגן נחום סאָקאָלאָוו („מסכת זכרונות", ניו־יאָרק, 1945, ז' 211) רעדט וועגן די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון נ. סאָקאָלאָוו. ער ברענגט אַרויס דערביי אייניקע שטריכן פון סאָקאָלאָווס געשטאַלט און כאַראַקטער. ער באַטאָנט דאָס געמיינזאַמע, וואָס סאָקאָלאָוו האָט געהאַט „מיט פרצן: דער מענטש פון פּאַטאָס, דאָס „ליבלינג־קינד", דער ליבלינג און גלייכצייטיק דאָס „מוראדיקע קינד" פון יענער משכי־לישער גרופּע. סאָקאָלאָוו געני וויפּרץ, איז פול געווען ווי אַ מילגרוים מיט יידישן פאָלקלאָר, מיט יידישע לעגענדעס, מיטן גרינטלעכן וויסן פּו־נעם יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט די פאַרשיי־דענע קרייזן און האָט געשטאַמט פון דער יידישער גאַס, פון די יידישע געוועלבן און פון יידישע פאַמיליע־הייזער און שטיבלעך". „אויב איר ווילט — שרייבט רב צעיר — איז אַלץ וואָס סאָקאָלאָוו שרייבט וועגן פרצן, האָט ער גופא פאַרמאָגט. באמת, סאָקאָלאָווס פרץ איז דאָך זיין, סאָקאָלאָווס, אייגענע געשטאַלט, זיין אויטאָפּאָרטרעט. סאָקאָלאָוו שרייבט וועגן פרצן: „ער פלעגט שרייבן סתם אַזוי זיך — אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אויף מאַרגינעזן, אויף דאָקומענט־פּאַפּירן, געשריבן מיט באַגייסטערונג אָדער אויף קאַטאָוועס, זיין שרייבן איז געווען ווי פייער־פונקען אָדער ווי טוי־טראָפּנס, אָן קיין שום פאַרבעררייטונג, פשוט און פּראָסט: אַ מלאך האָט געשלאָגן און באַפוילט: שרייב! האָט ער געשריבן... פון אַלץ וואָס ער האָט געליטנט, געזען און געהערט — האָט זיך צונויפגעמישט און צונויפגעשטויסן אין זיין מוח, און עס איז אַרויס פון זיין פעדער אַ מין פלאַקער־פייער און פאַרנומען זיך אויף אַלע זייטן. ווי זאָגן די מליצה־שרייבער: „אַ ווינט האָט זיך אַרויסגעריסן פון די טיפענישן פון מיין האַרץ"... איז עס דען נישט נחום סאָקאָלאָוו גופא?" — באַטאָנט ריכטיק רב־צעיר. (ז' 211).

אַ צוויי חדשים נאָך פרצעס פריצייטיקן און אומגעריכטן טויט האָט נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט דאַן געלעבט אין לאָנדאָן, פאַרעפנטלעכט אין „הצפירה" (יוני־יולי 1915) אַ גרעסערע סעריע אַרטיקלען איבער פרצן, וואָס זיינען אַדורכגעפלאָכטן מיט טרעפלעכע אָפּשאַצונגען, מיט אינטערע־

סאַנטע זכרונות און אויך מיט פּרעכטיקע פּאַרגלייכן צווישן זיך און פּרצן (די פּרץ־כאַראַקטעריסטיק איז איבערגעדרוקט אין „אישים", תל־אביב, תרצ"ה, און איבערגעזעצט אין יידיש, אין נחום סאָקאָלאָווס בוך „פּערזענ־לעכקייטן", דורך משה שענדערריי, בוענאָס־איירעס, 1946).

נחום סאָקאָלאָוו שרייבט: „איך האָב זיך אונטערשיידט פון אים (פּרצן) מיט מיין דערציאונג, מיט מיין וויסן און לערנען, מיט מיינע געוואוינט־שאַפטן און אייגנשאַפטן. פּרצעס וועלט איז געווען — דער יידישער מאַרק, דער בעל־מלאכה, דער קרעמער, די פרוי, די יידישע שטוב, וואָס איז אויף אַ נאַטירלעכן אופן געווען געקניפּט און געבונדן און פאַרוועבט מיט יידיש. אַזאַ איז געווען זיין דערציאונג און זיין סביבה, און פון די־אַ וואָרצלען האָט ער געצויגן זיין יניקה. דאָס אומגליקלעכע ווייבל, וואָס האָט ליב, און וואָס בענקט, דער אַלטער בעל־עגלה, וואָס די באַן האָט אָוועקגערויבט זיין פּרנסה, די נייטאָרין, די קעכין, דער מעקלער, וואָס דרייט זיך אַרום אין גאַס מיטן שטעקעלע, — דאָס אַלץ איז אים געווען נאָענט און האָט פאַרנומען זיין האַ־ריזאָנט. ער האָט זיי געקענט דירעקט פונעם לעבן, ער האָט זיי באַגריפן ווי אַ קינסטלער. דאַכט זיך, אַז אויך איך — און צי נאָר איך, איך מיין דעם סוג מענטשן ווי איך — קען זיי, זייער שפּראַך און זייערע פּירעכצן און אויך איך האָב זיי ליב געהאַט און בין געווען פאַרבונדן מיט זיי. אָבער דאָס איז דאָך נישט מיין גאַנצע יידישע וועלט. מ י י ן וועלט איז געווען די וועלט פון לומדים, יונגע לייט לערנער, יידן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַ שווער שטיקל רמב"ם, יידן פון דעם אבן עזרא, חקירה און „מורה נבוכים". יידן חסידישע און יידן תלמידי־חכמים און מענטשן פון מידות, יידן פון ערב־השכלה פון נפתלי הערץ וויזל און משכילים. דאָס איז געווען מיין וועלט און מיין סביבה. צווישן אָט־די יידן בין איך דערצויגן געוואָרן און גע־וואַקסן, און אָט דאָס לעבן איז נישט געווען צונויפגעוואַקסן בלויז מיט יידיש. אַוודאי האָבן זיי גערעדט יידיש, אָבער דאָס איז ביי זיי נישט געווען קיין עיקר; דאָס איז געווען אגב אורחא, אָן ספּעציעלע כוונות..."

און ווייטער זאָגט נ. סאָקאָלאָוו: „איך האָב געהאַט אַ ליב־האַרציקע מאַמע, וואָס איר אָנדענק איז מיר הייליק, אויך זי האָט שבת־פאַרנאַכט געמורמלט „גאָט פון אברהם", און איך האָב זיך געהאַלטן פאַר איר פאַר־טוך און געטרונקען דאָרשטיק איר יעדעס וואָרט, וואָס איז ווי פּערל אַרויס פון אירע לעפצן. אָבער איך בין זיך מודה ומתוודה, מיין פאָטער האָט אויף מיר געהאַט אַ שטאַרקערע השפּעה. מיין פאָטער האָט ניט גע־לייענט די „צאינה וראינה" און נישט געהאַט צו טאָן מיט פאָלקס־מעשיות און נישט געהאָדעוועט מיך מיט אָט־די זיסע זאַכן. „זאָג נאָר דעם שיעור, תנא ברא! (אפשר וועלן פילאָלאָגן זיך פאַראינטערעסירן — ער פלעגט

זאָגן „תנא באַרטעק״) זאָג נאָר דעם „דו״ק״ אין מהרש״א... — — — — איך וואָלט גוט אָפּגעשניטן, ווען איך וואָלט אים אָנשטאָט דעם גאָר אָפּ־געזונגען עפּעס אַ יידיש ליד, וואָס די שניידערס זינגען!״

„עס איז דאָ נישטאָ קיין חילוקי־דעות, — זאָגט נחום סאָקאָלאָוו — נאָר אַן אונטערשייד פון וועלטן און סביבות... אַ וועלט פון לומדים און אַ פשוטע וועלט, אַ וועלט פון „מקראות גדולות״ מיט „ל״ב פירושים״ און אַ וועלט פון „צאינה וראינה״. עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע צו טיילן עליות און אָפּצושאַצן, ווער עס איז בילכער און קאָן אַרויסשטויסן דעם צווייטן. יעדעס פאָלק באַשטייט פון פאַרשיידענע גרופּעס, שיכטן און קלאַסן, און אַזוי אויך אונדזער יידיש פאָלק.״

נחום סאָקאָלאָוו דערציילט ווי ער האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט פּרצן. עס איז געווען אַרום 1873־1875, אין וואַרשעווער קראַשינסקי־גאָרטן אויף די נאַלעווקיס, — דער גאָרטן, וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען די כלערליי משכילים, שרייבער, גוטע קעפּ. פּרץ איז אַלט געווען אַ יאָר 22־24. סאָקאָלאָוו — מיט אַ ניין יאָר יינגער. ביידע האָבן מיט זייערע עלויאישע קעפּ געשמט ווייט איבער זייערע שטעטלעך, זיי זיינען שוין געווען באַקאַנט צווישן די וואַרשעווער משכילים. סאָקאָלאָוו מאָלט אַ זומער־פאַר־נאַכט אינעם קראַשינסקי־גאָרטן. „אַרום דער גרויסער באַנק האָבן זיך באַגעגנט צוויי יונגע־לייט משכילים — איינער שוין אַ יונגערמאַן און דער צווייטער — כמעט נאָך אַ יינגל״. דער עלטערער — פּרץ — האָט דאַן גע־מאַכט נאָטיצן אין זיין ביכל, און דער יינגערער — סאָקאָלאָוו — האָט אַריינ־געקוקט אין דעם, וואָס יענער האָט געשריבן. „עס איז געווען — שרייבט נ. סאָקאָלאָוו — פאַר זון־אונטערגאַנג, דער הימל אין מערב־זייט האָט זיך אָנ־געטרונקען מיט רויטער שיין. פון מינוט צו מינוט האָט זיך דער הימל אַלץ־מער גערויטלט. רויטלעכע וואָלקנס האָבן פאַרשטעלט די זון... דער יונ־גערמאַן , וואָס האָט געשריבן, האָט פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל: „די וואָלקנס רויטלען זיך ווי כלות, ווען זייער חתן, די זון, קומט אָן״...״

„מיר האָבן זיך דאַן צעשיידט — דערציילט סאָקאָלאָוו, — און יעדער איז אַוועק מיט זיין וועג, — געוואָגלט און געבלאָנדזשעט. ער פּרץ, איז אַוועק צוריק קיין זאַמאָשץ, ער איז אַריין ווי אַ שילדקרויט אין זיין שייד. פּרץ איז פאַרבליבן וואוינען אין זאַמאָשץ ביז 1888, און סאָקאָלאָוו איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, צו פאַרנעמען מיט דער צייט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין „הצפירה״, אין 1879, אין עלטער פון בלויז 20 יאָר.

אין 1886 פאַרעפנטלעכט פּרץ אין נחום סאָקאָלאָווס זאַמלבוך „האסיף״ (וואַרשע, תרמ״ז, דריטער יאָרגאַנג) עטלעכע העברייאישע סקיצן: „אע״פ שחטא ישראל הוא״, „הדיבוק והמשוגע״, „הצטדקות הנאשם״, אייניקע שירים

„מנגינות הזמן" און אַ פּאָעמע „העיר הקטנה", וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער אינהאַלט און פאָרם פון די אַנדערע, גאַנץ שוואַכע בעלעטריסטישע זאַכן אינעם זאַמלבוך. (גענויער וועגן אָט־די פּרץ־שאַפונגען זע אין מיין בוך „פּרץ", קאַפּ. „העברייאישע לידער און פּאָעמעס", ניו־יאָרק, 1945, ז"ז 65־63). דאָס איז געווען נאָך אַ הפסקה פון אַ 10 יאָר. אין יענער צייט האָט פּרץ אויך פאַרעפנטלעכט דורך סאָקאָלאָוו אין „הצפירה" אַ דערציילונג „הציץ ונפגע", וואָס ח. ז. סלאָנימסקי האָט געקירצט, איבערגעריסן און ווידער פאַרגעזעצט, ווייל די חסידים זיינען געווען פאַר איר שטאַרק אויפגעבראַכט.

2

אין 1888 האָט פּרץ פאַרלאָזט זאַמאָשץ און האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע. ער האָט זיך ענג פאַרבונדן און באַפריינדט מיט סאָקאָלאָוון. זיי האָבן זיך ביידע באַטייליקט אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע, וואָס יאַן בלאָך האָט אין 1890 אָרגאַניזירט. זיי זיינען אינאיינעם אַרומגעפאָרן איבער יידישע שטעטלעך אויסצופאָרשן די לאַגע פון די יידישע מאַסן. וועגן אָט דער געמיינזאַמער רייזע, וואָס איז געווען פול מיט איבערלעבענישן און קוריאָזן, דערציילט נ. סאָקאָלאָוו אין דער סעריע פּרץ־אַרטיקלען, ווי אויך אין זיין גרעסערער דערציילונג „יוסיל המשוגע" („התקופה", כרך כ"ו־כ"ז 1930). סאָקאָלאָוו שרייבט דאָרט צווישן אַנדערן: „מיר האָבן אָפּגעמאַכט פאַנאַנדערצוטיילן צווישן זיך די אַרבעט. פּרץ איז געווען דער ספּעציאַליסט אין ענינים פון „ער" און „זי", אויף די זייטן פון די פאָלקס־מאַסן, אויף די יורידישע אָנגעלעגנהייטן (ער איז דאָך געווען אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט), אויף סכסוכים מיט דער רעגירונג. איך האָב זיך מער פאַרנומען מיט די בית־המדרש־יונגע לייט, מיט די רבנים, חסידים, משכילים"... — — — עס איז געווען — ענדיקט נ. סאָקאָלאָוו זיינע זכרונות אין דער דערציילונג — אַ מין רייזע פון יידישע דאָן קיכאָטן, פיל אינטערעסאַנטער פון מענדעלע מוכר ספרימס וואונדערלעכער און מערקווירדיקער מעשה... (געמיינט מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי"... וועגן דעם האָב איך זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אין מיין בוך „פּרץ" אינעם קאַפּיטל „אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע", ניו־יאָרק, 1945, ז"ז 110־118).

אין וואַרשע „פלעגן מיר זיך טרעפן כמעט טאָג־טעגלעך", — שרייבט נ. סאָקאָלאָוו. אין אַ בריוו צו י. דינעזאָן (פון 1892, קיין קיעוו) דערציילט פּרץ, אַז סאָקאָלאָוו (מיט ד"ר מינץ) עסן ביי אים מיטאָג, ווייל זייערע פרויען זיינען אַוועקגעפאָרן אויף פרישער לופט („בריוו און רעדעס", ז' 174).

פרץ האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין „הצפירה“, און פאַר דעם באַקומט ער אַנאָנסן פון זיינע אויסגאַבעס... אָבער באַלד טרעפט אַ מעשה: פּרצעס דערציילונג „שמעיה דער גיבור“ איז נישט געפעלן געוואָרן די חסידים, — ח. ז. סלאָנימסקי, דער רעדאַקטאָר, האָט באַקומען פּראָטעסט־בריוו, איז ער אויך אַרויסגעטראָטן קעגן פּרצן און „אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף נ. סאָקאָלאָוון“ (ז' 178). אגב, דער בריוו־פּאַרענטפערונג פון ח. ז. סלאָנימסקי איז געדרוקט געווען אין „הצפירה“ נומ. 190 (כ"ד אלול, תרנ"ב — 1892). ער שרייבט צו איינעם ה' גלאַבוס, אַז „זינט די „הצפירה“ איז געוואָרן אַ טאָג־בלאַט פאַלט מער נישט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די זאַכן, וואָס ווערן געדרוקט אויף מיר אַליין, סיידן אויף די אַרטיקלען, וואָס מיין נאָמען איז אויף זיי אונטערגעשריבן“. ח. ז. סלאָנימסקי איז געווען קעגן פּרצעס דערציילונגען און אויך געמעקט אָפּט גאַנצע שטיקער אין זיי.

נחום סאָקאָלאָוו האָט נאָך אַפריער זיך איינגעשטעלט פאַר פּרצן. אין „הצפירה“ נומ. 38 (תרמ"ז 1888) אין דער אָפּטיילונג „קרית ספר“ ענטפערט ער דעם רעצענזענט פון „וואָסכאָד“ קריטיקוס (ש. דובנאָוו) אויף זיינעם אַ נעגאַטיוון אָפּרוף וועגן פּרצעס אַ מעשה. נחום סאָקאָלאָוו שרייבט: „איין זאַך האָט דער ה' קריטיקוס אונדז געמאַכט צום לאַכן. מיט דער הויך פון זיין מויל איז ער מבטל דעם ווערט פון די לידער און דערציילונגען פון ה' פּרץ און זאָגט אויף זיי, אַז זיי זיינען נישט פאַרשטענדלעך פאַר קיין מענטש אין דער וועלט און אויך פאַר דעם מחבר גופא, און ווי אַ באַווייז דערפאַר איז דער פאַקט וואָס ער, ה' קריטיקוס, האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. וועגן דעם איז מען נישט מחויב איינצושטימען. זיינע רייד, אַז קיין שום מענטש האָט די לידער און דערציילונגען (פון פּרצן) נישט פאַרשטאַנען, זיינען, במחילה, אַ פּשוטער ליגן. מיר ווייסן, אַז אפילו חדר־ייִנגלעך האָבן זיי פאַרשטאַנען, און אויב מיר זיינען נישט קיין כשרע עדות פאַר דער ריכטער־שטול פון ה' קריטיקוס, זאָל ער אָבער אַריינקוקן אין דער „איזראַעליטאַ“, וועט ער געפינען אַ ריכטיקן אורטייל, אַז די דערציילונגען זיינען אויסגעצייכנט און גרויס אין זייער ווערט. אָבער וועגן זיין אַרויסזאָגונג, אַז ער, ה' קריטיקוס, האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געלייענט, וועלן מיר זיך נישט מתווכח זיין מיט אים און וועלן אים גלויבן, און דעריבער ווילן מיר אים אַן עצה געבן: אונדזער האַר, ראש בית־דין, דער ריכטער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס לייגט זיין ריכטשנור אויף פעלקער און מענטשן צוזאַמען, דינגט זיך אַ רבין וואָס זאָל יעדן טאָג לערנען מיט אייך אַ פּרשה חומש און אַ פּרק משניות, און זאָל ער אייך אויסלערנען לייענען אַ בוך, ווייל אין דעם אורטייל וואָס איר האָט אַרויסגעטראָגן אויף די לידער פון ה' פּרץ און זיינע דערציילונגען האָט איר זיך אַליין געפּסלט מיט אייער מום, און אייער קענען

העברייאיש איז ביי אונדז זייער שטאַרק אין חשד." (א. ר. מלאכי — „ייוואָ־בלעטער", ב. 34, ז' 226).

אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן שרייבט נ. סאָקאָלאָוו וואַרעמע נאָטיצן וועגן פּרצעס ווערק און זאַמלביכער. און נישט נאָר אין „הצפירה", אויך אין דער פּויליש־יידישער „איזראַעליטאַ" שרייבט נ. סאָקאָלאָוו וועגן פּרצעס שאַפן. אין 1892 נומ. 18 איז פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטע אָפּשאַצונג וועגן פּרצעס זאַכן אינעם צווייטן באַנד „די יידישע ביבליאָטעק". ווען ס'איז דערשינען דער דריטער באַנד, „יידישע ביבליאָטעק" (אין 1894) האָט נ. סאָקאָלאָוו אין אַ נאָטיץ („הצפירה", נומ. 28, י"ט שבט תרנ"ה) געשריבן: „אין דעם באַנד געפינען זיך זאַכן פון אַ וועלטלעכן און נאַטור־וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט און זאַכן וואָס זיינען נוגע חכמת ישראל. אַלע אַרטיקלען זיינען גאַנצע און גרויסע און ווי עס ווייזט אויס האָט דער רעדאַקטאָר זיך נישט באַמיט צו באַקומען גרויסע נעמען, נאָר געזוכט צו געבן שלמותדיקע זאַכן."

ווייזט אויס, אַז פּרצעס השפּעה אויף נ. סאָקאָלאָוו איז געווען גאַנץ שטאַרק. אונטער פּרצעס איינפלוס האָט נחום סאָקאָלאָוו אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין אַ גוטן יידיש (דאָס איז געווען זיין ערשטער יידישער אַרטיקל) אין פּרצעס „יידישע ביבליאָטעק", דריטער באַנד, וואַרשע 1895, אונטערן נאָמען אמתי: „רבי נחמן קראָכמאַל" (אַ שמועס אין וואַגאָן) — אַן אָפּהאַנדלונג איבער דעם באַוואוסטן דענקער, געשריבן אין אַ האַלב־בעלעטריסטישער פאָרם, וואָס קלערט אויף די אידייען פון נחמן קראָכמאַל (1785־1840). אויך אין פּרצעס ראַדיקאַל־העברייאישן זאַמלבוך „החץ" (1894), וואו עס זיינען פאַרעפנטלעכט ניין זאַכן פון פּרצן גופא, איז דאָ אַן אַרטיקל פון נחום סאָקאָלאָוו אונטערן זעלבן פּסיידאָנים אמתי „יוצרי תוהו" (די כאַאָס־באַשאַפער, — אַ שאַרפער אַרטיקל קעגן דער חיבת־ציון־באַוועגונג).

אַזאַ אידייאישע נאָענטקייט האָט געהערשט אין יענער צייט צווישן אָט־די צוויי שרייבער, וואָס זיינען דערנאָך אַוועק אין אַנדערע זייטן און זיך פאַרנומען אויף גאָר פאַרשיידענע וועגן.

3

צום 25־יאָריקן יובל פון פּרצעס שאַפן, אין 1901, האָט נחום סאָקאָלאָוו פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן פּרצן (אין דער פּוילישער „איזראַעליטאַ", 1901, נומ. 1), וואו ער האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „אַ לעבעדיקער גייסט, פלינק און אימפּולסיוו, פאַראייניקט ער אין זיך טיף־איינגעבוירענעם חוש פאַר קונסט און אינספּיראַציע, וואָס זיינען נישט נאָר באַלאַנסירט מיט אַ מאָס, נאָר אויך האַרציק און סוביעקטיוו. זיין אָבסערוווירפייאיקייט איז זייער אַן אידעלע, די פאָרם אַן אייגנאַרטיקע, זיין שוואונג

ווייט איבערן דורכשניט און רעכנט זיך נישט מיט די פֿאָדערונגען פֿון באַנאַלע פֿאָרמען אָדער מיט פֿאָדערונגען צו זיין פֿאַרשטענדלעך. דאָס זיינען יענע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן, אגב, אויך דעם מענטשן י. ל. פּרץ." („ייוואָ־בלעטער", 1946, ב. 28, ז"ז 203).

נחום סאָקאָלאָוו איז געווען צווישן די אַקטיווע מיטגלידער פֿון פּרצעס יובליי־קאָמיטעט אין 1901. ווי י. דינעזאָן גיט איבער, אין זיין אַרטיקל וועגן די יובל־פֿייערונגען, האָט נ. סאָקאָלאָוו געהאַלטן די באַגריסונג־רעדע. עס דערציילט יעקב דינעזאָן: „יוצא צו זיין, געוויס, פֿאַר די עטלעכע „גמינע־דאָזאָרעס", פּאָליאַקן פֿון משה רבינוס חדר, האָט סאָקאָלאָוו זיין רעדע געהאַלטן אין פּויליש. אויסגערעכנט פּרצעס פֿאַרדינסטן אין דער ריין־העברייאישער ביבלישער שפּראַך און ליטעראַטור און די גרויסע נוצן, וואָס ער האָט געבראַכט פֿאַרן ניט־געבילדעטן עולם, וואָס פֿאַרשטייט נישט, ניט קיין פּויליש און ניט קיין העברייאיש, מיט זיין שרייבן אין פּראָסט יידישן לשון, דאָס הייסט אין זשאַרגאָן, האָט דער רעדנער מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ באַטאָנט דאָס, וואָס פּרץ איז אַן עכטער פּוילישער ייד, אויף פּוילישן באָדן געבוירן, אויף דער פּוילישער ליטעראַטור אַזוי גוט ווי אויף דער העברייאישער זיך דערצויגן און אַנטוויקלט, און איז דער שטאָלץ פֿון גאַנצן יידנטום, ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון פּוילן און ליטע." („יידישע קולטור" 1945, נ"ב 3־4, ז' 71).

יעקב דינעזאָן גיט צו: — „אין אָוונט, אין ערשטן טאָג פֿונעם יובל, האָבן זיך צוזאַמענגעקומען אינטימע און נאָענטע פֿריינט, נאָך אַמאָל ביי פּרצן אויף אַ גלעזל טיי, און צו פֿאַרריכטן דעם ניט־אָנגענעמען איינדרוק, וואָס האָט אויף פּרצן געמאַכט די לאַנגע רעדע אין פּויליש, האָט נ. סאָקאָלאָוו גענומען דעם פֿרישן עקזעמפּלאַר שריפֿטן פּרצעס און האָט פֿאָרגעלייענט פֿאַר די געסט עטלעכע נאָוועלן און געדיכטן. און איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב אים, סאָקאָלאָוון, בעת מעשה מוחל געווען פֿון גאַנצן האַרצן אַלץ וואָס איך האָב איבערגעפֿילט אין די גאַנצע אָנדערטהאַלבן שעה, וואָס האָט געדויערט זיין פּוילישע רעדע אין דער פֿרי. אַזוי שיין און אַרטיסטיש פֿאַרלייענען פּרצעס אַ נאָוועלע, און דעקלאַמירן זיינס אַ געדיכט, האָט זעלטן ווען פֿריער אָדער שפּעטער ווער געהערט." (ז' 72).

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין מערץ 1904 האָט מען געפֿייערט נחום סאָקאָלאָווס 25־יאָריקן יובל. (דער יובל־קאָמיטעט איז געשאַפֿן געוואָרן אין 1902, אין וועלכן אויך י. ל. פּרץ האָט זיך באַטייליקט). אויפֿן באַנקעט זיינען געווען אַ 250 געסט, פּרץ און פֿרישמאַן האָבן געבראַכט נ. סאָקאָלאָוו און זיין פֿאַמיליע צו דער יובל־פֿייערונג. י. ל. פּרץ האָט צווישן אַנדערן אין זיין רעדע לכבוד סאָקאָלאָוון געזאָגט:

„פאַר אונדז שטייט דער גענעראַל פון דער העברייאישער ליטעראַטור. דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז אַ זעלנער דערגרייכט די מדרגה פון אַ הויכן אָפיציר אין איינעם פון די צוויי אופנים: דורך זכות־אבות און יחוס, וואָס ער שטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער און הויך־מיליטערישער משפחה, אָדער דורך אָנשטרענגונגען און אויסצייכענען זיך אין לויף פון פיל יאָרן. אַ הויכער אָפיציר פון דעם צווייטן מין דערשלאָגט זיך געוויינטלעך צו אַזאַ שטע־לע בלויז אין זיינע עלטערע יאָרן. סאָקאָלאָוו האָט זיך דערשלאָגן צו דער שטע־לע פון אַ הויפט־קאָמאַנדיר פון דער העברייאישער ליטעראַטור אַ דאַנק זיין אָנגעשטרענגטער און איבערגעגעבענער אַרבעט. און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז ער איז נאָך אין זיינע בעסטע יאָרן, מוזן מיר באַוואונדערן זיין אויסערגע־וויינטלעכן טאַלאַנט און געוואַלדיקע ענערגיע...״

און ווייטער האָט פרץ אָנגעוויזן אויף די שוועריקייטן און שטערונגען, וואָס אַ יידישער שרייבער באַגעגנט אויף זיין וועג: „און צו זיין אַ רעדאַקטאָר ביי יידן, מיינט איר, איז אַ קלייניקייט? לאָזט מיך אייך דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן. אין איינער פון מיינע נסיעות אין דער שווייץ קום איך אַמאָל אָן אויף אַ קליינער סטאַנציע און פאָר צו מיט אַ וואָגן צו דער אכסניא. קומענדיק אַהין אַריין, זע איך, אַז דער קעלנער איז זייער ענלעך צום בעל־עגלה, וואָס האָט מיך געבראַכט פון דער באַן. אָבער שוין גאָר פאַרוואונדערט האָב איך זיך, ווען איך האָב אָנגעקוקט דעם באַלעבאָס גופא. ער אַליין איז שטאַרק ענלעך צום בעל־עגלה און צום קעלנער. „איר זייט אַלע דריי ברי־דער?״ — האָב איך געפרעגט. „ניין! — ענטפערט איידל דער באַלעבאָס: איך אַליין בין אי דער בעל־עגלה, אי דער קעלנער, אי דער באַלעבאָס״. אַזוי איז דער העברייאישער רעדאַקטאָר, ער איז דער פּאָליטיקער, ער — דער פּוב־ליציסט, ער — דער פעליעטאָניסט, און אָפטמאָל אויך דער קאָרעספּאָנדענט״.
פרץ האָט באַרירט די שפּראַך, העברייאיש: „איר ווייסט רבותי, צו וואָס דאָס איז געגליכן? עס זיינען פאַראַן קראַנקע, וואָס במשך פון זייער קרענק פאַר־געסן זיי דאָס רעדן. מיט אונדזער פאָלק האָט אויך דאָס זעלביקע פּאַסירט. במשך פון זיין לאַנגער גלות־קרענק האָט עס פאַרגעסן דאָס רעדן, זיין שפּראַך, און איצט, נאָך דעם ווי אונדזער פאָלק איז טויזנטער יאָרן געווען אָן אַ שפּראַך, קומט אַ מענטש און וויל אויסדריקן אַלע זיינע געדאַנקען און געפילן אין דער אַלטער שפּראַך, וואָס איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן אויפן מאַרק פון לעבן.״
און ווען „אַן אייראָפּייאישער שרייבער וויל איבערגעבן אויפן פּאַפּיר אַ בילד פון לעבן״—האָט ער „גרייט פאַר זיך אינעם אוצר פון זיין שפּראַך, אין אירע ווערטער־ביכער״... גאָר אַנדערש איז מיטן העברייאישן שרייבער. „אין תנ״ך, וואָס איז דער לעקסיקאָן פון דער העברייאישער שפּראַך, האָבן מיר בלויז אַ דריי־פיר קאָלירן״. נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך מיט זיין קראַפט, פלייס

און טאַלאַנט דערהויבן איבער די דאָזיקע אַלע שטערונגען... ער האָט געשאַפן אַ שלל קאָלירן... ער האָט אַריינגעגעבן אַ ניי לעבן און אַ נייע קראַפט (אין דער שפּראַך), זי באַשאָנקען מיט שיינקייט און גלאַנץ..." („ייוואָ־בלעטער", 1946, ב. 28, ז' 204־205). די רעדע איז איבערגעזעצט פון העברייאיש. אויף וועלכער שפּראַך פּרץ האָט גערעדט, איז נישט אָנגעוויזן.

לאָמיר זעען ווייטער, ווי סאָקאָלאָוו כאַראַקטעריזירט פּרצן.

רעדנדיק וועגן די פאַרשיידענע מאָמענטן פון זייערע פּערזענלעכע באַציאונגען זאָגט נחום סאָקאָלאָוו אין זיין פּרץ־אָפּהאַנדלונג: „עס איז געווען אַ לענגערע תקופה אין מיין לעבן, אַ תקופה, וואָס וואַרט נאָך אויף איר היסטאָריקער, — ווען מיר פלעגן זיך שטענדיק צונויפקומען, לכל הפּחות איין מאָל אַ וואָך. נאָך דעם קרייז פון די „דאָנערשטאָגס" האָט זיך געשאַפן נאָך אַ גרעסערער קרייז פון „מאָנטאָגס", — אַ מין גרעזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קלוב, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען שטענדיק ביי מיר אין הויז — אין משך פון אַסך יאָרן — אויף רעפעראַטן און דעבאַטן. כמעט קיינמאָל האָט נישט אויסגעפעלט פּרץ. דאַן האָט זיך שוין אויסגעקריסטאַליזירט פּרצעס גייסטיקער פּרצוף. אַ קוואַל פון לעבן האָט געשלאָגן פון אים. אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען פריש, צאַפּלדיק, באַגייסטערט און געשטרעבט צו גרויסע זאַכן. נישט אַלע מאָל האָט זיין ליכט געפירט און געוויזן דעם ריכטיקן וועג, אָבער שטענדיק האָט זיין ליכט געשיינט און געשטראַלט. דאַן זיינען געקומען צום אויסדרוק זיינע וועלט־אָנשויאונגען. דאָרטן האָבן מיר זיך געאַמפּערט, איינער דעם אַנדערן באַזיגט, שלום געמאַכט און ווידער געקעמפט... ווער פון יענעם קרייז געדענקט ניט די לאַנגע אָוונטן און די פאָרטראַגן, שמועסן און דעבאַטן! איינע פון די צענטראַלע געשטאַלטן צווישן אַלעמען איז געווען פּרץ." (זע נ. מייזיל — נ. סאָקאָלאָוו און י. ל. פּרץ, „ייוואָ־בלעטער", 1937, ז' 322).

„עס איז מיר שווער צו שרייבן — זאָגט נ. סאָקאָלאָוו — וועגן אָט־דער תקופה רואיק, ווייל זי איז מיר באַזונדערס געווען נאָענט צום האַרצן... סתם מענטשן, וואָס זיינען נישט באַהאַוונט אין פּסיכאָלאָגיע און קלייבן זיך נישט פאַנאַנדער אין מענטשלעכע באַציאונגען, קאָנען טראַכטן, אַז אין פאַרשיידענע צייטן האָט נישט געהערשט צווישן מיר און פּרצן קיין פולע פריינשאַפט און קיין אמתע פאַרבינדונג. עפּעס אַזוינס, נישט געקוקט אויף איבעררייסן און מחיצות פון יאָרן, עפּעס אַזוינס איז געווען צווישן אונדז, וואָס איז געווען פיל מער ווי פריינשאַפט און פאַרבינדונג. עס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס אפילו פּרצעס נאָענטע שטוב־מענטשן זיינען נישט מסוגל צו באַגרייפן עס — עס איז אַ זאַך פון פערציק יאָר..."

„איך האָב אָנומלט — שרייבט נ. סאָקאָלאָוו — געשריבן אייניקע ווערטער וועגן פּרצן צו זיינעם אַ יובּיליי, און איך ווייס, ווען ער האָט זיי גע־

לייענט, האָט ער געווינט. און אַז פּרץ זאָל וויינען — דאס איז נישט פון די געוויינלעכע און טאָג־טעגלעכע זאַכן״ (דאָרט ז׳ 322).

4

ד״ר גרשון לעווין, אַ נאָענטער פריינט פון י. ל. פּרץ און נחום סאָקאָלאָוו, אַ שטענדיקער אַריינגייער אין זייערעביידנס הייזער, וואָס איז בייגעווען אויף די דערמאָנטע צונויפקומס ביי סאָקאָלאָוון, שרייבט אין זיין בוך „פּרץ״ (אַביסל זכרונות, וואַרשע, 1919, 225 ז״ז): „פּרץ איז אויך געווען אַ שטאַם־גאַסט אויף די געגאַנטע „מאָנטאַגן״, — אַזוי האָבן געהייסן די פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי סאָקאָלאָוון אין דער היים יעדן מאָנטאָג ביינאַכט במשך פון עטלעכע ווינטערן. סאָקאָלאָוו האָט געוואָלט שאַפן אַ יידישן „סאַלאָן״, וואו נאַציאָנאַל־געזאָנענע יידן זאָלן זיך קאָנען באַגעגענען מיט אַסימיליאַטאָרן, דאָס הייסט מיט פּאָליאַקן בני דת־משה...״

„... וואו פּרץ איז געווען האָבן געמוזט פאַלן פונקען, ס׳האָט געמוזט בליצן. לאַנגווײלן זיך און זיצן רואיק אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט, האָט פּרץ בכלל נישט געקאָנט. אַמאָל, אין אַ מאָנטאָג, ווען עס זיינען פאָרגעקומען הייסע דעבאַטן, און סאָקאָלאָוו האָט פאַר אַ רעדע באַקומען רווישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, האָט זיך פּרץ פּלוצלינג אויפגעהויבן און איז אַרויסגעלאָפן פונעם סאַלאָן.״ און ער האָט דערנאָך געזאָגט: „אַז איר קענט פאַר אַ זאַ רעדע פאַטשן בראַוואָ מיט קעלבערנער התפּעלות, קאָן איך מיט אייך נישט זיצן צוזאַמען.״ (ז״ז 68־69).

„ביי דער געלעגנהייט — שרייבט ג. לעווין — וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער פאַרהעלטעניש צווישן פּרצן און סאָקאָלאָוון. איך מיין, אַז זיי וועלן צונויץ קומען זייערע קינפּטיקע ביאָגראַפן.

סאָקאָלאָוו האָט פון פּרצן געהאַלטן. ער פלעגט אָפט אין מיין געגנוואַרט לעזן אויפן קול זיינע יידישע געדיכטן און האָט זיי זייער געלויבט.

פּרץ פון סאָקאָלאָוון האָט ווייניק געהאַלטן. ער האָט אים געשעצט נאָר אַלס אַ גוטן פּובליציסט, וואָס פאַרמאָגט אַ זייער שיינע שפּראַך, אָבער אַלס שריפטשטעלער האָט ער אים נישט אָנערקענט, און האָט עס שטענדיק, ביי יעדער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן.״ (ז׳ 59).

ד״ר ג. לעווין זאָגט, אַז זייטיקע מענטשן האָבן דערקלערט דעם אַנטאַגאָניזם — די פּרינציפּיעלע פראַגע פון יידיש און העברייאיש. ער מיינט, אַז ס׳איז נישט ריכטיק. „... די סיבה פון זייער אַנטאַגאָניזם איז געלעגן פּשוט אין דער פאַרשיידנקייט פון זייערע כאַראַקטערן. סאָקאָלאָוו — אַן אַריסטאָקראַט, וואָס וועט נישט מיט יעדן רעדן און נישט פאַר אַבי־

ווענמען אויפדעקן אַ שטיקל נשמה... פּרץ אַ דעמאָקראַט ביזן מאַרך פון די ביינער, וואָס האָט געקאָנט אָפּזיצן שעהן־ווייז מיט עפּעס אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אַ שטיקל טאַלאַנט... פּרץ האָט באמת פיינט געהאַט דעם סאַלאָן מיט זיינע עטיקעטן, און מיט זיין אָפן שאַרפן וואָרט האָט ער זיך דערוואָרבן שונאים אין אַלע וואַרשעווער ספערן" (ז׳ 71).

אַזאַ טיפער אונטערשייד איז געווען צווישן פּרצן און סאָקאָלאָוון.

ד"ר ג. לעווין דערציילט, אַז דערנאָך זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פּרייטיק־צו־נאַכט־אָוונטן ביי פּרצן אין הויז, צו וועלכן עס פלעגט צווישן אַנדערע קומען אויך נ. סאָקאָלאָוו. „איך געדענק אַ פּרייטיק־צו־נאַכט, ווען מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ היינע־אָוונט. יעדער איז געקומען אָנגעדרייט. אַ קליניקייט, היינע! ווער קען אים ניט? מען איז געקומען באַוואָפנט מיט ביאָגראַפישע נאָטיצן, טייל האָבן אפילו ציטירט שווערע פראַזן פון פאַר־שיידענע געלערנטע. נאָך דעם אָבער, ווי מ׳האָט אויסגעפּאַקט די טרוקענע שווערע אַרטילעריע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ לייכטער היינע־קאָנצערט, גע־שפּילט מיטן גרעסטן שאַרפזין און וויץ דורך פּרצן און מייסטערהאַפט אַקאָמפּאַנירט דורך סאָקאָלאָוון" (ז׳ 75).

אַ פיינעם פּרט ברענגט ד"ר יוסף קלויזנער (אין זיין בוך „דרכי לקראת הגאולה והתחיה", תל־אביב, 1946) וועגן פּרץ־סאָקאָלאָוו: „איך האָב אַמאָל אַ פרעג געטאָן פּרצן: „איר האָט דאָך אָנגעהויבן צו שרייבן העברייאיש, פאַרוואָס זשע זייט איר פּלוצים אַריבער צו ייִדיש?" דערויף האָט פּרץ מיר געענטפערט: „שולדיק אין דעם איז סאָקאָלאָוו... איך האָב אים אַמאָל געגעבן פאַר דער „הצפירה" אַ קליינע דערציילונג, וואו אַ בחור קושט זיין געליבטע דריי מאָל. האָט ער מיר אומגעקערט זי און געטענהט, אַז ער קאָן ניט דרוקן אין „הצפירה" אַזאַ „פּאָרנאָגראַפישע" זאַך, וואו אַ בחור קושט זיך מיט אַ מיידל דריי מאָל. דריי מאָל! האָב איך באַשלאָסן — האָט פּרץ צוגעגעבן — אַז פאַר אַ ליטעראַטור, וואו דריי קושן ווערן פאַררעכנט פאַר פּאָרנאָגראַפיע — איז נישט כדאי צו אַרבעטן, און איך האָב זיך גענומען צו שרייבן ייִדיש." (י. קלויזנער, ז׳ 110).

נ. סאָקאָלאָוו דערציילט אין זיינע זכרונות: „אין צוויי מאָמענטן פון פּרצעס לעבן האָב איך גענומען אַ נאָענטן אָנטייל: ווען ער האָט באַקומען זיין שטעלע אין דער וואַרשעווער גמינע און ווען ער האָט געגרינדעט זיינע זאַמלביכער"... „דאָס זיינען געווען צוויי וויכטיקע געשעענישן: דורך דער ערשטער איז ער אַריינגעטראָטן אינעם וואַרשעווער געזעלשאַפטלעכן לעבן און דורך דער צווייטער איז ער אַריין נישט אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור — ווייל ער איז שוין פון לאַנג געווען אַ שרייבער — נאָר איז אַריינ־

געטראָטן אינעם קרייז פון אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן״... נ. סאָקאָ־לאָוו טיילט נישט די מיינונג פון די אַלע אַנדערע, אַז ס׳איז געווען אַ טראַ־געדיע, וואָס פרץ איז געוואָרן אַ גמינע־באַאַמטער. ער דערווייזט, אַז ס׳איז געווען פאַר פרצן אַ גוטע געלעגנהייט צו פאַרזיכערן זיין מאַטעריעלע עק־זיסטענץ און דערביי האָט ער געקאָנט זיך באַקענען מיט דער יידישער וואַרשע. סאָקאָלאָוו באַשרייבט גענוי, ווי פרץ האָט געאַרבעט און די באַ־דינגונגען פון זיין אַרבעט: „פרץ איז געווען אַ פלייסיקער באַאַמטער, אַ שנעלער טוער״, נישט קיין ביוראָקראַט, אָפטמאָל האָט ער אָפּגעטאָן אין איין שעה, וואָס ביי אַנדערע וואָלט עס געדויערט עטלעכע שעה. „דאָרט אויף זיין טיש, איבער דער באַריער, פלעגט פרץ מאַכן זיינע נאָטיצן. דער בלויער פויגל פון פאָעזיע פלעגט אַזוי פליען אַרום אים, באַזוכן אים, זיך טוליען צו אים און וואַרעמען זיין האַרץ... „ס׳איז געווען אַ וואונדערלעכע און קאָמישע זאַך—שרייבט נ. סאָקאָלאָוו—וואָס אין דער גמינע, וועלכע איז געווען די פעסטונג פון דער אַסימילאַציע, איז זיך געזעסן אַן אַנגעשטעלטער, וואָס צווישן איין אַרבעט און דער אַנדערער, האָט זיין פעדער געגרייט די־נאַמיט אויפצערייסן די אַסימילאַציע...״ (נ. סאָקאָלאָוו, „ייוואָ־בלעטער״, 1937, ז׳ 325, און אויך „פערזענלעכקייטן״, בוענאָס־איירעס, ז׳ 249).

דערמאָנענדיק זיך פאַרשידענע עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פון זייער לאַנ־גען, נאָענטן צוזאַמענלעבן, גיט צו נחום סאָקאָלאָוו: „יאָרן זיינען אַוועק. מיר זיינען זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע שטעט און לענדער. מיר האָבן זיך צעשיידט אין די ליטעראַרישע געביטן. מיר זיינען דערוויטערט געוואָרן צוליבן ציוניזם. איך בין זיך אַוועק מיין וועג, פרץ — מיט זיין וועג. איך פלעג באַזוכן מיין היים און געזען ווי פרץ וואַקסט, ווערט גרויס, דרינגט אַריין אין פאָלק, שטייט אין דער שפּיץ פון אַ יידיש־ליטעראַרישער פאָלקס־באַוועגונג. ער ווירקט, האַלט פאָרטראַגן, שרייבט, גליט. אין אַסך זאַכן בין איך נישט געווען איינשטימיק, אָבער אין מיין האַרצן איז שטענדיק פאַר־בליבן אַ ווינקל פאַר אים, אַ פונק, וואָס קיינער און קיין זאַך האָט נישט גע־קאָנט רירן: פרץ! (ז׳55).

נ. סאָקאָלאָוו פאַרענדיקט זיינע אינטערעסאַנטע זכרונות און אָפּשאַ־צונג, וואָס ער האָט געשריבן אין לאָנדאָן אין 1915, מיט אָט־די רירנדיקע שורות: „ער איז געווען אַ שטורקאַץ, אָבער נישט צו באַלויכטן פאַרוויי־לונגען אָדער טאַנץ־אַוונטן. ער האָט געשפּריצט מיט טויזנטער פונקען, רויטע פונקען, ווי פייל פון אַ בויגן. און ער איז נאָך יונג געווען, קוים אַביסל שניי האָט די צייט זיין קאָפּ באַוויסט, ווי שניי אַ באַרג־שפּיץ. זיין טאָג איז נאָך נישט געווען פאַרגאַנגען, זיינע שאָטנס — נאָך נישט אויסגעצויגן, זיינע פליגל נאָך נישט אונטערגעהאַקט, און פלוצים — דער שטורקאַץ איז אויס־

געלאָשן... טאַקע באמת אויסגעלאָשן? ער איז דאָך געווען פון אייביקייט־גלי... פּרץ איז געשטאָרבן. איך בין ערגעץ אין מרחקים. איין ידיעה, שרעקלעכער פון דער אַנדערער קומט אָן, ווי אין די צייטן פון איוב... קברים, קברים. (ז׳ 64).

רירנדיקע שורות פון נ. סאָקאָלאָוו וועגן זיין נאָענט־וויטן פריינט, וואָס די אָנהויב פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן מיט איבער 40 יאָר צוריק, אין אַ וואַרשעווער גערטנדל, ווען סאָקאָלאָוו איז נאָך געווען אַ יונג יינגל.

פּרץ און סאָקאָלאָוו — צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן, צוויי וואונדערלעכע פיגורן, וועלכע האָבן פאַרקערפּערט און סימבאָליזירט מיט זיך דאָס פּוילישע יידנטום מיט אַלע זיינע ליכט און שאָטן, מיט אַלע זיינע מעלות טובות און טיפע אייגנאַרטיקייטן.

יעדער איינער פון זיי — אויף אַ באַזונדערן און אַנדערשדיקן אופן און מאַניר.

י. ל. פרץ און מענדעלע מוכר־ספרים

1

עס איז אָן ספק איינע פון די מערקווירדיקע דערשיינונגען אין דער עלטערער יידישער קולטור־ליטעראַרישער וועלט: צוויי גרויסע שרייבער, מענדעלע און פּרץ, וואָס האָבן געלעבט כמעט אין איין צייט און געשאַפן די זעלביקע צענדליקער יאָרן אין דער יידישער און העברייאישער ליטעראַטורן — און דאָך — וואָס פאַר אַ ווייטקייט, וואָס פאַר אַ דיסטאַנץ צווישן איינעם און צווייטן. עס איז נאָך לכתחילה געווען אַ קליין, אָרעם ליטעראַריש וועלטל, און די צאָל פון שרייבער איז געווען אַ זייער באַגרענעצטע, און דאָך האָט מען זיך גאָר ווייניק אָנגעקערט איינער מיטן אַנדערן. מען איז געגאַנגען יעדער איינער אויף זיין אייגענעם וועג און שטעג און זעלטן זיך באַגעגנט.

ב. גאָרין, פּרצעס אַ פריינט און פאַרערער, האָט זיין פּרץ־אַרטיקל נאָך פּרצעס טויט („צוקונפט", יוני 1915) אָנגערופן מיטן נאָמען „וואַרשע און אָדעס". ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינעם אַרטיקל אויף דעם קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט צווישן אָט־די צוויי ליטעראַרישע צענטערן. „ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, איז נאָך וואַרשע נישט געווען קיין צענטער פון יידישע שרייבער. דער צענטער איז דעמאָלט געווען אין אָדעס. דאָרטן זיינען געווען דער זיידע (מענדעלע מו"ס) דער אייניקל (שלום־עליכם) און דער פעטער (בר־קצין — י. ח. ראַבניצקי) און פיל שרייבער פון אַ קלענערן ראַנג. די נעמען „זיידע", „אייניקל" און „פעטער" ווייזן אויף דער עקזיסטענץ פון אַ גאַנצער פאַמיליע שרייבער". און ב. גאָרין זאָגט: „שוין דעמאָלט אין (1891), ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט פּרצן, האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די קנאת־סופרים צווישן אָדעס און וואַרשע", און „ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז שלום־עליכם האָט ריכטיק אויסגעדריקט דעם גייסט פון דעם אָדעסער צענטער, איז די שטעלונג דאָרטן געווען אַ פיינטלעכע צו פּרצן" (ז"ז 548־549). און מסתמא האָט אויך דוד פרישמאַן אין אַ געוויסן זינען אַרויסגעבראַכט אין זיינע שאַר־

פע אַרויסטריטן קעגן פּרצן אַט־די נעגאַטיווע שטעלונג צו פּרצן, וואָס האָט געהערשט ביי די אָדעסער יידיש־העברייאישע שרייבער. און דאָס נעמ־לעכע מיט שמעון דובנאָוו.

אויף ווי־ווייט מענדעלע מוכר ספרים איז געווען אַריינגעצויגן אין אַט־די שטרייטן קעגן פּרצן — איז שווער צו זאָגן. אפשר זיינען ער־געץ־וואו דאָ מאַטעריאַלן וועגן דעם, ווי מענדעלע האָט זיך באַצויגן די אַלע יאָרן צו פּרצן, מיר זיינען זיי נישט באַקאַנט.

דאָ אין דאָרטן געפינען מיר ביי פּרצן פאַרבייגייענדיקע באַמער־קונגען אָדער בריוו, וואָס ווייזן ווי עס איז געווען פּרצעס באַציאונג צו מענדעלען, אַ באַציאונג, וואָס איז מיט דער צייט דערגאַנגען צו פאַר־ערונג.

פּרץ, ווי באַקאַנט, איז אין זאַמאָשטש געווען אָפּגעריסן און דער־ווייטערט פון דער ידישער ליטעראַטור. אין 1888 (4 יאָר נאָך דעם ווי מען האָט אין דער יידישער וועלט געפייערט מענדעלעס 25־יאָריקן לי־טעראַרישן יובל) האָט פּרץ פאַרביטן ראַבינאָוויטשן אויף אַבראַמאָוויטשן (שלום־עליכמען אויף מענדעלען). ער האָט געשריבן צו שלום־עליכמען, אַז ער קאָן זיינע ווערק נישט פון אָריגינאַל, „נאָר פון זייער איבערזע־צונג אין פּויליש״, און ער זאָגט: „מיר איז אַ בזיון אייך צו זאָגן, אַז ביי אונדז אין שטאָט איז נישטאָ קיין איין זשאַרגאָניש ביכל״ („בריוו און רעדעס״, ז' 141). שפּעטער האָט זיך פּרץ, דער 37־יאָריקער שריי־בער, געכאַפּט און ער גיט צו: „איצט מוז איך מיט מער חרפּה זיך מודה זיין, אַז עס איז אַ טעות, ווייל איך האָב אייך פאַרביטן אויף אַבראַמאָ־וויטשן, וואָס זיין „קליאַטשע״ און „מסעות בנימין השלישי״ זיינען אי־בערגעזעצט אין פּוילישן״ (דאָרט ז' 149).

ווען פּרץ איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער שאַפונגס־וועלט, האָט ער גענומען באַגרייפן דעם באַטייט פון מענדעלען. דאָס זעען מיר פון פאָלגנדיקע עטלעכע שורות.

אין 1894 האָט פּרץ אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם דערשינענעם העברעאישן זאַמלבוך „פּרדס״ אין זיין העברעאישער זאַמלונג „החץ״ (1894). ער זאָגט דאָרט וועגן מענדעלעס צוויי דערציילונגען אַט וואָס: „ווער עס זוכט אַ וואונדערלעך־רייכע שפּראַך, זאָל לייענען „בימי הרעש״ (אין שטורעם־טעג) און אויך „בימים ההם״ (אין יענע טעג) פון מענדע־לע מו״ס. אָבער דער, וואָס וויל האָבן עפּעס אַ געדאַנק, וועט ער עס דאָרטן נישט געפינען. עס איז אַ האַרצווייטיק צו זען, ווי אַט־דער גרויסער אָד־לער לאָזט זיך אַראָפּ צו פּיקן אין מיסט פון בטלנות און סתם אַזוי ריי־דערייען, וואָס העלפן און נוצן צו גאָרנישט. איך ווייס נישט, וואָס וואָלט

געווען מיט מענדעלען, ווען מען וואָלט ביי אים פּלוצלינג צוגעגנבעט דאָס פערד און וועגעלע".

פרץ איז דאַן געווען אַ קעגנער פון דעם האַרבן שאַרפן רעאַליזם. אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן אייניקע אַרטיקלען קעגן דעם טרוקענעם נאַטוראַליזם, וואָס איז דאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער העברייאישער ליטעראַטור ווי עפּעס אַ נייע קינסטלערישע אַנטפּלעקונג. קריטיקירנדיק אָבער מענדעלען, ווייס פּרץ ווי אָפּצושאַצן זיין באַדייט און ער באַטיטלט אים „דער גרויסער אָדלער".

פרילינג 1904 האָט פּרץ געמאַכט אַ קורצן באַזוך אין אָדעס. צי פּרץ האָט פאַרבראַכט לענגער מיט מענדעלען ווייסן מיר נישט. ש. שנייפּאַל, וועלכער איז בייגעווען אויפן באַנקעט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד פּרצן דורך די אָנגעזעענע אָדעסער העברייאישע און יידישע שרייבער, דערציילט, אַז די ערשטע רעדע אויפן באַנקעט האָט געהאַלטן מענדעלע. „ער האָט, ווי זיין שטייגער איז, אָנגעהויבן מיט אַ מעשה בתוך מעשה. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי דער ריזשינער רבי האָט זיך געהאַט געטראָפן אין לעמבערג מיטן לעמבערגער רב, דעם גאון יהושע האַרנשטיין און מיט זיין זון, וועלכע האָבן געוואָלט דערווייזן דעם ריזשינער, אַז ער איז נישט אַזאַ גרויסער למדן ווי זיי און גענומען אים שטעלן פאַרשיידענע מיני פראַגן, כדי צו פאַרהערן אים...

מענדעלע, האָט הפנים, מיט דער מעשה געוואָלט געבן אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש אייניקע אָדעסער שרייבער־קנאים, אַז זיי זיינען שטאַרק געגליכן צום לעמבערגער רב. זיי פּרואוון „פאַרהערן" פּרצן, צי ער איז חלילה, נישט קיין כופר בעיקר געוואָרן..." („יידישע קולטור", 1951, נומער 1, ז' 6).

די אָדעסער העברייאישע שרייבער האָבן, משמעות, קיין ספּעציעלע וואָרעמקייט נישט אַרויסגעוויזן פּרצן דעם שרייבער, וואָס האָט געהאַט אַ גאָר אייגענעם דרך אין דעם יידישן שאַפן און גאַנץ אַנדערש אויפגעפאַסט דאָס יידישע לעבן. דער פּעטערבורגער „פריינד" (נומ. 75, 1904) האָט געשריבן צווישן אַנדערן וועגן דעם אויפנאַם, וואָס די אָדעסער שרייבער האָבן געגעבן פּרצן: „די היגע ליטעראַטן האָבן געמאַכט אַ באַנקעט פון פּרצעס כבוד וועגן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויפן באַנקעט זיינען פיל רעדעס געווען. עס האָט גערעדט מענדעלע מוכר ספרים און אחד־העם, קלויזנער און ביאַליק, מ. לעווין און לידוויפּאַל, ש. בן־ציון און ראַבניצקי, א. ל. לעווינסקי און ח. טשעמערינסקי, יעדער אין זיין דרך. אַ חוץ דעם ערשטן און די צוויי לעצטע רעדנער האָבן די איבעריקע געמאָסטן און געוואויגן פּרצעס נאַציאָנאַליזם אָדער ציוניזם אָט

ווי ביי אונדזערע עלטערן פלעגט מען בודק זיין יענעמס ציצות . . . ״ זעט עס אויס, אַז מענדעלע מוכר ספרים האָט זיך אויסגעטיילט פון די איבע־ריקע שרייבער מיט זיין ערנסטער באַציאונג צו פּרצן.

2

וואָס שייך דער ווייטערדיקער באַציאונג צו מענדעלען האָבן מיר אייניקע אַרויסזאָגונגען פון פּרצן, וואָס כאַראַקטעריזירן קלאָר ווי פּרץ האָט אויפגעפּאַסט די ראָלע פון דעם ,,זיידן״ און זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (אין 1908) האָט י. ל. פּרץ זיין פייערלעכע דערעפענונגס־רעדע פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „... און מיר מוזן אויך היינט געדענקען אָן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער מאָדערנער, אייגנטלעכער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז געשענקט די ער־שטע קלאַסישע ווערק אין דער ידישער שפּראַך, און וואָס איז, ליידער, דאָ נישטאָ: אָן מענדעלע מוכר ספרים! איך דערלויב מיר צו שטעלן דעם אָנטראָג, אַז מען זאָל אים אינעם נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפע־פערענץ אָפּשיקן אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע״ („בריוו און רעדעס״, ז״ז 373, אויך „די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1908״, ז׳ 77).

אָן אַנדערש מאָל דריקט אויס פּרץ זיין אומצופרידנקייט מיט דער יונגער יידישער ליטעראַטור פונעם אַלטן יידישן פאָלק, און ער דער־מאָנט דערביי מענדעלען: „אַן אַלט פאָלק, אַ גלאַנץ־שטראַלנדיקע פאַר־גאַנגנהייט, אַ בלוטיקער, לאַנגער מאַרטירער־וועג צו אַ פּראָפעטיש־גע־חלומטער צוקונפט... אַ צעזייט און צעשפּרייט פאָלק, אַ וועלט־פאָלק און אַן אייביק פאָלק, און אַ מאָמענט־אויפנאָמס־ליטעראַטור, וואָס קאָן פון וואָלינער, ליטוויש און פּויליש קליינשטעטל בשום אופן נישט אַרויס...״ און פּרץ זאָגט: „פון צאינה וראינה און תחינות וואַקסן אַרויס אמ״דס (אייזיק מאיר דיקס) מעשהלעך אין ווילנע... קומט מענ־דעלע אין אָדעס און גיט די יידישע נאָך נישט דיפערענצירטע מאַסן, יידן און יידענעס מיט מאַרק, מרחץ, הקדש און שול...״ („ליטעראַטור און לעבן״, 1908).

פּרץ זעט מענדעלען אין ווייטער פּערספּעקטיוו, אין דורות־אַפּריער. אין אַ רעדע, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן יולי 1910 אין דובעלן, האָט ער גערעדט וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס „איז אַזוי יונג און אַזוי אָרעם״, „אַ ליטעראַטור, וואָס אירע שעפער האָבן נאָר איין מצבה אויפן בית־עלמין (א. מ. דיק), און דער עלטסטער נאָך אים (מענדעלע) האָט

ערשט נישט לאַנג געגומען אַן אָנטייל אין אַ ליטעראַרישן אָוונט אין אַדעס צוזאַמען מיט זיינע יינגסטע אוראייניקלעך" (ברייז און רעדעס", ז' 377).

אַזוי האָט פּרץ ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן באַטאָנט די „בראשית"־ראָלע, דעם אָנהויב פון מענדעלען אין דער יידישער ליטעראַטור. און דערמיט ווי באַטאָנט דעם מהלך, די דיסטאַנץ, וואָס איז דאָ צווישן מענדעלען און זיך.

ווען מען פייערט אין 1910 אין דער יידישער וועלט מענדעלעס 75־יאָריקן יובילייִ, האָט פּרץ פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, וואו ער שרייבט: „די צייטן פון „איינציקן אין ווערקשטעטל" זיינען פאַרביי. די ליטעראַטור האָט זיך דיפערענצירט. אַרטיקלען, קריטיקן, דערינערונגען א. ד. ג. וועלן שרייבן אַנדערע; איך וויל מענדעלען ערן. און דאָס טוען אַלע, דאָס האָט שוין דאָס פאָלק אין דער גרויסער מאַסע לאַנג געטאָן. דאָס פאָלק האָט אָנערקענט זיין אַרבעט און רופט אים אויף זיין אַרבעט. נישט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, דאָס איז אַ פּריוואַט־נאָמען, אַ נאָמען פאַר אַ ווייב און קינד און פאַרן מעטריקול־שרייבער און פּאַספּאָרטן־געבער. דאָס פאָלק רופט אים „מענדעלע מוכר ספרים" מאהבת הקיצור (צוליב קיצור ווענן — נ. מ.) — „מענדעלע" אויפן נאָמען פון זיין בעסטער קרעאַציע. און מענדעלע איז ווערט דעם כבוד".

און ווייטער זאָגט פּרץ וועגן מענדעלען: „ער איז נישט נאָר דער ע ל ט ס ט ע ר צווישן די לעבעדיקע שרייבער. ער איז אויך און דער עיקר — דער ע ר ש ט ע ר. בויט זיך אַ ליטעראַטור, האָט ער עס דעם עקשטיין געלייגט. ער איז דער ערשטער, וואָס האָט, נאָך אַ קורצער צייט פון זייטיקע פּראָבן, אָנגעהויבן שרייבן לשמה, ריינע קולטור־ווערטן צו באַשאַפן... — — ער איז דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט ליבע און אַכטונג צו זיין קינסטלערישן אינסטרומענט — צום יידישן וואָרט, און האָט עס געהאַלטן און דערצויגן ריין; נישט גערמאַניזירט, נישט רוסיפיצירט, נישט אפילו אייראָפּעאיזירט, און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַ יידישן סטיל באַשאַפן, זיין אינדיווידועל יידישן סטיל. אַזוי רעדט מענדעלע אויפן לשון פון זיין פאָלק... און רעדט ער העברייאיש, ווי ער מיינט, צוליב דער אייביקייט, אַן וועלכער ער וויל און האָט דאָס רעכט זיך צו קלאַמערן, שרייבט ער יידיש־העברייאיש, אַזוי וואָלט דאָס פאָלק גערעדט, ווען עס וואָלט גערעדט העברייאיש..."

און אָפּשטעלנדיק זיך אויף אייניקע מאָמענטן פון מענדעלעס שאַפן, פירט פּרץ אויס: „און נאָך אין פיל זאַכן איז מענדעלע נישט נאָר דער עלטסטער צווישן די לעבעדיקע, נאָר אויך, און דער עיקר — דער ערש־

טער, דער דערפינדער, דער באַשאַפער. זאָל ער אונדז נאָך בלייבן אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן!״

אין אַ צווייטן אַרטיקל (אין העברייאיש) וועגן מענדעלען האָט פרץ געשריבן: „... מענדעלען האָב איך געזען נאָר איין מאָל, ווען איך בין אין אָדעס געווען, און איך געדענק נאָר הויכע, גערוימיקע צימערן. צווישן די אָדעסער משכילים, וואָס האָבן מיך באַגלייט, איז געזעסן ער, דער אַלטער, וואָס מיט זיין אַקסל איז ער געווען העכער פון אונדז אַלעמען, זיינע אויגן האָבן געפינקלט און געלויכטן מיט אַ באַזונדער רואיקייט און זעלבסטווירדע: „איך בין דער, וואָס האָב מיינס אָפּגעטאָן, טוט זשע איר אייערס... איך זע אַלץ, לייען אַלץ, אדרבא!״... מענדעלע איז געווען אַלס קינסטלער דער ערשטער, דער מקור. געווען אַ מאַן, וואָס האָט אַנטדעקט דאָס ראָד, און זיין נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן. אָבער אין אַלע שפּעטערדיקע אַנטדעקונגען דרייט זיך אַלץ דאָס ראָד ביז אויף היינטיקן טאָג. מענדעלע האָט אַנטדעקט דאָס ראָד אין אונדזער ליטעראַטור, און יעדער איינער פון אונדז, דרייט אָט דאָס ראָד... מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט: צו וואָס רעפאָרמען, צו וואָס השכלה? דאָס פאָלק איז הונגעריק, גיט אים צו עסן... און דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט און ערפונדן דאָס ראָד — ער איז פאַרגעסן געוואָרן... ווי איז זיין נאָמען? מ ע נ ד ע ל ע. דאָס פאָלק רופט אים מענדעלע. ווען ער וואָלט געשריבן איין ווערק, וואָלט דאָס פאָלק אים גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר, ער האָט אָבער געשריבן פיל ספרים, און דער אַקס, אַרום וועלכן אַלץ דרייט זיך איז „מענדעלע מוכר ספרים״ — און אַזוי איז זיין נאָמען פאַרבליבן אויף שטענדיק און אויף אייביק... שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז באַקאַנט נאָר יחידים. זיין פּריוואַטער נאָמען וועט זיין אויסגעקריצט אויף די געשיכטע־לוחות פון דער יידישער ליטעראַטור; אין פאָלקס־מויל אָבער וועט ער הייסן: „מענדעלע״ — און דאָס איז זיין נאָמען אויף אַלע צייטן און דאָס איז זיין לויב״. („ליטעראַרישע בלעטער״, 1927, ז׳ 50).

און אָט נאָך אַ באַווייז ווי פרץ האָט געפילט אַ פּיעטעט און טיפע פאַרערונג פאַר מענדעלען. עס איז געווען סוף 1910, ווען פרץ, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע שרייבער און טוער, האָבן זיך פאַרמאָסטן צו שאַפן אַן ערנסטן יידישן טעאַטער און צו דעם צוועק געגרינדעט אַ טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויס מיט אַן אויפרוף צו דער יידישער געזעלשאַפט נאָך הילף. האָט י. ל. פרץ געשריבן אייגנהאַנטיק אַ בריוו צו מענדעלען. ער האָט דעם בריוו אָנגעהויבן: „ליבער, ליבער מענדעלע״. און איבערגעגעבן וועגן דעם טרויעריקן מצב פונעם יידישן טעאַטער,

דערציילט פּרץ, אַז אַ „חברה שריפטשטעלער און כלל־טוער" טרעט אַרויס מיט אַן אויפרוף, און „אין נאָמען פון דער חברה קום איך אייך בעטן, איר זאָלט צו אונדז צו שטיין און לאָזן אונטערצייכענען אייער נאָמען אויך". „אייער נאָמען איז — שרייבט פּרץ — דאָס ווייסט איר אַליין, דער וויכטיקסטער, דער שטאַרקסטער... אייער נאָמען טאָר נישט פעלן. הויבט זיך אפשר אָן אַ ניי בלעטל פון דער יידישער קולטור אָדער קונסט־געשיכטע, טאָ זאָל זיך דאָס בלעטל אָן אייער נאָמען נישט אָנהויבן... און זייט מיר געזונט און שטאַרק נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן". („בריוו און רעדעס", ז' 291).

אַט אַזוי האָט פּרץ אין טיפער פאַרערונג פאַר מענדעלען יעדעס מאָל געוואָלט באַטאָנען אַט דעם יחוס־קייט, וואָס ציט זיך פון זיין גרויסן פאָרגייער, דעם גרונט־לייגער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט שטענדיק באַמיט זיך צו זעצן אים אויבן־אָן, אויף דעם כסא־הכבוד פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דעם יידישן שאַפן.

ד"ר א. מוקדוני (אין זיין בוך „י. ל. פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער", נ"י 1949) גיט איבער וועגן פּרצעס באַציאונג צו מענדעלען: „רירנדיק איז געווען פּרצעס אַכטונג און ליבע צום זיידן מענדעלע. ווען מענדעלע איז געווען אין וואַרשע, איז פּרץ ממש נישט אָפּגעטראָטן פון אים; ער האָט כסדר געקוקט דעם זקן אין די אויגן מיט אמתער באַגייסטערונג... פּרץ האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „איידער איך זעץ זיך שרייבן, לייען איך דורך עטלעכע זייטלעך מענדעלע און איך ווער אַריינגעפירט אין דער סאַמע געדיכטעניש פון יידישן לשון. איך מאַך אים נישט נאָך, אָבער איך זאַפּ איין און זעטיק זיך אָן מיט דער שפע פון זיין יידיש. איך נוץ אויס די דאָזיקע שפע אויף מיין שטייגער". (ז"ז 46־47).

דאָס זעלבע שרייבט ד"ר א. מוקדוני אין אַ צווייטן אָרט. פּרץ האָט קיין עלטערע שרייבער עפּעס נישט ליב געהאַט. „אַן אויסנאַם האָט ער געמאַכט פאַרן זיידן מענדעלע, — אמתע אַכטונג און פאַרערונג איז געווען אין זיין באַציאונג צו מענדעלען..." (ז' 251).

3

נאָך פּרצעס טויט איז אין אָדעסער „בראָדער שול" איינגעאָרדנט געוואָרן אַ הזכרה נאָך פּרצן. און אויף מאָרגן איז אין אָדעסער „אונדזער לעבן" אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ טיף־רירנדיקער עכט־מענדעלישער הספד אונטערן נאָמען „מיין שטימונג" (בעת דער הזכרה פון י. ל. פּרץ אין בראָדער שול) מענדעלע שרייבט: „ה', מה אדם ותדעהו" — הויבט אָן דער חזן זאָגן אַ ווייגעדיקס מיט דעם פסוק — „רבונו של עולם,

וואָס איז אָזוינס דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים קענען, — בן־אנוש ותחשבהו — אַ מענטשלעך קינד, דו זאָלסט זיך גאָר מיט אים רעכע־נען ?" און איך זיץ אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ מיט צונויפגעלייגטע הענט אויפן האַרץ, שטאַרק פאַראומערט, פאַרטראַכט, נישט זעענדיק פאַר מיר די וועלט !" און אַזוי ווייטער און ווייטער פלעכט אַריין מענדעלע פּסוק נאָך פּסוק אין זיין טרויער. „דער חזן קלאָגט, זאָגט ווייטער: „אדם להבל דמה, דער מענטש איז אַן אויסגעבלאָזן איי, ימיו כצל עובר, זיינע טעג פונעם לעבן פאַרגייען ווי אַ שאָטן... עס טראָגט מיך אַזש אונטער. איך שטעל מיך אויף, הויב אויף דעם קאָפּ, טו אַ בליק — אַן עין־הרע אַ גרוי־סער עולם, אַ פולגעפּאַקטע שול מיט מענטשן, אַזוינע און אַזוינע. ניין, ניין! — טראַכט איך — נישט קיין אויסגעבלאָזן איי ביזטו, מענטש פּרץ, דו לעבסט אין דיינע ווערק! זיי זיינען דאָך געבליבן אין דיין פאָלק. דיינע טעג זיינען נישט פאַרגאַנגען ווי אַ שאָטן. ביי דיין לעבן, אמת, ביסטו געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דער גמינע, געוואוסט דאָרט פון מתים, געשטאָרבענע, היינט, אַז דו ביזט געשטאָרבן — אוי, דערפילן עס די לעבעדיקע !"

„אָך, פּרץ, פּרץ, — זאָגט ווייטער מענדעלע — דו זאָלסט געווען זען די אַלע לעבעדיקע, אָט־די אַלע לעבעדיקע, וואָס זיינען געקומען האַרכן ווי דער חזן זינגט מיטן כאָר, מיטן אָרגל צו דיין הזכרה!

„מיט אַ הייסער טרער אין די אויגן — ענדיקט מענדעלע — און עפּעס ווי מיט אַ משונה־שמייכל אויף די פאַרביסענע ליפּן לאָז איך מיך אַרויס פון דער שול, דורכשטופנדיק זיך צווישן דעם עולם — און עפּעס זויער־זיס־ביטער איז אויפן האַרצן". (מענדעלעס מו"ס — מיין שטימונג, „ליט. בלעטער", 1925, נ' 34).

די אַלע וואָס זיינען געווען נאָענט מיט מענדעלע מו"ס וואָלטן אפשר געקאָנט דערציילן מער ווי מענדעלע האָט זיך באַצויגן צו פּרצן, ווי ער האָט אויפגענומען פּרצעס פאַרשיידענע זאַכן.

איך האָב זיך געווענדט מיט אַן אָנפראָגע צום באַוואוסטן שרייבער ב. עפּעלבוים, וואָס איז געווען די לעצטע יאָרן פון מענדעלעס לעבן נאָ־ענט צו אים, ער זאָל מיר איבערגעבן, וואָס מענדעלע האָט גערעדט וועגן פּרצן. האָט מיר ב. עפּעלבוים אָט־וואָס מיטגעטיילט:

„כ'האָט דעם אַלטן מענדעלען מער ווי איינמאָל נישט געהערט רעדן פון פּרצן. איך האָב געוואוסט, אַז מענדעלע האָט זייער שטאַרק גע־שפּירט אין פּרצן אַ גלייכן. ווי איך האָב געהערט פון ביאַליקן און ראַב־ניצקין — האָט מענדעלע פון פּרצן שטאַרק געהאַלטן. ער האָט זיך אָבער ניט געפילט היימיש צו אים... פּרץ איז שוין געווען געשטאָרבן, ווען איך

בין געוואָרן נאָענט צום אַלטן. און דער אַלטער, וואָס האט מורא געהאַט צו דערמאָנען דעם „טויטנס נאָמען״, ספּעציעל פון אַן אייגענעם מענטשן, האָט נישט געקאָנט רעדן פון קיין טויטן... עס איז אַ פאַקט, אַז זינט שלום־עליכם איז געשטאָרבן, האָט ער אויך אים נישט דערמאָנט. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען מען האָט מענדעלען איבערגעגעבן די ידיעה, אַז פרץ איז טויט, האָט ער אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן, געקוקט צום פענסטער — און דאַן גענומען רעדן פון עפּעס אַנדערש. איין מאָל האָט ער צו מיר יאָ גערעדט וועגן פרצעס חסידים, אַז עס רעדן נישט די חסידים ביי אים, נאָר ער רעדט פאַר זיי... עס איז אויסגעקומען ביי אים אַ חסרון. אָבער גלייך האָט ער אויפגעהערט און האָט זיך מער נישט געלאָזט פון מיר אַריינפירן אין שמועס, מחמת פרץ האָט דאָך שוין נישט געלעבט און פון אַזאַ זאַך ווי נישט לעבן האָט ער נישט געוואָלט געדענקען...״

אָט אַזוי ווייניק האָבן זיי זיך געטראָפן מענדעלע און פרץ, הגם אַ פערציק יאָר זיינען זיי ביידע אין איין צייט געווען טעטיק אין דער העברייאישער און יידישער ליטעראַטורן.

און ס׳איז דאָך אין תוך געווען אַזאַ טיפע שייכות, נאָענטקייט, געמיינ־זאַמקייט צווישן אָט די צוויי גרויסע קינסטלער, די גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור, און מערקווירדיק וואָס לעבנדיק און ווירקנדיק אין איין צייט איז געווען אַן אויסערלעכע ווייטקייט צווישן זיי, ווי זיי וואָלטן געלעבט אין באַזונדערע צייטן און וועלטן.

י. ל. פרץ און מאָריס ווינטשעווסקי

1.

יצחק לייבוש פרץ און מאָריס ווינטשעווסקי זיינען געבוירן געוואָרן כמעט אין איין צייט. פרץ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1851 און ווינטשעווסקי — אין יאָר 1856. אָבער גאַנץ פאַרשיידן זיינען זיי געווען לויט זייערע כאַראַקטערן און גאָר אַנדערשדיק זיינען געווען די סביבות וואו זיי זיינען געוואַקסן, געווען טעטיק און געשאַפן. פרץ איז געווען אַ קינד, אַ פּראָדוקט פונעם יידישן פּוילן און ווינטשעווסקי — פון דער יידישער ליטע. פּרצעס ערשטער וועג גייט פון זאַמאָשטש קיין וואַרשע, וואו ער האָט געלעבט אַלע זיינע יאָרן, זינט ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער יידישער שאַפערישער וועלט, און ווינטשעווסקי האָט פון די יונגע יאָרן געהאַלטן אין איין וואַנדערן, אַפּריער פון זיין שטעטל יאַנאָווע קיין קאָוונע, ווילנע, אַריאַל און דערנאָך קיין קעניגסבערג, לאָנדאָן, פּאַריז און לסוף, אין 1894, אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע. פרץ איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור״, און ווינטשעווסקי — פאַרן „זיידן פונעם יידישן סאָציאַליזם״. ס׳וועט אויך נישט זיין איבערטריבן, ווען מיר וועלן ווינטשעווסקין אָנרופן „פאָטער פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג.״

וואָס זיינען די באַציאונגען און די קעגנזייטיקע איינפלוסן פון אָט־די וויכטיקע שרייבער־שאַפער?

מען האָט ביז אַהער זייניק געשריבן וועגן דעם, פונקט ווי די צוויי „פאָטערס״ וואָלטן זיך איינער מיטן צווייטן ווייניק אָנגעקערט און יעדער איינער וואָלט געלעבט אין גאָר אַנדערע וועלטן.

קלמן מרמר הויבט אָן זיין בוך „דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״ (ניו־יאָרק, 1944, 136 ז״ז) מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז נישט אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן פון אייראָפּע. זי איז אויסגעוואַקסן פון די באַדינגונגען פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן. איר סאַמע אָנהייב איז געווען די אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש״ (ז׳ 5).

און טריי אָט־דער באַהויפּטונג, ווערט אין דעם דאָזיקן בוך, וואו עס רעדט זיך וועגן דעם אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, טאַקע קיין איין מאָל נישט דערמאָנט קיין איין עלטערער יידישער שרייבער פון אייראָפּע, וואָס האָט געוויס געהאַט געווירקט אויף די ערשטע יידישע שרייבער אין אַמעריקע. איז עס טאַקע אַזוי? איז די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע דורכאויס אַ פּראָדוקט פונעם אַמעריקאַנער יידישן באָדן?

עס איז קיין ספק נישט, אַז עס זיינען געווען טיפע קעגנזייטיקע השפעות, פעסטע שייכותן, אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט צווישן דער עלטערער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד און דער ניי־אויפגעקומענער אין אַמעריקע. א. מ. דיק, שמ״ר, י. י. לינעצקי, מענדעלע, מ. גאָרדאָן, פרוג, פרץ, שלום־עליכם, א. גאָלדפאַדן האָבן זיכער באַאיינפלוסט אויך די יידישע שרייבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין דער יידישער אַמעריקע. דער שטאַם פון דער היגער ניי־אויפגעקומענער יידישער ליטעראַטור האָט געמעגט זיין אינעם אַמעריקאַנער באָדן, אָבער די וואָרצלען האָבן זיך געצויגן פון דער יידישער אייראָפּע, פון דער אַלטער היים מיט אירע דורות־איינגעשטעלטע טראַדיציעס.

אָבער דאָס איז אַן אַנדער פראַגע.

אין דעם איצטיקן אַרטיקל ווילן מיר באַהאַנדלען די קעגנזייטיקע באַציאונגען און באַווירקונגען פון י. ל. פרץ און מ. ווינטשעווסקי.

אין פלוג זיינען די קולטור־שאַפערישע וועגן פון פרצן און ווינטשעווסקין געגאַנגען אין פאַרשיידענע זייטן. עס איז אָבער נישט ריכטיק. מיר וועלן ווייטער זען, ווי אָפט די וועגן פון פרץ און ווינטשעווסקי האָבן זיך געקרייצט, הגם איינער האָט געשלאָגן זיינע וואָרצלען אין וואַרשע און דער צווייטער — אין ניו־יאָרק, איינער האָט בעיקר געלעבט מיטן קולטור־שאַפערישן לעבן אין יידישן רוסלאַנד און דער צווייטער — אין דער יידישער אַרבעטנדיקער אַמעריקע.

פרץ און ווינטשעווסקי האָבן זיך פערזענלעך נישט געקענט, זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט, אָבער עס זיינען געווען פעסטע באַריר־פּונקטן צווישן זיי און אַ לאַנגע צייט האָבן זיי נאָכגעפאָלגט איינער דעם אַנדערן און זיך שטאַרק אינטערעסירט איינער מיטן שאַפן פונעם צווייטן און אויך טיף באַווירקט געוואָרן.

אין אַ בריוו, וואָס י. ל. פרץ האָט געשיקט (אין יאָר 1912) צו מ. ווינטשעווסקי, שרייבט ער אים: „ליבער ה׳ ווינטשעווסקי, איך שרייב אייך צום ערשטן מאָל. קען איך אייך אָבער זייער לאַנג, וואָס איך טראַכט וועגן אייך, וועט אייך דער איבערגעבער, דער יונגער קאָלעגע הירשביין איבערגעבן...״ (נ. מייזיל, „בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ״, ז׳ 244). אין אַ צווייטן בריוו צו מ. ווינטשעווסקי שרייבט פרץ: „איך האָב הירשביינען נאָר געזאָגט מיין

מ י י נ ו נ ג וועגן אייך. פון וואַנעט איך האָב זי געהאַט? גיי ווייס. געלעזן, געהערט, דערפילט. דערפילט, אַז איר זייט איר און אַנדערע — אַנדערע (דאַרט, ז׳ 345).

אויך מ. ווינטשעווסקי האָט גוט געקענט פּרצן. אין זיין גרעסערן אַר־טיקל איבער י. ל. פּרץ („פּרץ אין אַמעריקע״, געשריבן נאָך פּרצעס טויט, „צוקונפט״, 1915, יוני, ז״ז 534־539), רעדט ער בעיקר וועגן „פּרצעס גייס־טיקן שייכות מיט אונדזער ליבער מדינה״, אָבער ער שרייבט אויך וועגן דער נאָענטער גייסטיקער שייכות מיט אים, ווינטשעווסקין, גופא.

ער הויבט אָן מיט דעם, וואָס פּרץ, וועלכער האָט אָנהויב די 90ער יאָרן געגומען פּאַרעפנטלעכן זאַכן אין די אַרבעטער־צייטשריפטן פון אַמעריקע אונטערן פּסיידאָנים „פּלאי״, האָט באַטייט פאַר אים ווי פאַר אַלע בעסע־רע לייענער. „איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, — שרייבט מ. ווינטשעוו־סקי, — דעם איינדרוק, וואָס זיין ערשטע מעשהלע האָט אויף מיר געמאַכט. געווען בין איך נאָך דאַן אין לאָנדאָן און פון אַלץ, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע, האָט מיך אייגנטלעך נאָר אינטערעסירט די אַרבעטער־באַווע־גונג. קיין גרויסער מאָמין אין דער אייביקייט פון אונדזער יידישער ליטע־ראַטור בין איך נישט געווען און פערזענלעך האָב איך געפּירט אַ שטילן „פלירט״ מיט דער ענגלישער שפּראַך, האָפנדיק זיך ווי עס איז צו נאַטוראַ־ליזירן אין דזשאָן בולס ליטעראַטור. אַלס אַ בעלעטריסט, שטעלט זיך פאָר! און מיט אַמאָל קריג איך די „אַרבעטער צייטונג״ און געפין דאָרטן אַ מעשהלע, וואָס פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם. דאָס איז געווען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, פּרצעס „ער שפּילט פאַרן טייוול״...״

און מ. ווינטשעווסקי, איבער צוואַנציק יאָר נאָך דעם ווי עס איז געשען, טיילט זיך מיט די אַמאָליקע איינדרוקן פון פּרצעס שאַפן: „קודם — די אייגנאַרטיקייט. אַזאַ אָריגינעלע, לאַקאָנישע אַרט פון דערציילן אַ מעשה האָב איך דאַן נאָר געהאַט געזען ביי דעם אַמעריקאַנישן שרייבער ברעט האַרט און אין די פאַר איינציקע, ווינציקע סקיצן, וואָס מיר האָבן בירושה פון לוד־וויג בערנע. דאַן זיין יידיש! מיר האָט עס אפילו געגרילצט אין די אויערן, ווי עס דאַרף זיין דער פאַל, ווען מען איז אַ ליטוואַק פון דער יאָרמעלקע ביז די קנעכלעך און צו אייך רעדט מען וואַרשעווער יידיש, געמישט מיט אַ האָ־רעלע דייטש. אָבער ווען איך האָב די־דאָזיקע סקיצע איבערגעלייענט אַ צווייטן מאָל, האָב איך אָנגעהויבן הנאה צו האָבן אפילו פון דעם לשון צוליב דער שיינקייט, דער קורצקייט, דער בויגזאַמקייט פון פּרצעס סטיל.״

דערנאָך איז שוין פּרצעס נאָמען „געוואַקסן פון יאָר צו יאָר״ ביז „מיר איז באַשערט געוואָרן די זכיה צו דרוקן אין דער „צוקונפט״ זיין „גאָלדענע קייט״...״

מ. ווינטשעווסקי פּרואווט אויפקלערן אין זיין אַרטיקל פּאַרוואָס „פּרץ האָט קיין שולע נישט געמאַכט ביי אונדז (אין אַמעריקע), נישט אַלס סקיצן־שרייבער, נישט אַלס פּאָעט און נישט אַלס פּובליציסט". מ. ווינטשעווסקי רעכנט אויס איניקע אַמעריקאַנער שרייבער — ל. קאָברין, יעקב גאָרדין, ז. ליבין, ב. גאָרין — און ער זאָגט: „ביי קיינעם פון זיי האָט זיך נישט גע־מערקט פּרצעס איינפלוס, אָבער אָט־וואָס עס האָט זיך יאָ געמערקט אין זיי זייער שטאַרק... פּרצעס דערשיינען אויף אונדזער אַרענע האָט געהאַט די ווירקונג פון אַ רייכן מאַנס באַזוך אין אַן אָרעמער פאַמיליע. עפּעס ווילנ־דיק־ניט־ווילנדיק האָט מען שוין מער נישט דעם מוט אַרומצוגיין נישט פאַר־קעמט, נישט געוואַשן, אין אַ לעכערדיקער קאַפּאָטע אין אַ שטוב, וואו עס גע־פינט זיך דער נגיד, ער אַליין, פאַרשטייט איר"...

רעדנדיק וועגן דעם ספּעציפישן אַמעריקאַנער יידישן לייענער, וואָס האָט באַדאַרפט מען זאָל „צעקייען און אַריינלייגן אים אין מויל", וועגן דעם אַמעריקאַנער יידישן שרייבער, וואָס אויסער די דעראינערונגען פון דער אַלטער היים, האָט ער זיך פאַרנומען מיט אויסערלעכע לאָקאַלע שילדע־רונגען, ווייל עס האָט געפעלט אַרטיקער קאָלאָריט, זאָגט מ. ווינטשעווסקי: „עס איז קיין צווייפל ניטאָ, אַז פּרץ איז מער באַוואונדערט ווי געלעזן גע־וואָרן אין אונדזער אַמעריטשקע, אָבער דאָס נאָר פון דעם גרויסן עולם. צווישן די שרייבער איז ער אפשר מער געלעזן געוואָרן ביי אונדז ווי עמעץ אַן אַנדערער. יידישע שרייבער דאָ לייענען נישט איינער דעם אַנדערן, און מען האָט געדאַרפט האָבן אַ פּרץ, כדי צו צווינגען כאָטש איין קאָלעגע אין האַנט אַריינצונעמען? (ז' 538).

2.

און אָט אַ צוזאַמענשטויס פון פּרצן מיט ווינטשעווסקין. מאָריס ווינ־טשעווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין „אַרבעטער צייטונג", ניו־יאָרק, דעם 2טן מערץ, 1894, אַן אַרטיקל „אייראָפּע אין 1878" (דאָס יאָר, ווען מ. ווינ־טשעווסקי איז פאַר זיין פּאָליטישער טעטיקייט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד), מיט זיין פּסיידאָנים „דער משוגענער פילאָזאָף". פּרץ האָט דעם אַרטיקל איבערגעדרוקט אין זיינע „יום־טוב בלעטלעך", („דער פייל און בויגן") מיטן נאָמען פון „משוגענעם פילאָזאָף" אונטערן קעפּל „פּאָלי־טיק — די מערב־אייראָפּייאישע לאַגע", אָבער דערביי האָט פּרץ דעם אַר־טיקל אינגאַנצן געענדערט, געמעקט און שטאַרק איבערגעמאַכט. עס איז אַרויסגעקומען אַ מער פּרצישער ווי אַ ווינטשעווסקי־אַרטיקל.

מ. ווינטשעווסקי הויבט אָן זיין דערמאָנטן אַרטיקל „אייראָפּע אין 1878":

„די אַלטע איירָאפּע ווערט זייער אינטערעסאַנט. מיט אַ יאָר פופצן צוריק האָב איך איר (זי) איין טאָג געגנוי באַטראַכט, און דעם טאָג איז זי מיר פאַרגעקומען שרעקלעך. דאָס איז געווען, לאָמיר אייך פאַרבייגייענדיק זאָגן, איינער פון יענע ניט־קאַלטע און ניט־וואַרעמע, גן־עדן־גהינומדיקע פרילינג־טעג, וועלכע די דיכטער באַזינגען און די ברוסט־קראַנקע פאַרפלוכטן... — — — אַזאַ מין טאָג איז דאָס געווען. די זון האָט געשיינט אַזוי ווי אויף צו להכעיס, פּונקט ווי אונדזער ציוויליזאַציע, וועלכע זאָגט: איר מעגט זען מיין גלאַנץ, אָבער איך וועל אייך נישט וואַרעמען..." (דער אַרטיקל איז איבערגעדרוקט אין די געזאַמלטע ווערק פון מ. ווינטשעווסקי, פּ׳ „מ. פרייהייט", ב׳ 5 ז"ז 113־216. עס איז אָבער נישט ריכטיק אָנגעגעבן, אַז ס׳איז פון פּרצעס „יום־טוב־בלעטער").

ביי פּרצן (אין די „יום־טוב־בלעטלעך") הויבט זיך אָן דער אַרטיקל גאָר אַנדערש.

„די אַלטיטשקע איירָאפּע, די חנעוודיקע זקנה, ווערט טאָג־טעגלעך מער אינטערעסאַנט. איך האָב אַזוי ווייט גאָרנישט געוואוסט! נאָר איין מאָל האָב איך זי גוט און געגנוי באַטראַכט, און האָב איר (זי) כמעט געוואָלט אַ קוש געבן אין פּיסקל! עס איז געווען — מוז איך אייך פאַרבייגייענדיק זאָגן — אין איינעם פון יענע טעג, ווען, וואָס... נאָר — גיי באַשרייב אַזאַ טאָג, וואָס איז נישט אַהין, נישט אַהער און אַלעס צוזאַמען! עס איז געוועזן — נישט קאַלט און נישט וואַרעם; אַ טאָג, וואָס די „משוררים" באַזינגען ווי אַ כלה, און די שווינדזיכטיקע פאַרשעלטן ווי דעם מלאך־המות; עס האָט אין אים געשטעקט דער גן־עדן מיט גיהינום צוזאַמען! אַזאַ טאָג איז ענלעך צו אַ גרויסן פילאַנטראָפּ, אַ שמייכל אויפן זיסן פּנים און אַ קרימינאַל אין שטיינערנעם האַרץ. אינעם שמייכל ליגן אַלע מידות און מעלות טובות און אין קרימינאַל זיינען פאַרריגלט — גניבה און גזלה, נעכטיקע „לא תנאפ׳ס", היינטיקע „לא תחמוד׳ס" און מאָרגנדיקע כיבודים... צי האָט די זון געשיינט? געוויס! נאָר פּונקט ווי אונדזער ציוויליזאַציע — ליכט גאַנצע סנאָפּעס, נאָר וואַרעמקייט קיין פּיצל"...

מ. ווינטשעווסקי, ווי געזאָגט, האָט געמאָלט מער אַ בילד פון איירָאפּע אין 1878, אין פּרצעס באַאַרבעטונג פונעם אַרטיקל איז געווען מער איירָאפּע פון 1894. אייניקע שטעלן האָט פּרץ מסתמא אַרויסגענומען אָדער געענדערט צוליב צענזור־שוועריקייטן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אויסדרוק פון מ. ווינטשעווסקי, „איר טאַטער רוסיא אונטער ראָמאַנאָווסקער נאַגייקע" האָט פּרץ געמוזט אַרויסלאָזן. עס זיינען אָבער אויך דורך פּרצן אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַנדערע שטעלן פונעם אַרטיקל.

און דאָך — שרייבט קלמן מרמר („ליטעראַרישע בלעטער", דעם 15טן

אַפּריל, 1937, „מאָריס ווינטשעווסקי און י. ל. פּרץ״, צו מ. ווינטשעווסקיס 5־טן יאָרצייט) — האָט דער דאָזיקער פעליעטאָן, אונטערגעשריבן „דער משוגענער פילאָזאָף״ (פאַרעפנטלעך אין די „יום־טוב־בלעטלעך״), געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דעם קרייז יונגטלעכע אַרבעטער, צו וועלכע איך האָב דעמאָלט (אין יאָר 1894) געהערט. מיר האָבן עס גענייענט סיי פאַר זיך און סיי ביי די שבתדיקע פאַרלעזונגען אין די קרייזלעך פון דער אונטערערדי־שער אָרגאַניזאַציע״.

קלמן מרמר דערציילט: „ווען מאָריס ווינטשעווסקי האָט זיך דער־וואוסט, וואָס פּרץ האָט געמאַכט פון זיין פעליעטאָן, האָט ער אַריינגעשיקט פּרצן אַ פּראָטעסט. פּרץ האָט די גאַנצע אָנגעלעגנהייט געזוכט צו מאַכן צו קליינגעלט. גאָר אָנגענעם האָט ער זיך אָבער נישט געפילט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז „דער משוגענער פילאָזאָף״ איז דער באַליבטער אַרבעטער־דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי״ (דאָרט ז' 250).

„דער פּראָטעסט און פּרצעס ענטפער, — באַמערקט ריכטיק ק. מרמר, —איז קאָנטיק געווען נישט דירעקט״. ווי מיר זעען פון פּרצעס פּריער־ציטירטן בריוו צו מ. ווינטשעווסקין, איז עס געווען דער ערשטער בריוו פון פּרצן צו אים.

3.

זייער מעגלעך, אַז דער פאַריבל פון מאָריס ווינטשעווסקין אויף פּרצן, פאַרוואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געענדערט זיין אַרטיקל, האָט געפירט ווינ־טשעווסקין אַרויסצוקומען אין דער פּרעסע מיט אַ ליד־ענטפער אויף פּרצעס אַ ליד, וואָס איז געדרוקט געווען אין יענער צייט.

מ. ווינטשעווסקי גופא דערציילט וועגן דעם ענין אין זיין אַרטיקל „אַ העלד״ (פאַרעפנטלעך דעם 18טן פעברואַר, 1918, איבערגעדרוקט אין „געזאַמלטע ווערק״ פון מ. ווינטשעווסקי, פ' „מ. פריהייט״, ניו־יאָרק, 1927, ב' 7, ז"ז 199־209). „דאָס איז געווען אין דעם האַרבסט פון 1894, אויב איך האָב קיין טעות נישט. זיצנדיק איין פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג אין דער רעדאַקציע פון „אַרבעטער־צייטונג״ (19 דילענסי סטריט) האָב איך דערזען אין דעם נאָר־וואָס פון דרוק־אַרויסגעקומענעם נומער אַ געדיכט פון י. ל. פּרץ „אויסגעשטאָרבן!״. האָב עס דורכגעלעזן כמעט מיט כעס, און האָב אויפן שטעל אויפגעשריבן אַן ענטפער אין דעם זעלביקן ריטם, און אַ וואָך שפּעטער איז עס געדרוקט געוואָרן אויף דעם זעלביקן אָרט אין דערזעלבער „אַרבע־טער־צייטונג״... מיין ענטפער אויף פּרצעס געדיכט האָט געהייסן: „זיי לעבן נאָך!״ די מעשה דערפון איז געווען אַזוי: דאָס געדיכט, וואָס איך האָב גענייענט, האָט אַרויסגעבראַכט די מיינונג, אַז אַמאָל זיינען געווען

העלדן, היינט זיינען זיי ניטאָ. דאָס האָט מיך אויפגערעגט קודם־כל דערמיט, וואָס אין דעם איז פאַר מיר געווען אַ פאַרהערלעכונג פון די ,גוטע, אַלטע צייטן׳ ... — — — — איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ רעאַקציאָנערן שטאַנדפונקט, לייקנדיק דעם פּראָגרעס פון דער צייט. אין אמתן איז די מענטשהייט כסדר געגאַנגען פאָרווערטס אין אַלע הינזיכטן ... — — — — און דער שטאַנדפונקט, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין מיין ענטפער איז געווען, אַז העלדישקייט קאָן נישט זיין אויסגעשטאָרבן, נאָר פאַרקערט, געשטיגן און אויסגעוואַקסן, ווען מען באַטראַכט וויפיל מוט, וויפיל אחדות, וויפיל מסירת־נפש דער אַרבעטער־קלאַס אַליין ווייזט אַרויס כמעט טאָג־טעגלעך אין זיין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל״ (ז״ז 201־202).

אַזוי הויבט אָן מ. ווינטשעווסקי זיין אַרטיקל וועגן דעם ליד.

איידער מיר ברענגען ווייטער פּרצעס ליד „אויסגעשטאָרבן״ (וואָס איז געדרוקט געווען אין „אַרבעטער־צייטונג״, סוף 1894), ווען מיר צוגעבן, אַז דאָס געדיכט איז מסתמא אַ פראַגמענט פון פּרצעס גרויסער פּאָעמע „וואו נעם איך אַ העלד ? ״ געשריבן אין דעם סטיל פון בייראָנס „טשאַילד האַראָלד״ און אין דער בייראָנישער שטימונג. אין אַ העברייאישען בריוו צו שלום־עליכם (פון יאָר 1888) שרייבט י. ל. פּרץ: „איך פּאָלג אייך און שיק אייך דעם שיר, און אָט איז די הקדמה: דער שיר איז דאָס ערשטע בוך פון אַ גרויסן ווערק. עס איז כמעט אַ זאַך פאַר זיך... דער צוועק פון דעם גאַנצן ווערק איז — אַדורכצופירן אונטער דער קריטיק און צושטעלן צום שאַנד־סלופּ אַלע גדולי־הדור, די אָנגעזעענסטע חסידים, מתנגדים, סוחרים, די בעלי־צדקה און בעלי־טובות און אויפדעקן דעם פאַרעיפּושטן קוואַל, וואָס פון אים שעפּט אונדזער לעבן. און דאָס האָף איך צו טאָן אויף אָט־דעם אופן ...״

און פּרץ דערציילט ווייטער אין זיין בריוו צו שלום־עליכם, אַז „דער משורר, אַ מענטש, וואָס איז אַ בריה צו שרייבן און צו דיכטן מיט פאַרשיידע־נע מאַנירן לויט פאַרשיידענע שולן און וועגן אין דיכטונג״ זוכט אַ העלד „אין זיין קליינשטעטל טשאַכנאַווקע״, זוכט און געפינט נישט. „דער העלד פון דער פּאָעמע דאַרף זיין אַ לעבעדיקער מענטש, אַ געזונטער, מונטערער און אַקטיווער״. אָבער „אין זיין קליינשטעטל איז דאָס לעבן קיין לעבן נישט, די פרויען זיינען פאַרנומען אין קיך, די מענער ווערן אַלט פאַר דער צייט, און נאָך איידער עס שיינט אויף פאַר זיי די זון פון יוגנט, ווערן זיי פאַריאָכט און וועלקן ווי אַ קיקיון דיונה״ ... „ער דאַרף דעריבער פאָרן קיין בובערניק, אין דער שטאָט פון השכלה״, דאָרטן האָפט ער צו געפינען פאַר זיך אַ העלד, אָבער אויך דאָרטן געפינט ער עס נישט ...״ (זע: נ. מייזיל, „בריוו און רע־דעס פון י. ל. פּרץ״, ניו־יאָרק, 1944, ז״ז 151־252).

און אָט איז פּרצעס ליד „אויסגעשטאָרבן" און מ. ווינטשעווסקיס ליד „זיי לעבן נאָך" — דער ענטפער אויף פּרצעס געדיכט.

אויסגעשטאָרבן

פון י. ל. פּרץ

ווי אַ שטייג איז פול מיט עופות
און אַ מילגרוים פול מיט קערן,
בין איך פול אידייען, מעשיות,
פלאַי בלאַים קאָן איך שווערן.

מויל און אויערן אויפצושטעלן
און צו בלאָזן אויף אַ נעגל!
פיל טראַגעדיעס ווי דער חורבן.
פיל הריגים — לויט דעם רעגל.

הומאָרעסקן און קאָמעדיעס
וויצן, פּאַרסן, פיל עפעקטן.
און דראַמאַטן, און אידיליען —
האָניק, זיסלעכע קאָנפעקטן!

אויך ראָמאַנטישע אידייען,
קושן, האַלזן, גאָר אַן אוצר.
נעבל. שטראַלן, וואַסער, פייער —
אַ כחומר ביד היוצר,

איז ביי מיר אין האַנט די פעדער.
אין עקספּראָמט — ניט געקלערט;
און דאָס מאַך איך אַלץ גראַמען!
מיין פּעגאַזוס איז אַ פערד,

וואָס באַגייט זיך גאָר אָן האָבער,
און כאָטש ער איז באַלאָדן שווער,
שיט ער פונקען ווי אַ קוזשניע
פון די פּאָדקאָוועס אַפער:

אין מיליאָנען שיט איך גראַמען,
ווי אַ פיש אין וואַסער רויגן!
וויל איך — רוישן זיי ווי גרעגער,
שרייען ווי די פיילנבויגן,

אָדער ווי שאַמפּאַניער-קאָרקעס!
וויל איך — פליען זיי ווי טויבן,
באַלטער* פעדערן! און קלינגען
ווי פּאָגראָם-געהאַקטע שויבן.

און זיי פליען, יאָגן, טרייבן,
שפּילן, שפּריצן און מוסירן —
אַ פּאָעמע קאָן איך שרייבן,
זי זאָל שטיינער, פעלזן רירן.

עס זאָל קלינגען „גאַנץ קרוין פּוילן"
עס זאָל שאָקלען זיך די וועלט...
איך האָב גראַמען און אידייען,
ליידער האָב איך ניט קיין העלד!

אפשר ווייסט איר, בני רחמנים,
וואו איך קריג אַ העלד אַ פיינעם?
כ'האָב געשריבן אין גאַזעטן
און האָב געפרעגט ביי שכנים.

כ'האָב געזוכט אין אַלע גאַסן,
איך האָב אַלע לייט פאַרהאַלטן.
איינער גיט אַ דריק די פּלייצעס,
וואַרפט אַ שאַרפן בליק אַ קאַלטן...

---

*) באַלטע — אַ קרייז-שטאָט אין פּאָדאָליער גוב., וואו ס'איז אָנהויב 80-טער יאָר פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן. מ'האָט געריסן קישנס, און די פעדערן זיינען געפלויגן אין דער לופטן — נ. מ.

און דער צווייטער לאַכט אין פּנים.
„פוי", פאַרקרימט זיך נאָך אַ דריטער,
שיינע מיידלעך זיפצן טרויעריק,
שיינע פרויען לאַכן ביטער. —

נאָר גרייז גראָע זיי פאַרציילן:
אַז די וועלט איז היינט פאַרדאָרבן.
אַ פגירה איז געוועזן,
זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן !...

זיי לעבן נאָך

פון מאָריס ווינטשעווסקי

אַלזאָ ליבער, גוטער ברודער,
דו, וואָס האָסט אַזאַ טאַלאַנט
אַנצומאַכן אַ גערודער
צווישן יידן אַלערהאַנט.

מיט גלייכווערטלעך, מיט געשיכטן,
מיט אַ וויץ, וואָס האָט אַ שפּיץ,
דו, וואָס דונערסט אין געדיכטן
און באַלייכטסט מיט דיין בליץ —

אונדזער חושך, און לאַקאָניש
שילדערסט אונדז אַזאַ געשטאַלט
פון אַ יידעלע ווי „מאָניש"
אין כּרוי לילית געוואַלט —

דו באַקלאָגסט זיך, אַז פאַרדאָרבן
איז לחלוטין היינט די וועלט,
אַז עס איז שוין אויסגעשטאָרבן
גאָר אין גאַנצן יעדער העלד ?!

ניין, איך קאָן ביי זיך ניט פועלן
עס זאָל האַלטן אַזוי שמאָל
אין דעם „קעניגרייך פון פוילן",
וואו עס פלעגן אָן אַ צאָל

גרויסע העלדן זיך געפינען,
וועלכע האָבן זייער בלוט
שטאַרק געלאָזן שפּריצן, רינען,
אונטער אַלעקסאַנדערס קנוט.

איז עס אָבער ווירקלעך ערגער
ווי מיר וואָלטן דאָ געגלויבט.
אין דער גרויסער העלדן - ווערגער,
האָט אַזוי ווייט אייך באַרויבט.

אַז אפילו אין דער דיכטונג
איז אין פּוילן ניט פאַראַן,
אין קיין מענטשלעך פרייער דיכטונג
אויף קיין אופן ניט אַ מאַן.

וואָס זאָל קאָנען פיגורירן
אין פּאָעזיע אַלס העלד —
דאַן, מיין ברודער, קום שפּאַצירן
אין די גרויסע ברייטע וועלט.

העלדן דאָ וועסטו געפינען מאַסן,
העלדן צווישן אַרבעטס - לייט,
וועלכע אָפּפערן געלאַסן
לייב און לעבן, און דעם שטרייט

מיט דעם באַס, דעם אונטערדריקער,
מיט דעם אָנגעקרוינטן צאַר,
וועלכער שטרעבט צו ווערן דיקער
דורך די הענט וואָס בלייבן דאַר.

אָ דו, דאַרפסט זיי נאָר באַטראַכטן
דיזע בראַווע אַרבעטס - לייט,
ווי זיי קעמפן אין די שלאַכטן,
דאָס איז האַנט, און זייט-ביי-זייט

אָן געווער, אָן גענעראַלן,
זייער אָרט אויך אָן פּראָוויאַנט,
פאַר פּרינציפּן, אידעאַלן,
מיט דער הוילער דאַרער האַנט.

ווי זיי ווערן גיך איין גאַנצער
גרויסער פאָלק באַרייט צום קריג,
מיט דער פרייהייט פון אַ פאַנצער,
שרייענדיק „טויט אָדער זיג."

ווי זיי גייען און מאַרשירן,
יונג און אַלט, מיט ווייב און קינד,
קעגן רויב צו פּראָטעסטירן,
קעגן גיהנומס הויזגעזינד.

און דו וועסט ניט בעטן שכנים,
אָדער מענטשן אויפן גאַס,
דיר אַ העלד צו געבן אייגעם,
ווען דו האָסט אַ גאַנצן קלאַס.

אָ, דו דאַרפסט זיי נאָר באַטראַכטן,
דיזע קעמפער אָן געווער,
אין דעם לאַגער ווי זיי שמאַכטן,
אָדער שטאָלץ אויף יוניאָן סקווער,

און דיין שיינע קלוגע מוזע
וואָלט געפונען אויפן פעלד,
אין אַ פּראָלעטאַריער - בלוזע,
אין דעם פאָלק אַ וואַרען העלד.

(מ. ווינטשעווסקי „געזאַמלטע ווערק", רעדאַקטירט קלמן מרמר, פ' „מ. פריי-הייט", ניו-יאָרק, 1927, ז"ז 199-200).

דאָ, אין דעם ווינטשעווסקי־ליד, — האָבן מיר אינטערעסאַנטע שטריכן צו דעם כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע אין די 90ער יאָרן.

עס איז נויטיק צו באַמערקן, אַז פּרצעס ליד איז אָנגעשריבן מיט עטלעכע יאָר אַפריער, און עס איז געווען אַן אָקאָרד פון אַ פריערדיקן געמיט־צושטאַנד. אין יאָר 1894 איז שוין פּרץ געווען אַדורכגעדרונגען מיט אַנדערע בונטאַרישע און רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און אידייען, וואָס זײַנען געקומען צום אויס־דרוק אין זיינע פאַרשיידענע שאַפונגען אין זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן" (1894), אין די „יום־טוב בלעטלעך", און אין אַנדערע קאַמפּס־לוסטיקע צייט־שריפטן.

אָבער עס איז אינטערעסאַנט, אַז שוין דאַן האָט מ. ווינטשעווסקי גע־וואוסט צו כאַראַקטעריזירן פּרצן, אַז ער „דונערט אין געדיכטן" און „באַלייכט מיט זיין בליץ אונדזער חושך" און „לאַקאָניש שילדערט" ער אַזאַ געשטאַלט ווי „מאָניש" און ער באַצייכנט פּרצעס „מוזע" ווי אַ „שייִנע און קלוגע"...

ווי עס זאָל ניט זיין, ווערן אין די צוויי לידער (וואָס זײַנען ביידע בעיקר אינטערעסאַנט ווי צייט־דאָקומענטן) אַרויסגעבראַכט שטריכן פון דעם אַמאָ־ליקן פּרץ פון 1888 און פון ווינטשעווסקי פון 1894 מיט זייערע ספּעציפישע אייגנשאַפטן און מאָטיוון.

און עס איז דערביי מערקווירדיק, וואָס מ. ווינטשעווסקי אַליין גיט צו אין זיין אַרטיקל „אַ העלד", וואָס ער האָט געשריבן פעברואַר 1918 : „דריי־און־צוואַנציק יאָר זיינען אַוועק זינט יענער צייט. ניט בלויז שטיי איך היינט נאָך אויף יענעם שטאַנדפונקט, נאָר מיין ענגערע פאַרבינדונג מיט אונדזערע יוני־אָנס, ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן, האָט מיך מיט דעם דאָזיקן אמת געבראַכט מער ווי איין מאָל פנים אל פנים. זייער — די סטרייקערס — מוט און העל־

דישקייט זיינען אָפּט גרעסער נאָך דערמיט, וואָס זיי קומען פאַר אָן סענסאַציעס און ווערן זעלטן באַשריבן און זעלטענער באַזונגען״ (דאָרט, ז׳ 202).

מ. ווינטשעווסקי ברענגט פאַרשיידענע סצענעס, עפּיזאָדן פונעם שווערן אַרבעטער־קאַמף, פון דער איבערגעגעבנקייט און טרייקייט פון די אַר־בעטסמאַסן צו דעם קאַמף, נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען. „בקיצור, די מאַסע אַלס אַ גאַנצע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ העלד מיט הונדער־טער קעפּ.״

און עס זאָגט ווייטער מ. ווינטשעווסקי: „און דאָך... גוטער, גרויסער פּרץ, איך האָב שטאַרק מורא, אַז גערעכט ביזט דו געווען, ניט איך. די העלדן זיינען, דאַכט זיך, טאַקע אויסגעשטאָרבן און וואָס היינט לעבט איז בלויז העלדישקייט אין דער מאַסע...״ מ. ווינטשעווסקי האַלט, אַז „די דעמאָקראַטיע האָט אַלץ געמאַכט צו קליין־געלט, ווייל זי האָט צעפּיצלט און צעברעקלט די אוצרות די אַמאָליקע״.

אַנשטאָט „דעמאָקראַטיע״, וואָלט זיכער געווען מער־ריכטיקער צו זאָגן דאָס דורכשניטלעכע, קליינבירגערלעכע, און דאַן וואָלטן מ. ווינ־טשעווסקיס ווערטער געווען זייער טרעפלעך און ריכטיק.

און ווייטער שרייבט מ. ווינטשעווסקי (אין 1918) אין זיין אַרטיקל „אַ העלד״: „און די זעלביקע דעמאָקראַטיע קומט אויס אָן שעקספּירס, אָן איב־סענס, אָן מאָליערס און אָן קאַלדעראָנס, דער גרויסער עולם האָט „סקעטשעס״ און וואָדעוויל־הייזער, ביליקע „מואוויס״ און יידישע באַלאַגאַנעס, וואו אַמאָ־ליקע אַקטיאָרן לעבן היינט אויס זייערע יאָרן, כלומרשט שפּילנדיק „פּיעסעס״ (ז׳ 204). מ. ווינטשעווסקי רעכנט אויס די פאַרשיידענע נעגאַטיווע דערשיי־נונגען אינעם קולטור־און קונסט־לעבן, זייער נעבעכדיקן צושטאַנד: „כל־זמן די וועלט בלייבט אַ מאַרק און די מוזעס בלייבן קרעמערקעס, און אַלץ ווערט געשאַצט מיט געלט, געוואויגן און געמאָסטן אויף דעם וואָגשאָל און מיט דער מאָס פון פּראָפיט״... „די העלדן האָבן ביי אונדז קיין אָרט נישט, ניט די העלדן פון דער קונסט און דער ליטעראַטור, ניט יענע פון קאַמף.״ „און מיר, — באַטאָנט מ. ווינטשעווסקי, — פעלט דער העלד. דער דור פאַר מיר האָט אים געהאַט, און דער דור נאָך מיר וועט אַזוינס אפשר האָבן. איך האָב אים ניט״. „אויסגעשטאָרבן!״ — פּרץ איז גערעכט. נישטאָ מער קיין העלדן...״ און לסוף גיט צו מ. ווינטשעווסקי: „ביי די יונגע לייט אינדזערע זיינען דאָ העלדן פון אַן אַנדער סאָרט: די פאָלקס־העלדן... — — — דער יונגער דור האָט זיך זיינע העלדן אויף זיין שטייגער. פעלן פעלט דער העלד מיר און אייך״ (דאָרט, ז׳ 208־209).

אָט אַזוי האָט מ. ווינטשעווסקי זיך איבערגערופן אין 1918 מיט פּרצעס שטימונגען פון 1888; אַ קימא־לן פון אַ דרייסיק יאָר אינמיטן.

א. ראָזענצווייג אין זיין בוך „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּרצעס שאַפן" (כאַרקאָוו־קיעוו, 1934, 188 ז"ז), וועלכער איז אָפט גאָר שטרענג צו פּרצן און רוקט אים יעדעס מאָל אונטער „רעאַקציאָנערע", „קליינבירגער־לעכע", „נאַציאָנאַליסטישע" שטימונגען, שוואַכקייטן און מאָטיוון, פּרוּווט אין איין אָרט אָנווייזן אויף די ענגע שייכותן צווישן פּרץ און ווינ־טשעווסקי. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם רעוואָלוציאָנערן אויפבּרויז ביי פּרצן און ער שרייבט צווישן אַנדערן: „די דאָזיקע באַנייאונג (מיט נייעם סאָציאַלן אינהאַלט, מיט דער יוירנדיקער אומצופרידנקייט און מיט די פּראָ־טעסט־שטימונגען פון די אונטערדריקטע אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין לידער, נאָוועלן, מעשהלעך, פעליעטאָנען פון די „יום־טוב־בלעטלעך" און אַנד. — נ. מ.) איז אָן ספק פאָרגעקומען אויך אונטער דער דירעקטער איפּווירקונג פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס איז אין די 80־90־ער יאָרן אויפגעקומען אין ענגלאַנד און אַמעריקע און איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי די אויפ־וואַכנדיקע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין רוסלאַנד. די אַרטיקלען פונעם „משוגענעם פילאָזאָף" אין לאָנדאָן און אין אַמעריקע פון מאָריס ווינ־טשעווסקי, האָבן געוויס געהאַט אַ ווירקונג אויפן סטיל פון פּרצעס פעליע־טאָנען. פּרצעס „דריי נייטאָרינס" און „ביים פרעמדן חופה־קלייד" זיינען אָן ספק באַווירקט פון ווינטשעווסקיס איבערדיכטונג פון טאָמאַס הודס „ליד פונעם העמד" (1884)..." (ז' 76). *

די איבערזעצונג איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געווען אין „פּוי־לישן אידל" 1884, איבערגעדרוקט אין „צוקונפט" (צום 25טן יאָרטאָג זינט די איבערזעצונג איז דערשינען) און אויך אין די „געזאַמלטע שריפטן", ניו־יאָרק, 1927, ב' 2, ז"ז 23־36.

יאָ, עס איז נישט אויסגעשלאָסן דער איינפלוס פון מ. ווינטשעווסקיס איבערזעצונג פון טאָמאַס הודס באַוואוסט „דאָס ליד פון העמד" אויף פּרצן.

---

*) טאָמאַס הוד (1845-1799), איינער פון די באַוואוסטע ענגלישע דיכטער, וואָס האָט אין זיינע לידער („דאָס ליד פון העמד", „בריק פון זיפצן", „אַרבע־טער ליד" א. אַנד.) געבראַכט צום פּאָעטישן אויסדרוק סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פראַגן און מאָטיוון.

וועגן דער שייכות פון פּרצעס ליד „דריי נייטאָרינס" מיט טאָמאַס הודס „דאָס ליד וועגן דאָס העמדל" שרייבט אויך ד"ר מ. פּינעס אין זיין „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" (באַנד 2, ז' 50), וואו ער רעדט וועגן דעם איינ־טאָניקן ריטם, וואָס „מאַכט נאָך די מאָנאָטאָנע באַוועגונגען פון דער נאָדל און דערמאָנט דערביי „דאָס ליד וועגן העמדל" פון טאָמאַס גוד (הוד)..."

לאָמיר טאַקע זען.

מ. ווינטשעווסקי הייבט אָן:

„מיט מאָגערע פינגער, דאַר און אויסגעדרייט,
מיט אויגן, וואָס זייגען פון אַרבעט שוין בלינד"...

און פּרצעס „דריי נייטאָרינס" הייבן זיך אָן:

„די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שווייס"...

ביי ווינטשעווסקין:

„ניי! פּראַצעווע, האָרעווע, ניי!
ביז איך קאָן מיין קאָפּ ניט דערלאַנגען אַ דריי"

ביי פּרצן:

„איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד,
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך .."

מ. ווינטשעווסקי שרייבט:

„אין הונגער, אין שמוץ, פאַר דער גאַנצער וועלט פרעמד,
ניי איך מיט אַ דאָפּלטן פאָדעם: פאַר זיך
תכריכים, — פאַר אַנדערע מענטשן אַ העמד."

ביי פּרצן (און „ביים פרעמדן חופּה־קלייד"):

„שטעפּ, נאָדל, שטעפּ די בראָבאַנדערע שפּיצן —
פאַר איר, פאַר איר!
תכריכימלעך וועסטו גיך און באַלד שטעפּן —
פאַר מיר, פאַר מיר!

אין אַן הערה (אויף זייט 76) שרייבט א. ראָזענצוויַג: „מ. ווינטשעווסקיס ווירקונג אויף פּרצן האָט זיך אָנגעהויבן אָן ספק אין די יאָרן 1893־1894, ווען פּרץ האָט זיך אָנגעהויבן (צו) דרוקן אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּרעסע („אַרבעטער־צייטונג" און „צוקונפט") אונטערן פּסעוודאָנים „פלאי". גראָד אין די יאָרן האָט ווינטשעווסקי געדרוקט און איבערגעדרוקט אין „צוקונפט" זיינע בעסטן לידער און פעליעטאָנען. פּרץ האָט געוויס די דאָזיקע פּרעסע־אָרגאַנען באַקומען" (ז' 76).

מען דאַרף צו דעם צוגעבן, אַז בלויז אין די יאָרן 1893־1895 האָט פּרץ פאַרעפנטלעכט אין די ניו־יאָרקער „אַרבעטער צייטונג" און אין „צוקונפט" אַ 40 שאַפונגען, — לידער, דערציילונגען, — וואָס אייניקע פון זיי זיינען געדרוקט געווען אין עטלעכע פאַרזעצונגען. מיר האָבן צווישן די זאַכן די פּרעכטיקע פּרצישע פּערלען, ווי „קליינע מעשיות פאַר גרויסע קינדער",

„אין קעלער שטוב", „אַ כעס פון אַ יידענע", „דאָס שטריימל", „באַנציע שוויג" און נאָך און נאָך, און עס איז זיכער, אַז זיי האָבן טיף באַאיינפלוסט ווינטשעווסקין.

און עס זיינען זיכער נישט איבערגעטריבן די ווערטער, וואָס די רעדאַקציע פון דער „צוקונפט" האָט געגעבן אין איר נעקראָלאָג גלייך נאָך פרצעס טויט, אַז „די צוקונפט" „איז פון סאמע איר געבורט געווען דורך פרצן צוגעקניפט צום הארץ פון דער יידישער ליטעראַטור" (מאַי 1915, ז' 1). דורך די דעמאָלטיקע אַרבעטער־צייטשריפטן איז אויך פרץ געווען ענג פאַרבונדן מיט דער וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע, וואָס מ. ווינטשעווסקי איז געווען איינער פון אירע וויכטיקסטע פאַרשטייער און פירשפּרעכער.

4.

ווי מ. ווינטשעווסקי האָט געשעצט פרצן, זיין פּערזענלעכקייט און ווי ער האָט אָפּגעשאַצט זיינע ווערק דערוויסן מיר זיך פון צוויי אַרטיקלען פון מ. ווינטשעווסקי, וועלכע זיינען ווייניק באַקאַנט אין דער עפנטלעכקייט.

אין 1901, ווען מען האָט געפייערט פרצעס 25־יאָריקן יובילײ פון זיין שאַפן, האָט מ. ווינטשעווסקי פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" (פונעם 18טן מאַי, 1901, איבערגעדרוקט אין „דעם יידישן סאָציאַליסט", 1915, פונעם 1טן מאַי, ז' 11), אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „פרץ און זרח" * (צעשלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָזאָף), וואו ער שרייבט צווישן אַנדערן: „... אין וואַרשע האָבן זיך מענטשן דאָ נישט לאַנג דערמאָנט, אַז צווישן זיי געפינט זיך אַ מענטשלעכער שפּרודל־ברונעם, אַ יידישער היינע, אַ מכשף, וואָס קאָן מאַכן גאָלד פון זאַמד, און פּערל פון שטיינדלעך און מוזיק פון ווערטער און בילדער פון אַלץ, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין אויג. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז צווישן זיי לעבט און שרייבט שוין אַ פערטל־יאָרהונדערט אַ מאַן, וועלכער לאַכט פון זיי מיט טרערן אין די אויגן און וויינט פאַר זיי מיט האָפענונג אין האַרצן; וועלכער פאַרטייטשט זייער זיפץ און דיסטילירט זייערע טרערן און פאַראיידלט זייער שפּראַך און דריקט אויס זייערע געדאַנקען. אַ מאַן, וועלכער איז זייער שפּיגל אין זיינע סקיצן, זייער טרייסט אין זיינע געדיכטן, זייער געוויסן, זייער מוח און האַרץ; זייער צירונג אין דער היים און זייער ערע אין דער פרעמד. זיי האָבן זיך דערמאָנט אַן די טויזנטער גליקלעכע מי־

---

*) אין די געז. ווערק פון מ. ווינטשעווסקי, ב' 5 וואו דער אַרטיקל איז איבערגעדרוקט, איז ע"פ טעות אָנגעגעבן דאָס יאָר 1906 אָנשטאָט 1901.

גוטן, וועלכער דער מאַן האָט זיי פאַרשאַפט. ער, דער מחבר פון „באַנציע שווייג״, דער דיכטער פון „מאַניש״, דער פאַרפאַסער פון אַזעלכע קונציקע און דאָך אויסגעקינסטלסטע פּאָעזיען ווי „פעטער עשיר״, פּאָעזיען, וועלכע זיינען אַזוי פּראָסט, אַזוי ווייניק פּאַלירט, אַזוי משה־חיימדיק, אַז יעדער מיינט, אַז ער וואָלט דאָס אויך געקאָנט, אפשר זאָגאַר בעסער געקאָנט, אָבער וועלכע מען קאָן אַזוי ווייניק נאָכמאַכן, ווי מען קאָן מיט דער העכ־סטער קונסט אין דער וועלט ניט נאָכמאַכן די איינפאַכע מענטשלעכע שטים, אָדער דאָס פּראָסטע אָבער נאַטירלעכע גראָז אויף דער ערד״.

אַזוי פּרעכטיק האָט מ. ווינטשעווסקי אויפגעפאַסט פּרצן אין 1901, אינגאַנצן אַ פּאָר יאָר נאָך זיין קריטישער באַציאונג צו פּרצן.

זיין דערמאָנטן אַרטיקל „פּרץ אין אַמעריקע״, געשריבן נאָך פּרצעס טויט, הויבט אָן מ. ווינטשעווסקי: „געוויס, אויסער אין גייסט, ווי מען רופט דאָס, איז ער ביי אונדז קיינמאָל נישט געווען״. ער דערציילט, ווי עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז פּרץ זאָל קומער אַהער צו גאַסט און „קאָנען באַזוכן יעדע שטאָט און שטעטל אין אַמעריקע, וואו זיין נאָמען איז דאָך, ווי אימער, אַרויסגערעדט געוואָרן מיט ערפּרוכט און מיט ליבע — בדחילו ורחימא...״ אָבער פון דעם שיינעם חלום איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל די וואַרשעווער גמינע, וואו פּרץ האָט געאַרבעט, האָט אים קיין לענגערן אור־לויב נישט געגעבן... און מ. ווינטשעווסקי גיט צו מיט באַדויער: „אויב עס איז ניטאָ פיל מער צו רעדן וועגן פּרצן אין אַמעריקע אינעם פיזישן זין, איז דאָ פיל צו זאָגן וועגן פּרצעס גייסטיקן שייכות מיט אונדזער ליבער מדינה״ („צוקונפט״, יוני, 1915, ז׳ 534).

מיר וועלן פאַרענדיקן אונדזער אַרטיקל מיט אייניקע שורות פון מ. ווינטשעווסקי פון זיין נעקראָלאָג נאָך פּרצן (פאַרעפנטלעכט אין „דער יידישער סאָציאַליסט״ פונעם 1טן מאַי, 1915, ניו־יאָרק, ז׳ 9): „... און געווען איז פּרץ אונדזערער, פון וועלכן שטאַנדפּונקט איר זאָלט אים ניט באַטראַכטן. אַלס ייד איז ער געווען נאָענט צו אונדזער באַגריף פון יידישקייט, דאָס הייסט, ער איז געווען אַ ייד און אַ פריידענקער אין דעם פּרט פון רעליגיאָן, און ער איז אויך געווען אַ ייד און ניט מער — אַלס נאַציאָנאַליסט, — אַ מענטש, וואָס ביי אים איז די יידישקייט נישט געווען אָפּהענגיק פון ערגעץ אַ טעריטאָריעלן נאַציאָנאַליזם. אַלס דענקער אין נאַציאָנאַלע פראַגן איז ער כמעט אימער און אומעטום אויף אונדזער זייט, וועט ניט אין אונדזערע רייען...״

רעדנדיק וועגן י. ל. פּרץ און זיין באַציאונג צו פּאַרטיי און ריכטונג, שרייבט ווייטער מ. ווינטשעווסקי: „... און דעם אמת גערעדט, איז פאַר מיר כלל נישט שטאַרק אינטערעסאַנט פּרצעס פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט

בנוגע סיי צו נאַציאָנאַלע, סיי צו פּאָליטישע ענינים... ווי סימפּאַטיש ער זאָל אונדז ניט זיין צוליב זיין נאָענטקייט צו אונדז אין זיין וועלט־אַנשוי־אונג און אין זיין ליבע צום אַרבעטער־פֿאָלק, בלייבט ער אימער, פריער פון אַלץ, דער בעלעטריסט, דער דיכטער, אין אַ (איין) וואָרט — דער קינסטלער; איז ער, כמעט אויסשליסלעך, פאַר אונדז נאָר אַלס אַזעלכער דער גרויסער מאַן, מיט וועמען מיר שטאָלצירן".

און ווייטער: „מיר וואָלטן אים אפשר ווייניקער געליבט, ווען ער וואָלט ניט געווען „פליייש פון אונדזער פליייש", אָבער מיר וואָלטן אים ניט ווייניקער געאַכטעט... — — — און אַז דער פאַרפאַסער פון „פאָלקס־טימלעכע מעשהלעך" (געשיכטן), דער דיכטער פון „מאַניש", וואָלט געווען אונדזערער אַ קעגנער, וואָלט ער דען אין אונדזערע אויגן געווען אויף אַ האָלבן ווערשאָק נידעריקער?"

מ. ווינטשעווסקי באַטאָנט, אַז „פּרצעס ווערק און זיין גרויסע פּער־זענלעכקייט האָבן אונדז געעפנט די אויגן און אַרויסגערופן אונדזער באַ־וואונדערונג."

דאָס זיינען די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון י. ל. פּרץ און מאָריס ווינטשעווסקי אין לויף פון לאַנגע יאָרן און אין פאַרשיידענע צייט־אָפּ־שניטן. *

---

*) וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון י. ל. פרץ און מ. ווינטשעווסקי רעדט נ. מינקאָוו אין זיין אָפּהאַנדלונג „פרץ און אַמעריקע", „צוקונפט", אַפּריל 1945, ז"ז 271-276.

י. ל. פרץ און יעקב דינעזאָן

1

פרצעס נאָמען, זיין לעבן און שאַפן, איז ענג פאַרבונדן מיט יעקב דינעזאָנס נאָמען. אָנגעהויבן פון יאָר 1888 — דאָס יאָר, ווען פרץ איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט זיך צווישן פרץ און דינעזאָן פאַרבונדן אַ באַקאַנטשאַפט, וואָס איז גלייך אַריבער אין אַ פריינט־שאַפט און גיך — אין אַ זעלטענער ברודערשאַפט. איבער פינף און צוואַנ־ציק יאָר האָט אָנגעהאַלטן צווישן זיי אַ מערקווירדיקע פאַרבונדנקייט. דינע־זאָן איז געווען ווי דער שאָטן פון פרצן, ער האָט אים באַגלייט אויף אַלע זיינע וועגן, גענומען אָנטייל אין אַלע זיינע פריידן און זאָרגן, אים אַרויס־געהאָלפן אין די פאַרשיידענע ענינים און געווען זיין שטענדיקער ראַט־געבער אפילו אין די אינטימסטע אָנגעלעגנהייטן.

יעקב דינעזאָן איז געווען אויף אַ פינף יאָר יינגער פון פרצן. ער איז געבוירן אין 1856. זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט האָט ער געמאַכט כמעט אין איין צייט מיט פרצן, — אין 1876, ווען פרץ האָט פאַרעפנט־לעכט זיינע ערשטע העברייאישע לידער.

צוליב זיינע פערזענלעכע איבערלעבענישן אין דער יוגנט, צוליב אַ ליבע, וואָס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אין סאַמע אָנהויב פון איר פונאַנ־דערבליען, האָט יעקב דינעזאָן זיך צוריקגעצויגן פון אייגענעם אַקטיוון פערזענלעכן לעבן און דערשטיקט אין זיך פאַרלאַנגען און באַגערן. קאָן מען נישט אַריבער, גייט מען אַרונטער, — דאָס איז געוואָרן אַ מין לעבנס־פילאָזאָפיע ביי דינעזאָנען, וואָס האָט געלייגט אַ שטעמפל אויף זיין גאַנץ לעבן. עס האָט זיכער געהאַט אויך אַ ווירקונג אויף דעם עמפינדלעכן דינעזאָן, וואָס זיינע ווערק זיינען נישט אויפגענומען געוואָרן ווי געהע־ריק דורך די בעסערע יידישע שרייבער, זיינע נאָענטע פריינט. זיין אייגן־ליבע איז מסתמא געווען אַזוי געקרענקט, אַז ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון ליטעראַטור אין לויף פון פיל יאָרן. אָבער אָנשטאָט פאַרביטערונג און ביטול איז געקומען ביי אים אַן אינעווייניקסטע געבראָכנקייט און צוריקגעהאַלטנקייט. ער איז פול געווען מיט גרייטקייט און גוטסקייט צו

טאָן פֿאַר יענעם און צו לעבן פֿאַר יענעם. אין אַט דער ראָל האָט ער אַריינגע־לייגט פֿיל פֿייאיקייטן און שיינע אייגנשאַפֿטן. ער האָט אַרויסבאַוויזן אינטערעס און טרייִשאַפֿט צו פֿיל יידישע שרייבער, אָבער זיין גאַנץ לעבן האָט ער אָוועקגעגעבן פּרצן. ער האָט געפֿירט שטילע „ליבעס" מיט אַ ריי יידישע שרייבער, אָבער זיין אמתע און שטענדיקע ליבע, מיט וועלכער ער האָט צענדליקער יאָרן געלעבט, איז געווען פּרץ.

פּרץ און דינעזאָן זיינען געווען מענטשן פֿון גאָר אַנדערע כאַראַק־טערן, און אַלע יאָרן האָט אינטערעסירט און אינטריגירט אַט־די טיפֿע פֿריינטשאַפֿט, וואָס האָט געהערשט צווישן זיי. און פֿאַרשיידענע שרייבער האָבן אַנדערשדיק און גאָר־פֿאַרשיידן געטייטשט און אויסגעטייטשט זיי־ער צוגעבונדנקייט איינער צום אַנדערן.

אין דער האַרציקער דינעזאָן־כאַראַקטעריסטיק, וואָס פּרץ האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין יאָר 1904 („די יידישע ביבליאָטעק", איבערגעדרוקט אין פּרצעס „אויפֿזאַצן און פֿעליעטאָנען"), שרייבט ער וועגן זיין נאָענטן פֿריינט: „אַן ערלעכע, געטרייע שוואַלב איז ער. אַן ערלעך־געטרייע שוואַלב, וואָס איז גרייט יעדע סעקונדע זיך אַרויסצוריסן ביז דער לעצטער פֿעדער אויף דער ברוסט, אונטערצובעטן דעם יונגן געשלעכט, עס זאָל אים וואַרעם זיין אין נעסט... וואָס איז געפּאַסט יעדע רגע אויפֿצורייסן זיך די ברוסט און אָנקאַרמען דאָס יונוואַרג מיטן אייגענעם וואַרעמען בלוט..." און וויפֿיל מאָל האָט אַט־די „ערלעכע שוואַלב", דינעזאָן, גע־ריסן ביי זיך „ביז דער לעצטער פֿעדער אויף דער ברוסט" און טאַקע אויסגעבעט פּרצן גופֿא, „עס זאָל אים וואַרעם זיין אין נעסט?" זייער מעג־לעך, אַז פֿיל מאָל איז פּרץ געווען דאָס קאַפּריזנע קינד און נישט גע־רעכנט זיך, אַז די מאַמע, דינעזאָן, האָט אויך אַ ווילן, אַ באַגער, אַ כאַ־ראַקטער. אָבער דינעזאָנען איז, משמעות, געווען ליב אויך אַט דאָס „פּיי־ניקן", — אַזאַ אומבאַגרענעצטע ליבע האָט ער פֿאַרמאָגט צו זיין אָנגע־לעגסטן קינד פּרץ, אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן איז געווען אים פּרץ מיט אַלע זיינע קאַפּריזן.

אַמשטאַרקסטן און אַמבוילעטסטן קלערן אונדז אויף די פֿאַרהעל־טענישן צווישן פּרצן און דינעזאָנען פּרצעס בריוו צו אים, וואָס זיינען דורך דינעזאָנען אויפֿגעהיט געוואָרן, ווי אַ רעליקוויע. פּרץ איז ניט גע־ווען קיין פֿלייסיקער בריוו־שרייבער. „איך בין בטבע אַ פֿיינט פֿון בריוו־שרייבן", — האָט ער אַמאָל געשריבן צו שלום־עליכמען. און דאָך האָט ער שטענדיק און זייער גערן געשריבן צו דינעזאָנען, ווען נאָר זיי האָבן זיך צעשיידט. פֿון פּרצעס בריוו, וואָס איך האָב באַוויזן אויפֿצוקלייבן („פּרצעס בריוו און רעדעס"), זיינען אַ 90 געשריבן צו דינעזאָנען. מען דאַרף

דערצו נעמען אין אַכט, אַז פּרץ און דינעזאָן האָבן דאָס רוב יאָרן פון זייער פריינשאַפט געלעבט אין איין שטאָט, אין וואַרשע.

די בריוו פון פּרצן צו דינעזאָנען זיינען פון אַ פּראַקטישן כאַראַקטער, אָדער עס זיינען קורצע „ידידי״־בריוולעך אויף אָנזיכט־קאַרטעס. אָבער אויך פון די פּשוטע, אין גאַנצן־נישט־געקינצלטע בריוו קאָנען מיר שעפּן פיל פּרטים צו דער כאַראַקטעריסטיק פון זייערע באַציאונגען. עס זיינען אויך דאָ איניקע לענגערע, זייער אָריגינעלע פּרצישע בריוו.

ווער ס׳האָט אַ ספּעציעלן אינטערעס, דאַרף לייענען די אַלע בריוו.

קודם־כל ווייזט זיך אַרויס פאַר אונדז אין די בריוו דער פּשוטער, דורכאויס מענטשלעכער פּרץ מיט זיינע היימישע, שטוביקע זאָרגן און אינטערעסן. עס ווייזט זיך אַרויס פאַר אונדז פּרץ דער באַרואיקטער, דער אינטימער, פּרץ און זיינע באַגעגענישן מיט דער ווירקלעכקייט, מיט מענטשן, מיט נאַטור. פּרץ אין תוך איז שטאַרק אומבאַהאָלפן און ער נויטיקט זיך כסדר אין דינעזאָנען, ער זאָל אים אַרויסהעלפן. נאָך אין 1892 ענטפערט ער דינעזאָנען אויף אַ בריוו, וואו דינעזאָן פרעגט זיך ביי אים עצות: „ראשית חכמה — זאָלסטו נישט פאָלגן מיין עצה, אויב איך וועל זי דיר געבן; דו ווייסט, אַז נישט איך בין דער מענטש, וואָס ווייסט, ווי צו באַגיין זיך אין לעבן, און דעריבער הענג איך אין רוים...״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 173). אָן דינעזאָנען קאָן ער נישט פאַרשפּרייטן די אַרויסגעגעבענע ביכער. פּרץ בעט זיך רחמים ביי אים, ער זאָל וואָס גיכער צוריקקומען פון קיעוו. „וויל זינט דו ביזט אָפּגעפאָרן פון דאַנען, האָב איך קיין איינעם נישט פאַרקויפט צו קיין מוכר־ספרים, ווייל איך קען זיי נישט און זיי קענען אויך מיך נישט״ (דאָרט, ז׳ 178). פּרץ בעט ביי דינעזאָנען ער זאָל פאָרלייגן אין „המליץ״ זיינע, פּרצעס, נאָוועלן און אַרטיקלען פאַר אַנאָנסן וועגן די אויסגאַבעס. די אומבאַהאָלפנקייט ביי פּרצן דערגייט אַזוי וויט, אַז בריוו, וואָס ער שרייבט אָן, בלייבן נישט אַוועקגעשיקט אָדער גייען פאַרלוירן. „ס׳איז אַ רעטעניש — קלאָגט ער זיך פאַר דינעזאָנען — ווי אַזוי עס איז פאַרפאַלן געוואָרן מיין ערשטער בריוו, כ׳האָב אַדורכגעקוקט דעם טיש, געזוכט דריי טעג און נישט געפונען, האָב איך געמוזט דעריבער אָנשרייבן אַ צווייטן״. אַן אַנדערש מאָל שרייבט פּרץ: „... כ׳האָב באַלד דיר געענטפערט. אַריינגעלייגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר, פאַרשריבן פון אַלע זייטן, אין אַ קאָנווערט און אויך אויפגעקלעפּט אַ מאַרקע... אָבער איצט קאָן איך זיך נישט דערמאָנען, צי [illegible] אַרויסגעשיקט, אָדער ער איז גאָר פאַרפאַלן געוואָרן און איז נישטאָ...״

ווי רירנדיק און קינדיש־ממש זיינען אָט־די רייד פון פּרצן צו דינעזאָנען. זעלטן־ווען פּרץ האָט געברויכט אַזאַ מין רעדן בנוגע צו אַנדערע.

2

שיין פון די ערשטע טעג פון דער באַקאַנטשאַפט ווערט דינעזאָן פּרצעס פּאַרטרעטער אין די פּאַרהאַנדלונגען מיט אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן. ער שיקט פּרצעס זאַכן צו שלום-עליכמען נאָך אין 1889 און פירט אונטער-האַנדלונגען פאַר פּרצן. אין אַ בריוו פון פּרץ צו שלום-עליכמען לייענען מיר: „אין אייער קורצן בריוו שרייבט איר, אַז איר האָט געפונען גוטע שטעלן אין מיין שיר, און ער וועט קאָנען געדרוקט זיין נאָר „מיטן תנאַי, אויב איך וועל מסכים זיין אויף די באַדינגונגען און אָפּמאַך, וואָס איר האָט געשריבן צו אונד-זער פריינט דינעזאָן". שלום-עליכם אין זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט פּרצן" (אַלע ווערק, ב. 15) שרייבט: „ער, דינעזאָן, נישט פּרץ — האָט מיר צוגעשיקט נאָך דעם אַ גאַנצן „טעדראַד" מיט קליינע דערציילונגען פון י. ל. פּרץ ... פון דע-מאָלט אָן און ווייטער איז אַלץ, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעוואָרפן, איז דאָס געגאַנ-גען דורך דינעזאָנס הענט" (ז' 71). און ש"ע גיט צו „אַז דינעזאָן איז געווען זיין ביזנעס-סעקרעטאַר, — ווי עס הייסט ביי אייך (דער אַרטיקל איז גע-שריבן אין אַמעריקע. — נ. מ.), אָדער פינאַנץ-מיניסטער, ווי מיר האָבן אים, בדרך לצנות גערופן — פון דעם איז אָפּגערעדט, וואָרעם אין געלט-זאַכן איז פּרץ געווען, לויט דינעזאָנס אָפּשאַצונג, „ערגער פון אַ קינד, אַ קינד, וואָס דאַרף האָבן אַ מאַמע. און אין דינעזאָנען האָט פּרץ געפונען אַ מאַמע, אַ געטרייע, אָן איבערגעגעבענע מאַמע, וואָס איז גרייט זיך מוסר-נפש זיין פאַר אים אַלע מינוט."

לאָמיר געדענקען, אַז יעקב דינעזאָן האָט אין 1890 אַרויסגעגעבן פּרצעס ביכל „בעקאַנטע בילדער", צו וועלכן ער האָט צוגעגעבן אַ באַגייסטערטע הקדמה. „פּרץ — זאָגט י. דינעזאָן אין זיינע „אייניקע ווערטער פונעם אַרויסגעבער — שרייבט נישט צו חנפהנען דעם גראָבן געשמאַק פון דעם נידעריקן קלאַס לעזער, פאַרקערט, ער וויל אים פאַרפיינערן און אויסבע-סערן". אין דעם ביכל זיינען פאַרעפנטלעכט: „דער משולח", „וואָס הייסט נשמה", „דער משוגענער בטלן". וועגן אָט דעם ביכל האָט דער באַוואוסטער העברייאישער שרייבער, עזרא גאָלדין אין „הצפירה" (1890, נ' 211) פאַר-עפנטלעכט אַ באַגייסטערטן אַרטיקל. און יעקב דינעזאָן איז דאָך צו יענער צייט געווען אַ באַוואוסטער און באַליבטער יידישער שרייבער! (זע וועגן דעם אין מיין בוך „פּרץ", דעם קאַפּיטל, „פּרצעס ערשטע קריטיקער", ז"ז 97-99).

און אַזוי כסדר האָט יעקב דינעזאָן שטענדיק אַרויסגעהאָלפן פּרצן אין זיין לעבן און אין זיין ליטעראַריש-אַרויסגעבערישער טעטיקייט.

אין אַ בריוול צו י. דינעזאָן פון 1901 בעט פּרץ ביי אים: „גיי אַריין

צום ה׳ בן־אַביגדור און מאַך מיט אים אַ חשבון פאַר מיין אַרבעט. מיר דאַכט זיך, אַז ער דרייט זיך פון מיר אַרויס. און איך ווייס נישט פאַרוואָס, און איך, ווי דו ווייסט, האָב ליב קלאָרע זאַכן.״ און אָט ווי פּרץ כאַראַקטעריזירט אין אַ בריוו זיך און דינעזאָנען: „... דו אָן מיר ביזט אַ נול, און איך אָן דיר — נאָך ווייניקער, איך בין אַ מינוס. ווען וועסטו שוין קומען, כדי פון דעם מינוס און פונעם נול זאָל ווערן עפּעס אַ צאָל״.

זעלטן־ווען וויל פּרץ אַליין פירן אונטערהאַנדלונגען. ער שרייבט אין יאָר 1907 צו י. דינעזאָן: „מיט מילערן (אַ פאַרשטייער פון אַן אַמעריקאַנער יידישן פאַרלאַג. — נ. מ.) האָב איך ווייניק גערעדט; איך האָב געזען ביי אים דיינס אַ בריוו אַ גרויסן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף נישט רעדן.״

שוין גאָר די לעצטע יאָרן, ווען עמעץ פרעגט אָן ביי פּרצן זיין אַני־מאַמין און ביאָגראַפיע, ענטפערט אים פּרץ עטלעכע שורות און ער גיט צו: „ביאָגראַפישע נאָטיצן שרייבט צו אויף מיין ביטע מיין קאָלעגע י. דינעזאָן״. אַמאָל אָבער רופט עס אַרויס אַ כעס ביי פּרצן, וואָס דינעזאָן טוט אָן זיין וויסן און הינטער זיינע פּלייצעס. אין דעם זין זיינען זייער אינטערעסאַנט די פּאָר אויפגערעגטע שורות פון פּרצן צו ש. ניגער, פאַרוואָס ער טיילט די זכרונות אין דער „יידישער וועלט״: „... שרייבט איר וועגן צאָרן און שטראָף, ביידע זיינען מיר צו ווייט, צו נישט פאַרשטענדלעך. און געוואוסט האָב איך: יד דינעזאָן באמצע, ער האָט מיט די אייגעלעך געפינטלט. פאַרשטיי איך: ער שרייבט הינטער מיינע פּלייצעס״... („בריוו און רעדעס״, ז׳ 341).

די ערשטע איינדרוקן פון דינעזאָן נאָך דער באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן זיינען זייער רירנד. אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען שרייבט דינעזאָן: „איך ווייס נישט, וואָס דער מענטש האָט דערוויל אין מיר געפונען, כאָטש מיר איז קלאָר געגוג, וואָס איך געפין אין אים יעדן טאָג. ער שיקט מיר צו אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון זיין געבענטשטער געדיגענער פעדער, און איך קלויב נחת, האָב אמתע פאַרגעניגן צו לייענען זיינע עסקיזן, וואָס זיינען מיט גאָלד נישט אָפּצושאַצן.״

מערקווירדיק זיינען די ווערטער פון דינעזאָנען, געשריבן ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אין יאָר 1889, וועגן דער קעגנזייטיקער ליבע, אַז זי וועט קיין מאָל נישט איבערגעריסן ווערן.

מען האָט פאַרגעוואָרפן פּרצן, אַז ער האָט נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דינעזאָנען און אַז ער האָט אפילו זיך באַצויגן צו אים מיט גרינגשעצונג. עס איז נישט ריכטיק. אפשר אַמאָל, אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט, האָט זיך ביי פּרצן אַרויסגעריסן אַ האַרב וואָרט קעגן דינעזאָנען. טיף אין האַרצן האָט ער שטאַרק פאַרערט דינעזאָנען און געוואוסט, ווי צו שעצן זיין צוגעבונדנקייט.

אין פרצעס בריוו צו דינעזאָנען טרעפן מיר זיך פיל מאָל אָן אויף דער טי־פער אַכטונג און ליבע פון פרצן צו זיין טרייען פריינט. אַרום 1892 שרייבט פרץ: „דיינע בריוו האָב איך דערהאַלטן. דער ערשטער בריוו האָט מיך זייער איבערגעשראָקן, נאָר איך האָב געהאָפט אויף אַ צווייטן, איז ער געקו־מען און מיך באַרואיקט. איך דאַנק דיר פון טיפן האַרצן פאַר דיין הבטחה צו קומען צו מיר. איך בין זיך מודה ומתוודה פאַר דיר, אַז איך האָב שטענ־דיק אין האַרצן געטראָגן אויף דיר אַ פאַרדראָס (דאָס איז געווען אויפן דריטן יאָר פון זייער באַקאַנטשאַפט. — נ. מ.), וואָס דו האָסט נישט געגלויבט אין אַט דער אָפענער טיר, און וואָס דו האָסט פון מיר אַ סך אויסבאַהאַלטן. אָבער די דאָזיקע טעג, די טעג פון סודות, זיינען שוין פאַרביי. צוויי קבצנים זיינען מיר, און מיר וועלן העלפן איינער דעם צווייטן ווי נאָר מיר וועלן קענען". „גלויב מיר, — שרייבט פרץ צו דינעזאָנען אין זעלבן בריוו, — אַז איך וועל זיך פרייען מיט דיר, ווי עס פרייט זיך אַ חתן מיט זיין כלה און דווקא, ווען זיי פאַרבינדן זיך צוליב אמתער ליבע און נישט צוליב געלט אָדער יחוס". אַרום דינעזאָנען איז פרץ סענטימענטאַל און ווייכהאַרציק. ער באַ־קומט פון דינעזאָנען אַ טרויעריקן בריוו און ער ענטפערט אים: „דיין בריוו, וואָס איז פול מיט טרויער און פאַרביטערונג, האָב איך דערהאַלטן. דו האָסט גאָר געשפּאָסט פון מיר, ווען דו בעטסט ביי מיר אַ טרייסט פאַר דיר. ווי קאָן איך דיר טרייסטן, בעת מיין נשמה איז אַליין פאַרטרוי־ערט..." און אַט שרייבט פרץ אין אַן אַנדערן בריוו: „מיין האַרץ האָט זיך נישט אָפּגעקערט פון דיר; פאַרקערט, איך האָב שטענדיק דיך ליב."

פרץ בעט זיך ביי דינעזאָנען, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו אויף אַ לענגערע צייט: „קום קיין וואַרשע און זיץ צוזאַמען מיט מיר, ווי לאַנג דער באַלעבאָס וועט אונדז לאָזן וואוינען, מיין ברויט וועט זיין דיין ברויט און מיין געטראַנק — דיינער. פאַרגעס אויך נישט, אַז שולדיק בין איך דיר אַ סך, און אפילו אויב דו זאָלסט ביי מיר עסן זייער לאַנג, וועל איך נאָך אַלץ נישט דעקן דיר מיין חוב..." (דאָרט, ז' 173).

אָפטמאָל האָט פרץ דרך־ארץ פאַר דינעזאָנען, ווי פאַר אַ פאָטער, ער פאַרשטייט אָפט זיינעם אַ וואונק און ווייסט אפילו זיינע שוואַכקייטן און פאָלגט אים. דינעזאָן האָט אין אַ בריוו פון קיעוו פאַרגעלייגט פרצן, ער זאָל איינלאַדן מיטצואַרבעטן אין זיינע זאַמלביכער א. שולמאַנען. פרצן האָט זיך נישט געוואָלט און ער שרייבט צו דינעזאָנען: „צי קען איך בעטן ביי אים אַ מאמר?... איך זע דיין פנים, עס איז אומעטיק; מיינע ווערטער וועלן דיר נישט זיין צום האַרצן; נו, זאָל שוין זיין ווי דו ווילסט, כ'וועל אים שרייבן א י צ ט" (ז' 170). און אַט פּיעשטשעט זיך גאָר פרץ פאַר דינעזאָנען. ער דערציילט אים וועגן דער סביבה, אין וועל־

כער ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם קוראָרט, און ער שרייבט ווייטער: „און צו וואָס שרייב איך עס דיר? נאָר כדי דו זאָלסט וויסן, אַז איך דריי מיך דאָ אַרום ווי אַ יתום". דאָס איז געווען אין 1911, ווען פּרץ איז שוין אַלט געווען זעכציק יאָר. „עס איז טרויעריק", — ענדיקט פּרץ זיינעם אַ גרויסן בריוו צו דינעזאָנען. אַן אַנדערש מאָל גיט פּרץ אַ דעפּעשע און קאַרגט נישט קיין ווערטער. ער כאַפּט דערפאַר אַ פּסק פון דינעזאָנען און ער פאַרענטפערט זיך: „די זעקס איבעריקע ווערטער אין דער דע־פּעשע — זיי מיר מוחל!" אינטערעסאַנט איז אַ קורצער ענטפער אויף דינעזאָנס אַ פאַרוואורף: „וואָס אַמבאַלאַנגט דיין בריוו, האָב איך דיר גאָרנישט וואָס צו ענטפערן. דו רופסט מיך פאַרחלומטער, איך דיך — פּעסימיסט. איך בלייב ביי מיינעם: אין רעכטע הענט וואָלט אַלץ געווען רעכט."

באַזונדערס טרעפלעך און רירנד איז דער בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו דינעזאָנען אַלס תשובה אויף זיינעם אַ טרויעריקן בריוו וועגן אַן עקספּראָפּריאַציע, וואָס מ׳האָט געמאַכט ביי דינעזאָנען אין שטוב, בעת וועלכער מען האָט צוגענומען ביי אים אייניקע זאַכן. „אַ שטיקל הנאה פון דער גנבה — שרייבט פּרץ — האָב איך דאָך... דו האָסט מיר, אַ דאַנק דער גנבה, אַ דענערווירט בריוול געשריבן:... „דאָס ווענטל קוקט אויף דיר מעלאַנכאַליש און לאָזט דיך די גנבה נישט פאַרגעסן." דאָס איז גוט! דו אַנטלויפסט פון לעבן, פון אַלעס, וואָס דענערווירט און רופט אַרויס טיפערע טענער, האָט זיך דאָס לעבן צו דיר אַריינגעריסן אין געשטאַלט פון אַן עקספּראָפּריאַציע. נאָ דיר און ווייז נישט. און אַ ביסל סכנה איז אויך געווען דערביי, און ניצול פון אַ מעסער ביזטו גע־וואָרן... זאָג דעם אמת, עס חלומט זיך דיר אַ מעסער? אויב יאָ, באַ־שרייב עס. זאָל זיין אין אַ בריוו". און אָט דער בריוו ענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקע סענטימענטאַלע טיף־האַרציקע ווערטער: „זיי געזונט און שטאַרק. מאַך דיר נייע שיינע קליידער. גיי צום לעבן און וואַרט נישט, עס זאָל דיר מוזן איינברעכן די טיר, אָפּהאַקן שלעסער..." (דאָרט, ז״ז 256־258).

3

אייניקע האָבן פאַרגעוואָרפן פּרצן, אַז צוליב אים האָט דינעזאָן אויפגעהערט צו שרייבן. נישט ריכטיק: פּרץ רופט כסדר דינעזאָנען צו־ריק צו דער ליטעראַטור. „איך פאַרשטיי נישט דיינע דרכים און דיינע מעשים — שרייבט צו אים פּרץ נאָך אין יאָר 1893 — וואָס איז מיט דיר געוואָרן? צי קאָן אַ פרוי פאַרגעסן איר קינד? און דו האָסט די ליטעראַ־

טור אָוועקגעוואָרפן הינטער זיך? שרייב מיר, וואָס דאָס באַדייט". אין אַן אַנדערן בריוו (פון יאָר 1894) בעט זיך פרץ ביי דינעזאָנען: „אויב דו וועסט מיר נישט שיקן די דערציילונגען אין משך פון צוויי וואָכן, הרגעסטו אויך די איבעריקע אויסגאַבעס, און געגנוג, וואָס אין דיינע פּאַלעס געפינט זיך דאָס בלוט פון די „יום־טוב־בלעטלעך", ווילסטו נאָך פאַרגיסן דאָס בלוט פון דעם „ליטעראַטור און לעבן"? אפשר קאָנסטו דאָך אָנשרייבן אַ זאַך?" פרץ דרוקט אפילו אָפּ אין אַ באַזונדער אויסגאַבע י. דינעזאָנס „הערשעלע", וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין פרצעס „די יידישע ביבליאָטעק". „איך האָב עס אין גאַנצן אָפּגעדרוקט, — שרייבט פרץ, — אפשר וועט עס זיין פאַר דיר עפּעס אַן אויסזיכט."

יעקב דינעזאָן איז געווען זייער דאַנקבאַר פרצן, וואָס ער האָט אים געמונטערט און באַווירקט ער זאָל זיך אומקערן צו דער ליטעראַטור. אין איינעם אַ גרויסן בריוו (פון יאָר 1911) צו ש. ניגער, וואָס טראָגט אַ כאַראַקטער פון אַ ווידוי און אויטאָביאָגראַפיע, שרייבט דינעזאָן: „... ניט שרייבן האָב איך נישט געקענט, אָבער נישט דרוקן דאָס אויפגעשריבענע האָט מיר קיין באַזונדערע מי און גייסטעס־אָנשטרענגונג נישט געקאָסט. ווידער צו דרוקן דאָס לאַנג שוין אויפגעשריבענע האָב איך אָנגעהויבן, און דווקא אויף מיין אייגענעם רעכ' (רעכענונג). ערשט נאָך מיין באַפריינדן זיך מיט פרצן, וועלכער האָט מיך דערצו שטאַרק צוגערעדט" („צוקונפט", 1929, ז' 624). אָט־די ווערטער פון דינעזאָנען צעשטערן דעם אָנגענומענעם בילבול, אַז פרץ האָט דערדריקט דינעזאָנען ווי אַ שרייבער. אָט שרייבט דינעזאָן צו ש. ניגערן: „... אויף מיר איז ריכטיק געזאָגט געוואָרן דער פסוק: שמוני נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי — געמאַכט פאַר אַ נוטר את הכרמים, האָט מיר אפילו, אויסער איך אַליין זיך זעלבסט, קיינער נישט. אָבער דאָס, וואָס איז מיר קיין מאָל נישט שווער געווען צו טאָן פאַר פרצן, למשל, אָדער פאַר אַנדערע מיינע קאָלעגן, אין דעם עניין פון אַרויסגעבן פולשטענדיקע זאַמלונגען פון זייערע שריפטן, איז מיר פאַר זיך אַליין כמעט אַן אוממעגלעכקייט. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, קאָן איך מיר אַליין נישט ערקלערן" (דאָרט ז' 624).

אין אַן אַנדער אָרט, אין אַ בריוו צו אַ נאָענטער פריינדין („פּנקס", אַמעריקאַנער ייוואָ־סעקציע, 1928, העפט 4), פּרואווט יעקב דינעזאָן כאַראַקטעריזירן זיך אַליין: „... וואָס זאָל איך טאָן, אַז דאָס איז פאָרט אַן אמת (אַז ער איז „אַ בעל־הרגש" — סענטימענטאַלער מענטש, — נ. מ.) און איך קאָן אַנדערש נישט זיין — (כאָטש איך וויל עס אָפט זייער) — ווי גאָט האָט מיך באַשאַפן? גאָט האָט מיר מער הערץ אַלס מוח געגעבן, און אומעטום און אַלע מאָל איז דאָס הערץ ביי מיר פריער ווי מיין שכל, זעלבסט

אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ... — — — — וואָס זאָל איך אייך דאָ פיל זאָגן? געגוג, אַז מיין אידעאַליזם האָט מיך ביז אַ געוויסער שטופּע פון אַסקעטיזם צוגעפירט, און דורך דעם בין איך אַזוי עלנט און אַליין אין מיין לעבן גע־בליבן ביז היינטיקן טאָג. איר ווייסט אפשר נישט, הערט־זשע דעם טרייסט־לאָזן פאַקט: איך בין אומפאַרהייראַט געבליבן, האָב נישט און ווייס נישט פון דער זעליקער צערטלעכקייט און ווייכלעכקייט אין מיינעם איינזאַמען האַלב־אַסקעטישן לעבן, וואָס נאָר אַן איבערגעגעבענע פרוי וואָלט מיר געקאָנט געבן, און מיין לעבן וואָלט אַזוי קאַלט און טרייסטלאָז נישט געווען, ווי עס איז אַצינד."

מען האָט געפּרואווט באַווייזן, אַז דינעזאָן איז געווען נאָכגיביק צו פּרצן — עס איז נישט אין גאַנצן ריכטיק. דינעזאָן איז אָפט געווען שטרענג צו פּרצן אפילו אין ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו פּרצן גופא. אָט איז אויסגעבראָכן אַ סיכסוך צווישן פּרצן און דער רעדאַקציע „יידישע וועלט" וועגן זיינע „זכרונות", וואָס האָבן זיך דאָרט געדרוקט. פּרץ איז שטאַרק אויפגעבראַכט און ער שרייבט אַן קיין ווילנע אַ ברוגז־בריוול און וויל איבעררייסן מיט זיי, אָבער דינעזאָן טוט זיך זיינס און איז נישט נתפּעל פון פּרצעס כעס. ער שרייבט קיין ווילנע צו דער רעדאַקציע „יידישע וועלט": „איבערלייענענדיק אייער וו' בריוו וואונדערט מיך, וואָס איר האָט אַזוי ערנסט אָנגענומען פּרצעס מאָמענטאַנעם כעס. שרעקט אייך נישט, אויף אים קאָן מען זאָגן: רגע באַפּו, זיין כעס דויערט נישט מער ווי אַ רגע, באַלד אָבער זעט ער איין, אַז דער אַנדערער זייט איז אויך גערעכט. איך בין גראָד צוגעגן נישט געווען, ווען ער האָט אין יענער אויפגערעגטער רגע זיין פּאָסטקאַרטע אָדער בריוו אייך געשריבן, און האָב כמעט פון דער גאַנצער געשיכטע נישט געוואוסט. ערשט שפּעטער האָט ער מיר וועגן דעם דערציילט. און ער האָט געכאַפּט פון מיר אַ פאַרציע נאָך מער אפשר ווי ער האָט יאָ ווען אַזאַ כשר פאַרדינט" („צוקונפט" ז' 629). „בכלל — זאָגט אַן דינעזאָן אין דעם בריוו — ביי אַזעלכע סיכסוכים, קאַפּריזן אָדער זאַנסט מיספאַרשטענדענישן, וואָס קאָנען אַמאָל פאָרקומען צווישן פּרצן און אייער געערטער רעדאַקציאָן, זאָלט איר תמיד באַלד מיר געבן צו וויסן, און איך וועל שוין דאָס מייניקע טאָן צו פאַלשטענדיקער פאַרשטענדעניס און איינ־שטימונג צו ברענגען" (דאָרט ז' 629). און „בנוגע דער איצטיקער פראַגע, צי זאָל מען זיינע זכרונות ווייטער דרוקן? אוודאי דרוקן! און דרוקט ווי עס איז מעגלעך און ווי עס לאָזט זיך. די אַחריות נעם איך איבער אויף זיך, און אויס רייד!"

און אַדרבה, נישט נאָר, וואָס פּרץ האָט זיך נישט געגרויסט לגבי זיין פריינט, נאָר דינעזאָן האָט פּרצן פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי

פשוט. אָט שרייבט ער פּרצן אַ בריוו קיין אויסלאַנד. וואו ער הייסט אים, „ער זאָל אויף זיך אַליין קוקן פון אונטן אַרויף."

א. קאַגאַנאָווסקי, אין זיין בוך „יידישע שרייבער אין דער היים" מאָלט אַ סצענע, ווי אַ יונגערמאַן ברענגט זיינע כתבים צו פּרצן, און נאָך אויסהערן עטלעכע שורות, שטעלט אים פּרץ אָפּ און זאָגט: „געבוג... איר האָט נישט קיין טאַלאַנט!..."

און אַלע פילן זיך פון דעם נישט היימלעך, דער יונגערמאַן נעמט צונויף זיינע פּאַפּירן און זוכט אַ נאָענטן וועג צו דער טיר. און „אויך פּרץ, וואָס איז בטבע געווען אַ פריינטלעכער מענטש, איז דערביי בלאָס געוואָרן... אָבער שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זיך געפונען ביי דער זייט דער אַלטער יעקב דינעזאָן, וואָס האָט זיך שטיל מיט זיינע קינדערשע טריטלעך צוגעשאַרט צו דעם „געשאָכטענעם" און אים שטיל אַ זאָג געטאָן:

— גייט אַהיים, שרייבט אָן אַנדערע זאַכן... אפשר וועלן זיי זיין בעסער...

דערנאָך פלעגט זיך פּרץ פאַרענטפערן און זיך שפּאַרן מיט דינעזאָנען:

— מען טאָר נישט אין די פאַלן זיין מילד... מען מוז אָפּשניידן מיטאַמאָל... ווען נישט, צעברעכט מען יענעם דאָס לעבן... ביי ליטעראַטור דאַרף מען צו אָנפאַנגער נישט זיין קיין מאַמע, נאָר אַ טאַטע... (ז' 13).

וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן פּרצן און דינעזאָנען דערציילט אונדז י. י. טרונק (אין זיין פינפטן בוך „פוילן", נ"י, 1949): „די טיפע איבערגעגעבענע ברודערלעכע פריינטשאַפט פון יעקב דינעזאָן צו פּרצן האָט געקאָנט דינען פאַר אַ מוסטער ווי אַזוי איין שריפטשטעלער קאָן האָבן צום אַנדערן די איבערגעגעבנסטע באַציאונג, פאַרערונג און פריינטשאַפט, וואָס גרענעצט פשוט מיט זעלבסטלאָזיקייט — און דאָס זיינען געווען די באַציאונגען פון דינעזאָנען צו פּרצן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ווען פּרץ איז אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, איז דינעזאָן געשטאַנען אויף די הויכענישן פון זיין רום... — — — פונדעסטוועגן ווי באַלד פּרץ האָט זיך נאָר באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט דינעזאָן אָנגעהויבן אָנערקענען, אַז דאָ קומט... דער מענטש פון דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור, און ער האָט באַלד זיך אָנגעהויבן אַראָפּצורוקן אויפן צווייטן אָרט און צו גרייטן דעם אויבנאָן פאַר פּרצן". (ז"ז 67-68).

„פּרץ — דערציילט י. י. טרונק — האָט אים אַלצדינג פאַרגעליי-

ענט, און דינעזאָן האָט תמיד אויסגעדריקט זיין התפעלות און געזאָגט, אַז אַזוינס און אַזעלכעס איז נאָך נישט אָנגעשריבן געוואָרן.״

און ווי איז געווען פרצעס באַציאונג צו י. דינעזאָנען? „פרץ איז געווען זייער אַן איידעלער מענטש און ער האָט געוואוסט אָפּצושאַצן די חברישע און פּאַטערלעכע איבערגעגעבנקייט. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט — זאָגט י. י. טרונק, — אַז פרץ זאָל ווען עס איז רעדן וועגן דינעזאָנס שאַפונגען. משמעות האָט ער וועגן זיי נישט געהאַט קיין גע־הויבענע מיינונג. אָבער ווען עמעצער האָט געריִמט דינעזאָנען און דער־ציילט פון זיין פּאָפּולאַריטעט ביי די פשוטע פאָלקס־מענטשן, האָט פרץ צופרידן געשמייכלט און דערפון געהאַט גרויס הנאה...״ (ז׳ 69).

4

אַ גוטער עדות פון דער טיפער פרץ־דינעזאָן־פריינשאַפט איז דער גוטהאַרציקער ש. אַנ—סקי. ער איז געווען אין ווארשע און נאָענט געווען צו פּרצן און דינעזאָנען. און אָט וואָס ער שרייבט (ש. אַנ—סקי, געז. שריפטן, ב׳ 10, ז׳ 164 א. וו.): „... וואָס נעענטער איך בין מיט זיי באַ־קאַנט געוואָרן, האָב איך אַלץ טיפער געפילט זייער אינטימע פריינטשאַפט צווישן זיך, ביז זיי זיינען געוואָרן אין מיין זינען — און אויך ביי מיר אין האַרצן — אומגעשיידט, איינעם אָן דעם צווייטן האָב איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן.

„עס איז דאָ אַ פאָלקס־אויסדרוק וועגן דער העכסטער פאָרם פון פריינשאַפט און ליבע צווישן צוויי מענטשן: „איין נשמה אין צוויי גופים״. וועגן פּרצן און דינעזאָנען האָט מען געקאָנט דאָס זעלבע ווערטל זאָגן פאַרקערט: „צוויי נשמות אין איין גוף״. שווער פאַרצושטעלן זיך צוויי כאַראַקטערן, צוויי אינדיווידואַליטעטן, וואָס זאָלן זיין אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן, ווי די דאָזיקע פריינט, וועלכע זיינען געווען אינטים באַהעפט און אומגעשיידט יאָרן־לאַנג.

„פרץ מיט זיינע פינקלדיקע קלוגע אויגן, מיט זיינע לעבהאַפטע באַ־וועגונגען, מיט זיינע בליצנדיקע און בלאַנקנדיקע ווערטער האָט ביי מיר שטענדיק אַרויסגערופן די פאָרשטעלונג פון אַ גרויסן טייערן פילפאַכיק־געשליפענעם בריליאַנט: ווי אַ בריליאַנט איז דער מענטש געווען ריין און ליכטיק, ווי אַ בריליאַנט האָט ער געפינקלט מיט יעדן געשליפענעם קאַנט, ווי אַ בריליאַנט איז ער געווען שטאַרק אין זיינע מיינונגען. און אויך ווי אַ בריליאַנט האָט ער אַן אַנדערש מאָל שאַרף געשניטן די יעניקע, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דעם וועג צו זיין הויכן ציל. דינעזאָן — מיט זיין שטילער געלאַסנקייט, מיט זיין ליבלעכן בליק, וועלכער שטראַלט מיט

אַן אומענדלעכער צאַרטקייט, רחמנות און איבערגעגעבנקייט, מיט זיין שטענדיקער גרייטקייט אָפּגעבן זיך אין גאַנצן דעם צווייטן; דינעזאָן, וועלכער איז אָרגאַניש אומפּיאיק צו זאָגן עמעצן אַ שאַרף וואָרט, פאַרשאַפן וועמען דעם קלענסטן צער, איז געווען אין פיל פּרטים דער היפוך פון דעם שטורמיש־פלאַמענדיקן, שטאַרקן פרצן, און דיביידע פריינט זיינען געווען ווי באַהאַפטן אין איין גוף. עס איז נישט געווען קיין זאַך, קיין ליטעראַרישער פּלאַן, קיין אויפטו, קיין רעיון פון איינעם, וואָס דער אַנדע־רער זאָל עס נישט וויסן. ביידע געלעבט מיט דעם זעלביקן לעבן, מיט די זעלביקע אינטערעסן, מיט די זעלביקע פריידן און דאגות. ביי פּרצן אין הויז איז דינעזאָן געווען דער זעלביקער באַלעבאָס ווי פּרץ, ער האָט גע־וואוסט, וואו יעדעס פּאַפּירל ליגט, פלעגט אָפט נישט פרעגנדיק פּרצן ענטפערן אויף זיינע בריוו.

„— פּרץ, פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געענטפערט אויף מיין בריוו? — האָב איך אים איין מאָל געפרעגט.

„— איך האָב גערעכנט, אַז דינעזאָן האָט אייך אויף אים געענט־פערט. — — —

„זייער נאָענטשאַפט — שרייבט ש. אַנ—סקי — האָט שוין אפילו איבערגעשטיגן די מדרגה פון פריינשאַפט. אַזאַ אינטימער צוזאַמענבונד טרעפט נאָר ביי אַן אַלט פּאָר־פּאָלק, וואָס אָפּלעבנדיק אַ האַלבן יאָרהונ־דערט צוזאַמען אין ליבע און טריהייט פאַרלירן זיי איינער בנוגע צום אַנדערן די גרענעצן פון דעם אייגענעם איך.“

אינטערעסאַנט זיינען די ווערטער פון י. דינעזאָן אין אַ בריוו צו אַ נאָענטער פריינדין, וואו ער דערציילט וועגן די באַציאונגען פון פּרצן צו זיין זון לוציאַן: „פּרץ — שרייבט י. דינעזאָן — איז אַ הייסער צערט־לעכער פאָטער און האָט זיין איינציקן זון זייער ליב... ברויך פּרץ עפּעס געוואָר ווערן ביי זיין אייגן קינד, בעט ער איך זאָל ביי אים פרעגן. און איך האָב מזל צו אים, מיר דערציילט ער אַלץ און מיט מיר קען ער גאַנצע טעג פאַרברענגען“ („פנקס“, אויסגאַבע פון ייוואָ, ניו־יאָרק, 1929, נומ. 1).

אייניקע וויכטיקע שטריכן וועגן די פּרץ־דינעזאָן־באַציאונגען געפי־נען מיר אין די זכרונות פון ראָזאַ לאַקס־פּרץ, וואָס האָט זיך אין משך פון אַ לענגערער צייט צוגעקוקט צו פּרצן און דינעזאָנען („ליטער. בלעטער“, 1925, נומ׳ 42־43): „כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די פריינשאַפט איז געווען דער צענטער, דאָס וויכטיקסטע אין דינעזאָנס לעבן. דינעזאָן פלעגט מיר אַלע מאָל מיט פרייד דערציילן, ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען זיין באַקענען זיך מיט פּרצן... זיין נאָענטקייט מיט פּרצן האָט ער באַטראַכט

ווי אַ פּאַטום, אַ באַשערטקייט פון גאָט... דינעזאָן פלעגט זייער אָפט קומען צו פּרצן. שבת — תמיד. אומבאַדינגט. שבת פלעגט ער פאַרברענגען ביי פּרצן אַ גאַנצן טאָג. פּרץ פלעגט אים שטענדיק באַגעגענען מיט אַ פריי־לעכן שמייכל אויפן פּנים. ס'איז געווען קאָנטיק, אַז דינעזאָנס וויזיטן פאַר־שאַפן אים פאַרגעניגן. דינעזאָן, דאַכט זיך, האָט געהאַט זיין אייגענעם שליסל צו פּרצעס טיר, ער פלעגט שטיל אַריינקומען און באַלד עפּעס רעדן מיט פּרצן וועגן געלט־ליטעראַרישע ענינים... נאָך דעם פלעגט ער זיך נעמען צו זיינע שבתדיקע באַשעפטיקונגען ביי פּרצן אין הויז: אַרומשניידן די בלומען און באַגיסן זיי מיט וואַסער. ווען די אַרבעט איז געווען געענ־דיקט, פלעגט ער אויסשפּרייטן אויפן טיש אַ ציטונג, אַנידערשטעלן אַ פּושקע גילזן, אויסשיטן אויפן פּאַפּיר טיטון און מאַכן פאַר פּרצן פּאַפּי־ראָסן..." און ראָזע לאַקס־פּרץ מאַכט אַזאַ מין סך־הכל פון די פּרץ־דינעזאָן־באַציאונגען: „אָט זע איך זיי ביידן רעדן — דינעזאָן האָט אַן ערנסטן אויס־דרוק אויפן פּנים, אין פּרצעס באַנעמונג איז תמיד מער לייכטקייט, זאָרג־לאָזיקייט; און כאָטש זיי זיינען געווען, דאַכט זיך, איין וואוקס, דאָך האָב איך דעם איינדרוק, אַז בשעתן רעדן צווישן זיך האָט דינעזאָן אַ ביסל אַרויפ־געקוקט צו פּרצן. ווען דינעזאָן האָט גערעדט מיט פּרצן, האָט זיך תמיד גע־לויכטן אין זיינע אויגן ליבשאַפט, אַכטונג און שטאָלץ און אַחוץ דעם עפּעס אַ באַזונדערע פייערלעכקייט. פּרץ האָט זייער ליב געהאַט דינעזאָנען און כסדר זיך געגוויסקט אין אים, נאָר דינעזאָן איז פאַר אים נישט געווען אַלץ, ווי פּרץ פאַר דינעזאָנען..."

אברהם קין (איינער פון די אַרויסגעבער פון טאָגבלאַט „פאָלקסשטימע" אין בערדיטשעוו), האָט מיר איבערגעגעבן אַזאַ מין כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. ער איז געקומען קיין וואַרשע אין 1912 איינצולאַדן פּרצן מיטצו־אַרבעטן אין דער ציטונג, ער איז געווען ביי פּרצן, געווען ביי דינעזאָנען. פּרץ האָט שוין דאַן געוואוינט אויף יערוזאַלימסקי־אַלייע. דינעזאָן האָט געהאַט אַ שליסל צו דעם ליפט און אויך צו דער טיר פון פּרצעס שטוב. אַז מ'האָט אַרומגעשמועסט מכוח דער נייער ציטונג, האָט פּרץ אַ זאָג געטאָן צו דינעזאָנען:

— יאַנקל, פאַרקויף מיך!

דינעזאָן האָט באַשטימט אַ פּרייז, 50 רובל אַ חודש פאַר צוויי אַרטיק־לען אָדער נאָוועלן. בעת מעשה האָט פּרץ זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט, נישט געוואָלט ביייזיין ביי די געלט־פאַרהאַנדלונגען. קין האָט אַרויסגענומען 50 רובל און אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— נעמט אַוועק דאָס געלט. — האָט פּרץ זיך אָנגערופן. ער האָט נישט

געוואָלט קיין באַצאָלס. אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט די „פאָלקסשטימע" באַ־קומען פון פּרצן די פּראַכטפולע מעשה „דאָס פאַרטעך" מיט אַ צושריפט: „אַלס מתנה אָן געלט דעם באַרדיטשעווער שניידער."

5

אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער פּרץ־דינעזאָן־פריינטשאַפט האָבן מיר אין פּרץ הירשביינס בוך „אין גאַנג פון לעבן" (נ"י, 1948). פּ. הירשביין דערציילט: „ביי י. ל. פּרצן האָב איך צום ערשטן מאָל אויך געטראָפן יעקב דינעזאָנען. אַ שווייגנדיקער, מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל, איז ער געזעסן און געשטאָפּט מיט אַ מאַשינקע טאַבאַק אין גילזן אַריין... איך האָב באַ־מערקט, אַז דאָרטן האָלט מען זיך מיט אים עצות וועגן שטוב־ענינים... יעקב דינעזאָן האָט מיך באַגעגנט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, גערעדט צו מיר מיט פּרצעס שפּראַך. אויסגעפרעגט, מיט וואָס ער קאָן מיר העלפן... (ז"ז 45־46).

אין אַ ספּעציעלן קאַפּיטל „יעקב דינעזאָן" (ז"ז 272־278) פאַרנעמט זיך פּרץ הירשביין מיטן פּראָבלעם פּרץ־דינעזאָן. י. דינעזאָן האָט אָפּט גע־האַט זיין אייגענעם קוק אויף זאַכן. „ער האָט נישט געוואָלט פאַרליידן — שרייבט פּ. הירשביין — וואָס י. ל. פּרץ האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַמאַ־טאָרן, טעאַטער־ליבהאָבער, און האָפּט מיט זיי אויפצובויען אַ יידיש טעאַ־טער. לויט דינעזאָנס מיינונג, דאַרף אַ מענטש נישט צעטרענצלען זיינע פיאיקייטן און כוחות אויף זאַכן, וואָס גייען נישט אַריין אין רשות פון זיין טאַלאַנט... דינעזאָן האָט אויך געהאַט זיין אייגענעם בליק אויף ליטעראַ־טור, און מיט י. ל. פּרצעס מיינונגען האָט ער זיך נישט שטענדיק גערע־כנט..." פּ. הירשביין דערציילט: „ווען איך האָב אים איין מאָל אַ פרעג געטאָן, הלמאי ער האָט כמעט אויפגעהערט צו שרייבן, — האָט ער אַ צייט געשוויגן, געקוקט צום ווינקל אַפיר, און אומעטיק אַ זאָג געטאָן: — עס קומט אַ צייט, ווען אַן עלטערער שרייבער דאַרף אָפּטרעטן זיין פּלאַץ דעם יינגערן, וואָס רייסט זיך פאָראויס. איך האָב שוין מיין חלק אָפּגעטאָן, און פאַר דעם מיין שכר באַקומען". און ווען פּ. הירשביין האָט אים גע־פרעגט: — „און פאַרוואָס הערן נישט אויף צו שרייבן די פון אייער על־טער און פון אייער דור?" — האָט אים דינעזאָן געענטפערט: — „וועגן פּרצן איז נישטאָ וואָס צו ריידן. ער איז נישט אַלט, ער איז יונג, און ווערט אַלץ יינגער." (ז' 274).

וואָס שייך די פּערזענלעכע באַציאונגען און ווירקונגען פון פּרץ־דינע־זאָן, זאָגט פּרץ הירשביין: „די נאָענטקייט איז געווען אַ דאָפּלט גליק פאַר ביידע צדדים. מחמת י. דינעזאָן אין פּרצעס ד' אמות איז געווען

יינגער און כמעט שטענדיק האָט אַ יונגער שמייכל באַלויכטן זיין פּנים... און פּרץ? ער האָט זיך געטראָגן אויף די פליגל פון זיינע אייגענע חלו־מות. ער האָט אַליין אַ סך געזוכט און אַ סך געפונען. אָבער די, וואָס זוכן, קריכן אָפט אַראָפּ פון וועג, קוקן אויס אויף הילף... ווען יעקב די־נעזאָן איז אים אין אַזאַ צייט אָנגעקומען אויף זיין וועג — האָט ער, פּרץ, זיך ווי אַ קאַפּריזנע קינד געברויגזט און געוועדט" (ז"ז 277־278).

גאַנץ אַנדערש פּאַסט אויף די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פּרץ און דינעזאָן ד"ר א. מוקדוני אין זיין בוך „י. ל. פּרץ און דאָס יידישע טעַ־אַטער" (נ"י, 1949), וואו ער שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשיידענע מאָמענטן און עלעמענטן פון זייער פריינטשאַפט און נאָענטקייט. „די פריינטשאַפט צווישן פּרצן און דינעזאָנען — שרייבט ער — איז נישט געווען קיין געזונטע, ווייל עס איז געווען אַ פריינטשאַפט צווישן צוויי ווייט ניט גלייכע מענטשן. די פריינטשאַפט האָט מיט דער צייט טאַקע דעגענערירט אין משרתעריי מצד די־נעזאָנען, אין אַ פּאַטעטישער, אָבער אין אַ ניט־נאַטירלעכער געטרייקייט און איבערגעגעבנקייט פון איין צד, פון דינעזאָנס צד. פּרץ איז געווען פּאַסיוו אין דער דאָזיקער פריינטשאַפט... פאַר דינעזאָנען איז די פריינשאַפט מיט פּרצן געווען ממש אַ באַשערונג..." ד"ר מוקדוני מיינט אפילו, אַז „דינעזאָנס איבערגעגעבנקייט האָט פיל מאָל פאַרפירט פּרצן אין אַ בלאָטע" (ז"ז 18־20). אינעם בוך פון ד"ר א. מוקדוני זיינען פאַנאַנ־געוואָרפן פאַרשיידענע שילדערונגען וועגן די פּרץ־דינעזאָן־פאַרהעלטע־נישן, וואו י. דינעזאָן קומט אַרויס בלייך און נעבעכדיק. אָט טוט ער אַ זאָג: „י. דינעזאָן איז געווען פּרצעס שאָטן. ער האָט קיין אייגענע שטע־לונג און קיין אייגענע ענערגיע נישט געהאַט. ער האָט געלעבט מיטן זכות פון פּרצן." (ז' 202).

ס'איז אינטערעסאַנט, ווי ס'איז געשטיגן פּרצעס ליבשאַפט און נאָענט־קייט צו דינעזאָנען. לכתחילה רופט ער אים אין זיינע בריוו „ידידי", דערנאָך „ידיד־נפש", שפּעטער „ליבער דינעזאָן", „ליבער יעקב", „לי־בער יאַנקל" און אויך „ברודער."

לאָמיר דאָ ווייטער ברענגען איניקע אויסצוגן פון א בריוו פון יעקב דינעזאָן, וואָס ער האָט געשריבן יולי 1919 (איבער 4 יאָר נאָך פּרצעס טויט) צו הערמאַן בערנשטיין, ניו־יאָרק. מיר זעען ווי יעקב דינעזאָן האָט אויפ־געהיט זיין פאַרערונג צו פּרצן און אַריבערגעטראָגן די טיפע זאָרג צו פּרצעס פרוי. „עס האַנדלט זיך — שרייבט יעקב דינעזאָן — וועגן דער באַדויערנס־ווירדיקער געדריקטער, אין מאַטעריעלער הינזיכט, לאַגע פון דער פאַ־מיליע — הויפּטזאַכלעך, פאַר דער אלמנה — פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן גרויסן קאָלעגע יצחק לייבוש פּרץ, ז"ל. — אַלס דער נאָענסטער פריינט זיין

גאַנצעס לעבנס־צייט, איז מיין פליכט, די זעלבע פריינטשאַפט פאַרצוזעצן אין באַצוג צו זיין נאָך אים אין טרויער און עלנט פאַרבליבענע פאַמיליע. און עס טוט מיר פיינלעך וויי, איך דערציילן צו מוזן, ווי ווייניק און ווי נישטיק, כמעט, עס איז ביז אַהער געטאָן געוואָרן צו פאַרערן און פאַראייביקן דאָס געדעכעניש פון דעם גרויסן פּרצן בכלל, און צו פאַרזאָרגן מיט אַ דערטרעגלעכער עקזיסטענץ זיין אלמנה בפרט. — אַלס עמעריטור פאַר פינף־און־צוואַנציק יאָריקע אומדערמידלעכע שאַפנדע אַרבעט אין וואַרשעווער יידישער געמיינדע פאַרוואַלטונג, באַקומט די אלמנה פון פּרצן קוים 144 מאַרק מאָנאַטלעכע פענסיאָן. דערפון האָט מען איר פיר יאָר כסדר אָפּגעשלאָגן צו עלף מאַרק מאָנאַטלעך ביז עס האָט זיך ערשט פאַריקן מאָנאַט געסילוקט די סומע 200 רובל, וואָס פּרץ האָט אַמאָל געבאָרגט ביי דער פאַרוואַלטונגס־קאַסע.״

י. דינעזאָן חידושט זיך, ווי מ׳האָט געקאָנט לעבן פון אַזאַ נישטיקער סומע. און ער זאָגט ווייטער: „איך וואונדערט אפשר, וואָס מיר פאַלט איין איך צו דערציילן דעם גרויסן יושר פון וואַרשעווער יידישער געמיינדע־פאַרוואַלטונג, און איך פאַרשוויג איך פון דעם פשוט פאַרברעכערישער אומדאַנקבאַרקייט פון גאַנצן יידישן פובליקום אין אונדזער אַלטער יוראָפּ, ווי מען רופט זי דאָרט ביי איך. וועל איך איך אין קורצן ענטפערן, וואָס האָט שוין מיט פיר יאָר צוריק, באַלד נאָך פּרצעס טויט, מיר געענטפערט איינער פון די וויכטיקסטע און אָנגעזעענסטע פעטערבורגער יידישע כלל־טוער, ווען איך האָב מיט אים דאָ אין וואַרשע אַן אונטעררעדונג געהאַט וועגן שאַפן אַ מין פּרץ־פאָנד, וואָס זאָל פאַראייביקן זיין פאַרדינסט־ און רומפולן נאָמען בכלל, און וואָס זאָל פאַרזאָרגן דאָס עקזיסטענץ פון זיין אין טרויער און עלנט פאַרבליבענע ווייטווע (אלמנה) בפרט. „פּרץ, — האָט יענער מיר אַ זאָג געטאָן, — האָט זייער נ י ט ק ל ו ג געטאָן, וואָס ער האָט קיין בעסערע צייט נישט געפונען ווען צו שטאַרבן, ווי דווקא בעת די גאַנצע וועלט איז אין אַ מלחמה פאַרפּלאָנטערט, און די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע און כוחות מוזן פאַרווענדט ווערן צו ראַטעווען די אומצאָליקע הונגעריקע, צעפלינדערטע און פאַרוואָגלטע!״

„יאָ, געערטער קאָלעגע, פּרץ האָט עס טאַקע ניט קלוג געטאָן צו שטאַרבן אַזוי פלוצלונג און אַזוי אומגעריכט. ער האָט גאָר קיין צייט נישט גענומען צו באַטראַכטן, און וואָס פאַר אַ צייט ער שטאַרבט און זיך גאָר נישט אַרומגעזען אין וואָס פאַר אַ שטאָט און לאַנד ער שטאַרבט. און דערפאַר טאַקע קומט מיר, זיין אים איבעראַל באַגלייטנדיקן פריינט, וואָס האָט אים ניט ווילנדיק אַריבערגעלעבט, צו פאַרריכטן יענע נ י ט ־ ק ל ו ג ה י י ט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט זיין שטאַרבן ניט אין דער פּאַסיקער צייט און

ניט אין דער פּאַסיקער שטאָט. און אָט ווענד איך מיר צו אייך, אַז איר, מיט די איבעריקע קאָלעגן, זאָלט אייער פליכט טאָן און אויסאיבן אייער הילפס־ברענגנדן איינפלוס אויף אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער, וואָס דער נאָמען י. ל. פּרץ איז זיי יעדנפאַלס נישט אומבאַקאַנט, עס זאָל עפּעס געטאָן ווערן, ווי עס פּאַסט פאַר אייערע אַמעריקאַנער..." (דער בריוו איז איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור", נ' 8־9, 1944, ז"ז 90־91).

. יעקב דינעזאָן, ווי באַקאַנט, האָט פאָרגעזעצט נאָך פּרצעס טויט די הייליקע אַרבעט אַרום די יידישע שולן, אַרום די יידישע קינדער־היימען, וואָס פּרץ האָט די לעצטע חדשים פון זיין לעבן געהאָלפן זיי שאַפן אין וואַרשע, געשריבן פאַר זיי ספּעציעלע קינדער־לידער און אפילו אַוועק־געשענקט לטובת די נויט־באַדערפטיקע היימלאָזע זיינע טייערסטע חפצים. יעקב דינעזאָן האָט זיך געפילט פאַרפליכטעט ווייטער פאָרצוזעצן די אַרבעט, וואָס פּרץ האָט אָנגעהויבן.

פּרצעס טויט האָט אויף יעקב דינעזאָן געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק, ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ער האָט געבענקט שטאַרק נאָך פּרצן, ביז ער איז אין גיכן געשטאָרבן און געפונען זיין אייביקע רו אַרום פּרצן. — ווי באַוואוסט, ליגט ער צוזאַמען מיט ש. אַנ—סקי אונטערן „אוהל־פּרץ."

פּרץ און דינעזאָן זיינען פאַרבליבן ברידער, אייגענע ברידער אויך נאָכן לעבן. אויף זיי קאָן מען זאָגן: „הנאהבים והנעימים, בחייהם ובמותם לא נפרדו!" — אין זייער לעבן און נאָך זייער טויט זיינען זיי פאַרבליבן נישט צעשיידט!

י. ל. פרץ און שלום-עליכם

1

ווי זיינען געווען די פערזענלעכע באַציאונגען פון פרץ און שלום-עליכם, די צוויי גרויסע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער שריפט-שטעלערישע קאַריערע אין די זעלבע יאָרן און אויך פאַרענדיקט זייער שאַפן כמעט אין איין און דער זעלבער צייט. ווי האָבן זיך פרץ און שלום-עליכם באַצויגן איינער צום צווייטן אין לויף פון 26 יאָר, אָנגעהויבן פון 1888, זינט פרץ האָט אָפגעדרוקט אין שלום-עליכמס „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" זיין ערשט יידיש ווערק „מאָניש", ביז זייער לעצטער פריינד-לעכער און האַרציקער באַגעגעניש אין 1914 אין וואַרשע?

עס איז זיכער אַ שטאַרק פאַרדראָסיקע זאַך, וואָס אָט-די צוויי גרויסע יידישע קינסטלער האָבן געפירט צווישן זיך אַ ברוגז, וואָס צייטנווייז איז ער דערגאַנגען ביז צו גאָר שאַרפע קאָנפליקטן, — אַ ברוגז, וואָס האָט געדויערט שיינע עטלעכע יאָר. עס זיינען נישט געווען צווישן זיי קיין חילוקי-דעות, נאָר אַ ברוגז און אַ שנאה, וואָס איז וואָס-ווייטער אַלץ-מער צעבלאָזן געוואָרן, — אַ ברוגז און שנאה, וואָס איצט — נאָך עטלעכע צענדליק יאָר — קומט עס אויס אומפאַרשטענדלעך, און אפילו קינדיש. אין דעם ברוגז ווי אינעם איבערבעטן זיך וויזן זיך אַרויס די צוויי פאַר-שיידענע כאַראַקטערן און פערזענלעכקייטן פון פרץ און שלום-עליכם. ווי קאַפּריזנע קינדער האָבן זיי אָנגעהאַלטן דעם קריג, ביז זיי זיינען לסוף אַריינגעפאַלן איינער אין די אָרעמס פונעם צווייטן, און עס האָט זיך איינ-געשטעלט צווישן זיי אַ האַרציקע, רירנדיקע ליבשאַפט.

מיר ברענגען אַרויס גאַנץ אויספירלעך די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון פרץ און שלום-עליכם, ווייל דורך זיי קומט אויף פאַר אונדז די קול-טור-געזעלשאַפטלעכע סביבה, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געשאַפן די צוויי גרונטלייגער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, די סביבה מיט אירע ליכט און שאָטן, און אָפטמאָל — מיט גאָר אירע אַמאָליקע קולטור-געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און פאַרהעלטענישן.

שלום-עליכם איז געווען יינגער פון פרצן אויף אַ 8 יאָר (פרץ איז

געבוירן אין 1851, ש״ע — אין 1859). אָבער אין דער יידישער ליטע־ראַטור (אין יידיש) איז שלום־עליכמס נאָמען געווען באַקאַנט פריער ווי פּרצעס. ווען שלום־עליכם איז אין יאָר 1888 צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן די זאַמלביכער „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ און צוליב דעם זיך פאַר־בונדן מיט די אָנגעזעענסטע יידישע, העברייאישע און יידיש־רוסישע שרייבער פון יענער צייט, איז נאָך פּרצעס נאָמען געווען ווייניק באַקאַנט און ש״ע לאָדט אים אפילו נישט איין.

פּרץ האָט דאָן אַליין, פון אייגענער איניציאַטיוו צוגעשיקט צו שלום־עליכמען די באַלאַדע „מאָניש״, וואָס איז אָפּגעדרוקט געווען אין ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ 1888. ווייזט אויס, קיין גרויס התפּע־לות האָט ש״ע נישט געהאַט פון „מאָניש״. די בריוו, וואָס פּרץ האָט אין די יאָרן 1888־1889 (ביזן ברוגז ווערן) געשיקט צו שלום־עליכמען, זיינען אַלע אין העברייאיש. פּרץ איז געשטאַנען ווייטלעך פון דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

„מאָניש״ איז געווען פּרצעס ערשטע געדרוקטע זאַך אין יידיש. ער שרייבט צו ש״ע: „זשאַרגאָן האָב איך נאָך נישט געדרוקט און ביז אַהער האָב איך פאַרברענט דאָס וואָס כ׳האָב געשריבן״. פּרץ האָט דאָן געהאַט אַ באַזונדערן קוק אויף די אויפגאַבן פון דער יידישער ליטעראַטור. אין די בריוו דערווייזט ער, אַז מען נויטיקט זיך אין דער „זשאַרגאָנישער״ ליטעראַטור נישט בלויז אין בעלעטריסטיק, נאָר אויך אין פּאָפּולערער וויסנשאַפט און הויפּטזאַכלעך אין יידישער געשיכטע. ער לייגט פאָר שלום־עליכמען פאַר דער „פאָלקס־ביבליאָטעק״ איבערזעצונגען פון דייטש אויף פילאָסאָפישע טעמעס...

שלום־עליכם האָט פּרצעס פּאָעמע פאַרריכט, געענדערט, אייניקע שטעלן (אינטערעסאַנטע, געלונגענע) אַרויסגעוואָרפן. דאָס האָט אויפגע־בראַכט פּרצן. אין אַ בריוו צו ש. ל. ציטראָן האָט פּרץ זיך באַקלאָגט אויף שלום־עליכמען, וואָס ער האָט זיך אַזוי באַגאַנגען מיט זיין „מאָניש״. נאָכן דערשיינען פונעם ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ האָט פּרץ דעם 3טן פעברואַר, 1889, אָנגעשריבן אַ קורץ בריוול צו שלום־עליכמען און צוגעגעבן: „אויב ס׳איז נאָר מעגלעך, בעט איך אייך אומצוקערן מיר דעם כתב־יד, „מאָניש...״ דאָס קורצע לאַקאָניש בריוול באַווייזט, אַז פּרץ איז געווען אויפגעבראַכט קעגן שלום־עליכמען. שוין דאָן האָט פּרץ געהאַט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן „מאָניש״ אין דער פאָרם, ווי ער האָט עס אָנגעשריבן. עס איז נישט ריכטיק, וואָס ב. גאָרין דערציילט („וואָרשע און אָדעס״, „צוקונפט״, 1915, ז׳ 549), אַז פּרץ האָט באַלד געלאָזט איבער־דרוקן „מאָניש״ אין אַן באַזונדערער בראָשור. אין אַ העברייאישן בריוו

צו דינעזאָן (פון 27טן יוני 1892 — דינעזאָן איז דאַן געווען אין קיעוו) שרייבט פרץ: „... מאָניש איז נאָך נישט אַרויס פון דרוק, און אַז ער וועט אַרויס, וועט ער זיין מיאוס". ערשט אין 1892 איז דערשינען די באַזונדערע אויסגאַבע „מאָניש" מיט פאָלגנדיקער צושריפט: „ געדרוקט אין „פאָלקס־ביבליאָטעק", האָט די באַלאַדע געליטן פון רעדאַקטאָרס שער און פעדער. די געקרענקטע אייגנליבע האָט מיר באַוואויגן זי איבערצושרייבן, און גוטע פריינט איבערצודרוקן" (י. ל. פרץ „פּאָעזיע", צווייטעס העפט, מאָניש (באַלאַדע), וואַרשע תרנ"ב, 40 זייטלעך).

און דאָ דאַרפן פאַרריכט ווערן אייניקע אומפּינקטלעכקייטן אַרום פרצעס „מאָניש", מיט וועלכע עס איז געשטרויכלט געוואָרן אפילו ש"ע אַליין.

מען האָט געשריבן, אַז אַדאַנק דינעזאָנען איז „מאָניש" געווען געדרוקט ביי שלום־עליכמען אין „פאָלקס־ביבליאָטעק": ש"ע שרייבט אין זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט י. ל. פרץ" (1915, שלום־עליכם — יידישע שרייבער, באַנד 15, ז' 71): „אַז איך האָב געהאַלטן ביים אַרויסגעבן די „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק", און פרץ האָט מיר צוגעשיקט קיין קיעוו זיין באַלאַדע „מאָניש" איז תיכף נאָך פרצעס בריוו אָנגעלאָפן אַ בריוול פון וואַרשע פון דינעזאָן, וואו ער פרעגט זיך נאָך אויף דעם „אויפגייענדן שטערן", און אַז איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין פון דער באַלאַדע אַנטציקט, און אַז דער אַוטאָר שיינט צו זיין אַ גרויסער טאַלאַנט, איז קיין גליקלעכער פון דעם דינעזאָן אויף דער וועלט נישט געווען". עס איז נישט ריכטיק. פרץ איז באַקאַנט געוואָרן מיט דינעזאָן ערשט נאָכן דערשיינען פון שלום־עליכמס ערשטן בוך „פ"ב". פרץ שרייבט אַ העברייאיש קאַרטל צו דינעזאָן (זאַמאָשטש, 24טן פעברואַר, 1889): „פון דיין לויב, מיין האַר, הגם איך קען דיך נישט, האָב איך זייער הנאה געהאַט, מיר וועט זיין אָנגענעם צו באַגעגענען זיך מיט דיר. צי דאָס ביסטו עס, מיין האַר, דער מחבר פון „הנאהבים והנעימים" און „קרעפּלעך זאָלסטו עסן"?" („קרעפּלעך זאָלסטו עסן" פון י. דינעזאָן איז אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט פרצעס „מאָניש" אין „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק"). איך האָב אַדורכגעקוקט די בריוו פון שלום־עליכם צו י. דינעזאָן פון יענער צייט, און פרצעס נאָמען איז דאָרט נאָך נישט דערמאָנט.

דאָס האָט אויך באַשטעטיקט י. ד. בערקאָוויטש אין אַ בריוו צו מיר: „דער בעסטער באַווייז, אַז נישט דינעזאָן האָט דער ערשטער צוזאַמענגעפירט פרצן מיט שלום־עליכמען איז דער, וואָס אין זיין ע ר ש ט ן בריוו צו ש"ע שרייבט פרץ, אַז ער האָט זיך דערוואוסט וועגן שלום־עליכמען און וועגן דער פּראָיעקטירטער אויסגאַבע פון דער „ייד. פאָלקס־ביבלי־

אַטעק״ דורך זיינעם (פּרצעס) אַ פריינט מיטן נאָמען עפּשטיין״ (זע פּרצעס „בריוו און רעדעס״, ז׳ 138).

אינעם פריער־דערמאָנטן אַרטיקל דערציילט ש״ע, אַז „ער, דינעזאָן, האָט מיר שוין צוגעשיקט נאָך דעם אַ גאַנצע „טעדראַד״ מיט קליינע דער־ציילונגען — פון י. ל. פּרץ, פון וועלכע ס׳איז גרינג געווען אויסצוקלייבן און אָפּצודרוקן אַזעלכע זאַכן, ווי דער „בעלמער מלמד״, „ווענוס און שו־למית״ און דאָסגלייכן״. אין אַ בריוו צו י. דינעזאָן (פון 4טן אויגוסט, 1889) האָט שלום־עליכם וועגן דעם זעלבן ענין געשריבן: „...: איך בעט אייך, ההילות לנפול נפול תפול — איר האָט אָנגעהויבן מיט פּרצן, דאַרפט איר אויסלאָזן מיט פּרצן. פונעם פּעקל, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט, האָט ער, לויט אייער רשימה, אַרויסגעצויגן דריי פּערטל סיפּורים און פון איין פּערטל, וואָס איך האָב אויסגעקליבן. וועט קומען אין דער ביבליאָטעק 4 אָדער 5; קיין געלט פאַראויס, מטעם הידוע לכם, צאָל איך שוין נישט קיינעם ואפילו לצנועין. שרייבט דאָס אים. דעם גרויסן שיר זיינעם, אויב ער וועט אים פאַרקירצן, לויט מיין בריוו צו אייך וועגן זה הענין זה כשני ירחים, וועל איך אים אויפנעמען ברצון״...

פון דאַן אָן איז שוין דינעזאָן געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר פּרצן. אין דעם בריוו וואו י. דינעזאָן דערמאָנט צום ערשטן מאָל פּרצעס נאָמען, (י: ד. בערקאָוויטש צייכנט אָן די דאַטע פון דעם בריוו סוף אָקטאָבער 1888; עס איז געווען זומער, 1889, ווייל, ווי מיר האָבן פריער געזען, האָט פּרץ דעם 24טן פעברואַר 1889 נאָך נישט געקענט דינעזאָנען) שרייבט י. דינעזאָן: „... אומגעאַכטעט, וואָס דאָס גאַנצע לומפּנגעזינדל איז מיר אַזוי פאַראַכטעט, אומווירדיק געוואָרן, האָב איך אין דער לעצטער צייט אַ נייעם פריינט און מחבר געפונען, און דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָ איז אמתע פריינטשאַפט, אמתע ליבע און אַכטונג זעלבסט צו דעם פּערזאָן אַזוי גוט ווי צו דעם טאַלאַנט, וואָס די פּערזאָן באַזיצט. איך מיין דעם ליבן פאָעט הער פּרץ, וואָס מיר זיינע איינגעליבט געוואָרן איינער אין אַנדערן באהבה טהורה ואמתית שאיננה תלויה בדבר ולא תבטל לעולם. איך ווייס נישט, וואָס דער מענטש האָט דערווייל אין מיר געפונען, כאָטש מיר איז קלאָר גענוג, וואָס איך געפין אין אים יעדן טאָג. ער שיקט מיר צו אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון זיין געבענטשטער געדיגענער פעדער, און איך קלויב נחת, האָב אמתע פאַרגעניגן צו לעזן זיינע עסקיזן, וואָס זענען מיט גאָלד נישט אָפּצושאַצן. די טעג האָט ער מיט אַן עקסטרע מענטשן צוגע־שיקט זיין גראַנדיעזע פּאָעמע, וועלכע ער שרייבט פאַר אייער צווייטער ביבליאָטעקאַ, לה דומיה תהלה, דאָס איז נישט „אופיר״ און נישט די גנבת דעת פון אופיר, און נישט דער מחבר פון אופיר (דער מחבר פון „אופיר״

איז דוד פרישמאַן! — נ. מ.). אַ קינד וועט פאַרשטיין און אַנקווועלן פון נחת פון דער פּאָעמע, און מבינים ווי וויניק זיי זיינען ביי אונדז יידן וועלן רזין דרזין אין דער פּאָעמע געפינען. איך אַז איך לעזע זי, און גע־לעזן האָב איך זי שוין הונדערט מאָל, דערמאָן איך מיך אין בייראָן, אַזוי ווילד אַזוי רייך און אומגעצאַמט איז די מוזע זיינע, זי האָט קיינע גרענעצן און קאָן קיין צוואַנג און דרוק ניט דולדן. איר ברויכט זי לעזן... און בייראָן וועט אייך אַ לעבעדיקער פון קבר אויפשטיין און איר וועט נישט וויסן אויב אין פוילן וואָלט בייראָן אַנדערש געשריבן און געקאָנט שרייבן...״

אַז ש״ע זאָל זיין שטאַרק אַנטציקט פון פרצעס זאַכן, זעט מען נישט אין די אַלע אויספירלעכע בריוו, וואָס ש״ע האָט געשריבן צו י. דינעזאָן. פיל אָרט און פיל לויב־געזאַנגען ווערט דאָרט אָפּגעגעבן דוד פרישמאַנען און זיין פּאָעמע „אויפיר״ (געדרוקט אין ערשטן בוך „ייד. פאָלקס־ביבלי־אָטעק״).

קיין גרויס התפעלות האָט אויך פרצעס באַלאַדע „מאָניש״ נישט אַרויסגערופן ביי דער קריטיק. ש. ל. ציטראָן שרייבט אפילו: „כמעט אַלע, וואָס האָבן דעם זאַמלבוך רעצענזירט, האָבן איינגעשטימט, אַז „מאָ־ניש״ איז אַ קינסטלער־ווערק, וואָס אין יידיש איז נאָך זיין גלייכן קיינמאָל נישט געווען״ (ש. ציטראָן — דריי ליטעראַרישע דורות 1). אדרבא, דער דאַן באַקאַנטער און אויטאָריטעטער קריטיקוס (ש. דובנאָוו) האָט אין זיין אַרטיקל איבער דעם זאַמלבוך געשריבן אין רוסישן „וואָסכאָד״״: „פיל נידעריקער פון דער פּאָעמע (ד. פרישמאַנס „אופיר״) איז די באַלאַדע פון ה׳ פרץ״.

ש. דובנאָוו איז דאַן געווען אין נאָענטע פריינטלעכע באַציאונגען מיט שלום־עליכמען. זיי האָבן געפירט צווישן זיך אַ בריוו־אויסטויש, און ש״ע האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו דער מיינונג פון ש. דובנאָוון. קריטיקוס (דובנאָוו), כידוע, האָט דער ערשטער געמאַכט אויפמערקזאַם „אויף דעם יונגן ש״ע און אויף זיין „קליינעם דימענט״, „דאָס מעסערל״ (1887).

ווי קומט עס, וואָס פרץ האָט געשיקט ש״ע פאַר זיין צווייטן בוך „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק״ נאָך זאַכן, ווען ער איז געווען אומצופרידן מיט די ענדערונגען אין „מאָניש״? ראשית, איז דאַן כמעט נישט געווען קיין אַנדערע יידישע אויסגאַבע, און צווייטנס, ווייל פרץ האָט זיך דאַן געפונען אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. אין אַ בריוו (פון מיטן 1889) שרייבט פרץ צו שלום־עליכמען וועגן זיינע שריפטן פאַר דעם צווייטן באַנד „פאָלקס־ביבליאָטעק״: „איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט און עס איז מיר אויפן געדאַנק נישט אַרויף, אַז עס זאָל קומען אַמאָל אַ טאָג און איך זאָל געצוואונגען זיין צו פאַרדינען פון מיין פעדער. צו מיין אומגליק

איז געקומען אַזאַ טאָג, און איך בין געצוואונגען צו געבן אייך אַ דערלוי־בעניש צו פאַרריכטן, ווייל איך נויטיק זיך זייער אין געלט. איך האָב קיינ־מאָל גאָרנישט געטראַכט און עס איז מיר אויפן געדאַנק נישט אַרויף, איך זאָל וועלכן עס איז אַנדערן אַרויסגעבער אָפּגעבן די בכורה לגבי אייך. פאַרקערט, מיטן גאַנצן האַרצן וועל איך אייך אָוועקגעבן אַלע מיינע דער־ציילונגען... נאָך אַמאָל פאַרזיכער איך אייך, אַז איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט צו דערווייטערן זיך פון אייך מיט מיין ארבעט. און אויב עס וועלן זיין ביי מיר טענות און מענות, וועל איך זיי זאָגן מיטן פולן מויל, ווייל די פ״ב שטייגט איבער מיט איר באַדייטונג אַלץ, וואָס איז געווען גע־דרוקט אין אונדזערעביידע ליטעראַטורן״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 154).

אויך י. ד. בערקאָוויטש האָט באַשטעטיקט — אין זיין בריוו צו מיר — אויפן סמך פון שלום־עליכמס בריוו, וואָס זיינען דאָ אין זיין רשות, אַז שטאַרק האַלטן האָט ש״ע פון פרצן נישט געהאַלטן און ער „רעדט כמעט אין ערגעץ נישט פון פרצעס שרייבן, ד״ה שטעלט זיך אויף דעם נישט אָפּ באריכות, ווי ער פלעגט טאָן בנוגע צו אַנדערע שרייבער פון יענער צייט״.

און ריכטיק זיינען ב. גאָרינס ווערטער, אַז ש״ע „האָט ניט נאָר נישט געכאַפּט קיין התפעלות (פון פרצעס ״מאָניש״ און איבעריקע זאַכן—נ. מ.), נאָר ער האָט זיי באַטראַכט פאַר גאַנץ געוויינלעכע זאַכן״. דעריבער איז „פרץ דערפון געווען זייער געקרענקט״.

2

פרצעס פרעסטיזש האָט ראש געגומען וואַקסן צווישן דעם וואַרשע־ווער קרייז פון זיינע פריינט און פאַרערער. אין 1890 דערשיינט פרצעס ערשט ביכל אין יידיש „בעקענטע בילדער — פאָן לעאָן פרץ, הערויסגעגעבן דורך י. דינעזאָן״. צום ביכל זיינען צוגעגעבן „איניקע ווער־טער פונעם הערויסגעבער״. פרץ איז שוין אַרויף אויף דעם דרך־המלך פון דער יידישער ליטעראַטור. ער פאַרט אַריבער קיין וואַרשע, ער מאַכט זיין רייזע איבער די שטעטלעך פון טאָמאַשאָווער פאָוויאַט מיט דער סטאַ־טיסטישער עקספּעדיציע פון יאַן בלאָך. ער קומט צוריק פול אָנגע־לאָדן מיט איינדרוקן, און אַ מענטש פון באַלד 40 יאָר, פאַרנעמט ער זיך אויף נייע שעפערישע פאַרמעסטן. ער באַפריינדט זיך מיט אָנגעזעענע יידיש־אַריסטאָקראַטישע הייזער אין וואַרשע און ער אָרגאַניזירט „די יו־דישע ביבליאָטעק, — אַ זשורנאַל פיר ליטעראַטור, געזעלשאַפט אונ עקאָ־נאָמיע״, „רעדאָגירט און הערויסגעגעבן דורך י. ל. פרץ״. שוין אין ערשטן באַנד (דערשינען אין 1891) דרוקט פרץ אַ גרויסן געזעלשאַפטלעך־פּראָ־גראַמאַטישן אַרטיקל „בילדונג״, די גלענצנדיקע נאָוועלן „אינעם פּאָסט־

וואַגאָן", „שלום־בית", „ר' בערל", „דער נייער ניגון' און אַ ריי לידער, אַן אָפּהאַנדלונג פּאַר בעלי־מלאכות, און עטלעכע אַרטיקלען־רעצענזיעס. גלייך נאָכן ערשטן באַנד דערשיינט דער צווייטער באַנד (אויך 1891), וואָס איז ווידער אָנגעפּילט דאָס רוב מיט פּרצעס טיף־אייגנאַרטיקע שאַפונגען. פּרץ פּאַרעפּנטלעכט דאָ זיינע באַרימטע „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע". די אַלע זאַכן זיינען געווען איבערגענוג, זיי זאָלן אַוועקשטעלן זייער מחבר אין דעם אויבנאָן פון דער דעמאָלטדיקער יידישער ליטעראַטור.

אָבער דאָס אַלץ שטערט נישט, אַז אין „קול מבשר" (צו דער 3 „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק") אַרויסגעגעבן פון ש"ע (אָדעס 1892) זאָל זיך באַווייזן אַן אומגערעכטע בייסנדיקע קריטיק פון ש"ע אויף פּרצעס אַ ביכעלע „פּאָעזיע", געחתמעט „קריטיקוס דער צווייטער". ש"ע ברענגט ציטאַטן פון פּרצעס פּאָעמע „כסא שלמה" און מאַכט חוזק פון זיי: „פון אויבנאויף קומט דאָס אויס אפילו אַביסעלע טונקל, וויטלעך פון פאַר־שטאַנד, עפּעס ווי אַ מין שפּרוך פון אַ מכשף, אָדער אַ סגולה צו צאָן־ווייטיק, רחמנא ליצלן". און ברענגנדיק נאָך עטלעכע שורות פון ביכל קומט ווידער אַ באַמערקונג פון קריטיקער: „שאַט, וואָס הייסט „פּאָקשיווע?" „סטייטש, פּאָקשיווע ווייסט איר נישט? פּאָקשיווע איז... איז... פּאָקשיווע!: און דערנאָך: „אַ משל, שטראָם גראָם מאַך מיר אַ לעטניק!" און: „פּרץ איז פּרץ, און „פּאָעזיע" איז נישט קיין פּיפּערנאָטער. „פּאָעזיע" באַדאַרף האָבן קודם אַ געדאַנק, און דער געדאַנק באַדאַרף זיין אַרויסגערעדט אַזוי, אַז מען זאָל פאַרשטיין, עס זאָל זיין ביי וואָס אָנצונעמען, ובפרט, אַז מען שרייבט פאַרן פאָלק אין זשאַרגאָן, באַדאַרף מען ערשט זען, עס זאָל עפּעס זיין געזאָגט, נישט גלאַט אַ מישמאַש פון משונה־ווילדע הויכע ווערטער, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, פּיזעם, קנאָבל, קובעבע מיט לאַקריץ, ווי למשל דאָס צווייטע ליד, „דעם לייבס לוויה", וואָס איז אויך פאַרשטעלט, פול סודות". און ש"ע ענדיקט די קריטיק: „געוואַלד, געוואַלד: שמע ישראל!!"

עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלן, ווי די דאָזיקע בייסנדיקע ווערטער האָבן דאַן געווירקט אויף פּרצן.

דאָס איז געווען דער ערשטער (און אפשר דער איינציקער) עפנטלעכער אָנגריף פון שלום־עליכמען אויף פּרצן, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַ בייז לעבן צווישן דיביידע גרויסע שרייבער. דער כעס ביי ש"ע איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן.

אָט האָבן מיר אַ גרוס ווי פּרץ האָט אויפן אָרט אויפגענומען די אַטאַקע. אין אַ בריוול צו ב. גאָרין (1892, געשריבן רוסיש) שרייבט פּרץ: „שלום־עליכם טרעט צו אַרויסצוגעבן דעם דריטן באַנד; דערווייל האָט ער אַרויס־געגעבן דעם „קול מבשר", צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסלעך קעגן מיין

אומגליקלעכער פערזאָן". און מערקווירדיק וואָס פּרץ שרייבט ווייטער: „שלום־עליכם איז פּאַרט אַ טאַלאַנטירטער שרייבער. פאַרוואָס קריכט ער אין בלאָטע? אַ שאָד!... אין „קול מבשר" זיינען גוט דאָס געדיכט „וויגן־ליד" און אויסגעצייכנט איז אָנגעשריבן דער פּאַרס „לאָנדאָן", דאָס איבע־ריקע — נול. און אַלץ, דאַכט זיך, אָנגעשריבן פון איין פען". („בריוו און רעדעס", 167־168).

אגב, „לאָנדאָן" זיינען די ערשטע בריוו פון מנחם־מענדל און שיינע־שיינדל. אינטערעסאַנט, ווי פּרץ האָט גלייך תופס געווען דעם באַטייט פון מנחם־מענדלס ערשטן אַרויספאָר דורך שלום־עליכמס געבענטשטער פע־דער.

וואָס איז די סיבה פון שלום־עליכמס כעס? ווי עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, האָט עס געשטאַמט פון דעם, וואָס פּרץ האָט אָנגערופן זיינע זאַמל־ביכער מיט כמעט דעם זעלבן נאָמען ווי ש"ע. עס איז שווער פעסטצו־שטעלן, צי פּרץ האָט עס בכיוון געטאָן. ש"ע אָבער האָט זיך געפילט דער־פון שטאַרק געטראָפן. נאָכן צווייטן בוך פון זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט ש"ע, ווי באַוואוסט, אָנגעוואוירן פלוצים זיין פאַרמעגן, ער האָט זיך געפונען אין אַ שטאַרקן מאַטעריעלן קלעם, אָבער דאָך האָט ער נישט אויפ־געגעבן דעם געדאַנק צו באַנייען די זאַמלביכער, מיט וועלכע ער איז מיט לייב און לעבן געווען געבונדן. ש"ע קאָן אָט די עוולה נישט פאַרגעסן, און יעדעס מאָל רייסן זיך אַרויס אין זיינע פּריוואַטע בריוו שאַרפע ווערטער קעגן פּרצן.

אין אַ בריוו פון 5טן יאַנואַר, 1894, שרייבט ש"ע צו מרדכי ספּעק־טאָר („טאָג", 1923) „ובני קורח לא מתו... אפנים, אונדזער אַרעמען זשאַרגאָן איז שוין באַשערט צו האָבן איינעם אַ משוגענעם. פריער האָט זיך נאַסאַדיט אויף איר איינער עפּעס אַ מטורף, אַ לעווי, ימח שמו וזכרו, און איצט האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ שטריק אַ פּרץ — — — וואָס ווען נישט איך, נאַרישער שלום־עליכם, וואָלט ער נאָך עד־היום געלעגן ערגעץ פאַר־שטעקט מיט זיין „פּאָעזיע", „געפּראַנגען מיט די צוואַנגען און געבראַגיעט מיטן ווידל"... (פּאַראַפראַזירט פון פּרצעס „פּאָעזיע". — נ. מ.) אַזאַ נאַ־כאַל! וואָס טוט ער דאַרט ביי אייך? עס ווייזט אויס, אַז ער איז ביי אייך אַ שטיקל בן־בית: ער איז געוואָר געוואָרן, אַז איך האָב אייך געשיקט אַ פע־ליעטאָן, איז ער נישט פויל אויף דער פען און שרייבט מיר אַריין אַ ברי־וועלע (אויף רוסיש) בזה הלשון: „— — — — איר האָט אפילו קעגן מיר נישט אַזוי לייטיש יוצא געווען, דאָך האָב איך אייך שוין לאַנג מוחל געווען. איך האָב אייך גערעכנט פאַר אַ דער־רוח־ווייסט־וואָס, נאָר איך בין דערפאַרן פון אַ ריכטיקער קוועלע (דינעזאָן), אַז איר זענט גראָדע אַ

גוטער מענטש, נאַר אַ משוגענער. איך גיב אייך אַ חודש צייט מיר צו שיקן אַ פעליעטאָן אין מיין „ביבליאָטעק". האָנאָראַר, ווי געוויינלעך. ווען נישט, איז אַ סימן, אַז איר האָט זיך נאָך נישט אויסגעהיילט. — ל. פּרץ."

„אַזאַ נאַכאַל! נעמען און אַרויסהענגען אַ בלעטל פונקט מיט יענעמס פירמע: נאַכטאַנצן יענעם; אומפאַרשעמט זיך באַנוצן מיטן נאָמען אדג"ל — און ער איז נאָך מוחל!! נישקשה, ער מעג שוין וואַרטן מער פון „אַ גאַנצן חודש צייט' — ער וועט פון מיר קיין ענטפער נישט באַקומען ווייל ער וועט לעבן! איך האָב אים תמיד גערעכנט פאַר אַ שטיק משוגענעם; נאַר אַז ער זאָל זיין אַזאַ נאַכאַל — דאָס האָב איך גאַרנישט געוואוסט. כ'לעבן..." צום סוף פון בריוו דערציילט ש"ע ספּעקטאָרן וועגן די רע־דאַקטאָן פון פילאַדעלפיע און ער ענדיקט: „וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט אייערנעכטן און פאַראיאָרן זאָל אויסגיין צו זייערע קעפּ מיט לעווין און מיט פּרצן, מיט מזחן. טפו! — — —".

ש"ע טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק ווידער אַרויסצוגעבן זיינע זאַמל־ביכער. אין 1894, דעם 7טן יוני, שרייבט ער צו י. ח. ראַבניצקין: „מזל־טוב! איך בין פאַרגאַנגען אויף טראָגן מיטן דריטן בוך „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", איך בין שוין רעכט אויף דער צייט, און מבינים זאָגן, אַז גיך־גיך וועל איך מוזן אַריינקלייבן זיך אין קימפּעט אַריין אין אַ גוטער שעה, אַ מזלדיקער שעה".

דעם זעלבן יוני, דעם 24טן, שרייבט ער ווידער צו י. ח. ראַבניצקין: „פּרצעס ‚ליטעראַטור און לעבן' 1) האָב איך אויך נישט געזען און וויל נישט זען. איך גלויב נישט, אַז דער מטורף פּרץ (דער צווייטער לעווי) זאָל קאָנען עפּעס וויכטיקעס מתקן זיין. אונדזער „קריטיקוס" (ש. דובנאָוו — ב. מ.) האָט גאַנץ גלייך געזאָגט אין לעצטן ביכל „וואָסכאָד", אַז פּרץ מיט בעטי פלעקל (מיין איך פלעקסער 2) האָבן זיך נאַר געפּראוווט נאָכמאַכן, אָבער עס איז זיי נישט געראָטן".

און אין אַ בריוו פון 20טן יולי 1894, שרייבט ש"ע צווישן אַנדערן צו מ. ספּעקטאָרן: „אַך, ברודער! איר האָט אונדז אַביסל קאַליע געמאַכט

---

1) אין פּרצעס „ליטעראַטור און לעבן" (וואַרשע 1894) זיינען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן פּרצעס איבער 20 גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, לידער, אַרטיקלען. צווישן זיי: „אין קעלער-שטוב", „באָנציע שווייג", „הכנסת כלה", „דאָס שטריימל", די צען „קליינע מעשיות פאַר גרויסע מענטשן" און נאָך און נאָך. אַלץ זאַכן, וואָס געהערן צום אייזערנעם פאָנד פון דער יידישער ליטעראַ־טור און דימענטן אין פּרצעס שאַפערישער קרוין.

2) בערטאַ פלעקסער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך „דאָס הייליקע לאַנד".

דערמיט, וואָס איר האָט זיך פאַרבונדן מיטן צווייטן לעווי, אַ מטורף, און ער האָט נאָך אונדזער אָפּריידן, פּלוצים אַרויסגעלאָזט צוזאַמען מיט אייך עפּעס בלעטלעך 3). איך האָב גערעכנט, אַז ער איז דאָס די סיבה, וואָס איר ווילט נישט ענטפערן און ניט שיקן ניט קיין ביכער, ניט קיין אַרטיקל."

אַ יאָר שפּעטער האָט מ. ספּעקטאָר זיך געקלאָגט פאַר ש"ע, אַז אים פעלט מאַטעריאַל פאַר זיין „הויז־פריינד", און ש"ע ענטפערט אים אַ בריוו (דעם 28טן אָקטאָבער 1895): „ליבער ספּעקטאָר! אייער קלאָג־בריוו האָב איך מקבל געווען. איך זעץ זיך צוליב אייך היינט אַוועק און אַרבעט מיט דער גאַל — איך וויל אייך בלייבן אַן „אמתער פריינד". פאַרלויפיק נאָט אייך נאָך אַ קליי‏ניקייט, אַ פאַדראַזשאַניע" (אַ נאָכמאַכונג — נ. מ.) צו אונדזער גרויסן משוגענעם דיכטער י. ל. פּרץ, מסתמא איז דאָך פאַראַן ביי אייך אין ‚הויז־פריינד' אַ רובריק פון קליי‏ניקייטן, רוקט דאָס אַהין אַריין. געחתמעט נאָר מיט איין אות: ש."

צו דער לבנה

(אויף דעם שניט און מיט דער שפּראַך פון פּרץ)

1

וואָס רוישט מיר אין מוח,
וואָס זעצט ווי אַ פאָס?
עמצנס לידער —
איך לויף אויף דער גאַס.

2

עס רוישן די שפּערבער,
עס וואָרקען די קאָטערס,
עס שפּרינגען די מייזלעך
און טאַנצן ווי טאָטערס.

3

איך קריך אויף די ווענט,
איך פאַל אויף די קברים, —
עס גלוסט זיך מיר שרייבן,
אַרויסגעבן ספרים.

4

פייגל גינגאָלדענע
בלישטשען און פראַנגען,
מע האָט דאָרט אַ גאַנער
א סרים געהאָנגען!

5

און אָקסן און אייזלען,
זיי ברומען און בלעקן,
זיי קאָנען נישט האָרכן
משוררים מעקן...

6

זי קוקט, די לבנה,
פאַרדרייט מיט דער נאָז,
עס ווילט זי איר זאָגן —
ווייסט זי נישט וואָס.

3) ש"ע מיינט די „יום־טוב־בלעטלעך", וואָס י. ל. פּרץ האָט אַרויסגעגעבן זינט 1894. דער ערשטער נומער איז דערשינען ביי דער מיטאַרבעטערשאַפט פון מ. ספּעקטאָר.

7

ראַפּטום... טס! פאַרשטומט דער וואַלד,
הערט ווי עמיץ זינגט,
ווי פּיזעם נאָבל, און זיס ווי קנאָבל,
און אַ שברים קלינגט.

8

ס׳לאָזן קעץ זיך גיין אַסך;
זאָגט זיי אָפּ גאַנץ אײדל
דער קלוגער קאָטער אויפן דאַך, —
בראָניעט מיטן ווײדל.

9

שיכור טאַנצען די שמשים,
אַלע מתים קאַנקאַנירן;
די לבנה ווינקט מיט ד׳אויגן,
אַלע שטערן קאָקעטירן...

ש.

די פּאַראָדיע, צוזאַמענגעשטעלט טיילוויז פון פּרצעס לידער, איז נישט געווען פאַרעפנטלעכט. צי האָט פּרץ געוואוסט וועגן איר — איז מיר נישט באַקאַנט.

עס גייען אַוועק נאָך עטלעכע יאָר, און דער כעס ביי ש״ע ווערט אַלץ נישט איינגעשטילט. עס דערשיינט דער „יוד״, און ש״ע שרייבט דאַן דרך־אגב צו י. ח. ראַבניצקין, דעם דעמאָלטדיקן רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל (דעם 17טן אַפּריל 1899 וועגן דעם נ׳ 6 פונעם „יוד״): „צו וואָס האָט איך געטויגט פּרצעס עטלעכע פּוסטע שורהלעך? בכדי שלא להוציא הנייר חלק? דאַכט זיך, אַסך גלייכער וואָלט געווען וואַרשאַווסקי*) צו דרוקן״.

אין אַ בריוו צו דעם יונגן יידישן דיכטער, דעם אָנפאַנגער י. י. פּראָפּוס (פון 10טן יוני 1898) שרייבט אים ש״ע אַ מיינונג וועגן די צוגעשיקטע לידער. ער גיט אים אָנווייזונגען און ער זאָגט דערביי: „פון אייער לידל ,די יידישע קינדהייט׳ בין איך בוכשטעבלעך אַנטציקט! אין אַזאַ פאָרם קאָנט איר דאָך אָנשרייבן אַ באַלאַדע, וואָס נישט נאָר פּרץ (אַ כפרה פּרץ), פּרוג וועט אייך מקנא זיין! („ליט. בלעטער״, 1926, נ׳ 104, ז׳ 290).

דער ברוגז צווישן ש״ע און פּרץ האָט אַריינגעצויגן אויך י. דינעזאָן אין מיטן. י. דינעזאָן האָט זיך באַמיט צו מאַכן צווישן זיי שלום און פאַר־גלעטן דעם סיכסוך. צוליב פּרצן זיינען די באַציאונגען צווישן דינעזאָן און ש״ע אויך געוואָרן קעלטער.

אין אַ גרויסן נישט־פאַרעפנטלעכן בריוו פון ש״ע צו י. דינעזאָן (פון 15טן פעברואַר 1900) שרייבט ש״ע:

„ליבסטער, ערלעכסטער פריינד! צווישן אונדז, ווי עס ווייזט אויס, איז דורכגעלאָפן נישט קיין קאַץ, נאָר אַ קאָטער. איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין קיין איינציק וואָרט, וואָס איר זאָגט, אַזוי ווי איך האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איר האָט זיך פון מיר דערווייטערט די גאַנצע צייט

*) געמיינט מ. מ. וואַרשאַווסקי, דעם פאַרפאַסער פון די באַרימטע פאָלקס-לידער

— — — צום סוף ווייזט זיך אויס, אַז איך בין גאָר מי יודע וואָס פאַר אַ בר־עוולה, אַ פאַרברעכער. גאָט איז מיט מיר! איך בין קיין פאַרברעכער קיין מאָל נישט געווען און קיין טיפּש אוודאי נישט. טיפּשים האָבן אייך געזאָגט, אַז איך האָב מיטן געלט אַנגעוואוירן דעם שכל, ווייל טיפּשים האָבן דאָס געוואָלט — — — אַצינד וועלן מיר גיין כסדר... דאָרטן (אין „קול מבשר") איז געווען דער אָנהויב פון מיינע אַ פּאָעמע „פּראָגרעס — ציוויליזאַציע" (כ'לעבן נישט ערגער פון די בעסטע לידער פון פרצן), און דאָרטן איז געווען אויך אַ קליינע רעצענזיע איבער זייער אַ קליין ביכעלע פון פרץ, וואָס ווען איך דערמאָן זיך אין דעם, לאַך איך, אָבער נישט מער; און איר זאָגט גאָר עפּעס תרגום־לשון: „אבל אתה יצאת לשים לאל את כשרונו הנעלה... וללעוג על כל היוצא מעטו..." (אָבער דו ביסט אַרויס און געמאַכט צונישט זיין וואונדעבאַרן טאַלענט... און אָפּצושפּעטן פון אַלץ, וואָס ס'איז אַרויס פון זיין פעדער. — נ. מ.). פע, דאָס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַזאַ ערלעכן מענטשן ווי דינעזאָן, ער זאָל אַזעלכעס זאָגן! נאָר אויב איר ווילט וויסן, האָט פרץ מיר מער געטאָן ווי איך אים. פרץ האָט באַ־דאַרפט טאָן, וואָס אַ ייד באַדאַרף טאָן: אַ ייד, אַז גאָט העלפט אים, ער קען יענעמס קלייטל אָדער יענעמס שענקל צומאַכן, איז אים גוט; נאָר אַז גאָט העלפט אים, יענעמס קלייטל אָדער יענעמס שענקל האָט זיך אַליין צוגע־מאַכט — דעמאָלט איז ער גאָר גליקלעך. אַז פרץ האָט דערהערט, אַז ש"ע איז געוואָרן עליו־השלום, האָט ער זיך מיישב געווען און האָט צוגענומען שלום־עליכמס בלעטל פון דער טיר און האָט דאָס אַרויפגעזעצט אויף זיין אייגענער טיר און פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" איז געוואָרן תומ"י אַ „יידישע ביבליאָטעק". דאָס איז ערגער, מיין ליבער דינעזאָן, פון צען טויזנט רעצענזיעס; דאָס שמעקט מיט פּאַסקודסטווע, אַז איך דער־מאָן זיך, קערט זיך מיר איבער די גרינע גאַל!! — און ווייטער זאָגט איר: „דע לך, כי מעולם לא היית בעיני לסמל היושר והאמת". (און, אַז קיינמאָל ביסטו נישט געווען אין מיינע אויגן דער סימבאָל פון יושר און אמת. — נ. מ.). — — — ע, ברודער, ווען איך בין מיט ווינציקער יושר און מיט ווינציקער אמת, וואָלט איך עד־היום געווען אַ גביר! יושר און אמת און אָרנטלעכקייט איז אין מיין ליטעראַטור־אַרבעט אפשר אַזוי ת'יל, ווי ביי אַלע יידישע מחברים אינאיינעם. איך האָב אויף דער יידישער ליטעראַטור מקריב געווען באמת ה אַ ל ב פון מיין לעבן און אַ ג אַ נ צ ן קאַפּיטאַל. — — — אויב איך האָב יאָ אַמאָל געזינדיקט קעגן מיינעם אַ חבר אַ לי־טעראַט, איז דאָס נאָר דער איינציקער ספּעקטאָר. נאָר דאָס ווייסט קיינער נישט, נאָר איך אַליין; אַפילו ספּעקטאָר ווייסט אויך נישט מיט וואָס און ווען איך האָב פאַרזינדיקט קעגן אים. אָבער פרץ — פע, פון אים זאָלט

איר מיט מיר נישטריידן! אים האָב איך געזען מיט נאָך אַזעלכע ווי ער אויף מײַן קבר טאַנצן. — פע, ער עקלט מיך!...״

אַזוי האָט זיך ש״ע באַצויגן צו פרצן אין לויף פון כמעט צען יאָר און נישט אַדורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אויסצוגיסן זײַן כעס און פאַרדרוס צו פרצן.

פרץ האָט זעלטענער אָנגעגריפן שלום־עליכמען.

אין אַ רעצענזיע, וואָס פרץ האָט געשריבן איבער די נישט־געראָטענע א. קאַטיקס עט א. ברעסלערס איבערזעצונגס־אויסגאַבן אין 1891, גיט פרץ, דרך־אגב, אַ זאָג איראָניש וועגן די רוסיציזמען אין ש״עס אַמאָליקן שרײַבן: „שלום־עליכם האָט דער ערשטער געזעצט צו טאַפּטשען מיט די פיס, אויסטשאַראָפּען די פּאַטשוּע, צו שרײַבן: גראַביאַזש! און צו מאַכן אַ פּאַלנע נאַפּאַדעניע אויף שמרס קרעפּאָסטן און אוקרעפּלעניעס און האָט אים גאַנץ אומאַנגענעם געהרגעט״... (י. ל. פרץ — „ליטעראַטור און לעבן״, פאַרלאַג ב. קלעצקין, באַנד 16, ז״ 228).

אין 1896 אין אַן אַרטיקל „די קראַנקע נערוון״ דערמאָנט זיך פרץ אין דער קריטיק פון ש״ע און מיט פאַרביטערונג געברויכט ער אַזעלכע האַרבע ווערטער: „שלום־עליכם, איינער פון די בעסטע זשאַרגאָניסטן, האָט אַמאָל ניט געוואוסט, וואָס מען מיינט „פאָקשיווע״. אַן אַנדערער אויף זײַן אָרט רופט אַרײַן דעם ערשטן בעסטן פוילישן ייד און פרעגט, וואָס דאָס וואָרט באַטײַט. ער איז אָבער נערוועז, שטעלט ער זיך אַנידער, ווי אַן אָקס מיט גרויסע הערנער, אין זײַן אַמעריקאַנישן רעקלאַמאַציאָנס „קול מבשר״ און בלעקט אַרויס: מאַי פּאָקשיווע? כדי ער זאָל „פּאָסט־פּאַקטום״ געוואָר ווערן, אַז פאָקשיווע איז דאָס אייגענע, וואָס „קראָפּיווע״, דאָס הייסט אַ מין געוויקס, וואָס פּאַסט אַזוי אין אַ גאָרטן אַרײַן, ווי זײַן „קול מבשר״ אין אַן אָרנטלעכער ליטעראַטור״ (י. ל. פרץ, באַנד 8, 138).

3

אַן איבערברוך אין די שלעכטע באַציאונגען צווישן ש״ע און פרץ איז געשען אין יאָר 1901. פאַר די פאַר יאָר איז פרצעס רום אומגע־הויער געוואַקסן. פרצעס נאָמען ווערט אומעטום געאַכט. אין דעם 25־יאָ־ריקן יובילײַ פון זײַן שאַפן און 50 יאָר פון זײַן געבוירן (ל״ג־בעומר 1901) ווערט פרץ אָנערקענט אַלס דער פאָטער פון דער נײַער יידישער ליטעראַ־טור. דאַן האָט ש״ע צוגעשיקט פאָלגנדיקע באַגריסונג צו פרצן:

„היום שלושה ושלושים יום, שהם ארבעה שבועות וחמשה ימים לעומר בשנת תרס״א, שהיא שנת היובל לפרץ; ובכן יהי רצון שבזכות

ספירת העומר שספרתי היום יתוקן מה שפגמתי בספירה — הוד שבהוד אמן סלה...

„פון אַ גויאישער שטאָט טרינק איך אַ יידישן טאָסט,
פון יידישן ווייַן גאַנץ יידישלעך פראָסט.
צוויי שמידן קלאַפּן מיט צווייערליי האַמערס אין אייזן,
צוויי אַרבעטער האָרעווען מיט צווייערליי געצייג
איבער איין אַרבעט.
צוויי רייזנדע שפּאַנען פון צווייערליי פונקטן צו איין ציל.
צוויי ליטעראַטן שרייבן מיט צווייערליי פּענעס
צוליב איין פאָלק.
פון אַ גויאישער שטאָט טרינק איך אַ יידישן טאָסט,
פון יידישן ווייַן גאַנץ יידישלעך פראָסט.
לעבן זאָל אונדזער פאָלק!
לעבן זאָל זיין ליטעראַטור!
לעבן זאָל אירע געטרייע אַרבעטער!
לעבן זאָל דער פאָלקס-יובילאַר פּרץ!
הידד!
שלום-עליכם".

פּרץ און ש"ע פאַרבלייבן דאָך אַלץ אין אַ באַשטימטער ווייטקייט איינער פונעם אַנדערן. י. ד. בערקאָוויטש, וואָס איז געשטאַנען די לעצטע צען יאָר פון שלום-עליכמס לעבן נאָענט צו שלום-עליכמען, פּרוּווט אין זיין אַר־טיקל „מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער" (ש"ע-בוך, ז' 157 א"וו) צו באַלויכטן די באַציאונגען צווישן ש"ע און פּרץ. י. ד. בערקאָוויטש זעט דעם עיקר-שולדיקן אין פּרצן. מיר ברענגען דאָ גרעסערע אויסצוגן פון בערקאָוויטשעס אַרטיקל: „ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די צוויי גרויסע יידישע שריפטשטעלער האָבן זיך אַ לאַנגע צייט פאַרהאַלטן איינער צום אַנדערן ניִשט נאָר פרעמד, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אומפריינטלעך. אויבער־פלעכלעך ווערט דערציילט, אַז געגומען האָט זיך עס פון אַ נאַרישקייט: פּרץ איז געווען אין כעס, למאַי ש"ע האָט אויסגעבעסערט זיין „מאָניש" אין דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק" און למאַי ער האָט אויסגעלאָזט אינעם „קול מבשר" זיין פּאָעזיע, און ש"ע איז געווען אין כעס, למאַי פּרץ האָט אויסגעכאַפּט ביי אים זיין יאָרבוך און האָט עס אָנגערופן כמעט מיטן זעל־ביקן נאָמען: „די יידישע ביבליאָטעק". דערביי ווערט צוגעגעבן, אַז אויף די עלטערע יאָרן, ווען דער כעס איז זיי אָפּגעגאַנגען, האָבן זיך די צוויי שריפטשטעלער איבערגעבעטן און זיינען געוואָרן גוטע פריינט". י. ד. בערקאָוויטש זאָגט: „דאָס איז אָבער אויבערפלעכלעך. אין דער אמתן

איז דער אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי געווען אַ פּיל טיפערער, אַ מער וועזנטלעכער: פּרץ האָט אין שלום־עליכמס גרויסער פּאָפּולאַריטעט ביים פאָלק געפילט כמעט אַ באַליידיקונג פאַר זיין אייגענער גרויסקייט, און שלום־עליכם איז צו פּרצעס שאַפן כמעט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבליבן קאַלט, ווייל ער האָט פון דעם קיין הנאה נישט געהאַט.״

אַז דאָס איז נישט ריכטיק און אַז אין תוך האָט יעדער איינער מיט דער צייט אויפגענומען און באַגריפן דעם באַטייט פונעם אַנדערן, וועלן מיר זעען ווייטער.

י. ד. בערקאָוויטש באַמיט זיך אויפצושטעלן אין זכרון דעם אינהאַלט פון שלום־עליכמס ווערטער וועגן פּרצן: „פּרץ פּראַוועט טישן, ווייל ער איז אין גרונט מער חסידישער רבי, ווי שרייבער. און נישט פון אונדזערע פּשוטע וואָלינער גוטע־יידן, ווי אַ שפּאָלער זיידע, אָדער אַ ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, וואָס זיינען אַליין געווען פאָלקס־מענטשן און דאָס פאָלק האָט זיי פאַרשטאַנען, נאָר פון דעם פּוילישן טיפּ — אַ מין גערער. ער איז אַ בעל־גאווה קעגן פאָלק, האַלט זיך מיטן פאָלק מעשה־פּריץ, רעכנט דעם המון־עם נידעריקער פון זיך, רעדט מיט אים ניט אויף זיין שפּראַך, נאָר זאָגט פאַר אים „תורה״ — פול מיט כוונות, מיט רמזים, מיט פּינטעלעך... רינגלט זיך אַרום מיט יונגעלייט — „חסידים״, צווישן זיי אַ סך גאַרנישטן, פליאַסקעדריגעס, וואָס באַמקען־צו צו יעדן האַלבן וואָרט זיינעם, קומען אַריין אין קעלבערנע התפּעלות פון יעדן וואונק זיינעם, פון יעדן קנייטש זיינעם מיטן ברעון: „אַי־אַי, פּלאַי־פּלאַים!״... פאַר דער יונגער יידישער בעלעטריסטיק איז עס אַ געפאַר, וואָס פּרץ ווערט איר וועגווייזער, ווייל עס איז נאָך אַ ספק, צי פּרץ אַליין איז אַ בעלעטריסט. אַ וועגווייזער מעג זיין אַזאַ ווי טאָלסטאָי, אַזאַ ווי טשעכאָוו, וואָס מאַכן נישט קיין אָנשטעלן, שרעקן נישט דעם עולם מיט זייער טיפע חכמה, וואָס מען דאַרף האָבן אַ באַזונדער זכיה זי צו פאַרשטיין— זיי זיינען אַזוי עכט און אַזוי אויפריכטיק, אַז אַלע פאַרשטייען זיי. אָט ביי וועמען מיר דאַרפן זיך לערנען, ווי אַזוי צו שרייבן! פון פּרצעס „טישן״ און פון פּרצעס „תורה״ וועלן ביי אונדז נאָר אויסוואַקסן ליטעראַרישע פליאַסקעדריגעס״... „אין יענעם געשפּרעך האָט ש״ע — ווי עס דערציילט י. ד. בערקאָוויטש — אויך באַרירט פּרצעס יידיש, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, מער אַ לאָקאַלער דיאַלעקט פון פּוילישע גובערניעס, איידער אַ יידישע שפּראַך: „יידיש שרייבן — האָט ש״ע געזאָגט — וואָלט מען, דאַכט זיך, שוין געמעגט גיין לערנען זיך ביי אַבראַמאָוויטשן... איז אָבער ניין! אַפילו יידיש שרייבן האָבן זיך אונדזערע פליאַסקעדריגעס גענומען לערנען ביי פּרצן״. ביי דעם שמועס איז אויך בייגעווען בעל־מחשבות, דער באַוואוס־

טער יידישער קריטיקער. אַרויסגייענדיק פון שטוב האָט בעל־מחשבות גע־זאָגט צו י. ד. בערקאָוויטשן: „אַ האַרץ פילט אַ האַרץ. פונקט אַזוי קריכט פּרץ פון דער הויט צו פאַרלייקענען שלום־עליכמען, און איר ווייסט—ס'איז נאַטיר־לעך אַזוי. שרייבער דאַרפן ניט זיין זיס איינער צום אַנדערן. דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו האָבן זיך נאָך מער געריסן" (ש"ע־בוך ז' 158־159).

י. ד. בערקאָוויטש קאָנסטאַטירט, אַז „אין די לעצטע יאָרן זיינען די באַציאונגען צווישן ש"ע און פּרצן פיל ווייכער געוואָרן. פון שלום־עליכמס זייט האָט זיך עס געלאָזט פילן נאָך דעם ווי עס זיינען דערשינען פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", דורך וועלכע ש"ע האָט דערזען פּרצן אין אַ גאַנץ נייעם ליכט. וואַרשעווער שריפטשטעלער דערציילן, אַז אין יענער צייט פלעגט פּרץ באַווייזן פאַר זיינע מקורבים אַ באַגייסטערטן בריוו פון ש"ע, אין וועלכן עס האָט זיך געפינען אַזאַ זאַץ: „אַז איך האָב דורכ־געלייענט די ,פאָלקסטימלעכע געשיכטן', בין איך צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך אַליין געגעבן צוויי פּעטש דערפאַר, וואָס איך האָב ביז אַהער נישט געוואוסט, ווי אַזוי אָפּצושאַצן אייער הויכן ווערט!" צי ש"ע האָט אויסגעדריקט זיין התפעלות פאַר פּרצן דווקא מיט די ווערטער, צי אין אַן אַנדערן נוסח — דאָס וועט מען געוואויר ווערן, ווען יענער בריוו, אויב מען האָט אים אָפּ־געהיט, וועט פאַרעפנטלעכט ווערן... שלום־עליכם פלעגט אָפט רעדן פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", ווי פון פּרצעס בעסטער שאַפונג. איך געדענק, ווי איינמאָל אין נערווי, שפּאַצירנדיק אויפן ברעג ים מיט איינעם אַ באַקאַנטן פאָרשטייער פון דער דעמאָלטיקער רוסישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז געווען אַ פולשטענדיק־אַסימילירטער ייד, און וועלנדיק דערווייזן אים צו וואָס פאַר אַ הויכער מדרגה די יידישע לי־טעראַטור האָט דערגרייכט, האָט ער אים רעקאָמענדירט פּרצן (וועמענס נאָמען יענער האָט צום ערשטן מאָל געהערט). דערביי האָט ש"ע מייס־טערהאַפט איבערגעזעצט אויף רוסיש די „דריי מתנות" פון די „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן" און איז געווען באמת גליקלעך, אַז זיין צוהערער האָט די דאָזיקע זאַך באַוואונדערט ווי אַ ליטעראַרישע פּערל".

בערקאָוויטש גיט אויך איבער אַן עפּיזאָד פון פּרצעס באַציאונג צו ש"ע: „דורכפאָרנדיק איינמאָל אין וואַרשע, האָב איך ביי דינעזאָנען אין צימער געטראָפן פּרצן. מען האָט זיך צערעדט, געשמועסט פון פאַרשיידענע זאַכן, און עס איז מיר געווען אַ חידוש, וואָס פּרץ פרעגט זיך גאָרנישט נאָך אויף שלום־עליכמען. און פּלוצים רופט זיך אָן צו מיר פּרץ גאַנץ אומגע־ריכט: — איר שרייבט היינט אַ בריוו צו ש"ע? שרייבט אים אין מיין נאָ־מען, אַז ער איז אַ גרויסער קינסטלער! איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונ־דערט: וואָס עפּעס אין מיטן דרינען? — איך האָב ערשט די טעג איבער־

געלייענט „סטעמפעניו״. — איר האָט דען ביז אַהער נישט געלייענט „סטעמ־פעניו״? — שטעלט איך פאַר, ניין!״ איך האָב געהאַלטן פאַר אומבאַקוועם איבערצוגעבן ש״ע אין אַ בריוו אַזאַ מאָדנעם גרוס פון פרצן. וויסנדיק, ווי אַזוי ש״ע האָט ליב אויסצוהערן אַ זאַך מיט אַלע פּרטים, האָב איך מורא געהאַט, אַז דאָס וועט אים נאָר צעשטערן זיין גלייכגעוויכט. אין אַ צייט אַרום, ביי אונדזער באַגעגעניש, אַז איך האָב די זאַך דערציילט ש״ע אויף אַ שפּאַציר־גאַנג, האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט:

— וואָס האָט ער זיך אַזוי שפּעט דערמאָנט?

און שפּאַצירנדיק עטלעכע מינוט מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דער ממזר האָט געלייענט „סטעמפעניו״ נאָך בימי ה„פאָלקס־ביב־ליאָטעק״, סך־הכל מיט אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק צוריק. איך האָב גוטע עדות דערויף!...

איך האָב געפילט — ענדיקט י. ד. בערקאָוויטש, — אַז דער דאָזיקער ענין האָט שלום־עליכמען דערוואָרעמט, און ווער ווייסט, צי אין דעם זעלבן אָוונט איז נישט אַוועקגעגאַנגען אַ האַרציקער בריוו פון אים צו פרצן קיין וואַרשע?״... („ש״ע־בוך״, ז׳ 160־159).

דער באַוואוסטער העברייאיש־יידישער שרייבער אשר ביילין (1881־1949), געוועזן עטלעכע יאָר אַ סעקרעטאַר פון שלום־עליכם און זיינער אַ בן־בית (שטוב־מענטש) אין קיעוו, דערציילט (אין זיין העברייאישן ביכל „שלום־עליכם״ — זכרונות, תל־אביב 1945) וועגן דעם ווי ש״ע האָט זיך באַצויגן צו פרצן:

„... עס איז קיין סוד נישט געווען, אַז די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן ש״ע און י. ל. פרץ זיינען געווען נישט קיין גוטע. פרץ האָט נישט געוואָלט מצרף זיין ש״ע צום מנין פון די שאַפער, און עס איז באַקאַנט גע־ווען פרצעס אַ וואָרט: ‚שלום־עליכם איז אַ הון, וואָס קוואָקעט אַסך, אָבער וואָס לייגט זעלטן אַן איי!׳, און פרצעס חסידים האָבן צוגעשטימט צו דעם. ש״ע פון זיין זייט האָט נישט געהאַלטן פון רבין און פון זיינע חסידים. „די יידן קריכן אויף גלייכע ווענט״, — האָט ער געזאָגט.

אין יאָרן אַרום האָבן זיי זיך דערנעענטערט איינער צום אַנדערן. אפשר האָט פרץ געענדערט זיין מיינונג וועגן ש״ע, אָבער ש״ע האָט זיך געהאַלטן ביי זיין „אפיקורסות״.

— זאָגט מיר נאָר, — יונגערמאַן, האָט איר אַמאָל געלערנט ‚אבן עזרא׳? — האָט ש״ע מיך אַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב אַריינגעקוקט אין „אבן עזרא״, — האָב איך אים געענט־פערט.

האָט ער מיר דערלאַנגט אַ צייטונג און פאַרגעלייענט:

— אויב אַזוי, זייט זיך מטריח און פאַרטייטשט מיר אָט דאָס „שטיקל" פון פּרצן.

איך האָב אָנגעהויבן צו דיסקוטירן מיט אים: מ'זוכט נייע וועגן, נייע ניואַנסן, — אַן איבערראַשונג פון ווערטן אין דער ליטעראַטור א. א. וו.

— נאַרישקייטן! — האָט ש"ע געזאָגט — אַן אמתער שאַפער זוכט ניט. ער געפינט! ער נעמט פונעם גרייטן ביי זיך.

איין מאָל — דערציילט א. ביילין — האָט ש"ע מיר איבערגעגעבן אַ פּעקל כתבים צו ברענגען זיי אין אָרדענונג. אָט דאָס פּעקל האָט מיך איבערצייגט, אַז ש"ע איז געווען אַ שטרענגער, קאַפּריזנער רעדאַקטאָר צו פּרצן און אַז ער האָט געמאַכט פיל אויסבעסערונגען און ענדערונגען אין זיין פּאָעמע „מאָניש". פּרץ האָט דערנאָך פאַרעפנטלעכט פונדאַסניי זיין „מאָניש", ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט זיך באַפרייען פון זיין שותף.

אגב, אָט דאָס פּעקל האָט מיר געוויזן אויף וויפיל ש"ע האָט זיך אינ־טערעסירט מיט דער אַנטוויקלונג און מיטן גורל פון שרייבער, וואָס ער האָט געפונען אין זיי קינסטלערישע פעיאיקייטן און אויף וויפיל ער האָט, ווי אַ מענטש און קינסטלער, זיי געשטיצט און דערמוטיקט. איניקע שריי־בער האָבן ביי אים געקראָגן מאַטעריעלע הילף. ווען ער איז געווען רייך האָט ער געהאָט אַן אָפענע האַנט פאַר אַלעמען... — — — "

ביי אַ געלעגנהייט האָט ש"ע געלויבט אַמאָל דוד פרישמאַנען (פאַר זיין אַרטיקל נאָך הערצלס טויט), און געזאָגט צו אשר ביילין:

— אַלץ וואָס דו האָסט צו זאָגן — זאָג מיטן פולן מויל און שטאַמל נישט. דו קאָנסט אַלץ זאָגן וואָס דו ווילסט. עס איז אַ דערלויבטע זאַך. אָבער באַהאַלטן זיך אין אַ וואָגן, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט פינטעלעך און רופן פון דאָרט: „טרעפט, מענטשן!" דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס פּאַסט פאַר אַ זיידענעם יונגערמאַנטשיק, וועלכער עסט קעסט ביי זיין שווער. די רמזים און איינפאַלן פון „אבן עזרא", זיינען שוין מער קיין ענין נישט פאַר ליטעראַטור. איר פאַרשטייט?" (ז"ז 38־39).

אין די טעאַטער־רעצענזיעס, וואָס פּרץ האָט אין צייט געשריבן, גע־פינען מיר אַרויסזאָגונגען וועגן ש"ע דעם קינסטלער.

ווען מען פירט אויף אין וואַרשע (אין 1906) ש"עס „צעזייט און צע־שפּרייט", שרייבט פּרץ אַן אַ רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג. נאָכדעם ווי פּרץ גיט איבער אויספירלעך דעם אינהאַלט פונעם שטיק, שרייבט ער: „די טראַגיקאָמעדיע האָט באַאַרבעט ש"ע אין זיין דרייאַקטיקן שטיק „צע־זייט און צעשפּרייט"... דאָס שטיק האָט אַלע גרויסע מעלות און אַלע קליינע חסרונות פון ש"ע, וואָס ווערט זיך קיינמאָל פון קיין וויץ נישט אָפּ־

זאָגן, וואו מען דאַרף יאָ און וואו מען דאַרף נישט. און דאָס שטיק גרענעצט דעריבער מיט פאַרס" (י. ל. פרץ — „ליטעראַטור און לעבן", ז"ז 114־118).

אין זיין לענגערן אַרטיקל וועגן דוד פינסקיס „פאַמיליע צבי" (אין 1907) מאַכט פרץ געלונגענע פאַרגלייכן צווישן פינסקיס פּרעטענציעזער דראַמע און שלום־עליכמס נאַטירלעך־לייכטן „צעזייט און צעשפּרייט". אָט וואָס פרץ שרייבט: „מיט דער צעשלאָגענער יידישער פאַמיליע טרעפן מיר זיך ביי טשיריקאָוו, שלום־עליכם און אַש אויך... — אויף דער גרע־נעץ צווישן קאָמעדיע און פאַרס פליען שלום־עליכמס פיגורן ווי ראַקעטן פאַרביי און צייכענען און שניידן זיך אָפּ איינער פון צווייטן אין פלוג... — שלום־עליכם האָט גאָרנישט צוגעזאָגט. ער האָט איינפאַך און אָן שום פּרע־טענזיע געמאָלט אַ חורבה פון אַ יידיש הויז און ער ענדיקט מיט דער חורבה...

„ — מלכה, (רייבט זיך דעם שטערן) וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן... איך האָב דיר עפּעס געוואָלט זאָגן... און וואָלאָדיע זיצט!... און די איבעריקע קינדער?

— צעזייט און צעשפּרייט. — ענטפערט מלכה.

— האַ, וואָס זאָגסטו מלכה? וואו זיינען אונדזערע קינדער? ער פאַלט צו צום טיש און וויינט"... איינפאַך, און אַ וועלט איז איינגעפאַלן... מאַירס וועלט, דאָך אַ וועלט, און עס איז דערפון אַ חורבה געוואָרן..." (דאָרט, ז"ז 86־91).

אַזוי האָט פרץ אויפגענומען די איינפאַכקייט און נאַטירלעכקייט און שטילן טראַגיזם פון שלום־עליכמס אַרט שרייבן.

און אָט ווידער אַמאָל אַ גרוס, ווי ש"ע האָט אויפגעפּאַסט פרצן און זיין שאַפן. קלמן מרמר אין זיין „מיין לעבנס־געשיכטע" („מ. פרייהייט", 30טן דעצעמבער, 1950) דערציילט וועגן זיינעם אַ שמועס מיט שלום־עליכמען אין ניו־יאָרק דעצעמבער 1906 אָדער יאַנואַר 1907. ש"ע האָט זיך דאַן אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַנטאַסטישן פּלאַן אַרויסצוגעבן זיינע גע־זאַמלטע שריפטן אין 25 בענד אין אַ פּערטל מיליאָן עקז. קלמן מרמר האָט באַמערקט, אַז „דער פאַרקויף פון י. ל. פרצעס אויסגאַבע אין איין גרויסן באַנד איז נישט געווען קיין גרויסער דערפאָלג אין אַמעריקע". דערויף האָט ש"ע אים געענטפערט מיט אַ פראַגע: „צי כ'האָב אַמאָל געזען אַ פאָלקס־מענטש לייענען פרצן? דערביי וויצלט ער זיך ווטמוטיק איבער פרצעס פינטעלעך, רמזים און סודות. צולעצט דערקלערט ער מיר גאַנץ ערנסט, אַז פרץ איז ניט געווען קיין פאָלקס שרייבער". ער שרייבט „מהרש"א" פאַר געלערנטע, אָבער נישט קיין פּשוטן יידיש. פאַרקערט, ער (שלום־עליכם) שרייבט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. אַלע יידן, מענער און פרויען,

געלערנטע און נישט געלערנטע קאָנען פאַרשטיין זיינע (שלום־עליכמס) ווערק. מען קאָן זיי דעריבער פאַרקויפן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמ־פליאַרן, און דאָס קאָן זיין אַן עסק פון מיליאָנען דאָלאַרן...״

4

דער ברוגז צווישן פרץ און ש״ע הויבט ענדלעך אָן זיך אויסצו־ווען. די דערוויטערטע און צעשיידעטע הייבן זיך אָן אַלץ מער צו דער־נענטערן איינער צום אַנדערן.

אין אַ בריוו פון ש״ע צו י. דינעזאָן (דובעלן, 20טן יוני 1908) האָבן מיר אַזאַ צושריפט פון ש״ע:

„און גריסט פרצן, זאָגט אים, אַז איך האָב אים ליב, ווייל ער איז אַ ממזר. — איך האָב ליב ממזרים... כשרע יידן האָב איך פיינט... פינ־טעלעך, פינטעלעך...״

דער באַוואוסטער העברייאיש־יידישער שרייבער י. ח. ראַבניצקי דער־ציילט (אין זיין אַרטיקל „י. ל. פרץ אין קראָקע״, „די גאָלדענע קייט״, 1949, נומ. 2) וועגן זיינער אַ באַגעגעניש מיט י. ל. פרץ אין 1908. „פרץ איז געווען זייער מונטער, שטאַרק אויפגעלייגט און פול מיט לעבן און לוסטיקע באַוועַ־גונגען ווי אַ יונגערמאַן״... און „באַלד, ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט פרץ געפונען פאַר נויטיק אָנצוזאָגן מיר די בשורה, אַז די לעצט צייט איז אין גאַנצן איבערגעביטן געוואָרן ביי אים זיין מיינונג און אָפּשאַצונג וועגן שלום־עליכמען. די מיינונג פון פרצן וועגן דער ליטעראַרישער באַדיי־טונג פון ש״ע איז מיר געווען גוט באַקאַנט. נישט איין מאָל האָבן מיר וועגן דעם געשמועסט, ווען מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין וואַרשע (דאָס איז געווען אין 1899 — נ. מ.). געוואוסט האָב איך, אַז פרץ האַלט נישט אַזוי שטאַרק פון ש״עס שרייבן און אַמאָל מאַכט ער אים אַוועק מיט דער האַנט: ווייס איך וואָס, מען נעמט אַמאָל אויס ביים עולם־גולם... איך האָב אויך געוואוסט, אַז ש״ע פון זיין זייט לעקט אויך נישט שטאַרק די פינגער פון פרצעס שרייבן; אין שמועסן צווישן אונדז און אַמאָל אויך אין בריוו צו מיר פלעגט ער זיך ווערטלען וועגן פרצעס אַרט שרייבן מיט פאַרשטעלטע רמזים, מיט אַ סך פינטעלעך, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי גלאַט „שגעונות״, נישט באַוואוסטזיניק און אַמאָל אויך באַוואוסטזיניק צוליב קאָקעטעריי און פאָזע... אָפטמאָל האָב איך געפילט אין די באַציאונגען פון די צוויי באַ־וואוסטע שריפטשטעלער, איינער צום צווייטן, נישט נאָר אַ שטאַרקע פאַר־שיידנאַרטיקייט אין ליטעראַרישן געשמאַק, נאָר אויך סימנים פון פערזענלע־כער אויפרעגונג איינס קעגן אַנדערן, וואָס האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס

אַ טייל באַקאַנטע האָבן אויפגעבלאָזן דאָס פייערל פון אומצופרידנקייט און אונטערגעהאַלטן, אַז עס זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן.״

„דערפאַר האָב איך זיך געוואונדערט צו הערן פון פּרצעס מויל וועגן ש״ע גאָר אַנדערע מיני דיבורים:

— מיט איניקע וואָכן צוריק — האָט ער מיר דערציילט — בין איך געווען, לא עליכם, נישט מיט אַלעמען, און מיין דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט ליגן עטלעכע טעג צו בעט. דער דאָקטאָר זאָגט, מוז מען פאָלגן. אַ ברירה האָט מען. וואָס זשע האָב איך געטאָן? האָב איך געפּרואווט נעמען ש״עס שריפטן צו לייענען אין בעט כדי צו פאַרטרייבן די צייט. מוז איך מודה זיין, אַז נאָך דעם ווי איך האָב אַדורכגעלייענט אַ סך זאַכן ש״עס, האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז מ׳האָט אים נישט איבערגעשאַצט. עס ווערט איך זיין אָנגענעם צו הערן דאָס וועגן אייער שלום־עליכמען.״

דאָס וואָרט אייער האָט פּרץ אונטערגעשטראָכן און ווירקלעך איז מיר געווען אנגענעם צו הערן, אַז פּרצן איז געראָטן אָפּצוטרייבן דעם „שטן״, וואָס טאַנצט צווישן זיי און פאַרטרייבן אים.״ (ז׳ז 293־204).

אין צוויי יאָר אַרום, אין 1910, שרייבט ש״ע צו י. דינעזאָן (נערווי, 17טן נאָוועמבער): „זאָגט אונדזער טייערן פריינט פּרץ, אַז איך האָב אים וועגן זיינע דראַמאַטן אַזוי פיל צו זאָגן, אַז איך האָב אָפּגעלייגט אויפן זומער...״

צו דער זעלבער צייט שרייבט פּרץ, אין זיין פּראָכטפולן אַרטיקל „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור״, וואו עס איז דאָ פּרצעס אני־מאמין, וועגן די גרויסע דערגרייכונגען פונעם נייעם יידישן שאַפן און ער זאָגט אגב: „דער קיעווער שלום־עליכם (האָט געגעבן) — דעם קאָמי־וואָיאַזשאָר, דעם נאַאיוו־נאַריש־איבערקלוגן פּרנסה־זוכנדיקן איבער־זידלער פון דער קליינער אין דער גרעסערער שטאָט אַריין, און אַנטפּלעקט טביה דעם מילכיקערס טראַגיקאָמעדיע...״

די פריינטשאַפט אָבער צווישן ש״ע און פּרץ איז נאָך ווייט נישט קיין פעסטע.

אין יאָר 1910 האָט ש״ע געמאַכט אַ פאָרשלאָג אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג „בוך פון פייער״ לטובת די יידישע נשרפים אין די שטעטלעך. און עס איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג אין וואַרשע פון ליטעראַטן און כלל־טוער. פּרץ האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער פאַרזאַמלונג. אמת, ער האָט אָנגעוויזן אין זיינעם אַ בריוו צום פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג און אויך אין זיינס אַן אַרטיקל אין „פריינד״ (י. ל. פּרץ — „ליטעראַטור און לעבן״, ז׳ 284) געוויסן פּרינציפּיעלע און זאַכלעכע טענות קעגן דעם פאָרשלאָג, אָבער מ׳פילט צווישן די שורות נאָכווייענישן פון אַמאָליקן

לאַנגיאָריקן קריג. די העפּלעכקייט פון בריוו („דער ליבער שלום־עליכם האָט נישט געדאַרפט") און אינעם אַרטיקל („אַזוי ווי אויס סאָלידאַריטעט צום חבר שלום־עליכם דאַרף דאָס „בוך פון פייער" אַרויסגעגעבן ווערן") איז אַ גאַנץ אַנגעצויגענע.

ד"ר גרשון לעווין דערציילט אין זיינע פּרץ־זכרונות וועגן „אַ גרויסן קאָנפליקט, כמעט אַ סקאַנדאַל", וואָס איז אויסגעבראָכן אין „הזמיר" וואו ער, ג. לעווין, איז געווען דאַן דער פאָרזיצער און פּרץ — דער וויצע־פאָרזיצער: „אין דעם ליטעראַרישן פּראָגראַם פון דעם ערשטן חנוכה־אָוונט האָט מען אַריינגעשטעלט שלום־עליכמס „חנוכה־געלט". פּרץ איז געווען קעגן — די זאַך געפעלט אים נישט". אָבער נאָך ויכוחים האָט ער נאָכגעגעבן, און ש"עס „חנוכה־געלט" האָט פיגורירט אינעם פּראָגראַם. „אויפן אָוונט גופא קומט צו גיין פּרץ און דערקלערט מיר קאַטעגאָריש, אַז אויב מען וועט פאָרלעזן שלום־עליכמס „חנוכה־געלט", וועט ער נישט נעמען קיין אָנטייל אין דעם אָוונט און זאָגט זיך אָפּ גענצלעך פון „הזמיר". מיינע אַלע בקשות, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן, זיינען געבליבן אָן שום רעזולטאַט. איך האָב געמאַכט אַ קליינע באַראַטונג מיטן קאָמיטעט בעמידה, און עס איז געבליבן דאָס מאָל אָפּצוטרעטן, בכדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל. ש"עס „חנוכה־געלט" האָט מען נישט געלעזן מיט אַן אויסרייד, אַז דער לעקטאָר איז הייזעריק. אַלע אָבער, וואָס האָבן געוואוסט פון דער אמתער סיבה, זיינען געווען עמפּערט קעגן פּרצן." אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען דער „הזמיר" האָט איינגעאָרדנט ש"עס יובילײ, האָט פּרץ „געהאַלטן לכבוד שלום־עליכמען אַ גייסטרייכע רעדע. ווען איינער פון די אַנוועזנדע האָט אים באַמערקט, אַז ער האָט דאָך אַמאָל נישט דערלויבט צו לעזן אין „הזמיר" שלום־עליכמס „חנוכה־געלט", האָט פּרץ געענטפערט: „דאָס חנוכה־געלט" טויג טאַקע נישט, אָבער שלום־עליכם בלייבט שלום־עליכם" (גרשון לעווין — „פּרץ", ז' 102־103. זע אויך גרשון לעווינס אַרטיקל „מיינע זכרונות וועגן ש"ע" (ש"ע־בוך ז' 259 און ווייטער).

5

אַנשטאָט דעם ברוגז הויבט אָן צו שטייגן די קעגנזייטיקע ליבע, אַכטונג און פאַרערונג. צווישן די בריוו פון ש"ע צו יעקב דינעזאָן האָב איך געפונען רירנדיקע, האַרציקע ערטער, וואָס באַציען זיך צו פּרצן ומאָנטרע־קלאַראַן, שווייץ, ערב־יום־כפור תרע"ג — 1912): „— — — אויסערן אָפּיציעלן גליקוואונטש... בעט איך זייער און זייער די רגע זיך זען מיט פּרצן און איבערגעבן אים מיין טיפסטן דאַנק און אַלע מיינע סימפּאַטיעס און — אויב מעגלעך, אויב איר וועט נישט לאַכןביידע פון מיר — אַ קוש, אַ הייסן קוש

פאַר זיין קלוגן, וואַרעמען, בליציקן, פול מיט פּאָעזיע און גאָלדענע פונ־קען־שפּראַך, פעליעטאָן, וואו ער האַלט אַ וויכוח מיט אונדזערע כלומרשטע פרייע טמא מענטשלעך... אַך, אַ פעליעטאָן! פאַר מיין גאַנצע פאַמיליע געלייענט און פּאַרטייטשט אים און זיי האָבן געלאַכט און געקוועלט און גע־לעקט די פינגער״.

און אין אַ צווייטן בריוו פון 5טן פעברואַר 1913 פון בערן (געשריבן מיט אַ צעבראָכענער האַנטשריפט. קאָנטיק — אויפן שווערן קראַנקן־בעט):

„מיין טייערער דינעזאָן, מיר איז היינט אַ ביטערער טאָג געווען. איך האָב אים קוים איבערגעלעבט. האָב איך געהאַט אַ חיי־שעה: עס איז מיר אָנ־געקומען פון „צענטראַל״ פּרצעס 9טן באַנד, האָב איך גענומען לייענען די מעשה פון למכל מיטן דינעם קולכל און זיין פּ אָ ס ט אַ מ ע נ ט ג נ ע נ ד י ל. און האָב זיך געכאַפּט ביי די זייטן לאַכנדיק. אוי, פּרץ! אַז ער קאָן שלום־עליכמען קראַנקערהייט אַזוי צעלאַכן, איז ע ר דאָך גאָר דער הומאָריסט! גיט אים איבער אַ גרוס פון מיר מיט אַ קוש פון זיין און אייערן קראַנקן חבר שלום־עליכם״.

דריי טעג שפּעטער שרייבט ש״ע אַ צווייטן בריוו (8טן פעברואַר 1913, בערן, האָטעל לינדערהאָף):

„טייערסטער דינעזאָן. וועגן מיין לאַגע? אויף אַלע שונאים: אַ טאָג בעסער, אַ טאָג ערגער . . . פּאַריקע נאַכט האָט מיך ביים לעבן דערהאַלטן אונדזער פּרץ מיט זיין „אַלט און ניי״ — גאָלדענע זאַכן, וואָס איך האָב זיי שוין געלייענט איין מאָל און היינט, — דאָך האָב איך געקוועלט פון זיי ווי אַ קינד. ברודער! אַז מען שלאָפט נישט פון 10 ביז 6, אַ קיימא־לן פון 8 שעה, און ביי דער זייט ליגט פּרץ מיט זיינע פּאָלקסטימלעכע מעשהלעך — איז מען געזיכערט פון אויפהענגען זיך. פּאַרגעס נישט דערצו מיינע ווײ־טאָקן, וואָס כף־הקלע איז גאָר אַ שפּילעכל.״

אין אַ בריוו פון יעקב דינעזאָן צו ש. ניגער (פון 1913, 1, 29—2. 11) געפינען מיר פאָלגנדיקע עטלעכע שורות: „און וואָס מאַכט אונדזער לי־בער ש״ע? שרייבט מיר, איר ווייסט גאַרנישט ווי זיין קראַנקהייט באַ־אַנגסטיקט מיך. איך האָב אים שוין צוויי בריוו געשריבן קיין בערן — לינדערהאָף 82. צום צווייטן בריוו האָט אויך פּרץ צוגעשריבן, ווי גערירט עס האָט אים ש״עס צושריפט, אין זיין בריוו צו מיר, קראַנקערהייט. אַ ליבן גרוס צו אים. זאָגט אים, שלום־עליכמען, אַז כאָטש פּרץ שרייבט אים אַזוי זעלטן, אָבער מיט ליבע און אַכטונג דערמאָנט ער אים שטענדיק, און מיטן גאַנצן האַרצן ווינטשט ער אים געזונט צו זיין, אַזוי ווי איר און איך״ („צוקונפט, 1929, ז׳ 628).

אין אַ פּאָסטקאַרטל פון ווין, דעם 1טן מערץ 1913, שרייבט ש״ע: „אַ

גרוס פּרצן פון מיר און פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע, וואָס קאָנען אים נישט פאַרגעסן, רעדן פון אים שטענדיק..."

פּרץ איז געווען גערירט פון שלום־עליכמס גרוסן. ער שרייבט צו ש"ע (דעצעמבער 1913): „ליבער, ליבער שלום־עליכם. איך בין בטבע אַ פיינט פון בריוו־שרייבן, אָבער דיין צושריפט צו דיועזאָנס בריוו האָט מיך שרעקלעך גערירט. וואָס זאָל איך דיר שרייבן? איך לעז אַלץ, וואָס דו שרייבסט, אפילו וועגן אונדזער באַקאַנטן פ... איך לעז און באַוואונדער... און וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט געזונט ווערן. זיי געזונט! דיין י. ל. פּרץ". (ש"ע אין זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ". זע אויך ד"ר גרשון לעווינס „מיינע זכרונות וועגן ש"ע" — ש"ע־בוך, 280 א. וו.).

פּרץ פילט איצט אַזאַ נאָענטקייט צו שלום־עליכמען, אַז ער איז אַריבער אין די בריוו אויף „דו".

אינגיכן טרעפט אַ מעשה, וואָס האָט שיער־שיער ווידער נישט גע־בראַכט צו אַ שאַרפן סיכסוך צווישן ש"ע און פּרץ. די מעשה האָט מיר דערציילט נחמיה פינקלשטיין: פרילינג 1914 האָט אַ גרופּע יידישע לי־טעראַטן און קולטור־טוער, וואָס זיינען געווען אין „הזמיר" (י. ל. פּרץ, י. דינעזאָן, ד"ר ג. לעווין, נחמיה פינקלשטיין, מ. קרינסקי א. א.), אַרגאַני־זירט אין וואַרשע אַ גרויסן אָוונט פאַר ש"ע. עס האָט געקאָסט דאָן פיל מי אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ יידישן אָוונט אין אַ גרויסן טע־אַטער (טעאַטער „גיגאַנט" אויף ביעלאַנסקע־גאַס, דערנאָך געהייסן: „נאָוואָסטשי"־טעאַטער). ש"ע איז געקומען קיין וואַרשע. עס האָבן אים אָפּגעוואַרט ביי דער באַן די אויבנדערמאָנטע מיט פּרצן בראש. דער ש"ע־אָוונט איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. ש"ע האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן אויך אין „הזמיר". ד"ר ג. לעווין האָט שטרענג פאַרזאָגט שלום־עליכמען זיך גוט אויסצורוען. דערווייל ווערט מען געוואָר, אַז ש"ע טרעט גאָר אַרויס אויף אַן אָוונט אין „חובבי־שפת־עבר". דער „הזמיר"־קאָמיטעט האָט זיך געפונען שטאַרק געטראָפן. עס איז צונויפגערופן געוואָרן אַן עקסטרע זי־צונג. מען האָט באַפולמעכטיקט י. דינעזאָן צו פירן די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. ש"ע איז דאָן געווען מיט זיין פרוי אָלגאַ ביי א. פּאָד־לישעווסקי, דעם פאָרזיצער פון „חובבי־שפת־עבר". דורך דעם טעלעפאָן האָט י. דינעזאָן געשטעלט אַן אולטימאַטום, אַז אויב ש"ע טרעט אַרויס פריער אין „חובבי־שפת־עבר", וועט „הזמיר" זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון זיין אָוונט. פרוי שלום־עליכם האָט געפירט די אונטערהאַנדלונגען מצד ש"ע. אָבער פאַרפאַלן: אָפּזאָגן זיך פון „חובבי־שפת־עבר" האָט ש"ע שוין נישט געקאָנט, און דער אָוונט איז דאָרט פאָרגעקומען. דער „הזמיר"־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צוריקציען זיין ש"ע־אָוונט. ש"ע האָט געוואָלט

זיך איבערבעטן און איז געקומען צו פרצן אַהיים. פרץ אָבער איז באַצייטנס אַוועק פון שטוב. ש״ע האָט געוואַרט אַ פּאָר שעה, זיך געלייגט ביי פרצן אויף דער סאָפע. פרץ איז געווען ביי י. דינעזאָן אין צימער און פון דאָרט צוגעשיקט אַזאַ מין בריוועלע: „ליבער הער שלום-עליכם, צו מיין פּאַר-דרוס קאָן איך היינט אינדערהיים נישט זיין. — י. ל. פּ.״ ש״ע איז אַוועק-געפאָרן צו י. דינעזאָן, דאָרט „געפּאַקט״ פרצן און לסוף זיך איבערגעבעטן.

דער „הזמיר״ האָט צוריקגעצויגן זיין באַשלוס און עס איז איינגע-אָרדנט געוואָרן אַ פייערונג לכבוד ש״ע, אויף וועלכער פרץ האָט געהאַלטן די פייערלעכע רעדע (י. ל. פּרץ — „ליטעראַטור און לעבן״, ז״ז 71-72). אין דער רעדע פילט זיך אַ פאַטערלעכע ליבע צו ש״ע, וואָס איז דאַן געקו-מען קיין וואַרשע נאָך זיין שווערער קרענק, געקומען כדי דורך פאָרלעזונגען צו פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע. פרץ האָט געזאָגט: „איך וואָלט געקאָנט מיין אויסטייטש באַגרינדן, איז אָבער ווייניק, וואָס שלום-עליכם האָט צו אונדז געקאָנט קומען נאָך זעקס יאָר קראַנקהייט, — מיר ווילן, אַז ער זאָל אונדז לאַנג, לאַנג געזונט זיין, לאַנג לעבן און אונדזער שימל קראַצן... דערצו איז די לופט אין אונדזערע הייזער, אויף אונדזערע פאַר-זאַמלונגען נישט גינסטיק... איך האַק אָפּ און רוף, איך בעט אייך מיטרופן: געזונט זאָל זיין שלום-עליכם!״

אין דער זעלביקער רעדע האָט פרץ צווישן אַנדערן געזאָגט: „פאַר-טייטש איך גוט שלום-עליכמען? אַז זיינע ווערק — בין איך זיכער; וואָס אים אַליין אַנבאַלאַנגט — נישט שטענדיק ווייסט דער אַרבעטער פון טייל דעם פּלאַן פון גאַנצן...״

ש״ע אַליין דערציילט אין זיין אַרטיקל איבער י. ל. פּרץ: „פּרץ האָט נישט געלאָזט מיך זיצן מער ווי עטלעכע מינוט, כאָטש ער אַליין איז געווען דער רעדנער פון מיין כבוד וועגן, — און וועלכער רעדנער וויל עס נישט, מען זאָל אים הערן?... עס איז אָבער געווען ענג און הייס, און ד ע ר איז ביי אונדז אַ ציטעריקער, אַן אָפּגעשריגענער״. — אַזוי האָט געטענהט פרץ, אַנווייזנדיק אויף מיר מיט אמתער ליבשאַפט פון אַן עלטערן ברודער״.

ש״ע איז דאַן אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק און דערנאָך קיין ווילנע. פון ביאַליסטאָק שרייבט ער (דעם 28טן אַפּריל 1914) צו י. דינעזאָן: „... גריסט אין מיין נאָמען פרצן. איך האָב אים ליב מיט אַלע זיינע קאַפּריזן. זיין צעטעלע, אַז ער קאָן מיך ניט אויפנעמען ביי זיך, האָב איך באַהאַלטן לזכרון. און אַז איך דערמאָן מיך, לאַך איך, ווי איך האָב אים געפּאַקט ביי דינעזאָנס טיש!״ פון ווילנע (פון 1טען מאַי 1914) לויפט נאָך אַ צווייט בריוול פון ש״ע צו י. דינעזאָן און דאָרט שרייבט ער: „... וואָס זאָגט פרץ אויף דער מתנה? (פון ביאַליסטאָק האָט שלום-עליכם

געשיקט פּרצן אַ מתּנה — אַ שטעקן. — נ. מ.). איך האָב נישט לאַנג געפונען ביי זיך זיין צעטעלע געשריבן ביי אייך אין קאַבינעט, אַז ער קען מיך נישט אויפנעמען ביי זיך אין הויז (פּרצעס צעטעלע ליגט ביי מיר ווי אַ רעליקוויע באַהאַלטן לזכּרון) — האָב איך מיך דערמאָנט, ווי איך האָב אים געפּאַקט ביי אייך, ביי טיי־טרינקען, איז מיר געקומען אויפן זינען אַ פּסוק: דער הונט איז ווערט דעם שטעקן... נאָר אַ גוי זאָגט אַ וואָרט — להבדיל אַ תּורה: „קטאָ סטאַראָיע וואָספּאָמינאַיעט, טאָמו גלאַז וואָן" (ווער עס געדענקט דאָס אַלטע, דעם זאָלן די אויגן אַרויסקריכן! — נ. מ.).

אינצווישן איז אויסגעבראָכן דער וועלט־קריג און שלום־עליכם איז נאָך פיל מאַטערנישן און פּלאָגן אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק.

פּרצעס פּלוצלינגדיקער טויט האָט געמאַכט אויף שלום־עליכמען אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. אינעם „טאָג" פונעם 6טן אַפּריל 1915, געפינען מיר אויף דער ערשטער זייט פאָלגנדיקע נאָטיץ אין אַ באַזונדער רעמל:

„שלום־עליכם וועגן י. ל. פּרץ"

„דער ‚טאָג' האָט געשיקט אַ פאָרטרעטער צו שלום־עליכם, וועלכער רעכנט זיך פאַר דעם נאָענסטן פריינט פון י. ל. פּרץ. שלום־עליכם איז געוועזן זייער נידערגעשלאָגן פון דער טרויעריקער נאָכריכט וועגן זיין פריינטס טויט. דאָס זיינען די ווערטער, וואָס ש"ע האָט אונדז געזאָגט:

„פּרץ איז געשטאָרבן? ס'אַ ליגן. פּרץ איז צו אַ חכם, ער זאָל טאָן אַזאַ נאַרישקייט. און נאָך אין אַזאַ טומלדיקער צייט. ס'אַ ליגן! און אויב אפילו ס'איז אַן אמת — איז דאָס אויך אַ ליגן. יצחק לייבוש פּרץ, אַ ייד פון זאַמאָשטש, איז געשטאָרבן — דאָס קאָן זיין! נאָר פּרץ, א ו נ ד ז ע ר פּרץ — דאָס וועט איר מיר ניט איינריידן. ביז איך וועל אַליין נישט זיין אין וואַרשע, אויף דזיעלנאַ 15, דאָרטן וואו עס וואוינט אונדזער אַלטער גוטער יעקב דינעזאָן — אויף אים אַז איך וועל אַ קוק טאָן, וועל איך אויסלייענען אין זיינע אויגן דעם גאַנצן אמת. נאָר דינעזאָן אָן פּרץ — ווי איז דאָס מעגלעך? אפילו די בריוו זיינע צו מיר גייען מערסטנטיילס, ווי איר זעט צוזאַמען"...

ביי די ווערטער האָט שלום־עליכם זיך אַ נעם געגעבן צו זיין אַרכיוו און האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ גאַנצן פּאַק בריוו פון זיינע אינטימסטע פריינט און חברים, דינעזאָן, פּרץ, מענדעלע מו"ס, ח. נ. ביאַליק און פיל אַנדערע, און ער האָט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

„אַקוראַט פאַראַיאָרן אין דער צייט האָב איך פאַרבראַכט אַזוי פריילעך אינאיינעם מיט פּרצן און מיט דינעזאָן אין וואַרשע... נאָר היינט איז יום־טוב, — טאָר מען נישט קלאָגן. באַלד נאָך יום־טוב וועל איך אייך געבן מיינע ערינערונגען, ווי אַזוי איך האָב פאַרבראַכט פאַראַיאָרן פּסח אַ וואָך מיט פּרצן..."

אין עטלעכע טעג אַרום האָט שלום־עליכם פאַרעפנטלעכט אין „טאָג" זיינע אינטערעסאַנטע זכרונות „אַ וואָך מיט פּרצן". דאָ איז קיין רמז נישטאָ וועגן דעם לאַנגיאָריקן קריג, וואָס איז געווען צווישן זיי. אַלדאָס בייזע און קריגערישע איז צערונען, און געבליבן איז דאָס גוטע, ליבע, באַ־האַרצטע פון דער לעצטער באַגעגעניש מיט פּרצן. ש"ע, ווען ער איז באַ־שערט געווען איבערצולעבן פּרצן אויף אַ 14 חדשים, איז איבערפולט געווען מיט צאַרטער פּיעטעט און טיפער אַכטונג צו פּרצן.

שלום־עליכם האָט צווישן אַנדערן געזאָגט אויף פּרצן: „אַ ברייט וואַ־רעם האַרץ, אַ קאָלאָסאַלער קאָפּ, אַ מענטש אַ ריז — אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט; און דער עיקר — אַ פּיקח, מיט אויגן פון אַ תלמיד־חכם, טיפע בליצנדיקע, גרויסע אויגן. אַ ברייטער בליצנדיקער קוק און אַ מויל, וואָס פּערלט, געדאַנקען, וואָס ברויזן, זעצן ווי פון אַ קוואַל, און ווערטער אַזעלכע שיינע און אַזעלכע געפליגלטע, אַז עס איז נאָר געווען אַ וואונדער, פונוואַנען נעמען זיך צו אונדזער אַזוי־גערופענער „אָרעמער שפּראַך" אַזוי פיל פיינע קיילעכדיקע פּערלדיקע ווערטער?... איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען אַזוי פריש און בליענד און גלענצנד, ווי פאַראַיאָרן פּסח, אין דער וואָך, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אינאיינעם. גלייך ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז אונדזער לעצטע וואָך, האָט ער זיך צו מיר באַזונדערס צוגעלאָזט, גענומען אַ באַזונדערן אינטערעס אין מיר און אַנטפּלעקט פאַר מיר זיין האַרץ, די קדשי־קדשים פון זיין נשמה, גערעדט פון נייע שאַפונגען..." מען האָט גערעדט פיל וועגן פּרצ'ס נייע מיסטישע — ווי ש"ע רופט זיי אָן — ווערק. „און תוך־כדי־דיבור — דערציילט ווייטער שלום־עליכם — איז ער אַריבערגעשפּרונגען אויף מיר און אויף מיין אַר־בעט מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און אינטערעס, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט פון זיינע אייגענע אַרבעט, און מיט פרייד גערעדט וועגן מיין דערפאָלג, גלייך ווי וועגן זיין אייגענעם דערפאָלג... „דיין דערפאָלג איז אונדזער אַלעמענס שטאָלץ — האָט ער צו מיר געזאָגט אין אַ מינוט פון השתפכות־הנפש... פּרץ איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר און צוזאַמען האָבן מיר אויסגעמאָסטן וואַרשע אין דער לענג און אין דער ברייט... געחלומט פון יידיש טעאַטער, פון ליטעראַטור, געבויט פּלענער און לופט־שלעסער, ווי גאָר אין די יונגע יאָרן".

און שלום־עליכם ענדיקט זיינע רירנדיקע זכרונות:

„ווער האָט דעמאָלט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס וועט זיין ביי מיר די לעצטע וואָך מיט פּרצן?..."

י. ל. פרץ און דוד פרישמאַן

1

צווישן י. ל. פרץ און דוד פרישמאַן האָט זיך געפירט אַ שווערער, לאַנג־יאָריקער קריג. און ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אַז נישט קיין קריג איז געווען צווישן פרץ און פרישמאַן, נאָר אַ פאַרביטערטער קאַמף פון פרישמאַנען קעגן פרצן. ווען מיר באַקענען זיך נעענטער מיט די פרטים פון דעם קאַמף, זעען מיר, אַז פרץ איז געווען ביי פרישמאַנען אַ קראַנקער פונקט. עס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין פרינציפּיעלע פלוגתא צווישן די צוויי שרייבער, נאָר גלאַט אַזוי אַ האָס צו פרצן, וואָס האָט אָנגעפילט פרישמאַנס האַרץ אַלע, אַלע יאָרן. פרישמאַן האָט געזען אין פרצן דעם שולדיקן אין אַלץ און פון אַלעמען. האָט ער געשריבן וועגן דעם אומנאָרמאַלן צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור, איז פרץ געווען דער שולדיקער; האָט ער גערעדט וועגן דער געפאַלנקייט פונעם יידישן טעאַטער, איז ווידעראַמאָל געווען פרץ דער חייב. פרץ, אין פרישמאַנס אויגן, איז געווען דער אַלדאָס בייז אינעם יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן.

און ביידע זיינען דאָך געווען אין אייניקע פרטים גאַנץ ענלעך: זיי זיינען געווען איבערגעוואַקסן איבער זייער ליטעראַרישער סביבה, האָבן געהאַט העכערע באַגריפן וועגן ליטעראַטור און שאַפן, ווי דער דורכשניטלעכער העברייאישער און יידישער שרייבער פון זייער צייט. זיי האָבן זיך געריסן פון די יידישלעכע בטלנישע ד׳ אמות אין דער ברייטער וועלט אַריין. אָט־די אומצופרידנקייט מיט די איינגעשטעלטע „טראַדיציעס" און פירעכצן האָט דאָך געדאַרפט זיי פאַראייניקן און פאַרבינדן פאַר בשותפות־דיקער צוזאַמענאַרבעט. און דאָך האָט געהערשט צווישן זיי אַזאַ פאַר־פרעמדקייט.

וואָס זיינען געווען די סיבות פונעם פאַרביטערטן קאַמף, וואָס פרישמאַן האָט געפירט קעגן פרצן? מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויסער די ריין־פערזענלעכע סיבות, האָבן זיך אויך אַריינגעמישט קולטור־געזעל־שאַפטלעכע מאָמענטן, וואָס האָבן געטריבן יעדן איינעם פון זיי אין פאַר־שיידענע ריכטונגען. פרץ איז געווען דער באַגייסטערער, פרישמאַן —

דער פאַרלייקענער; פרץ האָט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַנען מיט לאָזונגען, פרישמאַן — האָט זיי אַראָפּגעריסן; פרץ האָט צעמענטירט און אָרגאַניזירט, פרישמאַן האָט צעוואָרפן און פאַנאַנדערגעטריבן; פרץ האָט געגעבן סמי־כות, און פרישמאַן האָט מבטל געווען. און ועל כולם — פרץ איז מיטגע־ריסן געוואָרן פון בונטאַרישע, רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און פרישמאַן איז פאַרבליבן אַ צווייפלער און אָפּשפּעטער.

פרץ און פרישמאַן האָבן ביידע אָנגעהויבן מיט העברייאיש, און זיינען שפּעטער אַריבער צו יידיש. פרץ אָבער איז אַריבער מיט לייב און לעבן, באַקומען גלויבן, און איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער, אַ קנאי; פרישמאַן איז ביזן סוף פון זיין לעבן געבליבן אין יידיש אַ זייטיקער, אַן אורח, — זיין נשמה, זיין ליבע איז פאַרבליבן ביי העברייאיש, ביים העברייאיזם.

דער ערשטער אַרויסטריט פון פרץ און פרישמאַן אין יידיש איז פאַרגעקומען אין איין צייט, אין איין און דעם זעלבן זאַמלבוך — ביי שלום־עליכמען אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" (קיעוו, 1888). פרץ האָט דאָרט געדרוקט זיין באַלאַדע „מאָניש", פרישמאַן — זיין פּאָעמע „אופיר". שלום־עליכם איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פון פרישמאַנס פּאָעמע „אופיר", און פיל קעלטער אויפגענומען פרצעס „מאָניש". אָט־די געפילן האָט ש"ע גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט אין זיינע בריוו צו דוד פרישמאַן, יעקב דינעזאָן און צו אַנדערע. ביי דער זעלבער ש"ע־מיינונג האָט זיך אויך גע־האַלטן ש. דובנאָוו, דער דעמאָלטדיקער אָנגעזעענער קריטיקער פון „וואָס־כאָד", וואָס האָט געשריבן, אַז פיל נידעריקער פון פרישמאַנס „אופיר" איז פרצעס „מאָניש". פון דאַנען הויבט זיך אָן משמעות דער אַנטאַגאָניזם ביי פרץ־פרישמאַן.

ס'איז געווען דאַן ביים שרייבער־עולם אַ מין וואָגשאָל: אויף איין שאָל פרץ, אויף דער אַנדערער — פרישמאַן. אָט, למשל, שרייבט י. דינעזאָן אין אַ בריוו צו שלום־עליכם (1889): „די טעג האָט ער (פרץ) מיר מיט אַן עקס־טרען מענטשן צוגעשיקט זיין גראַנדיעזע פּאָעמע, וועלכע ער שרייבט פאַר אייער צווייטער ביבליאָטהעקאַ, לה דומיה תהלה, דאָס איז נישט „אופיר" און ניט די גנבת־דעת פון „אופיר", און ניט דער מחבר פון „אופיר"..." דאָס מעסטן און פאַרגלייכן פרצן מיט פרישמאַנען האָט מסתמא געשאַפן ביי זיי אָנגעצויגענע באַציאונגען.

פרץ גיט אַרויס אין 1891, „די יידישע ביבליאָטעק" — דעם ערשטן און צווייטן באַנד. פרץ ווערט דערוויטערט פון שלום־עליכמען, און אָט־די דערוויטערונג האָט געבראַכט אויך אַ צעריסנקייט צווישן פרץ און פרישמאַן, בעת די פריינדשאַפט צווישן שלום־עליכם־פרישמאַן איז אַלץ־מער געוואַקסן. ש"ע פירט אַן אַטאַקע קעגן פרצן און זיין „קול מבשר" (צו דער 3טער

„יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק") און אין זיינע בריוו צו פריינט. פרץ מאַכט ראַשיקע טריט פאָראויס: ער שרייבט לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען און רעדאַקטירט אַ ריי אויסגאַבעס, גרעסערע און קלענערע. ער מאַכט אַדורך שנעל און האַסטיק דעם וועג פון משכילישן ראַציאָנאַליזם (אין זיין „יידישע ביבליאָטעק") ביז צו די שטאַרקע סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די „יום־טוב־בלעטלעך" זיינען געשריבן אין אַ קאַמפּלוסטיקן טאָן, מיט שטאַרק־ראַדיקאַלע טענדענצן און גאַנץ שאַרף קעגן לשון־קודש־שרייבער און חיבת־ציון־שטימונגען. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דער קעמפערישער יידישער פּובליציסטיק און דיכטונג. אַזוי ווי עס איז געווען אוממעגלעך ביי די דעמאָלטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע, האָט פּרץ דאַן אַרויסגעלאָזט אומפּעריאָדישע העפטן, זיי פאַרבונדן מיט די יידישע יום־טובים און געגעבן זיי יום־טוב־נעמען („לכבוד פסח", „פייל פון בויגן", „גרינס אויף שבועות", „דער תענית", „הושענה", „טרייסט", „דער שופר" און אַזוי ווייטער).

די „בלעטלעך" האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג צווישן דער ראַדיקאַלער יוגנט און די יידישע אַרבעטער־קרייזן. גלייכצייטיק האָבן זיי אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט צווישן דער נאַציאָנאַליסטיש־העברייאיסטישער אינטעליגענץ. פון פאַרשיידענע זייטן ווערן געמאַכט אָנגריפן אויף פּרצן און אויף די „בלעטלעך". באַזונדערס איז שווער און פאַרביסן געווען דער אָנפאַל פון דוד פרישמאַן, וועלכער האָט אונטער אַ פּסיידאָנים „אברהם גאָלדבערג", אין 1894 אַרויסגעגעבן, מיט דער אונטערשטיצונג פונעם העברייאישן פאַרלאַג „אחיאסף", צוויי ביכלעך: 1) „אברהם גאָלדבערג — לאָקשען, אַ בלעטל צור אונטערהאַלטונג, אַרויסגעגעבן דורך א. י., וואַרשא, תרנ"ד, 26 שפּאַלטן, און 2) „אַ פּלוי פון תשעה באב", פאַרפאַסט פון אברהם גאָלדבערג, אַרויסגעגעבן דורך א. יאַלאָוו. אַ שוואַרץ שפּרינגנדיק, לעבעדיק, בייסנדיק בלעטל, וואַרשע, תרנ"ד, 30 שפּאַלטן. אויף דעם ערשטן ביכל איז די צענזור־דערלויבעניש געגעבן דעם 21טן יוני, אויף דעם צווייטן ביכל — דעם 25טן יולי 1894. אַט־דיביידע ביכלעך זיינען פון אָנהויב ביזן סוף אַ פּאַשקוויל אויף פּרצן און אויף די „יום־טוב־בלעטלעך."

דער אינהאַלט פון דער ערשטער זאַמלונג: „דאָס נייסטע ליד — פאַר געזאָגט פון אַ יונגען לומפּנפּאַטשער; רעד צו דער וואַנט (לייט־אַרטיקל) — אברהם גאָלדבערג; דער דאָרן (אַ זומער־דערציילונג) פריי באַאַרבעט נאָך י. ל. פּרץ — נטע דרעה; דער חורבן צום ערשטן סדר, א בילד, געשווינד נאָכדערציילט אַלאַ גוידא — שמערל איינגעמאַכץ; קריטיק (קורץ און שאַרף אַלאַ ד. פּינסקי) — זלמן נחום באַסס, המכונה זנ"ב; ער שפּילט

פאַרן טייוול, אַ פאַנטאַזיע (כאַפּנדיק נאָכדערציילט י. ל. פּרץ) — מענדל כניאַק; טראַם, טראַם, טראַם, אַ הונגעריקע מעשה (בקיצורלעך דערציילט נאָך ד. פּינסקי) — איציק ליינזוימען; געמויזעכץ — שכנא; פעליעטאָן: אַ קאַפּיטל אויס מיין קאָך־בוך (צו מאַכן דעם מאכל, וואָס מען רופט אים „פאַרפאַלק") — פייגעלע מגיד; אויך אויף אַ זומער־וואוינונג, אַ בילד פון א. גאָלדבערג".

ווי מיר זעען זיינען די אַלע נעמען פאַראַפראַזירט פון פּרצעס און אויך פון אַנדערע זאַכן, וועלכע זיינען געדרוקט אין די „יום־טוב־בלעטלעך."

דאָס ערשטע אַריינפיר־ליד — „דאָס נייסטע ליד" אין די „לאָקשן":

„וואָס דראַפּעט און צאַפּעט און קלאַפּט מיר אין קאָפּ?
עס רייט אַ געדאַנקען האָפּ-האָפּ אין גאַלאָפּ...

און שטיל קריכט ער, פונקט ווי אַ שרץ;
(דער לעזער וועט פרעגן וואָס מיינט דער פּאָעט?
וואָס רייטן? וואָס קריכן? וואָס ווערט דאָ גערעדט?
דאָך שטיל, דען איך שרייב אַלאַ פּרץ!)

עס וואָרקען די טויבן, עס מיוקעט די קאַץ,
עס קריכן די וואַנצעלעך אויף דער מאַטראַץ —
„און לעשן און לעשן און לעשן";
עס ברענט שוין דער הימל, די ערד איז פאַרזענקט,
די מעשענע הענגעל-לאָמפּ הענגט און הענגט,
אוים מעשן, אוים מעשן, אוים מעשן.

איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז און פון שלעכטס
אויב א י י ן וואָרט איז כאָטש דאָ פאַראַנען אַ רעכטס —
איך שרייב אָבער הייגט אַלאַ פּרץ.
איך מוז אַ פּאָעט זיין גאָר טיף און גאָר הויך
און פלאַמעדיק שרייען, אַז גיין זאָל אַ רויך,
און דרך-ארץ, שקצים, דרך-ארץ!

נו מילא, וואו האַלט איך? — אַ פּאַפּיראָס ברענט,
איך שטעל אויפן קאָפּ זיך, איך קריך אויף די ווענט —
דאָ חזיר, דאָ גאָלדענער נזם?
„די פלעדערמייז זינגט זיך" (ווי איך בין אַ ייד!
אויך פלעדערמייז זינגען ביי פּרצן אַ ליד —
ווען'ס גייט, ביי דעם שיסט אויך אַ בייזעם!)

דער כסא של שלמה, ער זעצט ווי אַ מיל;
און מיר טוט דער בויך ווי, איך זינג מיט געפיל —
דער שד האָט אַריין זיך געטראָנטשעט:
און פּלוצלינג... זאָגט, שלאָגט ניט דער זייגער שוין אַכט?
ס׳איז צייט, עס זאָל ווערן אַ סוף שוין געמאַכט,
און פונקטום דאָס ליד געקאָנטשעט״.

אין דעם „לייט-אַרטיקל״, „רעד צו דער וואַנט״ הויבט אָן אברהם גאָלדבערג (דוד פרישמאַן) מיט אַן אַנעקדאָט מכות אַ סוחר, יוואָס פלעגט יעדעס מאָל ביים באַגעגענען אַ שיינע פרוי אויסשפּייען. מען האָט אים געפרעגט וואָס הייסט עס, האָט דער סוחר געענטפערט ווען ער דערזעט אַ שיינע פרוי, דערמאָנט ער זיך אָן זיין ווייב, אָן זיין מיאוסקייט, און דערפאַר שפּייט ער אויס. אַזוי אויך בעת ער לייענט עפּעס פון די אַנדערע ליטעראַטורן, דערמאָנט ער זיך אָן זיין מיאוסקייט, דעם זשאַרגאָן. „אָבער— שרייבט ער — מיט שפּייען אַליין וועט מען גאָרנישט העלפן. אַ מבול אַ גאַנצן און נישט אַ שפּיי וואָלט מען דאַרפן, בכדי צו קענען אָפּמעקן און אַוועקוואַרפן אַלע ספרים און ספרימלעך און בראָשורן און בלעטלעך און יאַרביכער, וואָס האָבן זיך געיאָוועט ביי אונדז אין דער לעצטער צייט״. און דאָ גייט אַוועק אַ „שפּאַציר״ איבער אייניקע פּרצעס זאַכן — „די רויז״, „כסא של שלמה״, „אַ מערב-איראָפּייאישע לאַגע״, און ער גיט צו: „ווען מען זאָל קלאָר שרייבן, וועט מען דאָך זען, וואָס פאַר אַ מין שלאָק רחמנא ליצלן דער שרייבער איז; ווען מען שרייבט אָבער, אַז קיינער זאָל נישט פאַרשטיין, קאָן דאָך איינער פאָרט מיינען, אַז דאָרט איז מי יודע יוואָס פאַר אַ טיפע חכמה פאַרשטעקט... און ד אָ ס וויל זיין אַ טאַלאַנט? דאָס וויל זיך אָנרופן אַ פּאָעט, וויל הייסן אַ שריפטשטעלער? זיך חכמהנען און המצאהנען און שפּייען מיט גלייכווערטלעך זאָל הייסן גייסטרייך זיין?״ און נאָך דעם ווי ער ברענגט ציטאַטן פון פּרצן, רופט פרישמאַן אויס: „ווי נידעריק די זשאַרגאָן-ליטעראַטור זאָל נישט זיין געשטאַנען, עס איז פאָרט געוועזן אַמאָל צייטן, וואָס אַזעלכע שרייבער זיינען גאָרנישט מעג-לעך געוועזן! עס איז פאָרט געוועזן אַ מענדעלע מוכר-ספרים, אַ שלום-עליכם, אַ פרוג, אַ ספּעקטאָר, אַ גאָלדפאַדען, אַ לינעצקי, אַ גאָטלאָבער, אַ צווייפל, וואָס אַז זיי פלעגן רעדן האָט דאָס פּובליקום פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים״...

און נאָך פאַרשידענע אַריינזאָגעכצן און שטעכווערטלעך שרייבט א. גאָלדבערג וועגן דעם מין שרייבער ווי פּרץ: „זיי מאַכן שירים אַלאַ היינע, זיי שרייבן ראָמאַנצעראָס, זיי שרייבן דערציילונגען, סקיצן, גייסטרייכע פּאָ-ליטיק, איבערזיכטן, קריטיקן וכו׳ און ווייסן גאָרנישט, ווי וויט עס גייט

זיך דעם געזונטן לעזער אַ חלשות אָן פאַר זייער גאַנצן באַלבען און פאַר זייער, מיט רעספּעקט צו מעלדן, נפיחהנען מיט דעם מויל... און אַז"וו.

אין ביכל קומען אַריין אויך נאַרישע נישטיקע שטעכווערטלעך אויף פּרצעס אַדרעס אונטערן קעפּל „קריטיק": „לכבוד פּסח, אַ יו"טדיק בלעטל פון פּרץ־ספּעקטאָר!*) — אויסגעצייכנט! (אַז איך וויל אָבער קאָן איך נאָך דאָס דאָזיקע וואָרט אויסשטרייכן און שרייבן: עס טויג אויף כפּרות!)".

עס קומט אין ביכל אַ שטיקל פּאַראָדיע אויף פּרצעס „ער שפּילט פּאַרן טייוול" (האַלט אַ 20 שורות) מיט אַ צוגאָב: „דעם רעשט פון דעם סיפּור און אויספירלעך קאָן מען דאָס אַלץ לייענען אין שלום־עליכמס „סטעמפּעניו", דען פון דאָרט האָב איך דאָס אַלץ גענומען".

צום סוף ביים „געמויזעכץ" — אַזאַ גראַב, עקלדיק ווערטל: „יידישע ביבליאָטעק. איזהו עשיר? מי שיש לו בית־הכסא סמוך לשלחנו. איצט מאַכט מען שוין דאָס אַנדערש; איצט שאַפט מען זיך אָן די נייע יידישע ביבליאָטעקן און מען האָט דאָס ליגן אויפן טיש, איז מען דערמיט שוין יוצא".

דאָס איז געשריבן וועגן די צוויי זאַמלביכער, וועלכע פאַרמאָגן אמתע ליטעראַרישע פּערלען פון יונגע און עלטערע שרייבער, און אין דער ערשטער ריי — פון פּרצן גופא!

פון דעם זעלביקן שניט און כאַראַקטער איז דאָס צווייטע ביכל־פּאַמפלעט „אַ פּלוי פון תשעה באָב".

דער אינהאַלט: „צום לעזער (אַ פאָררעדע, געאַרבעט געננוי לויט אַ מוסטער) — די פּלוי; דער שול־בעזעם (פּאַראָדיע) פון מיר דעם גרויסן פּאָעט מענדל גבור; צוויי מאָל צוויי איז... וויפיל? (לייט־אַרטיקל) — אברהם גאָלדבערג; די קאַטאַסטראָפע אין גושן — איציק שפּינוועבס; נייעס (פון דער גאַנצער וועלט) — באַנציע שוויג; מילכיקס אויף די ניין טעג, ראָמאַן אין 10 חלקים פון א. גאָלדבערג; קרעפּלעך — שבתי מאיר לעקעך־באַקער. געמויזעכץ; אין דער מאַמען אַריין! אַ מאָנאָלאָג פון אַ משוגענעם שריפטשטעלער, זייער פריי נאָך דוד פּינסקי — חיימל בעלפער".

אין דער פאָררעדע ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן: „איך שרייב, ווייל איך וויל האָבן עטלעכע גראָשן; איך רעד, אַז קיינער פאַרשטייט קיין וואָרט נישט, גאָר פּראָסט, ווייל איך קאָן נישט אַנדערש; איך גיב אַרויס אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג בלעטלעך און בראָשורקעס, וואָס זיינען אַזוי גרויס ווי אַ טל־ומטר, גאָר פּראָסט, ווייל איך בין ניט אומשטאַנד צו שרייבן אַ גרעסערע, איבערלעגטע, צוזאַמענהענגענדע זאַך; איך שרייב פאַרדרייט, אַז איינס

*) מ. ספּעקטאָר האָט אַנטייל גענומען אינעם אַרויסגעבן דאָס ערשטע העפט פון די „יום־טוב־בלעטלעך".

קומט נישט צום צענטן, גאַר פּראָסט, ווייל איך בין נישט אימשטאַנד צוויי אָדער דריי צוזאַמענהענגענדע געדאַנקען צונויפפּאַרן... איך הייס איין מאָל „דער פייל" און איין מאָל „דער פיילנבויגן", איין מאָל אַזוי און איין מאָל אַזוי, איך בין אַ קראַנקער, אומגליקלעכער מענטש, וואָס ביי אים איז עפּעס אַ רעדל געפּלאַצט אין מוח".

נאָך דער „פאָררעדע" קומט אַ מין „קריטיק" — אַ „לייט־אַרטיקל", וואָס הייסט „צוויי מאָל צוויי איז... ווילפּיל". דאָ ווערן „אַנאַליזירט" אַ ריי פּרצעס זאַכן: „די רויז", „די מערב־אייראָפּייאישע לאַגע", „דער כסא של שלמה", „די שול־קאַלינע", „צום עולם התוהו", „געשלאָגן דעם טאַטן", „הולדת משה", „המחשבה והכנור", „בריוו איבער ליטעראַטור". דערנאָך שרייבט א. גאָלדבערג: „איר לייענט אַ באַלאַדע „מאַניש", דאָס גאַנצע איז משוגע און פאַרדרייט, אַז איין בילד קומט נישט צום צענטן, ווייל יעדעס איז גענומען פון אַן אַנדער קוועלע, און דעריבער איז עס זייער „סקוטשנע"... נו, אָבער ליגט די האַנט אויפן האַרץ און זאָגט מיר: האָט איר שוין קיין־מאָל נישט געלייענט אַ מעשה מיט דער „פּרוי ווענוס" אויפן ווענוס באַרג, וואָס פאַרלאָקט אַהין צוריק דעם פרומען פּרוש „טאַנהייזער..." און דער פאַמפלעטיסט פאַרענדיקט: „ניין, מיינע הערן! עס זיינען שוין נישטאָ די יאָרן, וואָס לאַנגע קודלעס און משוגענע העוויות און אַבזיכטלעך־דולע, נאַ־טירלעך־פּוסטע, נישט־ווילנדיק־נאַרישע פראַזן זאָלן זיין אַ סימן פון אַ פּאָ־עט. מיר פאַרלאַנגען אַלס ערשטן תנאי אַ געזונטן קאָפּ, קלאָרקייט, דורכ־זיכטיקן קריסטאַל"...

איז דאָס נאָך אַלץ קאַרג, קומט דערנאָך אַן אָפּטיילונג „נייעס", וואו מען רעכנט זיך ווידעראַמאָל אָפּ מיט פּרצן. אַזאַ מין „חכמה": „מען שרייבט אונדז: עפּעס אין אַ שטאָט גייט איצט אַרויס פון דרוק פּרצעס געזאַמלטע ווערק. אַלעס אין אַלעס 1 און דריי פערטל בויגן שטאַרק, אין 12 חלקים. די ווערק זיינען געדרוקט אַזוי ווי להבדיל די „מקראות גדולות" מיט ל"ב פּירו־שים אַרום, בכדי צו דערפאַרשן און צו דערגיין און צו דערווייזן די כוונה, וואָס דער מחבר האָט געהאַט מיט דעם, וואָס ער שרייבט. דאָס וואונדער איז, אַז איין פּירוש שטימט נישט מיט דעם אַנדערן."

און ווייטער נאַרישע חכמהלעך — פון די „נייעס":

„אין לאָנדאָן האָבן צוויי אַדל־לייט, לאָרד העווענסטאָן און לאָרד סטיי־קענזיי, אַ וועט געמאַכט וועגן אַ שווערער שטעל אין פּרצעס אַ ספר. איינער האָט געזאָגט, דער מחבר מיינט דאָס, און איינער האָט געזאָגט, דער מחבר מיינט יענס. דאָ האָבן זיי אַ דעפּוטאַציע מיט אַן עקסטראַ־פּאָיעזד אָוועק־געשיקט צום מחבר, אום דערגיין זיין אמתע כוונה. מיר האָפן דאָס־דאָזיקע, וואָס דער מחבר זאָל־לעבן וועט זאָגן, אונדזערע לעזער תיכף מודיע צו זיין".

„אויס פּאַריז שרייבט מען אונדז, — אויף דעם בית־עולם פּער־לאַשעז, וואו היינריך היינע ליגט באַגראָבן, האָבן אָנגעהויבן אין דער לעצטער צייט פּיל ווערעם פון דעם קבר אַרומצוקריכן, וואָס האָבן געהאַט אַ יניקה פון דעם טויטן גוף, און האָבן אָנגעהויבן צו זינגען לידער, אַ חילול־השם פאַר דעם טויטן דיכטער!"

„אין וואַרשע האָבן נעבעך צוויי בחורים זיך אָפּגעמידט און האָבן גע־וואָלט דערגיין דווקא דעם פּשט אין פּרצעס אַ זאַך און זיינען דאַדורך אַראָפּ פון זינען. זיי זיצן דערוויל אין דעם דול־הויז. גאָט זאָל זיך עפּעס מרחם זיין. — „באַנציע שוויג".

אָט מיט אַזאַ מין „כלי־זיין" האָט דוד פרישמאַן דאָן געקעמפט קעגן פּרצן, קעגן זיינע ווערק און קעגן זיין וואַקסנדיקער השפעה.

אָט אַזוי נישטיק האָט דוד פרישמאַן רעאַגירט אויף די אַלע פּרעכטיקע פּרצישע זאַכן און בכלל— אויף די „יום־טוב־בלעטלעך", וואָס זיינען אַ וויכ־טיקע דאַטע אין דער יידישער קולטור־געשיכטע.

2

אָט־די מיאוסע אָנפאַלן האָבן זיכער פאַרשאַפט פּרצן יסורים און אויפ־רעגונג. פּרץ אָבער האָט דאָס אַלץ דערשטיקט אין זיך און עס אַראָפּגעשלונ־גען. ער האָט אויף די אָנפאַלן נישט רעאַגירט.

אין דעם בלעטל „די טרייסט" (אַ שבת־נחמו־בלעטל) אויף דעם לעצטן זייטל אונטערן קעפּל „בריוו־קאַסטן" געפינען מיר פאָלגנדיקע שורות: „הערן א. בורליק, ווילנע. — די „לאָקשן" זיינען געוויס פרישמאַנס; זיין סטיל און זיינע חכמהלעך".

גאָר אינגיכן טרעט ווידער אַרויס פרישמאַן קעגן פּרצן — און איצט שוין אונטער זיין אייגענעם נאָמען. עס איז געווען אין 1895, נאָך דעם ווי עס איז דערשינען פּרצעס העברייאיש לידער־ביכל „העוגב"*), וואָס איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דעם אינטעליגענטערן לעזער. פרישמאַנס העברייאישער אַרטיקל וועגן פּרצעס „העוגב" האַלט גאַנצע 38 זייטן, ער איז פול מיט זילזולים קעגן פּרצן און עס זיינען געברויכט אַזעלכע ווערטער, ווי גנב, פּלאַגיאַט, פעלשער א. א. וו. (כל כתבי דוד פריש־מאַן, ב. 1, מכתבים על דבר הספרות, ז' 90־127).

נאָך אַ לאַנגער הקדמה אויף עטלעכע זייטן וועגן מהות פון עכטער דיכטונג, גייט פרישמאַן אַריבער צו די מענטשן, וואָס זייער פאַנטאַזיע און

*) העוגב שירי-אהבה מאת י. ל. פרץ, עם תמונת המחבר, ווארשא, תרנ"ד (1894), 32 ז"ז.

געדאַנק, התפּעלות און אויפרעגונג זיינען גאָר געגנבעט און געפעלשט און וואָס קיין שום נייער געדאַנק, קיין שום נייע געשטאַלט איז ביי זיי נישטאָ. ווי דיכטער פאַרמאָגן זיי קיין איין פערז נישט, וואָס זאָל זיין געפּאַסט אין אַ נייער פאָרם. אַזעלכע מיני מענטשן, זאָגט פרישמאַן, האָבן קיין שום רעכט נישט פאַר עקזיסטענץ, און דער, וואָס נעמט זיי אָן ביי די אויערן און שלעפּט זיי אַרויס אין גאַס, טוט ער גאָר אַ חסד־גענאָד מיט אַלעמען. נאָך אָט דער אַלגעמיינער „דעפיניציע", גייט פרישמאַן אַריבער צו זיין „קרבן", צו פרצן, און זאָגט „אָט דער משורר איז באמת אַ לויתן צווישן די קליינע פישלעך אין דעם גלאָז וואַסער, וואָס הייסט ביי אונדז ליטעראַטור... ער וועט זיין זייער אַ געוואונטשטער מוסטער צו ווייזן דורך אים אויף דעם פּלאַגיאַט, נאָכקרימעניש און געפעלשטער דיכטונג"...

„דריי זאַכן — זאָגט אין זיין אַראָפּרייסערישן אַרטיקל דוד פריש־מאַן — פאַרחידושן אונדז גלייך נאָך איידער מיר טרעטן־צו צו לייענען. מיר ווייסן פון פריער, אַז דער מחבר איז אַ פּלאַגיאַטאָר אויך אין אַנדערע ווערק, נאָך פאַר דעם ספר. צווייטנס, די גרויסע רעקלאַמע. וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר דעם דערשיינען פון דעם ביכל, און דאָס בילד, וואָס קומט אין אָנהויב פון דער בראַשור... בנוגע דעם ערשטן פּונקט איז אמת, דער מחבר האָט ביז איצט געשריבן העברייאיש גאָר ווייניק, אָבער אין יידיש איז ער איינער פון די חשובסטע באַלעבאַטים, וואָס האָט פאַרשפּרייט זיינע גרע־נעצן אין אַלע זייטן, דער לעזער אָבער מיט אַן אָפן אויג און מיט אַ פאַר־שטענדיקט האַרץ האָט ביי אים קיינמאָל נישט געפונען קיין נייע געדאַנקען אָדער נייע בילדער־געשטאַלטן, און אויך די פאָרם, אין וועלכער ער קליידט אָן זיינע ווערק, איז די פאָרם, וואָס טויזנטער פינגער האָבן זיי שוין גע־האַט אויסגעטאַפּט. איך זאָג נישט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער איבערגעזעצט פון אַן אַנדער שפּראַך און דערביי נישט אָנגעוויזן דעם מקור, פון וואַנען ער האָט עס גענומען. ווייל וואָלט ער אַזוי געטאָן, וואָלטן מיר דאָך געקאָנט גלייך אָנווייזן מיטן פינגער אויף דער גנבה, און דער ענין וואָלט געוואָרן דערליידיקט אין צוויי־דריי ווערטער. ער האָט אָבער געטאָן נאָך ערגער: אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער גענומען נישט פון איין מקור, נאָר פון עטלעכע מקורים, אַ שורה פון דאַנען, אַ שורה פון דאָרט, אַ וואָרט פון איינעם און אַ וואָרט פון אַ צווייטן. איין סטראָפע פון דעם בוך, אַ צווייטע — פון אַן אַנדערן, אַזוי אַז דער קריטיקער קאָן נישט קומען און אָנווייזן מיטן פינגער... אָפטמאָל געפינען מיר ביי אים אַ גאַנצע גנבה, און יעדער מענטש וועט זיך גלייך כאַפּן און זאָגן: אָט איז עס!" און פריש־מאַן ווייזט אָן אַ ריי זאַכן פון פרצן, וועלכע זיינע גענומען אָדער דערמאָנען אָן טשערכאָוון, שענקעוויטשן, שאַמיסאָ, היינע. און אַזוי מאַכט ער אַ תל־תל

פון דעם ביכל „העוגב" און דערביי דערוויזט ער, אַז פרץ קאָן קיין העב־רייאיש אויך נישט שרייבן *).

גאָר אַן אַנדער מיינונג האָט וועגן פרצעס „העוגב"־לידער יוסף קלויז־נער. אין אַן אַרטיקל „שירי אהבה" (העברייאיש זאַמלבוך „האשכול", תרנ"ח) נעמט קלויזנער זיך שטאַרק אָן פרצעס קריוודע קעגן די אָנפאַלער. „נאָר איין ביכל — זאָגט ער — איז דאָ אין העברייאיש, וואָס, צום באַדויערן, האָבן אויך אונדזערע בעסטע קריטיקער געוואָלט אינגאַנצן מבטל זיין דורך דעם, וואָס זיי פאַרדרייען זיינע ווערטער. באמת דאַרף מען אין דעם ביכל זען דעם ערשטן פרואוו צו געבן אין אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך אייראָ־פּייאישע און גלייכצייטיק אויך יידישע ליבע־לידער, אויף וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג־לאַנג געוואַרט, פון די צייטן פון מיכ"ל (מיכה־יוסף לע־בענזאָן — 1828־1852) ביז איצט". ספּעציעל פאַרנעמט זיך דער אַרטיקל פון יוסף קלויזנער מיט פרצעס העברייאיש, און אָט־די ווערטער זיינען אַ מין פאַרטיידיקונג קעגן פרישמאַנס אָנפאַלן. „מיט אַ פול מויל — שרייבט י. קלויזנער — קאָנען מיר זאָגן, אַז ער (פרץ) איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אונדז איבערצייגט, אַז מען קאָן אויסדריקן די סאַמע איידלסטע און צאַרטסטע איינדרוקן, און אפילו אַלע פאַרשידנאַרטיקע געפילן, אין אַלע זייערע ניואַנסן און געשטאַלטן אין העברייאיש נישט ערגער ווי אין אַן אַנ־דער שפּראַך. — דער מחבר פון „העוגב" איז נאָך מיכ"ל דער ערשטער צווישן די העברייאישע דיכטער, וואָס האָט זיך באַמיט צוצוגעבן זיינע לי־דער, וואָס איבעראַשן מיט דער גייסטיקער קאָנצענטרירטקייט פון דעם דיכטער — די אמתע יידישע אייגנשאַפט. — אַלדי טייערסטע מעלות, וואָס עס פאַרמאָגן די בעסטע ליבע־לידער, וועלכע עס האָבן געשריבן די באַ־רימטע אייראָפּייאישע דיכטער... נאָר די פרץ־לידער קאָנקורירן מיט מיכ"לס שירים. אָט־די לעצטע צייכענען זיך אויס מיט זייער צאַרטקייט און ווייכקייט, אָבער זיי פאַרמאָגן נישט דעם בליק, די געדאַנקען־חריפות, וואָס איבעראַשן אונדז אַזוי אין די „העוגב"־לידער... לידער זיינען אונדזערע לעזער און אפילו אונדזערע קריטיקער נישט דערוואַקסן צו דער דערקענטעניש, אַז אַ קורץ ליד, וואָס איז פול מיט שיינע בילדער און מיט

*) אגב: אין אַ 3-2 יאָר אַרום האָט מ. ל. ליליענבלום אין זיין אַרטיקל אין „לוח אחיאסף" (תרנ"ח) אונטערן נאָמען „דברי זמר" אויספירלעך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער „עפּידעמיע", וואָס הערשט לעצטנס מיט די „שירי-אהבת", ליבע-לידער. ער געפינט, אַז עס איז אַ סימן פון ירידה אין ליטעראַטור, וואָס אַלע האָבן זיך גענומען צו סתם ליבע-לידער און ליבע-דערציילונגען. עס איז אַן אומנאַטירלעכע זאַך, עס שטאַמט פון דער פרעמד.

עטלעכע נאַטירליכע איבערלעבונגען, איז פאַר אונדז פיל טייערער פון די לאַנגע, צעצויגענע לידער וועגן דעם פאָלק ישראל, זיין תורה און זיין גלות״.

3

פרישמאַנס אַנגריפן קעגן פרצן האָבן נישט אויפגעהערט. אין זיין אַר־טיקל „צווישן ציטונגען און זשורנאַלן״ געשריבן אַרום 1903, (דוד פריש־מאַן — „שריפטן״ ב׳ 3, ז״ 96) שרייבט פרישמאַן וועגן ביאַליקס אַ שיר אין „השלוח״, געווידמעט די פּאָגראָמען: „איך האָב אַזאַ האַרץ־צערייסנדן קרעכץ שוין לאַנג נישט געהערט, יעדעס וואָרט איז אַ קויל. און די שפּראַך איז אַזוי שיין, אַזוי געוואַלטיק, ווי נאָר ביאַליק פאַרשטייט זי צו שרייבן״. פרישמאַן זעצט איבער עטלעכע שורות פונעם ליד און גיט צו: „מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז עס איז פאַראַנען נאָך אַ צווייטער יידישער פּאָעט, איינער וואָס זיין שפּראַך איז שוין נישט אַזוי שיין און אַזוי געוואַלטיק, אָבער ער איז פאָרט אַ פּאָעט און אפילו אַ זייער באַרימטער, און דעם דאָ־זיקן פּאָעט טרעפט זיך אַלעמאָל אַן אומגליק, אַז וואָס ער שרייבט, האָבן אַנדערע שוין געשריבן פאַר אים, אָדער אַנדערע שרייבן דאָס צוגלייך, אין איין צייט, מיט אים.״ א. א. וו.

אין אַן אַרטיקל וועגן יידישן טעאַטער שרייבט דוד פרישמאַן וועגן „די פאַרשוינען, וועלכע רעדן איצט אַזוי וועגן טעאַטער און רייבן זיך טאָג און נאַכט אַרום דראַמאַטישע חברות״. און ווען ער טראַכט וועגן זיי, קו־מען אים אָן „ספקות, אויב עס איז גאָר פאַראַן ביי אונדז פאַרשריט און אַנטוויקלונג״ א. א. וו. און נאָך דער ביטול־כאַראַקטעריסטיק פון אָט־די פאַרשוינען, קומט דוד פרישמאַן צום „עיקר״: „צו וואָס שפּילן זיך אין ,בלינדע־קו׳? איך וועל אָנרופן נעמען און זאַכן: איך רעד פון הערן פרץ. פרץ, דאָס איז קיין סוד נישט, האָט ליב פון תמיד אָן צו מאַכן חברות. ווען ער וואָלט עס נאָר געקאָנט אויספירן, וואָלט ער אַזוי מאַכן חברות אַ 300 שטיקלעך אַ יאָר. אין אַן עיבור־יאָר, נאַטירלעך, מער. פון תמיד־אָן האָט ער עס ליב, זינט יאָרן טוט ער עס. אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג גרינדעט ער עפּעס אַ ,גרינדעניש׳, און ווערט דאָרט אַלעמאָל אויפסניי דער פאָרזיצער און האַלט דאָרט אַלעמאָל אויפסניי אַ רעדע און כאַפּט דאָרט אַלעמאָל אויפסניי די הונדערט יינגלעך. עס איז אַ מענטשלעכע זאַך: ער האָט הנאה דערפון, און דערביי איז דאָס קיין יינגל נישט מער, דערביי איז דאָס אַ ייד שוין אַ זעכציקער, לויט מענטשלעכער באַרעכענונג״ (דוד פרישמאַן, שריפטן, ב. 3, ז׳ 48־49). „דאָס אומגליק איז אָבער, — טעהנט ווייטער פרישמאַן, — וואָס פרץ שטעלט אין דער דינסט פון אַזאַ זאַך אויך זיין טאַלענט. ער הייבט אָן צו שרייבן דראַמעס און טעאַטער־שטיק און סצענקעס. ער פאַר־

לאָזט זײַנע חסידישע מעשהלעך און שרײַבט ,שוועסטער׳ און ,שאַמפּאַניערס׳ און ,אַלטע קייטן אויפֿן מאַרק׳ (!) ...״ „נאַטירלעך — פּסקנט פרישמאַן לייכט אָפּ — טויגן זיי נישט: אַ מענטש, וועלכער פילט און זעט און פּאָ־רעמט ליריש, ווערט נישט איבערנאַכט אײנער, וועלכער קען געבן פּלאַס־טישע פיגורן; אַ מענטש וועלכער חלומט אומקלאָר און פאַרנעפּלט, האָט נישט אין זיך יענעס באַשטימטע, וועלכעס עס האָט דער דראַמאַטיקער. פּרץ אָבער שרעקט זיך נישט איבער; ער בעסערט אויס זײַנע שטיק. נאַטירלעך טויגן זיי אויך דאַן נישט, ער בעסערט זיי אָבער אויס צום צווייטן מאָל. און אַזוי בעסערט ער יאָר־אויס, יאָר־אײַן, מעקט און שרײַבט, מעקט און שרײַבט, און זיך אַליין וויל ער אַלץ נישט מודה זײַן, אַז אים פעלט דאָס דראַמאַטישע. און קומט ער דאַן מיט אַזאַ דראַמע צום טעאַטער, און דאָס טעאַטער נעמט עס נישט אָן, ווערט ער מלא כעס און לויפט און מאַכט זיך אַ חברא־קדישא אַליין.״

אָן אַנדערש מאָל וואַרפט פרישמאַן פאַר פּרצן אַזאַ מין באַשולדיקונג: „דער קלײַנסטער שבח, וועלכע מען האָט נאָכגעזאָגט אַ יידישן אַרטיסט, איז געווען, אַז זײַן שפּילן איז ,מייסטערהאַפט׳... אַ קלענער וואָרט ווי ,מייסטערהאַפט׳ האָט מען שוין נישט געהאַט. מיר דאַכט זיך, אַז נישט קיין גרינגערער ווי י. ל. פּרץ איז עס געווען, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן וואָרט ווען דעם שפּיל פון אַ יידישן אַרטיסט און אַר־טיסטקע״.

קיין ערנסטע אָפּשאַצונג פון פּרץ און זײַנע ווערק האָט פרישמאַן קיינ־מאָל נישט געפּרוּווט צו מאַכן, ער האָט אויך קיינמאָל נישט אָנגעטאָן זיך קיין כוח אָנצושרײַבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן פּרץ. נאָר אַלעמאָל יוצא געווען מיט בײַסיקע אַרײַנזאָגעכצן. אין פרישמאַנס פעליעטאָנען טרעפן מיר זיך אָן אויף פיל אַזעלכע אגב־באַמערקונגען.

אַזוי, למשל, גיט זיך פרישמאַן ערגעץ אַ זאָג: „פּרצעס פאָלקסטימ־לעכע געשיכטן, ווען מען זאָל צוויי דריטל פון זיי אָוועקוואַרפן, און זײַנע חסידישע מעשהלעך און אַ גרויסער טייל פון זײַנע סיפּורימלעך אין אַל־געמיין — זײַנען גאַנץ־גאַנץ נ ע ט ע זאַכן; זיי זײַנען בײַשט מי־יודע וואָס, נאָר נעט און נוצלעך זײַנען זיי; אָבער פון אײַביקייטן און אומשטערב־לעכקייטן זאָלט איר מיר אויפהערן צו רעדן״ (ד. פרישמאַן „שריפטן״ 3, ז״ז 58־59).

דוד פרישמאַן ברענגט דערבײַ צו הילף געאָרג בראַנדעסן. אין אַן אַרטיקל שטעלט ער זיך פאָר, ווי אַ פרעמדער רייזנדער, למשל, געאָרג בראַנדעס, פאָרט אַריין פּלוצים אין אונדזער „ליטעראַטור־שטעטל״. „ער שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ בענדל מיט עטלעכע צענדליק סקיצן: די „שריפטן״

פון י. ל. פרץ. אַלזאָ, דאָס איז דאָס גרויסע און געוואַלדיקע :... געאַרג בראַנדעס הויבט אָן צו לייענען. יעדנפֿאַלס אַ טאַלאַנט, דאָס וועט קיינער נישט לייקענען. און אויך אַ גאַנץ־אינטעליגענטער קאָפּ איז דאָס, די פֿאָרם נאָר ווילט זיך אים זייער אָפֿט נישט איינגעבן. און אויך אומקלאָר איז ער אָפֿט. דאָס קומט אפשר, ווייל ער האָט דעם ערגייץ צו זיין דווקא דאָס, וואָס ער איז אייגנטלעך נישט, און דעריבער פֿאַרסירט ער זיין שטאָף". פֿרישמאַן אַנאַליזירט אַנשטאָט בראַנדעסן פּרצעס זאַכן: „באַנציע שווייג", למשל, איז אַ שטיקל דרוש פֿאַר אַרבעטער־לייט און האָט אין זיך גאָר־נישט קינסטלעריש. אַזוי אויך איז דאָס „שטריימל", אייגנטלעך, גאָר אַ שלעכטער וויץ אין דער צייט פֿון דער משכילים־אפּיקורסות. אַנדערע זאַכן ווידער קומען פֿאָר אַזוי באַקאַנט: ענטוועדער אינעם שטאָף אָדער אינעם מאָטיוו. עס איז קלאָר: אייראָפּע האָט דעם דאָזיקן שריפֿטשטעלער מער געגעבן, ווי עס קאָן פֿון אים נעמען. דאַגעגן אָבער ווען ער קומט צו זיין אייגן וועלטל און צו זיינע אייגענע שטאָפֿן, איז ער הערלעך". און אָט, קאָן מען מיינען, פֿאַרגעסט פֿרישמאַן, אַז ער איז געקומען שעלטן און בענטשט גאָר.

אָבער ער שרייבט ווייטער: „אָט, למשל, אַ סקיצע „ארבע מיתות — ארבעה דורות"; עס איז אַן אמתדיק קאַבינעט־שטיקל. און דאַן די חסידישע מעשהלעך; מען קאָן זיי לייענען צוויי און דריי מאָל: אַזאַ „צווישן בערג", אַ „גלגול פֿון אַ ניגון" אָדער „שהשמחה במעונו". אויך אַ גרויסער טייל פֿון די „פֿאָלקסטימלעכע דערציילונגען" (פֿרישמאַן פֿאַרגעסט עקשנותדיק דעם פּינקטלעכן נאָמען פֿון פּרצעס זאַכן. — נ. מ.) טרעפֿן זייער אָפֿט דעם פֿאָלקס־טאָן און מען לייענט מיט פֿאַרגעניגן, אָבוואָל זיי באַזיצן נישט מער דאָס נאַאיווע, וואָס די־דאָזיקע דערציילונגען האָבן אין זייער ערשטער קוועלע. דער לעזער באַמערקט צו אָ פֿ ט דאָס געמאַכטע, און די אילוזיע פֿאַרשווינדט און עס בלייבט איבעריק אַ נאַרישע מעשה־נסים, אין וועל־כער מען גלויבט נישט. יעדנפֿאַלס אָבער איז וויניקסטנס אַ גרויסער טייל פֿון זיי גאַנץ אָנגענעמע דערציילונגען. דאָס איז אַלעס, ווען מען וויל עס מאַכן בקיצור. דער סך־הכל איז: אַ לירש געמיט צונויפֿגעפּאָרט מיט אַ אינטעליגנטן קאָפּ, וועלכער איז געגאַנגען אין חדר אַריין ביי אייראָפּע."

און פֿרישמאַן האָט מורא, טאָמער האָט ער שוין צו פֿיל גוטס געזאָגט אויף פּרצן, כאַפּט ער זיך צוריק: „לירישע געמיטער אָבער צונויפֿגע־פּאָרט מיט אינטעליגענטע קעפּ, וועלכע זיינען געגאַנגען ביי אייראָפּע אין חדר אַריין, געפֿינט מען אין הונדערט ליטעראַטור ווינקעלעך אין אייראָפּע. זיי זיינען נישט די טאַטעס פֿון די ליטעראַטורן, זיי זיינען גאָר די באַגלייט־דערשיינונגען" (דוד פֿרישמאַן, שריפֿטן, ב. 3, ז' 88).

מיט עטלעכע זייטלעך שפּעטער, אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל וועגן דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער, מאַכט פרישמאַן אַ פאַרגלייך צווישן פּרצן און אַשן און פסקנט: „העכער, גאַרנישט צו פאַרגלייכן העכער, שטייט זיין (שלום אַשס) טאַלענט פונעם טאַלענט פון י. ל. פּרץ. פּרץ איז אפשר דער אינטעליגענטערער פוןביידע, האָט מער גייסט, האָט אין זיך אַן עפּעס, וואָס איז פיינער, האָט מער קולטור, האָט מער ליטעראַרישן אַריסטאָקראַטיזם... פּרץ איז (אָבער) נעפּלדיק, זיינע פיגורן האָבן קיינמאָל נישט קיין באַשטימטע אומריסן, אַלעמאָל שווימען זיי, אַלעמאָל ציען זיי זיך ווי וואָלקנס, זיינע מעשיות זיינען אויסגעקליגלטע, אַלעמאָל זיינען זיי אַבסטראַקט, אַלעמאָל האָבן זיי דאָס געמאַכטע"... און שמועסנדיק אויספירלעך וועגן אַשן און וועגן זיינע דראַמעס, זאָגט לסוף דוד פרישמאַן: „אויך י. ל. פּרץ האָט אָוועקגעוואָרפן זיינע שיינע חסידישע מעשהלעך און האָט זיך פּלוצלינג, שוין גאָר אין די שפּעטערע יאָרן, גענומען צו דראַמעס. ער שרייבט ווי אויף להכעיס און אין איין פייער. ער שרייבט און מעקט און אַ דראַמע מוז זיין"... „ווי מעכטיק — ענדיקט פרישמאַן זיין אַרטיקל — מוז זיין דאָס דאָזיקע פאַרפירעניש, אַז עס מאַכט בלינד זעענדיקע און מאַכט נאַריש אפילו קלוגע" (דוד פרישמאַן, „שריפטן", ב. 3, ז"ז 95־99).

4

די אָנגעצויגענע באַציאונגען צווישן פּרץ און פרישמאַן האָבן דאָך נישט געשטערט, אַז פּרץ זאָל מיטאַרבעטן אין דוד פרישמאַנס „הדור" (וואַרשע 1901). איך האָב געפרעגט ביי אייניקע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צום „הדור", האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז בעיקר פלעגט די אַרטיקלען ביי פּרצן באַקומען דער אַרויסגעבער פון „הדור", א. קאַפּלאַן. וועגן דעם, אַז עס זיינען געווען סיכסוכים צווישן פּרץ און פרישמאַן אַרום פּרצעס מיטאַרבעטן אין „הדור", דערציילט פּרצעס העברייאישער בריוו צום אַרויסגעבער פון „הזמן" (זע „פּרצעס בריוו און רעדעס", ז"ז 230־232). צווישן אַנדערן שרייבט דאָרט פּרץ: „אין תוך פון דער זאַך שטייען נישט צווישן מיר און איך קיין געלט־באַדינגונגען, נאָר אַ מאָראַלישער באַדינג. אמת, מיר ווילט זיך שטאַרק פּטור ווערן פון מיין אַמט (אין דער גמינע), וואָס רויבט צו ביי מיר אַ האַלבן מעת־לעת (די צייט פון אַרבעט און אָפּרו) און איך האָב געהאָפט אויפן „הזמן", אַז ער וועט מיך אויסלייזן פון אָט־דער געפענקעניש. אָבער איך האָב קיין רעכט נישט צו פאָדערן פון איך אַ קרבן, און אויב איר קאָנט נישט און איר מוזט אָנקומען צו אַזאַ עקאָנאָמיע, וועל איך אפשר געפינען אַן אַנדערן אויסוועג...

דער עיקר, וואָס איך וויל אויסנעמען מיט איך: אַז מיין אונטער־

שריפט איז ערב פאַר דעם, וואָס איך שרייב, און איך בעט מיך באַפרייען פון דער רעדאַקציע, פון דעם שערל ווי אויך פון דעם בלייער... עס איז אַ מאָראַלישער באַדינג. די רעדאַקציע געפינט זיך אין פרישמאַנס הענט, און פרישמאַן און איך אַמפּערן זיך שטענדיק, און מיר ווילט זיך קומען פאַרן לעזער אין מיין פולער געשטאַלט, און נישט אין דער געשטאַלט פון אַן אַנדערן. איך וויל זאָגן דאָס וואָס מ י ר ווילט זיך און אין מ י י ן ש פ ר אַ ך.

פרישמאַן איז אַ פרייער מענטש, אָבער אויך דער מענטש, וואָס איז פריי פאַר זיך — האָט קיינעם פאַר יענעם...

פרישמאַן מעקט, למשל, אויס דאָס וואָרט „עתון" און שרייבט אַנ־שטאָט דעם — „מכתב עתי", און איך ווער אויפגערעגט, אָבער ער פאַר־שטייט נישט מיין כעס, און בשום־אופן וויל ער נישט פאַרשטיין, אַז אָט־דער אונטערשייד איז אַן עיקר און איז געבונדן אין דער פראַגע פון דער שפּראַך־אויפלעבונג. איך גיב נאָר אַ משל פון אַ מעשה שהיה, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט אַרבעטן אין „הדור". (העברייאיש וואָכנבלאַט, רעדאַקטירט דורך דוד פרישמאַן, דערשינען אין די יאָרן 1901־1904).

אויב איך וועל נישט זיין ז י כ ע ר, אַז אָט דער תנאַי וועט דערפילט ווערן, קאָן איך אייך אין קיין פאַל און אין קיין אופן אייך נישט העלפן.

אָט דעם תנאַי האָב איך וויפיל מאָל אויסגענומען מיט פרישמאַנען, ווען ער האָט רעדאַקטירט דעם „הדור", אָבער פרישמאַן טוט מעשה שטן: אַז אַנדערע ווערן נתפּעל, לאַכט ער, און מיט אַ טיול־געלעכטער האָט ער באַגלייט אַלע מיינע באַדינגונגען, וואָס איך האָב מיט אים אויסגענו־מען — — —

און איך נעם אויס פאַראויס אַ תנאַי: אויב עס וועט געענדערט ווערן אפילו אַ קלייניקייט אין מיינעם אַן אַרטיקל אָדער דערציילונג, וועל איך אויפהערן שרייבן"...

אויף וויפיל איך ווייס האָט פרץ אין חודש־שריפט „הזמן" זיך נישט באַטייליקט.

פיל העברייאישע און יידישע שרייבער באַרירן אין זייערע ווערק די אומנאָרמאַלע, פיינטלעכע, פאַרביטערטע באַציאונג פון פרישמאַנען צו פרצן. ד״ר יוסף קלויזנער אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „דרכי לקראת התחיה והגאולה" (תל־אביב, 1946) ווידמעט פיל אָרט דעם ווילדן האַס און שנאה, וואָס ד. פרישמאַן האָט אַרויסבאַוויזן צו פרצן. ד״ר קלויזנער רעדט וועגן דעם מיט פיל פאַרביטערקייט קעגן פרישמאַנען, וועלכער האָט נישט געשוינט פרצן, ווען ער איז געווען ערנסט קראַנק און געהאַט אַ האַרץ־אַטאַקע. (זע אויספירלעך זייטן 109־119).

דער באַוואוסטער אַמעריקאַניש־יידישער זשורנאַליסט פיליפּ קראַנץ

(1922־1858) האָט אין די יאָרן 1907־1906 באַזוכט וואַרשע, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט די דאָרטיקע יידישע שרייבער, צווישן אַנדערן אויך מיט פּרצן, דינעזאָנען און פרישמאַנען. אין איינעם פון זיינע רייזע־איינדרוקן („אַמעריקאַנער", 9טן אויגוסט 1907) דערציילט ער וועגן זיינע באַגעגענישן מיט דוד פרישמאַנען, וועגן פ״ס קאַמף קעגן דער בטלנות אין דער יידישער און העברייאישער ליטעראַטורן און וועגן זיינע ארויסטריטן קעגן פּרצן. דוד פרישמאַן האָט אָט־וואָס דערקלערט פיליפּ קראַנץ: „איך בין צו יענער צייט געקומען פון אויסלאַנד און האָב געפינען, אַז פּרץ האָט זיך אַרומגערינגלט מיט יינגלעך, וועלכע האָבן אים פאַרשריען פאַרן גרעסטן טאַלאַנט אין דער וועלט. דאָס האָט מיך פאַרדראָסן. איך האָב אין דעם געזען די זעלבע חסידישע התלהבות ווי אַרום אַ רבין, אַ צדיק. דערצו האָב איך דאָך נישט געקאַנט ניט (צו) זען פילע שוואַכע, און זאָגאַר לעכערלעכע זייטן אין פּרצעס שריפטן, און אויך ווי ער מאַכט נאָך אַנדערע שרייבערס, נישט זאָגנדיק וועגן דעם זיינע פאַרערער... דערום האָב איך פאַראָדירט זיינע „יום־טוב־בלעטלעך" צוויי מאָל: איין מאָל אונטער דעם נאָמען „לאָקשן" און דעם אַנדערן מאָל אונטערן נאָמען „די פּלוי". נאָר דאָס איז גלאַט אַ שטיפעריי: איך לייקן נאַטירלעך נישט, אַז פּרץ איז אַ טאַלאַנט, וואָס שאַפט אויך אייגנס, אָבער דעם אמת מוז איך זאָגן — אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט אַנדערע דיכטער, זייער קונציק אפילו, נאָר מיך קאָן מען אַזוי לייכט נישט נאַרן". (מ. שטאַרקמאַן — „פיליפּ קראַנצס ליטעראַרישע באַגעגענישן", פילאָלאָגישע שריפטן, „ייוואָ", ווילנע, 1929־ ז׳775).

מ. שטאַרקמאַן דערציילט לויט פ. קראַנצס זכרונות, אַז „מען האָט אים (קראַנצן) איבערגעגעבן, אַז די איינציקע סיבה, וואָס פרישמאַן איז אַרויסגעטראָטן קעגן פּרצן איז דאָס, וואָס פּרץ האָט אַטאַקירט די ,אחיאסף׳־לייט און זיי האָבן דאָס אָנגערייצט פרישמאַנען קעגן אים" (דאָרט, ז׳ 77).

אין זיין טאָגבוך פון דעם 14טן מאַי, 1908, פון וואַרשע, פאַרציכנט ראובן ברײנין: „... ביי האַלבער נאַכט בין איך געזעסן אין אַסטראָווסקיס קאַפע. זיינען צוגעקומען צו מיין טיש דוד פרישמאַן, ה. ד. נאָמבערג און מ. ספעקטאָר. פרישמאַן האָט געהאַלטן, ווי זיין שטייגער, אין איין חוזק מאַכן און ער האָט אויסגעגאָסן זיין כעס און צאָרן אויף פאַרשיידענע שרייבער און זיי דערנידעריקט. אַ באַזונדער קאָמפּלעקס האָט ער דעם לעצטן האַלבן יאָר געהאַט כסדר צו זידלען און צונישט צו מאַכן פּרצן. פרישמאַן וועקט ביי מיר גרויס רחמנות. ער איז ווי אַראָפּ פונעם גלייכן וועג. עס שמעקט פון אים גייסטיקער עלטער..." (כל כתבי ר. בריינין כרך שלישי, ניו־יאָרק, ת״ש, 1940, ז׳ 188).

אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיך פיל פאַרשיידענע יידישע שריי־

בער פאַרנומען מיט אַט דעם פּרץ־פרישמאַן־פּראָבלעם און געפּרואווט דערגיין פון וואַנעט עס האָט זיך גענומען די פאַרביטערקייט און האַס פון פרישמאַנען צו פּרצן. י. י. טרונק, וואָס האָט געלעבט אין וואַרשע און געווען נאָענט צו די ליטעראַרישע קרייזן פון פּרץ און פרישמאַן שרייבט אין זיין „פּוילן״ (ב. 5):

„באַלד ווי פּרץ האָט זיך באַוויזן אין די ביידע יידישע ליטעראַטורן, האָט פרישמאַן אים אויף אַנגעשטעלט דעם „איראָפּיאַישן״ האַרמאַט, וואָס ער האָט גע־האַט ליגן ביי זיך אין טינטער... ביי פּרצן האָבן זיך באַלד געוויזן נייעסן, וואָס הגם זיי האָבן גענוג געגרילצט אין פרישמאַנס „איראָפּיאַישן״ געשמאַק, פונדעסטוועגן האָט פרישמאַן פּאַרט געמוזט דערפילן אין פּרצן אַ כוח, וואָס לאָזט זיך נישט „אַוועקלייגן״ מיט שהיה־פּיה. פרישמאַנס פּעדער האָט דערריי־בער קעגן פּרצן אָנגעהויבן צו שפּריצן מיט גאַל אָנשטאָט מיט ביטול. דאָ איז פּרץ געווען אַ פּלאַגיאַטאָר, דאָ אַ „פּלוי״ און דאָ אַן אַנדער באַשעפעניש. פריש־מאַן האָט פּרצן נישט געקאָנט איינבייסן. פאַר אַן עפּיגאָן איז דאָס נייע און שעפערישע תמיד עפּעס אַזוינס ווי אַ שטיין אויפן מאָגן...״

און ווייטער: „פּרץ איז פּאַמעלעך געוואַקסן, געוואַקסן סיי אין די די־מענסיעס פון זיין געשטאַלטונג סיי אין די דימענסיעס פון זיין פּערזענלעכ־קייט. ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן דער גייסטיקער צענטער פון אַ ניי שאַפן אויף יידיש. די איינפלוסן זיינע האָבן אויסגעשטראַלט. זיי האָבן באַשאַפן אַ דור, אַ טאָט און אַ פאָרם. די יידישע מאַסן — וועמעס שפּראַך פּרץ האָט אויפגע־הויבן צו דער העכסטער מדרגה — האָבן אים געענטפערט מיט טיפסטער ליבשאַפט און טיפסטער פאַרערונג. פרישמאַן האָט נישט אָפּגעלאָזט פון דעם חלום פּרצן צו פאַרניכטן... ער האָט כסדר אויף זיך געטראָגן די טאַרבע, פון וועלכער ער האָט געשליידערט די פיילן אויף פּרצן. נאָר די פיילן זיינען וואָס־אַמאָל געוואָרן ווינציקער און אָפּגעטעמפּטער. פרישמאַן האָט זיך אָנגעהויבן צו מאַכן לעכערלעך אין זיין דאָן־קיכאָטישן קאַמף מיט פּרצן...״ (ז״ז 23־33).

פּרצעס באַציאונגען צו פרישמאַנען — שרייבט י. י. טרונק — איז גע־ווען אַ זעלטן לאַיאַלע און גרויסמוטיקע. איך האָב קיינמאָל פון אים נישט געהערט אַ שלעכט וואָרט קעגן פרישמאַנען און אפילו קיין וויץ אויף פריש־מאַנס חשבון. פאַרקערט, אויב עמעצער פון פּרצעס פאַרערער האָט זיך (אין אַ שמועס) צופיל געוואָלט איינשטעלן פאַר פּרצעס כבוד און פרישמאַנען אַרונ־טעררייסן, האָט פּרץ תמיד געוואוסט אָפּצושאַצן פרישמאַנס פאַרדינסטן. כ׳געדענק איין מאָל האָט מיך פּרץ געפרעגט, צי איך האָב היינט געלייענט פרישמאַנס אַ ליד, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין אַ צייטונג צי אין אַ זשור־נאַל. ווען איך האָב געענטפערט, אַז ניין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל עס דורכאויס לייענען. עס איז אַ גוט ליד.״ (ז׳ 34).

יעקב פיכמאַן האָט פאַרעפנטלעכט אין „דבר״ (תל־אביב, יולי 1951) אַ

סעריע אַרטיקלען „בין פרץ לפרישמאַן" (צווישן פרצן און פרישמאַנען), וואו ער באַמיט זיך אַרויסברענגען, אויפן סמך פון פערזענלעכער נאָענטקייט מיט די ביידע שרייבער, די כאַראַקטער־שטריכן פון אָט־די צוויי שרייבער. ער שטעלט זיך, אגב, אויך אָפּ אויף די ווידעראַנאַנדן צווישן זיי. ער באַווייזט אויף די גרונט־פאַרשיידנקייטן, וואָס עס איז געווען אין זייערע כאַראַקטערן און אין זייער צוגאַנג צום שאַפן. יעקב פיכמאַן באַמיט זיך אויסצומיידן די שאַרפע אומבאַרעכטיקטע אָנפאַלן פון פרישמאַנען אויף פרצן.

5

אין 1914 איז געווען דוד פרישמאַנס 50טער געבוירן־טאָג. אין וואַר־שווער „הזמיר" איז פאָרגעקומען אַ גרויסע יובילײ־פײערונג. פרץ, דער פאָרזיצער פון „הזמיר", האָט געעפנט דעם אָוונט און געהאַלטן פאָלגנדי־קע רעדע (ציטירט לויט דעם וואַרשעווער טאָגבלאַט „דאָס לעבן", נ' 93; אין אַנדערע צייטונגען קומט די רעדע אַביסל געענדערט):

„איך, ווי נישט איינעם פון אייך איז געוויס באַקאַנט, בין פרישמאַנס אַ קעגנער, אָדער ער איז מיין קעגנער; מיר זיינען זיך אין דער ליטעראַ־טור אַנטיפּאָדיש, אַזוי אין טעמפּעראַמענט, ווי אין איבערצייגונגען וואָס אַמבאַלאַנגט דעם אינהאַלט און דער פאָרם; וואָס אַמבאַלאַנגט געשמאַק און סטיל...

איך וועל דעריבער איבער פרישמאַנען נישט רעדן. אין טאָג פון יובילייאום, אין יאָר פון יובילייאום, איז הס קטיגור וקח סניגור מקומו...

וועלן אייך אַ נ ד ע ר ע רעדן...

אויב איך שטיי אָבער פאַר אייך אויף דער טריבונע און נעם דאָס וואָרט, איז עס, ווייל איך האָב אַ געוויסע פּאָזיטיווע באַציאונג צו פריש־מאַנס יובילייאום...

און נישט די קאָלעגיאַלע באַציאונג: איך האַלט נישט פון צונפט, פון קאָלעגן־מאָראַל...

און די פּאָזיטיווע באַציאונג צו פרישמאַנס יובילייאום איז פיליכט נישט אַזוי מאָראַליש...

איך פריי מיך מיט פרישמאַנס יובילייאום, און איך פריי מיך דע־ריבער, ווייל איך האָב אין אים, אין מיין ליטעראַרישן קעגנער, אַ נקמה!

פרישמאַן האָט שטענדיק געקוקט אויף יידן, יידישקייט און יידישע ליטעראַטור דורך אַ געדיכטן שוואַרצן פאָרהאַנג, און האָט זיי, דערום נישט געזען...

נישטאָ קיין פאָלק, נישטאָ קיין ליטעראַטור...

האָט פרישמאַן אַ יובילייאום, און ער האָט געמוזט דאָס אַלץ דערזען...

אַ יובילייאום — פּעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע, בערלין, כל תפוצות ישראל...

ווער מאַכט דאָס יובילייאום ?

דאָס יידישע פאָלק.

ווּעמען ?

אַ יידישן שריפטשטעלער.

פאַרוואָס ?

פאַר זיינע 17 בענדער.

אַלזאָ — פאַראַן !

פאַראַן אַ פאָלק ; פאַראַן אַ ליטעראַטור.

איך ענדיק.

אין נאָמען פון כנסת־ישראל, וואָס לעבט אין מיין פאַרשטעלונג, זאָג איך פרישמאַנען :

אַ קאַפּריזנע קינד, דאָך אַ קינד.״

אין „היינט״ (נומ. 94) ווערן געבראַכט נאָך אייניקע זאַצן פון דער רעדע, וועלכע זיינען נישטאָ אָדער ווייניקער אַקצענטירט אינעם באַריכט פון „דאָס לעבן״ :

„איך האָב פיל צו זאָגן וועגן פרישמאַנען, ער איז זאָגאַר מיינער אַ קעגנער, נאָר איך, אַלס פּראָקוראָר, וועל היינט שווייגן. פרישמאַן האָט אָנגעשריבן 17 בענדער, און איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפאָדערט אַ יובילייאום־אָוונט פאַר פרישמאַנען. אים קומט עס, ווייל ער האָט עס כשר פאַרדינט.״

נאָך פּרצן האָבן גערעדט ד״ר גרשון לעווין, בעל־מחשבות, פ. לאַכאָווער, ש. י. סטופּניצקי. „דאָס לעצטע וואָרט — דערציילט דער „היינט״ — נעמט ווידער י. ל. פּרץ, וועלכער דאַנקט די פאַרזאַמלטע״. די „הצפירה״ (נומ. 91) גיט נאָך צו, אַז פּרץ האָט אין זיין שלוס־וואָרט ווידער באַטאָנט, אַז „די פאַרזאַמלונג האָט איבערצייגט, אַז דאָס פאָלק קען זיינע שרייבער און ווייסט זיי צו שעצן.״

אין אַ קנאַפּן יאָר אַרום, אין 1915, איז פּרץ געשטאָרבן. די יידישע וועלט איז אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם פּריצייטיקן טויט. דער טרויער איז געווען גרויס, און די פאַרהערלעכונג פון פּרצן איז כסדר געוואַקסן. פרישמאַן האָט זיך נישט געלאָזט מיטרייסן מיט אָט־די אַלגעמיינע שטימונגען. אויך דאַן באַמיט ער זיך צו פאַרלייקענען פּרצעס טאַלענט, הגם ער אָנערקענט שוין זיין פּערזענלעכקייט. צי פרישמאַן האָט גלייך נאָך פּרצעס טויט פאַרעפנטלעכט עפּעס וועגן פּרצן אין דער טאָג־פּרעסע — ווייס איך נישט. פרישמאַן איז דאַן געווען ווייט און אָפּגעריסן פון וואַרשע.

אין דעם העברייאישן זאַמלבוך „כנסת" (רעדאַקטירט דורך ח. נ. ביאַליק, דערשינען אין אָדעס 1917) געפינען מיר אַן אַרטיקל פון דוד פרישמאַן וועגן פּרצן (אין דער סעריע־אַרטיקלען „נפשות" איבער די פינף פאַרשטאָרבענע יידיש־העברייאישע שריפטשטעלער — י. ל. פּרץ, י. ל. קאַנטאָר, שלום־עליכם, ש. פרוג, ד"ר י. ל. קאַצענעלסאָן). דער אַר־טיקל איז שפּעטער, אין 1919, מיט קליינע ענדערונגען איבערגעזעצט געוואָרן אין די „העפטן פאַר ליטערטור און קונסט" (לאָדז, 1919, 1, לי־טעראַרישע לייטונג: יצחק קאַצענעלסאָן, ה. ל. זשיטניצקי; רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער — י. מ. פאָזנאַנסקי). אַזוי ווי דער אַרטיקל איז אין די פרישמאַן־שריפטן נישט אַריין, און די „העפטן" זיינען איצט נישט בנמצא, ברענגען מיר דעם אַרטיקל אינגאַנצן. (ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן ה. ל. זשיטניצקי, איז דער אַרטיקל איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש דורך פרישמאַנען גופא).

דער אַרטיקל אין העברייאיש הויבט זיך אָן אַזוי: „הוא מת — ואני בתוך פנה שוקטת יושב ומדפדף בספרים ומגיע לספור הקטן „העושה נפלאות". האם תזכרו אותו?" (ער איז געשטאָרבן — און איך זיץ מיר אין אַ רואיק ווינקל און בלעטער אין די פּרץ־ביכער און קום צו דער קליינער דערציילונג „דער קונצנמאַכער". געדענקט איר זי?").

אין יידישן לייענט זיך דער אַרטיקל פון דוד פרישמאַן אַזוי:

„געדענקט איר אפשר נאָך אַ קליינע דערציילונג פון אים „דער קונ־צנמאַכער"? — עס איז די מעשה פון אַ מין מכשף. אין אַ שיינעם פרי־מאָרגן איז ער אויפגעשוואומען פלוצלינג אין עפּעס אַ שטעטל אין וואָלין. מען פרעגט: פונוואַנען? — פון פאַריז. וואוהין? — קיין לאָנדאָן. מען וואונדערט זיך: איבער אַ קליין שטעטל אין וואָלין קיין לאָנדאָן? — ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אַהער! — און ווען מענטשן הויבן אָן אים נאָכ־לויפן און וואָלטן וועלן עפּעס מער פון אים דערגיין, ווערט ער פאַר־שוואונדן תוך־כדי־דיבור, ווי די ערד וואָלט אים האָבן פאַרשלונגען, און אין דער זעלביקער מינוט גופא זעען אים אַנדערע מענטשן אויפן אַנדערן עק פונעם מאַרק. נאָך עטלעכע טעג דינגט ער זיך אַ גרויסן זאַל אום זיינע קונצשטיק עפנטלעך צו ווייזן, און קונצשטיק — טאָקע עין לא ראתה, חוץ־לדרך־הטבע. שלינגט ברענענדיקע קוילן, ווי קאַרטאָפל, און ציט פו־נעם מויל סטענגעס פון אַלע מינים און קאָלירן. שאָקלט אַרויס פונעם שטיוול צו פאַרנווייז אינדיקעס, און די אינדיקעס לעבן און לויפן אַרום אויף דער ערד און מאַכן: הולדיר, הולדיר! פלוצלינג הויבט ער אויף דעם פוס און קראַצט אַראָפּ פון דער זויל גאָלדענע אימפעריאַלן. גאָלד ממש, אַ פולע שיסל גאָלדענע אימפעריאַלן. דאַן דערלאַנגט ער אַ פייף —

און עס הויבן אָן צו פליִען דורך די לופט חלה־קוכנס, ווי פליִענדיקע פויג־לען, און זיי שפּרינגען און זיי טאַנצן אַרום און אַרום. אַ צווייטער פייף — אַלעס ווערט פּלוצלינג אין אויגנבליק ווידער פאַרשוואונדן. נישטאָ קיין קוכנס, נישטאָ קיין חלות, נישטאָ קיין אינדיקעס, נישטאָ קיין סטענגעס, נישטאָ קיין אימפּעריאַלן, — גאָרנישט איז דאָ. צום סוף האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָ איז געווען אליהו הנביא...

אליהו הנביא? — אָ, ניין! מיר דאַכט זיך גאָר, דאָס איז פּרץ. פּרץ אַליין שטייט פאַר מיר ווי ער לעבט. איז ער נישט אַליין געווען אַזאַ כישופמאַכער? אמת — אַ שטיק אליהו הנביא, אָבער עפּעס אַ געפּיל פון אַן אומזיכערקייט באַגלייט אַמאָל די־דאָזיקע דערקענטעניש. דער דאָזי־קער ליטעראַטור־אליהו הנביא האָט אין זיך אַ מין עפּיס, וועלכעס לאָזט דיך נישט גלויבן אין דער ממשותדיקייט פון די געגנשטאַנדן אַרום און אַרום. דו ביסט קיינמאָל נישט זיכער, אַז זיי האָבן אַ פעסטן באָדן אונטער זיך. אַלעס שוועבט, אַלעס פלאַטערט, אַלעס שווימט. מינוטנווייז כאַפּט דיך אָן אַ מורא, אַז אָט־אָט וועט ער אין אַ רגע דערלאַנגען אַ פייף — און אַלע יענע וואונדערלעכע וועלטן, וועלכע ער האָט נאָר־וואָס אַרויסגעשאָ־קלט פונעם אַרבל, וועלן פאַרשוואונדן און פאַרזונקען און פאַרכאַפּט ווערן און וועלן פּלוצלינג נישט מער זיין. דו האָסט דאָ צו טאָן עפּעס נישט מיט אַ קינסטלער, נאָר מיט אַ קונצנמאַכער...״

און דוד פרישמאַן שרייבט ווייטער:

„אַ וואונדער־קינד איז ער (פּרץ) געווען זיינע ערשטע יאָרן, אַ מין שאַרפער ווילדער עילוי. אין אַ שיינעם פרימאָרגן, דאַכט זיך אַ פאַריזער אָדער אַ לאָנדאָנער, איז ער אויפגעשוואומען אינעם קליינעם שטעטל פון אונדזער ליטעראַטור. ער האָט זיך אַהין פאַרבלאָנדזשעט. איילנדיק האָט ער עפּעס אָנגעשריבן כאַפּ־לאַפּ, שרייב־רייב, און דאָס געשריבענע איז געווען נישט גוט און נישט שלעכט, נאָר משונהדיק איז עס געווען. אַנ־דערש ווי אַלעס וואָס איז ביז דאַן געווען. און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אים נאָכלויפן — איז ער פּלוצים נעלם געוואָרן. אַ יאָר צוואַנציק (נישט קיין צוואַנציק, נאָר אַ צען יאָר — נ. מ.) האָט אים קיינער נישט געזען און געהערט האָט זיך, אַז ער וואוינט עפּעס אין אַ גאָט־פאַרגעסן שטעטל אין פּוילן און איז דאָרט אַ ווינקל־אַדוואָקאַט. (אַ ווינקל־אַדוואָקאַט? — נישט אמת! ער האָט געהאַט רעכט פון אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט — נ. מ.). פּלו־צים איז ער ווידער אַרויפגעשוואומען, ער איז געקומען מיט שטורעם און מיט אַ גליִענדיקן אָטעם, איינס־צוויי־דריי און נישט צוגעגאַנגען איז ער צום ברעטל, נאָר צוגעשפּרונגען איז ער און האָט אָנגעהויבן באַוויזן וואונ־דער און וואונדער — ווי זאָגט ער עפּעס דאָרט? טאַקע עין לא ראתה,

חוץ־לדרך־הטבע. האָט געשלונגען ברענענדיקע קוילן, האָט געצויגן סטענגעס און האָט באַשאַפן הינער מיט הענער. ער האָט דערלאַנגט אַ פּייף — און וואונדערלעך: ש״י היכלות, געמאַכט פון דימאַנטן און ברי־ליאַנטן און שמאַראַגדן, האָבן פּלוצלינג אויפגעבליט פאַר אונדזערע אויגן! אַ צווייטן פייף — און מילי־מיליאַסן גאָלדענע רענדלעך האָבן זיך געקיי־קלט פון אונטער די זוילן פון זיינע פאַנטאָפל; אַ דריטן — און אַ שרעק פאַלט אונדז אָן פּלוצלינג, אַז אָט־אָט וועט דער גאַנצער כישוף אַוועק און אַלע די־דאָזיקע הערלעכע דערשיינונגען וועלן פאַרשוואונדן און פאַרזונ־קען און פאַרכאַפּט ווערן פּלוצלינג. אַלע די־דאָזיקע זאַכן זיינען מיר עפּעס צו פלאַטערדיק, זיי האָבן אַ גרויס, — נאָר אַ געוויכט האָבן זיי נישט. זיי פליען אין דער לופטן. אין מיין ביכער־שאַנק שטייען אַלע יענע שיינע בענדער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן, און די שאַנק איז פאַרשלאָסן אויף אַ שליסל, און אחרי כל אלה מאַכט זיך אַמאָל אין דער פרי, אַז איך מוז צו־גיין צו די־דאָזיקע ביכער און מוז זיי אָנטאַפּן מיט דער האַנט, אום זיך צו איבערצייגן, אַז זיי שטייען נאָך דאָרט אויף דער אמתן. איך האָב מורא, זיי זאָלן נישט זיין דערוויל אַוועקגעפלויגן...״

און ווייטער שרייבט דוד פרישמאַן:

„פונוואַנען קומט אַזאַ געפיל?

ווען איך האָב פּרצן צום ערשטן מאָל געזען, פאַר מער ווי צוויי און אַ האַלב יאָרצענטל, און איך האָב דערבליקט דעם דאָזיקן מעכטיקן שדל מיט די ברענענדיקע אויגן און האָב געהערט זיין חיתוך־הדיבור מיט די קורצע סענטענצן און מיט די געזעץ־געבערישע אויסשפּרוכן — פון וועל־כע על־פּי־רוב ער האָט זיך אין דער נעכסטער מינוט אַליין אָפּגעזאָגט — און האָב מיר באַטראַכט זיינע שטורמישע ליידנשאַפטלעכקייטן, צוזאַמען מיט זיין אומגעדולד זיי קלאָר צו מאַכן און זיינע וואונטשן אַדורכצו־פירן — איז מיר איין זאַך פּלוצלינג קלאָר געוואָרן: ווי גרויס דער דאָזי־קער מענטש זאָל נישט זיין אַלס שריפטשטעלער, אַלס אַ פּערזענלעכקייט איז ער נישט דער ערך גרעסער. זיין ליטעראַטור איז ביי אים אייגנטלעך נאָר אַ מין באַגלייט־דערשיינונג, אַ קליינע נעבן־זאַך, אַ בעזפלאַטנע (אומ־זיסטיקע — נ. מ.) ביילאַגע. די הויפּט־זאַך אין אים איז פאַרט זיין מענטש, אַלס שריפטשטעלער האָט ער אונדז געגעבן אפשר מער ווי עס איז געווען אין זיין יכולת און אַלס פּערזענלעכקייט — ווייניקער. ווער עס קאָן נאָר זיין ליטעראַטור און אים פּערזענלעך האָט ער נישט געקאַנט, דער קאָן נאָר אַ קליינעם ברוכטייל פון אים. ער איז הונדערט מאָל שטאַרקער און אומענדלעך מעכטיקער געווען ווי די גאַנצע עדה, וועלכע האָט אים אַרומגערינגלט, דעריבער האָט ער געוועלטיקט איבער איר מיט מאַכט

און טיראַניש — און דעריבער איז ער פֿאַר איר געוואָרן אויך אַ גרויסער שריפֿטשטעלער. אָבער אום צו ווערן אַ גרויסער שריפֿטשטעלער באמתדיק, האָט אים געפֿעלט, איינפֿאַך, די געדולד. ער האָט נישט געהאַט געניג אויסדויער, אום צו ווערן קינסטלער. איין אומבענדיקע ליידנשאַפֿט האָט געברענט אין אים, צו ז י י ן — אָן נפֿקא־מינה וואָס, און נאָר זיין זאָל ער. זאָל ער זיין דער ליבלינג פֿון דער גרויסער גאַס, זאָל ער זיין אַ מין חסידישער רבי, זאָל ער זיין דער פֿאָרשטייער פֿון דער יידישיסטישער באַוועגונג — אַבי ער זאָל זיין. ער איז געוועזן פֿון די, וועלכע קאָנען אַ מינוט נישט לעבן אָן אַפּלאָדיסמענטן. — — — דרך־אגב איז ער געוואָרן אויך אַ גרויסער שריפֿטשטעלער...״

אָט אַזוי פֿלאָנטערט זיך דוד פֿרישמאַן, ווייל מאָכן פּרצן צו־נישט, און קאָן אַלץ נישט, און ער זאָגט ווייטער:

„און אַזוי אָפּט ווי איך האָב געטראַכט וועגן אים, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ מין פֿאַרביטערונג — אַ פֿאַרביטערונג קעגן יענעם פּובליקום פֿון דער גאַס און אַ פֿאַרביטערונג אויך קעגן אים אַליין. וואָס אַלץ האָט דער דאָזיקער פּרץ נישט געקאָנט באמתדיק ווערן, ווען נישט יענע אָנבעטונג פֿון דער גאַס וואָלט אים אַראָפּגעפֿירט פֿונעם וועג און ווען זי וואָלט אים לאָזן אַרבעטן און ווערן דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט זיין לויט נאַטור און פֿאַראַנלאַגונג? וועלכע טייערע אוצרות וואָלטן מיר נישט אַלץ קאָנען קריגן פֿון אים, ווען ער וואָלט האָבן דעם כוח זיך אָפּצוזאָגן פֿון דער חניפה פֿונעם מאַרק און זיך מתיחד צו זיין מיט זיין נשמה און מיט זיך זעלבסט פֿאַרן טיש פֿון גאָט — וואָס דאָס איז דער ערשטער סימן פֿונעם וואָרהאַפֿטיקן קינסטלער? — סוף־סוף איז דאָך דאָס דער מענטש, וועלכער האָט אונדז געגעבן דעם „גילגול פֿון אַ ניגון״ און „אויב נישט העכער״ און „צווישן צוויי בערג״. אַ גאַנצע ליטעראַטור־קולטור וואָלט ער געקאָנט אין זיך פֿערזאָנאָפֿיצירן!״

„איין זאַך איז קלאָר — פֿאַרענדיקט ד. פֿרישמאַן זיין פּרץ־כאַראַקטעריסטיק: — טאַלענט איז אַריסטאָקראַטיזם און נישט גאַסן־אַרטיקל — טאַלענט איז דער דירעקטער קעגנזאַץ פֿון גאַס און גאַסן־אויפֿלויף. האָט דיך גאָט באַשענקט מיט טאַלענט, וואָס דאָס איז אַ זאַך, וועלכע ווערט געגעבן נאָר איינעם אונטער צען־טויזנט, — ביסט דו אַ גאָטס־אויסדערוויילטער, אַן אויסנאַם־דערשיינונג, אַזוי עפּעס, וואָס אַנדערע זיינען נישט, אַלזאָ: אַן אַריסטאָקראַט. און ווען דער טאַלענט־מענטש מאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט זיך פֿאַרמישן מיט דער מאַסע, נאַרט ער זיך אָפּ און נאַרט אָפּ די מאַסע, און נאָר זיין נשמה און זיין טאַלענט איבערפֿירט ער דאַדורך.

די גאַס האָט אים אָנגעבעטעט („העריץ״ אין העברייאיש, פאַרהער־לעכט, — נ. מ.) — אָבער זיינע ביכער האָט זי נישט געלעזן. די אינטע־ליגענץ האָט אים נישט אָנגעבעטעט און אויך נישט געלעזן, און די איינ־צלנע האָבן געלעזן אָבער אָנגעבעטעט האָבן זיי נישט. די איינצלנע האָבן געוואוסט, אַז דאָ איז פאַראַן אַ „קראַפט״ וועלכע האָט נישט געהאַט אַלע ערפאָרדלעכע באַדינגונגען אום צו ווערן אַ גרויסער.״

מיט די ווערטער ענדיקט זיך דוד פרישמאַנס עקשנותדיק נישט־אָנערקענען פרצן און זיין נישט־איינגעגעבן און אומגעלומפּערט באַמיען זיך אים אַראָפּצורייסן, וואָס האָט זיך געצויגן איבער 25 יאָר.

אין איצט, צענדליקער יאָרן ווי אָט־די נישט־פאַרגינערישע, בייזווי־ליקע, גיפטיקע שורות זיינען געשריבן, ווערן פאַר אונדז אַלץ קלערער די צוויי באַזונדערע שריפטשטעלער פרץ און פרישמאַן און עס איז אויך קלאָר באַשטימט געוואָרן זייער אָרט און זייער באַטייט אין דער יידישער ליטע־ראַטור און אין דער יידישער קולטור־שאַפערישער וועלט!

י. ל. פרץ און אחד־העם

1

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן נאָך אַזעלכע צוויי אַנדערשדיקע און פאַרשיידנאַרטיקע פערזענלעכקייטן און שרייבער ווי עס זיינען געווען י. ל. פרץ און אחד־העם.ביידע האָבן זיי געלעבט און געווירקט אין איין צייט. פרץ איז עלטער געווען אינגאַנצן אויף פינף יאָר פון אחד־העמען, איי־נער איז געבוירן געוואָרן אין 1851, דער צווייטער אין 1856. זיי זיינען שטאַרק באַקאַנט געוואָרן אין 1889, פרץ מיט זיין „מאָניש" און אחד־העם מיט „לא זה הדרך". זיי האָבן געשאַפן אין דער יידישער וועלט, אָבער וואָס פאַר אַ ווייטער גייסטיקער מהלך עס איז געווען צווישן אָט־די צוויי שרייבער־פערזענלעכקייטן! פרצעס שאַפערישער און געזעלשאַפטלעכער גאַנג איז געווען — פון דער יחידישער וועלט אין דעם רשות־הרבים, און אחד־העם האָט וואָס־ווייטער אַלץ־מער זיך פאַרקליבן אין זיך, אין זיין אייגענעם „מרכז רוחני" (גייסטיקער צענטער). און הגם אחד־העם איז דורכאויס פאַרבונדן מיט „על פרשת דרכים" (אויף דעם קרייצוועג — דער נאָמען פון זיינע ביכער, וואָס נעמען אַריין זיינע גרעסערע און קלענערע מאמרים, וואָס ברענגען צום אויסדרוק זיין וועלט־אַנשויאונג און זיין אויפפאַסונג פון פאַרשיידענע יידישע און נישט־יידישע פראַגן און פראָב־לעמען), — אָבער אין אמתן האָט אחד־העם גלייך פון אָנהויב גוט גע־וואוסט זיין וועג, דעם אויסגעטראָטענעם דורך אים גופא וועג, און אָמוויי־ניקסטן האָט ער זיך געפונען אויף שייד־וועגן. פרץ, פאַרקערט, האָט אַלע זיינע יאָרן געזוכט, געקלעטערט אויף בערג, געגלידערט איז טאָלן און אַלץ זיך געריסן אויף נייע וועגן, סיי אין זיין שאַפן און סיי אין זיין אידייאישער וועלט. פרץ איז געווען אַ בונטאַר, אַן אומרו, זיך געענדערט כסדר. און אחד־העם — אַ קאָנסערוואַטיווער, אַ געשטעלטער. אַחד־העם, מיט זיין גאַנצער קלאָרקייט און קאָנסעקווענטקייט, איז אין תוך געווען מער אַ „פאַרניינער", אין דער צייט, וואָס פרץ, מיט זיינע אַלע זוכענישן און בלאָנדזשעניש, איז ער געווען אַ „באַיאָער". אחד־העם האָט אַלע זיינע יאָרן זיך געשפיגלט און געשעפט כסדר פונעם אייגענעם קוואַל, און פרץ

איז אַלעמאָל מיט אַ פאַרשטאַרקטן דורשט צוגעפאַלן צו אַלץ נייע יידישע און נישט־יידישע קוואַלן, פון וועלכע ער האָט געשעפּט אינספּיראַציע, שטאָף און באַגייסטערונג.

עס איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש דער נאָמען פון דער העברייאישער זאַמלונג, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעגעבן און וואָס ער אַליין האָט עס אויסגעפילט — „החץ" (די פייל), וואו ער זאָגט צום לייענער, אַז „ער איז נישט געקומען צו שמועסן געמיטלעך און פאַרוויילן אים". און דער נאָמען פונעם זשורנאַל, וואָס אחד־העם האָט אין דער זעלבער צייט (1896) גענומען אַרויסגעבן האָט געהייסן „השלח", — וואָס איז דער סימבאָל פון שטילן פליסן, — („מי השלח ההולכים לאט" — ווי די וואַסערן פונעם טייך השלח, וואָס שטראָמען פאַמעלעך)...

פּרץ און אחד־העם האָבן זיך, אין פלוג, גאָר ווייניק אָנגעקערט איינער מיטן אַנדערן, אָבער אין אמתן האָבן זיי זיך דאָך באַגעגנט אויף זייערע לעבנס און קאַמפּס־וועגן און זייער שאַרף רעאַגירט דאָ און דאָרטן איינער אויף די געדאַנקען און טואונגען פונעם אַנדערן.

אחד־העם האָט אָנגעהויבן צו שרייבן העברייאיש אין יאָר 1889 (אין „המליץ"), ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל „לא זה הדרך" (נישט דאָס איז דער ריכטיקער וועג), וואו ער האָט שאַרף קריטיקירט דעם דעמאָלסדיקן שמאָלן חיבת־ציון־וועג און געדאַנקען־גאַנג. אָט־דער אַרויסטריט האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין דער פּרעסע און אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן. ער שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער חברה „בני משה", וואָס האָט עקזיסטירט אַן אַכט יאָר, פון 1889 ביז 1897. אַנשטאָט דעם פּראַקטישן חיבת־ציון, וואָס עס האָבן געפּריידיקט און אָנגעפירט די חובבי־ציון מיט זייערע קליינע רעאַלע, פּראַקטישע צוועקן און טעטיקייטן, רוקט ער אַרויס דעם געדאַנק און די אידייע פון גייסטיקער אויפלעבונג אין דעם טראַדיציאָנעל־יידישן גייסט און אין אויסגעהאַלטענע עכט־יידישע פאָרמען.

אין 1892 האָט י. ח. ראַבניצקי אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין אָדעס העברייאישע זאַמלביכער „פּרדס" (אוסף ספרותי—ווייניגאַרטן—ליטעראַרישער זאַמלבוך). דער ערשטער באַנד פון דעם „פּרדס" עפנט זיך מיט אַ בריוו פון אחד־העם צום רעדאַקטאָר, עס זיינען דאָרט אויך אָפּגעדרוקט צוויי זאַכן — „פּרורים" (שטיקלעך־ברעקלעך) און „אבן למצבה" (אַ שטיין צו דער מצבה — וועגן דעם ערשט־פאַרשטאָרבענעם לעאָן פּינסקער, דעם מחבר פון „אויטאָעמאַנציפּאַציע"). אין אַ בריוו צו י. ח. ראַבניצקי שרייבט פּרץ („צען ניט־פאַרעפנטלעכע בריוו פון י. ל. פּרץ", „יידישע קולטור", אַפּריל 1950, ז' 25): „דאָס בעסטע (אינעם זאַמלבוך) זיינען די אַרטיקלען

פון אחד־העם; עס איז נישטא דאָרט קיין איין געדאַנק, וואָס איך וואָלט געקאָנט מיט אים מסכים זיין, אָבער ער איז אַ מאַן, וואָס איך קאָן זיך מיט אים קריגן און וואָס עס איז כדאי צו דיסקוטירן מיט אים..." און ווייטער אַביסל שרייבט פרץ אין בריוו: „צווישן די פאַרשיידענע פענער, וואָס עס האָבן אויפגעהויבן די „חובבי־ציון", איז די פאָן, וואָס עס האָט אויפגעהויבן דער „פרדס" — די סימפּאַטישסטע, פיינסטע און ליבעראַלסטע, און דאָך קאָן איך אין קיין פאַל זיך נישט שטעלן אין דעם לאַגער אונטער אָט־דער פאָן."

עס איז אינטערעסאַנט דער איינציקער בריוו, וואָס איז אויפגעהיט געוואָרן פון פרצן צו אחד־העמען. מערקווירדיק, וואָס דער בריוו איז געשריבן גראָד אין רוסיש. ער איז פון יאָר 1893. פרץ שרייבט: „געהערטער הער! די רעדאַקציע ,יידישע ביבליאָטעק' נויטיקט זיך פאַרן דריטן באַנד אין אַן אַרטיקל וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם (לעאָן) פינסקער, וועגן זיין לעבן, טעטיקייטן און אידייען. אַזוי ווי, לויט איר מיינונג, זייט איר דער איינציקער שרייבער, וואָס איז מסוגל פאַר אַזאַ אַרבעט ווענדט זיך די רעדאַקציע צו אייך מיט דער בקשה אָנצושרייבן דעם אַרטיקל..." און פרץ גיט צו אַזאַ מאָדנע, אָבער כאַראַקטעריסטישע פאַר יענער צייט באַוואָרעניש: „מסתמא איז אייך באַוואוסט, ג. ה. אַז די ,ביבליאָטעק' ווערט אַרויסגעגעבן צוליב אויפקלערן די מאַסע און כלל נישט צוליבן זשאַרגאָן. דער אַרטיקל קאָן געשריבן ווערן אין וועלכער שפּראַך ס'איז, צום איבערזעצן." און דערנאָך קומט אַ צוגאָב, וואָס איז וויכטיק פאַר פרצן פון יענער צייט: „אין דעם אַרטיקל קאָן מען אויך באַהאַנדלען די פראַגע, וואָס פאַר אַ שטעלונג דאַרפן די חובבי־ציון אָננעמען בנוגע צו דער (יידישער) קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. מיט דער האָפענונג אויף אייער געערטן ענטפער און מיט אַכטונג־געפילן צו אַ מענטש, וואָס שרעקט זיך נישט פאַרן דרוק פון דער מערהייט — ל. פרץ" (דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט אין העברייאיש אינעם „קרית ספר" 1930, ב. 6, ז' 420).

צי אחד־העם האָט געענטפערט פרצן אויף אָט־דעם העפלעכן בריוו, ווייסן מיר נישט. אין דריטן באַנד „יידישע ביבליאָטעק", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1895, איז קיין אַרטיקל פון אחד־העמען נישטא.

2

אינצווישן איז ביי פרצן פאָרגעקומען אַ ראַשיקע און שאַרפע אידייען־ענדערונג. דער העפלעכער טאָן, די יראת־הכבודיקע באַציאונג צו אחד־העמען ווערט שנעל און האַסטיק פאַרביטן אויף אַן אַנגרייפערישן און פּראָטעסטירנדיקן טאָן. דאָס קומט צום אויסדרוק אינעם זאַמלבוך „החץ", וואָס

פרץ גיט אַרויס אין 1894, — ס'איז די צייט, ווען פרץ האָט אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן זיינע יידישע רעוואָלוציאָנערע און בונטאַרישע „יום־טוב־בלעטלעך".

פרץ איז אין אָט־דעם העברייאישן זאַמלבוך אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף קעגן דעם חיבת־ציון־געדאַנק און באַוועגונג און באַזונדערס איז ער אַרויס קעגן אחד־העמען, וואָס האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן באַהערשן די הער־צער און געמיטער פון דער נאַציאָנאַלער יידישער אינטעליגענץ מיט זיינע לאָזונגען און פאָדערונגען פון אַ „מרכז רוחני". פרץ שרייבט וועגן דעם: „איז דען מעגלעך אַ געקינצלטער צענטער וויט פונעם פאָלקס־לעבן? איז דען מעגלעך, אַז דער פאָלק זאָל זיין אין איין אָרט און די פלאַם, ד. ה., די פאָלקס־בילדונג, אין אַן אַנדער אָרט?"

און ווייטער שרייבט פרץ: „מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אויסצו־בויען דודס צעשטערטביידל, אַרויסצוטרייבן דעם טערק פונעם לאַנד, און דעריבער איז אונדזער חוב איצט: בילדן דאָס פאָלק און געבן אַ רעטונג פאַר זיין נויט אומעטום, וואו מיר וועלן אים קאָנען אַוועקשטעלן אויף אַ באָדן רואיק און זיכער". פרץ איז נישט מסכים און איז אויפגעבראַכט קעגן אחד־העמס באַהויפּטונג, אַז אפילו ווען עס וועט הערשן הומאַניזם אין דער וועלט, וועט עס נישט פאַרבעסערן די לאַגע פון יידן: „אָט דער אורטייל זיינער וואָרצלט זיך, אָן ספק, אין נאַטירלעכער מרה־שחורה אָדער פון אַ קראַנקן מאָגן. אויף צו להכעיס אחד־העמען זיינען דאָ פיל, וואָס זיינען זיכער, אַז עס וועט אָנקומען אַ רייניקנדיקער ווינט און וועט אַראָפּוואַרפן פונעם לעבנס־בוים די פאַרגעלבטע בלעטער — די פראַגע וועגן פעלקער, שפּראַכן און שבטים... אמת, ביז דאַן וועט ביטער זיין דער גורל פון דעם, וואָס עסט ביי פרעמדע טישן. אָבער דאָס איז דאָך די עצם פראַגע אונדזערע: וואָסער ציל איז אָממערסטן נאָענט?... איינגעמען ארץ־ישראל אָדער דער אמתער הור־מאַניזם". (ז' 47).

אַזוי האָט פרץ אויפגענומען די יידן־און אַלגעמיינע פראַגע צוריק מיט 55 יאָר!

שאַרפער און ליידנשאַפטלעכער שרייבט פרץ וועגן אָט־דער געענדער־טער באַציאונג זיינער צום חיבת־ציון אין זיינעם אַ פעליעטאָן אין דעם יום־טוב־בלעטל „הושענא" אונטערן נאָמען „וואָס זאָל איך וועלן":

„..... איך האָב אַמאָל אַ געליבטע געהאַט. איך האָב זי ליב געהאַט, כאָטש זי איז אָרעם און אדם־נאַקעט געווען... איך האָב זי ליב געהאַט, ווייל איך בין, ווי איך האָב נישט איינמאָל שוין געזאָגט, אַ פאַרפאַלענער ראָ־מאַנטיקער און אַ אידעאַליסט אין דער ,רעאַליסטישער' צייט: און זי האָט מיר אויסגעזען אַזוי שיין, אַזוי דערהאבן, אַזוי עדלמוטיק, אַזוי גוט... אַ געוויסע צייט איז זי מיין מוזע געווען, און דעמאָלט האָבן זיך פון מיין האַר־

פעס סטרונעס אָפּגעריסן סאַמע ווייכע, סאַמע זיסע, סאַמע ערהאבענע טע־נער, — ווייל איך האָב פון פולן, ווייכן האַרץ איר ליב געזונגען! איך האָב דעמאָלט גוטע נעכט און זיסע חלומות געהאַט, ווייל זי איז מיר נאַכט אויף נאַכט ביים בעט געשטאַנען, צערטלעך מיר די האָר געשטרייכלט, מיט די סאַ־מעטע(נע) וואַרעמע הענטלעך דאָס פּנים געגלעט... איך האָב אין שלאָף איר ראַזיקן אָטעם געפילט, און בין גאַנץ אָפּט אויפגעשטאַנען מיט ברע־נענדיקע ליפּן פון אירס אַ האַניק־קוש. מיט דער צייט האָט זיך מיין געליבטע פּ אַ ר ד אָ ר ב ן: זי איז אַ צנועה געוואָרן און אויסגעווייגט זיך די הימל־בלויע אויגן ביי די נאַרישע תחינות; זי איז אַ גבאיטע געוואָרן, אָנגעהויבן רבנישן טאַבאַק צו שמעקן און דער אַמאַליקער רויזנבעכער זעט היינט אויס ווי אַ דאָפּלטער איבערגעקערטער קוימען... זי איז אַ טוקערין געוואָרן און אויפן אָרט פון מאַנדלען פילט מען מיילן־ווייט פון איר שימל און מקווה־וואַסער... און זי חברט זיך היינט מיט רבנים, מלמדים און ישיבה־בחורים און גייט אַרום מיט אַ צדקה־פּושקע אין די הייזער... אויף הכנסת־כלה. — איך וואָלט איר דאָס אַלץ מוחל געווען, עס זאָל זיין אמת... עס איז אָבער איינגאַנצן פאַלש... זי כאַפּט זיך טיילמאָל אַרויס פון דער חברה און קאַנ־קאַנירט אין מיטן גאַס ביי׳ן אַ שאַרמאַנקע אָדער ברעכט זיך אויס די גלידער אין די הויף צווישן אָפּגעריסענע שוואַרץ־קינסטלער... אויך אויף הכנסה־כלה. מיט דער צייט איז זי פאַראומריייניקט, פאַרנאַכלעסיקט און פאַרוואָר־לאָזיקט געוואָרן...״

פּרץ גיט צו: ״איך וויל איר נאָמען בסוד נישט האַלטן... ,חיבת־ציון׳ הייסט די דאַמע... און אַז איך זע זי, שטאַרבט אין מיר דאָס האַרץ פאַר רחמנות און עס גיסט זיך איבער די גאַל פאַר כעס... און העלפן קאָן איך נישט... — — — מיין הייסע בקשה: דער רבונו של עולם זאָל זי אויס־רייניקן, צוריק פריש, געזונט און יונג מאַכן, אויסרייסן זי פון דער שוואַר־צער חברהס האַנט און איר צוריק געבן דעם ערלעכן, פרייען, געזונטן כי־שוף (״יום־טוב־בלעטלעך״, הושענא, 1894, ז״ז 19־23).

3

די באַציאונגען צווישן פּרצן און אחד־העמען זיינען מסתמא געוואָרן זייער אָנגעשטרענגט. ווען אחד־העם שטעלט זיך אין דער שפּיץ פונעם ״השלח״ (אין יאָר 1896), האָט ער, ווייזט אויס, נישט איינגעלאַדן פּרצן זיך צו באַטייליקן אינעם זשורנאַל. די עטלעכע יאָר, וואָס אחד־העם האָט רע־דאַקטירט דעם זשורנאַל ״השלח״, האָט פּרץ נישט פאַרעפנטלעכט דאָרטן קיין איין זאַך נישט. ערשט ווען די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל איז אַרי־בער, אין יאָר 1902, אין די הענט פון ד״ר יוסף קלויזנער (איין צייט מיט

ח. נ. ביאַליק) טרעפן מיר דאָרט אָפּט פּרצעס פאַרשיידענע שאַפונגען, גרעסערע און קלענערע.

עס איז כדאי דאָ צו ברענגען אַן אויסצוג פון פּרצעס אַ העברייאישן בריוו צו מ. י. בערדיטשעווסקין (געשריבן אַרום יאָר 1896). פּרץ שרייבט: „אומזיסט האָט איר זיך באַמיט מיר מיטצוטיילן, וואָס אחד־העם און זיינס גלייכן טראַכטן וועגן מיר. כ׳לעבן, עס איז מיר אַלצאיינס, צי זיי לויבן מיך אָדער שעלטן, צי זיי פאַרערן מיך אָדער שפּאָטן פון מיר. איך שרייב ווי ס׳וועבט דאָס וועב־שטול, דאָס איז נאַטירלעך..." („מאזנים", ב׳ 8, העפט 1, תרצ״ט).

גרויס פאַרערונג פאַר אחד־העם און דערביי אומצופרידנקייט מיט זיין וועלט־באַנעם זעען מיר אויך ביי מ. י. בערדיטשעווסקי, וואָס האָט אין יענער צייט געהאַט פיל געמיינזאַמס מיט פּרצן און איז אפילו געווען באַאיינפלוסט פון אים.

אָט־וואָס ער האָט געשריבן וועגן אחד־העם און זיין „על פרשת דרכים" (דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין 1895): „זינט איך לייען ספרים, האָב איך נישט געלייענט מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט וועגן דעם פּראָבלעם פון ווערטן אין דער יידישער וועלט אַזעלכע וויכטיקע געדאַנקען, און גלייכצייטיק מיט דער פאַרערונג, וואָס איך האָב געפילט צו זיין וועלט־באַנעם, האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ שאַרפע קעגנערשאַפט צו אַרויסזאָגונגען און באַהויפּטונגען, וואָס זיינען די עיקרים פון זיין לערע: און אָט־די געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען האָבן מיך געבראַכט צו גאָר אַנדערע מיינונגען און אויספירן וועגן די אַלע באַהאַנדלטע ענינים" (מ. בערדיטשעווסקי, — „ערכין", ז׳ 26).

עס גייען אַוועק אַ פּאָר יאָר, און דער „אחיאסף"־פאַרלאַג, וואָס אחד־העם איז געשטאַנען צו אים נאָענט, הויבט אָן אַרויסצוגעבן דעם יידישן זשורנאַל „דער יוד", וואָס י. ח. ראַבניצקי רעדאַקטירט אים די ערשטע צייט.

נאָכן דערשיינען פונעם ערשטן נומער „דער יוד" שרייבט אחד־העם (דעם 16טן פעברואַר, 1899) אַ העברייאישן בריוו צו ראַבניצקין, פון אָדעס קיין וואַרשע: „מזל־טוב אייך! איך האָב באַקומען דעם ,יוד׳ און אים שוין איבערגעלייענט. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ווייזט אויס, אַז איך בין נישט אימשטאַנד צו באַגרייפן די זשאַרגאָנישע שיינקייט. אַלע זאַכן, וואָס איך האָב געלייענט דאָרטן, אפילו ר׳ מענדעלעס, זעען אויס אין מיינע אויגן געקינצלט. עס זיינען מליצות, וואָס שטאַמען אַרויס נישט פונעם האַרצן, נאָר ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין רופן: קוקט אויף אונדז, זעט, זעט ווי מיר זיינען געצירט און געפּוצט! — אָבער לאָמיר לאָזן אָן אַ זייט די „שיינקייט",

און לאָמיר רעדן וועגן דעם אינהאַלט. אין אמתן וועל איך אייך זאָגן, אַז איך בין אין ספק, צי דאָס פּ אָ ל ק וועט גערן לייענען די זאַכן, וואָס איר האָט געגעבן אין ,יוד'. ר' מענדעלע און בן־עמי שרייבן פאַר אויפגעקלערטע משכּי־לים, אויך פּרץ מיט זיינע אַנדייטונגען (רמזים) איז פאַרשטענדלעך ב ל ו י ז אוּ נ ד ז ; שלום־עליכם, אמת, רעדט צום פאָלק אין ז י י ן (פאָלקס) שפּראַך און געשמאַק, אָבער דערוויילן איז נאָך אין זיינע זאַכן נישטאָ קיין שום געדאַנק, אויסער פיינע בדחנות. אָבער אפשר וועט נאָך דער געדאַנק קומען אין די ווייטערדיקע פאַרזעצונגען, און אפשר וועלן זיי ענדערן מיין מיי־נונג..." („אגרות אחד־העם", בריוו פון אחד־העם, ב' 2, ז' 36).

דער זעלבער „אחיאסף־פאַרלאַג האָט גענומען אַרויסגעבן אַ העברעיי־אישע וואָכנשריפט „הדור", אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פרישמאַן. אין אַ בריוו צום אַרויסגעבער א. קאַפּלאַן, וואַרשע (דעם 20טן דעצעמבער, 1900), זאָגט אַרויס אחד־העם זיין מיינונג וועגן דעם ערשטן נומער. ער רעדט וועגן דעם לייט־אַרטיקל פון דוד פרישמאַן, וועלכער איז „געשריבן מיט טאַלענט, פיין און גלאַטיק און וואָס לייענט זיך מיט פאַרגעניגן, אָבער קיין ק ל אָ ר ע ו ו ע ר ט ע ר זיינען אין אים נישטאָ, און פון אים גייען מיר אַרויס ניט ווי־סנדיק וועגן דער ריכטונג פונעם „הדור..." אחד־העם דערמאָנט אויך אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען אין נומער פאַרעפנטלעכט: „וואָס ביאַליקן וויל — ווייס איך נישט ... „ביאַליקס שיר איז שיין", און אַזוי אויך פּרצעס „פיר טויט" (געמיינט „ארבעה דורות — ארבע מיתות" — כעין סיפור, דאָס איז פּרצעס באַוואוסטע סקיצע „פיר דורות — פיר צוואות"), אָבער די לעצטע צוואה איז צו לאַנג און מאַכט קאַליע דעם איינדרוק..." („אגרות אחד־העם", ב' 2, ז' 185).

און אָט האָבן מיר אַ מעגלעכקייט צו דערוויסן זיך, ווי אחד־העם קוקט אויף פּרצעס שאַפן און ווי ער פאַסט־אויף זיין אַרט און ראָלע אינעם דע־מאָלסדיקן יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן.

ד"ר יוסף קלויזנער, וואָס איז, אגב, אַלע זיינע יאָרן געווען און איז פאַר־בליבן אַ באַגייסטערטער פאַרערער פון פּרצן, האָט צוגעשיקט צו אחד־העמען פאַרן „השלח" אַן אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ. עס איז געווען דאַן ווען די יידישע וועלט האָט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן געפייערט פּרצעס יובילײ. אין זיין בריוו־ענטפער (פונעם 21טן יוני, 1901, קיין היידלבערג, וואו י. קלויזנער האָט דאַן געלעבט) שרייבט צו אים אחד־העם, אַז ער האָט איינעם, פון די צוויי אַריינגעשיקט אַרטיקלען, אים צוריקגעשיקט, און דעם צווייטן, וועגן פּרצן, וועט ער דרוקן אינעם יוני־נומער 1901. אחד־העם גיט צו: „.... אויך אין אייער אַרטיקל איבער פּרצן זיינען, לויט מיין מיינונג, דאָ פעלערן און מיט מיין גאַנצן ווילן צו ענדערן אין אים וואָס־וויניקער, קאָן איך אים נישט אי־

בערלאָזן אַזוי ווי ער איז. צום ביישפיל, איר האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן, פאַרוואָס מען שרייבט נישט אין אונדזער דור קיין לאַנגע ראָמאַנען, און איר ווייזט־אָן די סיבה אין דעם כאַראַקטער פון אונדזער צייט. גלייכצייטיק אָבער זוכט איר בנוגע צו פרצן די סיבה אין אים גופא, און איר זעט דעם חסרון אינעם כאַראַקטער פון זיין טאַלאַנט. איך מוז אַביסל ענדערן אין אָט־דעם אָרט, כדי די לייענער זאָלן זיך נישט וואונדערן פון אַזאַ מין ווידערשפרוך. און נאָך: איך וואָלט אייך געבעטן אויף ווייטער, ווען איר רעדט וועגן שרייבער און ביכער, — צו היטן זיך פון איבערטרייבונגען. איר זייט צום ביישפיל, גערעכט, ווען איר זאָגט, אַז פרץ האָט געבראַכט נוצן דעם אויפלעבונג־געדאַנק (רעיון־התחיה) דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוהויבן די מאַסע (המון) פון איר שפלות און וואָס ער וועקט אין איר נייע געדאַנקען און געפילן. אָבער ווען איר רופט אָן דערפאַר פרצן דער „משורר־התחיה״ (דער רענעסאַנס־דיכטער), איז עס שטאַרק איבערגעטריבן״ („אגרות אחד־העם״, ב׳ 2, ז׳ 230).

4

מיר האָבן גאַנץ־גענויע ידיעות וועגן פרצעס אַ באַזוך אין אָדעס אין 1904. אָט־די ידיעות קומען פון צוויי באַזונדערע קוועלן, זיינען זיי דעריבער זיכער און פאַרלאָזלעך. מיר וועלן ברענגען גרעסערע אויסצוגן פון זיי.

אין זיינע זכרונות וועגן אָט־דעם פרץ־באַזוך דערציילט ה. אַבראַמאָוויטש, דער אַמאָליקער ווילנער טוער און שרייבער, אין „פרייע אַרבעטער־שטימע״ (ניו־יאָרק, פונעם 8טן און 15טן פעברואַר, 1946) אין אַן אַרטיקל אונטערן קעפל „י. ל. פרץ אין קרייז פון די אָדעסער יידישע וואָרט־פירער״: עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ באַנקעט לכבוד פרצן, צו זיין באַזוך אין אָדעס, אין אַ יידישן רעסטאָראַן אויף באַזאַרנע גאַס. ס׳זיינען געווען פערציק שרייבער, צווישן זיי — מענדעלע מוכר ספרים, אחד־העם, ח. נ. ביאַליק, י. ח. ראַבניצקי, ד״ר יוסף קלויזנער, א. ל. לעווינסקי, א. דרויאַנאָוו, ח. טשעמערינסקי, ש. בן־ציון און אַנדערע. דעם באַנקעט האָט געפירט אחד־העם, וועלכער האָט געהאַלטן אַ רעדע אין רוסיש וועגן פרצן. ה. אַבראַמאָוויטש שרייבט, אַז ער גיט איבער די רעדע ווי זי איז אויפגעהיט אין זיין זכרון. „אחד־העם, — שרייבט ה. אַבראַמאָוויטש, — האָט גערעדט ווי אַ פראָפעסאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט, אָפטמאָל ווי אַ פראָקוראָר. ער האָט באַשולדיקט אַ געוויסן טייל שרייבער אין פרינציפלאָזיקייט, אין זיין מער נישט ווי „פליוגערס״ (פענדלעך, וואָס פלאַטערן פונעם ווינט) פון זייער צייט און פון זייערע באַלעבאַטים״. „אין אונדזער ליטעראַטור — האָט אחד־העם ווייטער געזאָגט, — האָט אַלעמאָל געהערשט די איבערצייגונג און די פראַקטיק פון שטרעבן צו

אַ וועלכן עס איז אידעאַל, וואָס זאָל זיין נוצלעך און וואָס זאָל דינען דעם פאָלק. דער פרינציפּ פון קונסט לשם קונסט, שיינקייט צוליב שיינקייט און ענלעכע צילזאַגע אינדיפערענטע ,תורות', האָבן כמעט נישט געהאַט קיין אָרט צווישן יידישע שרייבער. אַ שרייבער מוז האָבן אַ גאָט, אין וועמען ער גלויבט, און צווינגט אַנדערע צו גלויבן... פּרץ האָט אַלעמאָל אויפריכטיק און ערלעך געדינט זיין גאָט, און אויב מיר קאָנען נישט זאָגן ווי רות המואביה, אַז זיין גאָט איז אונדזער גאָט, דערפאַר קאָנען מיר זאָגן אויפריכטיק דעם אַנדערן טייל פון אירע ווערטער: „דיין פאָלק איז מיין פאָלק" — „זיין פאָלק איז אונדזער אַלעמענס פאָלק"... מיר האָבן איין ציל — צו דערהויבן, פאַראיידלען אונדזער פאָלק"... און ווייטער גיט איבער ה. אַבראַמאָוויטש אחד־העמס רעדע: „מיר גייען צו דעם מיט פאַרשיידענע וועגן, אָבער איין אידעאַל באַהויכט אונדז. דעם שטאַנדהאַפטיקן און ערלעכן טאַלאַנט פון פּרצן שאַצן מיר אָפּ איצט, באַזונדערס אין דער איצטיקער צייט, ווען אַ סך שרייבער האָבן זיך אָפּגעגויגט פון די יסודות פון אונדזער ליטעראַטור, ווען פּרינציפּלאָזיקייט איז געוואָרן כמעט אַ פּרינציפּ (דאָן האָט געטומלט אין דער יידישער וועלט מיט פאַרשוועכדן „פּאַגראָם־געלט" פאַר קעשענעווער קרבנות, — געלט וואָס איינע אַ צייטונג האָט געזאַמלט)... דער אָוונט לכבוד אונדזער גאַסט פּרץ האָט פאַראייניקט די שרייבער פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין אויסדרוק פון אַכטונג און איבערגעבנקייט נישט גלאַט צו אַ טאַלאַנט, נאָר צו אַ טאַלאַנט מיט אַ וועלט־אַנשויאונג, מיט איבערצייגונג, מיט ערלעכער באַציאונג צו ליטעראַטור, צום געדרוקטן וואָרט בכלל".

ש. שניפּאַל, וועלכער האָט אין יענער צייט געלערנט אין אָדעס, דערציילט וועגן דעם פּרץ־באַזוך פאָלגנדיקע פּרטים, וואָס ער באַשטעטיקט מיט אויסצוגן פון די דעמאָלסדיקע צייטונגען: אין יענער צייט פלעגן זיך די אָדעסער העברייאישע און יידישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער זיך צונויפקלייבן יעדן פרייטאָג־צו־נאַכט אויף „זשור־פיקסן" ביי אחד־העמען אין הויז. „אין איינעם אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס אין 1904 האָב איך געטראָפן, — דערציילט ש. שניפּאַל — ביי אחד־העמען אַ חשובן גאַסט — י. ל. פּרצן... — — — עס האָט זיך גלייך געלאָזט מערקן, אַז צווישן די העברייאישע שרייבער און כלל־טוער, וואָס זיינען געווען ביי אחד־העמען אויפן „זשור־פיקס", האָט זיך פּרץ געפילט נישט גאָר היימיש. פּרץ האָט דאָן געשריבן אַ סך העברייאיש, באַזונדערס אין „הצופה", אָבער די העברייאישע שרייבער־קנאים האָבן אפילו באַטראַכט פּרצן ווי אַ פרעמדן... די סיבה דערפון איז געווען, וואָס פּרצעס שאַפן איז דאָן, אין 1904, געווען דורכגעדרונגען מיט מאָטיוון פון סאָציאַלן קאַמף. — — — עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ ווייטער קרוב איז אַראָפּגעקומען פון דער פרעמד, און די לייטישע

משפּחה איז נישט געווען זיכער מיט אים, צי ער איז טריי געבליבן די אַלטע משפּחה־טראַדיציעס... קוקט מען מיט חשד אויף יעדער באַוועגונג זיינער, מען שפּיצט אָן די אויערן, ווען ער רעדט אויס אַ וואָרט, צי זאָגט ער, חלילה, נישט אַרויס גאָר עפּעס פרעמדס, אפּיקורסות".

„די באַציאונגען צווישן אחד־העם און פּרץ, — שרייבט ווייטער ש. שנייפּאַל, — זיינען דאַן געווען פון מענטשן, וואָס שעצן איינער דעם צווייטנס טאַלענט און קולטור, אָבער וואָס זיינען לחלוטין פרעמד איינער דעם אַנדערן לויטן וועלט־באַנעם און טעמפּעראַמענט. אין יענעם פרייטאָג־צונאַכטס האָט מען ביי אחד־העמען דיסקוטירט וועגן יידישער געשיכטע. איך געדענק נישט די סיבה, וואָס האָט די דיסקוסיע אַרויסגערופן. אַלע האָבן זיך שטאַרק צוגעהערט צו דעם, וואָס דער גאַסט פּרץ וועט זאָגן. ווי ווייט איך געדענק, האָט פּרץ אָנגעוויזן, אַז אפילו די בעסטע ווערק פון דער יידישער געשיכטע פון דער נייער צייט, אויך די, וואָס זיינען אַרויס אין דייטשלאַנד, האָבן איין הויפּט־פעלער: זיי זיינען געשריבן ווי אַ רעליגיעס־ געשיכטע. עס ווערט אָבער נישט דערציילט, ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט געלעבט ווי אַ פאָלק, ווי אַזוי עס האָט געקעמפט פאַר זיין קיום, וואָסערע באַציאונגען זיינען געווען צווישן אים און זיינע שכנישע פעלקער. אויך ש. דובנאָוו, וואָס איז געווען שטאַרק באַפריינדט מיט אחד־העמען, נישט געקוקט אויף די פאַרשיידענע פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין דער ‚גלות־פראַגע' — אחד־העם מיט זיין ‚מרכז־רוחני' און ש. דובנאָוו מיט זיין ‚יידישן אויטאָנאָמיזם' — האָט נאָך דאַן אויך באַטראַכט די יידישע געשיכטע ווי אַ ‚געשיכטע פון יהדות, פון יידישן גייסט'. און אָט אַרום אָט־דער פראַגע וועגן דעם טעאָלאָגישן מעטאָד פון די יידישע היסטאָריקער, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ הייסע דיסקוסיע. און שוין דאַן, אויפן אָוונט, האָט פּרץ געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיינע שאַרפע באַמערקונגען, מיט זיינע געדאַנקען־בליצן. פּרץ האָט אַריינגעטראָגן אַ מין דיסאָנאַנס אין דער אַטמאָספער פון אחד־העמס „זשור־פיקסן", עס איז געווען אַ אָנגענעמער, דערפרישנדיקער דיסאָנאַנס".

וועגן דעם באַנקעט לכבוד פּרצן, וואָס ווערט פריער געשילדערט לויט ה. אַבראַמאָוויטשעס זכרונות, האָבן מיר נאָך פּרטים ביי ש. שנייפּאַל. „ח. נ. ביאַליק, — דערציילט ער, — האָט געהאַלטן אַ שאַרפזיניקע רעדע. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט: דאָ ביים טיש זיצן הלכה — אחד־העם, אגדה — מענדעלע און קבלה — פּרץ. הלכה און אגדה — האָט געזאָגט ביאַליק, — איז באַגרעניצט אין אָרט און אין צייט. אָבער קבלה עפנט אונדז אַ טויער אַריינצוקוקן אין דעם אין־סוף".

זיין ענטפער אויף די אַלע רעדעס האָט פּרץ געהאַלטן אין אַ שאַרפן,

סאַרקאַסטישן טאָן. ש. שנייפּאַל גיט איבער דעם תמצית פון דער פּרץ־רעדע:
„אַ לאַנגע צייט איידער איך בין געקומען קיין אָדעס, האָב איך געהערט וועגן איך, אָדעסיטן. דער הייַנטיקער אָוונט האָט מיר אָבער קלאָר געמאַכט אַ סך מער, ווי איך האָב ביז איצט געוואוסט וועגן איך. יעדער איינער זוכט אַ התנצלות (פאַרענטפערונג), פאַרוואָס מען האָט פּרצן געמאַכט דעם באַנקעט. איינער פאַרענטפערט זיך, אַז ער, פּרץ, פאַרדינט אַ באַנקעט, ווייל ער איז אַן ערלעכער מאַן, גנבעט נישט קיין זילבערנע לעפל פון טיש... דער צווייטער זאָגט, אַז ער איז געקומען צום באַנקעט „לכבוד פּרצעס טאַ־לענט", דער דריטער זיצט דאָביים טיש, ווייל איך בין פון די צעירים (די יונגע), דער פערטער, ווייל פּרץ שרייבט פאַרשיידענע זשאַנרען... איך דאַרף אייך זאָגן, אַז איר, אָדעסיטן, זייט „האַכמוטיק'..." „פּרצעס שאַרפער ענטפער, — גיט צו ש. שנייפּאַל, — וועגן אָדעסער גרויסהאַל־טעריי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלעמען. אַ לאַנגע צייט האָט מען אין אָדעסער ליטעראַרישע קרייזן גערעדט וועגן פּרצעס סאַר־קאַסטישער רעדע" („יידישע קולטור", 1951, יאַנואַר, ז"ז 6־7).

ש. שנייפּאַל ברענגט אַ לענגערן אויסצוג פונעם באַריכט, וואָס איז געווען געדרוקט אינעם פּעטערבורגער „דער פריינד", וואו עס ווערט דער־ציילט, אַז דאָס רוב רעדנער האָבן „געמאָסטן און געוואויגן פּרצעס נאַ־ציאָנאַליזם אָדער ציוניזם, אָט ווי ביי אונדזערע עלטערן פלעגט מען בודק זיין יענעמס ציצית..." (נ' 75, 1904).

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז אויך ה. אַבראַמאָוויטש, אין זיינע זכרו־נות, באַשטעטיקט דעם אינהאַלט פון פּרצעס ענטפער, אגב — דעם ענט־פער האָט פּרץ, ווי מאָדנע עס זאָל נישט זיין, געגעבן אין רוסיש. פּרץ האָט „אָנגעהויבן, — שרייבט ה. אַבראַמאָוויטש, — מיט דער שפּאַסיקער באַמערקונג, אַז מען האָט אים דאָ געלויבט, וואָס ער גנבעט נישט קיין זילבערנע לעפל פון די טישן (אַן אָנדייטונג אויף אחד־העמס ווערטער, אַז פּרץ איז אַן ערלעכער שרייבער). יאָ, ביז איצט טאַקע נישט געגנבעט, מסתמא וועט ער שוין דאָס ווייטער אויך נישט טאָן" („פ. אַר. שט." 15טן פעברואַר, 1946).

פאַרשטייט זיך, אַז פּרצעס באַזוך אין אָדעס ביי די פירנדיקע אָדע־סער שרייבער, האָט אים נישט דערנענטערט צו זיי, און עס איז געבליבן די זעלבע דערווייטערטקייט און פאַרפרעמדקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן אים און די אָדעסער אין די פריערדיקע יאָרן.

אַז צווישן „וואַרשע" און „אָדעס" האָט זיך געצויגן אַ לאַנג־יאָריקער ליטעראַרישער „קריג" איז געווען באַקאַנט. וועגן דעם איז שוין זייער פיל געשריבן געוואָרן. דער באַוואוסטער שרייבער ב. גאָרין האָט, באַלד נאָך

פרצעס טויט, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל („צוקונפט", ניו־יאָרק, יוני, 1915, ז"ז 548־552) טאַקע אונטערן נאָמען „וואַרשע און אָדעס". „וואַרשע — שרייבט ער — איז דעמאָלט (1891 און ווייטער — נ. מ.). נישט געווען קיין צענטער פון יידישע שרייבער... דער צענטער איז דעמאָלט געווען אָדעס... — — — און שוין דעמאָלט, ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט פרצן, האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די קנאת־סופרים צווישן אָדעס און וואַרשע. אויב די יידישע אינטעליגענץ האָט זיך געריבן די אויגן און נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַזאַ טאַלאַנט ווי פרצעס האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט מען אין אָדעס נישט נאָר נישט געפרייט זיך מיט דעם וואונדערבאַרן געווינס, נאָר מען האָט אים קוים געוואָלט אָנערקענען" (ז' 549).

וועגן טענות־מענות און אומצופרידנקייט צווישן אחד־העם און פרץ גיט איבער ש. דובנאָוו, וועלכער האָט יאָרנלאַנג געפירט אַ שטילן, אָפט־מאָל — אויך אַן אָפענעם, ברוגז מיט פרצן. ש. דובנאָוו דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ווערק „(קניגא זשיני" — דאָס בוך פון לעבן) וועגן פרצעס „אַלטער פאַרבאַהאַלטענער שנאה צו קריטיקוס (ש. דובנאָוו)" און ער גיט צו: „איך האָב זיך אויך דערמאָנט אין דעם, וואָס מיר האָט אַמאָל איבערגעגעבן אחד־העם: אַרום 1900 (עס איז געווען פרילינג 1901 — נ. מ.), ווען מען האָט אין וואַרשע געפייערט פרצעס ערשטן יו־בילײ און די אָדעסער שרייבער האָבן אים געשיקט אַ באַגריסונג־טעלע־גראַמע, איז נישט געווען צווישן די אונטערשריפטן אחד־העמס און מיין נאָמען, און ווען אחד־העם איז דערנאָך אַדורכגעפאָרן דורך וואַרשע, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז פרץ האָט עפענטלעך אויסגעדריקט זיין אומצופרי־דנקייט דערמיט..." (ב. 2, ז' 125).

די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון פרץ און דובנאָוו זיינען אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אויף וויפיל פרץ האָט דערנאָך געהאַלטן פון אחד־העמען, וועלכער האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט פונעם ברייטן ליבעראַלן קולטור־געזעל־שאַפטלעכן און שאַפערישן יידישן לעבן, ווייזן אַ פּאָר שורות פון פרצעס אַ בריוו צו ח. נ. ביאַליק. אין אַ לענגערן העברייאישן בריוו פון וואַרשע קיין אָדעס האָט פרץ געשטראָפט ביאַליקן פאַר זיין געדריקטן געמיט־צושטאַנד און ער שרייבט צו אים: „... איר, מיין ליבער, זייט געפאַנ־גען נישט אין שפינוועבס־פאָדעם (אַן אָנדייט אויף ביאַליקס אַן אויסדרוק אין „המתמיד" — נ. מ.), נאָר דורך אחד־העמען... איר האָט קיינמאָל נישט געדאַוונט אין אַ גרויסן בית־המדרש מיט די מאַסן, נאָר אין עפעס אַ „מנין" פון בטלנים, מיוחסים און טרוימער פון נישט־שיינע און נישט־

פיינע חלומות..." (י. ל. פרצעס בריוו, ניו־יאָרק 1944, ז' 224).

עס איז, אגב, ערגעץ דערמאָנט, אַז פרץ האָט געהאַט אַ רעפעראַט אין „הזמיר" וועגן אחד־העם. גענויערס וועגן דעם — ווייסן מיר נישט.

אָט דאָס זיינען געווען די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די צוויי וויכטיקע שרייבער־פּערזענלעכקייטן, וואָס איינער האָט געלעבט אין וואַרשע און געווען די צענטראַלע פיגור פון דער ניי־אויפגעקומענדיקער און שאַפערישער יידישער ליטעראַטור, און דער צווייטער האָט געלעבט אין אָדעס און האָט גרופירט אַרום זיך די העברייאישע שרייבער און חובבי־ציון־טוער.

עס איז געווען טשיקאַווע צו לייענען לעצטנס אין לעאָ קעניגס בוך „פאָלק און ליטעראַטור" (לאָנדאָן, 1947) אַזאַ מין פאַרגלייך צווישן פרץ און אחד־העם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אגב־אורחא: „פרץ איז געווען כמעט דער איינציקער ,רבי' אין דער יידישער ליטעראַטור, — אין דער העברייאישער ליטעראַטור איז אחד־העם געווען אין אַ מער־אידעאַלאַגישן זין דער ,רבי', דער ,לערער'..." (ז' 85).

נו, וועגן דער פרציִשער „רבישאַפט", וואָס מען וואַרפט אָפט פאַר פרצן, איז אויסגעקומען צו רעדן אין אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג, וואו ס'איז באַוויזן געוואָרן, אויף וויפיל עס איז דאָ האָפט און זין אין דעם.

5

מיר וועלן זיך לסוף אָפּשטעלן אויף די פּרוּוון פון צוויי, גאָר־ווי־דערשפּרעכנדיקע, שרייבער צו דערוויזן ענגע שייכותן צווישן פרצן און אחד־העמען, — פּרוּוון פון פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן און וועלט־באַנעמען. זיי זיינען דאָך כאַראַקטעריסטיש און וואַרפן אַ ליכט אויף דעם, ווי מען האָט אויפגעפאַסט פרצן און זיין וועלט־באַנעם. סאַראַ טיפע חילוקי־דעות עס האָבן געהערשט אַלע יאָרן צווישן די צוויי שרייבער־דענקער פרץ און אחד־העם, חילוקי־דעות פון אינעווייניקסטער און אַלגעמיינער אַנדערשקייט און ווידערשפּרעכלעכקייט, און דאָך האַלט עס נישט אָפּ צו קאָנסטאַטירן ביי זיי ערגעץ־וואו אידייאישע קרובהשאַפט.

דער שאַרפער און בייסנדיקער פרץ־קריטיקער א. ראַזענצווייג באַרירט אין זיין בוך „דער ראַדיקאַלער פעריאָד פון פרצעס שאַפן" (כאַרקאָוו־קיעוו, 1934) פרצעס קעגנערשאַפט צו אחד־העמען, ווי עס איז צו זען פון דעם דערמאָנטן אַרטיקל אין „החץ", און ער מאַכט דערביי, אין אַ לענגערער הערה, אַזאַ מין אויספיר: „... לויט זיין גאַנצער וועלט־אַנשויאונג איז אחד־העם געווען אַן אויסגעשפּראָכענער מעטאַפיזישער אידעאַליסט. פרצעס קעגנערשאַפט צו אים אין די מיטלסטע 90ער יאָרן איז זייער כאַראַקטעריסטיש". און ער גיט צו א. ראַזענצווייג: „אין דער רעאַקציע־תקופה האָט זיך פרץ געשטעלט אויף כמעט אחד־העמיסטישע

פּאָזיציעס, יידישיסטיש באַפאַרבטע" (ז' 59). ביי א. ראָזענצווייגן איז עס אַ קלאָרע און באַשטימטע זאַך, וואָס ער דאַרף אפילו נישט באַמיען עס צו באַווייזן. אגב, וועגן אים און זיין צוגאַנג צו פּרצן האָט עס שכנא עפּשטיין געשריבן (אין יאָר 1940) אַז „מיטן ציל צו פאַרמאַסקירן זייער אייגענעם נאַציאָנאַל־אָפּאָרטוניזם און פאַרשטעלן זיך פאַר כּפל־שמונה־דיקע מאַרקסיסטן, (זיינען זיי) געקראָכן פון דער הויט אויף צו דערווייזן, אַז פּרץ איז אַ רעאַקציאָנער..." (זע מיין בוך „פּרץ", ניו־יאָרק, 1945, ז"ז 299־300).

דער קדוש ז. קאַלמאַנאָוויטש, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע נאַציס, מאַכט אַ פּרוּאוו, פון גאָר אַן אַנדערן קוק־ווינקל, צו געפינען שייכותן, באַריר־פּונקטן צווישן פּרץ און אחד־העם. אין זיין אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „ייוואָ־בלעטער", 1949, ב' 33, און אין „די גאָלדענע קייט", 1949, ב' 2, פון אַ פאַרבליבענעם כּתב־יד, רעדט ער, אגב, וועגן פּרץ און אחד־העם און ער שרייבט דאָרט צווישן אַנדערן: „פּרצעס יידישקייט איז בעצם נאָך רוחניותדיקער ווי דער רוח־היהדות פון אחד־העם, הגם עטוואָס קלאָרער באַשטימט. וואָרום אחד־העם שטעלט דאָך דעם באַדינג פאַרן קיום פון יידישקייט די עקזיסטענץ פון אַ ממשותדיקן ערדישן יידישן צענטער, וואָס זאָל דינען ווי „אַ צענטער פון נאָכמאַכונג" פאַר די צעשפּרייטע יידישע ישובים. פאַר פּרצן איז, משמעות, דער גייסט, דער אַליינהערשער, פון קיין זאַך נישט געבונדן. אָבער עס וועט געוויס זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין דעם קוק אויף דער אויפגאַבע פון ליטעראַטור ביי יידן גייעןביידע שרייבער זיך אינגאַנצן צונויף. אויך אחד־העם איז נישט צופרידן מיט דער וועלט־איראָפּיאישער ריכטונג, וואָס עס האָט אָנגענומען די נייע העברייאישע ליטעראַטור. זייערע עסטעטישע באַדערפענישן, האַלט ער, קאָנען יידן באַפרידיקן אין די פרעמדע ליטעראַטורן, וואָס שטייען אָפן פאַר זיי. די העברייאישע ליטעראַטור מוז אָבער אַרויסברענגען די געדאַנקען און אידייען פון יידישקייט, אויף דעם שטייגער פון דער ליטעראַטור פון די פריערדיקע דורות, ערשט דעמאָלט וועט זי פאַרדינען דעם הויכן טיטל פון נאַציאָנאַלער ליטעראַטור" (זע „על פרשת דרכים", ב' 1, ז' 218, ב' 2, ז' 2).

צי אָט־די באַהויפּטונג פון ז. קאַלמאַנאָוויטש בנוגע צו פּרצעס קוק אויף דער יידישער ליטעראַטור איז ריכטיק, וועגן דעם דאַרף מען רעדן גאָר באַזונדער. אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו, געשריבן אין 1913־1914, האָט פּרץ אויסגעדריקט זיין אני־מאמין, און ער האָט באַטאָנט דאָס, וואָס ער האָט פריער ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געזאָגט און גע־

שריבן: „... דאָס גלות פאַרלייקן איך נישט. דאָס איז דאָס שלאַכט־פעלד, וואו מיר מוזן זיגן. ביי דער בענקשאַפט צו ארץ־ישראל (נישט צום ,פאָטערלאַנד' לויטן גויאישן באַגריף) גלויב איך פעסט אין יידישן וועלט־פאָלק, ווי דער פראָפעט האָט עס געזען...״ („בריוו און רעדעס״, ז' 352).

נאָך קלאָרער דריקט אויס פרץ זיין שטעלונג צו נאַציאָנאַל־יידישע פראַגן אין אַן אַרטיקל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „נאַציאָנאַליזם און ציוניזם״, געשריבן אַרום 1913. פרץ רעדט וועגן דעם אַסימיליאַטאָר און ציוניסט און ער שרייבט אינעם אַרטיקל: „... דער ציוניזם, וואָס אָנערקענט די נאַציאָנאַליטעט און זעט איר רעטונג אין צוריק אויפבויען דאָס ,פאָטערלאַנד', שטייט פיל העכער פון דעם אַסימיליאַטאָר, אָבער נאָך נישט אַזוי הויך, אַז איך זאָל זען אין קאָלאָניזירן פאַלעסטינע מער ווי אַ היסטאָריש־עקאָנאָמישע באַזיץ־פראַגע און אַ פאַרווירקלעכונג פון אַ בירגערלעכן פאָטערלאַנדס־אידעאַל. דאָס איז שוין פאַר מיר צו אַלט. ווען איינער פאַרלייקנט די יידישע נאַציאָנאַליטעט און דער צווייטער וויל זי שיצן, איז מיר, נאַטירלעך, דער צווייטער סימפּאַטישער...״ און ווייטער זאָגט פרץ: „אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד צו רעטן אויף אַ באַזונדערן פלאַץ די נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע איז העכער פאַר אונטערוואַרפן זיך און איבערגעבן די פאָן. מיין אידעאַל אָבער איז, קאַמף און זיג. דאָס גלות איז דאָס שלאַכטפעלד, איך קאָן עס דעריבער נישט פאַרלייקענען״.

בעיקר זיינען אינטערעסאַנט און באַטייטפול די לעצטע ווערטער אינעם פרץ־אַרטיקל: „נישט וואָר ווערט אָבער דער ציוניזם, ווען ער שטעלט זיך פאָר אַלס רעטונג פאַרן גאַנצן פאָלק. צוריק אין וויג אַריין גייט נישט קיין דערוואַקסענער מענטש און נאָך ווייניקער — אַ גרויס אַנטוויקלט פאָלק. און אומסימפּאַטיש ווערט ער — ווען ער דערקלערט די רעטונג אויסשליסלעך „פאַר די, וואָס ווילן נישט, אדער קאָנען זיך נישט אַסימילירן״. דאָס איז דער שפּאַלט אין אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער פעסטונג, דאָס איז די פאַרלייקענונג פון דער אַל־יידישער נאַציאָנאַליטעט״.

ווי־זשע קאָן מען זאָגן, אַז פרץ „האָט זיך געשטעלט אויף כמעט אחד־העמיסטישע פּאָזיציעס?״ און אוודאי און אוודאי זיינען פרצעס פאָדערונגען און מאָנונגען פון דער יידישער ליטעראַטור לחלוטין אַנדערע פון די, וואָס אחד־העם האָט געפּריידיקט. גענוג איבערצולייענען פרצעס פּרעכטיקן אַרטיקל „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור״ צו זען ווי־ווייט עס איז די פרץ־אויפפאַסונג פון דער ליטעראַטור פון אחד־העמס בכלל און פון דער יידישער (אָדער העברייאישער) ליטעראַטור בפרט.

פרץ זאָגט אינעם אַרטיקל: „יידישקייט טאָר נישט גענומען ווערן ס ט אַ ט י ש, נאָר ד י נ אַ מ י ש, — אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט: איבעראַל אויף דער גאַנצער יידישער וועלט און אין אַלע צייטן: קיין איינציקן עכט־יידישן מאָמענט נישט אויסגעמעקט". און פרץ באַטאָנט אינעם אַרטיקל דאָס וואָרט „א ו ן נ י ש ט אַ ו ו ע ק פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט..."

איז עס נישט קיין פולע סתירה צו אחד־העמס וועלט־באַנעם און צו זיין קוק אויף דער ליטעראַטור?

פרץ האָט פאַרלאַנגט און געזוכט אין דער ליטעראַטור אַ סינטעז צווישן מענטשלעכן, אוניווערסאַלן און יידישן, אחד־העם האָט אָפגעשיקט דעם, וואָס האָט געזוכט אַלגעמיינע מאָטיוון, פּראָבלעמען — צו די פרעמדע ליטע־ראַטורן. ער האָט זיי אויסגעשלאָסן פון דער העברייאישער ליטעראַטור.

פרץ איז געווען מער דינאַמיש, ווי סטאַטיש, אחד־העם — פאַרקערט.

י. ל. פרץ און מ. י. בערדיטשעווסקי

1

טיף־פאַרשיידן זיינען געווען פרץ און בערדיטשעווסקי, סיי לויט זייערע כאַראַקטערן, סיי לויט די סביבות, אין וועלכע זיי זיינען געוואַקסן און געלעבט, ווי אויך לויטן אַרט אויפנעמען און באַציען זיך צו יידישע און וועלט־פּראָבלעמען. סאַך אַ ווייטער מהלך עס האָט געהערשט אין תוך צווישן זיי, וואָס האָט מיט די יאָרן אַלצמער געוואָקסן. אָבער דאָך זיינען געווען צווישן זיי פיל מער באַריר־פונקטן ווי מ׳האָט זיך געקאָנט אין פלוג פאָרשטעלן. מיכה יוסף בערדיטשעווסקי איז געווען אויף אַ 15 יאָר יינגער פון פרצן, ער איז געבוירן אין 1865. ער האָט אַדורכגעמאַכט גאָר אַנדערע גלגולים ווי פרץ, אָבער דאָך האָבן זיי אין זייערע גייסטיקע וואַנדערונגען זיך געטראָפן און אפילו איין צייט געגאַנגען אינאיינעם אַ שטיק וועג. באַזונדערס האָבן זיי זיך דערנעענטערט אין זייער גאַנג און צוגאַנג צום חסידישן און פאָלקס־שאַפן, הגם געשטויסן און געטריבן פון גאָר אַנדערע כוחות, און פאַרלאַנגען. עס איז זיכער געווען פיל געמיינזאַמס אין זייער רייסן זיך פון דער פאַרעלטערטער יידישער וועלט צו נייע פאָרמען, צום איבערשאַצן פון די ווערטן, און גלייכצייטיק — אין זייער כסדרדיקן קלאַמערן זיך אין די גייסטיקע, נשמהדיקע ווערזנס פון דער פריערדיקער, צום אונטערגאַנג פאַרמשפּטער וועלט. זיי ביידע האָבן אַרויסבאַוויזן, יעדער איינער אין זיין ווינקל, אין זיין וועלט, אַ טיף־אינעווייניקסטע פאַראינטערעסירונג און פאַרגאַפונג פון די הערלעכע פאַרבאַהאַלטענע נשמהדיקע אוצרות פונעם פאַרשריגענעם און פאַרשפּיגענעם חסידות. ביי פרצן מערקן מיר עס זינט 1888, ביי בערדיטשעווסקי מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער — פון יאָר 1896.

אין אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג „פרץ און בערדיטשעווסקי״ („יידישע קולטור״ נ׳ 3־4, 1945) האָט דער ליטעראַטור־פאָרשער א. ר. מלאכי זיך אָפּגעשטעלט גענויער אויף די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די צוויי גאַנץ־אַנדערע שרייבער־דענקער.

מ. י. בערדיטשעווסקי, — שרייבט א. ר. מלאכי, — איז אין זיין אַרטיקל, „שיודע לשאול״ (דער, וואָס ווייסט וואָס צו פרעגן, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בן־יהודהס „הצבי״, ירושלים, 1896) „אינספּירירט געוואָרן פון

...„ווער בין איך ?" אָדער „דער משוגענער בטלן" פּרצעס דערציילונג
מ. י. בערדיטשעווסקי האָט געגעבן אַ געלונגענע פּסיכאָלאָגישע פאַר־
טייטשונג פון פרצעס מייסטערהאַפטער דערציילונג „... פּרצעס איינ־
פלוס אויף בערדיטשעווסקין, דעם ראָמאַנטיקער איז קענטיק אין זיינע איבע־
ריקע דערציילונגען פון יענער צייט... בערדיטשעווסקי איז אָן שום צווייפל
אָנגערעגט געוואָרן אין זיינע חסידישע לעגענדעס פון פּרצעס חסידישע
מעשיות". און אַ מערקווירדיקע זאַך: בערדיטשעווסקיס ערשטער עסיי אי־
בער חסידות, געדרוקט אין 1899, טראָגט דעם זעלבן נאָמען ווי פּרצעס
ערשטע חסידישע דערציילונג „משנת חסידים" (פריער האָט דער אַרטיקל
געהייסן („נשמת חסידים", שפּעטער — „משנת חסידים").

מ. י. בערדיטשעווסקי איז געווען שטאַרק פאַרכאַפּט פון פּרצעס חסי־
דישע מעשיות. אין זיין אַרטיקל, געשריבן אין 1901, (אין נחום סאָקאָלאָווס
„ספר השנה") האָט מ. י. בערדיטשעווסקי אַזעלכע באַגייסטערטע שורות
וועגן פּרצעס שאַפן: „אויף אַזאַ ליד האָב איך אַלע מיינע יאָרן אויסגע־
קוקט, מיין נשמה איז אויסגעגאַנגען נאָך דעם, און עס שטייט איצט פאַר
אונדז מיט זיין גאַנצער פּראַכט און הויך, מיט דער גאַנצער לויטערקייט
פון זיין קול, מיטן גאַנצן מהות און קראַפט". און ווייטער שרייבט מ. י.
בערדיטשעווסקי מיט טיפער באַגייסטערונג: „דאָס חסידות פון י. ל. פּרץ
איז דער שיר השירים אין אונדזער נייער ליטעראַטור און איר שענסטע
קרוין. ווי וואונדערבאַר איז זיין „משנת חסידים", ווי דערהויבן זיינען זיינע
„מקובלים"; עס איז נישטאָ קיין גלייכן צו זיין „שהשמחה במעונו" און
ס'איז נישטאָ קיין גרעסערס פון זיין „צווישן צוויי בערג". זיינע „שיחות
חסידים" און „אויב נישט נאָך העכער" זיינען טייערע דימענטן; זיין „נייער
ניגון" איז אַ „שיר היחוד", האָט קיין ענלעכס נישט צו זיך..." מ. י. בער־
דיטשעווסקי פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט די ווערטער: „מאַכט אַ וואַרע
פאַר דעם דאָזיקן דיכטער אויף נאָך זיין יובילײ!" (א. ר. מלאכי — „יידי־
שע קולטור", ז"ז 48־53).

א. ר. מלאכי באַטאָנט דעם אונטערשייד צווישן פּרצעס ערשטע חסי־
דישע מעשיות און בערדיטשעווסקיס: „בשעת מ. י. בערדיטשעווסקי איז
געקומען פון אַ חסידישער סביבה, איז י. ל. פּרץ ווייט געווען פון חסידות.
פּרץ איז דערצויגן געוואָרן אין אַ דורכאויס־מתנגדישער אַטמאָספערע,
וואָס איז צו חסידות זייער קאַלט געווען. ווען פּרץ איז געוואָרן אַ משכיל
און גענומען שרייבן, האָט ער אין דער העברייאישער ליטעראַטור פון יענער
צייט געוויס נישט געפונען קיין וואַרעמע באַציאונג צו דעם חסידיזם. ערשט
אין מיטן די נײַנציקער יאָרן האָט ער גענומען דערקענען די שיינקייט פון
חסידות, און דאָס אויך — אַ דאַנק זיין פאָלקסטימלעכקייט און זיין זוכן נייע

וועגן אין דער ליטעראַטור. בערדיטשעווסקי איז געווען אַ „חסיד שפּירש". ער האָט אין זיין יוגנט זיך געוויקט אין חסידות און זי פּאַרלאָזן צוליב דער השכלה, וועלכע האָט אים געשטויסן צו אייראָפּייאישער קולטור און ווערן אַן אָנהענגער פון ניטשעס „איבער־מענטש" און פון ניטשען — דורך פּרצן צוריק איבערגעגאַנגען צו חסידות, וואו ער האָט זיך ווידער געפונען היימיש. זיינע ערשטע דערציילונגען פון דעם דאָזיקן זשאַנר זיינען געווען איבער־דיכטונגען פון „שבחי בעל שם־טוב" און אַנדערע חסידישע לעגענדעס, אַריינ־פלעכטנדיק אין זיי תורה פון די שפּעטער פון חסידיזם. פּרץ האָט אָבער תופס געווען די חסידות אין איר גאַנצער טיפקייט און האָט אַרויסגעבראַכט דאָס עטישע און אוניווערסאַלע אין איר. פּרץ דער ווירטואָז האָט מיטן כישוף־וואָרט אַנטפּלעקט די באַהאַלטענע שיינקייט אין דער חסידישער וועלט. זיינע דערציילונגען זיינען מערסטנס צאַרטע אַקאָרדן און גלגולים פון ני־גונים; ניגונים אַזעלכע, וואָס הערנדיק זיי צעגייט די נשמה פון גרויס מתיקות. ר' בנימין האָט שוין געהאַט אָנגעמערקט, אַז „פּרץ זעלבסט איז געווען אַ מין גלגול פון אַ ניגון. ער איז געווען דער ניגון און דער מנגן, און בשעת דער שפּילער האָט געשפּילט, איז גאָטס האַנט געווען אויף אים. . . "

פּרץ און בערדיטשעווסקי האָבן זיך אויך צייט איבערגעשריבן. ליידער זיינען פון זייער בריוו־אויסטויש אויפגעהיט געוואָרן בלויז דריי אינטערע־סאַנטע העברייאישע בריוו פון פּרצן צו בערדיטשעווסקי (פון די יאָרן, 1895־1896, פאַרעפנטלעכט אין „מאזנים", 1939, ב' 8, ה. 1, מיט באַמער־קונגען פון יעקב פיכמאַן). פּרץ רעדט ערנסטע און וואַרנדיקע רייד צו זיין באַגייסטערטן פאַרערער, און גיט אים, ווי צו אַ תלמיד, פריינטלעכע אָנ־ווייזונגען וועגן זיין וועלט־באַנעם און זיין אופן פון שרייבן. „איר זייט אַן עקלעקטיקער און אַ דעקאַדענט גלייכצייטיק. איר קומט פון דער ישיבה, אייער איבערגאַנג — די רוסישע ליטעראַטור און וואוהין איר גייט ווייטער — ווען די קומענדיקע טעג זאָגן. אָבער איר האָט שוין פאַרזוכט פון די אומרייפע פרוכט פון ניטשעס עץ־הדעת, פון זיינע חברים און תלמידים"... אין אַן אַנדער בריוו שרייבט פּרץ צו בערדיטשעווסקי אין בריוו: „איך לייען איצט אייערע ביכער, לייען זיי נישט ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ לעזער. פיל זאַכן זיינען ניט לויט מיין גייסט, אָבער זיי אַלע, ווי זיי זיינען, זיינען ביי אונדז און מאַכן אַ גרויסן רושם."

א. ר. מלאכי ברענגט י. פיכמאַנס וואָרט וועגן פּרץ און בערדיטשעוו־סקין: „זיי ביידע זיינען געווען די שעפער פונעם „נייעם קורס" און ביידע האָבן זיי זיך געראַנגלט מיט אים, האָבן געשטרעבט צו דער שאַפונג פון דער צוקונפט און אָנערקענט, אַז זי וועט גובר זיין אַלע שפּרינגערייען און דעקאַדענטישע אומרייפקייט." (דאָרט, ז' 53).

2

די קעגנזייטיקע באַציאונגען און באַווירקונגען פון פרץ און בערדי־טשעווסקי און זייער אינטערעס צו די חסידישע מעשיות האָבן אַלע יאָרן גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער קריטיק. מיר וועלן ברענגען ווייטער אייניקע אויסצוגן פון דעם שלל מאַטעריאַלן וועגן פרץ־בערדי־טשעווסקי. מען איז צו זיי אָפּט מצרף אַ דריטן העברייאיש־יידישן שרייבער — יהודה שטיינבערג (1863־1908), וועלכער האָט אויך געשריבן חסידישע מעשיות אויף העברייאיש און יידיש.

איינער פון די באַוואוסטע העברייאיש־יידישע קריטיקער מ. לאַזאַר־סאָן (באַקאַנט מיטן נאָמען מ. בן־אליעזר, 1882־1949) האָט אין זיין גרע־סערער אָפּהאַנדלונג „יהודה שטיינבערג" („צוקונפט", יוני 1908) אָט וואָס געשריבן:

„דער ערשטער, וואָס איז צוגעגאַנגען צום חסידיזמוס (חסידיזם) מיט אָפענע אויגן איז געווען מ. י. בערדיטשעווסקי. אים קאָן מען אָנרופן „דער פּאָעט־פילאָזאָף פון חסידיזם". ער האָט דאָרטן געפונען די העכסטע און די הייליקסטע וועלט־אַנשויאונג". אָבער אַז דער ע ר ש ט ע ר איז געווען פּרץ, און נישט בערדיטשעווסקי — וועגן דעם האָבן מיר פריער אָנגעוויזן.

מ. לאַזאַרסאָן ציטירט מ. י. בערדיטשעווסקיס ווערטער פון זיין „ספר חסידים": „נאָך אַלע מיינע גייסטיקע וואַנדערונגען און בלאָנדזשענישן, נאָך אַלע עבודה זרות, וואָס איך האָב איבערגעדינט מיט מיין האַרץ און מוח, נאָך דעם לאַנגן טעות, וואָס איך האָב געמאַכט אין באַטראַכטן דאָס לעבן און די וועלט, דעם הימל און די ערד, דאָס ליכט און די שאָטנס — האָט מיר איצט אַ שיין געטאָן אַ ביסל ליכט פון יענער חסידישער וועלט.״

„בערדיטשעווסקי — זאָגט מ. לאַזאַרסאָן — זוכט דעריבער די נשמה פון חסידיזם. ער ווערט באַגייסטערט פון די גרינדער פון חסידות און גיט אונדז איבער די טיפע פּאָעטיש־פילאָזאָפישע געדאַנקען פון די ערשטע צדיקים. ער רעדט מיט אַ געוויסן עקסטאַז וועגן זיי... — — — ער קוקט אויף דער וועלט פון אונטן אַרויף... אַנדערש איז צוגעטראָטן צו דער וועלט י. ל. פרץ. אים האָבן באַצויבערט די ראָמאַנטישע זייט פון חסידות, די פאַנטאַסטישע בילדער, וואָס שוועבן אַרום דאָרט, באַזונדערס אָבער די ר י י נ ע ת מ י מ ו ת, וועלכע גרענעצט זיך מיט ה י י ל י ק י י ט. זיין „יוחנן דער מלמד'' איז אַ גלויביקער ת מ י ם, זיינע „מקובלים" זיינען שוין ה י י־ל י ק ע. ער קוקט אָבער אויף זיינע העלדן פון אויבן אַראָפּ... — — —

„נאָר ניט בערדיטשעווסקי, ניט פרץ האָבן צו טאָן מיט ג ע וו י י נ ל ע־כ ע חסידים. איינער מאָלט דעם הימל מיט די מלאכים פון דער חסידישער

וועלט, דער צווייטער ווייזט אונדז די שיינע לאַנדשאַפטן, די ריינע לופט און די יום־טובדיק געקליידעטע איינוואוינער פון יענער אַרקאַדיע.״

„יהודה שטיינבערג פרובירט צו שילדערן די וואָכעדיקע וועלט פון חסי־דים, אָן שום טענדענצן... אים פעלט די גאַנצקייט פון די צוויי אויבנדער־מאָנטע שרייבער אין זייער מאָלן דעם חסידיזם. ער האָט נישט די רייכע פאַנטאַזיע פון י. ל. פרץ און אויך נישט די טיפע וועלט־אַנשויאונג פון מ. י. בערדיטשעווסקי. ער האָט אָבער די מעלה, וואָס ער זעט נעענטער די חסי־דישע וועלט און שילדערט זי מיט מער אמת. ער באַמערקט אי די ליכט אי די שאָטנס. ער אידעאַליזירט נישט זיינע העלדן, נאָר ער אַנטדעקט דעם אידעאַליזם אַלס אַ גרונט־טאָן פון דער חסידישער נשמה.״ (ז׳ז 44־ 45).

דער באַוואוסטער העברייאישער ליטעראַטור־פאָרשער פישל לאַכאָווער (פ. לחובר) האָט אין זיין העברייאישן אַרטיקל איבער מ. י. בערדיטשעווסקי (זאַמלבוך „נתיבות״, וואַרשע, 1913) געמאַכט אַזאַ פאַרגלייך צווישן בער־דיטשעווסקיס חסידישע מעשיות מיט פרצעס:

„אויך בערדיטשעווסקיס חסידישע מעשיות צייכענען זיך אויס פון די אַלע אַנדערע, וואָס זיי זיינען אַבסאָלוטע און זיי האָבן אין זיך די חסידישע נשמה. אַנדערע האָבן בעסער געמאָלט דאָס לעבן פון די חסידים (פרץ, למשל) מיט זיין ליכט און שאָטן, אָבער קיין אַנדערער האָט נאָך נישט באַ־וויזן, ווי בערדיטשעווסקי, צו געבן אונדז די נשמה פון חסידות, די אַבסאָ־לוטע, דורכאויסיקע. ווען פרץ שילדערט דאָס לעבן פון חסידיזם, אַנט־פּלעקט ער פאַר אונדז פיל ליכט, אָבער גלייכצייטיק זעען מיר דעם שאָטן, וואָס באַגלייט אים שטענדיק. אין די „צווישן צוויי בערג״ און אין „שהשמ־חה במעונו״, צום ביישפּיל, זעען מיר דאָס גאַרע ליכט אינעם חסידישן לעבן, דעם גלויבן און די אינעווייניקסטע פרייד און גליק, וואָס ער פאַרמאָגט, אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס מיר לייענען און האָבן דערפון הנאה, קענען מיר נישט פאַרזען די צווייטע זייט, — די טונקעלע און מיאוסע, ווייל עס ווערט באַוויזן די אינעווייניקסטע און אויסערלעכע שקלאַפעריי אינעם גלויבן אין די „צדיקים״, שקלאַפעריי, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון „עבודה זרה״. אָבער ביי בערדיטשעווסקין, אין זיינע חסידישע מעשיות, איז קיינמאָל נישט באַוויזן דאָס שאָטנדיקע, ווייל דאָס ליכט, וואָס ער אַנט־פּלעקט פאַר אונדז איז נישט דאָס ליכט, וואָס קומט און שיינט אַראָפּ פונעם חסידישן לעבן, נאָר ס׳איז דאָס ליכט פון חסידות, ווי עס לייכט אין זיין מקור, אין זיין אייביקער דערהויבנקייט, איידער ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט צו די פּשוטע מענטשן, וואָס וואוינען אין דער נידער... ווייל פרץ, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער נייגונג צו אַבסטראַקציע און אַספּיראַציע, איז בעיקר אַ מאָלער, אַ קינסטלער, אַ שילדערער, וואָס באַטראַכט זאַכן און ער

מאָלט זיי דורך ליכט און שאָטן־פאַרבן, אין דער צייט, וואָס בערדיטשעווסקי איז בעיקר נישט קיין מאָלער און נישט קיין באָאַבאַכטער, נאָר ער זעט די נ ש מ ה פון זאַכן, זעט בעיקר דאָס אינערלעכע...״ (ז׳148).

3

מיט דער צייט ווערן די ווידערשפּרוכן צווישן פּרץ און בערדיטשעווסקין גרעסער און שאַרפער. זיי צעגייען זיך אין באַזונדערע זייטען און זייערע גייסטיקע וועלטן ווערן אַלץ־פרעמדער איינע פאַר דער אַנדערער.

אין זיין אַרטיקל „אין פאָלק אַריין״ (געשריבן אין 1902) טרעט פּרץ אַרויס קעגן בערדיטשעווסקין פאַר זיין פאָלקס־מעשה „אַ מעשה פון איינעם אַ קאָוואַל, וואָס האָט פאַרסמט זיין ווייב״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ווי די ביליקע פאָלקס־ביכלעך. פּרץ זאָגט: „ער (מ. י. בערדיטשעווסקי) האָט אויפגעשריבן אַ גוטע פּסיכאָלאָגישע זאַך. קוים אָבער האָט ער זיך געזאָגט, אַז מען מוז גיין אין מאַרק אַריין, האָט ער עס אויפגעשריבן אויף באַלטער מאַרק־לשון, וואו די מעשה ווערט דערציילט. און מיט דעם מאַרק־לשון רעדט ד״ר בערדיטשעווסקי נישט נאָר פאַרן קאָוואַל, נאָר אפילו פאַר זיך... אַזוי אַריינגעקראָכן איז ער אין באַלטער קאָוואַלס נשמה.״ י. ל. פּרץ רעדט מיט איראָניע וועגן בערדיטשעווסקין און זאָגט: „מיכה יוסף ד״ר בערדיטשעווסקי, דער יידישער ניטשע, וואָס לעכצט צו שיינקייט, צו גבורה, וואָס שטייט אויף אַ שיינעם פרימאָרגן און וויל מיטאַמאָל איבערבייטן אַלע אַלטע אָפּגעריבענע מאָראַלישע מטבעות אויף נייע, שאַרפע, מיט פולער וואָג, אונדזער פילאָזאָף־אַריסטאָקראַט, אונדזער בר־כוכבא, ריש בר־יונה, אונדזער וואָס איר ווילט, לאָזט זיך פּלוצלינג אַראָפּ אין מאַרק אַריין... און דערציילט דעם פּראָסטן גראָבן עולם „אַ מעשה פון איינעם אַ קאָוואַל״...״ פּרץ האָט אַריינגענומען מ. י. בערדיטשעווסקיס ביכל אין אַ גרופּע אַנדערע ביכלעך, אין וועלכע די מחברים, אינטעלעקטועלע מענטשן, ווילנדיק זיך דערנעענטערן צום פאָלק און דינען אים, לאָזן זיי זיך גאָר אַראָפּ צו אים און רעדן מיט אַ צו־פּראָסטער שפּראַך... (זע מיין אַרטיקל „מ. י. בערדיטשעווסקי און זיין דור״, „יידישע כתבים״, ניו־יאָרק, 1948, ז״ז 18־41).

מיט אַ צען יאָר שפּעטער האָט מ. י. בערדיטשעווסקי אין אַ לענגערן העברייאישע אַרטיקל (אינעם זאַמלבוך „נתיבות״, 1913), רעדנדיק וועגן דער פּאָלעמיק אין דער שפּראַך־פראַגע, וואָס האָט זיך אין יענער צייט אַנטוויקלט אין דער פּרעסע, געזאָגט, אַז ס׳איז שוין מער נישט קיין קריג איבער שפּראַכן, נאָר אַ צעמישונג פון גרענעצן — „טשטוש הגבולים״. אין דעם אַרטיקל האָט ער פאַרגעוואָרפן פּרצן, וואָס ער באַציט זיך אָן דרך־ארץ צו די שפּראַכן, — בעיקר — צו העברייאיש, און וואָס זיינע ווערק זיינען אַמאָל געשריבן דורך

אים גופא אין העברייאיש, אַמאָל איבערגעזעצט דורך אים אַליין אויף העב־רייאיש און אויך דורך אַנדערע, און דער כאַראַקטער, דער סטיל, דער מהות פון דער שפּראַך ווערט דעריבער נישט אויפגעהיט...

אַט אַזוי זעען מיר שוין פּרצן און בערדיטשעווסקין אין צוויי באַזונדערע לאַגערן און אפילו אַנגעשטויסן איינער אויפן אַנדערן.

„מיט יאָרן שפּעטער — שרייבט א. ר. מלאכי — האָט בערדיטשעווסקי זיין מיינונג איבער פּרצן אינגאַנצן געביטן. אין 1919 האָט ער איבער דעם זעלבן באַנד „חסידות" געשריבן אַ רעצענזיע, וואָס איז דער היפוך פון דער ערשטער. ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון פּרצעס היפּנאָז, טרעט ער צו ניכ־טער צו זיינע שאַפונגען, אַנאַליזירט זיי און גיט־צו שאַרפע באַמערקונגען, וואָס אין זיי ווערט פּרץ געטאַדלט פאַר אַריינלייגן אין די „חסידישע גע־שפּרעכן" פיל פון זיינע אייגענע, אַזוי אַז נישט דער חסיד רעדט, נאָר פּרץ"... און ווען דער חסיד אין „שהשמחה במעונו" דערציילט און שיל־דערט די נאַטור, רעדט פּרץ דער דיכטער... די זעלבע טענות צו פּרצן האָט מ. י. בערדיטשעווסקי פאַר זיינע דערציילונגען „צווישן צוויי בערג" און „אַ גלגול פון אַ ניגון"... פאַרענדנדיק דעם אַרטיקל גיט צו מ. י. בערדי־טשעווסקי: „די פאַרערער און פאַרגעטערער פון דיכטער (פון פּרצן) זאָלן מיר די דאָזיקע באַמערקונג נישט פאַררעכענען פאַר אַ זינד". (געדרוקט אין „התקופה", 1919 און אַריין אין בערדיטשעווסקיס געזאַמלטע ווערק „בשדה ספר." ב' 3).

זיכער זיינען אין די אַנדערע בערדיטשעווסקי־שריפטן פאַראַן נאָך באַ־מערקונגען וועגן פּרצן. מ'דאַרף זיי נאָכזוכן און אויסגעפינען.

ה. ד. נאָמבערג האָט אין פאַרשיידענע צייטן זיך באַמיט צו געפונען די שייכותן און די חילוקי־דעות פון פּרצן און בערדיטשעווסקין. אין זיין באַ־קאַנטער אַרבעט „אַ ליטעראַרישער דור" האָט נאָמבערג צווישן אַנדערן גע־שריבן:

„צו וואָס בערדיטשעווסקי איז געקומען אויפן וועג פון דענקען, דאָס איז פּרצן, ווי אַ נבואה, שוין לאַנג אַנטפּלעקט געוואָרן. בערדיטשעווסקיס קאַמף־אויפרוף, זיין הייסע אַפּאָלאָגיע פון חסידיזם האָט דערגרייכט קיין וואַר־שע. אין פּרצעס ליטעראַריש קרייזל איז מען אויפמערקזאַם געוואָרן אויף בערדיטשעווסקין און בינו לבינו האָט מען אַנטדעקט דעם אוצר, וואָס איז אייגנטלעך שוין לאַנג געלעגן אָפן: אַן אמתע חסידישע דיכטונג, פאַרטיק און גרייט צום געניסן. דאָס האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף פּרצן, וואָס ער האָט דערנאָך גענומען מיט מער אויסגעהאַלטנקייט, מיט דעם פולן באַוואוסט־זיין, אַזוי צו זאָגן, „במחשבה תחילה", צו באַאַרבעטן דאָס געביט פון חסידות." (ה. ד. נאָמבערג — „י. ל. פּרץ", בוענאָס־איירעס 1946, ז"ז 68־69).

פון דעם קומט אַרויס, אַז בערדיטשעווסקי האָט פאַרטיפט פרצעס אינ־טערעס צו חסידות און צוגעגעבן אים מער נשמהדיקייט, מער קולט.

אָן אַנדערש מאָל האָט ה. ד. נאָמבערג באַרירט די פראַגע וועגן דעם חסידות־קולט און ער האָט געשריבן: „פרץ איז נישט דער באַשאַפער פון קולט פאַר חסידות, בשום אופן נישט. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיטן שטראָם, אַזוי ווי ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַלע שטראָמען, אויב זיי זיינען נאָר געווען מאָדערן, ניי און האָבן געהאַט גענוג גלאַנץ. דער ערשטער באַגרינדער פון דעם קולט פאַר חסידות איז ביי אונדז געווען מ. י. בערדיטשעווסקי, וואָס איז אָנגעקומען אין דער העברייאישער ליטעראַטור אַריין מיט דעם אויס־געשריי: „שינוי ערכין", וואָס דאָס איז געווען אַן איבערזעצונג פון ניטשעס „אומווערטונג פון אַלע ווערטן". אַלץ מוז אויף דאָס ניי איבערגעשאַפט ווערן... — — — דאָס מתנגדות איז געווען באַגרענעצקייט, פאָרמאַליזם, דאָס חסידות האָט פרעטענדירט צו זיין די שטים פון יחיד, די פערזענלעכ־קייט, די פרייהייט... — — —

„... פרץ האָט נאָך פאַר (אָט) דער צייט געשריבן פון חסידישן לעבן, אָבער אין די זאַכן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן ביז צו יענער צייט, ווערט די אידעאָלאָגישע זייט פון חסידות נישט אונטערגעשטראָכן, דער חסידישער שטייגער ווערט באַהאַנדלט ווי אַ זשאַנר, אַ ריין־קינסטלערישער מאָטיוו און מיט פול גוטן הומאָר." (ה. ד. נאָמבערג — „די רעוויזיע פון פרצעס שאַפן").

און ווייטער זאָגט ה. ד. נאָמבערג, וואָס איז אַליין ווייט געווען פון די חסידישע מאָטיוון, און וואָס דער קולט פאַר חסידות איז אים אפילו געווען פרעמד: „... פרצן האָט בערדיטשעווסקי מיט זיין נייער שטעלונג צו „חסי־דות" געטראָפן צום סאַמע האַרץ. האָט ער דאָך, דער דיכטער פרץ, אַזוי אוממיטלבאַר און אַזוי שטאַרק, פון זיין טיפער קינדהייט אָן, ווען ער האָט זיך געפרייט אויף דער גאַס און געהערט דאָס זינגען און טאַנצן פון די חסידים (זע פרצעס זכרונות וועגן זיך) געפילט די אינערלעכקייט, דעם לעבנס־אינ־האַלט, די גייסטיקע פולקייט און גאַנצקייט פון דעם חסידישן עולם. מיט רעכט האָט ער געטראַכט, אַז בערדיטשעווסקי האָט אים נאָר אַרויסגעכאַפּט די ווערטער פון מויל, האָט פאָרמולירט, וואָס ער האָט שוין לאַנג געזען. מיטן גאַנצן אימפעט פון אַן עלטערן מענטש, וואָס איז פאַרבליבן יונג און ייִנגליש, מיט דעם אימפעט פון אַ מענטש, וואָס אַנטלויפט זיין לעבן־לאַנג פון פאַר־צוויפלונג און פוסטקייט — כאַפּט ער זיך אָן אָן אין „חסידות" און עס איז אים באַשערט צו זיין דער פריידיקער פון חסידות ביי אונדז."

לויט ה. ד. נאָמבערגן „האָט ער, פרץ, (פון זיין ווענדן זיך צו די חסידות־מאָטיוון) גאָרנישט געוואונען, און פאַרלוירן האָט ער אַ סך". „אין די נייע חסידישע זאַכן, וואָס ער נעמט שרייבן מיט אַזאַרט און מיט אַ ברען, האָט ער

קודם־כל פאַרלירן דעם נאַטירלעכן הומאָר זיינעם, ער ווערט שטאַרק ערנסט... (דאָרט,ז״ז 108־109).

וועגן די באַריר־פּונקטן ביי פּרץ און בערדיטשעווסקי דערמאָנט בערל קאַצענעלסאָן אין זיין אַרטיקל „מיכה יוסף בערדיטשעווסקי״ (פאַרעפנט־לעכט צוערשט אין „די צייט״, ניו־יאָרק 1921, געשריבן דורך בערל קאַצע־נעלסאָן אין יידיש, איבערגעדרוקט אין ב. קאַצענעלסאָן שריפטן און רעדעס, ניו־יאָרק 1945, 429 ז״ז). ער שרייבט:

„דרייען זיינען זיי געווען, וואָס האָבן מיט אַ געבענטשטער האַנט אַריינ־געבראַכט דאָס חסידישע אין אונדזער נייער ליטעראַטור: בערדיטשעווסקי, פּרץ, יהודה שטיינבערג. כראָנאָלאָגיש איז בערדיטשעווסקי געווען דער ערשטער. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. וויכטיק איז עפּעס אַנדערש: בערדיטשעווסקי האָט נישט סטיליזירט, נישט איבערגעדיכטעט, אפילו נישט געמאָלן קיין „שטייגער״. ער איז אַליין געווען אַ שטיק חסידות, סאַמעראָדנע חסידות, פון דעם מקור אַליין. איינער פון די אמתע יורשים פון דעם בעל־שם...״ (ז׳ 424).

זע אויך דעם העברייאישן אַרטיקל פון בערל קאַצענעלסאָן אין „בחבלי אדם״, תל־אביב, תש״ה, געשריבן נאָך מ. י. בערדיטשעווסקיס טויט.

אברהם ביק אין זיין בוך „חסידות־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַ־טור״ (ניו־יאָרק 1944) זאָגט: „פּרץ האָט, ווי זיין בן־דור, דער העברייאישער שריפטשטעלער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, דערפילט נישט בלויז די פּאָעזיע פון חסידות, די שטימונג, נאָר ער האָט זיך געוואָלט דערגראָבן צו דעם קוואַל, פון וועלכן עס שטראָמט אַריין דער וועג פון חסידות אין דעם נייעם עטיש־וועלטלעכן זין.״ (ז׳ 38).

אויך אברהם ביק, אין זיין שטרעבן צו באַזינען פּרצעס און בערדי־טשעווסקיס חסידות, דערמאָנט יהודה שטיינבערגן, וועלכער „אונטערשיידט זיך פון פּרצן און בערדיטשעווסקין מיט דעם, וואָס אים האָט מיטגעריסן ניט די אידייע פון חסידיזם, נאָר דער חסיד אַליין, דאָס חסידישע לעבן. זיינע חסי־דישע העלדן זיינען נישט קיין אויסגעטראַכטע פאַרשוינען, וואָס רעדן חסידיש, וואָס דערציילן חסידישע מעשיות, נאָר מענטשן, וואָס לעבן אין דער אַטמאָס־פערע און אין דער סביבה, וואָס דער חסידיזם האָט געשאַפן״ (ז׳ 39).

וועגן פּרצן דעם חסידות־קינסטלער רעדט אויך דער העברייאישער קריי־טיקער מנחם ריבולוב: „פּרץ — שרייבט מ. ריבולוב — איז געווען דער קינס־טלער, וואָס האָט געפילט אַלע באַהאַלטענע באַוועגונגען פון דעם מענטשנס נשמה און ער האָט כסדר געלעבט אַ גייסטיקן לעבן, אַ לעבן פון שבת און יום־טוב. ער האָט געבענקט נאָך דעם שיינעם, דערהויבענעם, יום־טובדיקן...

— — — ער איז גרייט געווען חרוב צו מאַכן די גרויעווירקלעכקייט, דאָס וואָ־כעדיקייט, כדי צו קאָנען דערגרייכן צו די הויכקייטן פון שבתדיקער פרייקייט... דעריבער איז ער געגאַנגען צו חסידות. ער, דער וועלטלעכער, דער ווידער־שפּרעכנדיקער קינסטלער, דער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געמאָנט און גע־רופן איבערצושאַצן ווערטן, איז געווען פון די ערשטע צו אַנטפּלעקן דאָס ליכט פון חסידות און דורשטיק צופאַלן צו דעם. אין זיין „משנת חסידים", די סאַמע העלע און ליכטיקע „משנה" (לערע) פון זיין לעבן, האָט ער אַנטפּלעקט זיין אמתדיקן כוח... ווען ער איז געקומען צו די ברייטקייטן פון חסידות און פאָלקס־מעשיות, וואָס אין זיי איז פאַרקערפּערט גאָר די שיינקייט פון יידישן מהות, זיינען אים ווי אויסגעוואָקסן פליגל און ס'האָט זיך אויפגעעפנט פאַר אים דער קוואַל פון זיין שאַפן." („י. ל. פרץ וההסידות" אין זיין בוך „עם הכד אל המבוע", נ"י 1950, ז"ז 205־206).

מנשה אונגער אין זיין אַרטיקל „מקורים פון פרצעס פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן" („יידישע קולטור", 1945, נ' 3־4) שרייבט: „... פרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַליין געשעפּט פון חסידישן מקור. פרץ האָט דערפילט, אַז דורך דער פאָלקס־מעשה ווערט אַנטפּלעקט דער כאַראַקטער פון יידישן רע־ליגיעזן פאָלקס־לעבן (און קיין אַנדער יידיש לעבן בכלל איז דעמאָלט נישט געווען), פון דער יידישער וועלט־אַנשויאונג. אין דער חסידישער מעשה ווערט אָפּגעשפּיגלט די אינערלעכע שיינקייט פון דער חסידישער וועלט..." (ז' 55).

אויך שלום אַש און ב. עפּעלבוים האָבן אָפּטמאָל זיך גענומען צו חסידי־שער טעמאַטיק און האָבן אין פאַרשיידענע צייטן געשריבן חסידישע מעשיות, אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין.

אַזוי זעען אויס די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די צוויי טיף־אָריגי־נעלע קינסטלער־דענקער, פרץ און בערדיטשעווסקי, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אויף דער יידישער און העברייאישער ליטעראַטורן מיט זייערע זוכענישן, בלאָנדזשענישן און דערגרייכונגען. אין זייער דערנעענטערן זיך איינער צום אַנדערן און אין זייער דערווייטערן זיך האָבן מיר דעם אינטערע־סאַנטן אידייען־און וועלטן־געראַנגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער יידישער גייסטיקער וועלט די צוויי־דריי צענדליק יאָר פון זייער שאַפן און ווירקן.

י. ל. פרץ און חיים נחמן ביאַליק

1

וואָס זיינען געווען די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די צוויי גרויסע יידישע דיכטער און קאָלירפולע פערזענלעכקייטן — פרץ און ביאַליק? איז געווען צווישן זיי אַ פריינטשאַפט און אַ קרובהשאַפט, נישט געקוקט אויף די גאַנץ־באַזונדערע כאַראַקטערן און וועלט־איינשטעלונגען פון יעדן איינעם פון זיי? זיינען געווען אין משך פון יאָרן באַריר־פונקטן אין זייער שאַפן און אין זייערע טעטיקייטן? און ווי האָט יעדער איינער פון זיי אויפגעפאַסט און אָפּגעשאַצט די ווערק און דעם מהות פונעם צווייטן?

וועגן דעם אַלעמען איז ביז איצט כמעט נישט געשריבן געוואָרן. איך וויל איצט מאַכן דעם פּרוּוו אויפצוזאַמלען דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם פּראָבלעם פרץ־ביאַליק, ווי אויך מאַכן אייניקע אויספירן. איך זאָג אַפריער, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון אַן אַרבעט, וואָס דאַרף ווייטער פאָרגעזעצט ווערן. אינעם תל־אביבער ביאַליק־הויז, צווישן די נאָך נישט־באַאַרבעטע און סיסטעמאַטיזירטע פּאַפּירן, זיינען זיכער פאַראַן נאָך און נאָך דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וועלכע קאָנען וואַרפן מער ליכט און אַריינברענגען מער קלאָרקייט אין די באַציאונגען פון פרץ און ביאַליק.

פרץ און ביאַליק זיינען געווען און פאַרבליבן אין דער יידישער וועלט, אין דעם יידישן שאַפן אַנדערשדיקע. זיי זיינען אין תוך געווען גאַנץ־ווידערשפּרעכנדיקע מענטשן און קינסטלער. זיי האָבן פאַרנומען גאַנץ ווייטע פּאָליוסן אין אונדזער גייסטיקן לעבן. זיי זיינען געקומען פון גאָר־פאַרשיידענע סביבות, איינער — פון עכטער יידיש־פּוילישער וועלט, און דער צווייטער — פון טיפער יידיש־וואָלינישער, און מיט גאַנץ־פאַרשיידענע גייסטיקע לאַסטן און אוצרות. פרץ — מיט מער גייסטיקע ירושה, און ביאַליק— מיט מער מאַטעריעלן האָב און גאָב. ביי פרצן — מער ר ו ח, און ביי ביאַליקן — מער ח ו מ ר. אָבער דאָס זיינען אפשר מער־אויסערלעכע שטריכן און עלעמענטן אין זייערע וועזנס. וויילביידע זיינען זיי טיף פאַרוואָרצלט געווען אין דעם זאַפטיקן, שוואַרצערדיקן באָדן פון יידישער פאָלקסטימלי־

כער און גייסטיקער פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכן זיי ציען דערנאָך זאַפט און קראַפט פאַר זייערע יחידישע און פאָלקסטימלעכע שאַפונגען. דאָס מסתמא ציט זיי צו אַזוי שטאַרק איינער צום אַנדערן. פרץ איז געווען שטענדיק געטריבן פון ראַנגלדיקע און סתירותדיקע כוחות אין אים גופא, און ביאַליק איז געווען אַ מער־גאַנצע נאַטור און אַ גראַדליניקער אין זיין שאַפונגס־גאַנג. פרץ — אַ שטענדיקער אַנהויבער, וואָס האָט אין לויף פון אַלע יאָרן נישט אויפגעהערט צו זוכן, און דאָס זוכן האָט אים אָפט מער געריצט און באַפרידיקט ווי דאָס געפינען, און ביאַליק האָט גלייך פון אָנהויב אָנגעשלאָגן דעם ריכטיקן טאָן און איז אַזוי זיכער געגאַנגען אויפן ברייטן שליאַך פון זיין שאַפן. — זיי ביידע — און יעדער אויף זיין אופן און שטייגער — האָבן פאַרמאָגט אין זיך אין אַ גרויסער דאָזע אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע כוחות און עלעמענטן, וואָס האָבן זיך כסדר געריסן צום אויסדרוק אין זיי־ערע ווערק, און אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע און טיף־יחידישע טענדענצן און מאָטיוון האָבן געקעמפט צווישן זיך און געשטרעבט צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין זייער שאַפן. פרץ האָט זיך מיט דער צייט מיט לייב און לעבן פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך, און ביאַליק — מיט דער העב־רייאישער. און עס איז געווען פיל מער ווי שפּראַך, עס זיינען געוואָרן אַנדערע איינשטעלונגען, וועלט־אַנשויאונגען. פרץ האָט זיך אַלץ געריסן אין דער ברייטער וועלט, האָט אַלץ פאַרלאַנגט אוניווערסאַליזם, געזען אין יידן וועלט־פאָלק, און ביאַליק — האָט זיך באמת אַלץ־מער און אַלץ ענגער זיך פאַרקניפּן און פאַרבינדן מיט יידישקייט, מיט יידישן עבר צוליב דעם יידישן עתיד.

אין ליכט און אין דעם גערעגל פון אָט־דעם געמיינזאַמען און סתירות־דיקן אין זיי האָבן זיך אָפט איינגעשטעלט ביי זיי נעענטערע באַציאונגען און עס זיינען אויך אויפגעקומען ווידעראַנאַנדן און קאָנפליקטן ביי זיי.

אָבער לאָמיר גיין כסדר און נישט פאַרלויפן דעם וועג.

ראשית כל — פרץ און ביאַליק זיינען געווען פון פאַרשיידענעם על־טער. ווען ביאַליק איז געבוירן געוואָרן (אין 1873), איז שוין פרץ אַלט גע־ווען 22 יאָר, ער האָט שוין געהאַלטן אין אויספורעמען זיך ווי אַ משכיל און העברייאישער שרייבער. ווען ביאַליק האָט דעביוטירט אין 1892 (אין ראַב־ניצקיס „פרדס") מיט זיין שיר „אל הציפור", האָט שוין פרץ געהאַלטן נאָך זיין „מאַניש" (1888) און איז שוין געווען גענוג באַוואוסט אין דער העבריי־אישער און יידישער ליטעראַטורן ווי אַ דיכטער, פּראָזאַאיקער און קריטי־קער, און אויך ווי אַן אַרויסגעבער פון גרויסע וואָגיקע זאַמלביכער. עס איז קיין ספק נישט, אַז דער יונגער ביאַליק, לכתחילה דער וואָלאָזשינער ישיבה־בחור, וואָס האָט אייפערזיכטיק נאָכגעפאָלגט נאָך דער העברייאישער און

יידישער ליטעראַטורן, האָט זיכער דעמאָלט געלייענט און מיט באַגייסטערונג אויפגענומען פּרצן און זיינע שאַפונגען, וואָס זיינען געווען גאָר אַ נייס מיט זייער אינהאַלט און פאָרם אין דער דעמאָלטיקער העברייאישער און יידישער שאַפונגס־וועלט. דערויף האָבן מיר, לײַדער, דערווײַל נישט קיין שום באַ־ווייזן און דאָקומענטן. אָבער צום גליק ווייסן מיר ווי פּרץ, דער שטענדיק־וואַכער און כסדר־דורשטיקער נאָך נייע טאַלאַנטן, האָט שוין ביי די ערשטע ביאַליקישע טריט אין דער העברייאישער ליטעראַטור גלייך תופס געווען און אָפּגעשאַצט דעם אָנפאַנגער ביאַליק, און איז געווען באַגייסטערט פון זיינע ערשטלינג־לידער און זיכער האָט ער אים געהאַט אויפן אויג די אַלע ווײַ־טערדיקע יאָרן.

דערויף האָבן מיר געננג אויטענטישע באַווייזן.

דעם ערשטן גרוס האָבן מיר אין אַ בריוו פון פּרצן צו י. ח. ראַבניצקי, געשריבן אין 1892, גלייך ווי עס איז אַרויס פון דרוק דער העברייאישער זאַמלבוך „פרדס“, וואו צווישן אַנדערן איז געווען געדרוקט ביאַליקס ערשט ליד „אל הציפור“. אין דעם בריוו צו י. ח. ראַבניצקי טרעט פּרץ שאַרף אַרויס קעגן די שירים, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין זאַמלבוך, און שטעלט אַוועק באַזונדער, ווי אַן אויסנאַם, „דעם גאַנצן שיר פון ביאַליקן“, וואָס געפעלט אים.

וועגן דעם שרייבט יעקב פיכמאַן (אין דער הקדמה צו ביאַליקס „כל כתבי ה. נ. ביאַליק“, תל־אביב, תש״ו), אַז „אפילו אַזאַ מענטש ווי פּרץ האָט דערפילט אין די פערזן אַ פרילינגס־לופט, און אַנטפּלעקט נייעס אין די דאָ־זיקע האַרציקע רירנדיקע לידער, וואָס עס זינגט אַרויס פון זיי יוגנט־טרוימען“.

וועגן די ווייטערדיקע שירים פון ביאַליקן (אין צווייטן „פרדס“, 1894) שרייבט פּרץ אין זיין רעצענזיע (אינעם העברייאישן זאַמלהעפט „החץ“) אַזוי: „די שירים „אל האגדה“, „אל הארי המת“ פון ח. נ. ביאַליק לייענט מען מיט אַ באַזונדער געפיל, ווייל זיי זיינען געשריבן מיט גאָטס גענאָד צום דיכטער. שוואַכער איז דער דריטער שיר „אליל הנוער“. אָבער צו וואָס האָט מען געדרוקט די „שירים“ פון יוסף הלוי און וואָס טוט דאָ דאָס מיסט פון יהל״ל אין „פרדס“ — פאַרשטיי איך נישט. איז עס בלויז צוליב דעם, כדי פאַנאַנדערשיידן צווישן פינצטערניש און ליכטיקייט, צווישן אַ דיכטער פון גאָטס־גענאָד ווי ביאַליק און די טרוקענע ביינער ווי יוסף הלוי און יהל״ל?“

אַז פּרץ האָט געשענקט אויפמערקזאַמקייט צו ביאַליקס שאַפן, זעען מיר פון אַ העברייאיש בריוול, וואָס פּרץ האָט געשיקט צו ביאַליקן פון וואַרשע אין 1902 (א׳ חוה״מ פסח). ער שרייבט: „פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס עס האָט מיר פאַרשאַפט אייער ליד „מתי מדבר“ („השלח“, ב, 9, 1902), דאַנק

איך אייך פון פולן האַרצן". און ער ענדיקט דאָס בריוול: „פאַרערער פון אייער גרויסן טאַלאַנט, י. ל. פרץ".

דעמזעלביקן טאָג שרייבט ער אַ העברייאישן בריוו צו י. ח. ראַבניצקין און גיט־צו צום סוף: „אַ שטאַרקן רושם האָט אויף מיר געמאַכט ביאַליקס שיר „מתי מדבר". באַוואונדערט מען עס אויך אין אָדעס?"

2

די באַקאַנטשאַפט צווישן פרץ און ביאַליק, וואָס גייט דערנאָך אַריבער אין אַן ענגערער פריינטשאַפט, הויבט זיך אָן זינט 1903־1904, ווען פרץ באַזוכט אָדעס און דערנאָך — ווען ביאַליק פאָרט אַריבער אויף איבער אַ יאָר צייט קיין וואַרשע, ווי דער מיטרעדאַקטאָר פון דעם „השלח". פון יענער צייט האָבן מיר שוין גענויערע מאַטעריאַלן, וואָס דערציילן אונדז מער וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון פרצן און ביאַליקן.

אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען (פון וואַרשע, דעם 14טן יאַנואַר, 1904) שרייבט ביאַליק: „פרץ האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע, וואָס וועט מרעיש עולם זיין, לויט זיין מיינונג, און דווקא אין העברייאיש. ער וועט פון איצט אָן — זאָגט ער — שרייבן זיינע בעסערע זאַכן אין העברייאיש. העברייאיש — איר הערט? אָבער דאָך ווייס איך נישט, צי ער וועט עס מיר געבן — ער איז אויף מיר ברוגז, ווייל איך האָב געהאַט די העזה אומצוקערן אַמאָל צו איינעם פון זיינע תלמידים אַ דערציילונג, וואָס יענער תלמיד האָט אָנגעשריבן. און ער, פרץ, האָט עס אַריינגענומען אין זיין זאַמלבוך..." („אגרות ביאַליק", ב׳ 1, ז׳ 203).

ווער אָט־דער „תלמיד" איז, זעען מיר אין דעם ווייטערדיקן בריוו פון ביאַליקן.

מען דאַרף דאָ, אגב, באַמערקן, אַז ח. נ. ביאַליק האָט דאָ אונטערגעכאַפּט דעם לייכטן טאָן אין איינקלאַנג מיט שלום־עליכמס באַציאונג צו פרצן אין יענער צייט.

אין אַ וואָך אַרום (אין אַ בריוו צו ש. בן־ציון פונעם 21טן יאַנואַר, 1904) שרייבט ביאַליק: „אין דעם 12טן העפט („השלח" 1903) קומט דער סוף פון פרצעס דראַמע (געמיינט, „חורבן בית־צדיק"—ערשטער וואַריאַנט פון „די גאָלדענע קייט"—נ.מ.). די לעצטע צוויי אַקטן זיינען זייער שיין, מען קאָן זאָגן — פּרעכטיק, דערהויבן. לייענט זיי אויפמערקזאַם. פרץ איז זייער רייך מיט דערהויבענע קינסטלערישע געדאַנקען. ער פאַרמאָגט אַ גרויסע נשמה. יענע וואָך האָט ער מיר פאַרגעלייגט אַ פּלאַן פאַר אַ נייער דראַמע — פלאי פלאים!" („אגרות ביאַליק", ב׳ 1, ז׳ 206).

אינעם זעלבן בריוו דערציילט ווייטער ביאַליק ש. בן־ציונען וועגן

שלום אַש, און ער שרייבט: „... איין דראַמע זיינע האָבן מיר פאַרבראַקירט, הגם, פּרץ האָט זי אָנגענומען פאַר זיין זשאַרגאָנישן זאַמלבוך... פּרץ איז אויף מיר אין כּעס, וואָס איך האָב געפּסלט אַ זאַך, וואָס אים איז עס וואויל־געפעלן, אָבער איך הער אים נישט”. ביאַליק גיט צו: „זייער מעגלעך, אַז פּרץ וועט עס פאַרריכטן, ענדערן, צוגעבן און וועט פון דער דראַמע מאַכן אַ לייט...”

פון אַ בריוו, וואָס ביאַליק האָט געשיקט צו מ. י. בערדיטשעווסקין (וואַרשע, 30טן יאַנואַר, 1904), דערוויסן מיר זיך, אַז ער, ביאַליק, און פּרץ האָבן פאַרגענומען „אַרויסצוגעבן אַ קליינעם בונטאַרישן זאַמלבוך. אַ מין קליינע בימה פאַר „עבודה זרה”, לויט דעם אַמאָליקן פּרצישן מוסטער פון „החץ”. זיין אויפגאַבע (אויב ער האָט אַן אויפגאַבע?): א) אַן אָנגריף קעגן דער פאַרפוילטקייט און ענג־האַרציקייט, וואָס הערשט אין אונדזער ליטע־ראַטור; ב) פאַרעפנטלעכן „נייע” זאַכן, וואָס דער מאָגן פון אונדזער ליטע־ראַטור קאָן זיי נישט פאַרדייען”. ביאַליק לייגט פאָר, אַז בערדיטשעווסקי זאָל לאָזן דרוקן זיין דערציילונג אינעם געפּלאַנטן זאַמלבוך.

ווען פּרץ האָט פּסח 1904 באַזוכט אָדעס, האָבן די אָדעסער העברייאישע און יידישע שרייבער אָרגאַניזירט לכבוד אים אַ באַנקעט אויף וועלכן עס זיינען געווען מענדעלע מו״ס, אחד־העם און אַזוי ערך העברייאישע שריי־בער. דער פאָרזיצער איז געווען אחד־העם. אויף דעם באַנקעט האָט ח. נ. ביאַליק געהאַלטן אַ רעדע, וואָס „האָט אויפגעשטירעט אַלע אַנוועזנדיקע”. אַזוי דערציילט דירעקט אַבראַמאָוויטש אין זיינע זכרונות „י. ל. פּרץ אין קריי פון די אָדעסער יידישע וואָרט־פירער” („פרייע אַרבעטער שטימע” דעם 15טן פעברואַר, 1946). ער שרייבט צווישן אַנדערן: „גערעדט האָט ח. נ. ביאַליק כמעט אויף אַ ביבלישן העברייאיש, אָנווייזנדיק אויף די עטישע טענדענצן און די מענטשלעכע ווערטן פון פּרצעס חסידישע מעשיות און סקיצן...” אָפּשטעלנדיק זיך אויף די חסידישע מאָטיוון אין פּרצעס שאַפונג האָט ח. נ. ביאַליק „געפונען אין זיי אַ ניצוץ פון אלהות (גאָטדייט). אונדזערע חכמים האָבן געשאַפן דריי מאָנומענטן: הלכה, אגדה און קבלה. מיר האָבן זיי אויך אין דער מאָדערנער יידיש־העברייאישער ליטעראַטור... מיר האָבן זיי אפילו דאָ, ביי אונדז, צווישן אונדז איצט... אָט איז הלכה (אחד־העם), אָט איז אגדה (מענדעלע) און אָט איז קבלה (פּרץ)... קבלה עפנט פאַר אונדז ווייטע אין־סוף־וועלטן...” ה. אַבראַמאָוויטש דערציילט, אַז נאָכן באַנקעט האָט מען איבערגעגעבן פּרצן אַן אַלבאָם פון י. לעוויטאַנס לאַנדשאַפטן, און ח. נ. ביאַליק, האָט אין נאָמען פון דער יוגנט, וואָס האָט געבראַכט די מתנה, געזאָגט צו פּרצן: „אין יעדן לעוויטאַנס בילד זעען מיר דעם אומעט און צער פון אַ יידישער נשמה אין גלות, וואָס פלאַטערט אין

בענקשאַפט נאָך אַ יידישן תיקון. נאָר דער גאָר גרויסער יידישער טאַלענט לעוויטאַנס איז פאַרבליבן ביי אַנדערע, ביי פרעמדע. ער איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע ר ו ס י ש ע קינסטלער... מיר שענקען די קאַפּיעס פון לעוויטאַנס געניאַלע ווערק צו אַן אַנדערן גרויסן טאַלאַנט, וואָס איז צום גליק געבליבן ביי אונדז, מיט אונדז..."

ש. שנייפאַל, אין זיינע זכרונות וועגן פרצעס באַזוך אין אָדעס, דערציילט אויך, אַז „ביאַליק האָט געהאַלטן אַ שאַרפזיניקע רעדע. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט: דאָ ביים טיש זיצן הלכה — אחד־העם, אגדה — מענדעלע און קבלה — פרץ. הלכה און אגדה — האָט געזאָגט ביאַליק — איז באַגרעניצט אין אָרט און אין צייט, אָבער קבלה עפנט אונדז אַ טויער אַריינצוקוקן אין דעם אין־סוף..." („יידישע קולטור", יאַנואַר, 1951, ז' 6).

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז פסח 1904 האָט י. ל. פרץ זיין דערציילונג „ס'איז גוט" (דערציילט פון אַ געוועזענעם קאַנטאָניסט) געווידמעט ביאַליקן. (געדרוקט אינעם פסח־נומער „דער פריינד", וואַרשע). עס ווייזט די פריינדשאַפטלעכע באַציאונג פון פרצן צו ביאַליקן.

„פרץ האָט שטאַרק ליב געהאַט ביאַליקן, — דערציילט א. מוקדוני (אין זיין בוך „י. ל. פרץ און דאָס יידישע טעאַטער", נ"י, 1949). — ווען ביאַליק איז געווען אַמאָל אין וואַרשע פלעגט ער כסדר זיין ביי פרצן און נישט ביי דוד פרישמאַנען, וועלכער האָט על פי שכל אים באַדאַרפט זיין נעענטער. פרץ האָט געהאַלטן, אַז ביאַליק איז דער יידישסטער דיכטער" (ז' 47).

ח. נ. ביאַליק האָט, ווי באַוואוסט, געלעבט אין וואַרשע, אין דער נאָענטשאַפט פון פרצן, איבער אַ יאָר צייט, דעצעמבער 1903 — פעברואַר 1905. ער איז דאַן אַלט געווען קוים 30 יאָר, און נאָך דעם שטרענגן, תלמיד־חכמישן אָדעס, נאָך דעם לעבן אין דער סביבה און אין שאָטן פון דעם קאַפּריזנעם „זיידן" און דעם שטרענגן אחד־העם, איז וואַרשע מיט פרצן אין דעם צענטער געווען פאַר אים אַן אָפּפרישונג. וועגן אָט דער צייט האָבן מיר פיינע פאַרצייכענישן פון יעקב פיכמאַן אין זיין העברייאישן בוך „שירת ביאַליק" (ירושלים 1946). ח. נ. ביאַליק האָט באַוויזן אין אַ געוויסן זינען פאַראייניקן די וואַרשעווער שרייבער, וואָס פלעגן זיך אָפט טרעפן אין זיין צימער. י. פיכמאַן שילדערט ווי בעל־מחשבות, אָט „דער ראַפינירטער אינטעליגענט מיטן מידן „האַמלעט"־בליק אין זיינע אויגן, האָט זיך געטיילט מיט זיינע מאָדערנע מיינונגען וועגן דער ליטעראַטור, — די מיינונגען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון מערב־איראָפּע. ביאַליק האָט זיך צוגעהערט זייער ערנסט צו בעל־מחשבותס רייד, ווען ה. ד. נאָמבערג האָט אים אָפּגעקילט מיט זיין קלוגן שמייכל. פרץ פלעגט זיך פאַנאַנדערפלאַקערן און גלייך אויסגעלאָשן

ווערן. פאַרבייגייענדיק פלעגט פרץ זיך וואַרפן מיט פּאַראַדאָקסן און כסדר אָנגעצונדן פּראָבלעמען ווי מען צינדט אָן סיגאַרעטן". (ז' 338).

ווי פיכמאַן דערציילט, איז ביאַליק געווען שטאַרק באַליבט ביי די וואַרשעווער שרייבער. „פּרץ האָט אים געקעכלט און געצערטלט". און פיכמאַן באַטאָנט, אַז „ביאַליק איז צוריקגעקומען פון וואַרשע קיין אָדעס אַ מער־אייראָפּייִשער, אַ מער־מאָדערנער". וואַרשע האָט אויף אים גוט געווירקט און „האָט אים אַ קער געטאָן צו מעלאָדישקייט". (ביאַליק האָט דאָן געשריבן זיינע לידער „הכניסיני", „קומי צאי", די לידער, וואָס זיינען אַ פּרעליודע צו זיינע „שירי העם" — די פאָלקס־לידער). אָנשטאָט מענדעלען, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ שאַרף אויג, באַאָבאַכטונג, געשטאַלטיקונג, נאַטירלעכקייט, איז געקומען פּרץ און געמאָנט ריטם, קלאַנג, געזאַנג. אָדעס האָט געהאַלטן בעיקר פון אַלעגאָריע, לויטן נוסח פון דער השכלה; פּרץ האָט אויפגעפאַסט די וועלט ווי אַ סימבאָל, ווי אַן אַנטפּלעקונג". ווער ווייסט, — זאָגט פיכמאַן — צי ביאַליק וואָלט אָנגעשריבן זיין „מגילת־האש", זיין פייער־מגילה, ווען נישט די פונקען פון וואַרשע. אחד־העם האָט מיט זיין גראַד־ליניקייט געזאָגט: „איך פאַרשטיי נישט „מגילת־האש". און וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט ער נישט גורס געווען, האָט עס פאַר אים נישט עקזיסטירט. פאַר פּרצן אָבער איז מוזיק געווען פריער פאַר אַלץ, פריער פאַר דער שילדערונג, פאַר דעם געדאַנק אפילו. פּרץ האָט בכלל נישט געהאַלטן פון אַ געדאַנק, אויב ער איז נישט געַנוג מוזיקאַליש. אָט וואָס וואַרשע האָט געגעבן ביאַליקן: זי האָט אים גרייט געמאַכט צו פאַרפאַסן זיין פּאָעמע ,מגילת־האש'..." (ז"ז 343־344).

פיכמאַן גיט איבער אייניקע פּרטים וועגן אַ באַנקעט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר ביאַליקן אינעם הויז פון ז. גלוסקין, דער פאַרוואַלטער פונעם פאַרלאַג „אחיאסף". א. לודוויפּאָל (1863־1921) האָט גערעדט רוסיש, יוסף קלויזנער — העברייאיש, פּרץ — פויליש, און ביאַליק האָט גערעדט יידיש. י. פיכמאַן דערציילט: „פּרץ האָט אין זיין רעדע זיך אָפּגעשטעלט אויף ביאַליקן דעם פּלייסיקן קינסטלער, דעם טוער. ער האָט באַטאָנט די אינטענסיוויקייט פון זיין אַרבעט, אַ באַווייז אויף זיין ערנסקייט... ביאַליק איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ דערשלאָגענער, אַ לאַנגווייליקער. צום סוף, ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט צו באַדאַנקען די באַגריסער האָט ער פאַרלוירן זיין שטימע און אין אַ שלעכטן יידיש האָט ער געהאַלטן אַ זייער שוואַכע, שלעכטע רעדע. ער האָט דערביי פּראָטעסטירט וואָס מען פאַרגלייכט אים צו ר' יהודה הלוי און וואָס מען מאָנט ביי אים דורכאויס ציון־לידער. ער שרייבט — האָט ביאַליק געזאָגט — בלויז וואָס ער פילט און וואָס עס שטויסט אים צו שרייבן. צום סוף האָט ער זיך פלו־

צים אַוועקגעזעצט און צוגעגעבן אויף רוסיש: „יאַ קאַנטשיל!" — איך האָב געענדיקט." (ז' 345).

אין וואַרשע טרעפן זיך פרץ און ביאַליק אָפּט, און אין די בריוו, וואָס ער שרייבט צו זיינע פריינט ראַבניצקי און ש. בן־ציון (אַפּריל־יוני 1904), בעט ביאַליק כסדר צו שיקן אים די בריוו און פּעקלעך אויף פּרצעס אַד־רעס. מיט דעם אַדרעס איז ער זיכערער ווי מיטן אַדרעס פון „אחיאסף", וואו ער אַרבעט. מאַי 1904 שרייבט ביאַליק קיין אָדעס וועגן אַ יובל־קאָמיטעט פאַר מענדעלע מוכר ספרים, און ער גיט איבער, אַז „איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט פּרצן, און ער — ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט. ער איז גרייט זיך באַטייליקן אין דער זאַך און גרינדן דאָ אַן אָפּטיילונג פונעם קאָמיטעט". (ב' ז' 241).

אין אַ צווייטן בריוו (פון דער זומער־וואוינונג מראַזי, 11טן יוני, 1904) האָט ביאַליק טענות צו ש. בן־ציון: „פאַרוואָס טוט איר גאָרנישט פאַר דעם זיידנס יובילײ? ווילט איר, אַז וואַרשע זאָל אייך פאַרלויפן דעם וועג?... פּרץ האָט שוין געוואָלט רופן די ערשטע פאַרזאַמלונג און דרוקן צירקו־לאַרן, אָבער איך האָב אים אָפּגעהאַלטן..." (ב' 1, ז' 255).

3

ביאַליק פאַרלאָזט וואַרשע און קומט צוריק קיין אָדעס. עס איז אין אָנהויב 1905, און אין אַ בריוו צו דר. י. קלויזנער (פונעם 20טן יאַנואַר) טיילט ער זיך מיט איינדרוקן וועגן אָדעס: „... אין אָדעס איז שלום ושלוה, שטיל און רואיק, נישטאָ קיין אַרויסגייער און נישטאָ קיין געוואַלדן און נישטאָ פּרץ! אוי, פּרץ, פּרץ! וואָס טוט ער אין דער דאָזיקער צייט פון כאַאָס און מישמאַש? וואָס טוט דער גרויסער אָדלער אין דער שטורעמ־קער צייט?" און דער בריוו ווערט געענדיקט: „... און גיט איבער אַ גרוס פּרצן און פּרצעס פרוי, און זאָגט פּרצן, אַז — אָבער איך וויל נישט זאָגן וואָס..." (ב' 1, ז' 281).

אין די אַלע ווייטערדיקע בריוו צו קלויזנערן פון אָדעס בעט ביאַליק כסדר גריסן פּרצן. —

אין אַ צווייטן אָרט, אין זיין אַרטיקל „יצירת ביאַליק", וואָס קומט ווי אַ פאָרוואָרט צו דער פולער ביאַליק־אויסגאַבע („כל כתבי ח. נ. ביאַליק", תל־אביב, תש"ז, 1947) באַטאָנט יעקב פיכמאַן, אַז ביאַליקס לעבן אין וואַרשע אַ יאָר צייט האָט אָן ספק געווירקט אויף אים צום גוטן, פאַרברייטערט זיין קוק און פאַרנעם. „ווען ער האָט זיך פרילינג 1905 צוריקגעקערט פון וואַרשע קיין אָדעס האָט ער אָנערקענט אַט־די ענדערונג. וואַרשע האָט אים אַרויסגעע־שלעפּט פונעם קרייז, וואָס אָדעס האָט אים אָנגעצייכנט און אַרומגעצירקלט,

אים אױפֿגענומען פֿונעם באַגרענעצטן רעאַליזם. װאָרשע האָט אים גרייט געמאַכט פֿאַר די צװײ גרױסע שאַפֿונגען „הברכה" (די סאַזשעלקע) און „מגילת האש" (פֿײַער־מגילה), עס איז געקומען אַ שטאַרקער קער צו „סימבאָ־ליזם" (ז' 28).

דר. י. קלױזנער (אין זײַן אױטאָביאָגראַפֿישן בוך „דרכי לקראת התחיה והגאולה", תל־אביב, 1946) שרײַבט, אַז ביאַליק פֿלעגט זאָגן אױף פּרצן, אַז „ער איז אַ גרױסער מענטש". אין דעמזעלבן בוך דערציילט דר. י. קלױזנער זײער אױספֿירלעך װעגן נאָך אַ מעשה, װאָס איז װײניק באַ־קאַנט און װאָס האָט אַן ענגע שייכות צו די פּרץ־ביאַליק־באַציאונגען. אין חודש אייר, 1903, האָט ביאַליק, גלײַך װי ער איז געקומען פֿון קעשע־נעװ, אָנגעשריבן זײַן ערשטן װײ־געשרײ, זײַן שיר „על השחיטה", װאָס ס'איז געװען שװער צו גלױבן, אַז די צאַרישע צענזור זאָל עס דערלױבן אָפּצודרוקן. פּרץ, װי אַ מיטאַרבעטער פֿון דעם העברעיִשן „הצופה", האָט געפּרוּװט אָפּנאַרן דעם צענזאָר, ער האָט איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פֿונעם שטאַרקן שיר (װאָס איז אַרומגעגאַנגען אין קאָפּיעס) און צוגעגעבן, אַז דאָס איז דאָס עלפֿטע ליד פֿון „העברעיִשע מעלאָדיעס", געשריבן פֿון בײַראָן, װאָס איז ערשט געפֿינען געװאָרן אין דער אָקספֿאָרדער ביבליאָטעק. און פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט אָט דעם „געזאַנג צו טיטוסן"... דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט דוד פֿרישמאַנען צו מאַכן נאָך אַן אומגעלומפּערטן אָנפֿאַל אױף פּרצן, װאָס האָט שטאַרק אױפֿגעבראַכט די ליטעראַרישע װעלט" (זע געניער דר. י. קלױזנער — ז"ז 114־118).

אױסער דעם פֿריער־דערמאָנטן בריװ פֿון פּרצן צו ביאַליקן (פֿון 1902), האָט פּרץ געשריבן נאָך אײניקע בריװ צו ביאַליקן (זײ זײַנען פֿאַר־עפֿנטלעכט אין אַ ייִדישער איבערזעצונג אין „בריװ און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ", ז"ז 221־227). צי דאָס זײַנען אַלע בריװ, אָדער בלױז אַ טייל, איז שװער צו זאָגן.

צװישן אַנדערן דערציילן אונדז אײניקע שטעלן אין די בריװ װעגן דעם סכסוך אָדער אָנגעצױגענע באַציאונגען, װאָס האָבן זיך געשאַפֿן צװישן פּרצן און ביאַליקן אין פֿאַרבינדונג מיט דער איבערזעצונג, װאָס פּרץ האָט געמאַכט פֿון ביאַליקס העברעיִשער פּאָעמע „משא נמירוב" און פֿאַרעפֿנט־לעכט עס אין ייִדיש אין װאַרשעװער „דער װעג". מיר װעלן ברענגען אױס־צוגן פֿון פּרצעס בריװ צו ביאַליקן, װאָס װעט אױפֿקלערן פּרצעס שטעלונג און האַלטונג אין דעם ענין, װאָס אײניקע שרײַבער אין יענער צײַט האָבן געװאָלט אים פֿאַנאַנדערבלאָזן אין אַ ליטעראַרישן סקאַנדאַל.

זײַן בריװ פֿון 31טן יאַנואַר 1906 הױבט פּרץ אָן דערמיט, אַז ער איז געװען אין כעס אױף ביאַליקן, פֿאַרװאָס ער שרײַבט נישט, אָבער „איצט

האָב איך דערהערט אייער שטימע, איז מיין כעס פאַריבער". און פרץ שרייבט ווייטער, אַז ער האָט „מקצר געווען די איבערזעצונג" (פון „משא נמירוב"), „ווייל דער אונטערשייד צווישן מיר און אייך איז זייער גרויס. איר אַרבעט מיט אייזערנע שטאַנגען און איך — מיט קרישלדיקן שטיין. די נביאישע שפּראַך אַליין, די שטאַרקע און שטייפע, ראַטעוועט אויך די שוואַכערע ער־טער: דאָס וואָס אונדזער מאַמע־לשון קאָן עס נישט באַווייזן און וועט עס קיינמאָל נישט באַוויזן. כדי צו ווערן הארט ווי אַ פעלז, דאַרף מען שטאַרבן". דערנאָך רעדט פרץ וועגן אַ טעות, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער איבערזעצונג, און פאַרענטפערט זיך דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אַן אַרויסהעלפער, וועמען ער האָט נישט קאָנטראָלירט... אינעם בריוו גיט צו פרץ: „פאַראַן מאָמענטן, ווען דאָס לעבן איז מיר זייער שווער. אומעטיק, טרויעריק, „און נישטאָ וועמען די האַנט צו דערלאַנגען..."

אַזוי שאַרף כאַראַקטעריזירט פרץ זיין און ביאַליקס שרייבן!

לאָמיר געדענקען, אַז פרץ איז דאַן אַלט געווען 54 יאָר און ביאַליק קוים 33, — פרץ איז שוין געווען אויף די העכסטע שטאַפּלען פון זיין שאַפן און באַרימטקייט, און דאָך האָט ער מיט אַזאַ אייפער איבערגעזעצט די פּאָ־עמע פון ביאַליקן, הגם פון פאַרשיידענע זייטן און מצד ביאַליקן גופא זיינען געקומען טענות און פאַרוואורפן. פרץ ווערט נישט נתפעל און ער האַלט זיך ביי זיינס, ער האָט אַ פאַרענטפערונג. ער שרייבט צו ביאַליקן („בריוו און רעדעס", ז' 224): „צו וואָס האָב איך איבערגעזעצט אייערע לידער? „איך וויל — זאָגט ער — דערגאַנצן דאָס וואָס איר טוט נישט, איך וויל אייך דער־לאַנגען צו וועמען איר געהערט". פרץ פילט די אחריות פאַר ביאַליקן, און ער וויל מאַכן באַקאַנט זיינע שאַפונגען די יידישע מאַסן, וואָס לייענען נישט קיין העברייאיש. פרץ שרייבט ווייטער: „דער משוגענער נביא — ווי עליאַשעוו רופט אייך — וואָס רעדט אין אַ קליין בית־המדרשל און נישט אויפן מאַרק פאַר דעם פאָלק — איז זיין סוף אומעט". און פרץ רופט צו ביאַליקן: „וואַכט אויף און גייט אַרויס צום פאָלק. נישט די שפּראַך איז דער עיקר, נאָר דער לעבעדיקער מענטש, וואָס רעדט אויף דער שפּראַך. און איך חזר איבער נאָך אַמאָל מיינע רייד: „איר זייט געפאַנגען דורך לעבע־דיקע מתים".

און ווידער אַמאָל חזרט איבער פרץ, אַז ער זעצט איבער ביאַליקס באַרימטע פּאָעמע „מגילת האש", און ער גיט צו: „איך בעט ביי אייך נישט קיין דערלויבעניש, ווייל איך גלויב נישט אין די מאָראַלישע רעכט פון אַ שרייבער אויף איבערזעצונג".

פרץ קלאָגט זיך, אַז ער האָט אין וואַרשע קיינעם נישט, פאַר וועמען פאַרצולייענען זיינע נייע זאַכן. ער רעכנט אויס פרישמאַנען, בעל־מחשבותן,

פּרילוצקין — דעם פֿאָטער און זון, — און ער בעט זיך ביי ביאַליקן: „קומט קיין וואַרשע, קומט צו מיר אויף אַ וואָך".

פון גרויס אינטערעס איז אַ שטעלע אין די זכרונות פון אברהם רייזען וועגן פּרצעס באַציאונג צו ביאַליקס פּאָגראָם־לידער. אברהם רייזען שרייבט: „... פּרץ האָט אַליין, ווי מיר דאַכט זיך, אויף די דעמאָלטסדיקע פּאָגראָמען מיט קיין וואָרט נישט רעאַגירט. ער, וואָס איז דאַן געווען שטאַרק מיטגעריסן מיט ביאַליקס שירים בכלל און פון זיין „משא נמירוב" בפרט, — האָט אום צו שטילן זיין צער און צאָרן, איבערגעזעצט אָדער בעסער — איבערגעדיכטעט אין פרייע פערזן די דאָזיקע באַרימטע פּאָעמע און זי אין פאָרזעצונגען פאַר־עפנטלעכט אין די וועכנטלעכע ביילאַגעס פון „וועג". אויף דער דאָזיקער איבערדיכטונג פון „משא נמירוב" האָט ער פיל געאַרבעט, מיט פלייס און מיט גרויס באַגייסטערונג, ווי ער וואָלט זי אויף דאָס ניי געשאַפן."

און א. רייזען גיט צו: „איך האָב זיך דאַן אין דער שטיל שטאַרק גע־וואונדערט, וואָס דער גרויסער פּרץ קאָן מיט אַזאַ עניוות, שיר נישט מיט גע־פאַלנקייט רעדן וועגן אַ ווערק פון אַ יינגערן און אפשר אַ קלענערן פון זיך, אויב נישט אַלס דיכטער, איז אַלס פערזענלעכקייט. און גערעדט האָט ער וועגן „משא נמירוב" מיט גרויס התפעלות" (א. רייזען — „צוויי מאָמענטן מיט י. ל. פּרץ", אין דער זאַמלונג „י. ל. פּרץ אין ליכט פון יידישער קריטיק", ווילנע 1940, ז"ז 73).

ווי ח. נ. ביאַליק האָט זיך באַצויגן צו דער פּרצישער איבערזעצונג פון זיין פּאָעמע, ווייזן מיר פון אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן (צו בן־עמי, דעם 23טן אַפּריל, 1906, ב' 2, ז' 17): „און איך דער זינדיקער און וואָס רעדט אָן אַנדערע צו זינדיקן, האָב גענומען שרייבן זשאַרגאָן. איך האָב איבערגעזעצט „משא נמירוב" אין יידיש און איך שיק אייך איין העפט. די שלעכטע איבערזעצונג פון פּרצן האָט מיך געטריבן דערצו".

י. ד. בערקאָוויטש דערציילט אין זיין אָפּהאַנדלונג „מיט דער משפחה פון שריפשטעלער" (שלום־עליכם־בוך, ז' 174): „איך געדענק, ווי אויפ־געבראַכט שלום עליכם איז געווען אויף פּרצן, למאי ער האָט שלעכט איבער־געזעצט אויף יידיש ביאַליקס „משא נמירוב". ,אַזוי קאַליע מאַכן בידים יענעמס אַ ווערק — האָט ער געזאָגט — קאָן מען נישט אַנדערש, סיידן מען האָט דערביי אַ בייזע כוונה'..." (ז' 175).

אַז אַזאַ בייזע כוונה איז נישט געווען ביי פּרצן און אין קיין פאַל נישט געקאָנט זיין, זעען מיר פון די אַלע פּרצישע בריוו צו ביאַליקן און פון זיין אויפריכטיקער טיפער פאַרערונג פון ביאַליקס טאַלאַנט און פון זיינע ווערק.

אַ פאַרגלייך צווישן פּרצן און ביאַליקן האָט אַמאָל געמאַכט דוד פרישׁ־

מאַן, וואָס האָט, ווי באַקאַנט, נישט אַדורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט נישט אָנ־צופאַלן אויף פּרצן. אין אַן אַרטיקל („צווישן צייטונגען און זשורנאַלן", שריפטן, ב' 3, ז' 96) רעדט פרישמאַן וועגן ח. נ. ביאַליקס אַ שיר אין „השלח", געווידמעט די פּאָגראָמען: „איך האָב — זאָגט פרישמאַן — אַזאַ האַרץ־צערייסנדן קרעכץ שוין לאַנג נישט געהערט, יעדעס וואָרט איז אַ קויל. און די שפּראַך איז אַזוי שיין, אַזוי געוואַלדיק, ווי נאָר ביאַליק פאַרשטייט זי צו שרייבן". פרישמאַן ברענגט אין פרייער יידישער איבערזעצונג אַ פּאָר שורות פונעם ליד און גיט צו: „מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז עס איז פאַ־ראַנען נאָך אַ צווייטער יידישער פּאָעט, איינער וואָס זיין שפּראַך איז שוין נישט אַזוי שיין און אַזוי געוואַלדיק, אָבער ער איז פאָרט אַ פּאָעט און אפילו זייער אַ באַרימטער, און דעם דאָזיקן פּאָעט טרעפט זיך אַלעמאָל אַן אומגליק, אַז וואָס ער שרייבט האָבן אַנדערע שוין געשריבן פאַר אים, אָדער אַנדערע שרייבן דאָס צוגליידך, אין איין צייט מיט אים. — ווי אַזוי דאָס מאַכט זיך אַזוי, דאָס נאַטירלעך איז פּראָסט מעשה־נסים. אין נומער 105 פון דער צייטונג „הצופה" לייענען מיר אַ שיר פון י. ל. פּרץ און מיר שטעלן זיך אָפּ ביי די דאָזיקע שורות... די שפּראַך איז, ווי געזאָגט, שוין נישט אַזוי שיין און געוואַלדיק ווי ביי ביאַליקן, אָבער דער געדאַנק איז פאָרט אינגאַנצן דער אייגענער און אויך דער גאַנצער אינהאַלט פונעם געדיכט. אַז צוויי פּאָעטן זאָלן ביידע זינגען גלאַט אַזוי, צופעליק, אויף איין שטייגער — דאָס, נאַטיר־לעך, איז פּראָסט אַ נס..."

וואָס אַזוינס איז דער שיר געווען, האָבן מיר געזען אַפריער פון דר. י. קלויזנערס דערציילונג. דר. י. קלויזנער טאַדלט שטאַרק ד. פרישמאַנען, ער איז פאַר אָט־דעם אָנפאַל און פאַר זיין בייזוויליקייט בנוגע צו פּרצן גע־בליבן ברוגז אויף פרישמאַנען אַלע יאָרן.

4

אַז פּרץ האָט געהאַט צו ח. נ. ביאַליק אַ זייער האַרציקע און פריינט־לעכע באַציאונג, זעען מיר פון פאַרשיידענע שטעלן אין זיינע בריוו. פּרץ אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט ביאַליקס מאַטעריעלן און גייסטיקן צו־שטאַנד, ער איז אָפנהאַרציק צו אים, ער דערלויבט זיך אים שאַרף אַריינ־זאָגן און גלייכצייטיק פּיעשטשעט ער זיך אָפּט פאַר אים. אין אייניקע בריוו מאָנט ער און זוכט אינטימע פריינטשאַפט פון ביאַליקן.

אין איינעם אַ בריוו טענהט פּרץ זיך אויס מיט ביאַליקן: „און וואָס שייך דעם אומעט — זאָגט איר, אַז איך בין אַ קעניג, און וואו איז מיין מי־ליטער?" און פּרץ שרייבט סאַרקאַסטיש: „אָבער ווער טראָגט די פאָן פאַר מיר? איינצלנע שעפּעלעך..." פּרץ האַלט פאַר נויטיק צו שטראָפן

ביאַליקן מיט שאַרפע ווערטער: „איר, מײַן ליבער, זײַט געפאַנגען נישט אין שפינוועבס־פאָדעם (אַן אַנדײַט אויף ביאַליקס אַ ליד! — נ. מ.), נאָר דורך אחד־העמען. איר האָט קיינמאָל נישט געדאַווענט אין אַ גרויסן בית־המדרש מיט די מאַסן, נאָר אין עפּעס אַ „מנין“ פון „בטלנים, מיוחסים און טרוימער פון נישט־שיינע און נישט־פיינע חלומות, — דערפאַר אָבער ,קליגעריש‘. — „דאָס קליגלען זיך — זעצט ווייטער פאָר פרץ — אין תוך פון דער נשמה אָן אַ לעבעדיק געפיל, דער שאָטן פון אַן אויסגעלערנטער דיסציפּלין, יינגלשע אַרבעט און אײַנוויקלען זיך אין אַ טלית און תפילין — דאָס איז אײַער אומגליק“.

אין אַן אַנדער בריוו קומען אַזעלכע רירנדיקע אינטימע שורות פון פרצן: „איר וואונדערט זיך, וואָס איך פרעג אײַך אײַער מיינונג וועגן מײַנע שאַפונגען? איר וועט זיך נאָך מער וואונדערן, ווען איך וועל אײַך פרעגן: זאָגט מיר, וואָס בין איך און ווער בין איך? איך בין אין שטענדיקן צווייפל. מ׳יר דוכט זיך, אַז איך טו עפּעס, אַז איך האָב אַ מאָראַלישן צוועק, אַז איך פאַרלאַנג אין נאָמען פון אָט־דעם מאָראַלישן צוועק, אָבער עס קומען אַנדערע און זאָגן מיר: „גאָרנישט מיט גאָרנישט! דו האָסט זיך אַליין ליב און דאָס אַלץ... דו ביסט אַ שלעכטער מענטש און פאַרשאַפסט יסורים אַנדערע. און דאָס זאָגן די, וועמען איך האָב ליב... און וואָס זאָגט איר? איר האָט געשריבן, אַז איך טייל צו פיל לויב און איך האַלט אין איין בויען, און זיי זאָגן, „איך גיב זיך אַליין ארויס“... „דו שרײַבסט גוט, נאָר דו אַליין — גיי צו אלדי רוחות“...“ פרץ פאַרענדיקט דעם בריוו אַ פאַר־צווייפלטער: „איך ווייס נישט, צי איר קאָנט פאַרשטיין מײַן גייסטיקן צו־שטאַנד. אויב יאָ — באַרואיקט מיך!“ און ער בעט זיך: „ענטפערט גלײַך, מיט דער צווייטער פּאָסט — און שרײַבט אַ סך“.

און אָט אַ פּאָר אויסצוגן פון דעם לעצטן פון די זעקס בריוו צו ביאַליקן (געשריבן אין 1906): „איר האָט נישט געענטפערט — שרײַבט פרץ — ווען איך האָב זיך געוויטיקט אין אײַער ענטפער, ווען איך האָב אַרויסגע־קוקט אויף אײַערע רייד. האָב איך אויך געשוויגן...“

פרץ שטעלט זיך אָפּ אויף דעם צושטאַנד אין דער וועלט נאָך די גע־שעענישן פון 1906: „מיר דוכט זיך, אַז עס איז געוועזן אויך אַ ליטעראַרי־שער פּאָגראָם, און מיר ליגן זיך יעדער איינער אין זײַן טונקעלער לאָך, געשליידערט דורך אַ שטאַרקער און גראָבער האַנט. איז מיך וואונדערט און איך ווער דערשראָקן, ווען איך פאַרנעם אַ קול פון אַ פרײַנט...“

דאָ קומען שאַרפע באַשולדיקונגס־רייד פון פרצן אויפן אַדרעס פון שרײַבער, וואָס זײַנען איצט — אַ פינף און פערציק יאָר שפּעטער — אויך אַקטועל: „אָנשטאָט זיך צו באַפעסטיקן, זיך אָרגאַניזירן און זיך שטעלן

אין דער שפּיץ פון אַ קולטור־נאַציאָנאַלער באַוועגונג, זיינען מיר צעשפּלי־טערט, יעדער איינער האָט זיך זיין טונקל ווינקעלע, זיין קרייזל... וואַרשע, ווילנע, אָדעס, — עס וועלן נאָך זיכער צוקומען בערדיטשעוו, קיעוו, א. אַז. וו.״ און פרץ ענדיקט דעם בריוו: „זאָל זיין אַזוי, אויב אַנדערש קאָן נישט זיין. אָבער איך פיל מיך ווי אַ יתום, דאָס פאָלק איז פאַרלאָזט, זיין ליטעראַטור — צעברעקלט... און די שולד איז אין אייך, אין מיר, אין מיינס גלייכנס, — משוגעים״.

צום באַדויערן וויסן מיר נישט, ווי ביאַליק האָט רעאַגירט אויף די אַלע כאַראַקטעריסטיקעס און פאַרוואורפן פון פרצן. אפשר קאָן מען אין דעם ביאַליק־אַרכיוו געפינען דאָקומענטן, וואָס זאָלן אונדז דערציילן וואָס ביאַליק האָט פרצן געענטפערט אויף אָט־די בריוו.

פרץ האָט כסדר געפאָדערט פון ביאַליקן און געמאָנט פון אים, ווייל ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין טאַלאַנט. וועגן דעם דערציילן אונדז אַ פּאָר שורהלעך פון פרצעס אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן, געשריבן אין זאַ־קאָפּאַנע, פון צווישן די באַרימטע זאַקאָפּאַנע־בערג. „צינד — שרייבט פרץ— גייען איבער די שניי־שפּיצן ווייסע, רירעוודיקע זילבער־וואָלקן. שניי און וואָלקן גיסן זיך צוזאַמען. ביאַליק, פאַרנדיק צוריק פון האַאַג, זאָל אָפּ־טרעטן אין קראַקוי, וועט ער אפשר קומען אַהער צו־גאַסט, אינטערעסאַנט צי ער וועט מער געניסן פון די פעלזן, ווי פון ים אין אָדעס...״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 218).

פרץ האַלט־אָן אַלץ ווייטער זיין אינטערעס און פאַרערונג פאַר ביאַליקן. ווען ער גרייט דעם זאַמלבוך „יידיש״ (אין 1909) פאַרלאַנגט ער פון ש. ניגערן אַן אַרטיקל איבער ביאַליקן. „עס וואָלט זייער וויכטיק געווען — שרייבט פרץ — פאַרן בוך, פאַרן עולם און בכלל פאַר גאָט און לייט״. און אין אַ צווייטן בריוו איז פרץ זייער צופרידן, וואָס דער ביאַליק אַרטיקל וועט זיין, זאָל זיין אפילו איינס און אַ האַלב בויגן, נאָר — אויף זיכער. וואָרען, פאַרפירט איר מ י ך פאַרפירט (איר) דעם כלל־ישראל״. און ווען דער אַרטיקל איז אָנגעקומען, באַדויערט פרץ, וואָס דער אַרטיקל „איז ווירקלעך פראַגמענטאַריש, נאָר — פאַרפאַלן. איך דרוק עס אַזוי, — פאַר יידישן לעזער וואָלט פיל בעסער געווען אַ לעבנס־בילד פון ביאַליקן״. („בריוו און רעדעס״, ז״ז 278־279).

מיר איז שוין אויסגעקומען צו דערציילן (אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן ח. נ. ביאַליק, „פאַרגייער און מיטצייטלער״, ז׳ 207) וועגן אַ שמועס וואָס מיר, בערגעלסאָן און איך, האָבן אַמאָל, אַרום 1911, געפירט אין קיעוו אויף אַ שפּאַציר מיט ח. נ. ביאַליק וועגן י. ל. פרץ. מיר האָבן גע־רעדט וועגן פרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, וואָס איז דאַן געווען

שטאַרק באַליבט און פאַרערט ביי דער יוגנט. ביאַליק האָט געוואוסט, אַז מיר פאַרהערלעכן פּרצן און אַז מיר זיינען באַגייסטערט פון זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן. האָט ער מיט אַ באַזונדערער הנאה אַ תל גע־מאַכט פון די פּרצישע פאָלקס־מעשיות און אין אַ לאַנגער רעדע דערוויזן, אַז פּרץ האָט גענומען עכטע, פּשוטע אוממיטלבאַרע פאָלקס־מעשיות און מיט זיין ראַפינירטן און געקינצלטן סטיל זיי אָוועקגעפּטרט, צוגענומען ביי זיי זייער פּשטות, זייער חן... מיר האָבן שפּעטער פאַרשטאַנען דאָס בכיוונדיקע שפּיל פון ביאַליקן. אים איז געפעלן געווען זיך צו רייצן מיט אונדז ווי מען רייצט זיך מיט קינדער, וואָס מען האָט ליב. דערנאָך האָט ער דעם שמועס פאַרדרייט און שוין גערעדט וועגן פּרצן און זיין שאַפן מיט באַגייסטערונג...

עס פליסן יאָר, און די אידייאישע אויסגעשטאַלטיקונג און קינסט־לערישע אויספורעמונג פון פּרצן און ביאַליקן גייט אַלץ ווייטער. פּרץ פאַרנעמט דאָס צענטראַלע אָרט אין דעם יידישן קולטור־קינסטלע־רישן שאַפן, ביאַליק ווערט אַלץ־מער אַריינגעצויגן אין דעם העברייאישן. עס וואַקסט די דיסטאַנץ צווישן זיי, צווישן זייערע שאַפונגס־וועלטן. אָבער דער אינטערעס פון איינעם צום צווייטן האַלט אָן אויך אויף ווייטער. ווען ח. נ. ביאַליק הויבט אָן זיין אַרויסגעבערישע טע־טיקייט, און גרינדעט (צוזאַמען מיט זיינע פריינט י. ח. ראַבניצקי און ש. בן־ציון) דעם „מוריה"־פאַרלאַג, ווענדט ער אָן פיל ענערגיע צו פאַר־עפנטלעכן פּרצעס ווערק אין אַ העברייאישער איבערזעצונג. ח. נ. ביאַ־ליק שרייבט אין אַ העברייאישן בריוו צו פּרצן (פון אַרום נאָוועמבער 1911): „מיין טייערער פּרץ, מיר שיקן אייך דערביי אָן אָוואַנס דריי הונדערט רובל, ווי מען האָט אָפּגעשמועסט. זייט אַזוי גוט שיקט אַ קבלה און גרייט צו באַצייטנס דעם מאַטעריאַל. אויב איר וועט צואיילן, וועלן מיר נאָך אפשר באַווייזן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן באַנד (די פאָלקסטימלעכע געשיכטן) ביז פּסח..."

פּרץ האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, אַנדערע שרייבער האָבן איבערגעזעצט אייניקע פון זיינע מעשיות און פּרץ האָט זיי קאָרעגירט, פאַרבעסערט, אָבער עס האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי שנעל צו רעאַלי־זירן פּרצעס און ביאַליקס טרוים. דער „מוריה"־פאַרלאַג האָט אַנאָנ־סירט צווישן אַנדערן פּרצעס ביכער, אָבער עס גייען יאָרן, און עס גיט זיך נישט איין אַרויסצולאָזן אפילו דעם ערשטן באַנד. אין עטלעכע יאָרן אַרום (יאַנואַר 1915) אין דער שווערער קריגס־צייט, שרייבט ח. נ. ביאַליק אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן, וואו ער אַפּעלירט צו אים מיטצוהעלפן אַרויסצוקריגן ביי פּרצן דעם מאַטעריאַל פאַרן ערשטן בוך. ביאַליק

שרייבט: „... אין דער איצטיקער שווערער שעה וואָלט כדאי געווען, אַז פּרץ זאָל תשובה טאָן און באַטראַכטן די אַלע אומאַנגענעמלעכקייטן וואָס ער האָט פאַרשאַפט דעם פאַרלאַג... אום גאָטס ווילן, אַזוי צי אַזוי, זאָל נעמען אַן עק צו דער גאַנצער זאַך". פּרצן זיינען נישט געפעלן געוואָרן די פרעמדע איבערזעצונגען, און ער האָט אַליין גענומען איבער־דיכטן זיי אויף העברייאיש און ביאַליק שרייבט: „און על פּי סוד וועל איך אייך זאָגן, אַז אַזוי איז בעסער און שענער פאַר אים, פאַר אונדז און פאַר דער וועלט. נויטיקט זיך דען פּרץ אין איבערזעצערס? און אויב מיר גיבן דאָך אויס אומזיסט געלט אויף איבערזעצונגען, וואָס זיינען נישט פייגלדיק, איז עס בלויז צוליב דעם, עס זאָל זיין אַ סטימולירנדיקער כּוח פאַר פּרצן, ער זאָל אַליין זיי אָנשרייבן, ווייל איך ווייס אין דעם זיין שוואַכקייט, אַז ער נויטיקט זיך אַפּט אין אַ זייטיקן וועקער... און אדרבא, איך וויל נישט קיין גוטע איבערזעצונגען. עס איז מיר בעסער אַ זאַך, געשריבן דורך פּרצן גופא מיט זיין נישט גאַר גלאַטן סטיל, איידער די אַלע בעסטע פרצישע איבערזעצונגען. מיר דוכט, אַז איר און אויך ער, זאָל לעבן, וועט מסכּים זיין, אַז מיר זיינען גערעכט". („אגרות ביאַליק", ב' 2, ז' 161).

5

אין עטלעכע חדשים אַרום, דעם 3טן אַפּריל 1915, שטאַרבט פּרץ פּלוצים. זיין טויט מאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן איינדרוק. אין אַ חודש אַרום, דעם 3טן מאַי, שרייבט ח. נ. ביאַליק צו יעקב דינעזאָן:

„ליבער און טייערער פריינט ר' יעקב דינעזאָן!

„פּרצעס טויט האָט עפּעס אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ מין „עלה בסערה"; זיין שאַפן איז דאָך געווען אַזוי, „ברכב אש וסוסי אש". שטורמיש איז ער דורכגעפלויגן אין זיין פייערדיקער מרכּבה, און בליצן זיינען געלאָפן אים פאַראויס און נאָך אים. מיר דוכט זיך, אַז ער וועט זיך נאָך נישט איין מאָל באַווייזן, און דווקא אַ גוטמוטיקער, פונקט ווי יענער אַלטער זיידע... ער איז דאָך, ווי יענער קנאי בן קנאי, נישט געשטאָרבן..."

אין דעם זעלביקן בריוו שרייבט ביאַליק: „איצט, ביי דער געלעגנהייט, חזר איך איבער: ווילט איר שאַפן לזכר פּרצן אַ דבר של קיימא, זאָלט איר נישט כאַפּן צו פיל מיט אַמאָל. נעמט נישט אויף זיך צו גרויסע אויפגאַבן. עס וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען. וואָס מען קאָן יאָ, און וואָס עס פּאַסט טאַקע פאַר פּרצעס נשמה, איז דאָס לויט מיין מיינונג, שאַפן אַ פאָנד פאַר קינדער־ליטעראַטור, און בפירוש אויף ביידע

שפּראַכן, אויף העברייאיש און יידיש. דערצו דאַרף מען נישט פיל געלט, מען קאָן דאָס אויספירן מיט זייער באַשיידענע מיטלען. געגוג אַוועלכע 5 טויזנט רובל. און, ווי געזאָגט שוין, בפירוש אויףביידע שפּראַכן. לאָזט נישט פאַרשלעפּן פרצן אין אַן ענג קלייזל אַריין. ער אַליין וואָלט דאָס נישט געקאָנט איבערטראָגן. דאָס איז מיין עצה בקיצור, און אַז וואויל וועט זיין דער זאַך, אויב איר וועט מיך פאָלגן". (זע „ליטעראַרישע בלעטער", 1931, נ' 17).

ביאַליק קערט זיך אום אינעם בריוו צו פרצעס העברייאישער אויס־גאַבע. ער בעט זיך ביי דינעזאָנען: „אפשר איז צווישן פרצעס כתבים געבליבן עפּעס נאָך אַ פּאָר פאָלקס־געשיכטן אויף העברייאיש — טאָ שיקט זיי צו. און אפשר זאָלן מיר מצרף זיין צו דעם „מפּי העם" אַביסל פון פרצעס העברייאישן „חסידות", — עס איז דאָך אויך „מפּי העם" — כדי עס זאָל זיך באַקומען אַן אַנשטענדיקער באַנד".

עס איז אינטערעסאַנט די שטעלע אין דער הספּד־רעדע, וואָס ח. נ. ביאַליק האָט געהאַלטן אין אָדעס, ניסן תרע"ז (1917), אין דער געזעל־שאַפט „חובבי שפת עבר" וועגן די שרייבער, וואָס זיינען געשטאָרבן די דריי יאָר 1914־1917, — וואו ער רעדט וועגן פּרצן: „... עס איז ליידיק געוואָרן דאָס אָרט פון פּרצן, אָט דער גרויסער בונטאַר אין אונדזער ליטע־ראַטור, וואָס אים זיינען געווען דערווידער די אויסגעטראָטענע וועגן, וועלכע זיינע געווען פאַר אים און אין זיין צייט, און ער האָט אויסגע־טראָטן פאַר זיך נייע שטעגן. און נישט איין וועג האָט ער פאַרמאָגט, נאָר א סך אָפענע וועגן און פאַרדרייטע שטעגן האָט ער אַלע זיינע יאָרן געזוכט. ער איז געווען דער פייערדיקער עלעמענט אין אונדזער ליטע־ראַטור. מיט אַ פייערדיק רייטוואָגן און פייערדיקע פערד איז ער ווי אַ שטורעם אַדורכגעריטן אין אונדזער ליטעראַטור און פונקען האָבן געבליצט הינטער אים. נישט אַלע מאָל האָבן די פונקען געוואַרעמט, אָבער שטענ־דיק האָבן זיי אָנגעצונדן פייערן אין די הערצער פון אַנדערע. און אַזוי איז פּרץ געווען איינער פון די, וואָס האָבן באַלעבט די קולטור. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ משכיל, ווי אַ ראַציאָנאַליסט, ווי אַ קינד פון דעם השכלה־פּעריאָד, אָבער ער האָט זיך דערביי נישט אָפּגעשטעלט, נאָר ער איז גע־גאַנגען אַלץ ווייטער און אַנטפּלעקט נייע האָריזאָנטן און פאַרשיידענע געביטן. און אין יעדן געביט, אין „חסידיזם", אין דער פאָלקסטימלע־כער געשיכטע, אין דער פּראָזאַאישער און דיכטערישער ליריק, איז ער געווען אַ באַנייער און האָט נישט געלאָזט אַנדערע צו בלייבן שטיין אויף זייערע ערטער..." (ח. נ. ביאַליק — „דברים שבעל פה", תל־אביב, 1935, ב' 2, ז' 182).

אין די ווייטערדיקע יאָרן, ווען ח. נ. ביאַליק אַנטוויקלט די אַרויס־געבערישע טעטיקייט אַפריער אין בערלין און דערנאָך אין תּל־אָביב, שענקט ער פיל אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע דער העברייאישער אויסגאַבע פון פּרצעס ווערק. ער גיט אַרויס איין באַנד און אַ צווייטן, שרייבט צו זיי די אַריינפירן. אין איינעם אַ בריוו (פון הומבורג, אַרום בערלין, פונעם 19טן יולי 1922) צו י. ח. ראַבניצקי רעדט ער וועגן די ווייטערדיקע בענד פון פּרצן, וואָס „מוריה" באַדאַרף אַרויסגעבן, אָבער די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן דערלויבן נישט צו דרוקן יעדע דריי חד־שים אַ באַנד, ווי די אַפּיטורופּסים פון פּרצן פאַרלאַנגען. און ביאַליק גיט צו: „אויב פּרץ זאָל אַרויספאַלן פון אונדזערע הענט, וואָלט עס מיר פאַרשאַפט גרויס צער". („אגרות ביאַליק", ב' 2, ז' 288).

א. ר. מלאכי, דער באַקאַנטער העברייאיש־יידישער פאָרשער, טיילט מיר מיט, אַז ווען ביאַליק איז געווען אין 1926 אין ניו־יאָרק, האָט ער, ביאַליק, „געשמועסט מיט אים וועגן יהודה לייב גאָרדאָן און זיינע קרי־טיקער, און איז איבערגעגאַנגען צו פּרצעס אַרטיקל „מה היה גורדון, בלשן או משורר?", וואָס האָט זיך געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין „הצפי־רה" (1877). ביאַליק האָט באַטאָנט, אַז דער אַרטיקל איז פון די בעסטע וואָס זיינען אין יענער צייט געשריבן וועגן י. ל. גאָרדאָן, און אויסגעדרוקט פאַרדרוס, וואָס פּרץ האָט אים נישט פאַרענדיקט. ער האָט אויך מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן פּרצעס לידער, וואָס זיינען געדרוקט גע־וואָרן אין „האסיף". ביאַליק האָט מיך צוגערעדט, איך זאָל צונויפשטעלן אַ ביבליאָגראַפיע פון פּרצעס העברייאישע שריפטן, וואָס זאָל אים באַ־הילפיק זיין צו געפינען מאַטעריאַל פאַר דער פּרץ־אויסגאַבע". די באַ־מיאונגען פון ביאַליקן, אַז די העברייאישע אויסגאַבע פון פּרצעס ווערק זאָל זיין וואָס פולער, זעען מיר אויך אין אַ בריוו געשריבן צו ד. פּערסקי (פון 28טן סעפּטעמבער 1928), וואו ער דערמאָנט פאַרשיידענע כּתבים פון פּרצן און שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף פּרצעס קריטישע אַרטיק־לען. ער דערמאָנט דעם אַרטיקל פון פּרצן וועגן י. ל. גאָרדאָן און גיט צו: „איר וועט טאָן אַ גרויסן חסד אונדז און פּרצעס נאָמען, אויב איר וועט צונויפשטעלן פאַר אונדז אַן אויספירלעכע ביבליאָגראַפיע פון פּרצעס קריטישע אַרטיקלען מיט זייערע קאַפּיטלעס..." (ב' 4, ז' 166).

אינטערעסאַנט איז דער בריוו פון ח. נ. ביאַליק צו מ. מ. אוסישקין (פון 10טן אַפּריל 1929) וואו ער ענטפערט אוסישקינען אויף זיינעם אַ בריוו. מ. אוסישקין האָט געהאַט טענות און געמאַכט פאָרוואורפן אין זיין בריוו מענדעלען און פּרצן פאַר זייער באַציאונג צו העברייאיש. און ח. נ. ביאַליק שרייבט: „זעט דעם אונטערשייד צווישן מיר און אייך.

איר שאַצט מענדעלען און פּרצן א״א לויט אייניקע זיפּעליקע פּראָזעס און אַרויסזאָגונגען, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין אַ ווערטל בעת אַ ספּע־ציעלן געמיט־צושטאַנד, און איר שטעלט פּעסט זייער באַציאונג צו העב־רייאיש, נישט נעמענדיק אין אַכט זייערע לעבנס־שאַפונגען. און איך, איך האָב אויך געהערט עפּעס פון דעם אַלעמען פון זיי גופא, אָבער קיינ־מאָל וועט מיר נישט אַרויף אויפן זינען אָפּצושאַצן זיי לויט אַט־די ווער־טער, און אפילו ווען זיי זיינען געזאָגט געוואָרן אויף אַן ערנסטן אופן, ווייל אין געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע פראַגן האָב איך זיך נישט איינגעהערט צו זיי, און מען דאַרף נישט אורטיילן אַ מענטשן און אוודאי אַ קינסטלער לויט זיינע רייד און אפילו נישט לויט זיינע אַבסטראַקטע מיינונגען און וועלט־איינשטעלונגען, נאָר דורך זיינע טאַטן און שאַפונ־גען.״ (ב׳ 4, ז׳ 247).

פיינע און רירנדיקע פּאַראַלעלן צווישן פּרצן און ביאַליקן, צווישן זייערע טעמפּעראַמענטן און בעיקר — צווישן זייערע באַציאונגען צו אַנדערע און דערהויפּט צו יונגע שרייבער, מאַכט פּרץ הירשביין אין זיין בוך זכרונות „אין גאַנג פון לעבן״ (ניו־יאָרק, 1948): „אויף אַ געוויסן אופן — שרייבט פּרץ הירשביין — איז ער, ביאַליק, געווען אין י. ל. פּרץ געראָטן. פונקט ווי פּרץ, אַזוי האָט אויך ביאַליק געשפּירט, אַז איין בוים איז נישט קיין וואַלד, און אַז איין שרייבער, ווי טאַלאַנטירט ער זאָל נישט זיין, איז ער נישט די ליטעראַטור. דעריבער וואו עס האָט זיך באַוויזן אַ יונגער טאַלאַנט, וואו נאָר עס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין העברייאיש, צי אין יידיש אַ טאַלאַנטירטע זאַך, האָט ער עס מיט גרויס שמחה אויפ־געכאַפּט...״ (ז׳ 225).

און אַט גאָר אַן אַנדערער, זייער אייגנאַרטיקער פּאַראַלעל צווישן פּרצן און ביאַליקן, וואָס עס האָט געמאַכט, פּאַרבייגייענדיק, אַ באַקאַנ־טער העברייאישער שרייבער. אשר בעראש אין זיין אינטערעסאַנטער אָפּ־האַנדלונג וועגן פּרצן, געשריבן נאָך פּרצעס טויט („הפּועל הצעיר״, יפו, יוני 1915) רעדט וועגן די דיכטער, וואָס שטעלן זיך קיינמאָל נישט אָפּ, ווערן גאַרנישט אַלט און וועלכע האַלטן אין איין ברויזן און זוכן און בלאָנדזשען אַלע זייערע יאָרן. „ביי אַט־די דיכטער — זאָגט א. בעראש —ענדערן זיך און בייטן זיך זייערע שאַפונגען, אַלע זייערע יאָרן זיינען זיי יונג און פריש און עס ליגט אויף זייערע ווערק אַ מין תמימות, נאַ־איוויקייט. צו אַט־דעם מין דיכטער געהערט פּרץ. אין דער צייט, וואָס ביאַליק האָט נאָך אין זיינע יונגע יאָרן געפרעגט: „ליבע, וואָס אַזוינס איז ליבע?״, האָט דער אַלטער פּרץ געשריבן ליבע־לידער, וואָס זייער

קלוגע תמימות און זייער לירישער ציטער דערמאָנען אָן היינעס ערשטע לידער״.

אין די בריוו פון ח. נ. ביאַליק צו פאַרשיידענע שרייבער קאָן מען געפינען נאָך און נאָך אַרויסזאָגונגען וועגן פרצן. מיר האָבן אויך אין די זכרונות וועגן ביאַליקן, וואָס עס האָבן געשריבן פאַרשיידענע שרייבער, שטעלן, וועלכע באַצייכענען ביאַליקס באַציאונג צו פרצן און צו זיינע ווערק. מען דאַרף דעם מאַטעריאַל נאָכזוכן און באַאַרבעטן. אָבער פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן געבראַכט, זעען מיר, וואָס פאַר אַ טיפע פאַרערונג עס איז געווען ביי יעדן איינעם פון זיי צום צווייטן, נישט גע־קוקט אויף די וועזנטלעכע און גרינטלעכע אונטערשיידן און גאָר־אַנ־דערשדיקע וועלט־איינשטעלונגען פון די צוויי גרויסע יידישע קינסטלער־פערזענלעכקייטן.

מערקווירדיק, ווי אַט־די צוויי, לחלוטין אַנדערשדיקע שרייבער זיינען אין תוך געווען אַלע זייערע יאָרן אַזוי נאָענט איינער מיטן אַנדערן און צוויי־טנוויז — אפילו אינטים־נאָענט!

י. ל. פרץ און יהואש

1

די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פּרצן און יהואש זיינען געווען פיל ענגער און ווירקנדיקער ווי מיר שטעלן זיך אויבנאויפיק פאָר.

פּרץ און יהואש זיינען אין פיל פּרטים געווען אַנדערשדיק סיי מיט זייערע נאַטורן, סיי מיט דער סביבה, וואו זיי האָבן געלעבט און געווירקט, און סיי לויט זייערע שאַפונגס־עלעמענטן און שאַפונגס־מעטאָדן. אָבער עס זיינען ביי זיי געווען פיל באַריר־פונקטן, וואָס האָט זיי געצויגן איינער צו דעם אַנדערן און מיטגעהאָלפן, אַז אָט־די קרובהשאַפט זאָל אָנהאַלטן לאַנגע יאָרן. און אפשר האָט גראָד אָט־די נאָענטקייט פון צייט צו צייט באַטאָנט די חלוקי־דעות און עס האָבן געקאָנט זיך דערוועקן פריינטלעכע טענות־מענות, בעיקר מצד פּרצן צו זיין קאָלעגע און תלמיד. אַ טיפע, אינטימע נאָענטקייט האָט זיך ביי זיי איינגעשטעלט פון דער ערשטער באַגעגעניש און אַנגעהאַלטן יאָרן און יאָרן, כאָטש די **פּערזענלעכע** באַקאַנטשאַפט האָט געדויערט אינגאַנצן אַ פּאָר חדשים אין יאָר 1890. יהואש, אַ יונגערמאַן פון קוים 20 יאָר, האָט פאַרלאָזט וואַרשע, רוסלאַנד, און זיך צעשיידט מיט פּרצן, וואָס איז געווען צוויי מאָל עלטער פון אים, אויף שטענדיק, אויף אייביק. אין די ווייטערדיקע יאָרן גייט יעדער איינער אויף זיין וועג, לעבט און לעבט זיך אויס גאָר פאַרשיידן, איינער אין וואַרשע, אין איראָפּע, דער צווייטער — אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. יעדער איינער פון זיי גייט זיך אויף זיין באַזונדערן שאַפערישן וועג, און דאָך טרעפן זיי זיך אָפט מיט זייערע טרוימען און וויזיעס, און זייערע וועגן קרייצן זיך כסדר, ביז אין סך־הכל ווערן זיי באַזונדערס טיף און ענג און אייגן פאַרבונדן צווישן זיך.

פּרץ און יהואש זיינען, יעדער איינער אויף זיין שטייגער, געווען טיף פאַרוואָרצלט אין יידישקייט, און דאָך האָבן זיי שטענדיק געזוכט אַלגעמיינע, אוניווערסאַלע מאָטיוון. זיי זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון היינען און זיך שטענדיק געקלאַמערט אָן דעם תנ״ך. ביידע זיינען זיי געווען טיף־ראַפינירטע פערזענלעכקייטן־דיכטער, תמיד גע־

שלאָגן פונקען פון אייגענע אינעווייניקסטע פעלזן, און די סאַמע אָב־יעקטיווע רעאַלקייטן פאַרסוביעקטיוויזירט, אַדורכגעלאָזט דורך אייגענע אינטעלעקטועל־געדאַנקלעכע פּריזמעס. זיי האָבן שטענדיק געזוכט אַלץ־נייעם ברען־שטאָף און יעדעס מאָל זיך אַליין באַנייט צוזאַמען מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן פון אים גענומען אויספורעמען נייע מייסטער־שטיק. ביידע זיינען זיי שטענדיק געווען פיל מער ווי בלויז קינסטלער, ביידע — בעיקר ד י כ ט ע ר. ווי פרץ האָט אַמאָל אַזוי שאַרף פאַנאַנ־דערגעשיידט און פאַנאַנדערגעטיילט די גרענעצן און ראַמען צווישן קינסטלער און דיכטער. אין זיינע טיפע, טרעפלעכע, שאַרפע באַטראַכ־טונגען איבער י. ל. פרץ, וואָס יהואש האָט אָנגעשריבן אין 1922 (געווען געדרוקט אין „טאָג”, 1922, איבערגעדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלע־טער” 1925 און אין „יידישע קולטור” 1945), האָבן מיר נישט בלויז די כאַראַקטעריסטיק פון פרצן, נאָר אויך די זעלבס־כאַראַקטעריסטיק, דעם גייסטיקן אויטאָפּאָרטרעט אויך פון יהואשן. און אויך ביז גאָר אויטאָ־פּאָרטרעטיש און אויטאָכאַראַקטעריסטיש זיינען די קריטישע פּאַרציי־כענישן פון יהואשן: „נאַטור־שילדערונגען אין דער יידישער ליטעראַ־טור” („צוקונפט”, 1912, ז״ז 133־137), וואו ער רעדט, דוכט זיך, וועגן פרצן, אָבער ער מיינט אויך זיך, יהואשן. אַזאַ טיף־וועזנטלעכע נאָענט־קייט איז געווען צווישן זייערע דיכטערישע פּערזענלעכקייטן. יאָ, דער צווישנאַנאַנד צווישן זיי איז אין תוך געווען פיל מער ווי דער ווידער־אַנאַנד.

יהואש *(יהואש־שלמה בלומגאַרטן)* איז געבוירן אין 1871 אין ווער־זשבאָלאָוו (ווירבאַלין), סואוואַלקער געגנט. ווי י. ל. פרץ, שטאַמט ער פון אַן אַלטער מיוחסדיקער משפחה. פון די יונגע יאָרן געלעבט אין למ־דנישע און משכילישע קרייזן, וואו תורה און השכלה זיינען אָפּט געגאַנ־גען האַנט און האַנט. און ווי פרץ, האָט יהואש פון די דערוואַקסענע יאָרן זיך אָנגעלייענט מיט ווערק פון אַנדערע שפּראַכן און ליטעראַטורן, און גענומען שרייבן לידער אין העברייאיש און יידיש. ווען ער איז שוין גע־ווען אַן אָנגעזעטיקטער מיט פּאַרצייטיקער יידישקייט און מיט היינטיקער אוניווערסאַלקייט.

אַדאַנק די פראַגמענטן פון בן־אביגדורס (ל. שאַלקאָוויטש, יהואשעס שוואָגער, 1866־1921) טאָג־בוך, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער העב־רייאישער „הצפירה” (וואַרשע 1917), האָבן מיר גאַנץ־גענויע פּרטים וועגן יהואשעס דעביוט אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס עס איז דורכאויס פאַרבונדן מיט פרצן. מיר ברענגען אייניקע אויסצוגן פונעם טאָג־בוך (לויט יצחק ריבקינדס אַרטיקל „יהואשעס ערשטע שריט”,

„מאָרגן־זשורנאַל״, 24טן יאַנואַר, 1937, צו יהואשעס 10טן יאָרצייט). בן־אביגדור איז געקומען קיין וואַרשע פּורים־צייט תרנ״א (1890) און בעת זיין ערשטן באַזוך ביי פּרצן האָט ער אים איבערגעגעבן אַ העפט מיט יהואשעס לידער, ער זאָל אויסקלייבן פון זיי פאַר דעם זאַמלבוך „די יידישע ביבליאָטעק״, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן ביים אַרויסגעבן. פּרץ האָט אָנגעהויבן לייענען דאָס ערשטע ליד אינעם העפט אויף אַ טעמע פון ציון, און ער פרעגט ביי בן־אביגדורן: „איז דער שרייבער געוועזן אין ארץ־ישראל?״ ווען בן־אביגדור זאָגט אים. אז „ניין״, פאַר־מאַכט פּרץ דאָס לידער־העפט און וויל מער נישט לייענען. בן־אביגדור לייגט אים פאַר צו לייענען אַ צווייט ליד. פּרץ לייענט דאָס ליד „ר׳ מתיא״, אַ תלמודישע לעגענדע, און „זיין פּנים ווערט גלייך פאַרענדערט, זיינע אויגן לויכטן. „גוט, גוט! — רופט פּרץ אויס מיט עקסטאַז — דאָס איז אַ דיכטער!״ און וואָס מער ער לייענט די לידער פון העפט, אַלץ מער וואַקסט ביי אים די באַגייסטערונג. פּרץ קלייבט אויס אייניקע פון יהואשעס לידער פאַר זיינע זאַמל־ביכער. פּרץ פרייט זיך, וואָס עס איז צוגעקומען אַ נייער טאַלאַנט און ער טיילט זיך מיט דער פרייד מיט זיינע פריינט, די יידישע שרייבער, און ער „זאָגט פאָראויס יהואשעס טאַלאַנט אַ גרויסע צוקונפט״.

אָט־די אָנערקענונג און „סמיכה״ פון פּרצן האָט זיכער געהאַט אַ געוואַלדיקע השפעה אויף דעם גאַר־יונגן יהואש, וואָס לעבט זיך דאַן אין זיין שטעטל.

יהואש קומט אינגיכן, אַ פּאָר טעג נאָך פּסח, 1890, קיין וואַרשע, וואו ער טרעפט זיך צום ערשטן מאָל מיט י. ל. פּרץ. ווי געזאָגט, איז פּרץ אַלט געוועזן באַלד 40 יאָר, און יהואש ערשט ביי 20. — „פּרץ נעמט אויף דעם נייעם גאַסט מיט וואַרעמקייט און פרייד״. ער פלעגט אים פאָרשטעלן פאַר זיינע פריינט: „אונדזער בייראָן״. אָט־די האַרציקע באַציאונג האָט יהואש געטראָגן אין זיך מיט דאַנקבאַרקייט לאַנגע צייטן...

פּרץ און יהואש פאַרברענגען אָפט ווי פריינט, ווי גלייכע חברים. זיי לייענען איינער דעם אַנדערן זייערע שאַפונגען, און יהואש, דער יונ־גער, דער אָנפאַנגער, מאַכט אָפטמאָל גאַנץ־שאַרפע באַמערקונגען פּרצן, און עס קומט צווישן זיי צו שאַרפע מיינונגס־אויסטוישן, ווען עס האַנ־דלט זיך וועגן לידער מיט טיף־נאַציאָנאַלע און חיבת־ציון שטימונגען און מאָטיוון, וואָס יהואשעס שאַפונגען זיינען דאַן שטאַרק דורכגעדרונ־גען מיט זיי. מערקווירדיק, יהואש פלעגט דאַן פאַרוואַרפן דעם עלטערן קאָלעגע פּרצן, זיין צו־שטאַרקע השפעה פון היינען...

וועגן דער ערשטער באַגעגעניש פון פּרץ און יהואש האָבן מיר נאָך

אַ באַשרייבונג פון איינעם, וואָס איז דערביי געווען. מ. י. פרייד (ער איז געווען אַ שרייבער, אַרויסגעבער, בוכהענדלער אין וואַרשע, אַ נאָענטער פריינט און אַריינגייער ביי פּרצן, מחבר פון צוויי ביכער זכרונות „ימים ושנים" — איבערגעזעצט פון יידיש, תל־אביב, 1939) דערציילט אין זיין אַרטיקל „יהואש אין וואַרשע" („ליט. בלעטער", 1927, נומער 3), ווי „אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק, 1890, האָט ער זיך אַמאָל געטראָפן מיט ל. שאַלקאָוויטשן (בן־אביגדור). יענער האָט אים פאַרגעשטעלט זיין יונגן שוואָגער יהואש־שלמה בלומגאַרטן, און פאַרגעלייגט צו קומען אין אָוונט צו פּרצן, וואו ער וועט הערן דעם יונגן דיכטער פאַרלייענען זיינע לידער.

מ. י. פרייד גיט איבער, אַז פאַר דעם ענגן קרייז ביי פּרצן אין שטוב „האָט יהואש שעמעוודיק אַרויסגענומען זיין פּעקל כתבים, און ווי יעדער אָנפאַנגער מיט אַ געוויסער „טרעמע" אָנגעהויבן לייענען די נאָך דעם אַזוי פּאָפּולער־געוואָרענע לידער „מזמור שיר ליום השבת" און דעם „בית שני". דער רושם איז געווען אַ געוואַלדיקער. דער יונגער מחבר אַליין איז מיט יעדן פערז מער באַגייסטערט געוואָרן..." „איר האָט געשאַפן אַ שיין ווערק!" — האָט אים פּרץ געזאָגט און גענומען די לי־דער פאַר זיין „יידישער ביבליאָטעק". און עס איז דאָן אַוועק אַ לאַנגער שמועס וועגן די רייכע אוצרות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער פאָלקס־נשמה, אוצרות, וואָס מען דאַרף ערשט אויסגראָבן און אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט...

עס איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט, ווי יהואש גופא, מיט איבער 30 יאָר שפּעטער, פאַסט־אויף און באַצייכנט פּרצעס באַציאונג צו אים, ווי בכלל צו די יונגע תלמידים. יהואש שרייבט אין זיינע באַטראַכטונגען וועגן פּרצן: „פּרצעס גרויסער אינטערעס אין נייע תלמידים, די פרייד, וואָס ער האָט געהאַט אין אַרויסברענגען אַ יונגן, אַ נייעם, האָט אָפט אָנגענומען די איבערטריבענע פאָרם פון וועלן צופיל ענדערן, צופיל אַריינפלעכטן די אייגענע פעדעם אין דעם פרעמדן געוועב, מיט דער כוונה עס צו מאַכן בעסער, וואָס דאָס האָט דעם יונגן טאַלאַנט אָפט פאַרשאַפט נישט ווייניק עגמת־נפש".

יהואש דערציילט, ווי פּרץ האָט אים אויפגענומען און אַריינגעפירט אים אין דער ליטעראַטור: „איך קאָן אפשר זאָגן, — שרייבט יהואש, — אַז איך בין געווען פּרצעס ערשטע ליבע. איך געדענק די התפּעלות, וואָס ער האָט געכאַפּט פון מיין ליד „מזמור שיר ליום השבת" און פון גרויס התפּעלות האָט ער זיך גענומען (עס) ענדערן און צולייגן, ביז עס איז אַרויס עפּעס, וואָס איז לחלוטין נישט געווען מיין סטיל. איך בין געווען גע־קרענקט און באַקלעמט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיט אַ טייל פון

די־דאָזיקע פּרציזמען איז דאָס ליד אויך געדרוקט געוואָרן אין דער „יידי־שער ביבליאָטעק." שפּעטער, אַז איך האָב דאָס ליד איבערגעדרוקט אין אַ זאַמלונג, האָב איך געהאַט גרויס מי אַרויסצודריבלען די פרעמדע פעדעם."

לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען, אַז פּרץ גופא פלעגט זיינע אייגענע, שוין־געדרוקטע זאַכן, אַליין „ענדערן און צולייגן", ווייל אים האָט זיך געוואָלט געפינען די אַלץ־פּאַסנדיקערע ווערטער, די טרעפלעכערע אויסדרוקן פאַר דעם תוך, פאַר דעם עיקר.

יהואש באַגרייפט זייער גוט וואָס פּרץ איז געווען פאַר די יונגע שרייבער: „אַנדערע יידישע שריפטשטעלער פון זיין צייט — זאָגט יהואש — האָבן זייערע קינדער הינטער די פאַרקנס אונטערגעוואָרפן, און זיי אַליין זיינען אַנטלאָפן. שפּעטער, אַז די פאַרלאָזענע עופהלעך זיינען אויסגעוואַקסן אין געזונטע שיינע יונגען, זיינען די טאַטעס גע־קומען: פון אונדזערע לענדן!"

און דאָ קומט די וויכטיקסטע יהואש־באַצייכענונג פון פּרצן: „פּרץ האָט פון זיינע תלמידים געלערנט. דער וואָס גלויבט אין דער צוקונפט, גייט אין חדר ביי דער צוקונפט. לערנען פון תלמידים איז דער שטאַרקס־טער און זיכערסטער סימן פון אמונה אין דער צוקונפט".

און באַזונדערס זיינען וויכטיק די ווערטער, מיט וועלכע יהואש הויבט אָן זיין אַרטיקל איבער פּרצן, — זיי כאַראַקטעריזירן אַמשאַרפּ־סטן וואָס ער, יהואש, האָט אַלע זיינע יאָרן אַרויסגעטראָגן און ווייטער געטראָגן פון זיין ערשטער באַגעגעניש מיט פּרצן: „פּרץ איז געווען דער געוויסן פון דער יידישער ליטעראַטור. באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַ־וואוסטזיניק האָט איטלעכער שריפטשטעלער, וואָס האָט גענומען זיין אַרבעט ערנסט, געשפּירט אויף זיך די „עין רואה" (דאָס אָפענע אויג — ב. מ.) פון פּרצן. מען האָט געשפּירט אַזוי ווי מען וואָלט געדאַרפט אָפּ־געבן פאַר אים אַ דין־וחשבון: וואָס וועט פּרץ זאָגן?"

אַז פּרץ האָט באַזונדערס הויך געשעצט יהואשעס לידער, זעען מיר פון דעם פּאָסט־קאַרטל (אין העברייאיש), וואָס ער שיקט צו אים (דעם 26טן אַפּריל 1892) פון וואַרשע קיין ניו־יאָרק, וואו ער בעט זיך „ער זאָל אים נישט פאַרלאָזן. עס רינגלען אים, פּרצן, אַרום פיל דיכטער, וואָס טוען „שאַלן אַ שאַלונג", אָבער „ער האָט אפילו קיין איין ליד נישט, וואָס זאָל זיין דרוק־פּייאיק". און פּרץ גיט צו: „אייערע לידער און מיינע האָבן אָנגעמאַכט אַ מהומה און צעטומלעניש צווישן אונדזערע „משוררים". די וועלט קערט זיך, און אַלע בריקן זיינען אונטערגעצונדן, און עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צוצוקומען צו זיי". פּרץ דראָעט יהואשען: „אויב איר וועט מיר נישט שיקן אייערע לידער, וועט דאָס

דריטע בוך פון דער ביבליאָטעק אַרויס אינגאַנצן אָן לידער" און „ראָזע גאָלדשטיין וועט טאַקע ברומען ווי אַ טויב, אָבער איך וועל זיין אויפגע־צאָרנט פ ו ן כ ע ס און שרייען ווי אַ לייב, אָבער דער סאָלאָוויי איז נישטאָ".

אין אַ צווייטן העברייאישן בריוו, געשריבן צו יהואשן מיט 6 וואָכן שפעטער (וואַרשע, דעם 15טן יוני, 1892) באַשטעטיקט פרץ יהואשעס טרויעריקן בריוו, וואו ער קלאָגט זיך אויף אַמעריקע און אויף דעם מצב אין דער פראָלעטאַרישער סביבה. פרץ שרייבט, אַז „ווען ער איז דאָרט, וואָלט ער נישט געגאַנגען מיטן פראָלעטאַריאַט, וועלכער וויל זיך נישט מתחתן זיין, וויל זיך נישט אָנקערן מיט מיר". און פרץ זאָגט: „איך זוך אין יעדער באַוועגונג אַ מאָראַלישן יסוד. די פראָלעטאַרישע באַוועגונג האָט אַזאַ יסוד. אָבער ער (דער פראָלעטאַריאַט) וויל אים נישט קענען..."

און פרץ גיט צו ווייטער: „אייערע לידער אין דער ביבליאָטעק זיינען געפעלן געוואָרן אַלע לעזער און מבינים. עס זיינען דאָ אפילו אַ סך, וואָס פאַרגינען נישט און זוכן חסרונות, אָבער זיי זיינען אומבאַ־דייטנדיק אין כמות און אוודאי אין איכות". פרץ פאַרלאַנגט פון יהואשן לידער, און ער באַטאַנט, אַז יהואש איז פאַרבליבן אַ בעל־חוב, ער איז שולדיק דעם אָרט, פון וואַנעט ער איז אַוועק, צו שרייבן וועגן די יידן אין אַמעריקע, וועגן זייער לעבן און פאַסירונגען... פרץ מאָנט ווייטער: „האָט איר נישט קיין רייזע־לידער? קאָנט איר נישט דערציילן עפעס וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע?"

נישט צו פאַרגעסן, אַז די ווערטער שרייבט דער 41־יאָריקער פרץ צו אַ יונגן 21־יאָריקן שרייבער, וואָס האָט דאָ ערשט געשטעלט זיינע טריט אין דער ליטעראַטור.

2

עס גייען אַוועק אַ פופצן יאָר, עס האַלט שוין ביים יאָר 1907. און עס איז גענוג אַ בריוו פון יהואשן צו פרצן, אַז פרץ זאָל גלייך ווערן „צע־וואָרעמט". מיר האָבן צוויי לאַנגע בריוו, וואָס פרץ האָט געשריבן צו יהואשן, וואָס מען וואָלט באַדאַרפט, צוליב זייערע טרעפלעכע באַמער־קונגען, איבערדרוקן. מיר וועלן אָבער בלויז אַרויסנעמען אייניקע אויס־צוגן און אָפשיקן די, וואָס האָבן אַ ספעציעלן אינטערעס, צו דעם בוך „בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ" (ז"ז 240־243). פרץ הויבט אָן: „איי־ער בריוו האָט מיך ווירקלעך דערפרייט, כמעט ווי אַ גרוס פון יענער וועלט. די שרייבער פון צעזייט־ און צעשפרייטן פאָלק זיינען צעזייט און צע־

שפּריט, ווען זיי וואוינען אפילו אין איין וועלט־טייל, אין איין לאַנד, אין איין שטאָט״. און ווייטער דערציילט פּרץ, אַז ער האָט געקראָגן יהואשעס אַ בוך לידער, „האָט ער עס איינגעשלונגען״, און ער בעט ביי יהואשן, ער זאָל אים צושיקן נאָך אַ קאָפּיע, ווייל דער עקזעמפּליאַר, וואָס ער האָט, „קורסירט אַרום; מען לעקט פון אייך די פינגער״. עס איז די ערשטע יהואש־אויסגאַבע „געזאַמלטע לידער״ (1907, 388 ז״ז).

פּרץ האַלט פאַר זיין חוב צו מאַכן אַזאַ באַמערקונג: „אָנפאַנגס איז מיר דאָך שווער געווען זיך צו צוגעוואוינען צו אייער אַמעריקאַנישן סטיל. די וואַרשעווער זאַכן („מזמור שיר ליום השבת״, „בית שני״) זיינען (פאַר אונדז) וויכער, מעלאָדישער״. אָבער פּרץ גיט גלייך צו: „צום צווייטן און דריטן מאָל בין איך דאָך צום געשמאַק געקומען. אַמבעסטן געפעלן מיר די נאַטור־באַשרייבונגען, זיי זיינען די אָריגינעלסטע...״ און דאָ קומען זייער וויכטיקע שורות, וואָס זיינען באמת אַ מין אני־מאמין פון פּרצן: „די ראָמאַנצן, אָנגעשמעקט מיט היינע... איך פאַרשעלט די טעג, ווען איך האָב אים געלעזן, און די זאַכן, וואו איך האָב אים נאָכגעמאַכט. דאָס „געניאַלע״ ליצנות איז דאָך נישט מער ווי — אימפּאָטענץ... אין בעסטן פאַל: זעלבסט־פאַראַכטונג. מיר טאָרן נישט ליצנות טרייבן... עס מוז געבויט און געפלאַנצט ווערן; מוז מען זיך אַמאָל פאַרקרומען, איז צווישן פיר ווענט פאַרן שפּיגל, נישט פאַרן פובליקום. לאָמיר נביאים און פירער ווערן, נישט מאַרשאַליקעס...״

פּרץ פאַרכאַפּט זיך: „נאָר דאָס געהער שוין נישט צו דער זאַך״, און ער חזרט איבער: „דער עיקר — איר האָט אונדז אַ פּראַכטפולע מתנה געגעבן! אויב איר ווילט אַן עצה פון אַן עלטערן: באַפרייט אייך פון ענגליש־אַמעריקאַנישן סטיל, ווערט צוריק אונדזערער, צוריק פּליסנדיק! צוריק — ציטער־קלאַנגען״. און איז עס אַלץ ווייניק, גיט פּרץ ווידעראַמאָל צו: „איך פאַרזיכער אייך נאָך אַמאָל: אויף מיר און אויף אַלע אַרום האָט דאָס בוך אַן אומגעהויערן איינדרוק געמאַכט. איך קאָן אייך שיקן גריסן דאַנקבאַרע, הייסע, האַרציקע פון יינגלעך, מיידלעך און ווייבלעך, און — דווקא שיינע...״

יהואש, וואָס איז געווען אין יענער צייט אין אַ געדריקטן געמיט־צושטאַנד (ער איז דאַן אַלט געווען אַ 36, און פּרץ — שוין אַ 56 יאָר), האָט געענטפערט פּרצן אַ טרויעריקן בריוו, און פּרץ איז האַפערדיק און מינטערט אים גוט־ברודעריש: „ליבער יהואש, וואָס ווילט איר פון מיין לעבן? פון וואָס זייט איר אומצופרידן? אַ יונגער מענטש, וואָס שענקט זיין פאָלק אַ בוך פּאָעזיע, דאַרף זיין שטאָלץ, זעלבסבאַוואוסט, נישט נידערגעשלאָגן און נישט שמאַלנדיק ווי אַ באַלעבאַטיש פאַרצויגן נאַריש

ווייבל. וואָס פעלט אייך? וואָס לייגט איר זיך איבער דער באַנק, בעטנדיק שמיץ? שעמט אייך!״

אין זיין ענטפער אויף יהואשעס בקשה, ער זאָל אים מאַכן אויפמערקזאַם אויף די הייגע־נאָכמאַכונגען און סטיליסטישע פעלערן, ברענגט פרץ אין זיין בריוו אייניקע אויסצוגן פון יהואשעס לידער אויז גיט אָן דערביי אינטערעסאַנטע קאָרעקטיוון. פרץ שרייבט: „אין אייערע וואַרשעווער זאַכן זיינען אַזוינע נישט־געשיקטלעכקייטן נישט פאַראַן, האָב איך גע־רעכנט, אַז עס איז אַמעריקאַניש, ענגליש; קיין ענגליש קען איך נישט. און אויב עס איז נישט ענגליש, נאָר איינפאַך צוליב ריים און פערז־מאָס פאַרקריפּלט, האָט טאָקע אייער שיין פּאָעטיש פּנים עטלעכע קליינע אויסוואוקסן צום אָפּשניידן...״ און ווייטער: „איר מישט אין דער פראַגע אַריין העברייאיש, מיט וועלכן איר ווילט אייך פאַרטיידיקן, און איך באַשולדיק אייך נאָך מער: שיין איז אָן אַלטע קירכע, שיין — אַ נייע באַן־סטאַנציע; (איר) בויט אַ הויז האַלב אויף האַלב פון ביידע סטילן. נאָר די העברייאישע ווערטער, וואָס זיינען פאַריידישט געוואָרן, נאָר די, וואָס ווערן באַנוצט אין מ אַ רק, אָדער אין בית־המדרש, ווען עס פּאַסט לויט טעמאַט און פערזאָן, קאָנען באַנוצט ווערן. אַנדערע — זיינען דיסאָנאַנסן, אויער־קראַצנדיקע...״

און ווידעראַמאָל באַטאָנט פרץ אין זיין בריוו צו יהואשן: „דאַרף איך אייך באַווייזן, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען אַלע יידישע דיכטער און שרייבער האָבן נאָכגעמאַכט הייגע? בין איך דען דערביי נישט געווען און אַרום דעם זעלבן עגל (קאַלב — נ. מ.) גלייך מיט אַלע, אויב נישט פריער פאַר אַלע געטאַנצט?״ פרץ פאַרענדיקט דעם לאַנגן בריוו: „קראַפט! קראַפט! קראַפט! נישט געניאַלע בדחנותדיקע זיס־ווייניק וויציקע אימפּאָטענץ רעמינעסצענצן. האָט ליב אָדער פיינט, נאָר קווענ־קלט נישט... און זייט שטאַרק, זיכער, פעסט, שטאָלץ און אַרבעט, ווי עס ווינטשט אייער ווירקלעך גוטער ליבנדער פריינט י. ל. פרץ.״

און אַז אַט־דאָס מאָנען און וואָרענען איז יהואשן וואויל־געפעלן און ס׳איז אים אויך וואויל־באַקומען, דאָס זעען מיר פון יהואשעס אַרטיקל איבער פרצן, וואו ער שטרייכט אונטער די גוטע פעולה, וואָס פרץ האָט געהאַט אויפן יינגערן דור שרייבער: „דער גרעסטער טייל פון די יידישע שריפטשטעלער פון זיין דור, דער דור, וואָס איז געקומען הינטער אים, האָט אים צו פאַרדאַנקען די ערשטע טריט, אָדער דאָס אונטערפירונג. קיינער פון אונדזערע שריפטשטעלער איז נישט געווען אַזאַ מעורר און באַגייסטערער פון יונגע אויפשפּראָצנדיקע טאַלאַנטן ווי ער... אַלע יידישע שריפטשטעלער זיינען אין אַ זין פרצעס תלמידים... ער האָט דעם בנין געזען, איידער דער

פונדאַמענט איז געלייגט געוואָרן, ווען דער פונדאַמענט איז נאָך געלעגן אַ פאַרבאָרגענער אין דער ערד.״

אַ זייטיקן גרוס וועגן דעם ווי פּרץ האָט געהאַלטן פון יהואשן האָבן מיר אין אַ בריוו, וואָס בן־אביגדור האָט געשריבן פעברואַר, 1913, צו ש. ניגער. אין יענער צייט האָט בעל־מחשבות פאַרעפנטלעכט אַן אומגינס־טיקע קריטיק איבער יהואשעס „פאַבלען״, וואָס האָט שטאַרק אויפגערו־דערט יהואשן. בן־אביגדור, דער שוואָגער און באַגייסטערער פון יהואשן, האָט זיך געווענדט מיט אַ העברייאישן בריוו צו ש. ניגער, ציטירט דער־ביי יהואשעס אַ יידישן בריוו צו אים, און דערנאָך גיט ער צו: „ווער עס קען יהואשן פון דער נאָענט ווייסט, אַז מיט זיין ג ײ ס ט שטייט ער פיל העכער פונעם רוב העברייאישע יידישע דיכטער. י. ל. פּרץ — ווי עס גיט איבער י. דינעזאָן — שטעלט יהואשן אויבנאָן אפילו העכער פון ביאַליק, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, מער מליץ ווי משורר (מער בעל־מליצה ווי דיכ־טער — נ. מ.)...״ (זע ש. ניגער, — „יהואשעס בריוו״, „יאָרבוך פון אַמאָפּ־טייל״, ניו־יאָרק, 1938, ז׳ 324).

3

גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער ספּעציעלער אינטערעס צו די ביב־לישע מאָטיוון, צו די נביאים און צום תנ״ך בכלל, וואָס עס האָבן געהאַט אַלע יאָרן סיי פּרץ און סיי יהואש, און וואָס פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט אין זייער ביידנס לעבן, שאַפן און טעטיקייט. פּרץ, ווי באַוואוסט, האָט זיך שטענדיק געפונען אונטערן איינפלוס פון די נביאים. ער איז געווען טיף אַדורכגעדרונגען פון זייערע עטישע, סאָציאַלע און דיכטערישע אי־דייען און זעאונגען; ער האָט פון די סאַמע יונגע יאָרן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן נישט אויפגעהערט איבערצוזעצן און איבערצודיכטן קאַפּיטלען און ספרים פון תנ״ך, געפּרואווט אַרויסשלאָגן פון זיי פונקען אין אָנצונדן פלאַמען, וואָס זאָלן באַלייכטן די וועגן פונעם יידישן שאַפן. און דאָס האָט אויך יהואש געטאָן. פּרץ האָט מיט יאָרן אַפריער, איידער ער איז אַרויסגעקומען מיט זיין „מאַניש״, געפּרואווט ביי יעדער געלעגנהייט, אָפּטמאָל זיצנדיק אַלס אַן אַדוואָקאַט אין געריכט, ביים פאַרהאַנדלען מש־פּטים, פלעגט ער אַזוי אויף שנעל איבערזעצן קאַפּיטלעך פון תנ״ך. צווישן פּרצעס ערשטע יידישע שאַפונגען האָבן מיר לידער אויף ביבלישע טעמעס („יוכבד״, „פונעם נביא יחזקאל״ אין „יידישע ביבליאָטעק״). ער איז אין פאַרשיידענע צייטן און מיט אַן אַלץ־נייעם אימפּעט צוגעטראָטן אי־בערזעצן פונדאָסניי די „חמש מגילות״. עס זיינען פאַרבליבן פון זיי ביי פּרצן פאַרשיידענע וואַריאַנטן. וועגן פּרצעס פלייסיקער אַרבעט אויף ,קהלת׳

זיינען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס, — אַז ער האָט שיעור נישט אַ 50 מאָל איבערגעדיכטעט דאָס ווערק, וואָס איז געווען באַזונדערס נאָענט זיין געמיט־צושטאַנד די לעצטע יאָרן. אין אָט־דער אַרבעט האָט פּרץ זיך איבערגערופן מיט זיין יינגערן פריינט, מיט יהואשן. איך האָב געהאַט אין וואַרשע פאַר מיינע אויגן די יהואש־אויסגאַבע — זיין יידישע איבערזעצונג פון די מגילות (איוב, שיר השירים, רות, קהלת), פון יאָר 1910, וואו אויף די מאַרגינען פון דעם בוך האָט פּרץ ביי יעדן פּסוק אויפגעשריבן זיין אייגענע איבערזעצונג, אָנגעוואָרפן מיט אַ האַסטיקן, ליידנשאַפטלעכן כתב*). עס איז קיין ספק נישט, אַז יהואש איז אויף דעם געביט באַאיינפלוסט געוואָרן פון פּרצן, פון זיין גייסט און סטיל. ווען יהואש רעדט מיט אַזאַ אימפעט וועגן פּרצן דעם אייגנאַרטיקן שפּראַך־מייסטער, זעען מיר דאָ יראת־הכבוד און אויך דאַנקבאַרקייט־געפילן פון אַ תלמיד צו א רבין. „פּרץ — זאָגט יהואש — איז דער פאָטער פון דעם סטאַקאַטאָ־סטיל אין יידיש. אין אַ צייט, ווען די אַנדערע שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט באַרעדעווקייט, אָדער ריכטיקער — פלוידערלעכקייט (און געמאַכט די־דאָזיקע פלוידערלעכקייט פאַר זייער הויפּט־געצייג און זייער הויפּט־שטאַרקייט), איז דאָס אַ טאָפּלטער פאַרדינסט".

און זיינען עס נישט קיין טרעפלעכע אייגענע אויטאָכאַראַקטעריסטישע שטריכן, ווען יהואש שרייבט: „פּרץ איז דער מייסטער פון אָפּגעבראָכענע טענער, דער זשעני פון נישט־אויסגעפירטע אָנהייבן. מיט אַ פאַר פינטעלעך איז אָנגעטייט דער קרייז, און דעם רעשט דערענדיקט אַליין. אָט איז די קאַנווע, דער אוזאָר איז אָנגעוואָרפן. נעמט פאָדעם און העפט אויס, און האָט דעם תענוג פון אייגענעם שאַפן. פּרצעס נישט דערענדיקן קומט נישט פון ווינציק כוחות, נאָר פון צופיל עשירות, פון צו גרויס שפע..."

עס איז זייער אינטערעסאַנט די דערמאָנטע אַרבעט פון יהואשן וועגן י. ל. פּרצן — וואו מיר האָבן ווידער זייער טרעפלעכע און אייגנאַרטיקע געדאַנקען, וואָס ווייזן ווי יהואש איז געווען באַגייסטערט און

*) אַז יהואש האָט נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן פּרצעס תנ"ך-איבערזעצונג, זעען מיר פון יהואשעס אַ בריוו צו ז. רייזען (דעם 23טן אַפּריל 1925), ווען ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן פּרצעס „פינף מגילות". יהואש שרייבט: „בנוגע צו דער עצם זאַך (פּרצעס איבערזעצונג — נ. מ.), ווייס איך נישט, אויב דער ספר וועט צוגעבן בלעטער צו פּרצעס קראַנץ". („ליט בלעטער", 1937, ז' 72).

האַרציק־אייגן מיט פּרצן: „נאַטור־שילדערונג אין דער יידישער ליטע־ראַטור", קאַפּיטל 4, וואָס פאַרנעמט זיך דורכאויס מיט פּרצן.

מיר וועלן דאָ ברענגען פונעם אַרטיקל אַ פּאָר אויסצוגן:

„פּרץ איז דער דיכטער פון דער נשמה, ריכטיקער געזאָגט פון דעם עולם הנשמות. פאַר דעם ליכטיקן בליק פון דעם מייסטער־שאַפער פון „באַנציע שוויינ" און „מאַניש" אַנטפּלעקן זיך די זעלן פון אַלץ, וואָס לעבט און וואַקסט אָדער וואַקסט נישט. דען די גרויסע אומענדלעכע נשמה פון דער וועלט האָט זיך צעשפּאָלטן און צעברעקלט אויף קליינע פּיצינקע פונקען, און די פונקען טליען און טוליען זיך ווער אין אַ וויי־סער ליליע, ווער אין אַ רויטן מאַנקעפּל, ווער אין אַ פאַרביקן שמעטער־לינג און ווער אין אַ גראָער פראָש, ווער אין אַ בוים און ווער אין אַ שטיין ביי דער זייט פון שליאַך, ווער אין דער טרעלן־פולער קעל פון דער נאַכ־טיגאַל און ווער אין דעם קאַלטן אויסגעגלאָצטן אויג פון אַ פיש... פּרצעס כישוף־שטעקל באַרירט זיי — און זיי קריגן „התפּשטות הגשמיות", זיי וואַרפן אַראָפּ פון זיך דעם חומרדיקן מלבוש און שטייען פאַר אונדז אין זייער נאַקעטער שטראַלנדיקער רוחניות..."

און נאָך: „ווען איר לייענט פּרצן, האָט איר תמיד דאָס געפיל, ווי איר זעט אַ זאַך, וואָס א י ז, נישט וואָס איז ג ע מ אָ ל ן... ער גע־ברויכט אַזוי ווייניק פּרטים און דעטאַלן, אַז איר קאָנט אין ערגעץ נישט זען דעם פּראָצעס פון ביסלעכווייזדיקן שאַפן... איר פאַרשטייט דאָס גאַנצע אַזוי גוט און אַזוי קלאָר, איר לעבט עס דורך אַזוי איניק און אַזוי אינטים, אַז איר אַליין קאָנט גאַנץ לייכט צו־דענקען די אַלע נויטיקע טויזנטער שטריכלעך... פּרץ גייט ניט אַרום הקפות אַרום זיין טעמע אום עס אויפצופּאַסן פון יעדן ווינ־קעלע באַזונדער און אויף דעם אופן קריגן אַ ריכטיקע השגה פון זיין פּילזייטיקער נאַטור... ער הויבט אָן פון דעם סאַמע מיטן... און שטייענדיק אויף דעם מיטלפּונקט, ווי קליין דער דאָזיקער פונקט זאָל נישט זיין, פּאַסט ער אויף און דערלאַנגט אונדז זיין בילד פון אינעווייניק אַרויס..."

און אַזוי ווייטער און ווייטער כאַראַקטעריזירט יהואש פּרצן „פון אינעווייניק אַרויס", דערקלייבט זיך צו די סאַמע נשמהדיקע, דינסטע שטריכן און אייגנשאַפטן פון פּרצן און דערביי זעט ער פּאַר זיך דאָס טיף־מענטשלעכע אין אים. זעלטן וועלכער יידישער קריטיקער האָט זיך אַזוי אַריינגעקליבן אין דעם „לפני ולפנים", אין דער סאַמע־אינעוויי־ניקסטער וועלט פון פּרצן, ווי יהואש. און הערט ווערטער: „די וועלט ביי פּרצן איז דער מענטש... אַזוי ווי דער מענטש איז אייגנטלעך די נשמה... שיין איז בלויז דאָס וואָס איז מענטשלעך און לאָזט זיך אויס־דריקן אין טערמינען פון מענטשלעכע ליידן און ליידנשאַפטן..."

און ווידעראַמאָל — שרייבט עס יהואש וועגן פּרצן אָדער גאָר וועגן זיך, ווען ער זאָגט: „פּרץ האָט געפּילט אינערלעך דעם ריטם און די מעלאָדישע מוזיק פון זיינע געדאַנקען, און נישט תמיד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט צו זען אויב די ווערטער, וועלכע ער האָט אויסקליבן אָדער די צוזאַמענשטעלונג פון די דאָזיקע ווערטער איז וואויל־קלינגענד און האַרמאָניש, לויט די געוויינלעכע אָנגענומענע כללים...״ („צו־קונפט״, 1912, ז׳ 135).

עס איז באַקאַנט, אַז יהואש האָט אין צייט (בעיקר אין 1916) געהאַלטן פּאָרטראָגן איבער פּרצן, וועגן זיין דיכטערישער פּערזענלעכקייט און זיין ראָלע אין דער יידישער ליטעראַטור, אין פאַרשיידענע שטעט — אין מאָנטרעאָל, שיקאָגאָ, קליוולאַנד א. אַ. (זע ב. וויטקעוויטש — „יהואש״, קליוולאַנד 1944, ז״ז 254־255).

וועגן יהואשעס לעקציע אין מאָנטרעאָל האָבן מיר אַ קורצן באַריכט אין „קאַנאַדער אָדלער״, פונעם 17טן יאַנואַר 1916. ס׳ווערט איבערגעגעבן, אַז „יהואשעס לעקציע האָט באַזוכט אַ היפשער עולם״ די לעקציע האָט יהואש געהאַלטן אין דעם גרויסן פּרינץ אַרטור האָל. און ווייטער: „נאָכדעם ווי יהואש האָט געשילדערט דעם איינדרוק, וואָס פּרצעס טויט האָט אויף אים גע־מאַכט, איז ער איבערגעגאַנגען צו דער כאַראַקטעריזירונג פון פּרצעס זשעני־אַלע פּערזענלעכקייט. יהואש האָט אָנגעצייגט אויף פּרצעס גרויסע פאַרדינסטן אַלס דערציער, און וועגווייזער פון אַ רייע יידישע שריפטשטעלער, וועלכע שפּילן איצט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער יידישער ליטעראַטור. יהואש האָט זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעשטעלט אויף דער „למד־וואָוו״־אידייע פון „באַנציע שווייג״. ער האָט אויף אַ העכסט געלונגענעם אופן געגעבן אַ ריכטיקן באַגריף איבער דער „למד וואָוו״־אידייע בכלל, לויט די לעגענדן, מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט די אידייע אַרומגעוועבט. צולעצט האָט יהואש פאַרגעלעזן „באַנציע שווייג״. די לעקציע — ווערט געזאָגט אינעם באַריכט — האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.״

4

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן אָנהויב די 90ער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, זינט דעם שנעלן, ראַשיקן אויפבלי און פאַנאַנדער־בלי פון שלום־עליכם (ווי מענדעלעס נאָכגייער, אויב נישט ווי אַן „איי־ניקל״, איז ווי אַ זון״) און פּרץ, גענומען זיך אויספורעמען צוויי הויפּט־שטראָמען, צוויי קולטור־שאַפערישע און קינסטלערישע שיטות — דער שלום־עליכם־שטראָם און דער פּרץ־שטראָם. פאַרשיידענע שרייבער האָבן אין פאַרשיידענע צייטן זיך אָפּטמאָל געפונען אונטערן איינפלוס אָדער

פון שלום־עליכמען אָדער פון פרצן אָדער זיך געפונען צווישן די צוויי שטראָמען, וואָס זיינען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אויס־געשפּראָכענע ליטעראַרישע שיטות. יהואש געהער דירכאויס צו דער פּרצישער ריכטונג, ער איז אינגאַנצן אַ „פּרציאַנער". יהואש שרייבט אין זיין באַגייסטערטן פּרץ־אַרטיקל: „אפשר איז נישט רעכט צו פאַר־גלייכן אין דיכטער מיט אַ צווייטן און ציען פּאַראַלעלן צווישן זיי. אָבער דערמאָנט מען פּרצן, שפּרינגט נישט־ווילנדיק אַרויס שלום־עליכם. ביידע — זיילן פון דער יידישער ליטעראַטור, די צוויי פּאָלן, צווישן וועלכע דאָס גאַנצע יידישע שאַפן האָט זיך אין זייער צייט געדרייט, איינער דער היפּוך פון צווייטן, אָבער דער מהות פון איינעם ווערט קלאָרער דורך דעם מהות פון דעם אַנדערן". יהואש, מיט זיין גאַנצן שאַפערישן, גייסטיקן און מייסטערישן מהות און גאַנג — איז געווען נאָענט צו פּרצן. ער האָט זיך אין אים געקלאַמערט, ער האָט געצויגן זיין יניקה פון אים און אים צו־ריקגעגעבן דאָס טיפסטע, גייסטרייכסטע און אומרואיקסטע, וואָס ער האָט אין זיין זוכנדיקן און גאַרנדיקן געמיט פאַרמאָגט.

„פּרץ — שרייבט יהואש — און נישט קיין אַנדערער איז דער טאַטע פון דער יידישער ליטעראַטור."

אויף דער גייסטיקער נאָענטקייט פון יהואשן צו פּרצן האָט, אגב, אָנגעוויזן ב. ריווקין אין זיין בוך „די גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". אין דעם קאַפּיטל „די איבערגאַנג־שטופע" (ניו־יאָרק, „איקוף־פאַרלאַג", 1948), צעגלידערט ב. ריווקין יהואשעס דיכטונג און ער ברענגט אַרויס אירע עיקר־אייגנשאַפטן און כאַראַקטער־שטריכן. ער שרייבט וועגן יהואשן: „אַנדערע פּאָעטן מאַכן דעם איינ־דרוק, ווי זיי וואָלטן געווען אין געיעג נאָכן אַבסאָלוטן. זיי ווילן גילטן פאַר אמת־זאָגער. אפילו נישט דערגרייכנדיק, דוכט זיי זיך, אַז זיי דער־גרייכן, און דאָס דוכטעניש איז זייער אמת און פּאָעזיע. יהואש זאָגט: מען קאָן נישט און מען דאַרף נישט. פאַר אים איז דערנענטערונג צום אמת, דאָס נישט דערגריין, די שפּיל אַרום — דאָס איז זיין פּאָעזיע, דער אונטערשייד איז דאָ צווישן דירעקטער דערלאַנגונג און אומדירעקטער. מיט אַנדערע ווערטער: יהואש ציט פּרצעס ליטעראַטור־ליניע" (ז' 132).

רעדנדיק ווייטער וועגן „דער פאַרהערלעכונג פון גלויבן" — „גלויבן מיט גאָט אָדער אָן אַ גאָט", וואָס מיר זעען ביי יהואשן, באַטאָנט ב. ריווקין, אַז דאָס „איז צום צווייטן מאָל די ווייטער־פירונג פון דער פּרץ־טראַדיציע. הערצאַזירטע ליבע־גלויבן דאָס איז די עסענץ פון די ירושה־טענדענץ, וואָס פּרץ האָט זי אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור. דער קול פון זיין יידיש בלוט האָט זיך געריסן דורך יהואשעס גרונט־שטי־

מונג, באַרייכערנדיק אים מיט אַ זעקסטן חוש — ,שפּירונג׳. מיט דער נפקא־מינה, וואָס פּרץ, הגם זיין הויפּט־אינטערעס איז געווען יידישע ליטעראַטור, האָט טאַקע צוליב אַ גרעסערן תכלית פאַר איר, געעפנט דעם ירושה־רעזערוואואַר, כדי צו פאַרוואַנדלען די אַלטע גלויבנס־ענער־גיע אין מאָדערנער מאָראַל־ענערגיע, און מיט זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז ער שוין געווען האַלבסוועג צו אַ יידישער ליטעראַטור, וואָס טוט לעבנס־דינסט, — יהואש, וועלכער האָט אין לעבנס־דינסט נישט געזען דעם פּאָעטס באַרוף, איז יוצא געווען מיט שפּירונג. איז ער געווען מער דער פאַרזעצער פון פּרצעס ליטעראַטור־טענדענץ, ווי פון זיין ירושה־טענדענץ..." *(ז׳ 134)*. און ווייטער: „... יהואש האָט גענומען אויף זיך אַ הערקולישע אַקציע, פאַראייניקנדיק דעם פּאָעט און דעם העלד און אַפּצאָלנדיק זיין חוב פּרצן פאַר דער אויסגעבאַרגטער ביי אים ירושה־טענדענץ (דאָרט, ז׳ 136).

לסוף לאָמיר ברענגען אַ קורץ וויכטיק בריוול, וואָס פּרץ האָט געשיקט צו יהואשן אין 1914 (דאָס בריוול האָט אויך געהתמעט דינעזאָן):
„מען שרייבט אונדז, אַז דו ביסט נישט געזונט און פאָרסט דעריבער אַרויס פון ביזנעס־לאַנד צום הייליק־לאַנד. טוט אונדז וויי, וואָס דו ביסט קראַנק, אָבער עס פרייט אונדז, וואָס דו פאָרסט אַרויס צום לאַנד, פון וועלכן מיר זיינען אַזוי אָפּגעריסן קערפּערלעך און אַזוי גייסטיק פאַרבונדן. ווינטשן מיר דיר הערצלעך אַ גליקלעכע רייזע און ווינטשן דיר געזונט. נעם אונדז מיט אין דיין האַרץ, אין דיין געדאַנק... און זאָג, אין אונדזער נאָמען, די בערג פון יהודה, דעם לבנון און אַלעם, וואָס געבליבן, — מיר וועלן זיך אין קיין אַנדער לאַנד נישט אַריינפלאַנצן; ציון איז אונדזער וועג; די וועלט, מיט ציון אין דער שפּיץ, איז אונדזער צוקונפט..."

און זיינען דען נישט קיין קלאַנגען און אָפּקלאַנגען, רופן און איבער־רופן יהואשעס ווערטער, געשריבן ווי אַ פאָרוואָרט צו זיין תנ"ך־איבערזעצונג: „די שאַפונג פון אַ יידישן (מיין באַטאָנונג — נ. מ.) תנ"ך איז ביי מיר געווען דער חלום פון אַ לעבן. דאָס איז געווען אַ טאָפּלטע ליבשאַפט. פון איין זייט צו דעם שענסטן, מענטשלעכסטן בוך פון יידישן פאָלק און פון אַלע פעלקער, און פון דער אַנדערער זייט — צו אונדזער יידישן לשון... — — —אייביקייט אין מיטן פון צייטלעכקייט... בלעטער פאַלן און בלעטער קומען — און דער שטאַם בלייבט און האַלט אויף די אייניקייט פון דעם קיום. די שפּראַך קריגט־צו נאָכאַנאַנד נייע אוצרות און וואַרפט נאָכאַנאַנד אַראָפּ פון זיך פאַרוועלקטע פאָר־מען, אָבער איר רוקן־ביין בלייבט דער אייגענער. מוז בלייבן דער

אייגענער, אויב זי וויל אָנהאַלטן איר יחוס און וויל נישט אָנהויבן איר געשיכטע אַלע פרימאָרגן״.

דאָס איז דאָך דער זעלבער פּרצישער קוק אויף יידן, יידיש לשון, יידישקייט, אויסגעדריקט דורך יהואשן מיט זיינע אייגענע ווערטער...

יהואש ווי פּרץ האָט געהאַלטן אין אַיין איבערוואַרפן בריקן צווישן די אַלגעמיין־מענטשלעכע, אוניווערסאַלע געפילן און מאָטיוון און די עכט־יידישע, די ביבלישע. און אויך אין די ביבלישע שאַפונגען האָט ער בעיקר געזוכט און אַרויסגעפונען מענטשלעכע, וועלטלעכע טענדענצן און עלעמענטן, וואָס זיינען יידישע, וויבאַלד זיי ווערן אַרויסגעבראַכט דורך דעם יידישן דיכ־טער אין דער יידישער שפּראַך. פאַר אים איז עס דעריבער געווען זיין תנ״ך־איבערזעצונג פיל מער ווי סתם אַזוי אַן איבערזעצונג, — ס׳איז געווען אין דעם די גרויסע אידייע פון זעלבסט־באַנייאונג, פון ווידער־אויפלעבונג.

פּרץ און יהואש — זיי זיינען אין תוך, אין זייער יסוד, אין זייערע וויזיעס געווען פיל נעענטער און אייגענער, ווי מיר אַליין האָבן זיך אַלעמאָל פאָרגעשטעלט.

די פרץ - ביבליאָגראַפיע

דער ערשטער, וועלכער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ פּרץ־ביבליאָגראַפיע איז געווען דער פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענער ליטעראַטור־פאָרשער און פילאָלאָג בער באָראָכאָוו (1917־1881). גלייך נאָך פּרצעס טויט האָט ער (אין מאַנאַטשריפט „ליטעראַטור און לעבן" — „די יידישע וועלט", ניו־יאָרק, 1915, — דער נומער איז דערנאָך פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן ווי אַ זאַמלבוך „י. ל. פּרץ", — אויף די זייטן 126־103) אָפּגעדרוקט אַן אַרבעט „די פּרץ־ביבליאָגראַפיע", וועלכע ער האָט אָנגעהויבן מיט די־אָ ווערטער: „זאָל דער נאָמען „פּרציאַנא" פונעם היינטיקן טאָג והלאה (און ווייטער — נ. מ.) באַצייכענען יענעם נייעם צווייג פון ביבליאָגראַפיע, וואָס וועט זיך אָפּגעבן מיט דעם לעבן און מיט די ווערק פון דעם פאַרשטאָר־בענעם פאָטער פון יידישער ליטעראַטור. און זאָל אָט־אָ־די קליינע אַרבעט אונדזערע זיין דער ערשטער, באַשיידענער כבוד, וואָס די ביבליאָגראַפישע וויסנשאַפט גיט אָפּ פון איר זייט דעם פאַרגאַנגענעם שטערן פון יידישן שאַפן. אינעם געוואַלדיקן אוצר פון פאַרשיידן־שפּראַכיקע יידישע ספרים און פּעריאָדישע אויסגאַבן ווערט איצט צום ערשטן מאָל אַריינגעשטעלט אַ נייער שראַנק מיט דעם אויפשריפט: „פּרציאַנא"; דאָרט וועט באַ־האַלטן און אָפּגעהיט ווערן פאַר די אומצייליקע קומענדיקע דורות אַלצ־דינג, וואָס י. ל. פּרץ האָט געבוירן פון זיין גייסט, און אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות צו זיינע ווערק און צו זיין פּערזענלעכקייט. ס'שטייען שוין פאַר־טיק און אָפן אַנדערע ענלעכע שראַנקען אין דער יידישער ביבליאָטעק: די „מימוניאַנא", די „„ספּינאָזיאַנא", די „מענדעלסאָניאַנא", די „שטיינשניי־דעריאַנא", די „הרכביאַנא". גאַנצע דורות ביבליאָגראַפן האָבן מיט ליבע און מעטאָדישע אַרבעטס־לוסט אַריינגעגעבן אַהין אַלץ מער און מער אוצ־רות. אין איין שורה מיט די דאָזיקע שאַפעס וועלן אויך די שיפלאָדן פון דער „פּרציאַנא" פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דעם מוזיי פון יידישער קולטור און יידישן שאַפונגס־גייסט."

ב. באָראָכאָוו גיט צו, אַז זיין אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן „אין דער גרעסטער איילעניש", האָט ער דעריבער נישט באַוויזן אַריינצונעמען אין זיין „פּרץ־ביבליאָגראַפיע" „יענע מאַסע אַרטיקלען, נאָוועלן און געדיכטן,

וואָס איז פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן אין פֿאַרשיידענע טאָג־צייטונגען.״ „באַזונ־דערס אומפּולשטענדיק זיינען ביי אונדז אויסגעקומען די אָפּטיילונגען: „פּרצעס ווערק, געדרוקט אין פֿרעמדע אויסגאַבן״, „איינצעלנע זייטן פֿון פּרצעס דיכטערישער שאַפֿונג״ און „איבערזעצונגען פֿון פּרצן אין אַנדערע שפּראַכן״. ב. באַראַכאָוו האָט אויך „גיט אַריינגענומען קיין שום נעקראָלאָגן, און זיך באַשרענקט בלויז דערמיט, וואָס איז געדרוקט געוואָרן (וועגן פּרצן) ביי פּרצעס לעבן.״ (ז׳ 104).

די ביבליאָגראַפֿיע פֿון ב. באַראַכאָוו איז געטיילט אויף פֿיר קאַפּיטלען: 1) פּרצעס אייגענע שריפֿטן; 2) דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן וועגן פּרצן, אין יידיש און העברייאיש; 3) מאַטעריאַלן צו פּרצעס ביאָגראַפֿיע און פּערזענלעכער כאַראַקטעריסטיק; 4) איבערזעצונגען פֿון פּרצן אין אַנדערע שפּראַכן.

צום סוף פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע איז געגעבן אַ „אַלפֿאַבעטישער אינדעקס פֿון די מחברים און פֿון די וויכטיקסטע איבערזעצער״. די צאָל נעמען איז 61, פֿון זיי האָבן אַ 45 שרייבער געשריבן וועגן פּרצן.

די ביבליאָגראַפֿיע רשימה פֿון בער באַראַכאָוו באַשטייט פֿון 180 אינדיציעס.

אין דעם קריטיש־ביבליאָגראַפֿישן זשורנאַל „ביכער־וועלט״ (קיעוו 1919) איז דורך נ. מייזיל געבראַכט אַ ביבליאָגראַפֿישע רשימה פֿון ווערק, געשריבן וועגן פּרצן. דעם נומער האָבן מיר נישט איצט, קאָנען מיר נישט רעדן גענויער וועגן אָט־דער אַרבעט.

זלמן רייזען אין זיין „לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרע־סע און פֿילאָלאָגיע״ (פֿאַר אונדז ליגט די דריטע אינגאַנצן איבערגעאַר־בעטע פֿאַרמערטע און פֿאַרפֿולשטענדיקטע אויסגאַבע, ווילנע 1930 — דער באַנד האָט זיך אָנגעהויבן זעצן אין 1926) ברענגט, „צוליב לייכטערער אָריענטירונג אין דעם גרויסן מאַטעריאַל פֿון דער פּרץ־ביבליאָגראַפֿיע, אין סדר פֿון א״ב פֿון די מחברים״, אויף די עמודים 1036־1043. ז. רייזען רעכנט אויס איבער 160 שרייבער (אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן), וואָס האָבן געשריבן וועגן פּרצן לערך ביז 1926. ז. רייזען ברענגט אויך רשימות פֿון די פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס פֿון פּרצעס ווערק אין יידיש, העברייאיש, רו־סיש, דייטש, פּויליש, שוועדיש א. אז. וו. אויף די עמדים 1031־1036. די צאָל פּרץ־ווערק אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן, און די אַרבעטן איבער פּרצן דערגרייכט איבער טויזנט.

אין 1926 האָט א. גורשטיין פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרבעט „דער איצטיקער צושטאַנד פֿון דער פּרץ־ביאָגראַפֿיע״ (מינסקער „צייטשריפֿט״, ז״ז 73־86).

אין 1930 האָט דערזעלבער א. גורשטיין אָפּגעדרוקט (אין „ביבליאָ־

גישן זאַמלבוך״, קיעוו, ז״ז 487־506) „הוספות און אויסבעסערונגען צו ב. באַראַכאָווס „פּרץ־ביבליאָגראַפיע״. ער ווייזט אָן, אַז ביי ב. באַראַכאָוון אין זיין פּרץ־ביבליאָגראַפיע זיינען דאָ „פּילצאָליקע טעותן און בלויזן״, — באַזונדערס בנוגע צו די פריאיקע יאָרן פון פּרצעס שאַפן. א. גורשטיין דערמאָנט ז. רייזענען, וואָס ביי אים, „געפינען מיר אַ היפּשע צאָל אינדיציעס, וואָס זיינען נישט געווען באַקאַנט באַראַכאָוון״. ער דערמאָנט די „ליטעראַרישע בלעטער״ (1925, נומ. 49־50), וואו ס׳זיינען געבראַכט „ביבליאָגראַפישע נאָטיצן״ וועגן „איבערזעצונגען פון פּרצעס ווערק אין אַנדערע שפּראַכן״, און ה. ווילטשינסקין וועגן פּוילישע פּרץ־איבערזעצונגען („ביכער־וועלט״ 1928, נ׳ 6), וועלכער פאַרצייכנט 32 נומערן פאַרעפנטלעכט ביי פּרצעס לעבן, בשעת ב. באַראַכאָוו האָט פאַרצייכנט בלויז איין פּוילישע איבערזעצונג פון פּרצן. אויך א. גורשטיין האַלט זיך ביי ב. באַראַכאָווס „כראָנאָלאָגישע גרענעצן, ד. ה. האָבנדיק אין זינען בלויז דאָס, וואָס עס איז דערשינען ביי פּרצעס לעבן.״ א. גורשטיין באַוואָרנט זיך, אַז ער „פּרעטענדירט לחלוטין נישט אויף אויסשעפּלעכקייט... אונדזער רשימה איז בלויז אַ באַשיידענער צושטייער פאַר דער קומענדיקער קאָלעקטיווער אַרבעט אויף דעם געביט.״ די צאָל הוספות פון א. גורשטיין דערגרייכט צו 235 אינדיציעס.

אין אַפּריל 1935, צו פּרצעס 20־סטן יאָרצייט, איז אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ (נומ׳ 17־572, ז׳ 267) אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ רשימה „פּרץ און די ,ליט. בלעטער׳ ״, וואָס איז באַשטאַנען פון 2 טיילן: 1) „פון פּרצעס ליטעראַרישער ירושה״ און 2) „אַרטיקלען און זכרונות וועגן י. ל. פּרץ״. פון דעם ערשטן טייל זיינען אויסגערכנט 11 זאַכן, געדרוקט אין 15 נומערן. פונעם צווייטן טייל האָבן מיר אַרבעטן פון 49 שרייבער — 78 אַרטיקלען, זכרונות, אָפּהאַנדלונגען. אין דעם פּרץ־נומער זיינען פאַרעפנטלעכט געווען נאָך 9 זאַכן וועגן פּרצן פון נאָך דריי שרייבער, דאָס מיינט, אַז ביזן נומ׳ 572 איז די צאָל פּרץ־אַרטיקלען אין די „ליט. בלעטער״ געווען 87, פון 52 פאַרשיידענע שרייבער. די „ליט. בלעטער״ זיינען דערשינען נאָך איבער פיר יאָר, ביז זומער 1939, — נאָך אַ 200 נומערן, זיינען געווען דאָרט פאַרעפנטלעכט נאָך אַרטיקלען איבער פּרצן.

אין 1937 האָט ד״ר יעקב שאַצקי אָפּגעדרוקט אין די „ייוואָ־בלעטער״ באַנד 12, (ז״ז 329־337) „הוספות צו דער פּרץ־ביבליאָגראַפיע פון באַראַכאָוו־גורשטיין״. ד״ר שאַצקי שרייבט: „מיט מיינע הוספות, וואָס באַשטייען פון 140 אינדיציעס, פּרעטענדיר איך אויך נישט צו מאַכן פולשטענדיק די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע. איך וויל נאָר צוגעבן די מאַטעריאַלן, וואָס פעלן דאָרטן... אין די דאָזיקע הוספות זיינען נישט איינגעשלאָסן די אינדיציעס, וואָס געפינען זיך אין ז. רייזענס „לעקסיקאָן״, ווי אויך ניט

דער ענגלישער מאַטעריאַל, וועלכער איז טיילווייז באַאַרבעט געוואָרן פון מ. הורוויץ״ (פאַרעפנטלעכט אינעם זעלבן באַנד פון די „ייוואָ־בלעטער״), אויך די שאַצקי־הוספות באַגרענעצן זיך ביזן יאָר 1915.

אין 1945 האָט יעפים ישורין פאַרעפנטלעכט (אין „צוקונפט״ אַפּריל, ז״ז 277־280) אַ לענגערע רשימה „צו דער י. ל. פּרץ־ביבליאָגראַפיע״. ס׳קומט אַ צושריפט: „צוליב דוחק אין פּלאַץ, קאָנען מיר דאָ נישט געבן די פולשטענדיקע ביבליאָגראַפיע פון די זאַכן, וואָס מען האָט געשריבן וועגן י. ל. פּרץ. מיר לאָזן אויס אַרטיקלען, וואו פּרץ ווערט דערמאָנט אגב־אורחאדיק. מיר גיבן אָן בלויז די אַרטיקלען, וואָס מען האָט געשריבן אויסשליסלעך וועגן פּרצן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, און אפילו די איצטיקע רשימה, איז אויך נישט קיין פולשטענדיקע״ (ז׳ 277). אין דער רשימה זיינען אַריינגענומען גרעסערע און קלענערע אַרבעטן פון 124 שרייבער.

דער זעלבער יעפים ישורין האָט אין די „ייוואָ־בלעטער״ (1946, באַנד 28, ז״ז 165־170) אָפּגעדרוקט אַ ביבליאָגראַפישע רשימה „זכרונות וועגן פּרצן״. ס׳איז צוגעגעבן אַ רעדאַקציע־נאָטיץ: „י. ישורין אַרבעט שוין פון יאָרן אויף אַ פּרץ־ביבליאָגראַפיע און (ער) האָט שוין אויפגעקליבן עטלעכע טויזנט קאַרטלעך. די איצטיקע אַרבעט איז אַ קליינער אויסשניט פון זיינע מאַטעריאַלן״. אין דער רשימה האָבן מיר 137 אינדיציעס פון 90 מחברים.

א. ר. מלאכי האָט אינעם זעלבן באַנד פון די „ייוואָ־בלעטער״ (1946, ב׳ 28, נומ. 1, ז״ז 157־164) פאַרעפנטלעכט אַ רשימה „פּרץ אין העברייאיש״ (הוספות און מילואים צו דער פּרץ־ביבליאָגראַפיע). אין זיין קורצן אַריינפיר שרייבט א. ר. מלאכי, אַז אין די ביז איצטיקע ביבליאָגראַפישע רשימות איז „איבערהויפּט נישט ווי געהעריק באַאַרבעט דער מאַטעריאַל וועגן פּרצן אין דער העברייאישער ליטעראַטור און פּרעסע. ביי באָראָכאָוון, למשל, געפינען מיר נאָר 17 זאַכן וועגן פּרצן און וועגן אים; ביי גורשטיינען — 27; ד״ר שאַצקי האָט פאַרצייכנט 4 אַרטיקלען פּרצעס און 1 אַרטיקל וועגן אים״. א. ר. מלאכי זאָגט, אַז ער האָט זיך באַמיט, אויסצושעפּן וויפיל עס איז נאָר מעגלעך געווען, דעם מאַטעריאַל אין העברייאישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער פון סוף אַכציקער יאָרן ביז איצט.״

א. ר. מלאכיס ביבליאָגראַפישע רשימה איז איינגעטיילט אין די קאַפּיטלען: א). ביכער, לכתחילה, געשריבן פון פּרצן אין העברייאיש. ב). ווערק אין צייטונגען און זשורנאַלן לכתחילה געשריבן אין העברייאיש. ג). בריוו געשריבענע אין העברייאיש. ד). פּרצעס איבערזעצונגען פון

אַנדערע שפּראַכן אויף העברייאיש. ה). פּרצעס ווערק אויף העברייאיש, איבערזעצט פון אַנדערע. ו). ליטעראַטור וועגן פּרצן.

„אין דעם לעצטן, זעקסטן, קאַפּיטל — שרייבט א. ר. מלאכי — זיינען אויך פאַרצייכנט די אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן פרצן, וואָס זיינען געשריבן צו זיין 30־סטן יאָרצייט (1945).

„דער גאַנצער מאַטעריאַל פון דער ביבליאָגראַפיע — גיט צו א. ר. מלאכי — איז ניי, נישט פאַרצייכנט אין קיין איינער פון די פריערדיקע פּרץ־ביבליאָגראַפיעס.״

אין באַנד 28 (1946) איז אָפּגעדרוקט בלויז אַ טייל פון דער מלאכי־אַרבעט. צום סוף פונעם אַרטיקל איז צוגעגעבן: „דער צווייטער טייל וועט זיין געדרוקט אין אַ ווייטערדיקן נומען „ייוואָ־בלעטער״ — רעד.״ דער צווייטער טייל — ליטעראַטור וועגן פרצן — איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט פינף יאָר שפּעטער, ערשט אין 1951 (אין באַנד 34, וואָס איז געצייכנט מיט דער דאַטע 1950, ז״ז 221־230), מיט אַ באַמערקונג „סוף פון אַרטיקל אין „ייוואָ־בלעטער״, ב׳ 28. אין דער אויספירלעכער אַרבעט, אין וועלכער ס׳ווערן אָפּט געגעבן קיצורים, אויסצוגן פון די קריטישע אָפּהאַנדלונגען און רעצענזיעס, זיינען געבראַכט ידיעות און רשימות פון איבער 100 מחברים.

די „טעאַטער־העפטן״ פאַר ביאָגראַפיעס און לעבנס־באַשרייבונגען פון יידישע שוישפּילער, רעזשיסאָרן, דראַמאַטורגן, א. א. וו., א ד. ר. פון זלמן זילבערצווייג ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון יעקב מעסטל, דערשינען אין 1946, האָבן געווידמעט אַ ספּעציעלן נומער י. ל. פּרצן (עמודים 1898־2076). צום סוף איז צוגעגעבן אויף די עמודים 2053־2076 אַן אויספירלעכע ביבליאָגראַפישע רשימה, וואָס איז געטיילט אויף די קאַ־פּיטלען: פרצעס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש. ס׳זיינען געבראַכט אָנווייזונגען פון 24 פאַרשיידענע דראַמאַטישע ווערק, איינאַקטער און דערביי איז אויסגערעכנט אין וועלכע צייטונגען, זשורנאַלן און אויסגאַבעס זיי זיינען פאַרעפנטלעכט און איבערגעדרוקט געוועז; געדרוקטע און מימי־אָגראַפירטע דראַמאַטיזאַציעס פון פרצעס ווערק, — ס׳זיינען אויסגערעכנט 11 דראַמאַטיזאַציעס, איניקע געמאַכט דורך פאַרשיידענע פאַרפאַסער. שפּעטער קומען רשימות פון פרצעס דראַמאַטישע שאַפונגען: אין העב־רייאיש (9 ווערק), אין פויליש, פראַנצויזיש, אונגאַריש, אין דייטש (10 זאַכן), אין ענגליש (7), שפּאַניש (3), אין רוסיש (3).

די ביבליאָגראַפישע רשימה פון אָפּהאַנדלונגען וועגן פרצעס דראַ־מאַטישע שאַפונגען און רעצענזיעס איבער די אויפפירונגען פון פרצעס ווערק איז געגעבן אין כראָנאָלאָגישן סדר, זינט דער ערשטער רעצענ־

זיע פון 1905 ביז 1946, אַ צייט פון איבער פערציק יאָר. אין דער רשימה זיינען געבראַכט אַ 400 רעצענזיעס, אַרטיקלען, געשריבן פון איבער 160 שרייבער.

אין פאַרבינדונג מיט פרצעס געבוירנטאָג, וועלכער איז דורך דעם „איקוף" און דורך דעם זשורנאַל „יידישע קולטור" פּראָקלאַמירט געוואָרן אינעם יאַנואַר־נומער, „יידישע קולטור" 1951, איז געבראַכט געוואָרן אַ רשימה פון אַרטיקלען, לידער, בילדער וועגן י. ל. פרץ, ווי אויך פון פרץ־שאַפונגען, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „יידישער קולטור" אין די יאָרן 1938־1950 (ז"ז 9־10). אין דער רשימה זיינען אויסגערעכנט 34 שרייבער מיט 46 אַרבעטן, לידער וועגן פרצן פון 6 דיכטער (על־פּי טעות זיינען אַדורכגעלאָזט נאָך 3 דיכטער מיט פרץ־לידער), 11 מאָלער (מיט פרץ־בילדער — 2 מאָלער זיינען דורך אַ פאַרזען אַדורכגעלאָזט). חוץ דעם זיינען געדרוקט געוואָרן 8 פרץ־שאַפונגען אין 10 נומערן. אין לויף פון די ערשטע 7 נומערן „יידישע קולטור" פאַרן יאָר 1951 זיינען געדרוקט געוואָרן 22 אַרטיקלען, נאָטיצן, רשימות וועגן פרצן, 2 לידער וועגן פרצן און 5 פרץ־שאַפונגען.

זייער גרויס איז די צאָל אַרטיקלען, וואָס זיינען, אין פאַרבינדונג מיט פרצעס 100־סטן געבוירנטאָג, פאַרעפנטלעכט אין דער פרעסע פון גאָר דער וועלט. און די צאָל האַלט כסדר אין וואַקסן.

באַזונדערס דאַרף מען אין דער פרץ־ביבליאָגראַפיע באַצייכענען די זאַמלביכער, זאַמלונגען, געווידמעט פרצן און זיין שאַפן און די ספּעציעלע פרץ־נומערן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די אַלע יאָרן נאָך פרצעס טויט דורך די טאָגבלעטער, וואָכנשריפטן און חודש־זשורנאַלן.

אויסער די שוין גענוג־באַקאַנטע און שוין־רעגיסטרירטע זאַמלונגען צום אָנדענק פון פרצן, לאָמיר דאָ דערמאָנען בלויז אייניקע, וואָס זיינען ווייניקער באַקאַנט.

צום אָנדענק פון י. ל. פרץ (צו זיין פינף יאָריקן יאָרצייט), אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער סעקציע ביים „גובנאַראַבראַז" (גובערניאַלע פאָלקס־בילדונג), אָדעס, אַפּריל 1920, 32 גרויסע זייטן.

אינהאַלט: צווישן צוויי בערג — י. איידלמאַן; אונדזערער — ב. עפּעלבוים; ביים צוקאָפּנס (איבערלעבונג) — א. קאַגאַנאָווסקי; *** (ליד) — מ. יאפּע; דער ריטער פון צופאַל — וו. לאַנדוי; די צוויי ברידער (פון פרעמדן חופּה־קלייד); — י. ל. פּרץ; י. ל. פּרץ (אויסן העברייאישן) — א. שטיינמאַן; אין צענטן פּאַוויליאָן (פון מיינע זכרונות) — מ. ספּעקטאָר; די פּרוי ביי פּרצן — וויקטאָר; זיין

„איידלסטע מחשבה" — א. י.; פּרצעס געדאַנקעי און אַפּאָריזמען; וועגן פּרצן (אויסצוגן פון קריטיק).

י. ל. פּרץ־זאַמלונג, צו זיין 7־טן יאָרצייט. קאָאָפּעראַטיווער פאַר־לאַג „קולטור־ליגע", מינסק 1922, 64 זייטלעך.

אינהאַלט: א. פראַנקפורט — פּרץ דער פּריוהיוטס-דיכטער (אַנשטאָט אַ הקדמה); ל. קוויטקאָ — י. ל. פּרץ (ליד); דוד בערגעלסאָן — רעוואָלוציאָנע-רער גייסט; בעל-דמיון — די פּאָן; אורי פינקעל — פּרץ און דער אַרבעטער; קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — י. ל. פּרץ (ליד); שרה רייזען—צער; זעליק אַקסעלראָד — פּרצן (ליד); יידישע קריטיקער און שרייבער וועגן פּרצן.

י. ל. פּרץ אין ליכט פון יידישער קריטיק. פאַרלאַג „צישאָ", ווילנע 1940, 232 ז"ז.

אין דער זאַמלונג קומען אַרטיקלען, פראַגמענטן פון גרעסערע אַרבעטן פון בעל-מחשבות, ש. ניגער, שלום-עליכם, ה. ד. נאָמבערג, א. ליטוואַק, י. י. טרונק, אברהם רייזען, לעאָ קעניג, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וו. מעדעם, מאַקס עריק, מ. ליטוואַקאָוו, ש. עפּשטיין, ב. וולאַדעק, בעל-דמיון, יהואש, נ. אויסלענדער, דוד בערגעלסאָן, ביינוש מיכאַלעוויטש, ש. אַנסקי, א. א. ראָבאַק, נחמן מייזיל, זרובבל, יעקב דינעזאָן, זלמן רייזען, ח. ש. קאַזדאָן, ש. מענדעלסאָן.

י. ל. פּרץ פאַר יוגנט, העפט 1, אַרויסגעגעבן צום 25־סטן יאָרצייט פונעם דיכטער, פאַרלאַג „גרינינקעביימעלעך", ווילנע 1940, באַוועגלעכע כּרעסטאָמאַטיע, צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי, 16 ז"ז.

אינהאַלט: י. ל. פּרץ — דער זינגער—דער זיגער; א. רייזען — אָן אַ סוף (צום אָנדענק פון י. ל. פּרץ); ה. ד. נאָמבערג — דער רוף פון פּרי-לינג; די ערשטע באַגעגעניש פון אברהם רייזען מיט י. ל. פּרץ; שלום אַש — פּרץ דער רבי; פון פּרצעס אַ בריוו צו זיין פרוי; בריוו פון י. ל. פּרץ (פון נחמן מייזילס זאַמלונג).

סאָוועטישע ליטעראַטור, קיעוו, אָקטאָבער 1940.

אַ גרויסער טייל פונעם נומער איז געווידמעט י. ל. פּרצן און זיין שאַפן. ס'זיינען פאַרעפנטלעכט לידער וועגן י. ל. פּרץ פון דוד האָפשטיין, א. גאָנטאַר, מ. האַרצמאַן, אָפּהאַנדלונגען פון א. יודיצקי, שכנא עפּשטיין, נח לוריע, ד. קורלאַנד, ב. סלוצקי, ש. שניפּאַל, כ. נאַדעל. ס'איז אויך דאָ אַן איבערזע־צונג פון פּרצעס „חורבן בית צדיק", — ערשטער וואַריאַנט פון דער „גאָל־דענער קייט" (פון העברייאיש — א. יודיצקי).

און לסוף לאָמיר דאָ ברענגען אַ רשימה פון ביכער און ביכלעך (אין דער יידישער שפּראַך) וועגן י. ל. פּרץ, אַרויסגעגעבן זינט 1916 ביז 1951, לויט די יאָרן פון זייער דערשיינונגען:

1. שכנא עפּשטיין — י. ל. פּרץ אַלס סאָציאַלער דיכטער. יידישער פאַר־לאַג פאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפט פון מאַקס נ. מייזעל, ניו־יאָרק, 72 ז"ז (איבערגעדרוקט אונטערן נאָמען „דאָס אַרבעטס־פאָלק אין י. ל. פּרצעס ווערק", פ' „די וועלט", קאַטערינאָסלאַוו, 1918).
2. ד"ר גרשון לעווין — פּרץ (אַביסל זכרונות). פ' „יהודיה", וואַרשע, 1919, 72 ז"ז.
3. ה. ד. נאָמבערג — אַ ליטעראַרישער דור (אַביסל זכרונות וועגן י. ל. פּרץ), וואַרשע, 1919, 16 ז"ז.
4. מרדכי ספּעקטאָר — מיט י. ל. פּרץ אין פּעסטונג, אָדעס, 1919, 80 ז"ז (איבערגעדרוקט אין „צוקונפט", 1922).
5. ז. רייזען — יצחק לייבוש פּרץ. זיין לעבן און זיינע ווערק. צ. י. ש. א., ווילנע, ביבליאָטעק „גרינע ביימעלעך", 1921, 38 ז"ז.
6. מאַרק שווייד — מיט פּרצן. פ' „ווערבע", ניו־יאָרק, 1923, 48 ז"ז.
7. מאַקס עריק — קאָנסטרוקציע־שטודיען (צו דער קאָנסטרוקציע פון דער „גאָלדענער קייט" און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", באַטראַכ־טונגען וועגן פּאַטאָס). פ' „אַרבעטער היים", וואַרשע, 1924, 68 ז"ז.
8. נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ — בריוו און רעדעס, געזאַמלט און איבער־געזעצט, מיט אַריינפירן און באַמערקונגען, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1929, 302 ז"ז (אין בוך קומען אַריין 180 בריוו, דער ערשטער בריוו פון יאָר 1888).
9. ה. ד. נאָמבערג — מענטשן און ווערק — י. ל. פּרץ. פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1930, 108 ז"ז.
10. יחזקאל קאַרהענדלער — וואָוהין פירט אונדז י. ל. פּרץ. פ' „אויפגאַנג", פּאַריז, 1930, 87 ז"ז.
11. אהרן מאַרק — די גאָלדענע קייט, סווענציאַן, 1930, (זייטן ?).
12. נחמן מייזיל — פּרץ (לעבן און שאַפן), ערשטער באַנד, ווילנער פ' פון ב. קלעצקין, 1931, 240 ז"ז.
13. פ. דינער — די וואָרצלען פון פּרצעס שאַפן (אַ פּרואוו פון אַ מאַרקסיס־טישער באַלייכטונג). בונד אַן מאַסקע. וואַרשע, 1934, 100 ז"ז.
14. א. ראָזענצווייג — דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּרצעס שאַפן (די

„יום־טוב־בלעטלעך״), טעקסט־אויסוואַל און ליטעראַטור־היסטאָרישער אַריינפיר. מלוכה־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוסר״ר, כאַרקאָוו־קיעוו, 1934, 188 ז״ז.

15. קאַפּל דוא — יצחק לייבוש פרץ. פאַרלאַג „גראַשן ביבליאָטעק״, נומ׳ 213, וואַרשע, 1935, 64 ז״ז.

16. קאַפּל דוא — יצחק לייבוש פרץ. צווייטער טייל, נומ׳ 214, וואַרשע, 1935, ז״ז 65־126.

17. ר. פרץ־לאַקס — אַרום פרצן (זכרונות און באַטראַכטונגען). „ליטע־ראַרישע בלעטער״, וואַרשע, 1935, 68 ז״ז.

18. מנשה וואַקסער — דאָס לעבן פון אַ יידישן דיכטער (י. ל. פרץ). סעפּעראַט־אָפּדרוק פון „ייוואָ־בלעטער״, 1939, 55 ז״ז.

19. ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — י. ל. פרץ (צום 25טן יאָרצייט). ציק״א, ניו־יאָרק, 1940, 24 ז״ז.

20. משה כץ — יצחק לייבוש פרץ. קאָאָפּ. פ׳ פון אינטערנ. אַרב. אָרדן, ניו־יאָרק, 1940, 36 ז״ז.

21. א. י. זאַקוסקי — י. ל. פרץ. בוך־געמיינשאַפט ביי דער ייד. ראַציאָ־נאַליסטישער געזעלשאַפט, בוענאָס איירעס, 1942, 64 ז״ז.

22. נחמן מייזיל — בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ. צונויפגעקליבן און איבערגעזעצט מיט אַריינפירן און דערקלערונגען, „איקוף״־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1944, 416 ז״ז (אין דעם בוך זיינען אויפגעזאַמלט 305 בריוו, פון 1874 ביז 1915).

23. נחמן מייזיל — י. ל. פרץ, זיין לעבן און שאַפן, אָפּהאַנדלונגען און מאַטע־ריאַלן, „איקוף״־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1945, 368 ז״ז (ס׳איז אַ צווייטע פיל־פאַרגרעסערטע און פאַרמערטע אויסגאַבע).

24. ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ. אַרויסגעגעבן פון דעם צענטראַל פאַר־באַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, באַנד 2, בוענאָס־איירעס, 1946, 115 ז״ז (איבערגעדרוקט פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע 1930; די אַרטיקלען אין דער דאָזיקער אויסגאַבע געגעבן אין אַן אַנדערן כראָנאָלאָגישן סדר).

25. יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן... אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, באַנד 35, בוענאָס־איירעס, 1948, 99 ז״ז.

26. י. י. טרונק — פוילן, זכרונות און בילדער. פינפט בוך. פרץ. פאַרלאַג

„אונדזער צייט", ניו־יאָרק, 1949 (די זייטן 15־222 געווידמעט י. ל. פּרצן).

27. ד"ר א. מוקדוני — יצחק לייבוש פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער. איקוף־פאַרלאַג, 1949, 272 ז"ז.

28. ד"ר ל. זשיטניצקי — י. ל. פּרץ פילאָזאָפיש און סאָציאַל. אַרויסגעגעבן ביים יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן פאַראיין, א. ב. ה. ד. נאָמבערג, בוענאָס־איירעס, 1950, 160 ז"ז.

29. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — יצחק לייבוש פּרץ (אַרטיקלען און רעדעס). איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1951, 48 ז"ז, מיט אַן אַריינפיר „צום לייענער" פון נ. מייזיל.

מיט אונדזער איצטיקן בוך וועט די צאָל ביכער און ביכלעך וועגן י. ל. פּרץ דערגרייכן צו 30. די אַלע ביכער זיינען דערשינען די לעצטע 35 יאָר. ביי פּרצעס לעבן איז קיין איין בוך וועגן י. ל. פּרץ נישט אַרויס.

עס ווערן איצט געגרייט, ווי מיר הערן, צוויי גרעסערע ביכער וועגן י. ל. פּרץ — פון ש. ניגער און פון מאַרק שווייד.

אויף וויפיל מיר ווייסן, איז אין העברייאיש ביז איצט קיין איין בוך וועגן פּרצן נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אין ענגליש זיינען דערשינען צוויי גרעסערע ווערק וועגן פּרצן און זיין שאַפן — פון ד"ר א. א. ראָבאַק און ה. סעמועלס.

פרצעס בריוו

י. ל. פרץ איז נישט געווען פון די פלינקע און פלייסיקע בריוו־שרייבער. ער האָט עס אַליין אָפטמאָל באַטאָנט, — אַמאָל מיט באַדויער און אַמאָל מיט שטאָלץ.

אין זיינע זכרונות, וואו ער באַמיט זיך צו כאַראַקטעריזירן זיך, דערציילט פרץ, אַז ווען ער איז געווען אַ יונגער תלמיד ביי זיין מלמד ר׳ פנחסל, האָט דער רבי אים נישט פיין באַהאַנדלט, און פרץ גיט צו: „אַהיים דערפון שרייב איך נישט. ערשטנס — פויל צום שרייבן בריוו, ביזן היינטיקן טאָג.״

אין איינעם אַ בריוו צו זיין כלה, העלענאַ, זאָגט פרץ. אַז שרייבן בריוו, „איז איינע פון די שווערסטע זאַכן אין דער וועלט.״

מיט דרייסיק יאָר שפּעטער שרייבט פרץ צו א. וויטער: „גלויבט מיר, אַז ווען איך שווייג, מוז איך שוויגן... מיר איז אַצינד שווערער צו שרייבן, ווי געוויינלעך... איך רעדט צו אייך, ווי פון אַ שווערן וואָלקן אַרויס. פילט איר נישט?...״

און אָט ווי פרץ הויבט אָן זיינס אַ בריוול צו שלום־עליכם: „איך בין בטבע אַ פיינד פון בריוו־שרייבן.״

אין אַ בריוול צו מאָריס ווינטשעווסקי גיט אַ זאָג פרץ: „און וואָס אַנ־באַלאַנג מיין האַס צו בריוו, איז עס, נאַטירלעך, אַ קראַנקייט.״

און דאָך, נאָך פיל באַמיאונגען האָב איך באַוויזן אויפצוזאַמלען 305 בריוו און בריוולעך, וואָס זיינען אַריין אינעם בוך „בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ״ („איקוף״־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1944, 416 ז״ז). אין דער ערשטער אויפלאַגע פון דעמזעלבן בוך (קלעצקין־פאַרלאַג, ווילנע 1929, 302 ז״ז) זיינען אַריין בלויז 180 בריוו. די 305 פרץ־בריוו נעמען אַרום אַ צייט פון אַ 40 יאָר, פון לערך 1874 ביז 1914.

בריוו וואָס י. ל. פרץ האָט געשיקט צו ש. ל. ציטראָן, אברהם רייזען, צום „פריינד״ (פעטערבורג), צום ניו־יאָרקער „צוקונפט״ און צו נאָך און נאָך שרייבער זיינען, לײדער, פאַרלוירן געגאַנגען. די איבער 300 בריוו זיינען גע־שריבן אין העברייאיש, פויליש, רוסיש, יידיש. זיי זיינען געשריבן פון זאַ־מאָשץ, וואַרשע און פון די קור־פלעצער, וואוהין פרץ פלעג אַרויספאָרן יעדן זומער. די בריוו זיינען פון אַ פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער, — זיי אַנטפּלעקן

פאַרשיידענע זייטן און שטריכן פון דער קאָמפּליצירטער פּרץ־נאַטור. (זע מיין „פאָרוואָרט" צום בוך „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ", ז"ז 7־15). די בריוו זיינען אַ דערגאַנצונג צו די „זכרונות", וואָס פּרץ האָט געשריבן די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין לעבן, ווּעלכער האָט באַוויזן צו דערפירן ביז יאָר 1871.

אויסער די 305 בריוו, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט דורך מיר אין דעם דערמאָנטן בוך „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ" זיינען פאַר די לעצטע יאָרן אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָך בריוו, וואָס דאַרפן ביי אַ נייער אויפלאַגע פון פּרצעס בריוו צוגעגעבן ווערן מיט די נויטיקע באַמערקונגען און דערקלערונגען.

1־10. 10 בריוו צו דוד פּינסקי, — פון יאָר 1897 ביז 1899, — געשריבן אין רוסיש (מיט איבערזעצונגען אויף יידיש, און דערקלערונגען פאַרעפנטלעכט דורך ד"ר י. שאַצקי אין „ייוואָ־בלעטער" 1946, נ"י, ז"ז 189־197).

11. צו דער רעדאַקציע „די האָפענונג" (ווילנע 1907) „ייוואָ־בלעטער" 1946, נ"י, ז' 197.

12־13. צו יעקב פּ. אַדלער — רעקאָמענדאַציע־בריוו פאַר ד. הערמאַן. „ייוואָ־בלעטער", 1946, נ"י, ז"ז 197־198.

14. אַ בריוו פון תפיסה, פונעם צענטן פּאַוויליאָן, אין פּויליש. (געבראַכט אין מ. ספּעקטאָרס זכרונות). „ייוואָ־בלעטער", 1946, נ"י, ז"ז 198־199.

16. וועגן יעקב דינעזאָנס יובילײ (פון פעברואַר 1903), „ייוואָ־בלעטער, 1946, נ"י, ז' 149.

17. צו י. נ. גאָלדבערג (יכנה"ז) אין העברייאיש, 1891 (אַן ענטפער אויף זיין יידיש בריוול). „ייוואָ־בלעטער", 1946, נ"י, ז' 200.

18. צו אחד־העם. געשריבן אין 1893 אין רוסיש. פאַרעפנטלעכט אין „קרית ספר" און געבראַכט אין יידיש אין דעם קאַפּיטל „פּרץ און אחד־העם", אין דאָזיקן בוך.

19־21. דריי בריוו צו מ. י. בערדיטשעווסקי, געשריבן אין 1895־1896 אין העברייאיש, פאַרעפנטלעכט אין „מאזנים", 1939, ב' 8, ה' 1, זע דעם קאַפּיטל „י. ל. פּרץ און מ. י. בערדיטשעווסקי" אין דאָזיקן בוך.

22־31. צען בריוו צו י. ח. ראַבניצקי, פון 1891 ביז 1913, איבערגעזעצט דורך מיר אין יידיש מיט דערקלערונגען, פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", 1950, נ"י.

32. אַ בריוו צו א. ליעסין, ער שיקט אים די דערציילונג „אַ חלום פון אַ ליטווישן מלמד" און לייגט אים פאַר זיין איבערזעצונג פון „שיר השירים". רעפּראָדוצירט אין „ייוואָ־ידיעות", ניו־יאָרק, 1950.

33-36. בריוו צו ד"ר יהודה פינוס, פרצעס רוסישער איבערזעצער. אויפגעהיט פיר בריוו פון 1910-1912 (אויסצוגן אין מאַקס עריקס אַרטיקל „צייט־שריפט", מינסק, 1930, ב׳ 4, ז"ז 79-80).

37. צו בערטאָלד פייוול, זיין דייטשן איבערזעצער, בערלין „יודישער פערלאַג", פון אַרום 1903. פאַרעפנטלעכט אין „ייוואָ־בלעטער", 1947, ב׳ 29, נ׳י, ז׳ 151.

38-43. צו ה. אַלעקסאַנדראָוו וועגן דער פרץ־אויסגאַבע, וואָס פאַרלאַג „אינ־טערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק" האָט געוואָלט אַרויסגעבן. פאַרעפנט־לעכט דורך נ. ב. מינקאָוו מיט דערקלערונגען. „ייוואָ־בלעטער", 1945, ב׳ 25, ז"ז 441-465.

44. צו דוד פרישמאַן, געשריבן אין העברייאיש, געפינט זיך אין ביאַליק־אַרכיוו אין „בית ביאַליק", נישט־פאַרעפנטלעכט.

אַזוי אַרום דערגרייכט די צאָל בריוו פון י. ל. פרץ, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט, ביז אַ 350.

פאַרשיידענע יידישע שרייבער, אין זייערע זכרונות און אָפּשאַצונגען וועגן י. ל. פרץ, דערציילן וועגן בריוו, וואָס פרץ האָט צו זיי געשריבן און וועלכע זיינען אין משך פון די יאָרן פאַרלוירן געגאַנגען. אייניקע שרייבער גיבן איבער דעם גענויעם אינהאַלט פון פרץ־בריוו, ווי ס׳האָט זיך אויפגע־היט אין זייער זכרון. די צאָל פון אָט־די בריוו דערגייט אויך ביז אַ פאָר צענדליק.

ווען פאַלט אויס י. ל. פּרצעס 100טער געבוירנטאָג

די פראַגע, צי דאַרף פּרצעס 100־סטער געבוירנטאָג געפּייערט ווערן אין 1951 אָדער ערשט אין 1952, — איז לעצטנס שטאַרק פאַרשאַפט און פאַרשפּיצט געוואָרן. ווי באַקאַנט, האָט מען אויך אין ציק"א־קרייזן געהאַט באַשלאָסן צו פּייערן היי־יאָר, דאָס יאָר 1951, ווי פּרצעס געבוירניאָר. אָבער וויבאַלד דער איקוף האָט עס פּראָקלאַמירט און צוגעטראָטן איינצוואָרדענען די פּייערונגען, האָט מען אין די „געוויסע" קרייזן געפּסלט עס, און מ'האַלט אין טענהן, אַז נישט 1951, נאָר 1952 איז דאָס 100־סטע געבוירנטאָג פון י. . פּרץ, און דעריבער דאַרף מען זיך אָפּהאַלטן איצט פון די פּרץ־פּייערונגען. אַזוי איז געשען אין ניו־יאָרק און אַזוי אויך — אין בוענאָס־איירעס, אין פּאַריז, אין ישראל א. א. וו.

מען איז זיך סומך אויף זלמן רייזען, וואָס אין זיין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור" (ווילנע, 1930, ז' 974) גיט ער אָן די דאַטע פון געבוירן: 18טן מאַי, 1852, און דערביי איז דאָס יאָר באַצייכנט ביי אים מיט אַ שטערנדל, וואָס פירט צו דער הערה אונטן: „די דאַזיקע דאַטע איז לויט דעם געבורט־שיין, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אין זאַמאָשטשער מאַגיסטראַט; זי שטימט אויך מיט דער דאַטע, וואָס פּרץ האָט אָנגעגעבן אין זיין בקשה צום וואַרשעווער מאַגיסטראַט וועגן באַשטעטיקן אים אַלס אָנגעשטעלטער פון דער יידישער קהילה". דערביי אָבער האַלט ז. רייזען פאַר נויטיק צוגעגעבן: „די ביז איצטיקע אָנגענומענע דאַטע, לויט וועלכער מ'האָט אויך געפּייערט פּרצעס יובל, איז ל"ג בעומר תרי"א, אָדער 25טער מאַי 1851. ז. רייזען וואַרפט אָפּ נאָך אַ דאַטע (אין בנציון אייזנשטאַטס „דור רבניו וסופריו"), לויט וועלכער דאָס געבוירניאָר פון י. ל. פּרץ איז גאָר 1854.

אין מיין בוך „י. ל. פּרץ" (זיין לעבן און שאַפן, ניו־יאָרק 1945, ז' 16) ברענג איך די ביידע דאַטעס 1852 און 1851.

ווען מען באַקאַנט זיך אָבער נעענטער מיט די אַלע מאַטעריאַלן, איז קיין שום ספק נישט, אַז פּרץ איז געבוירן אין 1851, נישט אין 1852. אַי וואָס, די דאַטע פון דער מעטריקע, — ווייסן מיר גוט, ווי ס'זיינען געפירט געוואָרן אַמאָליקע יאָרן די געבורטס־ביכער אין די קליינע שטעטלעך. ס'איז קלאָר אַז ביי אָנגעבן די יאָרן אין אַן אָפיציעלן פּאַפּיר, האָט פּרץ (ווי אַן אַדוואָקאַט)

געמוזט זיך האַלטן ביי דער דאַטע פון זיין מעטריקע. אָבער פּרץ גופא און אַלע זיינע נאָענטע האָבן אַלע מאָל און כסדר געהאַלטן דאָס יאָר 1851 פאַרן גע־בוירנ־יאָר.

וואָס זיינען די באַווייזן, אַז פּרץ איז טאַקע געבוירן אין 1851?

גאַנץ קלאָרע: ל״ג בעומר 1901 (תרס״א) איז ברייט געפייערט געוואָרן פּרצעס 50־טער געבוירנטאָג. אין די אַלע באַריכטן, אַרטיקלען, אויף די מתנות איז אָנגעגעבן קלאָר, אַז פּרץ איז געבוירן אין יאָר תרי״א — 1851. בעל־מחשבות, דער נאָענטער פריינט פון פּרצן, זיינער אַ שטוב־מענטש, שרייבט אין „יוד״ (נומ׳ 18, 1901), אַז „פּרץ איז געבאָרן אין יאָר 1851״. דער יובילייִ־קאָמיטעט האָט צוגעטראָגן פּרצן זיינע ערשט־אָפּגעדרוקטע שריפטן אין אַ פּראַכט־באַנד, ביים ברעג איז געווען „אַ זילבערנע פּלאַטע״ מיט אַן אויפשריפט ל״ג בעומר תרי״א־תרס״א (דאָס מיינט 1851־1901). אויך די יידישע יוגנט האָט צוגעטראָגן צום יובילייִ אַ פעדער פון ריין־גאָלד מיט אַן אויפשריפט תרי״א — י״ח אייר — תרס״א. ס׳איז צוגעגעבן געוואָרן אַן אַדרעס פון אַט דער „יידישער יוגנט״, אויף וועלכער ס׳זיינען געווען צווישן אַנדערע די אונ־טערשריפטן פון אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, ליפּמאַן לעווין, אַש, א. ב. גנעסין א. אַנד. (זע „דער יוד״, 1901, נומ׳ 21, ז׳ 9). און די אַלע הכנות און פייערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין וואַרשע אונטער דער אויפזיכט פון יעקב דינעזאָן, פּרצעס לייב־פריינד.

אויך אין נחום סאָקאָלאָווס זאַמלבוך „ספר השנה״ (אַרויס אין וואַרשע) איז דאַן אָפּגעדרוקט געוואָרן אַן אַרטיקל פון י. קלויזנער „לדמותו הרוחנית של י. ל. פרץ״ (צו פּרצעס גייסטיקער געשטאַלט) און ס׳איז צוגעגעבן „למלאת יובל שנים מיום הולדו, ל״ג בעומר תרי״א־תרס״א.״ און נ. סאָקאָלאָוו איז געווען פּרצעס אַ מקורב און דער הויפּט־מחותן פונעם יובילייִ.

און קאָנען מיר האָבן נאָך אַ מער־באַגלויבטערן עדות ווי יעקב דינעזאָן גופא, פּרצעס בוזעם־פריינט, פּרצעס שטוב־מענטש, וועלכער האָט אין זיין אויספירלעכן אַרטיקל „ווי אַזוי מ׳האָט געפייערט דעם ערשטן יובילייאום פון י. ל. פּרץ״ (געדרוקט אין „טאָג״, נ״י דעם 6טן אַפּריל, 1924 און איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור״, נ״י, נ״נ 3־4, 1945) גאַנץ קלאָר אָנגעוויזן די דאַטע פון 1851. דעם אַרטיקל הויבט אָן יעקב דינעזאָן מיט די ווערטער: „אַ גאַנץ יאָר האָב איך פלייסיק און גערן געאַרבעט, זיך כסדר צוגעגרייט פאַר דעם הייס־געוואונטשטן טאָג.״

„דער טאָג ל״ג בעומר אין יאָר תרס״א, ווען מיר, פּרצעס נאָענטסטע פריינט, האָבן אין איין שיינעם טאָג באַשלאָסן צו פייערן „דעם גאַנצן יובל פון זיין געבורטסטאָג, און דעם האַלבן יובל, זינט ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און שאַפן פאַר דיין פאָלק.״

און אויב ס'איז וויניק, האָבן מיר נאָך גרינטלעכע באווייזן, אַז פּרץ איז געבוירן אין 1851, נישט אין 1852.

אַפּריל 1911 האָט מען גאָר פייערלעך איינגעאָרדנט פּרצעס זעכציקסטן געבוירנטאָג. ס'זיינען געווען אָפּגעדרוקט אַרטיקלען, באַגריסונגען, באַריכטן אין „דער פריינד" 1911, אין די נומערן 101, 102, 105, 106 108-111 און 118. ב. גאָרין, פּרצעס אַ נאָענטער פריינט, האָט אין ניו־יאָרקער „צוקונפט", 1911, אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „יצחק לייבוש פּרץ — אַ מתנה — לכבוד זיין זעכציק־יאָריקן געבורטסטאָג" (נ' 7, ז"ז 389-395).

אין אַפּריל 1926 האָט זלמן רייזען פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „ליט. בלעטער" (נומ' 103, דעם 23טן אַפּריל) אונטערן נאָמען „פּרצעס 75־יעריקער געבורטסטאָג", וואו ער פרעגט אָפּ די פאַלשע דאַטע פון 1854 און ער באַטאָנט, אַז פּרצעס געבוירנ־יאָר איז 1851.

הייסט עס, אַז י. ל. פּרץ איז געבוירן י"ח אייר, תרי"א — 1851!

זוכצעטל

אבן-עזרא — 287.
אבראמאוויטש ה. — 329-332, 352.
אבראמאוויטש ש. י. — זע מענדעלע מו"ס.
אדלער יעקב פ. — 394.
אויסלענדער נחום — 49, 50, 67, 68, 73, 74, 142, 143, 389.
אונגער מנשה — 347.
אחד-העם — 95, 231, 322-337, 352, 353, 360, 394.
איבסען ה. — 77.
איידעלמאן י. — 388.
אייזנשטאט בן-ציון — 396.
אימבער ש. י. — 180.
אלגין מ. — 37, 38, 48, 49, 74.
אלטבערג, פ. — 84.
אליצקי ברוך — 184, 191.
אליצקי לייב — 184, 205.
אלעקסאנדראוו ה. — 395.
אמתי — זע נחום סאקאלאוו.
אנסקי ש. — 9, 85, 159, 264, 265, 389.
אפאטאשו י. — 59, 60, 111, 112, 162, 163.
אפטער ש. — 171.
אקסעלראד זעליק — 184, 189, 389.
ארנאלד מעטיו — 70.
אש ש. — 9, 86, 100-103, 110, 177, 179, 289, 347, 352, 389, 397.

באסטאמסקי ש. — 389.
באראכאוו בער — 383-386.
באראש אשר — 35, 36, 66, 134, 366.
בארדיטשעווער לוי יצחק ר' — 285.
בארישא מנחם — 9, 109-111, 184, 210.
בולם דזשאן — 240.
בורליץ א. — 305.
ביאלאסטאצקי ב. י. — 57, 58, 150, 391.
ביאליק ח. נ. — 15, 35, 108, 178, 199, 231, 296, 308, 317, 327-329, 331, 338, 348-367, 395.
ביילין אשר — 287, 288.
ביילין י. ב. — 85.
בייראן לארד — 65, 87, 93, 244, 275, 356, 370.
ביערנסאן ב. — 85.
ביק אברהם — 346.
ביקל ש. ד"ר — 53, 54, 151, 152.
בלאך יאן — 219, 276.
בן-אביגדור — 100, 258, 369-371, 376.
בן-אליעזר מ. — 341.
בן-יהודה א. — 338.
בן-עמי מ. — 328, 358.
בנימין ר' — 35, 134, 340.
בן-ציון ש. — 35, 134, 136, 137, 231, 329, 351, 355, 362.
בעל-דמיון — 38, 39, 160, 161, 389.
בעלינסקי וו. ג. — 65.
בעל-מחשבות — 23, 25, 29, 49, 75, 105, 106, 111, 137, 138, 159, 160, 189, 285, 316, 353, 357, 376, 389.
בערגעלסאן דוד — 9, 40-42, 112, 113, 120, 145, 146, 178, 199, 361, 389.
בערדיטשעווסקי מ. י. — 132, 133, 135, 172, 327, 338-347, 394.
בערנע ל. — 64, 83, 240.

בערנשטיין ה. — 268.
בערקאָוויטש י. ד. — 273, 274, 276, 284-287, 358.
בראַנדעס ג. — 309.
ברייניז ראובן — 13, 46, 127-129, 313.
ברענער י. ח. — 9, 35, 100, 134.

גאָגאָל נ. — 53, 87.
גאָטלאָבער א. ב. — 302.
גאָטליב נ. י. — 184, 190.
גאָלדבערג אברהם — זע פרישמאַן דוד.
גאָלדבערג י. נ. (יכנה׳ז) — 394.
גאָלדין עזרא — 257.
גאָלדפאַדען א. — 239, 302.
גאָלדשטיין ראָזע — 373.
גאָנטאר א. — 184, 191, 192, 389.
גאָרדאָן י. ל. — 365.
גאָרדין יעקב — 9, 241.
גאָרין ב. — 9, 22, 23, 92, 93, 115, 162, 229, 241, 272, 276, 277, 332, 397.
גאָרעליק ש. — 167, 168.
גאָרקי מאַקסים — 12, 79-81, 89, 122.
גוידא י. — זע גאָרין ב.
גורשטיין א. — 174, 384.
גילבערט שלמה — 115.
גלאָבוס ד. — 220.
גלאַטשטיין י. — 180, 184, 197.
גלוסקין ז. — 354.
גנעסין א. נ. — 397.
געטע וו. — 70, 83, 84, 136.
גראַדע ח. — 199.
גראָס משה — 147-152.
גרינבערג י. — 184, 197.
גר-צדק — זע בעל-מחשבות.

דאָברושין י. — 40, 41, 166, 167.
דאמיע — 47.
דאַנטע א. — 84.
דאָסטאָיעווסקי פ. — 186.
דוא קאָפּל — 391.
דובנאָוו ש. — 9, 123-125, 155, 220, 230, 275, 299, 331, 333.
דיומא א. — 65.
דייטש מ. — 185, 209.
דימארעצקי — 23.
דינעזאָן י. — 9, 15, 29, 35, 63, 108, 121, 122, 219, 222, 254-270, 273-276, 278, 281, 286, 290-293, 295, 296, 299, 361-364, 389, 397.
דינער פּ. — 146, 390.
דיק א. מ. — 29, 232, 239.
דרויאַנאָוו א. — 329.

האָגאַרט — 47.
האַלפּערין מ. ל. — 185.
האַמסון ק. — 82.
האַפּער י. — 86.
האַפּשטיין ד. — 185, 186, 191, 389.
האַרט ברעט — 240.
האַרנשטיין י. — 231.
האַרצמאַן מ. — 185, 191, 192, 389.
הוגאָ וויקטאָר — 65.
הוד טאָמאַס — 249.
הויפּטמאַן ג. — 83.
הורוויץ מ. — 386.
היינע ה. — 53, 64, 68-72, 75, 76, 83, 226, 302, 305, 306, 374, 375.
הירשביין פּ. — 9, 82, 106-108, 116, 239, 267, 366.
הירשקאַן צבי — 53, 118, 167, 180.
הלוי יהודה ר׳ — 354.
הלוי יוסף — 350.
הערמאַן דוד — 394.
הערצל ט. — 288.

וואַלדמאַן מ. — 185, 204.
וואָלף י. — 86, 87, 391.
וואַקסער מנשה — 391.
וואַרשאַווסקי מ. מ. — 281.

וויטאל חיים — 64.
וויטקעוויטש ב. — 379.
ווייטער א. — 9, 118, 170, 171, 393.
ווײלד א. — 84.
וויניג, נ. — 70.
וויינפער ז. — 185, 213.
ווייסענבערג י. מ. — 106, 108, 109, 115, 177.
ווילטשינסקי ה. — 385.
ווינטשעווסקי מ. — 49, 108, 238-253, 393.
ווינער מאיר — 54-56.
וויספיאנסקי סט. — 83-85.
וויקטאר — 388.
וולאדעק ב. — 131, 139, 161, 389.

זאטולאווסקי מ. וו. — 23.
זאלא עמיל — 157.
זאק אברהם — 185, 201.
זאקוסקי א. י. — 391.
זייפערט מ. — 23.
זילבורג משה — 78, 138.
זילבערצוויג ז. — 387.
זרובבל — 174, 389.
זשיטלאווסקי חיים ד״ר — 15, 30-33, 58, 59, 174-176, 389, 392.
זשיטניצקי ה. ל. — 137.
זשיטניצקי ל. ד״ר — 85, 392.
זשעראמסקי סט. — 85.

חיים-יאנקל — זע ליטוואק א.

טאלסטאי ל. — 85, 153, 285.
טורגענעוו א. — 78, 286.
טרונק י. י. — 109, 116-118, 263, 264, 314, 389, 391.
טשארנעזאן - שאיאק ג. — 185.
טשיריקאוו י. — 289.
טשעכאוו א. — 69, 81, 82, 285, 306.
טשעמערינסקי ח. — 231, 329.
טשערנאוויץ חיים פראפ. — 216.

יאפע מ. — 185, 187, 388.
יודיצקי א. — 389.
יהואש — 11, 34, 68, 93, 94, 99, 162, 172, 368-382, 389.
יהל״ל — 350.
יחזקאל — 66, 67, 74-76, 135.
ירמיהו — 67.
ישורין יעפים — 386.
ישעיהו, — 67, 74, 75, 87.

כהן י. ל. — 86.
כץ מ. — 56, 57, 71, 156, 157, 391.

לאזאריאן מ. — זע בן- אליעזר מ.
לאכאווער פ. — 83, 84, 316, 342.
לאנדוי וו. — 388.
לאפין ב. — 185, 194, 195.
לודוויפאל א. — 231, 354.
לוריא נח — 389.
לחובר פ. — זע לאכאווער פ.
ליבין ז. — 241.
לידין וו. — 89.
ליטוואק א. — 105, 389.
ליטוואקאוו משה — 42, 43, 139-142, 145, 164, 165, 389.
לייוויק ה. — 185, 194, 195.
ליליענבלום מ. ל. — 41, 307.
לי מלכה — 185, 205.
לינעצקי י. י. — 41, 63, 239, 302.
ליעסין א. — 88, 394.
לעווי י. — 278-280.
לעוויטאן י. — 352, 353.
לעווין ג. ד״ר — 86, 225, 226, 292, 316, 390.
לעווין ליפמאן — 397.
לעווין מ. — 231.
לעווינסקי א. ל. — 231, 329.
לעיעלעס א. — 185, 195, 196.
לערמאנטאוו מ. יו. — 65.

מאלאדאווסקי ק. — 185, 187, 389.
מארגאן — 85.

מארק אהרן — 390.
מארק ב. — 182.
מארקיש פרץ — 164.
מארקס קארל — 104.
מוקדוני א. ד"ר — 235, 268, 353, 392.
מהרש"א — 289.
מולטאטולי — 77, 78, 82.
מז"ח י. — 279.
מייזיל נחמן — 25, 40, 64, 81, 108, 149, 224, 239, 244, 384, 389, 391.
מייזעל מאקס נ. — 390.
מיכ"ל — 397.
מיכאלעוויטש ב. — 173, 389.
מיכעלזאן מ. — 103, 104.
מילך יעקב — 27, 28.
מילער ש. — 99.
מילער (אלעקסאנדראוו) — 258.
מינקאוו נ. ב. — 70, 72, 73, 253, 395.
מינץ ד"ר — 219.
מיצקעוויטש א. — 12, 87.
מירסקי מ. — 182.
מלאכי א. ר. — 100, 125-127, 130, 221, 338, 340, 343, 365, 386, 387.
מעדעם וו. — 173, 389.
מעטערלינק מ. — 77, 78, 82-84.
מענדעלע מו"ס—9, 13, 17, 62-64, 85, 90, 106, 135, 145, 151, 155, 160, 163, 164, 174, 176, 178, 180, 219, 229-237, 239, 285, 296, 302, 327, 328, 352, 353, 355, 379.
מענדעלסאן ש. — 389.
מעסטל יעקב — 387.
מרמר ק. — 104, 180, 238, 242, 243, 247, 289.

נאדסאן סעמיאן — 72-74, 76, 125.
נאדעל ב. — 389.
נאוואלים — 70.
נאכומאוו צ. — 115.
נאמבערג ה. ד. — 9, 79, 86, 94-96, 150, 151, 178, 179, 313, 343, 345, 353, 389-391, 397.
נארוויד ציפריאן — 87, 88.
נוסינאוו י. — 142, 143.
ניגער ש. — 43-45, 130, 150-152, 176, 177, 258, 261, 293, 376, 389, 392.
ניטשע פר. — 340, 343.
נסתר דער — 40, 118-120, 170, 171, 199.

סאקאלאוו נחום — 82, 124, 126, 215-228, 339.
סוצקעווער אברהם — 185, 201.
סטופניצקי ש. י. — 316.
סיו א. — 65.
סלאנים י. — 185.
סלאנימסקי ח. ז. — 124, 219, 220.
סלוצקי ב. — 389.
סלושץ נחום — 126.
סמאליאר ה. — 182.
סמאלענסקין פרץ — 23.
ספארד ד. — 181, 185, 213.
ספעקטאר מ. — 9, 22, 29, 63, 98, 137, 278-280, 282, 302, 303, 313, 388, 390, 394.

עגיט י. — 109.
עדעלשטאט דוד — 49.
ענגעלס — 85, 104.
עפעלבוים ב. — 60, 121, 168, 169, 236, 347, 338.
עפשטיין ש. — 28, 29, 80, 81, 142, 146, 335, 389, 390.
עפשטיין — 274.
עריק מ. — 389, 390, 395.
ערליך וו. — 84.

פאָדלישעווסקי א. — 294.
פאָזנאַנסקי י. מ. — 317.
פושקין א. — 12, 65, 115.
פינוס יהודה ד"ר — 395.
פינסקי ד. — 9, 68, 91, 92, 115,
161, 179, 289, 300, 394.
פינסקער לעאָן — 323, 324.
פינעס מ. ד"ר — 29, 30, 75-78,
106, 249.
פיסאַרעוו — 104.
פנחס ר' — 393.
פערלע י. — 114, 120, 121.
פערסקי ד. — 365.
פראפּוס י. י. — 281.
פרילוצקי נח — 358.
פרילוצקי צבי —358.
פרץ אהרן ד"ר — 109.
פרץ העלענאַ (פּרוי) — 268, 269,
355, 393.
פרץ לאַקס ראזא — 265, 266.
פרץ לוציאַן — 265.

פאַרען — 47.
פוקס ל. — 185, 204.
פייוול בערטאָלד — 395.
פיינבערג ל. — 185.
פייערבערג מ. ז. — 135.
פיכמאַן י. — 315, 340, 350, 353,
354.
פינקעל אורי — 389.
פינקעלשטיין לעאָ — 120, 121.
פינקעלשטיין נחמיה — 294.
פלעקסער בערטא — 279.
פעפער איציק — 185, 198, 199.
פראַנס א. — 77-79.
פרוג ש. — 72, 76, 239, 302, 317.
פרייד מ. י. — 93, 371.
פרישמאַן ד. — 9, 69, 70, 123, 127,
155, 156, 172, 222, 229, 275,
288, 298-321, 353, 356, 357, 359.

צביון — 130, 131.
צווייפל א. — 302.
צופעליג י. ל. — זע פרץ י. ל.
צייטלין אהרן — 185, 207, 208.
צייטלין הלל — 9, 100.
ציטראן ש. ל. — 272, 275, 393.
צינבערג י. ד"ר — 64.
צלאל ח. ב. — זע ברענער י. ח.

קאָברין ל. — 241.
קאגאנאווסקי א. — 86، 113-115,
169, 170, 263, 388.
קאַזדאַן ח. ש. — 389.
קאָטיק א. — 283.
קאלמאנאָוויטש ז. — 179, 335.
קאנטאר י. ל. — 317.
קאָנאָפּניצקאַ מאַריאַ — 72,73, 76.
קאַפּלאַן א. — 311, 378.
קאַץ פּ. — 182.
קאַציזנע א. — 9, 161, 163.
קאַצענעלסאָן בערל — 346.
קאַצענעלסאָן יצחק — 115, 116, 317.
קאַצענעלסאָן י. ל. ד"ר — 317.
קאַראַלניק א. ד"ר — 46, 47, 152-
154.
קאָראָלענקאָ וו. — 122.
קאָרנהענדלער י. — 390.
קאָרן רחל — 185, 207.
קוויטקאָ ל. — 185, 188, 389.
קורלאַנד ד. — 389.
קושניראָוו א. — 199.
קין א. — 266.
קלויזנער יוסף ד"ר — 69, 226,
231, 307، 312, 326, 328, 329,
397.
קליטעניק ש. — 145.
קלעצקין ב. — 283, 393.
קעניג לעאָ — 61, 62, 78, 172, 173,
177, 178, 334, 389..
קראָכמאַל נחמן — 64, 221.

קראַנץ פ. — 312, 313, 328, 354-356, 359.
קריטיקום — זע ש. דובנאָוו.
קרינסקי מ. — 294.

ראַבאַק א. א. ד"ר — 139, 155, 389, 392.
ראַבינאָוויטש אָלגאַ — 294.
ראַבינאָוויטש א. ז. — 35.
ראַבינאָוויטש יעקב — 35, 134-136.
ראַבינאָוויטש ש. — זע שלום-עליכם.
ראַבניצקי י. ח. — 108, 124, 229, 231, 279, 281, 290, 323, 327, 329, 350, 351, 355, 362, 365, 394.
רב צעיר — זע פּראָפ. חיים טשערנאָוויץ.
ראָזענפעלד יונה — 108.
ראָזענפעלד מאָרים — 49.
ראָזענצווייג אַ. — 78, 143-146, 249, 250, 334, 335, 390.
ראסין ש. — 185, 189, 190.
ריבולוב מ. — 346.
ריבקינד יצחק — 369.
ריווקין ב. — 50, 53, 83, 178, 179, 180, 380.
רייזען א. — 9, 86, 96-98, 179, 185-187, 358, 389, 393, 397.
רייזען זלמן — 67, 377, 384, 389, 390, 396, 398.
רייזען שרה — 389.
ריזשינער רבי — 231.
רלב"ג — 64.
רמב"ם — 16, 64.
רש"י — 15.

שאַמיסאָ א. — 69, 75, 76, 306.
שאַפּיראָ ל. — 53, 98, 99, 104.
שאַפּמאַן ג. — 100.
שאַצקי י. ד"ר — 78, 385, 386, 394.
שווייד מ. — 390, 392.
שוויענטאָכאָווסקי א. — 83.
שולמאַן א. — 259.
שולשטיין מ. — 185, 200, 201, 212.
שטאַרקמאַן מ. — 313.
שטיינבערג יהודה — 341, 342, 346.
שטיינבערג יעקב — 35, 134.
שטיינמאַן א. — 388.
שטיף נחום — זע בעל-דמיון.
שטערן ישראל — 148, 149.
שטערן שלום — 185, 193, 194.
שלום-עליכם — 9, 17 — 64, 85, 90, 98, 116, 123-126, 137, 128, 147, 151, 158, 164, 165, 172, 174, 176, 178, 180, 199, 229, 230, 239, 244, 255, 257, 258, 271—297, 299, 302, 303, 317, 358, 379, 380, 389, 393.
שמ"ר — 27-29, 239, 283.
שמרי א. — 185, 206.
שנייפּאל ש. — 231, 330-332, 353, 389.
שעוועטשענקאָ ט. — 12.
שענדעריי מ. — 83.
שענקעוויטש ה. — 69, 306.
שעקספּיר וו. — 85.
שפּיגל י. — 185, 202, 203.
שקליאר מ. — 185, 211, 213.

תנ"ך — 64, 66, 87, 135, 223, 368, 376, 381.